STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02336

DI METSORAS

Helena Mniszek

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-02336-1

D:\YIDDISH\TITLES\9780657023362T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT (413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET, AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Lief D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

העלענא מנישעק

די מצורעת

(TRĘDOWATA)

ראמאן

יודיש: באָם

פארלאג לאזאר כאהאן, לאדוש.

PRINTED IN POLAND

ערשטער טייל.

I.

עס האט אנגעהויבען צו טאגען, פריהמארגען־ליכט האט אויפגעשיינט.

א העלער ליכט־פאס האט זיך אויף מזרח־זייט פערנומען אלץ ווייטער און ברייטער. פון א ראזקייט איז דאס ליכט געווארען אלץ בלאסער, אלץ העלער געווארען, כמעט דורכזיכטיג און ארומגעהאפטען מיט א גאלדענעם זוים.

די לופט איז נאך דורכגעפיהלט געווען מיט רויהע נאכט־וועהענישען, און האט איינגעזאפט די זוניגע פאסען, מיט א פייכטקייט פון א נעפעל, אראפלאזענדיג זיך אונטען, פון רגע צו רגע ווערענדיג אלץ פרישער און בריליאנטענער.

די אויפגעוועקטע פויגעל האבען זיך פונאנדערגעקלונגען אין אנ׳אונצאהליגען צוויטשערען. די בוימער, איינגעהילטע אין פוכען פון מאי־גרינקייט האבען געשארכט, בעגריסענדיג דעם פריהמארגען — די ערשטע שטראהלען פון דער זון.

דער פאלאץ אין סלאדקאוויעץ איז געשטאנען א שטילער, בלישטשענדיג, אין די ראזע שטראמען פון דעם זונען־אויפגאנג, מיט די ווייסע געמויערטע ווענד און מיט דער שארפער גרינקייט פון די ארומגעשווירענע ליפעס, וואס האבען געבילדעט א פאסאד.

הינטערן גארטען, אין דעם פארק האט שוין אפגעהילכט דאס גלעקעל. אין דער פריהמארגען־שטילקייט האט ער דייטליך אפגעקלונגען און אפגעהילכט, פונאנדערטראגענדיג דאס עכא איבער דעם גאנצען פאלווארק.

מיט א שניידיגען קלאנג האט ער געוועקט די דינערשאפט פון די בעטען און גערופען צו דער ארבייט.

די איינוואוינער פון פּאַלאַץ האָט דאָס קלינגען נישט אויפגעוועקט.

קורץ אָבער דערנאָך האָט מען אין לינקען פּאַרטער-פליגעל געעפנט אַ וואַנעדיש פענסטער. דער פרישער אָטעם פון פריהלינג האָט אַ הויך געטון אויף די אייַדעלע פּאָרהאַנגען פון די שויבען, גלעטענדיג די צאַרטע סאַבאַלען-גאָלדענע האָר פון כּטעפּאַ רודעצקאַ, וועלכע האָט זיך, ווי מיט אַ גייגעריגקייט צו דער וועלט אַרויסגעבויגען.

זי איז געווען נאָך אין איין העמד, מיט אַ צאָפּ אַנ'עטוואָס צושויבערטען. אויפגעוועקט האָט איהר דער ווידערקלאַנג פון גלעקעל און די שטים פון דער קוקאַווקע, וואָס האָט זיך אָפּגערופען אין פּאַרק.

דאָס מעדעל איז צוגעלאָפען צום פענסטער.

דער פריהמאָרגען האָט זי ענטציקט, די לופט — ניכטער געמאַכט. און מיט פערגעניגען האָט זי די לופט אַרייַנגעאָטעמט מיט פולע ברוסטען.

די בלומען, בעדעקט מיט'ן גלאַנץ פון די טויען, דאָס צוויטשערן פון די פויגעל האָבען איהר פער'כשופ'ט, און געמאַכט טרוימען.

איהרע פּורפּור-ליפּען האָבען געשמייכעלט, ווי דער מאַי, ווי דער פריהמאָרגען, נאָר אין די גרויסע העל-בלויע אויגען איז פערבליבען דער אומעט, וואָס האָט זיך אַזוי נישט געפּאָרט מיט איהר זוגענדליכע געשטאַלט, און מיט איהר פרעהליכען קול, מיט וועלכען זי האָט אויסגערופען:

— וואונדערבאַרע וועלט! איך וועל שוין נישט איינשלאָפען, איך געה אין וואַלד אַרייַן.

זי איז אָפּגעשפּרונגען פון פענסטער, און האָט זיך אָנגעהויבען אָנצוטון.

די האָר האָט זי איינגעפלאָכטען אין אַ צאָפּ, אין אַ שווערען קנויל איהם אויסגעבונדען אויף הינטער; פון דער נאַטור האָבען זיי זיך לייכט געפּאַליעט, פערדעקענדיג מיט ווייכע קרייזלעך איהרע קליינע אויערן, און די ווינקלען פון דעם שעהן געצייכענטען שטערען.

זי האָט אויף זיך אַרויפגעוואָרפען אַ בעשיידען קליידעל פון גרויעם באַוויסט, בעצירענדיג זי מיט אַ שנור פון ראָזע קרעלען, וועלכע האָבען געבלישטשעט, ווי גרויסע קאַרשען.

אַנ'אָנגעטונענע האָט זי אַרייַנגעקוקט אין דעם שכני'שען צימער. אַ פינסטערער, פון די אַראָפּגעלאָזטע פּאָרהאַנגען, האָט ער אויסגעזעהן, ווי ער וואָלט אַליין געשלאָפען.

סטעפּע האָט אַ פליסטער געטון:

— ליוציע שלאָפט געשמאַק. וועל איך אַליין געהן.

אויף די שפּיצען פינגער איז זי דורכגעגאַנגען איבער עטליכע צימערן, רייך און מיט געשמאַק אייַנגעאָרדענטע.

אין דעם גרויסען פארהויז פון דעם פאלאץ איז זי שטעהן געבליבען, נישט וויסענדיג וואס צו טון ווייטער — די שווערע גלאז-טירען זענען געווען געשלאסען אויף א שלאס.

ארויסגעהאלפען האט איהר דער דינער, וואס איז גראדע געגאנגען אויף די טרעפען מיט די בערשטען אין די הענד. ער האט, דערזעהענדיג זי, ברייט אויפגעעפענט זיינע פערשלאפענע אויגען, און האט זיך צוגעאיילט צו עפענען די טירען.

זי איז גלייך אריינגעלאפען אין פארק.

געהענדיג איבער די געשלענגעלטע בייטען, האט זי געריסען די ווייסע שלאנקע נארציסען. דער בלניער בעז איז אין גרויסע הענגלעך ארונטערגעפאלען פון די צווייגען, א צושאקעלטער און א שמעקענדיגער.

די בעכערלעך פון די נארציסען, די בלאנק-ווייסע, שמעקענדיגע זענען געווען איבערגעפולט מיט קיהלען טוי; די געלע אויגען מיט די רויטע ווימפערן פון די בלומען האבען אויסגעזעהן, ווי פערטרעהרענטע.

דאס מעדעל האט צוגעטראגען צו איהרע ליפען די ווייסע בלומען-בעכערלעך און האט געטרונקען די טרעהרען מיט א צופרידענעם שמייכעל.

די ערשטע יוגענד-יאהרען פון איהר לעבען, און די ערשטע פריהמארגען-שיינען פון דער זון האבען ארויסגעקלונגען צוזאמען, ווי א מעכטיגער פרייד-געזאנג פון גליק, און זענען אריינגעשוואומען אין איהר נשמה אין געשטאלט פון א פיל-פארביגען רעגענבויגען.

זי איז צוגעלאפען צו די גרעסערע בעז-בוקעטען, אראפטרייסלענדיג פון די שמעקענדיגע הענגעלעך דעם טראפענדיגען רעגען אויף איהרע גלאנצענדיגע האר. אין שיין פון דער זון האט איהר קאפ געשימערירט, ווי מיט א זילבערנעם טוי בעטראפט.

מיט א הויפען בלומען איז זי ארויס פון פארק און אריינגעגאנגען אין דעם פרוכט-גארטען, און אויסגעשריגען אנ'ענטציקטע. די וואונדערפולע, אין בליהעכץ אויסגעפוצטע בוימער זענען געשטאנען פייערליך. די עפעלבוימער מיט די ראזע קנאספען האבען געהאט א יונגען אויסזעהן, וואס האט געצערטעלט איהרע אויגען. די קארשען-בוימער זענען געשטאנען בעשאטענע מיט דער ווייסקייט פון די בלומען, ווי א שורה מעדלעך, וואס געהען צו דער חופה אין ווייסע שלייערן.

א שמעקענדיגער אטעם איז געשוואומען, די צווייגען האבען געשאטען שטראמען ריחות, די זון האט מיט גאלד בעמאלט די בלומען, דער ווינט האט געטראגען שטילע גערוישען, די בינען האבען געזומט. פון צייט צו צייט האט זיך פון א בוים אראפגעריסען א ווייס זומער-פויגעלע, און אוועקגעפלויגען אין דער הויך, ווי אנ'אראפגעטרייסעלט בלימעל.

סטעפּע, אַ בעטרונקענע מיט די ריחות, האָט אַראָפּגעבראָכען עטליכע קאַרשען-צווײַגלעך, צושפּיליענדיג זיי צו די האָר, צום קרעלען-שנירעל, און אזאַ בעבלומטע — איז זי געגאַנגען מיט דער שמאָלער סטעזשקע, וואָס איז געווען אַרומגעזוימט מיט קוסטעס ווײַנפּערלעך.

די סטעזשקע האָט געפֿיהרט אין וואַלד אַרײַן, הינטערן גאָרטען, וואָס האָט זיך גערופען — קליין-וועלדעל.

סטעפּע האָט אָפּגעווענדעט די מיט טוי בעשאָטענע צווײַגלעך, בעדעקטע מיט בלאַסען, אָפּגעבליאַקירטען בליהעכץ ; אונצאָהליגע העל-גרינע ווערימלעך זענען געהאָנגען אויף די טונקעלע בלעטער, אַרויסשפּילענדיג מיט זייערע ליכטיגע פֿאַרבען. אַ בלישטשענדיג רויכעל פֿון טוי האָט בעדעקט דעם גרויען באַטיסט פֿון איהר קלייד, בעשפּריצט איהר פּנים און די הענד. איהר איז עס זעהר געפֿעלען געווען.

זי איז געלאָפען צו דעם קליינעם טויעריל מיט די שטאַכייטען, האָט איהם אויפֿגעעפֿענט, און אַרומשפּאַצירענדיג אין דעם געדיכטען גראָז, איז זי אַדורך אַ שטיק פֿעלד, וואָס האָט אָפּגעטיילט דעם פּרוכט-גאָרטען פֿון וואַלד.

צווישען די הויכע סאָסנעס און פונאַנדערגעשפּרייטע בלעטער-בוימער האָט זי אָנגעהויבען צו זינגען.

פֿערביי איהרע פֿיס איז דורכגעלאָפען אַ וועוויאָרקע, און פֿלינק אַרויפֿגעשפּרונגען אויף אַ בוים. פֿויגעל האָבען געטרילערט. מאָנאָטאָן האָט געקלאַפּט דער פּיקהאָלץ.

אין אַ נאָהנטער אָלכע האָט אויף אַ דין ציטעריג קולכעל געזונגען אַ שפּיל-פֿויגעל. פֿון וואַלד-טיפֿעניש האָט אַ קוקאַווקע זיך געציקעלט אויף אַ גרעבערער שטימע — דער פֿוילסטער פֿויגעל פֿון אַלע זיינע חברים. די וואַלד-וועלט האָט געווימעלט מיט לעבען, פֿול מיט צוויטשערן, מיט אויסרופֿען, מיט אויפֿפֿליהענישען, פֿול מיט שאָרכען פֿון סאָסנע-נאָדלען, געריש פֿון וואַלדעניש, האָט ער געקלינגעלט, גערוישט און געזשומעט.

די אויפֿגעוועקטע ווידער-קולות האָבען זיך געטראָגען ווייטע פרעהליך צופרעפּעלטע. דאָס צושמייכעלטע מעדעל האָט זיך געבאָדען אין זון, טוקענדיג זיך אין גרינס און אין בלומען.

גיך איז אָבער איהר שטראַהלענדיגקייט פֿערשוואונדען. עפּיס אַ וואָלקען האָט פֿערשאָטענט איהר יונג געזיכט, מאַכענדיג מאַט דעם גלאַנץ פֿון איהרע אויגען אין דער ראַם פֿון איהרע לאַנגע טונקעלע וויעס. די שענע געדיכטע ברעמען האָבען זיך אַראָפּגערוקט אויף איהר שטערן, און אַוועקזעצענדיג זיך אויפ'ן נאַסען מאָך, האָט זי מיד געזאָגט :

— כ'האָב זיך אויך פֿון וואָס צו פרעהען ?

זי האָט זיך דערמאָהנט, אַז עס איז שוין אַריבער אַ גאַנצער חודש, ווי זי איז אַ לעהרערין אין סלאָדקאָוויעץ.

ווי די צייט ציהט זיך לאַנג!

זי האָט קיינמאָל נישט געטראַכט, וועגען אָננעהמען אַ שטעלע, נאָר געשעהן איז גאָר אַנדערש, ווי זי האָט גערעכענט.

מאַטעריעליש האָט איהר גאָרנישט גענויט צו ווערען אַ לעהרערין.

זי איז געוועזן אַ טאָכטער פון פערמעגליכע עלטערן פון קעניגרייך, וועלכע האָבען אויסער איהר געהאַט נאָך צוויי יונגערע קינדער. זי איז אַלט געוואָרען ניינצעהן יאָהר. געהענדיג דורכ׳ן וואַלד, האָט זיך סטעפע דערמאָהנט אָן די בעדינגונגען, וואָס האָבען זי פון דערהיים אַרויסגעטריבען.

די פראַכטפולע געשטאַלט פון עדמונד פראָנטניצקי איז דייטליך און בולט געוואָרען אין איהרע געדאַנקען און זי האָט זיך דערמאָהנט אין די קינדישע געפיהלען איהרע, וואָס זי האָט געהאַט צו דעם מענשען.

ווען ער האָט זיך צוריקגעקעהרט פון דער שולע, האָט ער זי איבעראַשט מיט זיין אויסערגעוועהנליכער שעהנקייט. נישט טראַכטענדיג, האָט זי ליב געקראָגען דאָס ערשטע מאָל אין לעבען, גוואַלדיג, בלינד ליב געקראָגען. פראָנטניצקי האָט בערוישט איהר ראָמאַנטישען און עקזאַלטירטען קאָפּ.

ענדיגענדיג דעם פענסיאָן אין וואַרשאָ, האָט סטעפע בעזוכט די געמיינזאַמע קורסען. דאַמאָלסט האָט זי געהאַט די געלעגענהייט צו בעקענען זיך אַ ביסעל מיט דער שטודירענדער יוגענד.

דאָס זענען דאָס רוב געווען איידעלע יונגעלייט, אידעאַליסטיש געשטימטע. סטעפאַ האָט זיך גאָרנישט געקאָנט פאָרשטעלען קיין אַנדערע. פראָנטניצקי האָט אויסגענוצט איהר תמימות, און, בעגייסטערט פון איהר בליהענדיגער שעהנקייט, האָט ער זי געוואָלט בעהערשען, און ער האָט זיך דעריבער געשיקט מאַסקירט. איהם איז געלונגען אפילו געפעלען צו ווערען די רודעצקי׳ס. און די אידיליע האָט געדויערט.

סטעפעס פאָטער — נישט קוקענדיג אויף דעם, וואָס די קינדער האָבען זיך קלאָר געמאַכט איינער דעם אַנדערען אין זייערע געפיהלען — האָט אָבער דאָך נישט ערלויבט עס זאָל דערגעהן ביז אַן אָפיציעלער ערקלערונג. ער האָט פאָרויסגעפיהלט, אַז דאָ איז פאָרגעקומען אַ בעגעגעניש פון צוויי נאַטורען אינגאַנצען פערשידענע...

אין די שעהנע כוונות פון עדמונד׳ן האָט דער דאָזיגער אַלטער בירגער נישט געגלויבט. ער האָט געקענט דעם „פאַפאַ פראָנטניצקי“, און יענער — האָט ער געוואוסט — האָט געהאַט אַ שייכות מיט דער טונקעלער געזעלשאַפט. אין זיין טאָכטער גופא האָט רודעצקי געזעהן אַזוי פיל אידעאַלישען ברען, אַזאַ ריינקייט פון געפיהלען, אַז ער האָט מיט שרעק געוואַרט אויף דעם סוף פון דער אי-

דיליע. ער האָט נישט געצווייפעלט, אז דאס וועט אָנקומען, און האָט מורא גע־האָט פאַר סטעפע'ן...

זיינע פאַרגעפיהלען האָבען איהם נישט פערפיהרט.

„פּאַפּאַ פראָנטניצקי", שטיצענדיג די כּונה פון זיין זוהן, האָט פונדעסטוועגען אָנגעהויבען מיט בעהאַוועטער געשיקטקייט פון אַנ'אויספאָרשונגס־ריכטער צו דערוויסען זיך, וועגען סטעפעס נדן. די סומע פון צעהן־צוועלף טויזענד מאַרק האָט איהם אויפגעבראַכט.

דעם זוהן האָט ער ערקלערט די גרונדלאָזיגקייט פון אַזאַ שידוך, און ער האָט איהם צוגערעדט איהם אָפּצולאָזען. ער האָט איהם געפּרובט צו איבערציי־גען, אַז מיט זיין שעהנקייט און מיט זיין נאָמען פּאַסט זיך איהם צו נעהמען אַ סומע פון הונדערטער טויזענדער.

צו יענער צייט האָט שוין סטעפע אויפגעהערט צו גלויבען אין דעם בלענדענדען גלאַנץ פון איהר אידעאַל. זי האָט אָנגעהויבען צו זוכען פלעקען אויף זיין געוויסען. איהר אינטעליגענטישקייט און עמפּינדליכקייט האָבען איהר צו דעם געשטויסען. און עס איז געקומען צו אַנ'איבערקעהרעניש.

דעם פּעררויכערטען גלאָז האָט איהר דער „פּאַפּאַ פראָנטניצקי" אַליין גע־געבען אין די הענד, ווען ער האָט אָנגעהויבען צו אונטערהאַנדלען מיט איהר פאָטער, און זיין ערשטע פראַגע איז געווען — וויפיל וועט די טאָכטער בעקומען נדן.

די דאָזיגע ווערטער האָבען אַלץ געמאַכט צו גאָרנישט. דער ה' רודעצקי האָט איהם קורץ און שאַרף אָפּגעזאָגט, און צופרידען געווען, וואָס ער האָט צו דער רעכטער צייט ענטפּלעקט די אמת'ע כּונות פון די פראָנטניצקי'ס.

סטעפע, וועלענדיג אָבער דערגעהן, אויף ווי ווייט עס דערגרייכט עד־מונד'ס איידעלקייט, האָט דרייסט אַ קוק געטון אין זיין גייסטיגער וועלט, וואָס האָט איהר פריהער געצויבערט מיט דער פולער שעהנקייט.

און זי האָט דערזעהן אַ טונקעלקייט אויף דעם ליכטיגען פאַנצער פון איהרע חלומות.

זי האָט דערקענט די גרויסע פלעקען פון ציניזם און פּוסטקייט, און אַנ־שטאָט דערהויבענע געפיהלען, האָט זי דערזעהן אַ ברוטאַלע נאַטור, וואָס האָט נאָר געטראַכט צו פּערזענליכען גענוס.

עדמונד האָט זיך איהר פאָרגעשטעלט, ווי יענע בלוטדורשטיגע בלום, וואָס מיט איהר שעהנקייט און שטאַרקען ריח פערנאַרט זי צו זיך די לייכטזיניגע שמעטערלינגען, און ווען יענע, פערבלענדטע און בעטויבטע, גיבען זיך אָפּ צו איהר מאַגנעטישער קראַפט — דאַמאָלסט פערמאַכט זי דעם בלומען־בעכער, און אונפערשעמט ענטפּלעקט זי איהר אמת'ן אינערליכען ווערט. זי דערטויט די שמעטערלינגען מיט דעם גיפט פון איהרע תאוות, זי שלינגט זיי איין, כּדי צו דערנעהרען זיך אויף זייער חשבון.

זי איז שוין כמעט געווען אויף דעם ראַנד פון דעם פערראַטעוודיגען בעכער. מען האָט זי אָבער צו דער צייט געראַטעוועט פון אונטערגאַנג.

טראַכטענדיג וועגען דעם, האָט סטעפע זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטאָם פון אַן אָפּגעשניטענעם בוים, און אַרומגעהמענדיג די קניע, האָט זי אומעטיג אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

די ערשטע פערפיהרעניש פון איהר לעבען האָט איבערגעלאָזט אין איהר נשמה אַ פערביטערונג! דער אַמאָליגער גרעניצלאָזער גלויבען אין מענשען איז אָפּגעשוואַכט געוואָרען, עס איז ענטרונען געוואָרען דער ברען פון טיפער ענטציקענדער התלהבות.

זי האָט געמיינט, אַז זי איז שוין נישט מסוגל צו הייסע געפיהלען. פערגעסענדיג, אַז איינגאַנצען איז זי נייינצעהן יאָהר אַלט, און זי פערמאָגט אַ ברויזענדיגען טעמפעראַמענט.

דער צאַרטער פרעסטעלדיגער הויך פון פעסימיזם האָט, ווי אַ בלייך, דין הייטעל זיך אַראָפּגעלאָזט אויף איהרע אידעאַלע טרוימען. אין סלאָדקאָוויצע איז איהר אומעט נאָך מעהר געוואַקסען.

נאָך דעם איבעררייסען מיט עדמונד'ן האָט סטעפע בעשלאָסען אַוועק צו פאָהרען פון דער היים. עס האָט איהר געמאַטערט דער וועהטאָג און די שאַנדע. זי האָט געוואָלט וואָס ווייטער ענטלויפען. זי האָט געטרוימט וועגען ברייטע וועלטען, ווייטע שטרעקעס. עס האָט איהר עפּיס פאָראויס גערופען און געצויגען.

האָבענדיג אַ לעבעדיגע נאַטור, האָט זי אין די געדאַנקען געשאַפען בונטע בילדער מיט איבערגעפולטע פאַנטאַזיעס. זי האָט זיך געוויגט אין בליצענדיגע, פינקעלדיגע זעהעניש'ען, פיהלענדיג אַ געוויסע ענגשאַפט אין די ביז-איצטיגע בעדינגונגען. נאָך אַ קורצען איבערלעגען זיך, איז זי מיט איהר פאָטער אַרויסגעפאָהרען זוכען אַ פּאָסטען פון אַ לעהרערין. דאָס אַריינרעדען פון איהרע עלטערען זי זאָל בלייבען — האָבען נישט געהאָלפען. צום סוף האָבען זיי געמוזט נאָכגעבען, רעכענענדיג, אַז דאָס איז אַ דערוויילגער קאַפּריז, וואָס איז געקומען נאָך דעם ערשטען עגמת נפש אין איהר לעבען. זיי האָבען אָבער נישט געוואוסט, וואָס פאַר אַן אָרט זיי זאָלען פאַר איהר אויסקלויבען.

עס איז שווערליך צוגעגאַנגען. נישט סטעפע'ן, נישט רודעצקי'ן איז אַלץ געפעלען געווען.

ווייטער, האָט סטעפע אויך נישט ביי אַלעמען אויסגענומען. אייניגע דאָמען האָט זי זיך אויסגעוויזען פאַר צו שעהן, דערהויפּט, ווען זיי אַליין זענען געווען פול מיט פּרעטענזיעס, אָדער, ווען זיי האָבען געהאַט מיאוס'ע טעכטער. נאָך אַ סך איבערקלייבעניש'ען און זוכעניש'ען איז דאָך געלונגען צו געפינען אַ פּאָסטען. דער באַראָנעסע עליזאַנאָווסקאַ האָט סטעפעס שעהנקייט נישט געשטערט — נאָר פערקעהרט: זי איז איהר געפעלען געוואָרען.

די באראנעסע האט פונדעסטוועגן געפרעגט ביי דעם מיידעל, צי וועט איהר נישט זיין צו אומעטיג אין סלאדקאוויעץ, מחמת דא וואוינען נאר — זי מיט דער טאכטער, איהר אלטער פאטער, און דער אלטער געוועזענער לעהרער פון איהר ברודער. סטעפע האט אבער פערלאנגט שטילקייט, און זי האט מסכים געוועזן אפילו אויף דעם בעדינג נישט צו פאהרען א היים אויף וואקאציעס. איהר האט געשראקען די אפגעלעגטקייט פון סלאדקאוויעץ, און דאך האט איהר א הין עטוואס געצויגען.

דערצעהלענדיג פריהער די סבה, וואס האט גענויט ארויסצופאהרען זיין טאכטער, האט דער הער רודעצקי געבעטען די פרוי עלזאנאווסקא זי זאל זארגזאם אכטונג געבען אויף סטעפע'ן, אויף וואס ער האט געקריגען א פערזיכערונג, ארויסגעזאגט גרויטמוטיג און מיט א געוויסען סימן פון הארציגקייט.

איהם האט בעאונרוהיגט די אריסטאקראטישע אפשטאמונג פון דער באראנעסע. די דאזיגע אריסטאקראטישקייט איז איהם נישט געוועזן געוואונשען, וויסענדיג, אז א לעהרערין ווערט פערשידען בעהאנדעלט, אפילו אין בירגערליכע הייזער. ער האט אויפגעציטערט פון דעם געדאנק, אז אין דעם באראנישען פאלאץ קען מען זיין סטעפע'ן בעליידיגען.

ער האט אבער נעוואוסט, אז די אריסטאקראציע פון דער אפשטאמונג איז געוועהנליך איידעל אין די בענעהמונגען, און אז אנ'אמת'ר גרויסער הער פון אנ'אלטען יחוס איז פיינער פון א גרויסען אויפגעקומענעם איידעלמאן.

דער פאמיליען-נאמען פון דער באראנעסע האט עטוואס איינגעשטילט די ספקות פון דעם הער רודעצקי. ער האט אין איהר געזעהן א טיפ פון א גרויסער דאמע, אנ'עטוואס צו שטייפער אין דער האלטונג, נאר נישט אהן סימפאטישע אייגענשאפטען.

סטעפע האט זיך גלייך בעקענט מיט איהר שילערין.

לוציע — די שילערין — איז געוועזן אלט א יאהר פופצעהן. א גאנץ מאגערע, אנ'אויסגעאיידעלטע און שעהנע מיידעל מיט זעהר העלע האהר און בלויע אויגען — האט זי זיך אונטערשיידעט פון דער מוטער מיט דער אויסערליכקייט און מיט די שטימונגען. מען איז דורכגעקומען מיט סטעפע'ן. גאר אין גיכען האבען זיי זיך בעפריינדעט.

סטעפע האט זיך אויפגעהויבען פון דעם אפגעזעגטען בוים, און איז אוועק טיפער אין וואלד.

— וועל איך דא זיין ביז'ן סוף? אוי, איך צווייפעל! האט זי שטיל פאר זיך געזאגט.

איהר בליצענדיגע און ציטערדיגע ליבע צו פראנטניצקי'ן איז אויסגעלאשען געווארען, ווי א שמעטערלינג, וואס לעבט א קורצע צייט. איהר האט איצטער אומרוהיג געמאכט עפיס אנדערש. אלע זענען צו איהר גוט געווען. דער

הויפּט לוציעס אַלטער זיידע, דער העכער מאַציעי מיכאַראָווסקי, אַ טיפּ פֿון אַ מאַגנאַט. אַ זעהר ליבער טיפּ. ער איז צו איהר זעהר האַרציג געווען, רופענדיג איהר סטעניאַ. און ער פֿלעגט זאָגען, אַז אַזאַ פֿערצערטליכונג פֿון איהר נאָמען דערמאָהנט איהם די גוטע צייטען פֿון זיין יוגענד. סטעפֿע האָט נישט געוואוסט, וואָס פֿאַר אַ זכרונות האָט דערביי דער אַלטער. זי האָט אָבער געפֿיהלט צום אַלטען אַ דאַנקבאַרקייט פֿאַר זיינע סימפּאַטיען און פֿאַר דער פֿאָטערליכער גוטסקייט. נישט ליב געהאַט האָט זי זיין אייניקעל, דעם אינהאַבער פֿון סלאָדקאָוויעץ, דעם יונגען גוטבעזיצער וואַלדעמאַר מיכאַראָווסקי׳ן. געוואוינט האָט ער אין דעם גוט גלעמבאָוויטשי, צוויי מייל ווייט פֿון דאַנען, און אין סלאָדקאָוויעץ פֿלעגט ער אָפֿט קומען. ער האָט קיינמאָל נישט אויסגעמיטען צו רייצען זיך מיט איהר אויף אַ האַרבען אופֿן. וויפֿיל מאָל ער פֿלעגט קומען — אַזוי פֿיל מאָל איז זי אַריינגעפֿאַלען אין אַ שלעכטער שטימונג. אויף זיינע רייד פֿלעגט זי ענטפֿערן מיט אַ שווייגען אָדער מיט אַ שטומען כעס.

זי האָט געטראַכט מיט פֿערדרוס, אַז ער וועט זי נויטען מיט זיין האַלטונג צו פֿערלאָזען סלאָדקאָוויעץ.

און הערענדיג. וועגען איהם אויסשליסליך גוטע מיינונגען — האָט זי זיך געוואונדערט.

— הייסט עס, אַז נאָר צו מיר רעדט ער אַזוי?... ער דערמאָנט מיר אין פּראָטניצקי׳ן, נאָך דעם, ווי יענער האָט זיך דעמאַסקירט.

דער שעמט זיך נישט, און ער פֿערשטעלט זיך נישט פֿאַר אַן׳אידעאַלען מענשען. די ברוטאַלישקייט פֿון זיין נאַטור ענטפּלעקט ער דייטליך. און וואָס איז בעסער: די וועלט פֿון נישט רעאַלע פֿאָרשטעלונגען, פֿון פֿערפֿיהרעניש, די וועלט פֿון חלומות, צי די וועלט פֿון ווירקליכקייט? דאָס אַלץ איז, ווי אַ קוויט פֿון אַ וואונדערבאַרער בעפֿאַרבונג און אַ צויבערליכער דופֿטיגקייט.

די בעפֿאַרבונג — דאָס איז דער טרוים.

דער דופֿט — דאָס איז די פֿערפֿיהרעניש.

די ווירקליכקייט — דאָס איז דער גלייכער שטענגעל, די גרויער ערד, פֿון וועלכער דער קוויט וואַקסט אַרויס.

דער יונגער מיכאַראָווסקי איז טאַקי די ווירקליכקייט, אָהן פֿערפּוצונגען.

סטעפֿע איז אַרומגעלאָפֿען אין וואַלד, געטראָגען פֿון איהרע אייגענע געדאַנקען.

יעדער סאָסנע, יעדער שטיקעל לעער וואַלד, יעדער וועוויאָרקע אפילו, און יעדער קוקאַווקע, האָבען איהר דערמאָהנט איהר היים — רוטשייעוו — און איהר בענקשאַפֿט צוריק איז געוואַקסען... צום ערשטען מאָל האָט זי איצטער אַן אַיבערראַשטע געפֿרעגט, ווי אַזוי האָט זי געקענט איינגעהן אויף דער בעדינגונג נישט צו פֿאָהרען אויף וואַקאַציעס, צו איהרע אייגענע.

אין א וואלד-סאדזשעלקע האט זי געפונען א סך נישט-פערגעס-מיך-נישט-בלימלעך, בונטע און געלע פעלד-בלימלעך, און מיט טרערן אין די אויגן האט זי זיי אנגעהויבן צו רייסן. זי האט געקושט די דאזיגע בלימלעך, ווייל זיי האבן איהר דערמאהנט אין דעם היימישן רוטשייעווער אלכן-פעלדעל.

מיט א הויפן בעטויטע בלומען האט זי זיך צוריקגעקערט אין גארטען.

די הויך אויפגעגאנגענע זון האט זיך דורכגעזאפט דורך די שפאלטן צווישן די בלעטער, פערוואנדלענדיג אויף דעם געדיכטן גראז געדיכטע געצען.

פלוצלונג האט סטעפע דערזעהן אויף דעם מיטעלסטן וועג פון דעם וועלדל א רייטער, וואס איז פאמעליך אנגעפאהרן.

זי האט אזש א ציטער געטון פאר אויפרעגונג.

דאס איז געווען וואלדעמאר מיכאראווסקי.

ער האט געריטן אויף א שעהנעם, ווי א לאוע-שווארצן פערד. שעהן האבן אויף דעם פערד אויסגעזעהן דער זאמשענער זאטעל, דער געלער צודעק און דאס ציימעל.

דער אראבישער פערד איז שלאנק געטראטן, גראציעז געשטעלט די פיס, און איידעל דעם קאפ אויסגעבויגן — האט ער אומרוהיג געביסן דעם צוים.

דער גוטבעזיצער איז געזעסן, ווי א צוגעמויערטער, איינגעהילט אין אן'עלעגאנטען מלבוש צום רייטן, און אין לאנגע באטפארטען. ער האט אויסגעזעהן פיין-געשטאלטיג און געשיקט.

פאמעליך רייטענדיג, האט דער יונגער הער, ווייזט אויס א פערטראכטער, געקוקט פאר זיך, קלאפענדיג מיט דעם שפיץ-רוטל אין זיינע שטיוועל. די זון האט געשפריצט מיט פונקען אויף זיינע שפארן.

סטעפע האט זיך צוריקגעצויגען הינטער א בוים, נאר מיט דער אומגעריכטער בעוועגונג האט זי אויפגערודערט אויף א צווייג א פויגעלע, וואס האט אנגעהויבן הויך פישטשענדיג, צו פלאטערן מיט די פליגעלעך.

מיכאראווסקי האט א קוק געטון אין יענער זייט.

די בלוטען האבן א שלאג געטון סטעפע'ן אין קאפ.

— ער האט מיך דערזעהן!... גאט!... שטענדיג מוז איך איהם בעגעגענען!

זי האט זיך איינגעבויגען צו די פונאנדערגעשאטענע בלומען — כלומר'שט זי זעהט איהם נישט.

ער איז אבער שוין גאר נאהענט צוגעפאהרן, אראפגענומען דעם הוט און שפאסיג אויסגערופען:

— אַ גוטער מאָרגען, אײַך! וואָס טוט איהר דאָ אַזוי פריה? וואו האָט איהר עס אַזוי פיל בלומען אויסגעפונען? צווישען די דאָזיגע בוימער זעהט איהר אויס, ווי אַ וואַסער-מיידעל, ווי אַ רוסאַלקע!

— האָב איך טאַקי אַ וואָלקולאַק בעגעגענט — האָט זי מיט כעס, און נישט בעטראַכטענדיג זיך, אַנ׳ענטפער געטון.

ער האָט אויפגעהויבען די ברעמען, און מיט אַ בייזען שמייכעל געזאָגט:

— טאַקי! כ׳וויל טאַקי זיין אַ וואָלקולאַק לעבען אײַך, וואָס זעהט אויס ווי אַ רוסאַלקע.

סטעפע איז שטאַרק רויט געוואָרען.

— איהר פאָהרט אין סלאָדקאָוויעץ? — האָט זי קאַלט אַ פרעג-געטון.

— יאָ. איך האָב אין זינען אײַך אַהין צו בעגלייטען.

— כ׳וועל אליין אַהיים טרעפען.

— איך צווייפעל זעהר! ערשטענס וועט איהר קיין כח נישט האָבען אַוועק צוטראָגען אַזויפיל גרינס. עס וועגט אַודאי אַ פוד. איך מוז אײַך גרינגער מאַכען.

ער איז אַראָפגעשפרונגען פון פערד, און עלעגאַנט פערנויגענדיג זיך — האָט ער געוואַרט זי זאָל איהם איהר האַנד דערלאַנגען.

סטעפע האָט נישט, זיכער מיט אַנ׳אויפרעגונג דערלאַנגט איהם די האַנד, און גלייך זי צוריקגעכאַפּט.

— איך האָב דאָך אַפילו נישט אָנגעריהרט די פינגער פון אײַך... ניין! ווייזט אויס, אַז איך בין אַ פערפעסטיגטער! — האָט ער אויסגערופען, אויף אַ לעכערליכען אופן צוזאַמענלעגענדיג זיינע הענד.

זי האָט געהאַט דעם ווילען איהם צו שלאָגען.

מיכאַראָווסקי האָט זי אָנגעקוקט מיט אַנ׳איראָנישען שמייכעל. זי האָט געציטערט פאַר כעס, פיהלענדיג אויף זיך דעם בליק פון זיינע גרויע אויגען.

זי האָט צונויפגעזאַמעלט די בלומען, און אַוועקגעהענדיג האָט זי שטאָלץ אַ שאָקעל געטון צו איהם מיט׳ן קאָפּ:

— זייט געגריסט.

— האַ, איהר זענט זעהר ענערגיש, איך מוז אָבער פאָהרען קיין סלאָד-קאָוויעץ. קיין אַנדער וועג איז נישטאָ.

סטעפע האָט זיך געווענדט צום וואַלד, אָנווייזענדיג אויף דעם וועג, וואָס האָט זיך פון דערווייטענס געהעלט.

— איהר קענט פאָהרען.

— און איהר?

— איך געה מיט׳ן וואַלד.

— איך איבערלאזען אליין אין וואלד קען איך ניט. איהר זענט היינט אזוי נערוועזיש, אז איהר וועט זעהר לייכט פערבלאנדזשען.

ער איז געגאנגען נאהענט לעב'ן איהר, פיהרענדיג דעם פערד פאר'ן צוים.

סטעפע האט פערצויגען די ליפען. געגאנגען שווייגענדיג, שטיל.

ער האט, נישט אויפהערענדיג, גערעדט מיט א שטימע, וואס איז דורכגענומען געוועזן מיט א בייזקייט.

— ווייסט איהר גאר וואס? זעצט זיך אויף מיין פערד, און איך וועל טרעטען פון דער זייט, ווי א פאזש. אדער, נאך בעסער: לאמיר זיך ביידע אוועקזעצען. פאר א רוסאלקע און פאר א וואלקולאק וועט עס זיין צוגעפאסט.

סטעפע האט גארנישט אפגעענטפערט, און געמאכט גרעסערע טריט.

— איהר ענטלויפט פון מיר, ווי פון א וואלד-פערזעהעניש. איך בין דאך, דאכט זיך, גאר א פיין יונגעל? הא? איהר רעכענט, אז נישט? קיין ענטפער.

— אהא! דאס שווייגען איז א בעוויז פון איינשטימונג. דאס פרעהט מיך זעהר! סוף כל סוף האט איהר מיר גערעכט געגעבען.

ער האט שפאסיג איינגעבויגען דעם קאפ מיט א כלומר'שטער מינע פון אונטערטעניגונג און דערנידעריגטקייט.

— ערשטענס זענט איהר שלעכט ערצויגען — האט זיך ארויסגעריסען ביי סטעפע'ן.

— אמת? ס'ערשטע מאל הער איך! פון שטענדיג אן האט מען מיך געהאלטען פאר א דזשענטעלמען.

— איהר א דזשענטעלמען? — האט זי אויסגערופען מיט א געלעכטער.

דער צארן האט זיך אנגעצונדען אין זיינע אויגען. ער האט צונויפגעקנייטשט די ברעמען. און ציהענדיג דעם פערד האט ער זי דורכגעשטאכען מיט די אויגען. דאס האט געדויערט א קורצע ווייל און ער האט איראניש א זאג געטון:

— אויב אזוי קענען מיר זיך ביידע געבען פריינדליך די הענד, ווייל אויך איהר זענט נישט זעהר איידעל.

— הער גוט-בעזיצער, צי וועט איהר מיך היינט בעפרייען פון אייער בעגלייטען?

— א, יא, פריילין! אין סלאדקאוויעץ.

— גאט מיינער! פארוואס שטראפסטו מיך אזוי! — האט זי שטיל צו זיך גערעדט.

דער גוט-בעזיצער האט ארויסגעפלאצט מיט א געלעכטער.

— פֿון וואָס לאַכט איהר אַזוי? פֿון אייער נישט איידעלקייט?

— אָ, ניין, ניין! נאָר צום ערשטען מאָל קומט מיר אויס צו זעהן אַ יונגע פֿריילין, וועלכע איך האָב, ווייזט אויס, איבערראַשט. ווי גאָט איז מיר ליב — עס איז פֿאַר מיר אַ נייע ערשיינונג.

— דאָס ערשטע מאָל זענט איהר אַזוי וועניג פֿיהלבאַר פֿאַר אַ יונג מעדעל, צו פֿיל ערלויבט איהר זיך.

— עע! ערלויבען ערלויב איך זיך אָפטערס פֿיל מעהרער, נאָר אין קיינעם האָב איך נישט דערוועקט אַזאַ פּאַנישע שרעק, ווי אין אייך.

— איך האָב פֿאַר אייך מורא? אַ מאָדנער זענט איהר. איך קען אייך...

— נישט פֿערטראָגען — האָט ער געענדיגט.

— יאָ.

— דאַנק איך אייך! אָט אַזוי — איז אויפֿריכטיג! קיינער וואָלט, ביי דער עהרליכסטער שטימונג, נישט אמת׳ער געוועזן! איהר וואָלט מיך — זעה איך — געוואָלט דערטרינקען אין אַ לעפֿעל וואַסער. ווער וואָלט עס גאָר געקאָנט זיך פֿאָרשטעלען, אַז אין אַזאַ דעליקאַטען וועזען זיצט אַזוי פֿיל ביזקייט. ס׳איז אַ סקאַנדאַל! איהר ליידט מיר נישט... הא! נו, וואָס זאָל מען טון! מיר קענען זיך נאָך איינער דעם אַנדערען דער׳הרג׳ענען אין וואַלד, וועל איך בעסער מיט גוטען אַוועקפֿאָהרען. ווען איהר שטעכט מיר אָט אַזוי אַרויס די אויגען, וואָס וואָלט אויף דעם די וועלט געזאָגט — די פֿרויען? עס וואָלטען דאָך אויסגעפֿעהלט טרויער־קרעפֿען אין די קראָמען, די צאָהל פֿון זעלבסטמערדער וואָלט דאָך אָהן אַנ׳ערך אויסגעוואַקסען, און מיינע פֿערעהרערינס וואָלטען אייך פֿער׳משפט צו גיליאָטינירען.

ער איז אַרויפֿגעשפּרונגען אויפֿ׳ן פֿערד, און אויפֿהויבענדיג זיין היטעל, אויסגערופֿען:

— אַ גוטען! איך ענטלויף!

— ער האָט פֿערקעהרט צום וועג, אַ קלאַפּ געטון דעם פֿערד מיט די שפּאָרען, און האָט אַוועקגעריטען, פֿונאַנדערטרייבענדיג דעם הויכען פֿערד־טריט געקלימפּער איבער׳ן וואַלד.

סטעפֿע האָט אָפּגעאָטעמט.

— ענדליך!.. אַוועקגעפֿאָהרען... דער מיאוס׳ער ציניקער! איך האָב איהם בעליידיגט... בעסער, עס איז בעסער, איצטער וועט ער מיך מעהר נישט מאַטערן.

און שנעל איז זי אַוועק אין דער ריכטונג צום פּאַלאַץ.

וואַלדעמאַר האָט געשמיסען דעם פֿערד מיט אַ פֿערביסענקייט, נישט געזשאַלעוועט קיין קלעפּ, און דורך זיינע צוגעקלעמטע ליפּען האָט ער געוואָרפֿען שאַרפֿע ווערטער.

— אַ ראָמאַנטיש בעשעפֿעניש... נעהמט אָן אַ פּאָזע פֿון אַ קעניגין. וואָרט אַ ווײַלע! איך וועל דיר דײַן קרוין אַרונטערנעהמען!.. איך וויל גלײַכער אַ טײַוועל־ווײַב, אײדער אַ מנישקע, נאָר איך קען נישט דולדען, אַז אַ שד׳יכע פֿערשטעלט זיך פֿאַר אַ פּריסטערין.

ער האָט אַ קנײַטש געטון מיט די פּלײצעס.

— זי איז ענהליך אויף אַ פירשטין, און איך — אויף אַ טײַוועל. אין דעם פֿאַל בין איך אַ טײַוועל... נו... וועלען מיר זעהן!

און ער האָט אַ שניט געטון דעם פֿערד מיט די שפּאָרען.

II.

אין דער אַלטאַנקע, וואָס אין גאָרטען איז בײַ אַ טישעל געזעסען לוציע עליזאַנאָווסקאַ מיט איהר לעהרערין, און אויסגעהערט מיט אויפֿמערקזאַמקייט די ליטעראַטור־לעקציע. סטעפֿע האָט זעהר לעבעדיג דערצעהלט, וועגען די שענסטע צײַטען פֿון דער ליטעראַטור אין פּוילען, ברענגענדיג, אַלס בײַשפּילען די אינטערעסאַנטעסטע שטיקער פֿון די ווערק, וואָס בעריהמטע פּאָעטען האָבען אַמאָל געשאַפֿען מיט איהר רעדען און מיט איהר בעגײַסטערונג האָט זי אַרײַנגעצויגען די שילערין.

— האָסטו, לוציע, קײנמאָל נישט געלערענט די אײגענע ליטעראַטור? — האָט איהר סטעפֿע אַ פֿרעג געטון, זעהענדיג די פֿעראינטערעסירונג פֿון דער מעדעל.

— כ׳האָב געלערנט, אָבער זעהר ווענִיג — האָט לוציע געענטפֿערט. — די לעהרערין, וואָס איך האָב געהאַט אײדער איך, די פֿרײַלײן קלאַראַ, האָט מיך פֿערזיכערט, אַז אין אונזערע קרײַזען דאַרף מען קענען אַ סך פֿרעמדע שפּראַכען, און די פֿרעמדע ליטעראַטורען. וועגען דער פּוילישער, האָט זי מיר געזאָגט, אַז זי וועט מיר נישט צוניץ קומען.

— איז פֿרײַלײן קלאַראַ אַ פּוילישׁ קינד?

— יאָ, זי איז אָבער אַ גרויסע אַריסטאָקראַטקע, וואָס איז דורכגעזאַפּט מיט אונזערע מײנונגען.

— וואָס פֿאַר אַ מײנונגען האָט איהר?

— איך ווײס נישט, צי וועל איך דאָס קענען גענוי ערקלערען, איך מײן אָבער, אַז זײ שטיצען זיך אויף... נײן, איך קען דאָס נישט אַרויסזאָגען.

— איך וועל דיר העלפֿען, זײ שטיצען זיך אויף דעם, אַז מען דאַרף האָבען אַכטונג פֿאַר אַלץ, וואָס ס׳איז פֿראַנצויזיש, דײַטש, מיט אײן וואָרט, פֿרעמד — אַבי נישט פּויליש. ס׳איז וואָהר?

— פון וואנען ווייסט איהר דאס אזוי ריכטיג?

— איך האב פערשטאנען, מיינסטו, אז דיין מוטער האט אויך דיזעלבע מיינונג?

— געוויס, די זעלביגע! די מוטער לייענט נישט קיין פוילישע ביכער, מיט מיר רעדט זי נאר פראנצויזיש, און גלויבט נאר אין אויסלאנד.

— און דער זיידע? האט סטעפע א פרעג געטון.

— א, דער זיידע — פונקט פערקעהרט! איהם קומט אויס צוליב דעם שטענדיג צו אמפערן זיך מיט דער מאמען! דער זיידע זאגט, אז עס איז א חרפה צו פערגעסען, וועגען דער אייגענער אפשטאמונג — אז יעדער מוז צום מעהרסטען ליבען און אכטען דאס, וואס ס׳איז אייגען. דער מוטער איבערצייגען אבער נישט די ארגומענטען.

— דיין זיידע איז זעהר אנ׳עהרליכער מענש.

— אייך געפעלט דער זיידע?

— איך אכט איהם, און איך האב פערטרויען צו זיין קלוגקייט.

— דער זיידע האט אייך אויך ליב, איך זעה עס. נאר... וואלדי גלויבט אויך מיט דעם זיידענס גלויבען. פארוואס האט איהר איהם פיינד?

— מיין ליב קינד, וואס געהט מיר אן וואלדעמאר?

לוציע האט געענטפערט מיט א געלעכטער:

— ווייסט איהר דען, אז צווישען דער מאמען מיט וואלדי׳ן קומען פאר אן אייביגע קריגערייען. איצטער זענט איהר נאך צוגעקומען. ארימער וואלדי!

— לאמיר ענדיגען — האט סטעפע איבערגעריסען דעם שמועס. — דו דארפסט נאך אנשרייבען א גרויסע ארבייט.

— לוציע האט פערווארפען די הענד ארום דער לעהרערינס האלדז און האט, לאשטענדיג זיך צו איהר, געזאגט:

— מארגען, מארגען, מיין טייערע. הייגט פיהל איך, וועל איך נישט קענען אנשרייבען. איהר האט מיך אזוי ענטציקט מיט דער ליטעראטור, אז איך קען גארנישט, וועגען עפיס אנדערש טראכטען: איהר מוזט מיר עפיס געבען צום לייענען פון אונזערע דיכטער, און די אלע דייטשען און פראנצויזען וועל איך פערבעהאלטען אין שראנק, זאלען זיי דארטען די מילבען אויפעסען.

— מען טאר זיך אזוי נישט פונאנדערווארפען, מיין ליב קינד. די פרעמדע דארפסטו אויך בעסער דערקענען.

— אבער אונזעריגע מעהרער, אמת? היינט וועל איך, וועגען דעם זאגען דעם זיידען און וואלדי׳ן, וועלען זיי זיך פרעהען. וואלדי האט מיך פון שטענדיג אן גערופען די פאפוגעלע... אפטערס קומענדיג צופאהרען, פלעגט ער פרעגען: „וואס האט מען עפיס נייעס אויסגעלערנט, פאפוגעלע?" פלעגט זיך די

מוטער בײַזערן און די פֿרײַלײַן קלאַראַ פֿלעגט ענטפֿערן אויף פֿראַנצויזיש מיט אַ ליב שמײכעלע: „איהר שפּאַסט, צי וואָס — העער פֿירשט?“ זי האָט איהם שטענדיג צוגעגעבען דעם טיטעל פֿירשט. וואַלדי פֿלעגט אָפּענטפֿערען כלומר׳שט אײַדעל, נאָר מיט כּעס: „איך בין נישט קײַן פֿירשט. זאָל עס די פֿרײַלײַן געדענקען“.

— און וואָס פֿלעגט אויף דעם זאָגען די פֿרײַלײַן קלאַראַ?

— זי פֿלעגט זיך בעלעדיגען, און ווענדען זיך צו מיר אויף פֿראַנצויזיש: „אײַער קוזין איז זעהר נישט אײַדעל. ער איז נישט קלוג“, און אין אַ פּאָר טעג אַרום פֿלעגט זי ווײַטער צו איהם אַרויסגעהן מיט דעמזעלביגען: „העער פֿירשט“, און וואַלדי פֿלעגט עס איהר אויפֿסנײַ אויפֿוואַרפֿען. אַזוי איז עס צוגעגאַנגען די גאַנצע צײַט.

— קענטיג, אַז דער העער מיכאַראָווסקי האַלט עס פֿאַר אַנ׳אַנגענעהמען ספּאָרט צו דערעסען די לעהרערינס — האָט סטעפֿע שטעכיג אַ זאָג געטון.

— וואָס רעדט איהר! וואַלדי האָט נישט געקענט אָנקוקען די פֿרײַלײַן קלאַראַ, און יענע איז אין איהם געווען פֿערליבט, איך ווייס. פֿרײַלײַן קלאַראַ איז שוין גאָר אַנ׳אַלטע מעדעל, און האָט פּרעטענזיעס. ווי נאָר וואַלדי פֿלעגט קומען צו פֿאָהרען, פֿלעגט זי זיך מאַכען ספּעציעלע פֿריזורען, און זיך אַזוי פּודערען, אַז דער פּודער פֿלעגט אַזש פֿון איהר אַראָפּפֿאַלען. וואַלדי פֿלעגט איהר זעהר אויסלאַכען. אײַנמאָל, צו אַ מיטאָג, איז זי געקומען שרעקליך פֿערפּודערט, און דערצעהלט, אַז מיר זענען געווען אין אַ מיהל. וואַלדי, וואָס איז דעמאָלט גראָד געווען עפּיס אויפֿגערעגט, האָט, נישט איבערלעגענדיג זיך, אַרײַנגעוואָרפֿען: — „עס איז טאַקי קענטיג אויף אײַך“. — „פֿאַרוואָס?“ — האָט זי אַ פֿרעג געטון. — „ווײַל איהר זענט אינגאַנצען אויסגעשמירט אין מעהל“. מעהר האָט מען נישט געדאַרפֿט — זי איז דעמאָלט געווען אויף איהם אַ גאַנצע וואָך ברוגז.

סטעפֿע האָט אַ קנײַטש געטון מיט די פּלײצעס, העלפֿענדיג לוציען צוזאַמענלעגען די ביכער מיט די קאַיעטען; זי האָט געטראַכט, וועגען דער טרויעריגער לאַגע פֿון אַ לעהרערין, וואָס איז נאָך צום ביטערען מזל אַנ׳אַלטע מעדעל. וועגען דער פֿרײַלײַן קלאַראַ האָט זי שוין געהערט אַ סך זאַכען דערצעהלען: יעדערער האָט פֿון איהר געמאַכט שפּאַס, וויפֿיל עס האָט זיך נאָר געגלוסט. אפשר וועט מען נאָך פֿון איהר אויך אויסלאַכען, כאָטש זי איז נאָך נישט קײַן אַלטע מעדעל.

און לוציע, האָט דרעהענדיג מיט איהר בלאָנד קעפּעל, פּאַמעלעך גערעדט ווײַטער:

— איך וואָלט זיך געוואָלט אַמאָל פֿערליבען! דאָס מוז זײַן אַנגענעהם. נאָר אין וועמען ליבט מען זיך איין? נישטאָ קײַן קאַנדידאַט אין סלאָדקאָוויעץ. אפשר — דער העער קסאַווערי. האַ! האַ! ער האָט אַ צו גרויסען פֿליך; און ער רעדט צו מיר אַזוי: „מײַן קינד“. איך האָב עס זעהר נישט ליב. דאָ איז דאָ

אין זשאַראָוו דער פּירשט טרעסטקאַ, נאָר אין איהם וועל איך זיך פאַר קיין פאַל נישט איינליבען. ער האָט אַ צו גאַפּעוואַטען פּנים. אַגב בעמיהט ער זיך, וועגען דער פריילין ריטאַ. אָט! אויף וואַלדי'ן וואָלט איך געוויס איינגעגאַנגען; ער איז דאָך אָבער מיינער אַ קוזין. ער איז זעהר שלאַנק און עלעגאַנט, נאָר צו ערנסט און נאָר פון צייט צו צייט צושטיפּט ער זיך.

— לוציע מיינע, טראַכט נישט אַריין אין אַזעלכע זאַכען — האָט סטעפּע איהר איבערגעשלאָגען די רייד — דו ביזט צו יונג. עס וועט קומען אַ צייט אויף דעם אויך. וואָס שפּעטער, אַלץ בעסער.

— איהר רעדט אַזוי, ווי איהר וואָלט שוין צוליב דעם געהאַט פיל עגמת נפש.

— פון וואַנען ווייסטו?

— די מוטער האָט געזאָגט.

סטעפּע איז געוואָרען אויפמערקזאַם.

— צייטענווייז דערצעהלט מיר די מוטער אַלץ, און צייטענווייז — גאָרנישט. איבריגענס, וואָס איז אין דעם פאַר אַ שלעכטס? עס קומט דאָך נישט אייביג צו אַזאַ טרויעריגען סוף. געוועהנליך — דערקאָנט מען פיל גליק.

— דו ווייסט שוין וועגען דעם אויך? — האָט סטעפּע, שמייכלענדיג אַ פרעג געטון.

— לייענענדיג אַ סך פראַנצויזישע ביכער, ווייס איך, וואָס דאָס איז אַזוינס — ליבע, נאָר אַליין, אויף זיך, האָב איך עס נאָך נישט אויסגעפּרובט. אַנומעלט האָב איך אַ פרעג געטון וואַלדעמאַר'ן, וואָס אַזוינס מען פיהלט דאַמאָלסט — ווייל ער איז דאָך אַ געניטער.

— און וואָס האָט ער דיר געענטפערט.

לוציע האָט אַוועקגעמאַכט מיט'ן האַנד.

— עך! וואַלדי טרייבט שטענדיג קאַטאָוועס. ער האָט מיר אַזוי געזאָגט: „ליבען זיך, איז פונקט די זעלבע זאַך וואָס מאַכען אַ לעקציע פון אַריטמעטיק" — ער האָט אַזוי געזאָגט, ווייל ער ווייסט, אַז איך האָב זעהר פיינד צו רעכענען. איהר וואָלט מיר געוויס געקענט, וועגען דעם עפּיס זאָגען, נאָר איך ווייס, איהר וועט נישט זאָגען. איך וועל וואַרטען, און איך גלויב, אַז איך וועל זיך דערוויסען פון דער אייגענער פּראַקטיק.

— פערדרעה זיך נאָר נישט דעם קאָפּ מיט'ן וואַרטען. איך זאָג דיר נאָך אַמאָל: ס'איז צו פריה.

לוציע האָט געמאַכט אַ בעוועגונג, ווי זי וואָלט זיך אין עפּיס דערמאָהנט, און מיט אַ פרעהליך העויה'לע האָט זי אַ פליסטער געטון:

— איך ווייס שוין! אָט וועל איך זיך טאַקי פערליבען, און זעהר גיך, אין אַ וואָך אָדער אין צוויי וואָכען אַרום. וואַלדעמאַר האָט געזאָגט, אַז אַהערצו דאַרף

אָנקומען אַ פּראַקטיקאַנט. ער האָט אַזעלכע עטליכע אין גלעמבאָוויטש, און אַלע זענען פון זעהר פיינע פאַמיליעס. אויך ד ע ר, וואָס דאַרף אַהערצו אָנקומען איז פון שעהנעם יחוס, אַזאַ, וואָס מען צאָהלט איהם גאָרנישט, און ער צאָהלט אויך גאָרנישט. ער וועט דאָ וואוינען אין פאַוויליאָן, נאָר עסען וועט ער מיט אונז. אַהערצו האָט געוואָלט אָנקומען דער פירשט ס., נאָר דאָס איז אָבער, ווייזט אויס, אַ פיין פאַרשוינדעל, האָט איהם וואַלדי אָפּגעזאָגט.

— וועט אפשר אויך דער דיר נישט געפעלען ווערען? — האָט סטעפע געזאָגט, קלעהרענדיג וועגען עפּיס אַנדערש.

— נו, געוויס! נאָר אויב ער איז אַ שעהנער וועל איך זיך פערליבען.

פונקט איז אַריין אין דער אַלטאַנקע דער יונגער קאַמערדינער און האָט געמאָלדען, אַז די באַראָנעסע רופט, דער טיש איז געגרייט. און נישט וואַרטענדיג אויף אַ בעפעהל, האָט ער אַראָפּגענומען פון טיש די ביכער, און אַוועקגעטראָגען זיי מיט גרויס עהרעפורכט אין פאַלאַץ אַריין.

עס זענען שוין אַלע געווען אין דעם סטילפולען עס-זאַל. די פרוי עלזאָנאָווסקאַ האָט, זיצענדיג אין פאָטעל געוואַרט אויף דער טאָכטער.

אין האַנד האָט זי געקנייטשט אַ סערוועטעל, און האָט אויסגעזעהן אויפגערעגט. זי האָט געריהרט מיט די ליפּע, און מיט אַ גרימאַסע האָט זיך ביי איהר שנעל געהויבען איין ברעם, וואָס עס האָט געדאַרפט צו בעדייטען, אַז זי איז מיט עפּיס אונצופרידען. נעבען איהר איז געזעסען דער אַכציג-יאָהריגער אַלטער מאַציעי מיכאַראָווסקי. אַ דאַרער און אַנ׳עטוואָס איינגעבויגענער, האָט ער געמאַכט אַ סימפּאַטישען איינדרוק מיט דעם קלוגען קוק פון דעם בלאַסען פנים, וואָס איז בעציהרט געווען מיט די גרויע וואָנסעס, און מיט אַ פּאָר ליבע גרויע אויגען. זיין געשטאַלט האָט דערמאָנט אין פראַנץ-יאָזעפ׳ן, און געוועקט אַ מאָדנעם פערטרויען צו איהם. מיט אַ צוציהענדיגען שמייכעל האָט ער, דאַכט זיך, אַלעמען אַרומגענומען, ווי רעדענדיג: „אַכפּערט מיך און ליבט מיך.“

איצטער האָט ער אויסגעהערט זיין איינינקעל, וועגענדיג זיין יעדער וואָרט. דער אַלטיטשקער האָט אין איהם געזעהן זיין ווידערגעבורט, זיין יוגענד.

וואַלדעמאַר האָט זיך אָנגעשפּאַרט אין דעם הויכען פאָרענטש פון שטוהל, אַנ׳אויפגערייצטער, מיט צונויפגעקנייטשטע ברעמען. ער האָט עפּיס גערעדט, מיט עפּיס נישט מסכים געווען, און דאָס האָט אַריינגעבראַכט אין כעס די פרוי עלזאָנאָווסקאַ.

דער פירטער איז ביים טיש געזעסען דער הער קסאַווערי, אַ פענסיאָנער, אַנ׳אַלטער, אַ פליכטעוואַטער, און דערצו אַ גרויסער נאַשער.

זעהענדיג אַז דער יונגער מיכאַראָווסקי זעצט זיך נישט — האָט ער זיך אויך אויפגעשטעלט מיט אַ שלימזל׳דיגער מינע אויפ׳ן פנים. איהם האָט לחלוטין נישט אינטערעסירט דער שמועס פון וואַלדעמאַר׳ען מיט זיין מוהמען. מיט די

אויגען האט ער נאר געשלונגען די וואזע, וואס איז געשטאנען אויף דעם זייטיגען טיש, און פון וועלכער עס האט ארויסגעשמעקט די זופ. ער האט געשיקעלט מיט אנ'אויג אויף דער באראנעסע און דעם לאקיי — אויסגעפוצט אין א פראק. נאר אויך יענער האט געוואַרט אויף א בעפעהל פונאנדערצוגיסען דעם זופ. ענדליך זענען אריין סטעפע און לוציע. פרוי אידאליא האט שארף א קוק געטון אויף וואלדעמאר'ן, געבענדיג איהם צו פערשטעהן, אז עס איז שוין צייט צו פערענדיגען דעם שמועס. נאר דער יונגער מיכאראווסקי איז אליין ענטשוויגען געווארען. ער איז פלינק צוגעגאנגען צו די מעדלעך, און א קוש טוענדיג פריהער לוציען, האט ער זיך פערנויגט פאר סטעפען מיט אנ'אויסערגעוועהנליכער עלעגאנץ. אנ'איראנישער שמייכעל האט זיך תיכף אויסגעלעגט אויף זיינע ליפען.

— נאך אזא פאעזיע, ווי וואלד און בלומען בעגעגענען מיר זיך ביי א פראזאאישען מיטאג. ארט דאס אייך נישט? — האט ער א פרעג געטון.

סטעפע איז רויט געווארען. זיינע ווערטער האבען תיכף קאליע געמאכט איהר שטימונג.

— איך האב נישט געטראכט וועגען דעם — האט זי קאלט אפגעענטפערט.

— א שאד! און איך האב געצווייפעלט, צי וועל איך אייך דא זעהן. אין וואלד וואלט אייך דאך געקענט פערצוקען עפיס א גליקליכער וואלקולאק, לעבעדיגערהייט איינשלינגען, אדער אוועקטראגען צו זיך אין זיין בעהעלטעניש. איך בין זעהר צופרידען, וואס איהר זענט געבליבען אונבעריהרט.

— דו, וואלדי, ביזט אויך געווען אין דער פריה אין וועלדעל מיט דער פרייליין סטעפאניא? — האט לוציע א פרעג געטון.

די פרוי עלזאנאווסקא האט א קוק געטון אויף סטעפען מיט פערזשמורעטע אויגען, און מיט א צוגעפאסטער גרימאסע האט זי זיי צוריק אראפגעלאזט אויפ'ן טעלער.

וואלדעמאר האט בעמערקט די אונצופרידענהייט אויף סטעפעס פנים, ער האט א פלינקען קוק געטון אויף לוציע'ן, און פריי געענטפערט:

— פאהרענדיג דורכ'ן וואלד, האב איך אנגעטראפען פרייליין סטעפא שפאצירען.

סטעפע האט דערפיהלט א דאנקבארקייט צו איהם.

דער דינער האט פערטיילט יעדערען די זופ. שווייגענדיג האט מען אנגעהויבען צו עסען. אזעלכע שטילע מיטאגען פלעגען זיך זעלטען טרעפען, נאר זיי זענען געווען שווער, ווי א שווערע האגעל-כמארע.

סטעפע האט דערקענט, אז די כמארע הענגט היינט איבער'ן טיש.

פרוי אידאליא, זיצענדיג און נישט ארויסרעדענדיג קיין ווארט, האט אויסגעזעהן, ווי זי וואלט א שטעקען איינגעשלונגען. איהר שטייפע געשטאלט, די קעלט, וואס האט געשלאגען פון איהר פנים האט געמאכט פריהרען אויך דעם

אַלטען מאַציעי. דעם אַלטישקען האָט זיך געגלויבט אַלעמען פֿרעהליך מאַכען, ער האָט פֿון צייט צו צייט אַרייַנגעוואָרפֿען פֿראַזען, נאָר דער שמועס האָט זיך עפּיס נישט געקלעבט. די שלעכטע שטימונג פֿון דער באַראָנעסע האָט געווירקט דערשלאָגענדיג. אפילו דער הער קסאַווערי האָט געקוקט אויף איהר מיט חשד, נישט פֿערנעסענדיג גלייכצייטיג וועגען עסען.

דער איינציגער וואָס האָט זיך געהאַלטען פֿריי, איז געווען דער יונגער מיכאָראָווסקי. נאָר אויך ער האָט געשוויגען. ער האָט אויסגעטרונקען צוויי גלעזלעך אַלטען וויין. נאָך דער זופּ האָט דער לאַקיי צוגעגאָסען מאַדערע, און איז געווען פֿער׳חידוש׳ט, וואָס דער יונגער הער האָט היינט אַזאַ אויסערגעוועהנליכען דורשט. נאָכ׳ן פֿלייש האָט וואַלדעמאַר געטרונקען אָהן אַ שיעור בורגונדער און דעם דינער׳ס פֿערוואונדערונג איז געוואַקסען, ווען מען האָט דערלאַנגט די שפּאַראַגען. געוועהנליך האָט מיכאָראָווסקי נישט ליב געהאַט דעם דאָזיגען מאכל, נאָר היינט האָט ער זיך געהייסען — דעם צווייטען מאָל דערלאַנגען.

די באַראָנעסע האָט אויף איהם אַ קוק געטון מיט אַ מינע פֿון אַ העכערען ווערען, ווי איינער זאָגט — איך וואָלט נישט געקענט פֿאַר זיך נעהמען אַ צולאָג... זי האָט עס געהאַלטען פֿאַר אונעסטעטיש און פֿאַר אונערהערט. איהר בייזע שטימונג האָט געפֿונען אַנ׳אויסגאַנג, און זי האָט נישט אויסגעהאַלטען. נישט אויפֿהויבענדיג די אויגען, האָט זי כמעט אַרויסגעסיקעט אויף פֿראַנצויזיש פֿונאַנדערציהענדיג די ווערטער:

— איך פֿערשטעה נישט, ווי אַזוי קען מען צוויי מאָל נעהמען פֿון פֿאַלומעשיק? מען נעהמט נאָר איין מאָל, וויפֿיל מען בעדאַרף צו שטילען דעם אַפּעטיט.

דער אַלטישקער האָט געקוקט אויף דער טאָכטער מיט פֿאָרוואורף. ער האָט נישט פֿערשטאַנען איהר אויפֿגערעגטקייט, וואָס האָט איהר געשטויסען צו אַ נישט-איידעלקייט.

וואַלדעמאַר אָבער האָט זיך נישט פֿערשעמט, פֿערקעהרט, עס האָט איהם פֿרעהליך געמאַכט. ער האָט אין דער זייט אַ בייזען בליק געוואָרפֿען אויף זיין שוועסטער, שטיפֿעריש אַ קוק געטון אויף סטעפֿען, אַ שמייכעל געגעבען און אַ רוף געטון דעם לאָקיי:

— יאַצענטי! נאָך שפּאַראַגען.

די פֿרוי אידאַליאַ האָט פֿערפֿרעסט די ליפּען. דער אַלטישקער האָט מיט פֿערדרוס אָנגעקוקט זיין איינינקעל.

סטעפֿע און לוציע האָבען איינגעהאַלטען זייערע שמייכלען. און נאָר דאָס לייכטע ציטערען פֿון סטעפֿעס ליפּען-ווינקלען האָבען אַרויסגעוויזען, אַז די דאָזיגע סצענע האָט איהר פֿרעהליך געמאַכט.

פֿונדעסטוועגען האָט עס וואַלדעמאַר בעמערקט. ער האָט אָנגעהויבען צו וויצלען זיך מיט דעם הער קסאַווערי, און צו איהם געזאָגט:

— איך פֿערבעט אײַך אין גלעמבאָוויטש אויפֿ'ן גאַנצען זומער, געמאַכט? איהר וועט דאָרטען אַלץ האָבען, וואָס אײַער נשמה וועט נאָר גלוסטען. אַלע טאָג די בעסטע זופּען, שפּאַראַגען, וואָרום איך אַליין האָב ליב בעקומען שפּאַראַגען — אַלע טאָג שפּילען אין שאַך, אילוסטרירטע זשורנאַלען. צוליב אײַך וועל איך אַפילו מאַכען אַן'אילומינאַציע, וואָס איהר האָט אַזוי גערן. נו, וואָס? אָפּגעמאַכט?

דער הער קסאַוועריּ, האָט אַרויסגענומען פֿון דער טיפֿער סורדוט-קעשענע אַ גרויסע נאָז-טיכעל, גוט אַרומגעווישט זיך דעם פּליך און ערשט דאַמאָלס געענטפֿערט:

— וואָס טויג איך אײַך הער מיכאַראָווסקי? כ'וועל שוין בעסער פֿערבלײַבען אין סלאָדקאָוויעץ.

— אין סלאָדקאָוויעץ וועט אימעצער אַנדערש קומען... אַ יונגערער. איהר קענט נישט גוט ווײַלען די דאַמען! דאָס איז, פֿערשטעהט איהר מיך, אַ בעזונדערע פֿעהיגקײַט. מיר זענען דאָך ביידע אַפּאָסטאָלען פֿון בחור'שאַפֿט, לאָמירזשע צוזאַמען זײַן אין גלעמבאָוויטשי, דאָ וויל מײַן מוהמע-לעבען האָבען עפּיס פֿרעהליכערס.

די פֿרוי אידאַליאַ האָט אַ קנײַטש געטון מיט די פּלײַצעס.

— איך בעט אײַך זעהר רעדט מיך נישט אײַן! וואַרפֿט נישט אָן אויף מיר אײַערע קאַפּריזען — האָט זי מיט אַ זויערע מינע אַ זאָג געטון.

וואַלדעמאר האָט ערנסט אײַנגעבויגען זײַן קאָפּ.

— שטענדיג בין איך גרייט צו טון דאָס, וואָס דו הייסט מיר, מײַן טײַערע מוהמע.

דערנאָך האָט ער זיך געווענדעט צו סטעפֿען:

— איהר דאַרפֿט משפּט'ן, איהר דאַרפֿט זאָגען — זאָל דער הער קסאַוועריּ בלײַבען אין סלאָדקאָוויעץ, אָדער — זאָל איך איהם מיטנעהמען מיט זיך, אין גלעמבאָוויטשי?

— מײַן מיינונג איז דאָ איבעריג — האָט סטעפֿע אַ גערײַצטע אָפּגעענטפֿערט.

וואַלדעמאַר האָט זיך טיף אײַנגעקוקט אין איהר מיט זײַנע גרויסע דורכדרינגליכע אויגען, מיט אַן'עטוואָס שפּאַסיגען אויסדרוק. ער האָט אַ שאָקעל געטון מיט'ן קאָפּ, און אַ זאָג געטון מיט אַ פּלומרשטען פֿערדרוס:

— אוי, וועה! איך האָב צו אײַך גאָר קיין מזל נישט! יעדער טריט איז אַ שטערונג! איהר זענט צו מיר אונערבאַרמליך! לוציע, פֿאַרוואָס זעהסטו נישט די פֿרײַליין סטעפֿאַניאַ זאָל פֿון מיר האַלטען? דו מוזט עס אונבעדינגט טון.

דאָס מיידעל האָט אַ בליק געטון אויף איהר מוטער, און האָט אַראָפּגעלאָזען די אויגען, ווייזט אויס, זי האָט עטוואָס געוואָלט ענטפֿערן. נאָר דער

בייזער אויסדרוק פֿון דער מוטערס פּנים האָט ביי איהר צוגענומען דעם חשק.

דאָ האָט זיך אַריינגעמישט דער אַלטיטשקער מאַציעי, וועלענדיג צוגעבען אַנ׳אַנדער ווענדונג דעם געשפּרעך:

— ווערסט דאָ נעכטיגען, וואַלדי?

— גאָט בעהיט! צו וואָס? איך וועל נאָך מאַכען די לעצטע פֿעראָרדנונגען קלעטש׳ן, און איך פֿאָהר.

ער האָט אַ קוק געטון אויף סטעפֿע׳ן און צוגעגעבען:

— סיידען איהר זאָלט וועלען, איך זאָל פֿערבלייבען, אַלס אַ פּאַרטנער צום טעננים. אין דעם פֿאַל פֿערגעס איך היינט אָן גלעמבאָוויטשי און..

— וואַלדי, איך בעט דיך, וויצעל זיך נישט — האָט איהם אונטערבראָכען איבערגעשלאָגען די רייד דער אַלטער מאַציעי.

— אָבער איך שפּאַס דאָך גאָרנישט! די פֿריילין סטעפֿאַניאַ קען אויף מיר ווירקען — איך זאָל בלייבען... וואַרט איך טאַקי אויף איהרע ווערטער.

און אַנ׳איינגעבויגענער האָט ער געקוקט אויף סטעפֿע׳ן מיט אַ העזה׳דיגען בליק.

— איך וואַרט אויף אייער בעשלוס! — האָט ער איבערגע׳חזרט.

סטעפֿע האָט זיך בעגאָסען מיט הייסען בלוט פֿון אויפֿרעגונג.

מיט וואָס פֿאַר אַ פֿערגעניגען וואָלט זי איהם אַ שמיץ געטון אין פּנים מיט אַ סערוועטעל, אָדער מיט אַ טעלער.

זי האָט אויף איהם אויפֿגעהויבען אַ פּאָר אויגען פֿול כעס, און געענטפֿערט:

— איך האָב אייך דאָך שוין געזאָגט, אַז איך שפּיל נישט אין טעננים, און איצטער זאָג איך אייך דאָס נאָך אַ מאָל.

— אַך! אויב אַזוי, וועל איך דאָ בלייבען, אַלס אייער לעהרער. איך פֿערזיכער אייך, אַז איהר וועט זיך גיך אויסלערנען.

— צופֿיל אויפֿמערקזאַמקייט — האָט זי ברוגז׳דיג אַ וואָרף געטון.

וואַלדעמאַר האָט ווייטער גערעדט.

— אייך קליידט זעהר שטאַרק צום פּנים, ווען איהר בעקומט פֿאַרבען. די קאָלירען זענען אַזוי געשמאַק, ווי די צייטיגע קאַרשען. ווען איך וואָלט געווען זיין אַ שפּערלינג, וואָלט איהר מיך נישט אַזוי גיך פֿון זיך אָפּגעטריבען, דערווייל מוז איך נאָר נעבעך די סליניע שלינגען.

סטעפֿע איז בלייך געוואָרען, פֿערביסען די ליפּען, און ארומוואַרפֿענדיג וואַלדעמאַר׳ן מיט אַ קאַלטען בליק, האָט זי אַראָבגעלאָזט די אויגען.

דער מיטאָג האָט זיך שוין געענדיגט. די באַראָנעסע איז אויפֿגעשטאַנען, נישט אָנקוקענדיג קיינעם נישט, און איז מיט גיכע טריט ארויסגעגאַנגען פֿון זאַל.

אין סלאָדקאָוויעץ האָט מען זיך נישט געדאַנקט, אויפֿשטעלענדיג זיך פֿון טיש. אַזוי האָט מען זיך דאָרטען אויפֿגעפֿיהרט. פֿלעגט עס סטעפֿען פֿערדריסען, און זי פֿלעגט זיך שטענדיג פֿערנויגען פֿאַר אַלע ביים אויפֿשטעהן פֿון טיש.

די פֿרוי אידאַליאַ האָט אויף דער דאָזיקער פֿערנוויגונג בכלל נישט געענטפֿערט, און דער אַלטער מאַציעי פֿלעגט סטעפֿען אפֿילו דערלאַנגען די האַנד — האָט זי זיך געפֿילט אומבאַקוועם אין באַציִונג צו דער פֿרוי אידאַליאַ.

דער יונגער מיכאַראָווסקי, ווייטער, וועלנדיק אויפֿרייצן די מומע, און צוליב זײַן אייגענעם פֿאַרגעניגן וועגן, פֿלעגט אויך דערלאַנגען סטעפֿען די האַנד, ווייסנדיק אַז מיט דעם וועט ער איר אַרײַנברענגען אין כּעס. היינט האָט אָבער סטעפֿע געוואָלט אויסמײַדן דעם באַדאַנקען, איז זי פֿריִער אויפֿגעשטאַנען פֿון דער באַראָנעסע, און העפֿליך פֿאַרנייגנדיק זיך פֿאַר דעם אַלטיטשקען — איז זי אַוועק צו דער טיר.

וואַלדעמאַר האָט איר געשיקט פֿאַרשטעלט דעם וועג, און אויסשטרעקנדיק זײַן האַנט, האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— איך דאַנק אײַך זייער פֿאַר דעם ליבען ווידזאַ־ווי.

סטעפֿע האָט זיך אַ ציִה געטאָן צוריק, און נישט דערלאַנגענדיק איהם די האַנט, איז זי אַדורך, און נישט אַ קוק געטאָן אויף איהם.

דער יונגער מאַגנאַט האָט אַ שאָלצער איהר נאָכגעקוקט. ווען זי איז פֿאַרשוואונדען הינטער דער טיר, האָט ער אַ צופּ געטאָן זײַנע שעהנע גאָלדיג־בלאָנדע וואָנסעס, און גאָרנישט רעדענדיג, איז ער אַוועק אין זײַן קאַבינעט.

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דעם פֿאָטעל ענטגעגען זײַן אַרבייט־טיש, אַרויסגענומען פֿון טאַש אַ טײַערן פּאָרטסיגאַר, אַרויסגענומען אַ סיגאַר, און אָנגעהויבען איהם אָנצינדען מיט אַ מערקווירדיגער אויפֿמערקזאַמקייט. די פֿולע, זאַפֿטיגע און תאוה־דיגע ליפּען האָבען זיך לײַכט באַוועגט, אַרויסלאָזענדיג פֿון דעם סיגאַר שלענגלעך בלויעם רויך.

מיט צוזאַמענגעצויגענע ברעמען איז ער געזעסען, און מיט אַ קינסטליכער פֿאַרטראַכטקייט אין זײַנע אויגען. אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער אַרײַנגעלעגט די הענד אין די טאַשען, פֿאַרלעגט אַ פֿוס אויף אַ פֿוס, און באַקוועם זיצענדיג אין פֿאָטעל, האָט ער אַרויסגעברומט, נישט אַרויסנעהמענדיג דעם סיגאַר פֿון מויל:

— פּראָסט גערעדט, איך האָב פֿון איהר באַקומען אַ פּאַטש אין פּנים.

און אַ צופֿרידענער פֿון זײַנע ווערטער, האָט ער צוגעגעבען:

— אַ פֿלאַם — אַ מעדעל! און אַ טעמפּעראַמענט האָט זי אַ טײַוועלשען!

III.

אין עטליכע שעה אַרום, איז דער יונגער גוט-בעזיצער אויפֿגע-שטאַנען פֿון זיין אַרבייטס-טיש, און דערלאַנגענדיג די האַנד דעם פֿערוואַלטער, האָט ער געזאָגט:

— מיר האָבען גענדיגט. אויב עס וועט דאָ עפּיס אויסערגעוועהנליכעס פֿאָרקומען, בעט איך אייך צו טעלעפאָנירען. איך וועל די גאַנצע צייט זיין אין דער היים.

דער פֿערוואַלטער קלעטש האָט זיך טיף פֿערנויגט, אָנריהרענדיג מיט ראַיִוסקי׳ס האַנד, און אַ פֿערוואונדערטער אַ פֿרעג געטון:

— דער העַר וועט לאַנג נישט זיין אין פּאָדקאָוויצען?

— אָ, יאָ! אַ וואָך, אָדער אפֿשר לענגער.

— אויב אַזוי מוז איך ביי דעם העַר נאָך עפּיס פֿרעגען.

— וואָס?

— כ׳וויל פֿרעגען, וואָס פֿאַר אַ פֿיר פֿערד בעשטימט דער העַר אויף צו בענוצען אין פּאַלאַץ: די קאַרע, די קאַשטאַנעס, צי די גניאַדע?

צו וואָס פֿרעגט איהר עס?

— ווייל די קאַרע זענען זעהר איידעלע פֿערד. די בּאַראַנעסע פֿאָהרט אָפֿט צו די גראַפֿען טשווילעצקי׳ס קיין שאַל. דאָס איז דאָך אַ וועג, וואָס ציהט זיך פֿיר מייל, און איז זעהר אַ שווערער. די פֿערד זענען נישט צוגעוואוינט צו אונזערע וועגען, און זיי קומען צוריק פֿערשמייעטע. די בּאַראָנעסע יאָגט שטאַרק די פֿערד. איך קען זיך אַליין נישט מעכטיגען, נאָר איך וואָלט געוואָלט, אַז איין געשפּאַן זאָל אויסשליסליך בעשטימט זיין צום אַרומפֿאָהרען, וואָלט איך דעמאָלסט נישט געדאַרפֿט זיין פֿעראַנטוואָרטליך פֿאַר די פֿערד.

וואַלדעמאַר האָט, איבערלעגענדיג די פּאַפּירען אויפ׳ן שרייב-טיש, זיך צו-געהערט צום פֿלינקען רעדען פֿון דעם פֿערוואַלטער. ער האָט אויפֿגעהויבען דעם קאָפּ, אַ קוק געטון אויף קלעטש׳ן, און מיט פֿערוואונדערונג פּאַמעליך אַ זאָג געטון:

— ערשטענס איז דער סטאַנגרעט פֿעראַנטוואָרטליך פֿאַר די פֿערד נאָך אַזאַ נסיעה, נישט איהר.

קלעטש איז צוטומעלט געוואָרען.

— טאַקי אַזוי! איך דאַרף דאָך אָבער ענטפערן פאַר דעם, וואָס איך גיב זיי.

מיכאַראָווסקי האָט אַ פּיהר געטון מיט'ן האַנד איבער'ן שטערן און אַק צענטירענדיג געזאָגט:

— איך פרעג אייך, איז מיין מוהמען נישט אַלץ-איינס, מיט וועלכע פערד זי פאָהרט?

קלעטש איז נאָך מעהר צוטומעלט געוואָרען.

— ניין, די בּאַראָנעסע קלייבּט שטענדיג אַליין אויס: אַמאָל — די קאַרע, אַמאָל — די קאַשטאַנעס.

— נו. אויב אַזוי מוז בּלייבּען ווי עס איז.

קלעטש האָט פערשטאַנען, אַז ער האָט אומגעלומפערט אָנגעריהרט די פראַגע, און אַז ער דאַרף שוין אַוועקגעהן. ער האָט אַ קוק געטון אויף זיין בעל-הבית: דער אויסזעהן פון זיינע צונויפגעקנייטשטע ברעמען, און די אָוגע-בלאָזענע ליפּען האָבען געמאַכט אויף דעם פערוואַלטער אַנ'אונאַנגענעהמען איינ-דרוק. די אויגען זיינע האָט ער נישט געזעהן, מחמת זיי זענען געווען אַראָפּ-געלאָזט אויף די פּאַפּירען, ער האָט זיך אָבער אָנגעשטויסען, אַז זייער אויסדרוק דאַרף אויך זיין נישט קיין פריינדליכער.

קלעטש האָט שטענדיג בּעוואונדערט דאָס איידעלע בּעגעהן זיך פון דעם מאַגנאַט מיט דער דינערשאַפט. ער האָט אָבער געוואוסט, אַז די צוזאַמענגע-קנייטשטע ברעמען, דאָס כאַראַקטעריסטישע אָנבלאָזען פון די ליפּען, און די אָפּגעלאָזענקייט פון זיין גאַנצען געשטאַלט, איז אַ סימן פון שלעכטער שטימונג. האָט ער פערנויגענדיג זיך, געזאָגט:

— ענטשולדיגט מיר, וואָס איך האָב געהאַט די העזה.

— איך בּעט אייך זעהר! — האָט מיכראָווסקי געענטפערט מיט אַ טאָן, אין וועלכען עס איז געווען, אי ענטשולדיגונג, אי אויפרעגונג, ער האָט אַרויסגע-זאָגט די ווערטער מיט אַנ'איידעלקייט און מיט אַ שטראָפּען גלייכצייטיג.

דערביי האָט ער אויפגעהויבען דעם קאָפּ, און בּליציג אַ קוק געטון אויף קלעטש'ן. יענער האָט שוין געטראַכט, ווי גיכער אַרויסצוקריגען זיך פון דעם קאַבינעט.

— מיין אַכטונג — האָט ער געזאָגט, פערנויגענדיג זיך נאָך אַמאָל.

— אַ גוטען! — האָט מיכראָווסקי קורץ אַ וואָרף געטון, און אַ שאָקעל געטו מיט'ן קאָפּ.

און נערוועזיש האָט ער אַ הויב אויף געטון די בּרעמען.

קלעטש איז אַרויס. האָט דער מאַגנאַט אָפּגעאָטעמט.

— אײניגע צעקלאַפּטע אויף דער מוחמען — האָט ער זיך אַ בריה געטון — און שטענדיג קלעטש. — נו, איצטער האָט ער שוין פֿאַרשטאַנען. איך האָב פֿײַנט צו געבן אַזעלכע לעקציעס.

ער האָט געשפּרײַזט איבערן קאַבינעט, און געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— דער האָט זי ליב! — האָט ער כמעט אויפֿן קול אַ זאָג געטון.

עס איז אָנגעקומען דער קאָמערדינער יאַצענט.

— דער אַלטער הער בעט אײַך צו זיך.

— גוט, הײס זאָטלען דעם פֿערד.

דער אַלטער מאַציעי איז געזעסן בײַ זיך אין קאַבינעט אין אַן אַלט־פֿרענקישען שטול, פֿאַרטיפֿט אין לייענען. דערזעהענדיג אַרײַנגעהן זײַן אייניקעל, האָט ער אַוועקגעלעגט אויפֿן טיש דאָס ביכעל.

— ענטשולדיג מיר, וואָס איך האָב דיך גערופֿען. איך וויל זיך מיט דיר אַדורכרעדען. אפֿשר ביזטו געווען פֿאַרנומען?

וואָלדעמאַר האָט אַ שמייכעל געטון.

— און אויב אפֿילו יאָ, ווייסטו דען ניט, זיידעשי, אַז דו ביזט בײַ מיר אויפֿן ערשטען פּלאַן?

דער זקן האָט איהם דערלאַנגט זײַן האַנד.

— דו ביזט אַ גוטער, זעהר אַ גוטער. און דעריבער איז מיר טאַקי ניט אָנגענעהם, וואָס דו וועסט מיך נאָך אויסזידלען. זעץ זיך דאָ, אונערטרעגליכער יונגעל.

ער האָט איהם אָנגעוויזען אויף אַ פֿאָטעל אַנטקעגען.

וואָלדעמאַר האָט זיך אַוועקגעזעצט, און דורכ'ן פֿענסטער האָט ער אין פּאַרק אַפּוירגעקוקט, וואו די שפּיל־פֿויגלען האָבען זיך צוזונגען. ער האָט מיט שפּאַס אַ פֿרעג געטון:

— אמת? מיט וואָס האָב איך זיך דען פֿאַרזינדיגט?

— מײַן טײַער יונגעל, אומזיסט־אומניסט רייצטו זיך מיט אידאַליען.

— אַך, הייסט עס, אַז די מוהמע האָט שוין אין אײַך אַרײַנגערעדט! זאָל זײַן מיט מזל!

— וואָס רעדסטו! וואָס פֿאַלט דיר אײַן, מײַן וואָלדי! איך האָב נאָר זעהר פֿײַנד דעם מין נערוועז, און זי פֿאַרמאָגט זיי אין אַ גרויסער צאָהל. ווען דו רעגסט זיי אויף, האָבען מיר אַזעלכע געשמאַקע מיטאָגען, ווי דער הײַנטיגער.

— נו, גוט. אָבער וואָס מיינט וועגען דעם דער זיידע? — האָט וואָלדעמאַר פּלוצים אַ פֿרעג געטון.

— איך בין, אָהן ספק, אויף דיין זייט. דער גראַף ס. איז אַן׳אומפּער־אַנוואָרטליכער מענש. אידעאַליע מיינט אָבער אַנדערש. זי זאָגט, אַז מיר זענען מחויב צו האַלטען זיך ביי אונזערע ספערען, און אַרויסהעלפען זיך איינער דעם אַנדערען, אַנשטאָט צו זוכען פרעמדע געטער. טיילווייז איז זי גערעכט, אָבער אין דעם פאַל...

וואָלדעמאַר האָט אַרויסגעפּלאַצט מיט אַן׳איראָנישען געלעכטער.

— אַן׳אויסגעצייכענטע טעאָריע! די מענשענפריינדליכקייט פון מיין מוהמען ריהרט מיך שטאַרק! אָבער דאָס איז אַ פאַלשע מענשענפריינדליכקייט. דער מוהמען אימפּאָנירט דער גראַף, פּונקט ווי זי אַליין וואָלט געווען אַן׳אויפגעקומענע. דער גראַף ס. אלס פּראַקטיקאַנט אין סלאָדקאָוויעץ — דאָס שמעקט איהר זעהר שטאַרק, דער מוהמען. איך בין אָבער אַן׳עקסטער עגאָאיסט, און אַזאַ קאָמעדיאַנט וועל איך נישט נעהמען אַלס פּראַקטיקאַנט און אַלס מיין געהילף. איך זוך נישט קיין שום ספערעס, נאָר עפּיס ממשות׳דיגעס, ענערגישעס, עפּיס אַזוינס, וועגען וואָס דער דאָזיגער פּאַרשוין האָט קיין שום אַהנונג נישט. אויב איינער פון די פּראַקטיקאַנטען אין גלעמבאָוויטשי איז אַ גראַף — איז נאָך נישט קיין בעווייז, אַז איך דאַרף זוכען נאָך איינעם. יענער, אין גלעמבאָוויטשי, איז אַזאַ ווי אַ״ע אַנדערע, און דער גראַף ס. טויג צו גאָרנישט. מסתמא מיינט די מוהמע, אַז דער פּראַקטיקאַנט וועט דאָ שפּילען די ראָלע פון אַ פיינעם יונגעמאַנטשיק אויף אַ קוראָרט, ער וועט שפּילען אין טעניס, אין בילאַרד, און וועט פאָרלעזען אויפ׳ן קול פראַנצויזישע ראָמאַנען. איך וויל אָבער אַן׳אַנדער מין פּראַקטיקאַנט, און איך וועל פועל׳ן דאָס, וואָס איך וויל. איבעריגענס, האָב איך שוין אַזאַ איינעם, שוין אָפּגעמאַכט מיט איהם, און איך וועל דעם אָפּמאַך נישט צוררייסען צוליב... די משונה׳דיגע איינפאַלען פון דער מוהמען.

ער האָט זיך לעבעדיג פונאַנדערגערעדט, זשעסטיקולירענדיג מיט די הענד און אַרומשפּריזענדיג אין קאַבינעט.

ער האָט זיך נעבען פענסטער אַוועקגעשטעלט.

— ווייסט כאָטש דער זיידע ס׳אַרא פּראַקטיק איך האָב דורכגעמאַכט ביי די פירשטען לאָזינסקי׳ס? — האָט ער פּלוצלונג אַ פרעג געטון. — אויב דער גראַף ס. איז פעהיג אויף אַזאַ אַרבייט, טאָ זאָל ער קומען ערפילען דער מוהמעס אַמביציעס.

דער אַלטישקער מאַציעי האָט אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנד.

— לאָז אָפּ, איך קען גוט דעם דאָזיגען יונגעמאַנטשיק. אַן׳אויסגעפּאַרפומירט פּאַרשוינדעל, איינגעצן עטליכע און צוואַנציג יאָהר אַלט, און האָט שוין אַ שפּאָרען פליך. דאָס מאַכען זיך דעם טואַלעט — פערנעהמט ביי איהם אַליין אַ האַלבען טאָג. ער וואָלט פאַר דיר אַ לאַפּט געווען און נישט קיין הילף.

— ע־ע־ע! איך וואָלט מיט איהם נישט געמאַכט קיין לאַנגע צערעמאָניעס. ווילסט נישט, יונגערמאַנטשיק, אויפשטעהן פינף אין דערפריה, טאָ פאָהר דיר געזונטערהייט אין מאָנטע־קאַרלאָ שפּילען רולעטקע. איך וויל, אַז מיינע פּראַקטיקאַנטען זאָלען געניסען פון אַרבייט. אין סלאָדקאָוויעץ און אין גלעמבאָוויטשי האָבען זיי פאַר דעם אַ גרויס פעלד. נעהמען אָבער צו זיך דעם ערשטען בעסטען פויגעל־בחור האָב איך נישט בדעה. דער דאָזיגער ס. האָט קיין שום ווירטשאַפטליכע שולע נישט געענדיגט. וואָס־זשע וויל ער, איך זאָל פאַר איהם האַלטען לעקציעס פון אַגראָנאָמיע, פונ׳ם אָנהויב ביז׳ן סוף, און דעמאָלט וועט זיך איהם ערשט אָנהויבען צו אַרבייטען? און דאָס שפּילען טעניס וועט איהם מיאוס ווערען? אַזאַ פילאַנטראָפּ פאַר אַזעלכע לייט בין איך נאָך נישט. זאָל דאָ די מוהמע מאַכען אַזעלכע קורסען פאַר פּליטעורס, אַפעריסטען, פראַנטלען און טעניס־שפּילער — דאַמאָלסט וועל איך נאָך איהם שיקען אַ קאַרטע אויסגעבעט מיט קישעלעך — ער זאָל זיך נישט צוברעכען ווי אַ פּוסט פלעשעל פון פּערפוּמען.

דער אַלטיטשקער האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט.

— מעהר ווי דאָס פעהלט שוין דיר נישט, דו זאָלסט עס זאָגען אידאַליען.

— איך וועל זאָגען! אויב די מוהמע וועט אין מיר ווידער אָנהויבען אַריינצורעדען וועגען דער ליבשאַפט צו אונזער אויסגעקראָכענער, פליכצוואַטער ספערע — וועל איך געוויס זאָגען. צום גליק, וואוין איך אין גלעמבאָוויטשי, און איך קען דאָ אַהער זעלטענער קומען צו אַריינברענגען איהר אין כעס.

— נו, מיין טייערער, טראַכט נישט וועגען דעם. ווייסטו גאָר וואָס? דער דאָזיגער פּראַקטיקאַנט וואָלט אפשר טאַקי געקענט בלייבען אין גלעמבאָוויטשי, און דאָ וואָלט זיין רוהיג. וואָס מיינסטו עפּיס?

— איך האָב דאָך אָבער אין גלעמבאָוויטשי דריי פּראַקטיקאַנטען, און דאָ קיין איינעם נישט. און סוף כל סוף איז דאָך פון גלעמבאָוויטשי ביז סלאָדקאָוויעץ אַ שטח פון צוויי מייל אינגאַנצען — וואָלט ער איינענטליך אַהין געקענט פאָהרען אויף מיטאָגען און אויף נאַכט־לעגער?

— נאַרישקייטען! דאָס איז אוממעגליך!

— וואָלט ער אפשר געגעסען ביי קלעטש׳ן?

וואַלדעמאַר האָט זיך אַוועקגעזעצט און איינגעבויגענערהייט האָט ער געזאָגט צו דעם אַלטיטשקען, אָננעהמענדיג איהם פאַר׳ן האַנד:

— זיידע, לאָמיר זיין אָפענהערציג: צי רעדט עס דער זיידע אונטער דער ווירקונג פון דער מוהמען, צי פון דעם אייגענעם נישט־וועלען, אַז דער פּראַקטיקאַנט זאָל זיין מיט אונז? אויב דער זיידע וויל עס אַליין נישט, אויב עס זאָל איהם גופא זיין אונאַנגענעהם — בעט איך ער זאָל עס מיר אָפען זאָגען. איך

וועל דאַן צוריקציִהען דעם אָפּמאַך מיט דעם דאָזיגען העֶר, און אַ סוף וואָלט געֶנומען מיט דער זאַך. דיר, זיידע, וויל איך ניִשט פֿערשאַפֿען קיין עגמת נפש.

דער זיידע האָט אַרומגענומען דעם אייניקעל, אַ קוש געטון איהם האַרציג, און געזאָגט:

— דו ביזט, וואָלדי, מיר זעהר ליב. איך דאַנק דיר פֿאַר דיין אויפֿמערקזאַמקייט. איך וועל זיין אָפֿענהערציג: דער דאָזיגער יונגערמאַן וועט מיר ניִשט זיין אונאַנגענעהם, אדרבא, איך האָב ליב די געזעלשאַפֿט פֿון יונגע. איבעריגענס ווייס איך, אַז דו וועסט ניִשט אָננעהמען אַ ניִשט ערצויגענעם מענשען, ווייל דיין אייגענער געשמאַק און דיין איידעל געפֿיהל, וועט דיר דערצו ניִשט דערלאָזען. איך בין אינגאַנצען ניִשט געגען דעם, איך בין מיט דיר אינגאַנצען. מיר דאַרפֿען ציוויליזירען, אָנקניפּען די גוטע ראַסע אין דער פּראָסטער, אויפֿהויבען די קולטור, — און אויב מיר זענען דערצו פֿעהיג און גענויט, טאָרען מיר דאָס ניִשט אויסמיידען, איז עס אונזער חוב, אַלס די וועגווייזער פֿון דער געזעלשאַפֿט. דער גראַף ס. וואָלט גאָרניִשט גענאָסען פֿון אונז; און דער העֶר, וועגען וועלכען דו רעדסט וואָלט, זייענדיג אין אונזער סביבה געקענט זיך אויסלערנען, און דאָס וואָלט מיט דער צייט פֿאַר איהם געבראַכט גרויס נוצען, פֿערשענערונג פֿון לעבען, פֿאַרוואָס ער וועט אונז בלייבען דאַנקבאַר.

וואָלדעמאַר האָט געוואוסט, אַז דער זיידע איז, אויסער זיין ניכטערן שכל, געווען אַ פֿערברענטער פֿאַנאַטיקער פֿון זיין אייגענער ספּערע, און ער האָט זיך געזאָרגט פֿאַר איהר כבוד ביז אַ פֿערביסענקייט, ביז אַ פֿעטישיזם. דער אַלטיטשקער האָט זיך פֿאָרגעשטעלט, אַז די אַריסטאָקראַציע איז דאָס דיריזשיר-שטעקעל אין גאָטס האַנט, אַז ער רעגירט מיט דער נידעריגער ראַסע פֿון מענשען, מיט דעם אָרקעסטער פֿון מענשליכע איינדרוקען; אַז ער גיט זיי דעם צוגעפּאַסטען לאָזונג, און בעפֿעהלט די מאַסען צו קוקען אויף איהם, און צווינגט זיי צו נאָכגעהן נאָך זיינע בעוועגונגען.

איין חסרון האָט דער העֶר מאַציעי ניִשט געקענט מוחל זיין דעם כלומר'שטען דיריזשיר-שטעקעל, נעמליך, די ליבשאַפֿט און פֿערעהרונג פֿון פֿרעמדע פֿאַרבען, פֿון וועלכע די אַריסטאָקראַציע האָט אויסגעזעהן, ווי אַ פֿערשטעלטע, ווי אַן'אָנגעטוענע אין מאַסקאַראַדען-קלימפּערלעך, וואָס האָט צו ניִשט-געמאַכט איהר עיקר געשטאַלט.

אויף דער בעמערקונג פֿון דעם אַלטיטשקען, אַז מענשען פֿון אַנדערע ספֿערען, פֿערקעהרענדיג מיט זיי, קענען פֿיל געניסען, האָט וואָלדעמאַר פֿרעהליך אויסגערופֿען:

— יאָ, יאָ! אַזוי געניסען, אַז ער וועט אונז דאַנקבאַר זיין, נאָר צו וואָס טויג עס ביספּעלסווייז צו געניסען? אַז מען קען עס מיטאַמאָהל מאַכען! איבער-

געהמען זיך מיט דער מוהמעס גערוועץ, העוויות, מיט איהרע אויסגעפיינטע, דיסטינגירטע מינעלען. אויסלערנען זיך רעדען מיט פרעמדע ווערטער, האלטען אויסלאנד פאר א הייליגקייט, פאר א מזל-בעשטימערין, ווען זיך דערוויסען, אז א מענש, וואס האלט זיך שטאלץ, און וואס וויל נישט דערנידעריגען זיין כבוד, דארף דעם „ריש" אויסמעקען פון זיין געברוד און אויפ'ן פראנצויזישען שטייגער „מארכלען": צום סוף וועלען מיר איהם איבערצייגען, אז מען קען זיין פער'משפט צו פערלירען די עהרע און האנאר, נישט נאר, ווען מען בעגעהט א נידערטרעכטיגקייט, נאר אויך, ווען מען... נעהמט נאך א חלק פון פאלומישעק. עס זענען אלץ פיינע דערגרייכונגען פון דער ציוויליזאציע!

דער אלטיטשקער, וואס איז געווארען אנגעשטעקט מיט דעם שפאטישען טאן פון דעם אייניקעל, האט מיטגעלאכט. די אלע פונקטען, וואס וואלדעמאר האט דא אויף קאטאוועס אנגעריהרט, האט ער פיינד געהאט אין זיין טאכטער. ער האט נאר מיט איהר איינגעשטימט אין איין זאך — אין דעם געצענדינערישען פערהערליכען פון דער אריסטאקראציע, און אויך דאס אפילו האט ער אנדערש פערשטאנען.

— מיין יונגעל — האט ער מיט א שמייכעל א זאג געטון, — דו האסט נארוואס גערעדט וועגען אידעאליען, זאג מיר, מיט וואס, אייגענטליך, וואלט איך זי געקענט ציוויליזירען?

— אך! דער זיידע רופט ארויס קאמפלימענטען. ווען מיר אלע וואלטען געוועזען עהנליך אויפ'ן זיידען און אויף דער באבע פאדהארעצקא, וואלט איך מיט גאר אנדערע אויגען אויף אונז געקוקט. דאמאלסט וואלט איך אפשר געווארען א גייסטליכער, וואס לעגט קרבנות אויף דעם מזבח פון אונזער סעקטע. איך וואלט דאמאלסט לכבוד אונז געזונגען לויב-געזאנגען, און איך וואלט געוויס געוועזען דער פיאנער פון אונזערע העררליכע לאזונגען, אולטרא-הומאניטארע פרינציפען און פיינער עטיק. נאר מחמת איך זעה ביי אנדערע נישט דאס, וואס אין אייך — וויל איך נישט צוזאמען מיט דער מוהמען זינגען די לויבענדיגע הימנען.

דער הויכער שטערען פון דעם אלטען מאגנאט האט זיך צונויפגעקנייטשט, ער האט ארויפגעלאזט דעם קאפ און שווער א זיפץ געטון. די ווערטער פון זיין אייניקעל האבען זיך מיט אנ'אומרוהיגען ווידער-קול אפגערופען אין זיין נשמה. עפיס האט זיך ביי איהם אין זיין געוויסען אפגערופען, עפיס א קליין קעמערעל פון זכרונות, פערדעקט מיט שימעל פון לעבען, האט ווייטיגענדיג א ציטער אויפגעטון. די אומעטיגע רגע פון לעבען האט מען געקענט ערקלערען מיט דער יוגענד; דער אלטער מאגנאט האט אבער נישט געהערט צו די מענשען, וועלכע שאפען זיך טיפות און תירוצים, שטעלענדיג זיי פאר זיך, ווי די בארריקאדען, כדי צו פערמילדערען די אייגענע טעותים, און צו מאכען זיך דאס לעבען רוהיגער.

ער איז געזעסן אַ פֿערטראַכטער, אַ שווײַגעדיקער. דאָס האָט געוועקט די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון וואַלדעמאַר'ן.

האָט ער זיך אָוועקגעשטעלט לעם דעם זיידען, און אַרײַנקוקנדיק איהם אין פּנים, געטון איהם אַ פֿרעג מיט אַ שמייכעל:

— וועגען וואָס טרויערט ער אַזוי, דער זיידע? מען מעג וויסען? די פֿויגעל, אמת, מאַכען טאַקי אַזאַ שטימונג, וואָרום איך, צום בײַשפּיל, בין נישט קיין ראָמאַנטיקער, און דאָך הער איך דאָס טרילערען מיט הנאה. ווען נישט די פּערספּעקטיוו פֿון דעם אָוונט־ברויט אין דער געזעלשאַפֿט פֿון דער מוהמען, וואָלט איך דאָ אויף דער נאַכט איבערגעבליבען, דער דאָזיגער געדאַנק אָבער נעהמט מיר צו מיין גוטע שטימונג און דעם גאַנצען אַפּעטיט.

— בלײַב טאַקי! וואָס האָסטו צו טון מיט אידאַליען! איהר וועט זיך נאָך אויסגלײַכען.

— ניין. איך וועל בעסער פֿאָהרען! היינט האָבען מיך אַלע מיד געמאַכט אפֿילו די בת מלכּה — איבערגעטון פֿאַר אַ פּאַסטושקע.

— וואָס פֿאַר אַ בת מלכּה? וואָס פֿאַר אַ פּאַסטושקע?

— די פּאַננאַ סטעניאַ מיין איך...

דער אַלטיטשקער האָט אַזש אַ ציטער געטון.

— סטעניאַ? וואָס רעדסטו עפּעס וואַלדעמער?

דער יונגער האָט אויף איהם פֿערוואונדערט אַ קוק געטון.

— איך רעד, וועגען פֿרײַלײַן סטעפֿאַניאַ רודעצקאַ. דער זיידע רופֿט דאָך זי אַזוי.

— איך, יענע!.. איך רוף זי טאַקי אַזוי ווייל אַזוי איז שעהן. מיט וואָס האָט זי דיך אָבער מיד געמאַכט? ריכטיגער געזאָגט, מאַטערסטו זי שטענדיג, און אויך היינט...

וואַלדעמאַר האָט זיך פֿונאַנדערגעלאַכט אויפֿ'ן קול.

— אַך, איך וועל זי שוין נישט פֿערמאַטערן. אַ צו שטאַרק שנאַבעל'דיגע איז זי!

פֿונדעסטוועגען טוסטו שלעכט, וואַלדעמאַר, דו רעגסט זי אויף. זי איז זעהר אַ ליב און גוט קינד. פֿון אַ גוטער משפּחה איז זי, און דו ווייסט דאָך בײַ וואָספֿערע בעדינגונגען איז זי געוואָרען אַ לעהרערין, זי אַרבייט פֿיל און פֿלײַסיג, נישט קוקענדיג אויף דעם, וואָס דאָס איז נישט איהר פֿאַך. מען דאַרף עס קענען אָפּשאַצען, צו וואָס זאָל מען איהר פֿערשאַפֿען אונאַנגענעהמליכקייטען.

— איז עס טאַקי, ליבער זיידע, נאָך אַ כאַראַקטעריסטישער שטריך פֿון אונזער ספֿערע: דער מין מאַכען זיך אַ שפּילערײַ פֿון אַזעלכע נפֿשות, וואָס בלאָגען צווישען אונז, צו פֿערוואַנדלען זיי אין אַן אָביעקט פֿון שפּאַסערײַ, אום צו שאַרפֿען אויף זייער חשבון דעם וויץ.

מאַציעי האָט מיט חשד אַ קוק געטון אויפ׳ן איינקעל.

— איך צווייפעל, צי דו רעדסט עס ערנסט.

— אדרבא, אינגאַנצען ערנסט רעד איך. דאָס איז אויך אַנ׳אַנטיקעל פון דעם טייערן אוצר פון אונזערע מעלות.

— וואָלדי, וואָס איז מיט דיר היינט?

— איך בין אויפגערעגט באמת׳דיג.

— דו ביזט נאָר פערביטערט. און דאָס איז די סבה, וואָס דו ביזט נישט אַרעכט אפילו צו זיך. דו וואָלסט נישט פעהיג געווען אויף דער שפילעריי, וואָס דו האָסט דערמאָנט.

— קען זיין. איבעריגענס איז מיר אַלץ איינס.

— טאָ צו וואָס טוסטו עס?

וואַלדעמאַר האָט אויפגעהויבען זיין האַנד אין דער הויך.

— צוליב דער טראַדיציע, ליבער זיידעשי!

— עך! שטענדיג מאַכסטו שפאָס.

— ווען איך זאָגען דעם אמת, איך קען זי נישט ליידען!

— וועמען מיינסטו? די פריילין סטעניאַ?

— איהר — איהר טאַקי.

— פאַרוואָס? זי איז דאָך אַזוי שעהן, גוט און אינטעליגענט!

וואַלדעמאַר האָט געמאַכט אַ בעוועגונג מיט די פלייצעס.

— מסתמא, פאַר דעם זעלבען, פאַרוואָס זי האָט מיך פיינט. ווייס איך דען פאַרוואָס? נאָר דאָס אַלץ איז נישט וויכטיג. איך מוז שוין פאָהרען — דאָס פערד איז שוין גרייט. ביינאַכט וועל איך קומען אין גלעמבאָוויטשי. און אין אַ וואָך אַרום וועל איך שוין, צום גרויסען פערגעניגען פון דער מוהמען, קומען צוריק מיט׳ן פראַקטיקאַנט.

— לאָז צוּרוּה אידעאַליע שלאָפט. איך וועל זיך שוין פאַר דיינעט וועגען געזעגענען.

— בעסער טאַקי. זייט געזונד!

וואַלדעמאַר איז אַרויסגעגאַנגען פון קאַבינעט.

דער אַלטיטשקער האָט געזעהן דורכ׳ן פענסטער, ווי ער איז אַרויפגע שפרונגען אויפ׳ן פערד און איז שנעל אַפּגעפאָהרען. נאָכ׳ן פערד איז נאָכגעלאָ פען דער גרויסער שעהנער דאָג-פאַנדור, דער בעליבטער הונט פונ׳ם יונגען גוטס בעזיצער.

אין טויער האָט וואַלדעמאַר בעגעגענט סטעפען און לוציען, וועלכע זענען צוריקגעקומען פון שפּאַציר. לוציע האָט עפּיס אָנגעהויבען צו רעדען, און סטעפע האָט אויף זיין בעגריסונג אַ שאָקעל געטון מיט׳ן קאָפּ, און איז פאַמעליך געגאַנגען ווייטער אין דער טיף פון הויף, נישט אַכטונג געבענדיג אויף איהם. לוציע איז תיכף נאָך איהר נאָכגעגאַנגען.

וואַלדעמאַר האָט זיך אָפּגעהאַלטען בײַם טויער, אײַנגעשפּאַרטערהײַט נאָכ־קוקענדיג סטעפּען — ביז וואַנען זי איז אײַנגאַנצען פערשוואונדען געוואָרען פון זײַנע אויגען. דאַמאָלסט ערשט האָט ער אַ שמיץ געטון דעם פערד מיט'ן שפּיץ־רוט, אַ פײַף געטון אויפ'ן הונט און ווי אַ ווינט זיך אַ יאָג געטון אין וועג אַרײַן.

דער הער מאַציעי האָט אַ שמײַכעל געטון.

— זאָגט, אַז ער קען זי נישט לײַדען, און פונדעסטוועגען אינטערעסירט זי איהם — האָט ער שטיל צו זיך אַ זאָג געטון.

IV.

סטעפּעס לעבען אין סלאָדקאָוויעץ איז רוהיגערהײַט דורכגעגאַנגען. די לעקציעס, די שמועסען מיט לוציען, מוזיק, דאָס שפּאַצירען און לעזען האָט אויסגעפילט יעדען טאָג.

דער פרוי אידאַליע האָט סטעפּע צום מעהרסטען געזעהן בײַם טיש, אין אַנדערע שעה'ן פון טאָג האָט מען זי געקענט טרעפען אין קאַבינעט. בעקוועם פונאַנדערגעלעגט אויפ'ן טשעסלאָן, אָדער זיצענדיג אויף דעם פונאַנדערגעוויגטען וויג־שטול האָט זי געלעזען, תמיד געלעזען. אויף די טישלעך, אויף די בענקלעך, אויף די שטולען זענען געלעגען פונאַנדערגעוואָרפען די ווערק פון זשאַן זשאַק רוססאָ, זאָלאַ, דומאַ, באורזשע און אפילו פון וואָלטערען צוזאַמענגעמישט מיט ראָשפוקאָ מיט שאַטאָבריאַנען. צום מעהרסטען אַלץ פראַנצויזישע ביכער, צווישען וועלכע עס האָט זיך אויך אַמאָל געפונען דיקקענס, וואַלטער־סקאָט אָדער שעקספּיר. דײַטשישע טאָמען האָבען דאָ אויך צומאָל אַנ'אָרט געפונען. אַנ'אויסנאַהם זענען נאָר געווען פוילישע ביכער, וועלכע פרוי אידאַליאַ האָט אינגאַנצען אויסגעמיטען. די באַראָנעסע איז מיט זיך גופא געווען צופרידען און זי האָט קײנעם נישט געדאַרפט. די טאָכטער האָט זי איבערגעגעבען סטעפּען — זי זאָל אויף איהר אַכטונג געבען. און זעהר זעלטען — ווען פלעגט זי זיך מיט איהר פערנעהמען. דעם פאָטער פלעגט זי נאָר בעזוכען אין די מינוטען פון די גוטע שטימונגען און שפּילען מיט איהם אין שאַך. אין אַזעלכע מאָמענטען פלעגט זי אפילו דולדען די אַנוועזענהײַט פון דעם הער קסאַווערי, דעם אַלטעגליכען פאַרטנער פון דעם אַלטיטשקען.

עס זענען אויך געווען טעג, ווען אונטער דעם פרישען אײַנדרוק פון אַ דורכגעלייענטען בוך, פלעגט זי פלוצלונג ווערען איבערגעטריבען צערטליך צו

דער טאָכטער, צום פֿאָטער און אפֿילו צו סטעפּען. מיט אַ ליב שמייכעלע פֿלעגט זי איהר אויספֿרעגען, צי עס פֿעהלט איהר נישט עפּיס, און נאָך דעם גלייך איז זי געווען איבערצייגט, אַז אין איהר גופֿא שטעקט ממש אַ מלאך. אָפֿטערס פֿלעגט זי ארויספֿאָהרען קיין שאל, צו איהר מאַנס שוועסטער, דער גרעפֿין צווילעצקאַ, אָדער קיין אבראננא, וואו עס האָט געוואוינט די פֿירשטין פֿאָדהאָרעצקאַ.

מעהר קיין נאָהנטע שכנה׳שאַפֿט האָט סלאָדקאָוויעץ נישט פֿערמאָגט, וואוהין די באַראָנעסע זאָל קענען פֿאָהרען, אָהן אַ שטערעניש פֿאַר איהרע איבערצייגונגען. עטליכע בירגערליכע פֿאַמיליעס פֿלעגען אפֿילו קומען קיין סלאָדקאָוויעץ, האַלטענדיג עס פֿאַר אַ געוויסען חוב פֿון נאָהענטער בעקאַנטשאַפֿט און איבערהויפּט צו בעפֿרידיגען די אייגענע אַמביציעס. פֿלעגט זיי דער הער מאַציעי פֿריינדליך אויפֿנעהמען, די פֿרוי אידאַליאַ — איידעל און נאָר דער איינציגער וואַלדעמאַר פֿלעגט אָפּגעבען זיי די געגען-וויזיטען.

פֿאָהרענדיג קיין שאַל, אָדער קיין אָבראָננע, פֿלעגט זי צייטענווייז אויך אָפּטרעטען צו די דאָזיגע שכנים, וואָס זענען געווען אויסער די גרעניצען פֿון איהרע פֿערלאַנגען. זי האָט קיינמאָל אָבער נישט פֿערגעסען צו בעמערקען, אַז דאָס האָט זי זיך אַריינגעכאַפּט דרך אגב. די פֿרוי אידאַליע האָט געהאַט איהרע בעזונדערע כללים. אין סלאָדקאָוויעץ פֿלעגען זעהר זעלטען זיין געסט; פֿון די נישט-פּריווילעגירטע, ד. ה. די קליינע יחסנים פֿלעגען אָהן פֿאָהרען אויסשליסליך צו בעזוכען דעם אַלטיטשקען מאַציעי, אַנדערע ווידער פֿלעגען אָהן פֿאָהרען אויסשליסליך צוליב דער אייגענער פּוסט-און-פּאַסקייט, און אַנדערע — מיט דער האָפֿנונג צו טרעפֿען דעם יונגען גוט-בעזיצער. צו דעם דאָזיגען יונגען מאַגנאַט און מיליאָנער זענען געווענדט געווען די בליקען פֿון דער גאַנצער געגענד. מען האָט אין איהם געזעהן אַ חתן, איינעם פֿון די בעסטע אין לאַנד, וואָס עס איז צו איהם זעהר שווער זיך צוצוקריגען. דאָס איז, אייגענטליך, ביי אַ סך געווען די סיבה פֿון דער גרויסער פֿעראינטערעסירונג מיט דער ליבענסווירדיגער פֿערזענליכקייט פֿון דעם אַלטיטשקען, און דאָס, וואָס פֿיל האָבען געדולדיגט די גערוען פֿון דער פֿרוי אידאַליע, וואָס האָט נישט געהאַט קיין גרויסען חשק צו אַ פֿריינדליך געזעלשאַפֿטליך לעבען.

נישט קוקענדיג אויף דער אַרבייט און אויף דער פֿערנומענקייט האָט סטעפֿע דאָך געבענקט אַ היים. די בריף, וואָס זי פֿלעגט בעקומען זענען פֿאַר איהר קנאַפּ געווען, און אַ בענקשאַפֿט האָט איהר אַרומגענומען.

ביידע, זי מיט לוציען פֿלעגען אָפֿטערס זעהן דעם הער מאַציעי, בעזוכענדיג איהם אין זיין קאַבינעט. דער דאָזיגער אַלטיטשקער פֿלעגט איהר אויף אַ מאָדנעם אופֿ׳ן אָנשטימען. ער האָט געהאַט אַנ׳אויסערגעוועהנליך ליבען שמייכעל. רעדענדיג מיט איהם, פֿלעגט זיך איהר דוכטען, אַז דאָס איז גאָר אַנ׳אַנדער מין אַריסטאָקראַט. אַלעגפֿאַלס גאָרנישט פֿון דער זעלבער ספֿערע,

וואָס די באַראַנעסע. אפילו די איינאָרדנונג אין זיין וואוינונג האָט זיך אונטער־שיידט פון דער איינאָרדנונג אין פּאַלאַץ.

אַלץ איז דאָ געווען אַלטפּרענקיש, אָבער גוטמוטיג פרעהליך, אָהן אַ סימן פון דער שטייפקייט, וואָס האָט געהערשט אין די אויסגעציהרטע סאַלאָנען די דורכגעזאַפטע מיט דעם עטיקעט!

דער אַלטיטשקער פלעגט זיך אַמאָל זעצן אין דער גאָרטען־אַלטאַנקע, און צוהערען זיך צו סטעפּעס רייד. ער האָט אויך ליב געהאַט צוצוהערען, ווי זי שפּילט. אין דער צייט, ווען ס'פאַלט צו דער אָוועמד פלעגט זי איהם שפּילען שאָפּענס זאַכען, אָדער אַריען פון זיינע בעליבטע אָפּערעס. סטעפּע האָט זיך בעמיהט צו קאַווירען אין אַלץ דעם אַלטיטשקען און פון טאָג צו טאָג אַלץ מעהר זיך צו איהם צוגעבונדען. דער הער מאַציעי פלעגט אָבער ווערען שטאַרק אומעטיג, ווען וואַלדעמאַר פלעגט אַ לענגערע צייט נישט קומען צופאָהרען. ער האָט געבענקט נאָך זיין איינינקעל, ווייל יענעמס פרעהליכקייט, זיין יוגענדליכע געשטאַלט, וואָס האָט געשפּראָצט מיט לעבען פלעגט מאַכען האָפענדיג און אויפגעלעגט דעם אַלטיטשקען. עס האָט איהם געפרעהט צו אָנקוקען דעם איינציגען יורש פון זיין שטאַם, פון דער גלעמבאָוויטשער ליניע.

נאָך אַ וואָך אָפּוועזענהייט פון זיין ליבלינג, האָט דער הער מאַציעי אָנגעהויבען אַריינצופאַלען אין אַנ'אומוטיגקייט. עס האָבען איהם נישט געוויילט נישט דער שאַך, נישט דאָס לעזען, און נישט דאָס שפּילען אפילו פון סטעפּען.

ער האָט זיך צוטראָגענערהייט צוגעהערט צו שאָפּענס נאַקטורן, דרעהענדיג זיך אומרוהיג אויפ'ן פאָטעל — האָט ער יעדער רגע געשיקט סטעפּען צום פענסטער, זי זאָל אַ קוק טון, צי וואַלדעמאַר פאָהרט נישט. הערענדיג, אַז — נישט, האָט ער געברומט:

— וואָס איז דאָס? וואָס קען עס זיין?...

ווען סטעפּע האָט געענדיגט שפּילען, האָט ער איהר בעדאַנקט און איז אַוועק צו זיך.

— דער זיידע איז היינט אומעטיג — האָט לוציע אַ זאָג געטון — און ווייסט איהר פאַרוואָס? ס'איז — ווייל וואַלדי איילט זיך נישט צו קומען. דער זיידע האָט איהם שרעקליך ליב.

— וואָלט ער שוין געקומען — האָט סטעפּע געענטפערט.

לוציע איז אַוועק צו דער מוטער און סטעפּע — אין איהר צימער. זי האָט זיך אַוועקגעשטעלט נעבען אָפענעם פענסטער און מיט הנאה געקוקט אויף דעם שפּיל פון די זונען־פלאַמען, וואָס האָבען אויף גאָלדענע פעדים געריסען דעם צושטויבטען וואַסער פון פאָנטאַן. מיט אַ שטילען רוישען איז די כוואַליע אַרונטערגעפאַלען אין שטיינערנעם באַסיין, אַזוי ווי אַ געל־ראָזליכער וואָלקענדעל, אַראָפּשפּריצענדיג די קליינע טראָפּענדלעך אויף די בלומען, וואָס זענען געוואַק־

פֿען דערגעבען. ווי, די בלומען האָבען ווידער דערהויבען די דורשטיגע קעפּעלעך, די פֿאַרביגע און די שמעקענדיגע. די זון האָט איבערגערוקט איהר רויטען קרייז צום מערב-צו, אַראָפּשײַטענדיג אויף דער ערד מיט פֿינקעלדיגע שטויבען. מיט אַ וואַרעמען אָטעם האָט זי בעשטרוימט די צולאָזענע בוימער און די פּראַכטפֿולע טעפּיכער פֿון די סאַמעטענע געוויקסען.

אין לופֿטען איז געווען אַ מין שטראַליגקייט, אַ מידע צוגאָסענקייט פֿון דעם אָנקומענדען פֿאַרנאַכט, אַ שווערקייט, וואָס האָט געוועקט די טרוימען. רוהיגקייט, שטילקייט האָט געוועהט אין דער נעץ פֿונ'ם ברענענדיגען ליכט. קיין ווינט האָט נישט געווינטעלט. פּלוצלונג איז אָבער אין דער שטילקייט, וואָס איז נאָר בעוועגט געווען פֿון די פֿויגעלשע קולות און פֿון דעם פֿאָנטאַנען-שאָרך — אַרייַנגעפֿאַלען אַנ'אַנדער געריש, אַ ווייטער, ווי אַ ווידער-קול.

פֿריהער האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּען פֿון רעדער, אַ טופּען פֿון עטליכע פֿערד און דערנאָך ערשט האָבען זיך געלאָזט דערהערען פֿרעהליכע שטימען פֿון מענשען; און פֿון הינטער דער געדיכטער געוויקס פֿון בוימער און שטרויכען, זענען צום פּאַלאַץ-צופֿאָהר, אָנגעקומען עטליכע קאַרעטען. די ערשטע, אין פֿירפֿערדיגע געשפּאַנען, זענען געווען ערנסט; דער וואלאנט און די בריטשקע איבערגעפֿולט אַריבער די ברעגען האָבען אויסגעזעהן זעהר פֿרעהליך. די שמועסען און דאָס געלעכטער האָט זיך דערהויפּט אַרויסגעהערט פֿון דער בריטשקע. דאָרטען האָבען די העלע קאַפּעלושען און די קליידער פֿון די דאַמען אַרויסגעבלאַנקט צווישען די טונקעלע סילועטען פֿון די הערען.

סטעפּע, וואָס האָט זיך אַ רוק אָפּ געטון אין דער טיף פֿון צימער — האָט זיך אַ פֿעראינטערעסירטע איינגעקוקט.

די קאַרעטען האָבען זיך אָוועקגעשטעלט פֿאַר'ן גאַנעק. די בריטשקע און דער וואָלאַנט האָבען זיך איינער נאָכ'ן אַנדערען פֿערהאַלטען, און אַנטקעגען איהר פֿענסטער האָט זיך די געזעלשאַפֿט אָנגעהויבען אַרויסצוזעצען. זיי האָבען תּיכּף אַ קוק געטון אין דער ריכטונג פֿון אַרייַנפֿאָהר און די פֿרויען האָבען אויסגערופֿען, מאַכענדיג מיט די שירעמלעך:

— אַ פֿערשפּעטיגטער! אַ פֿערשפּעטיגטער! מיר האָבען געוואונען!

אויף דעם וועג וואָס האָט זיך געבלייכט צווישען די גראָזען, האָט זיך געיאָגט אַ פֿיר-פֿערדיגער געשפּאַן, אָנגעפֿיהרט פֿון דעם יונגען גוט-בעזיצער. ער איז געזעסען אויף די קאָזלעס פֿון אַ קליינעם וואָלאַנטעל שעהן ווי אַ צאַצקע, און דערהויבענדיג זיין הוט האָט ער מיט איהם געשאָקעלט אויף בעגריסונג. אויף דעם געזעס איז געזעסען, ווי אַ צוגעטשעפּעטער, דער סטאַנגרעט אין אַ שוואַרצער ליוורייע מיט רויט בעציִרט.

וואַלדעמאַר האָט לייכט און איידעל פֿערהאַלטען די פֿערד נעבען דער בריטשקע.

— איהר האָט מיך אַריבערגעיאָגט, מײַנע הערען — האָט ער אויפגערופֿען, צוואַרפֿענדיג דעם סטאַנגרעט די לײַצעס. — איך בעט אָבער איהר זאָלט האָבען אין זינען, אַז איך פֿאָהר פֿיר מײַל. דאָס האָט עפּיס צו זאָגען. דערבײַ איז אויך ברונאָן געקראָכען, ווי אַ טשערעפּאַכע, אַזוי אַז איך האָב איהם געמוזט מטריח זײַן און אַראָפּבעטען פֿון דער קעלניע, און ערשט דאַמאָלס, האָב איך אָנגעהויבען אָנצוויאָגען. דאָס אַלץ מוזט איהר מיר מודה זײַן.

— אײַערע פֿערד האָבען אונז געוואַרעמט די פֿלײַצעס מיט זײַער אָטעם

— האָט אויסגערופֿען אַ יונגע שעהנע מעדעל מיט אַ העזה'דיגער מינע און מיט לוסטיגע אויגען. — איך האָב נעפּרובט זיי צו גלעטען, איך האָב אָבער אײַנגעריכט נישט מעהר, ווי אַ הענדשקע. אָ, זײַט אַזוי גוט, קוקט נאָר!

און זי האָט אויסגעשטרעקט צו וואַלדעמאַרן אַ האַנד, אָנגעטון אין אַ העלער הענדשקע.

— ענטשולדיגט, דאָס איז נישט קײן שמוץ, דאָס איז נאָר פֿערדען-שווייס. מײַנע פֿערד זענען שטענדיג ריין, וואָס רײַנער קען נישט זײַן — האָט וואַלדעמאַר געענטפֿערט.

— דער הער האָט זיך ליב אין זײַנע פֿערד, אמת?

— יאָ, דאָס איז מײַן אײַנציגע ליבע.

— אָהן געגענזײַטיגקײַט — האָט די יונגע מעדעל מיט אַ לײַכטען שמײַכעלע צוגעגעבען.

וואַלדעמאַר האָט זיך שפּאָטיש פֿערנויגט.

— איך בין זעהר געריהרט, מײַנע ליבע דאַמען. איך פֿערשטעה נאָר נישט, צו וואָס שטעהן מיר דאָ. די עלטערע זענען שוין לאַנג אין די אָרעמס פֿון דער מוהמען. קומט לאָמיר אויך געהן.

די געזעלשאַפֿט איז פֿערשוואונדען געוואָרען אין די גרויסע טירען פֿון דעם הויפּט-פּאַרהויז. וואַלדעמאַר איז געגאַנגען דער לעצטער. ווען ער האָט שוין געמיטען סטעפֿעס פֿענסטער, האָט ער פֿערקלענערט דעם טריט, און פֿון הינטער די ליפּעס אַ וואָרף געטון אַ פֿלינקען בליק.

סטעפֿע, מײַנענדיג, אַז אַלע זענען שוין אַדורך, האָט אַרויסגעקוקט, און זיי האָבען זיך בעגעגענט אויג אויף אויג.

זי האָט בעמערקט זײַן פֿעראינטערעסירונג. דערזעהענדיג איהר, איז ער ערנסט געוואָרען, אַראָפּגענומען דעם הוט — און אַוועק ווײַטער.

סטעפֿע האָט בעשלאָסען נישט אַרויסצוגעהן. קײנער קאָן זי נישט און זי וועט כאָטש אויף אַזאַ אופֿן אויסמײַדען וואַלדעמאַר'ס קאַטאָוועסען, און די פּי-קענישען פֿון דער פֿרוי אידאַליאַ, ווײַל עס איז גראָד געווען אַ טאָג ווען זי איז געווען שלעכט געשטימט.

גליקליך פֿון איהר אײַנפֿאַל האָט זי אָנגעהויבען שטיל צו זינגען. פֿון אויבען האָט זיך געהערט אַ געדעמפּטער רעדען פֿון מאַנסבילשע און פֿון פֿרויען-

שטימען. צײַטענווײַז האָט זיך געהערט אַ קורץ אויפֿשפּילען אויפֿ'ן פּאַרטעפּיאַן, אָפּגעהאַקט און אָפּגעריסען, פּונקט ווי עמיצער וואָלט, פֿאַרבײַגעהענדיג, גענומען עטליכע אַקאָרדען. אַמאָל האָט זיך געלאָזט הערען אַ שטאַרקערע שטימע, און דערנאָך אַ הויכער אויסברוך פֿון געלעכטער. ווײַזט אויס, אַז מען האָט זיך דאָרטען, אויבען, אויסגעצײַכענט געווײַלט.

אין אַ שעה אַרום איז אין סטעפּעס צימער אַרײַנגעפֿאַלען לוציע אַ צושויבערטע, אַ פֿערראַיטעלטע און האָט אָנגעהויבען מיט אַן'אויסערגעוועהנליכער לעבהאַפֿטיגקייט צו רעדען:

— ווייסט איהר? ווייסט די פֿרײַליין? זעכצעהן פּערזאָן זענען אָנגעקומען, צוזאַמען מיט וואַלדי'ן אַרײַנרעכנענדיג. ס'איז אויך דאָ די מוהמע צווילעצקאַ מיט איהר טאָכטער מיכאַלאַ, ווײַל פּאַולאַ איז נישטאָ אין דער היים, און די פֿירשטין פּאָדהאָרעצקאַ, די באָבע פֿון וואַלדעמאַר'ן, און די יונגע פֿירשטין פּאָדהאָרעצקי'ס און די זשיזשעמסקי'ס, דער גראַף טרעסטקאַ און נאָך אַ סך געסט.

— פֿון וואַנען איז עס אַזאַ פּלוצלונגע צוזאַמענקומעניש?

— אָט גלאַט אַזוי, עס האָט זיך אַזוי געמאַכט. יעדערער איז באַזונדער געפֿאָהרען און אין וועג ערשט האָט מען זיך צוזאַמענגעטראָפֿען. דאָ רוב פּערזאָנען איז פֿון אַבראָנע: איין קאַרעטע און די בריטשקע. וואַלדי איז אויך אַהערגעפֿאָהרען, האָבען זיי איהם באַגעגענט. ער האָט אפֿילו געוואָלט אַריבערזאָגען די בריטשקע, נאָר ער האָט פֿערשפּילט. איצטער לאַכט פֿון איהם צוליב דעם די פֿרײַליין ריטאַ.

— ווער איז דאָס די פֿרײַליין ריטאַ?

— זי איז עפּיס אַ קוזינקע, צי גלאַט אַ צוגעטשעפּעט שוועסטער־קינד פֿון דער פֿירשטין פּאָדהאָרעצקאַ, און ווײַל זי איז אַ יתומה, וואוינט זי שטענדיג אין אַבראָנע. זי קומט דאָ אַהערצו זעהר אָפּט, נאָר ווײַל זי איז איצט אַ לאַנגע צײַט געווען אין וויען — דעריבער קענט איהר זי נישט. זי איז אַ זעהר ליבע, און זעהר פֿרעהליכע.

סטעפּע האָט זיך אָנגעשטויסען, אַז דאָס איז די זעלבע אויסגעפּוצטע פֿרײַליין, וואָס האָט באַוויזען פֿריהער וואַלדעמאַרן די אײַנגעשמוצטע הענדשקע.

— זי איז עפּיס אַ פֿײַנע, די פֿרײַליין, אמת?

— יאָ, אַ שענע. וואַלדי געפֿינט עס נישט איין, איהם איז אָבער זעהר אַ שווערע זאַך געפֿעלען צו ווערען. איהר וועט זיך אַליין מיט איהר היינט באַקענען.

— איך וועל אינגאַנצען נישט אַרויסגעהן.

לוציע האָט ברייט פֿונאַנדערגעעפֿענט איהרע אויגען.

— פֿאַרוואָס? פֿאַרוואָס וועט איהר נישט אַרויסגעהן? איך האָב זיך שוין פֿאַר אַלעמען געגרויסט מיט אייך...

— אַך, מײַן לוציע!

— איך האָב דאָך אײַך זעהר ליב!

סטעָפּע האָט דאָס מעדעלע א קוש געטון.

– עס פרעהט מיך זעהר. היינט זיי אָבער אַליין מיט די געסט. מיך האָסטו דאָך אַלע טאָג.

– ע! וואָס רעדט דאָס פריילייין! ניט דער זיידע און ניט וואַלדי וועלען קיינמאָל איינשטימען אויף דעם, אַז איהר זאָלט דאָ אַליין פערבלייבען.

סטעפּע איז אַרויס מיט אַ געלעכטער. לוציעס פערזיכערונגען, אַז וואַלדעמאַר וואָלט זי געוואָלט זעהן, האָבען איהר פרעהליך געמאַכט. דערהויפּטער! און אפשר, מעגליך, ווען זי זאָל ניט אַרויסגעהן, וועט ער ניט האָבען אויף ווער צו שאַרפען זיין צונג. פון דעם דאָזיגען געדאַנק האָט איהר אַ לוסטיגקייט אַרומגענומען. ווי אַ צעשטיפט קינד האָט זי אונטערגעכאַפּט לוציען און זיי ביידע האָבען אָנגעהויבען, צוזינגענדיג, וואַלסירען איבערן צימער.

לוציע האָט געטאַנצט מיט אַ מין ענטציקונג. ביידע אין, איין וואוקס–זענען זיי ווי געפלויגען און אַרומגעפלאַטערט צעיאָגטע און צעוויגטע פון וואַלס, און זינגענדיג איינע נאָך דער אַנדערער. נאָך זיי איז, ווי נאָכגעפלויגען דער העלער צאָפּ פון לוציען, און נאָכגעפלאַטערט דאָס באַטיסטענע קליידעל פון סטעפּען. אויף איהר פנים האָט אַרויסגעבליהט אַ רויטקייט, די העל־בלויע אויגען האָבען פון אונטער די טונקעל־גאָלדענע וויעס־פּאָרהענגלעך געשאָטען מיט צעשפּילטע פייערלעך. די האַלב אָפענע ראָזע ליפּען האָבען שנעל געכאַפּט די לופט צוליב וואָס דער הויך געזונגענער וואַלס איז אַרויסגעקומען אָפּגעריסען. דאָס האָט אָבער ניט געשטערט די טענצערינס.

צעשטיפּטע האָבען זיי ניט געהערט, ווי מען האָט צוויי מאָל געקלאַפּט אין דער טיר, און האָבען גאָרניט בעמערקט, ווי אימעצער עפענט זי. ערשט נאָך אַ ווייל, אין קרייז פון טאַנץ, איז פלוצים סטעפּע געבליבען שטעהן, ווי אַ געליימטע פון אומגעריכטקייט.

אין טיר איז געשטאַנען וואַלדעמאַר. מיט אַ שמייכעל האָט ער אָנגעקוקט די צעטאַנצטע מעדלעך, און דעם פלוצלונג אומגעביטענעם פנים פון סטעפּען. ער האָט געקוקט אויף איהר צעהיצטען פנים, אויף די גלאַנצענדיגע אויגען, אויף די האָהר, וואָס זענען צושויבערט געווען פון טאַנץ – פערוואונדערט פון דער ענדערונג, וואָס איז אין איהר פאָרגעקומען.

ביז איצט האָט ער זי נאָך ניט געזעהן אין אַזאַ פרעהליכען צושטאַנד. ער האָט זיך בכיון שטיל אַוועקגעשטעלט, וועלענדיג, אַז זי זאָל איהם אַליין בעמערקען. ער האָט זיך פאָרגעשטעלט ווי אַזוי זי וועט זיך איבערשרעקען, און איהם האָט גלייכצייטיג געוויילט די ערוואַרטונג, ווי אַזוי וועט זי עס אויסזעהן?

ער האָט ניט לאַנג געדאַרפט וואַרטען. סטעפּע, דערזעהענדיג איהם, איז ווי ענטשטומט געוואָרען. אַ פייערדיגע רויטקייט האָט בעגאָסען איהר פנים, אין די אויגען האָט אויפגעבליצט אַ כעס, יעדער נערוו האָט אין איהר אויפגעציטערט פאַר אויפרעגונג.

וואלדעמאר איז געשטאנען, און האט זיך געקוקט מיט די בליצען אין איהרע אויגען. ער האט געקוקט אויף איהר מיט ענטציקונג.

לוציע האט איבערגעריסען די שטומע סצענע, ארויספלאצענדיג מיט א געלעכטער. זי איז צוגעלאפען צו וואלדעמארן, און ציהענדיג איהם פארן ארבעל צו דעם מיטען פון צימער, האט זי פרעהליך געפלאפעלט:

— האסט אונז געפאקט, וואלדי, אויף דער העסער מינוט.

מיר האבען זיך דא אזוי פיין פארמערטאנצט, פונקט ווי א גאנצער ארקעסטער וואלט אונז צוגעשפילט. אך, ווען דו ווייסט כאטש, ווי די פרייליין סטעפאניא טאנצט! ווי א באלעט-טענצערין!

וואלדעמאר האט זיך פערנויגט פאר סטעפען, און האט געזאגט, איבער-שלאגענדיג לוציען:

— איהר וועט מיר ערלויבען צו ערקלערען די סיבה פון מיין אריינריי-סען זיך אין אייער הייליגען צימער. ביז איצטער האב איך נישט געהאט דעם פערגעניגען צו זעהן אייך ביי אייך אין צימער. ס'קאן זיין, איך האב נישט צו דער צייט געטראפען, איך בין אבער גליקליך, וואס איך האב אייך אין דער פולער פרייהייט אנגעטראפען. אין מיין געזעלשאפט זענט איהר שטענדיג בייז-ווילליג געשטימט... נאר-וואס האב איך אייך געזעהן אין א הארמאנישען צו-שטאנד... און עס טוט מיר שטארק הנאה. וואס, איהר ווילט מיך נישט בע-גריסען נאך א גאנצער וואך פון מיין אבוועזענהייט? — האט ער א פרעג געטון מיטן סימן פון אומגעדולדיגקייט, אנקוקענדיג זי בייז.

סטעפע האט איהם דערלאנגט איהר האנט.

— איהר האט אודאי געזוכט לוציען?

— א, ניין. איך בין ספעציעל געקומען צוליב אייך, און אפילו נאך אייך, מחמת מיין מוהמע בעט אייך ארויף אויף טיי.

לוציע האט א פאטש געטון מיט די הענט.

אהא! האב איך אייך דען נישט געזאגט, אז מען וועט אייך דא נישט לאזען אליין צו בלייבען... איך האב גלייך געזאגט!

— איך וועל זיך ווענדען צו וואלדעמארן.

— ווייסט, וואלדי? פרייליין סטעפאניא, האט פריהער געזאגט, אז זי וועט נישט ארויס צו די געסט, אז זי וועט אליין ביי זיך בלייבען.

— צי האט איהר טאקי געהאט אזא בארבארישען איינפאל בנוגע אונז?

סטעפע האט כמעט פייערליך אפגעענטפערט:

— איהר האט א מאדנעם אופן צו שטעלען פראגען. איך האב טאקי געוואלט ביי זיך בלייבען.

— איך פראטעסטיר! אין נאמען פון דער גאנצער געזעלשאפט, וואס לעכצט אייך צו בעקענען.

סטעפֿע איז ווידער קאַלט געוואָרען. זי האָט שוין געוואָלט ענטשלאָסען זיך אָפּזאָגען, נאָר ער האָט בעמערקט אַ שאָטענדעל אויף איהר אויסדריקליכען פּנים, און ער האָט זי מקדים געווען, צוגעבענדיג זיך:

— איך בעט אייך אויף טיי, אין נאָמען פֿון דער מוהמען און דעם זיידען. אויב מיין ליבהאַרציגע באָבע, און די פֿרוי גר—ע—פּין צווילעצקאַ ווילען זיך מיט אייך בעקענען האָט איהר עס צו פֿערדאַנקען אויסשליסליך אייער שילערין.

— יאָ, יאָ, איך האָב טאַקי וועגען אייך אַ סך אַנדערצעהלט דער מוהמען, דער פֿירשטין — האָט לוציע בעשטעטיגט.

— וואַרט איך אויף אייך ביידען.

— ניין, וואַלדי. אויב דו ווילסט מיט אונז צוזאַמען געהן, טאָ וואַרט אַ ביסעל אין סאַלאָנדעל. מיר מוזען זיך פֿערריכטען די האָהר. מיר זעהען דאָך אויס, ווי די סטראַשידלעס.

— דו — יאָ, אָבער דער פֿריילין סטעפֿאַניאַ קליידט עס זעהר צום פּנים.

— אָך, דו גאָרנישט, דו! — האָט לוציע אויסגערופֿען, אַוועקציהענדיג איהם צו דער טיר פֿאַרן אַרבעל.

— סטעפֿע האָט מיט אַ קאַלטקייט אַ קוק געטון אויף דעם יונגען מאַננאַט. אויף יעדען שריט און טריט האָט ער זי אַריינגעבראַכט אין כעס. ער האָט עס בעמערקט, און בעוועגענדיג מיט די אַקסלען, און מיט אַ קאָמישער מינע איז ער אַוועק צו דער טיר.

— האַנניבאַל, הינטער די טויערן! דאָס רעדען, זעה איך, אייערע אויגען... איך ענטלויף, איך בין שוין נישטאָ. —

ער איז אַרויס, און לוציע האָט פֿערמאַכט הינטער איהם די טיר.

V.

אינם קליינעם סאַלאָנדעל, אין סטיל פֿון קעניגרייך, האָבען זיך פֿרעהליך געוויילט מעהר ווי אַ צעהן מענשען. די לאַקייען האָבען פֿונאַנדערגעטראָגען טיי און טשאַסטקעס. די געסט — יעדערער מיט זיין טיי־טעלעכל — האָבען זיך געזעצט און געטרונקען, וואו ווער עס האָט געוואָלט.

די אָנגעלעגענסטע געסט פֿון דער געזעלשאַפֿט האָבען פֿערנומען דעם גרויסען טיש, אַרומרינגעלנדיג די ווירטין, און דעם הער מאַציעי. די פֿרוי על־זאַנאָווסקאַ איז געווען אויסגעצייכענט געשטימט, ענטציקט פֿון די געסט; האָט זי זיך דערהויפּט געוויילט מיט דער פֿירשטין פּאָדהאָרעצקאַ, און מיט איהר שוועגערין, מיט דער גרעפֿין. די דאָזיגע צוויי דאַמען האָבען להלוטין פֿער־שיידען אויסגעזעהן.

קוקענדיג אויף זיי, האָט מען געקענט מיינען, אז זיי שטאַמען פון צוויי אַנדערע פּלאַנעטען. די פּירשטין, אַ הויכע און אַ דאַרע, מיט אַ קלאַסישען פּראָפיל פון אַגראַנד-דאַמע, האָט די אַריסטאָקראַטישקייט געהאַט ווי איינגעבוירען. עס האָט זיך אָנגעזעהן אין יעדען געזיכטס-צוג, אין יעדער באַוועגונג און אַפילו אין די פאַלבען פון דעם שווערען שוואַרצען קלייד. אַנ׳אידעאַליזירטע צערטליכקייט האָט איהר אַרומגערינגעלט, צוגעבענדיג איהר אַנ׳ערנסטע און אַ צוציהענדיגע שעהנקייט. די ווייסע האָר האָט זי געהאַט גלאַט צוגעקעמט איבערן שטערן, זיי זענען באַדעקט געווען מיט טייערע שוואַרצע שפּיצען. קיין שום באַצירונגען און אַנטיקען האָט זי נישט געטראָגען חוץ די דעם חתונה-רינגעל, און אַ פּינגעריל מיט אַ גרויסען שמאַראַגד, אויף וועלכען עס איז געווען אויסגעקריצט דער הערב פון די פּאָדהאָרעצקיס. אַ זייגערל האָט די דאָזיגע דאַמע געטראָגען אויף אַ שוואַרצען שנירעל. דאָס פּנים — אַ קליינס, אַ פּלייכס מיט אַ דעליקאַטער צורה, כמעט אָהן קנייטשען, אויסדרוקפולע געזיכטס-צוגען און שוואַרצע גרויסע אויגען.

אויפ׳ן פּנים זענען נאָך גוט קענטיג געווען די סימנים פון פערגאַנגענער שעהנקייט. די פּירשטין האָט נישט קיין סך גערעדט, נאָר אַ דאַנק איהר קלינגענדיגער שטימע, האָט זי באַוויזען צו פּעראינטערעסירען אַלע מיט איהר רעדען.

די גרעפין צווילעצקא האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט גאָר אַנ׳אַנדער טיפּ. פון מיטעלען וואוקס, אַ זעהר דיקע, אַ צעגאָסענע — האָט זי אין זיך געהאַט עטוואָס בורזשואַזעס, וואָס איז זעהר ווייט געווען פון אַריסטאָקראַטישער אויסגעאיידעלטקייט. אָנגעטון אָהן שום געשמאַק, אַרומגעהאָנגען מיט בריליאַנטען, אייגעאַנגעצען אין גאָלדענע קייטען — האָט זי געליכטען און געקלונגען פון דערוויי־טענס. רעדענדיג צו דער פּירשטין, און שטאַרק זשעסטיקולירענדיג, גיך און דערנערווירענדיג הויך, האָט זי אויסגעזעהן, ווי אַ רעפּובליקאַנערין, אַ פּלעבעערין, וואָס דראָהט מיט די פויסטען צו די פאָרשטעהער פון דער אַריסטאָקראַציע בשעת אַ רעוואָלוציע. זי האָט פיינד געהאַט די פּירשטין, און זי האָט איהר איראָנישע גערופען ספּאַרטאַנערין, און שטענדיג האָט זי געוואָלט אַרויסווייזען, אַז זי שטעהט אָהן אַנ׳ערך העכער פון איהר, שטיצענדיג זיך, וואַהרשיינליך, אויף דעם סכום פון איהר ציהרונג. דאָך איז זי, ווילענדיג-נישט-ווילענדיג, געווען בנוגע דער פּירשטין אויפמערקזאַם און איידעל.

די פּירשטין האָט אָבער געוואוסט מיט וואָס די אויפמערקזאַמקייט צו ערקלערען. זי האָט געהאַט אַנ׳איינניקעל, און די גרעפין — צוויי טעכטער, פון וועלכע די עלטערע, פריילײַן מיכאַלאַ איז שוין אַריבער די דרייסיגער.

איצטער האָבען די דאָזיגע צוויי פרויען געשמועסט מיט דער פרוי אידאַליא און מיט דעם אַלטיטשקען מאַציעי אין דער געזעלשאַפט פון נאָך עטליכע פּערזאָן.

די יונגוואַרג, פונאַנדערגעוואָרפען אין גרופּען, האָט זיך באַזונדער געווײַלט. פריילײַן ריטא שעליגא אין אַ פּוליאַרענער שוואַרצער קלייד מיט אַ סעצעסיע

בלויע דעסען, מיט א גרויסען קאלנער פון קרעמאָווע שפיצען — האָט אָנגעפיהרט מיט איהרע פרעהליכע שמועסען און וויצען. איהרע טונקעל-בלאָנדע האָהר זענען זאָרגזאַם צוגעקאַמט, און בעציירט געווען מיט אַן׳אויסגעבונדענעם שלייף פון א בלויער סטענגע. עס האָט אפילו א ביסעל אויסטערליש אויסגעזעהן, נאָר דער פרייליין ריטא האָט עס געקליידט. זי פלעגט זיך שטענדיג אַנדערש אָנטון, ווי די איבעריגע חבר׳טעס איהרע, אין איהר אופן פון קעמען די האָהר האָט ביי פילע געקענט אויסזעהן ווילד. זי האָט געהאַט זעהר דרייסטע און פיינע בעוועגונגען, יעדער זאַך, וואָס איז פאַר אַנדערע געווען אַן׳אונמעגליכקייט — האָט זיך מיט איהר אויסגעצייכענט געפאָרט. אַן׳אָפענהערציגע, א לוסטיגע און א וויציגע איז זי אויך דערביי געווען זעהר סימפּאַטיש, און מיט איהר פרעהליכקייט פלעגט זי אַלעמען אָנשטעקען.

די פירשטין האָט געהאַט צו איהר א שוואַכקייט, הגם עס זענען איהר אָפטערס געווען אונאַנגענעהם איהרע שטיפערייען.

די פרייליין ריטא האָט אויסערגעוועהנליך ליב געהאַט ספּאָרט. אין אָבּיראַנגע, אין דעם גוט פון דער פירשטין, האָט זי געהאַט אַן׳איינגענעם פערדען-שטאַל, וואו זי פלעגט אָפּזיצען גאַנצענע טעג. וועגען פערד האָט זי געקענט רעדען אָהן אַן׳אויפהער, און איצט, זיצענדיג אויף א סטיליזירטען פאָטעלכעל מיט א שעלעכל אין האַנד האָט זי גערעדט מיט א יונגען מאַן, וואָס האָט געטראָגען ברילען.

זי האָט איהם אין עפּיס געוואָלט היציג איבערצייגען, און אַוועקשטעלענדיג ענערגיש דאָס שעלעכיל אויפ׳ן טיש האָט זי א זאָג געטון:

— אַך, איהר האָט קיין אַהנונג נישט, וואָס אַזוינס פערד זענען, אויב איהר וואַרפט מיינע פערד אויף, אַז זיי זענען נישט פון קיין ריינער עכטער ראַסע. מיינע פערד זענען אימפּאָרטירט דירעקט פון ענגלאַנד. דאָס זענען „פול-בלוטען“. פּרובט טאַקי, טוט א פרעג דעם יונגען הער מיכאַראָווסקי, וועט ער אייך זאָגען: ער איז שוין איינמאָל א מבין.

— שטענדיג — דער מאַגנאַט! שטענדיג שיקט איהר מיך אַוועק צו איהם. איז דאָס אַן׳אַרויסטריט?

— אין דער פערדען-פראַגע — געוויס!

— צי דערפאַר ווייל ער האָט ביין מוזעס?

— ניין, נאָר ווייל ער איז אַן׳אמת׳ער און אָביעקטיווער מבין.

— מיר זאָגט איהר אָפּ, איהר אַנערקענט נישט אין מיר די מעלות?

— טייליווייז נאָר. איהר זענט פערבלענדט אין אייערע „פערשעראַנען“, און דאָס גוטע זעהט איהר נאָר, און אויסשליסליך אין אייער שטאַהל.

— איך מיין, אַז איהר וועט איינשטימען, אַז מיין שטאַהל איז נישט סתם אַן׳אַבּי וועלכער.

פרייליין ריטא האָט זיך פערקרימט.

— איך האב נישט ליב קיין „פערשעראנען“.

— איהר האט נישט ליב? הא! דאס איז א געשמאק-זאך. פונקט אזוי, ווי איך קען נישט ליידען די ענגלישע פערד.

פרייליין ריטא האט איהם אפגעמאסטען מיט אנ׳איראנישען בליק.

— רעדט זשע אזוי, אבער וואס טויג אייך אויסצורעכענען חסרונות וואס עקזיסטירען איינגאנצען נישט.

— פאר מיר עקזיסטירען זיי אין אייער אנגליזירען, וואס איהר דערפיהרט ביז אנ׳איבערטרייבונג.

— דאס איז נישט קיין חסרון. אויב איהר זעהט נאר דאס, בין איך רוהיג. איבעריגענס איז די דאזיגע ראסע פון פערד שטענדיג געווען אנגלעזירט.

— אבער ביי אייך איז עס אויסערגעוועהנליך!

— עך! וואס רעדט איהר! א שאד וואס דער הער וואלדעמאר איז ענטרונען געווארען — אז נישט וואלט איך איהם געבעטען, ער זאל זיך פאר מיר אננעהמען.

— דער הער מיכאראווסקי איז אוועק נאך לוציען און נאך איהר לעהרערין — האט זיך מיט א פאמעלעכער שטימע אפגערופען די פרייליין מיכאלינא צווילעצקא.

בשעת׳ן שמועס פון דער פרייליין ריטא - מיט דעם גראף טרעסטקא איז זי א שווייגענדיגע געזעסען או געטרונ׳ען טיי. זי איז געווען געשמאקפול אנגעטון אין א העלער קלייד, לויט דעם ווילען פון איהר מוטער. עס האט איהר דא אבער גאר נישט געווילט, און דאס ווילען זיך פון די אנדערע האט זי מיד געמאכט. זי האט געהאט אנ׳אפאטישען אויסזעהן. קורץ אפזאגענדיג, וואו וואלדעמאר געפינט זיך, האט זי אראפגעלאזט די אויגען אויפ׳ן טיי-שעלעכעל, און ענטשוויגען געווארען, ווי פריהער.

דער גראף טרעסטקא האט פערריכט זיינע ברילען און מיט א ביזען שמייכעל געזאגט:

— ס׳ארא מעלות דארף עס האבען די לעהרערין, ווען אפילו דער גוטבעזיצער אינטערעסירט זיך מיט איהר אזוי.

— איך קען זי נישט, נאר לוציע איז פון איהר ענטציקט. אויב זי איז אין דער אמת׳ן א שענע — דארפט איהר זיין פארזיכטיג, הער גראף.

טרעסטקא האט א קוק געטון בעלעדיגט אויף דער רעדענדיגער.

— אט, אנ׳איינפאל! צייטענווייז האט איהר פראכטפולע איינפאלען. אויף נפשות פון דעם מין קוק איך קיינמאל נישט.

— וואלט איך טאקי געוואלט, אז איהר זאלט זיך אין דער גופא איינליבען.

— אין בעסטען פאל קען איך, וועגען איהר אורטיילען ספארטסמעניש, און ארויסזאגען זיך, וועגען איהרע פעהלערען.

— אָ, מײַן הער! װעגן פֿרױען קען מען אױף אַזאַ אופֿן נישט רעדן...
— װעגן לערערינס מעג מען.
— אױך נישט. עס איז דורכאױס פֿערװערט. איבעריגענס איז פֿרײַלײַן רודעצקאַ פֿון אַ גוטער משפּחה.
— שאַ! זײַ געהען שױן — האָט דער גראַף איבערגעריסען דעם שמועס, פֿערריכטענדיג די ברילען, און זיך אױפֿמערקזאַם פֿערקוקט אין דער ריכטונג צום טיר.

עס זענען אַרײַן סטעפֿע מיט לוציען און װאַלדעמאַר.

סטעפֿען איז טונקעל געװאָרען פֿאַר די אױגען. אַזױ פֿיל קעפּ, אַזױ פֿיל פֿאָרשענדיגע אױגען האָבען זיך צו איהר געװענדעט. זי האָט זיך אַװעקגעשטעלט, װי אונטער אַ שאַנד-סלופּ.

די גערעדערײַען זענען ענטשװיגען געװאָרען. אַלע האָבען אַרומגעװאָרפֿען די יונגע לעהרערין מיט קריטישע בליקען.

די פֿרױ עלזאַנאָװסקאַ האָט אױף איהר אַ קוק געטון מיט פֿערמרוזשעטע אױגען, און מיט אַ פֿליכטיגער האַנד-בעװעגונג אָפּגערעקאָמאַנדירט איהר פֿאַר דער געזעלשאַפֿט.

— פֿרײַלײַן רודעצקאַ — האָט זי קורץ אַ זאָג געטון.

עטליכע קעפּ האָבען זיך עטװאָס אַ שאָקעל געטון, און סטעפֿע האָט זיך אַ צוטומעלטע פֿערנױגט פֿאַר אַלעמען, און נישט געװאוסט װאָס װײַטער צו טון מיט זיך. דאָס ערשטע מאָל האָט זי דערפֿיהלט איהר פּײַנליכע לאַגע. זי האָט זיך פּשוט נישט געקאָנט מוחל זײַן, װאָס זי איז אַהער געקומען אין סאַלאָן.

— אַרײַנגעפֿאַלען — איז איהר דורכגעפֿלױגען אַ געדאַנק אין קאָפּ, און װען זי בעהערשט זיך נישט — װאָלט זי געװיס אַרױסגעפּלאַצט מיט אַ געװײַן.

אין דער רגע איז אָבער װאַלדעמאַר צו איהר צוגעגאַנגען, װײַזט אױס אַנ'אױפֿגערעגטער, און מיט אַ גוט מאַסקירטער רוהיגקײַט — האָט ער איהר זײַן האַנד געשטרעקט.

— איהר װעט מיר ערלױבען פֿאָרצושטעלען אײַך פֿאַר מײַן באָבען — האָט ער פֿרײַנדליך געזאָגט.

סטעפֿע האָט איהם מאַשינאַל ערלױבט צו פֿיהרען זיך צו דער קאַנאַפּקע. און אױפֿהױבענדיג די אױגען, האָט זי דערזעהן פֿאַר זיך דעם גוטען פּנים פֿון דעם אַלטיטשקען מאַציעי, און די ערנסטע אַריסטאָקראַטישע געשטאַלט פֿון דער פֿירשטין.

דאָ האָט װידער אָפּגעהילכט דעם יונגען מאַגנאַט'ס נידעריגע שטימע.

— טײַערע באָבעשי, איך שטעל פֿאַר דיר פֿאַר די פֿרײַלײַן רודעצקאַ, װעגען װעלכער דו האָסט געהערט פֿון לוציען.

די פֿירשטין האָט זיך אױפֿגעהױבען פֿון דער קאַנאַפּקע, און דערלאַנגענדיג סטעפֿען איהר האַנד, האָט זי געזאָגט:

— עֶס אִיז מִיר זֶעהר לִיבּ מִיט אֵייךְ זִיךְ צוּ בֶּעקֶענֶען. לוּצִיעֶ הָאט מִיר טָאקִי וֶועגֶען אֵייךְ דֶערְצֶעהלְט. זִי אִיז עֶנְטצִיקְט פוּן אִיהר עֶרְצִיהֶערִין.

סטֶעפֶּע הָאט זִיךְ גֶעשִׁיקְט אֵיינְגֶעבּוֹיגֶען, אוּן אַ קוּשׁ גֶעטוּן דֶער אַלְטִיטְשְׁ־קֶערְס הַאנְד, אַנ׳אִיבֶּערגֶעפּוּלְטֶע פוּן אַ דַאנְקבַּארְקֵייט אוּן מָאדְנֶער דְרֵייסְטְקֵייט.

אִין דִי אוֹיגֶען פוּן דֶער אַלְטֶער פְרוֹי הָאט אַ פִינְקֶעל גֶעטוּן פֶערְוואוּנְדֶע־רוּנְג, אוּן אַ צוּשְׁמֵייכֶעלְטֶע הָאט זִי מִיט אִיהרֶע לִיפֶּען בֶּערִיהרְט דֶער מֶעדֶעלְס הָאר, אוּן זִיךְ צוּרִיק אַוֶועקְגֶעזֶעצְט, אָנְווייזֶענְדִיג אִיהר אוֹיף אַ קְלֵיין פָאטֶעלְכֶעל, וואָס אִיז גֶעשְׁטַאנֶען דֶערְנֶעבֶּען.

זִי הָאט אִיהר פְרֵיינְדְלִיךְ פִינַאנְדֶערְגֶעפְרֶעגְט, וועֶגֶען אִיהר מִשְׁפָּחָה, אוּן אוֹיךְ — צִי אִיז זִי צוּפְרִידֶען פוּן לוּצִיעֶן. דֶעם שְׁמוּעֶס זֵייעֶרֶען הָאט אוֹיךְ אוּנְ־טֶערְגֶעהַאלְטֶען דֶער הֶער מַאצִיעֶי.

אוֹיף אַלֶע אָנְוועזֶענְדֶע הָאט דִי אוֹיפְפִיהרוּנְג פוּן דֶעם יוּנְגֶען מִיכָארָאווסְקִי, ווִי אוֹיךְ דָאס בֶּעגְרִיסֶען זִיךְ מִיט דֶער פִירְשְׁטִין גֶעמַאכְט אַנ׳אֵיינְדְרוּק.

פֶערְוואוּנְדֶערְטֶע הָאט מֶען זִיךְ אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערֶען אָנְגֶעקוּקְט.

וואָס אִיז דָאס עֶפִּיס: דִי פִירְשְׁטִין פָּאדְהָארֶעצְקָא אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען, דֶער־לַאנְגֶענְדִיג אִיהר הַאנְד אַ לֶעהרֶערִין? וואָס קֶען עֶס זַיין, אוּן פַארְוואָס אִיז עֶפִּיס דֶער סוֹפִיט נִישְׁט אֵיינְגֶעפַאלֶען? דֶערְהוֹיפְּט הָאבֶּען עֶס נִישְׁט גֶעקֶענְט פֶערְשְׁטֶעהן נִישְׁט דֶער גְרַאף טְרֶעסְטְקָא אוּן נִישְׁט דִי גְרֶעפִין צוֹוִילֶעצְקָא. דִי דָאזִיגֶע גְרֶעפִין הָאט — קוּקֶענְדִיג אוֹיף דֶער פִירְשְׁטִין, וואָס שְׁמוּעֶסְט זִיךְ דוּרְךְ מִיט עֶפִּיט אַ לֶעה־רֶערִין — גֶעקְנֵייטְשְׁט מִיט דִי פְלֵייצֶעס. עֶס חָאט אִיהר גֶעכְּעס׳ט, וואָס ווָאלְדֶעמַאר הָאט זִי אוֹיסְגֶעמִיטֶען, נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלֶענְדִיג פַאר אִיהר סְטֶעפֶּע׳ן. אִיהר הָאט נִישְׁט אַזוֹי גֶעאַרְט סְטֶעפֶּע, ווִי דָאס וואָס זִי הָאט גֶעפִיהלְט אִין דֶער אוֹיסְמֵיידוּנְג אַ מִין פֶערְאַכְטוּנְג. מִיכָארָאווסְקִי׳ס דֶערְלַאנְגֶען דֶער לֶעהרֶערִין דִי הַאנְד הָאט זִי גֶעהַאלְטֶען פַאר אוֹיסְטֶערְלִישׁ אוּן נִישְׁט פַּאסִיג. זִי הָאט אַ פָּאר מָאל אַ קוּק גֶעטוּן אוֹיף סְטֶעפֶּען, אוּן זֶעהֶענְדִיג, אַז זִי אִיז אַ זֶעהר שֶׁענֶע, הָאט זִי אָנְגֶעהוֹיבֶּען שֶׁעפְּטְשֶׁען אוּן אַרֵיינְרוֹימֶען עֶפִּיס שְׁטִילֶערְהֵייד אִיהר מַאן, וועֶלְכֶער אִיז גֶעזֶעסֶען פֶערְגְלִיווֶערְט, ווִי אַ מוּמִיעֶ.

צוּ דִי אוֹיעֶרֶען פוּן דֶער פְרוֹי אִידַאלִיעֶ הָאט נָאר דֶערְגְרֵייכְט אֵיין וואָרְט: „מֶעטְרֶעסֶע". זִי הָאט זִיךְ אָבֶּער גֶעמַאכְט נִישְׁט הֶערֶענְדִיג, אוּן נֶערְווֶעז בֶּעווֶע־גֶענְדִיג מִיט אַ בְּרֶעם, הָאט זִי פֶערְעֶנְדִיגְט דֶעם שְׁמוּעֶס מִיט אִיהר שָׁכֵן.

דֶערְווֵיילֶע הָאט דִי פְרֵיילֵיין רִיטָא, נֶעבֶּען קְלֵיינֶעם טִישֶׁעל, בֶּעווִיזֶען צוּ דֶערְצֶעהלֶען ווָאלְדֶעמַארֶען, וועֶגֶען אִיהר שְׁטְרֵייט מִיט דֶעם גְרַאף טְרֶעסְטְקָאן, אוּן אוֹיסְצוּהֶערֶען אַ לוֹיבּ פַאר אִיהרֶע פֶערְד. דֶער גְרַאף הָאט אָנְגֶעהוֹיבֶּען צוּ רֶעדֶען מִיט׳ן גוּט־בֶּעזִיצֶער, אוּן רִיטָא אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ דֶער פִירְשְׁטִין, אוּן פְרֶעהלִיךְ דֶערְלַאנְגֶענְדִיג אִיהר הַאנְד דֶער פְרֵיילֵיין סְטֶעפֶּע, הָאט זִי אַ זָאג גֶעטוּן מִיט אַ לוּסְטִיגֶען שְׁמֵייכֶעל:

— ווײַל קײנער האָט אונז נישט בעקאַנט געמאַכט, מוז איך אַלײן דורכפֿיהרען די צערעמאָניע. איך בין טאַקי אַלײן מאַרגעריטאַ שעליגאַ. מסתמא האָט איהר גאָר וועגען מיר נישט געהערט, מחמת איך האָב אַ לאַנגע צײַט געלעבט אַ טאָג אין ווין.

אויפֿשטעלענדיג זיך, האָט סטעפֿע געדריקט די האַנד פֿון דער יונגער פֿרײַלין.

— אדרבא. לוציע האָט מיר זעהר פֿיל גוטס וועגען אײַך דערצעהלט.

— אַזוי גאָר? איך זעה, אַז לוציע איז דער קלײנער רעפּאָרטער פֿון דער גאַנצער געגענד — אַלעמען אינפֿאָרמירט זי. איך נעהם אײַך צו צו אונזער געזעלשאַפֿט. דאָ איז אַ צו ערנסטע פֿערזאַמלונג, און דאָרטען בײַ אונז איז געוויס פֿרעהליכער. די מוהמע און דער זײדע וועלען געגען דעם גאָרנישט האָבען? אמת?

די פֿירשטין האָט גוטמוטיג אַ שאָקעל געטון מיט'ן קאָפּ, און דער הער מאַציעי האָט אַ זאָג געטון:

— איך בעט אײַך, אדרבא, מיר ווײסען, אַז אײַך וועט גוט געלונגען זי צו פֿערווײַלען, און דעריבער רעקאָמענדירען מיר אײַך טאַקי די פּרל. סטעפֿאַניע.

קורץ דערנאָך איז סטעפֿע געזעסען בײַ דעם קלײנעם טישעל, וואו עס האָבען זיך פֿערזאַמעלט עטליכע פּערזאָן. אַרײַנגעצויגען אין דעם פֿרעהליכען שמועס, האָט זי זיך ביסלעכווײַז צוגעוואוינט צו דער געזעלשאַפֿט.

איהר האָבען אפילו אויפֿגערעגט די בלישטשענדיגע ברילען פֿון דעם גראַף טרעסטקאַ, וואָס זענען די גאַנצע צײַט געווען צו איהר געווענדט, און גלײַכצײַטיג איז זי געווען פֿעראינטערעסירט מיט דער קאַלטער געשטאַלט פֿון דער גרעפֿין צווילעצקאַ.

דער פֿרײַלין ריטאַ איז געלונגען אַרײַנצוציהען זי אין דעם אַלגעמײנעם שמועס דערפֿאַר אַלײן שוין, וואָס איהר האָט נישט געפֿעלט קײן וואָרט און קײן וויץ. אויסגעזעהן האָט זי בעשײדענער פֿון אַלע. אָבער זעהר שען, אָנגעטון אין דעם העל-גרויען באַטיסטענעם קלײד, בעצירט מיט אַ בלויער סטענגע. דאָס געזיכט איז איהר געווען פֿערויטעלט, די אויגען אַרומגעצוימט מיט די לאַנגע וויעס האָבען לוסטיג געגלאַנצט, און די פּורפּור-ליפּען האָבען געבליהט.

פֿרײַלין ריטאַ האָט געקוקט אויף איהר מיט פֿערגעניגען, און די איבעריגע — מעהר-ווייניגער גלײַכגילטיג.

טרעסטקא האָט מיט די אויגען נאָכגעפֿאָרשט סטעפֿען, ווי וועלענדיג דערזעהן איהרע חסרונות. ער האָט פֿעראינטערעסירט געקוקט אויף איהרע געזיכטסציגען, אויף די אויגען, אויף דער פֿריזור, צוגעהערט זיך צו דעם אופֿן פֿון איהר רעדען, און ער האָט בײַ זיך בעשלאָסען, אַז „זי איז ערטרעגליך". „קוק נאָר, קוק נאָר" — האָט ער שטיל געברומט, האַלטענדיג עס פֿאַר אַ לויב.

ער האָט אַרומגעקוקט דעם שניט פֿון דער קלייד. און ער האָט אַ דרעה געטון מיט'ן קאָפּ אַ פֿער'חידוש'טער, וואָס אַ לערערין קען זיין אַזוי געשמאַק-פֿול אָנגעטון. אַ פֿערנומענער מיט דער אַרומקוקעניש האָט ער אויף אַ ווײַלע פֿערגעסען, אַז ער האָט פֿערשפּילט דעם וועט וועגן די פֿערד. פֿרײַלײַן ריטאַ האָט איהם איבערגעבראָכן וועגן דעם דערמאָנט, אַ פֿרעג טוענדיג זיך בײַ וואַלדעמאַר'ן:

— הער וואַלדעמאַר, וואָס מאַכען עפּיס אײַערע מוזעס מיט אַפּאָלאָנען?

— אויסגעצייכענט — האָט דער מאַגנאַט געענטפֿערט און אַוועקגעזעצט זיך נעבען סטעפֿען. — זיי פֿערמאָגען אַנ'אייביגע אמת אָלימפּישע שענקייט.

— וועלכע מוזעס? — האָט סטעפֿע אַ פֿרעג געטון.

— די חבר'טעס פֿון אַפּאָללאָ — האָט דער גראַף טרעסטקאַ אַרײַנגעוואָרפֿען

— ווייסט איהר דען נישט?

— איך ווייס יאָ, הער גראַף, איך קען גוט די מיטאָלאָגיע.

זי האָט זיך געווענדט צו וואַלדעמאַר'ן:

— דאָס טראָגען עס אײַערע פֿערד די נעמען פֿון די מוזעס?

— יאָ! איהר קאָנט אפֿילו די פֿערד.

— די, מיט וועלכע איהר זענט היינט געקומען צופֿאָהרען? איך קען זיי קיינמאָל נישט דערקענען. אַלע זענען זיי שוואַרץ, ווי סאַמעט.

וואַלדעמאַר האָט אַ שמייכעל געטון.

— היינט האָבען מיר דאָ אַהער געבראַכט צו שלעפּען: קילא, מעלפּאָמענא אוראַניאַ און טערפּסיכאָרא.

— אמת, עס קלינגט זעהר פֿיין? — האָט פֿרײַלײַן ריטאַ אויסגערופֿען. — ווײַטער קומען: טאַליא, קאַליאָפּא, עאוטערפּע און פּאָליהימניע. עראַטאָ איז בײַ איך אַ רײַט-פֿערד.

— דאָס פֿערד קען איך גוט — האָט סטעפֿע געזאָגט. — אויף דעם קומט איהר דאָס רוב צורײַטען.

— איהר האָט עס בעמערקט? אמת, אַ צאַצקע אַ פֿערד?

— אָ, זעהר שען!

— דאָס איז נאָך גאָרנישט. איהר האָט נאָך נישט געזעהן אַפּאָללאָ'ן. איך האָב איהם ממש ליב — האָט פֿרײַלײַן ריטאַ אַנ'ענטציקטע אויסגערופֿען.

אַלע האָבען זיך פֿונאַנדערגעלאַכט.

— נאָר אַ ספּאָרטסמענקע קען זיך פֿערגינען צו האָבען אַזעלכע געפֿיהלען — האָט עמיצער אַ וואָרף געטון פֿון אַ גרופּע, וואָס איז ווייטער געשטאַנען.

— איך מוז איהם אהערברענגען אין סלאדקאוויעץ: וועלען מיר האבען דעם פערגעניגען אייך אפטערס צו זעהן — האט זיך וואלדעמאר געוויצעלט.

— איהר מוזט דער פריילין ריטא שענקען זיין פארטרעט.

— אדער אפגיסען פון בראנז.

— וואס רעדט איהר! ער וואלט א סך פערלוירען, ווען ער זאל ניט פערמאגען זיין קאליר.

— אויב אזוי — דארף מען איהם אויסהאקען פון שווארצען מארמאר.

— לאכט, לאכט! איהר לאכט טאקי, און דאך בעוואונדערט איהר איהם אלע.

— חוץ מיר — האט דער גראף טרעסטקא געזאגט, פערזיכטענדיג זיינע ברילען.

— ווייל איהר האט ניט קיין געשמאק, און פאר אייך זענען גענוג פערשראנען און די העסליכע מעקלענבורגער. אפאללא אין אייער שטאל וואלט אויסגעזעהן ווי א מלאך.

— פונקט דאסזעלבע קען איך זאגען, וועגען אייערע ענגלישע לאשעקעס.

פריילין ריטא האט זיך אנגעהויבען צו קריגען אויף א גאר שטארקען אופן.

וואלדעמאר האט א קוק געטון אין סטעפעס אויגען, און פרעהליך א זאג געטון:

— איצטער מעג סלאדקאוויעץ אוועקפליהען אין דער לופטען און דאס פאַרעל וועט שוין ניט אויפהערען צו דעבאטירען, וועגען שטאל. אז די דאזיגע צוויי ספארטס־לייט בעגעגענען זיך, שמועסען זיי ניט וועגען עפיס אנדערש, נאר שטענדיג קריגען זיי זיך, אזוי ווי איהר מיט מיר.

— איך קריג זיך מיט אייך ניט.

— איהר טיראניזירט מיך אבער. איך האב אהער א גאנצע וואך מורא געהאט צו קומען.

— אך, ס'אַרא שרעקעוודיגער איהר זענט!

— ניט אמת אפשר? איהר האט מיך אזוי ענערגיש ארויסגעפּטר'ט פון וואלד, און דאמאלסט, ביים מיטאג בין איך פון אייך אזוי געלינטשט געווארען, אז אפילו זעגענען זיך האב איך זיך מיט אייך ניט געקענט. האט דאס אלץ ניט געקענט אפשרעקען?... איך האב זיך אבער פערבענקט נאך מיין טיראן, און אט בין איך.

סטעפע האט פערביסען מיט די ליפען.

זי האט בעשלאסען ניט צו ענטפערען אויף זיינע רייד, כדי עמיצער פון די זייטיגע זאל ניט דערהערען. אין סאלאן האט מען אבער הילכיג געשמועסט, און פריילין ריטא, וואס איז אין דער נאהנט געזעסען האט זיך אזוי פערביסען געווערטעלט מיט דעם גראף טרעסטקא, אז עס איז זיי גארניט אנגעגאנגען, וואס עס טוט זיך ארום זיי.

וואַלדעמאַר האָט בעמערקט דעם אומרואיגען אויסדרוק אויף סטעפּעס פּנים, און איהר בליק, וואָס האָט געזוכט לוציען — האָט ער אַ זאָג געטון:

— איהר ווילט זיך קעגען מיר מיט תמימות אַוועקשטעלען, אַזוי ווי טוואַרדאָווסקי קעגען מעפּיסטאָ, אָבער לוציע איז שוין, ליידער, צו גרויס פאַר דער ראָלע, וואָס איהר ווילט איהר איצט איינטיילען.

ביי סטעפּען האָבען די ליפּען אַ ציטער געטון צום לאַכען.

און וואַלדעמאַר האָט ווייטער גערעדט:

— איך האָב געבענקט נאָך מיין פערפאָלגערין, אָבער איהר האָט אודאי גאָט געבעטען — איך זאָל זיך וואָס לענגער נישט בעוויזען.

— פערקעהרט, איך האָב געוואָלט, אַז איהר זאָלט וואָס גיכער קומען.

אויף וואַלדעמאַרס פּנים האָט אַ בלאַנק געטון די נייגעריגקייט.

— אמת!... אָ גאָט מיינער! פאַרוואָס האָב איך דאָס נישט געוואוסט?!

סטעפּע האָט איהם אַ קוק געטון גלייך אין די אויגען.

— איך האָב געוואַרט אויף אייער קומען, ווייל דער זיידע אייערער האָט געבענקט, און אָנגעהויבען אַריינצופאַלען אין מעלאַנכאָליע.

— דאָס הייסט, אַז איהר האָט פערלאַנגט מיין קומען נישט צוליב זיך, נאָר צוליב'ן זיידען.

— איך רעכען, אַז דער אויסדרוק „פערלאַנגען" איז צו שטאַרק. איך האָב פּראָסט געוואַרט.

— אָט, אַן'ענטוישונג! איך האָב שוין געהאַט אַ פאָרשטעלונג פון אַ גן עדן, און דערווייל בין איך נאָך אַלץ אין „דערלייטערונגס-צושטאַנד".

סטעפּע האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט. ער האָט פאָרשענדיג אויף איהר געקוקט, מיט אַ שמייכעלע אויף די פולע לייִדענשאַפטליכע ליפּען. נאָך אַ ווײַלע האָט ער געזאָגט מיט אַ שטילערען קול:

— איהר זעהט היינט אויס וואונדערבאַר. איך פיהל, אַז איך פערליר דעם קאָפּ.

— הער מאַגנאַט! — האָט אויסגערופען דאָס אויפגערעגטע מעדעל.

— איך הער אייך! — האָט ער אונטערגעכאַפּט מיט שפּאָטענדיגע פייערלעך אין די אויגען.

סטעפּע האָט צוזאַמענגעפּרעסט די ליפּען. פריהער וואָלט זי איהם מיט פּעס געענטפערט, נאָר איצטער איז זי געווען בנוגע איהם גוט געשטימט... זיין מינע האָט איהר געווײַלט. ער האָט געהאַט דערהויבענע ברעמען, די נאָז־לעכער האָבען זיך איהם פליגק בעוואויגען, און פון זיין יעדען קנייטש פון פּנים האָט זיך איהם געריסען אַ פערשטיקט געלעכטער.

זי האָט געענטפערט:

— עס פערדריסט מיך שוין, וואָס איך האָב גאָט געבעטען איהר זאָלט קומען, צוליב מיינע סימפּאַטיעס צו דעם עלטערען הער מיכאַראָווסקי; האָב איך זיך גופא געמאַכט אַ שאָדען...

— מיט דעם יונגען מיכאַראָווסקי'ן, ווי מיט אַ מעדיצין — האָט ער געענדיגט.

— איהר האָט געטראָפען — האָט זי זיך ווידער פונאַנדערגעלאַכט.

— און איך בין דאָך זיכער, אַז איהר האָט מיך אָפּגעוואָרט נישט צוליב דעם זיידענס מעלאַנכאָליע, נאָר טאַקי מחמת דער אייגענער בענקשאַפט. נישט וואָהר?

ער האָט העזה'דיג אַרייַנגעקוקט אין איהרע אויגען.

— איך זעה, אַז אין אייער געזעלשאַפט איז פיל גלייכער פאַר מיר — איך זאָל שווייגען, ווייל אין געגענפאַל ווערט איהר צו פיל פרעהליך.

— און איהר שטעקט גלייך אַרויס די נעגעל, די וואונדערבאַרע, אָבער צו שאַרפע — האָט ער מיט אַ גרימאַסע געענטפערט.

— וועגען וואָס רעדט איהר עס אַזוי פערטרויליך? — האָט מיט איראָניע אַ פרעג געטון דער גראַף טרעסטקאַ, ווענדענדיג צו סטעפען זיינע ברילען.

וואַלדעמאַר האָט פריי געענטפערט:

— מיר האָבען גערעדט, וועגען אַנ'אַנדער מין ספאָרט, איך האָב געבעטען די פריילין סטעפאַניאַ זי זאָל אונז עפּיס אויפשפּילען.

— איהר שפּילט אויפ'ן צימבעל? —האָט טרעסטקאַ שפּאָטיש אַ פרעג געטון.

— ניין, מיין הער, איך שפּיל נישט אויפ'ן צימבעל — האָט איהם סטעפע מיט'ן זעלבען טאָן געענטפערט.

— אַ שאָד, די צימבלען האָבען אַ זעהר פיינעם טאָן.

— וואַלדעמאַר האָט צוזאַמענגעצויגען די ברעמען. אין איהם האָט אויפגעקאָכט, פון אויבען-אַראָפּ האָט ער אַ קוק געטון אויף טרעסטקאַ'ן און מיט אַ געהעריגען אַקצענט געזאָגט:

— איך האָב גערעכענט, אַז איהר האָט אַ בעסערען געשמאַק, און אַ מעהרערע סובטעלקייט אין... אויער.

טרעסטקאַ האָט פערשטאַנען, און בלייך געוואָרען פאַר כעס.

פריילין ריטאַ האָט אַ שמייכעל געטון, און זעהענדיג די צעטומעלקייט פון דעם גראַף, האָט זי געזאָגט צו סטעפען:

— איך אונטערשטיץ די ביטע פון דעם הער וואַלדעמאַר. איהר מוזט אונז עפּיס שפּילען. איך, לײדער, שפּיל נישט, אָבער איך האָב אונגעהויער ליב מוזיק

— מיט פערגעניגען, אבער א ביסעל שפעטער.
— גערעכט, ס'איז צו טומעלדיג, און מוזיק האט ליב שטילקייט.
— ווייל דעמאלסט איז לייכטער צו געפינען די נערוועז און שפילען אויף זיי — האט וואלדעמאר צוגעגעבען.

דער קאמערדינער האט אנגעצונדען די לאמפען. פריילין ריטא האט זיך אוועקגעשטעלט ביים פענסטער, קוקענדיג אויף דעם שמאלען העל-גאלדענעם פאס פון דער אויפגעהענדיגער לבנה.

אויף דעם פאן פון דעם גרויען פארנאכטיגען הימעל האט וואונדערבאר שעהן אויסגעזעהן די שווארצע סטייגנע פון וואלד מיט דעם אפגעבראכענעם שטיק וואלקען-גאלד, וואס האט בעצירט די צעשויבערטע קעפ פון די בוימער, ווי א גלאנציגער פאנצער אויף דער ברוסט פון א ריטער.

פריילין ריטא האט זיך אויפ'ן קול ענטציקט. סטעפע און נאך עטליכע פערזאן זענען צוגעגאנגען צום פענסטער. וואלדעמאר, וועלכען לוציע האט א רוף געטון, איז אוועק אין עס-צימער, וואו די פרוי עלזאנאווסקא האט איהם געוואלט זעהן.

VI.

דער גרויסער טיש געדעקט מיט א האלענדישען טישטוך, וואס אין מיט'ן איז אויף איהם געווען אויסגעוועבט מיכראווסקיס הערב איז געווען געגרייט צום אווענט-ברויט. ביי די ברעגען זענען געשטאנען טעלער פון דעם וואונדערליכען פארצעליי, בעמאלט מיט צייכנונגען, ון אויסגעשטעלט אין ווירעס, ווי די זעלנער. פון דער זייט האבען אויפא טעצלעך מיט א רחבות גערוהט די זילבערנע מעסערס, גאפלען און די דעסערט-לעפעל. דערביי האבען געשטארצט די הארטע סערוועטקעס, געגליכען צו זעלנער-ביידלעך, און אין זיי איז געלעגען צעשניטען ברויט. די קרישטאלענע קוישען מיט'ן אויבסט, די גלעזלעך, די קעלישקעס און עטליכע פראכטפולע בלומען-בוקעטען האבען פערפולקומט דעם געגרייטען טיש. ביי יעדער סערוויז זענען געלעגען בינטלעך בלומען, אויסער דעם האבען די בלומען, וועס זענען געווען פונאנדערגעשאטען אויפ'ן טיש צוגעגעבען איהם א מאי'אווען אויסזעהן.

דער קאמערדינער יאצענטי און די יונגערע לאקייען אין די שווארצע פראקען, געפוצט מיט גאלדענע קנעפ, מיט רויטע קאמיזעלקעס, און אויך דער לאקיי פון דער פירשטין פאדהארעצקא אנגעטון אין א געלער ליווריע — האפען

זיך אַרומגעפּאָרעט צווישען דעם הויפּט-טיש, דעם קרעדענס, און דעם זייטיגען טישעל, אויף וועלכען עס זענען געשטאַנען די קאָמפּאָטען.

אויף די ווענט האָבען געלויכטען די ווייסע קוילען פון די לאָמפּען, איבער׳ן טיש איז געהאָנגען דער בראָנזענער קאַנדעליאַבער, וואָס האָט געשטראַהלט מיט קרישטאָלענע פייערלעך, און האָט געשטרוימט מיט ליכטיגקייט אויפ׳ן זילבער און אויפ׳ן קרישטאַל. די בלומען האָבען זיך, ווי מיט חיות אנגענומען און האָבען מיט אַ שטאַרקייט געשמעקט.

אין דעם זאַל איז אַריין די פרוי אידאַליע מיט וואַלדעמאַרן, און זי האָט צו איהם אויף פראַנצויזיש געזאָגט:

— דאָס ערשטע אָרט וועלען פערנעהמען די פירשטין מיט׳ן פאָטער, וועלכער פיהרט זי. די איבעריגע זאָלען זיך אליין אויסקלייבען וואו צו זיצען. זאָל מען פריי זיין. אָבער דו, וואַלדי, מוזט דיין האַנט געבען דער צווילעצקאַ׳ן, און אַזוי-אַרום וועט איהר מאַן מיך פיהרען.

וואַלדעמאַר אַנ׳אויסערגעוועהליך פרעהליכער, האָט געענטפערט:

— פאַר מיר, הייסט עס, בעשטימט די מוהמע אַ דיאַמאַנטען-שאַכטע. מיט פערגעניגען וואָלט איך עס אויסגעביטען אויף אַנ׳איין-און-איינציג פערעל...

— שפּאַס נישט. איך ווייס, וועגען וועמען די רעדסט... איך בעוואונדער נאָר, וואָס דיך אינטערעסירט אַזוי דאָס מעדעל.

וואַלדעמאַר האָט צוזאַמענגעצויגען די ברעמען.

— מען קען מיינען, אַז די מוהמע רעדט, וועגען איהר דינסט-מעדעל. פריילין סטעפאַניאַ איז נישט פון די, וואָס מען קען זיי אויף אַזאַ אופן פערטונקלען — האָט ער אַנ׳אויפגערייצטער אָפּגעענטפערט.

— אָבער נאָך דיין היינטיגען אַרויסטריט קען מען מיינען, אַז זי שטעלט מיט זיך פאָר עפּיס אויסערגעוועהנליכעס. דאָס וואָס איך האָב זי פאָרגעשטעלט איז גאַנץ גענוג געוועזען. דיין אַרויסטריט איז געוועזען אינגאַנצען איבעריג.

— איך האָב וועגען דעם אַנ׳אַנדער מיינונג. איבעריגענס זעהט מען דאָך גלייך מיט וועמען מען האָט צו טון. און די מוהמע טאַקי דאַרף נישט אויף אַזאַ אופן רעדען צוליב לוציען אַליין.

— אָבער, מיין טייערער — האָט די פרוי אידאַליאַ איהם איבערגעשלאָגען די רעד — איך בין דיך גאָר מתרה אַז עס קענען אַרויסקומען רכילות׳ן. איך האָב אַליין געהערט אַ פיינע פּאָר ווערטער פון לאָראַ׳ן.

— אַך! די פרוי „גרעפין“ קען זיך טענה׳ן וואָס זי וויל זי וועט נישט האָבען קיין סך צוהערער און גלויביגע פאַר איהרע רייד. זאָל די מוהמע איהר זאָגען, אַז זי זאָל אין מיין אנוועזענהייט נישט אַרויסזאָגען איהרע סברות, מחמת דאַמאָלסט וואָלט איהר געוויס נישט געהאָלפען איהר איינגערעדטע גראַ-

פֿישקייט, און עס וואָלט איהר פֿון מיר אויסגעקומען צו הערען גאָר הארבע ווערטער.

— וואָס הייסט עס ביי דיר — איינגערעדטע?

איך מיין, אַז איך דאַרף אייך נישט קיין סך דערצעהלען, וועגען דער ווירקליכקייט פֿון דעם־טיטול פֿון די צווילעצקיס. אַלע ווייסען וועגען דעם גע־נוג, אַפֿילו זייערע אייגענע קאַרעטען און דער אַלטער קאַמערדינער, וועלכער האָט זיך זעהר פֿערוואונדערט ווען מען האָט איהם אויף די ליוורייען־קנעפּ אַרויפֿ־געזעצט דעם גראַפֿישען הערב. אַלע גראַפֿישע כראָניקעס שווייגען וועגען דעם טיטול זעהר און זעהר נישט פֿריינדליך.

פֿרוי אידאַליע האָט פֿערביסען מיט די ליפּען.

— קום אין סאַלאָן אַריין, מען וועט באַלד דערלאַנגען צום טיש.

אין סאַלאָן איז די גרעפֿין צווילעצקאַ צוגעגאַנגען צו סטעפֿען, אַוועקגע־זעצט זיך אויף אַ טיילפֿולען פֿאָטעלכעל, און פֿון אויבען אַראָפּ אויף איהר אַ קוק געטהון.

— פֿון וואַנען שטאַמט איהר? — האָט זי איהר אַ פֿרעג געטהון מיט אַ שטיי־פֿען טאָן.

— פֿון דער קעניגרייך, פֿרוי גרעפֿין.

— ווי לאַנג פֿערנעהמט איהר זיך מיט לעהרעריי?

— דאָ איז מיין ערשטער און לעצטער פּאָסטען.

— אַזוי? דער ערשטער? און מיין שוועגערין האָט אייך פֿערטרויט לוציען? דאָס איז אַנ׳אַבסורד!

די יונגע לעהרערין איז רויט געוואָרען.

— וואַהרשיינליך האָב איך דערוועקט פֿערטרויען — האָט זי מיט אַ שמייכעל אָפּגעענטפֿערט.

— ווי אַלט זענט איהר דען?

סטעפֿע האָט אַ קוק געטהון אויף דער גרעפֿין פֿערוואונדערט.

— פֿינף און צוואַנציג יאָהר — האָט זי אַ זאָג געטהון, נישט פֿערטראַכטענ־דיג זיך.

די גרעפֿין האָט אויף איהר אַ קוק געטהון דורך דער לאָרנעטקע, וואָס איז געפּאַסט געווען אין אַ גאָלדען הענטעל.

— אַזוי! — האָט זי מיט איבערציינגונג געזאָגט — איהר זעהט טאַקי אויס אויף אַזוי פֿיל. לוציע האָט מיר געזאָגט, אַז איהר זענט אַלט נייצעהן יאָהר. איך האָב גלייך געוואוסט, אַז דאָס איז אַ טעות. עס איז זעהר פֿיין, וואָס איהר לייקענט נישט אייערע יאָהרען. מיין מיכאַלאַ איז אויך אַזוי אין אייער עלטער, הגם אַלע מיינען, אַז זי איז יונגער.

ביי סטעפֿען האָט דאָס געלעכטער אָנגעהויבען צו ציטערען אויף די ליפּען, און אין די אויגען האָבען אויפֿגעשפּילט פֿ[illegible]ען פֿון רחמנות. זי האָט אַ קוק גע־

טוט אויף דער גרעפֿין, וואָס איז ניט ווײַט פֿון איהר געזעסען, אויף דער שטענ־דיג ערנסטער, אַפּאַטישער, און וואָס האָט אויסגעזעהן, ווי אַן עלטערע שוועסטער פֿון דער גראַפֿין עלזאַנאָווסקאַ.

די גרעפֿין האָט ווייטער גערעדט:

— ווײַזט אויס, אַז איהר זענט געוואָרען אַ לעהרערין ניט אויס ליבע צו דער זאַך?

— יאָ, אָבער איך הויב שוין אָן צו ליבען מײַן אַרבייט דערהויפּט צוליב דעם, וואָס איך האָב אַ גוטע שילערין.

עס איז צוגעגאַנגען וואַלדעמאַר, און גלײַך נאָך איהם דער גראַף צווילעצקי.

די גרעפֿין האָט שרײַענדיג אויסגערופֿען צו איהר מאַן:

— הערסט! דו ווייסט, אויגוסט? די פֿרײַלין רודעצקאַ איז שוין אַלט פֿינף־און־צוואַנציג יאָהר. הײַסט עס — ניט נײַנצעהן, ווי לוציע האָט געזאָגט. מיר האָבען דאָך אַ גוט אויג.

זי האָט אַ קוק געטון אויף סטעפֿען, און ווידער זיך צו איהר געווענדעט:

— מיר האָבען עס ביידע געהאַלטען פֿאַר אוממעגליך.

וואַלדעמאַר האָט פּלוצלונג אַ פֿרעג געטון:

— וועגען וואָס רעדט זיך דאָ? איך פֿערשטעה ניט.

— וועגען מײַנע יאָהרען. איך האָב זיך צוגעגעבען אַ ביסעל ערנסטקייט — האָב סטעפֿע געגלייבט.

— פֿערשרײַבט עס, אײַער אויספֿאָרשונג אין טאָג־בוך. אַזוינס איז נאָך ניט געהערט געוואָרען!

וואַלדעמאַר האָט אָהן שום חשק גערעדט, נאָר זײַנע ווערטער זענען געווען דורכגעדרונגען מיט איראָניע.

דער גראַף [illegible], האָט מיט פֿערדרוס אַ קוק געטון אויף זײַן ווײַב און געזאָגט [illegible], ווי געוועהנליך:

— האָסט אַ [illegible], לאָראַ. קיינמאָל האָב איך מיט דיר, וועגען דער פֿרײַלין רודעצקאַ'ס יאָהרען ניט גערעדט.

— עך, מײַן טײַערער, האָסט פֿערגעסען.

דער גראַף האָט ניט באַוויזען צו ענטפֿערן — איז אַרײַן דער קאַמערדינער, ערקלערענדיג, אַז צום טיש איז געגרייט.

אין סאַלאָן האָט זיך געמאַכט אַ באַוועגונג.

וואַלדעמאַר האָט דערלאַנגט זײַן האַנד דער גרעפֿין, און ער האָט אַ זאָג געטון מיט אַ [illegible] אויפֿרעגונג:

— די גראַפֿע, וועגען גענעאַלאָגיע דאַרף מען אַפּלעגען אויף אַן אונבעגרענצטע צײַט. איצטער האָב איך דעם כבוד אײַך צו דינען.

די גרעפֿין האָט צו איהם עפּיס מיט אַ געלעכטער גערעדט, נאָר וואָס גערעדט — האָט שוין סטעפֿע ניט געהערט.

מען איז אַרויסגעגאַנגען.

דער גראַף האָט פֿײַנק זיך אַרומגעקוקט, און צוגעגאַנגען צו דער פֿרוי אידאַליע. סטעפֿע איז אויסען געבליבן אַליין. זי האָט געזען די פּאָרען, וואָס זענען אַוועק צום עס-זאַל, און ווײַטער איז עס פֿאַר איהר געווען אַן אומאָנגענעמע סיטואַציע. זי האָט זיך פֿאָרגעוואָרפֿן, וואָס זי איז נישט פֿריהער אַרויס — זי וואָלט דאָך אויסגעמיטן איבעראַשיס אַרײַנצוגעהן בײַ אַרעמענס אַניוועזענהייט.

אין דער מינוט איז צוגעלאָפֿען לוציע, און נעהמענדיג זי אונטער'ן אָרעם האָט זי לאַכענדיג אויסגערופֿען:

— אַלע דאַמען האָבען דאָ זייערע ריטערס און מיר וועלען זיך אַליין געהן. איך האָב אָפּגעפֿיהרט דעם הער כאַוויער. די מוטער האָט איהם פֿאָרגעשלאָגען, ער זאָל געהן מיט איך, נאָר איך האָב איהם געזאָגט, אַז איהר האָט אַנ'אַנדערען. איך גלויב דאָך, אַז איהר וואָלט בעסער מיט מיר געהן. נישט וואָהר, פֿרײַלין?

— פֿערשטעהט זיך! פֿערשטעהט זיך! דו האָסט עס אויסגעצייכענט געמאַכט. איבעריגענס לאָמיר זיך עס פֿאָרשטעלען, אַז איך בין דײַן קאַוואַליער.

— אַהאַ! איהר זענט אויף אַ קאַוואַליער וועניג עהנליך, גיכער וואָלט זיך עס געפּאַסט פֿאַר דער פֿרײַלין ריטאַ. נאָר אָהן דעם שלייף אויפ'ן קאָפּ. און ווען זי איז אָנגעטאָן אין דעם אַטלאַזענעם קלייד.

זיי זענען ביידע אַרײַן אין עס-זאַל.

ווידער האָבען עטליכע פּאָר נייגעריגע אויגען בעטראַכט סטעפֿען. אויפ'ן עק טיש איז געזעסען דער הער קסאַוויער, האָבענדיג פֿון ביידע זײַטען רעזערווירטע פּלעצער פֿאַר סטעפֿען און פֿאַר לוציען.

ווען סטעפֿע איז אַרײַן, האָט די פֿרוי עליזאַוועטקאַ אַ קוק געטאָן אויף איהר מיט פֿערמרוזשעטע אויגען, און געזאָגט בעטאָנענדיג:

— איך האָב שוין געמיינט, אַז איהר וועט נישט קומען.

סטעפֿע האָט זיך בעגאָסען מיט אַ הייסער בלוט פֿאַליע. זי האָט נישט געוואוסט וואָס צו ענטפֿערן.

איז איהר דאָס מאָל וואַלדעמאַר געקומען צו הילף. ער האָט איבערגעשלאָגען די רעד פֿון דער פֿרוי אידאַליע. און די האַרבע סיטואַציע פֿון דעם מעדעל איז ווידער געווען געראַטעוועט.

דער גערויש בײַם טיש האָט אויפֿסנײַ אויפֿגעלעבט געלעכטערס, שמועסען, ווערטער האָבען זיך געטראָגען פֿון מויל צו מויל. סטעפֿעס גוטע שטימונג איז אָבער קאַליע געוואָרען. זי איז געזעסען שווייגענדיג, און געבעטען גאָט — דער אָוונט [illegible] זאָל זיך וואָס גיכער ענדיגען.

אַלע האָבען געגעסען, און זי און דער הער קסאַוויער האָבען די איינציגע געשוויגען. דער לעצטער איז געווען אינגאַנצען אײַנגעטאָן אין די פּאַלומישקעס, וואָס מען האָט פֿינאַנדערגעבראַכט. און אין [illegible], וואָס עס איז געלעגען אויף

זײַן טעלער. סטעפע האָט ווידער די גאַנצע צײַט געטראַכט, אַז זי איז אַ פרעמדע, און געפינט זיך אײַנזאַם, ווי צווישן שונאים. אין קאָפּ האָבן זיך בײַ איהר געווירבעלט פערשידענע געדאַנקען: רוטשייעוו, דאָס אָנקומען אין סלאָדקאָוויעץ, די קריגערײַען מיט וואַלדעמאַרן, און איהר היינטיגער שמועס מיט דער גרעפין.

ווען נישט עדמונד — וואָלט זי אָט דעם גאַנצען עולם נישט געקענט, און נישט געדאַרפט אויסצושטעהן פון די פערשידענע שטעכווערטלעך אין שפּאָסע־רײַען. אַלע קוקען דאָ אויף איהר, ווי אויף אַ בעשעפעניש, וואָס שטעהט מחוץ די מענשליכע רעכט, און ווי אויף אַזאַ וואָס געהערט נישט צו דער דאָזיגער „גראַנציגער וועלט”. זיי קוקען אויף איהר, ווי די וואונדערליכע עקזאָטישע בלו־מען אויף אַ בעשיידען פעלד־בלימעל, וואָס האָט צופעליג פערבלאָנדזעט אין דער אראַנזשעריע.

זי האָט אַ קוק געטון אויף אַ בינטעל בלומען, וואָס איז געלעגען נעבען איהר טעלער.

דורך אַ צופאַל זענען עס געווען פעלד־בלומען: אַ בראָנזען גרעזעל און ווײַסע מאַרגאַריטקעס מיט געלע שפּינקעלעך. דעם בוקעטעל האָט זי אין האַנט גענומען, פערטראַכטענדיג זיך, און אויסטײַטשענדיג עס מיט אַ סימבאָל: פעלדי־שע ציטערדיגע געווי סלעך. וואָס זענען אַרײַנגעוואָרפען צווישען זילבער און קרישטאָל, הגם עס בעשײַנט זיי דער גלאַנץ אין עשירות — וועלען זיי פערוועלקט ווערען און די וועלט וועט פאַר זיי אונטערגעהן. זי האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ און פלוצלינג אַ ציטער געטון.

אויף איהר האָבן געקוקט עטליכע פּאָר טויטע אויגען פון די פּאָרטרעטען אין די געשניצטע ראַמען, וואָס האָבן בעצירט די ווענד.

די אויגען פון די אור־עלטערען פון די מיכאָראָווסקי׳ס אַזעלכע גרויסע, ווי בײַ וואַלדעמאַר, דורכדרינגליכע, בייזע, האָבן זיך דאַכט זיך אַרײַנגעשטאָ־[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible] דאָ הע [illegible]

[illegible] סטעפען [illegible]

איהר נאָכגע[illegible] פון אלע [illegible]

[illegible] אפילו [illegible] בליקען

— וואָס [illegible] עס מיך [illegible] פון זיי אזוי שטאַרק? זיי זענען רוהיגע [illegible] אור־[illegible]? האָט זי געטראַכט — עס צומען [illegible] פון זיי די בראָ־נישע הערבען, די [illegible] קינדליך, און דער נאָמען פון אַריסטאָקראַטיע, וואָס איז דורך די טראַדיציע געהייליגט, און וואָס פערשפּרייט זיך איבער דעם בנין־שפּיץ פון דער געזעלשאַפטליכקייט. און צי איז דער דאָזיגער שפּיץ, וואָס האָט זיך אין דער [illegible], צי אין די וואָלקענס געטרונקען, צי האָט ער דען נישט

אויפגעהערט צו ווערען דער העכסטער שפּיץ. זיי זענען געוואוינט צו קוקען אויף מענשען פון אויבען אראפּ, אויף די מענשען, וועלכע וואוינען אויף נידע-ריגערע שטאפּען. די גלייך רוהמפולע, און אפטערס מעהרער פערדינטערע. זיי האבען זיי בעטראכט אלס שפּיל'דיג געביי, אויף וועלכען זיי האבען געקענט אויסלעגען זייער מאגנאטישע ליכטיגקייט, און ארויסהענגען די פאהנער מיט די הערבען. און די — די קלענערע זענען מחויב צו זינגען לויב-געזאנגען לכבוד זיי.

און דאך איז אין דער דאזיגער פּריוויליגירטער ראסע דא אזא מין פער-בארגענער חן, וואס ווירקט אויף ראפינירטע נאטורען. סטעפע האט געטראכט, אז די סיבה — איז דער מאיעסטעט פון זיין אייביגער עשירות. און הגם זיי פערמאגען נישט קיין בעזונדערע סמנים פון דערהויבענקייט, און נישט קיין אוי-סערגעוועהנליכען שוואונג — רינגעלט זיי דאך ארום אנ'אינערליך חן און שענ-קייט, און זיי גילטען אין דער געזעלשאפט אלס דעקאראציע. איינצעלנע פון זיי, ווי צום ביישפּיל, די פירשטין, די אלטיטשקע, ציהען צו זיך מיט אנ'-אומגעהויער קראפט. אין דער פירשטין שלאגט אדורך די העכערקייט פון דער ראסע; עס איז צו זעהן, אז זי איז מיט יעדען טראפּען בלוט א מאגנאטקע, אנ'אור-אייניקעל פון די קארמאזינען. זי איז אינ'ם פולען ווארט א גרויסע הא-רין, וואס פערשטעהט איהרע אויפגאבען. סטעפען איז שוין אויסגעקומען צו הע-רען, וועגען איהר טעטיגקייט, און איהר גוט הארץ. דער אלטיטשקער מאציי-אין צו איהר ענליך; אויך ער האט א נשמה פון א סובטילען אריסטאקראט; ער איז אבער א סך עלטער פון איהר, און איז שוין געווארען שווערליך.

סטעפע האט א בליק געטון אויף וואלדערמאן.

און יענער?.. ער איז אויך א גרויסער הער, א געבוירענער איידעלמאן. ער פערשעמט מיט גארנישט זיינע אור-עלטערן, פערקערט, זיי רייצען זיך מיט איהם גרויסען, א טיכטיגער, אנ'ענערגישער, אנ'אמת'ער הער, א מאגנאט און א מיליאנער — האט ער גוט פערשטאנען זיין אויפגאבע אין דער געזעלשאפט. דער אלטיטשקער מאציי וועלכער שפּארט נישט קיין רעדי. האט דערציילט סטעפען, אז ער האט גאר קיינמאל נישט געטראכט און נישט געהאפט — ווען-דעמאר זאל זיך קענען אזוי ענדערען. אמאל האט ער גאר גאנץ ערש געלעבט. ענדיגענדיג דעם בעקער אוניווערזיטעט אין די אגראנאמישע שולע, און וועלט-איז ער ארומגעפאהרען אין ווירבעל פון לעבען מיט זשטורם און מיט ליידענ-שאפט, צום מעהרסטען פלעגט ער זיין אין אויסלאנד אין גראנדיזען. אויפגע-וואקסען און געקאכט גאנץ אייראפּא. געווען אויך אין אפריקא און אין עגיפּטען, געווען אויף יאגד אין אינדיען, און אין די אמעריקאנישע סטעפּעס. געקלע-טערט אויף די שפּיצען פון די בערג, און געטרונקען אויף די גרויסע שפּיע-לען, אויסגעוועזען אין א סך קליניקעס, דיספוטען געהאט מיט געלעהרטע, א [illegible] זיך די גרויסע כעמיקער, פראפעסארען. און געמאכט [illegible]

אויף געצויגען - פאבריקען, ניו-יארקער ראקען, און ער האט אריינגעשטודירט אין יעדער קליינינקייט פון דעם שאפען פון די ארבייטער. זיינע באציהונגען און די מיליאנען האבען פאר איהם פונאנדערגעעפענט אלע אינסטיטוציעס. ער האט געהאט אנ׳אריינטריט אין קרופס זאוואדען אין עססען, און אין די אפגיסערייען פון די הארמאטען האט ער געארבייט עטליכע טעג. געטריבען פון דעם עקשנות׳דיגען פערלאנג אלץ צו וויסען.

אויס׳ן וועזוף האט ער א ציגאר אנגעצונדען, בעזוכט נאפאלעאן דעם ערשטענס הויז אויף דעם אינזעל העלענע; אין די גאלערייען פון לובר, און אין די דרעזדענער גאלערייען פלעגט ער שעה׳ן לאנג אפזיצען, א פערקוקטער אין די קונסט-ווערק. מיט געלד האט ער געווארפען אויף רעכטס און אויף לינקס, געהאט אוואנטורעס און סקאנדאלכלעך דערהויפט צוליב עראטישע סיבות, געווען דער ליבלינג פון די פיינסטע געזעלשאפטליכע קרייזען. ער האט פערקעהרט אין די ווינער מלוכה-סאלאנען, וואו ער האט צווישען דער אונגארישער מאגנאטעריע געפונען גרויס אנערקענונג און פאפולאריטעט, זייענדיג דורך זיין עלטערבאבע אין קרובה׳שאפט מיט עטליכע איינפלוסרייכע הייזער. אויף פרויען פלעגט ער א סך געלד אויסגעבען, געשפילט אפילו א ביסעל אין קארטען, נאר דאס לעצטע איז אבער נישט אריינגעגאנגען אין די גרעניצען פון זיינע ליידענשאפטען. איהם איז אויסגעקומען עטליכע מאל צו האבען דועלען, פון וועלכע ער איז ארויס אלס זיגער, א דאנק זיין דרייסטקייט, און די איבונגען, וואס ער האט דורכגעמאכט אין פעכטען זיך און אין שיסען. אין דעם ווינער זשאקיי-קלוב האט ער אמאל געמאכט אנ׳אוואנטורע איינעם פון די גרויס-פירשטען דערפאר, וואס יענער האט זיך אויסגעדריקט וועגען פוילען, אז דאס איז א לאנד פון אונטערגעגאלטע קעפ און דונערדיגע ציגנער. דער דאזיגער פארפאל האט אזש אנגעשפארט אין הויף און דעם גרויס-פירשט איז אויסגעקומען צו ענטשולדיגען זיך פאר דעם פוילישען מאגנאט. אלע האבען גוט געקאנט זיין אוואנטורישע און היציגע נאטור. פרויען זענען פון איהם מיט אהן קעפ געגאנגען: א סך פון זיי האט אימפאנירט דער גלאנץ פון זיינע מיליאנען און זיין יחוס, אנדערע ווידער האבען איהם אויפריכטיג עהרליך ליב געהאט. און כאטש ער האט געוואוסט, אז ער איז פאר אלעמען א געוואונשענער — דאך האט ער פאר זיך קיין ווייב נישט געפונען. נאך פינף יאהר פון אזוי ארומוואליען, איז ער איבערגעזעטיגט געווארען, עס האבען איהם דערעסען זיינע טריומפען, די ליבע-אינטריגעס, די רייזעס אפילו — און ער האט זיך צוריק צו זיין לאנד אומגעקעהרט.

דער הער מנציני האט פאר סטעפען דערצעהלט, אז וואלדעמאר האט דריי ליידענשאפטען: פערד, יאגד און פרויען — און אויך צו זיי איז ער לעצטענס קאלט געווארען. וואונדערבארע פאלאוואניעס פלעגט ער איינארדנען בשעת זיינע רייזעס אפילו. דעמאלט פלעגען זיך צונויפפאהרען אין גלעמבאוויטש מאגנאטען פון דער גאנצער ארומיגער וועלט. ער פלעגט אויך אליין ארויספאהרען

אָפֿטערס אויף יאַגד צו זײַנע פֿרײַנד, און געווען אַן אָנגעלעגענער גאַסט אין אַלע אַריסטאָקראַטישע הײַזער. אין פֿערד האָט ער זיך כּמעט געליבט, נאָר ער פֿלעגט זיי נישט לאָזן אויף געיעגן, זאָגענדיק, אַז ער האָט פֿײַנט צו איבער־געבן זיי אין די הענט פֿון זשאָקייען, און קוקן, ווי זיי ברעכן די פֿיס.

דאָס אַלץ האָט סטעפּע געוואוסט פֿון דעם הער מאַציעי און אויך פֿון דעם ה׳ קסאַווערי און אויך זי גופֿא האָט שוין געהאַט געזען אײניקע בײַשפּילן פֿון וואַלדעמאַר׳ס איידעלקייט און זײַן גוט האַרץ. די טאַפּפֿערקייט פֿון זײַן כאַראַק־טער האָט זיך בולט אַרויסגעוויזן; ער האָט געהאַט אַ גוט האַרץ און גלײַכצײַ־טיק אַ סך בײַזוויליקייט; און אַ כּעס׳דיקער צושטאַנד אַ שטורעמדיקער, און אַן איראָנישער, האָט ער דערבײַ געהאַט אַ פֿײַנעם און אַ סובטעל ענטוויקלטן גע־שמאַק. בײַ זײַן גאַנצער איידעלקייט איז ער דאָך געווען אַ ביסל עגאָאיסטיש געשטימט, ער פֿלעגט קיינמאָל נישט ערלויבן זיך צו באַריִרן מיט אַ נישט־פּאַסיקן וויץ, אָבער ער גופֿא האָט איהר אָפֿטערס אין צאָרן אַרײַנגעבראַכט, און געהאַט נאָך פֿון דעם פֿאַרגעניגען. סטעפּי האָט איהם נישט גערן געהאַט, נאָר דאָך האָט זי באַמערקט, אַז ער איז אַ סך מעהרער ווערט פֿון אַנדערע, און פֿון דער פֿרוי אידעאַליע אודאי און אודאי. זי האָט פֿאַרשטאַנען אָפּצושאַצן די העכערקייט פֿון עדמונדען.

יענער האָט איהר פֿאַרזיכערט, אַז ער האָט זי ליב, געשוואוירן אפֿילו, און לסוף פֿאַרלאָזט זי, ווי נישט וויסענדיק, אַז זי פֿאַרמאָגט אַ האַרץ, וואָס קען וועהטאָגן און לײַדן.

וואַלדעמאַר האָט זי נישט ליב געהאַט, און אפֿשר פֿאַראַכטעט, און דאָך האָט ער זי אַרויסגעראַטעוועט פֿון דער שווערער סיטואַציע אין סאַלאָן, און דורכגעפֿיהרט זי אויף אַ זעהר נאַטירליכן און געשיקטן אופֿן.

סטעפּע האָט אויף איהם אַ צווייטן מאָל אַ קוק געטון.

ער האָט געשמועסט מיט די דאַמען מיט זײַן געוועהנליכער [illegible] דורך אַגב׳דיק, און עפּעס שפּאַסיק. [illegible] האָט [illegible] געהאַט עפּעס [illegible] צו־וואַרפֿענע, נאָר דאָס האָט איהם צוגעזאָגט [illegible] זײַן [illegible] טען זיך האָט זיך געפֿיהלט [illegible] אידעלקייט [illegible] אַנ׳אָנגענע. ער איז נישט געווען אויס [illegible] ער האָט [illegible] זיך געהאַט [illegible] אונ[illegible], וואָס האָט געמאַכט [illegible] אײַנדרוק. [illegible] [illegible], האָט ער פֿאַרמאָגט אויסדרוקליכע [illegible] צוגען, אַן [illegible] טונקעלען פּנים, טונקעל־בלאָנדע האָר שעהן צוגעלייגט מיט אַ שרונט; די קליינע דערהויבונגען אויף זײַנע שטערן איבער די ברעמען האָבען דאָס זיך אין זיך קאָנצענטרירט ענערגישקייט, אַ שאַרפֿן ווילן און גרויסע פֿעהיגקייטן. אויגען האָט ער געהאַט גרויסע, דורכדרינגענדע, מיט אַ קלוגען און פֿעסטן אויסדרוק, כּמעט שטענדיג שפּאָטענדיגע, און אָפֿטערס שטאָפּעריש; די אונגעהויער שענע ליפּען, די בלוטיג רויטע זענען באַשאָטנט געווען מיט די עלעגאַנטע גאָלד־

בלאָנדע וואָנסעס. אויפ'ן פנים איז איהם שטענדיג קענטיג געווען דער טיפער גראַק, אין דער פעראינטערעסירונג מיט אַ קוים מערקבאַרען לאַנגוויל. פון די אויגען האָט איהם אַרויסגעקוקט אַ שטורמישקייט, צומאָל אַ שטאָלצקייט, און אָפטערס — האָפענונג, אין זייני געצאַנקט די פונקען פון שפּאַס. פינ'ם מויל האָט מען אין איהם געקענט דערקענען אַן עפּיקורעער, און דער שמייכעל, אויב ער איז נישט געווען איראָניש, האָט ער פערמאָגט אַ סך ווייכקייט.

קוקענדיג אויף איהם, האָט סטעפע בעגעגענט זיך מיט זיין בליק, נאָר איהרע אויגען האָט זי נישט אַראָפּגעלאָזט. ער האָט אַ בליק געטון מיט אַ שמייכעל, און זי האָט זיך געוואונדערט מיט עפּיס אַ פראַגע צו דעם הער קסאַווערי.

זי האָט נישט צו וועמען אַ וואָרט צו רעדען. לוציע האָט זיך גוט געווייַלט מיט איהר שכן. דער הער קסאַווערי האָט געטראַכט, וועגען פּאַטראַוועס. און איהר שכן וואָס איז געזעסען פון דער אנדער זייט, זעהר אַ דיקער פּאַרשוין, האָט אָהן אויפהער געשמועסט מיט דער גאַנצער געזעלשאַפט, וואָס איז געזעסען אַרום טיש. סטעפע האָט געקוקט אויף זיין ווייסער דיקער האַנד, וואָס איז געווען, ווי פון וואַטע געקנאָטען; אין די פינגער האָט ער געקנייטשט אַ בינטעל בלומען. קיינער האָט אויף סטעפען קיין אכט נישט געגעבען. זי איז געזעסען ביים סוף טיש און איז געווען, ווי אָפּגעזונדערט, און זיך צוגעהערט צו די שמועסען.

זי האָט אָפטערס געקוקט אויף דעם אויפגעלעבטען פנים פון דער פרוי אידאַליע, אויף איהרע גרויסע ביר-קאָליר-אויגען, וועלכע פלעגען קוקענדיג אויף סטעפען קליין און שמאָל ווערען. זי האָט אויך געקוקט אויף איהר גרינער בלוזע, אויף דעם גאָלדענעם קייטעל פון דעם זייגער; געקוקט אויף דער פרייַלין ריטאַ, וואָס האָט אַ פרעהליכע מיט אַפּעטיט געגעסען אינדיק-פלייש. זי האָט אויך געזעהן דעם פעררייסענעם קאָפּ און די בלישטשענדיגע אויגען-גלעזער פון טרעסטקאַן, דעם קאַראַסאַלען פנים פון דעם פירשט פראַנציששעק פּאָדהאָרעצקי, דעם סימפּאַטישען גוטען פנימ'ל פון זיין פרוי, דאָס אומעטיגע געזיכט פון צווילעציקי'ן, דאָס אָרדינערע — פון דער גרעפין. אַ פּאָר מאָל האָט זי מיט אַלע צוזאַמען אויפגעהויבען די קעלישקעס ביי די טאָסטען, נאָר זי האָט גאָרנישט געטרונקען, און ווייניג געגעסען.

פונאַנדערגיסענדיג דעם וויין, איז וואַלדעמאַר צו איהר צוגעגאַנגען. זי האָט אויף איהם אויפגעהויבען די אויגען, און אָפּגערוקט דעם קעלישעק. אין זיין בליק האָט זי בעמערקט אַן אויסדריקליכען שיין פון פריינדליכקייט, און צו איהר אויער האָט דערגרייכט אַ לייכט שעפּטשען: „אָרעם קינד״!

סטעפע האָט זיך פערטראַכט

וואָס הייסט! ער לאַכט זי נישט אויס, ער קריטיקירט זי נישט?

— ווייזט אויס, אַז איך זעה אויס זעהר אָרעם, ווען איך האָב אין איהם דערוועקט רחמנות — האָט זי מיט פערדרוס אַ טראַכט געטון.

נאָכדעם, ווי מען האָט אָפּגעגעסן די וועטשערע, ווען די פֿרוי עלזשבעטאָווסקאַ אויפֿגעהויבען, עס האָט זיך געענדיקט די וועטשערע.

אין דער ערשטער פּאָר איז פֿון טיש אַוועק דער הער מוזיקער, פֿיהרענ-דיג אונטער דער האַנד די פֿירשטין, אין דער צווייטער — וואַלדעמאַר מיט דער גרעפֿין צווילעצקאַ, ווייטער איז געגאַנגען דער פֿירשט פּאָדהאָרעצקי מיט דער פֿרײַלין זשיזשעמסקאַ, צווילעצקי מיט דער פֿרוי אידאַליע, טרעסטקאַ מיט דער פֿרײַלין ריטאַ, סטעפֿע האָט גענומען אונטער'ן האַנד לוציען און זיי ביידע האָ-בען געשלאָסען די גרויסאַרטיגע פּראָצעסיע. דער לעצטער איז אַליין נאָכגעגאַנ-גען דער הער קסאַווערי.

און ווידער האָבען זיך אין סאַלאָן אָנגעהויבען די שמועסען, דורכגעפלאָכ-טען מיט פֿרעהליכע געלעכטערס. צום סוף האָט די יונגע געזעלשאַפֿט אָנגעהוי-בען צו אַרומשטיפֿען. פֿרײַלין ריטאַ און וואַלדעמאַר האָבען געשאָסטען מיט ווי-צען, אָנגעפֿיהרט מיט אַלעמען, געפלאַפּלעט נאַרישקייטען, וועקענדיג צו אומ-אויפֿהערליכער פֿרעהליכקייט.

נעבען דער פֿרײַלין ריטאַ האָט זיך אַרומגעדרייט טרעסטקאַ, און דאָס האָט איהר וואַהרשיינליך געערגערט. וואַלדעמאַר איז דערפֿאַר געווען זעהר פֿריינדליך געשטימט, ער האָט געוויילט סטעפֿען אַרײַנזאָגענדיג איהר איידעלע ווערטלעך, דערנאָך האָבען זיי זיך אָנגעהויבען אַלײַן אַלטען אויפֿן צו קריגען. ווען איינמאָל איז אָבער צו זיי אײַנמאָלען צוגעגאַנגען, האָט ער תיכף געביטען דעם טאָן און דעם טעמאַט פֿון זייער שמועס אַזוי געשיקט, אַז סטעפֿע האָט זיך ממש נישט געקענט אײַנהאַלטען פֿאַר געלעכטער, אַ פֿערווײַלטע פֿון זיין לייכטער קריטיק. צום צווייטען מאָל האָט ער איהר געבעטען זי זאָל עפּעס שפּילען.

איך בעט אייך, באַפֿרייט מיך פֿון דעם — האָט זי צו איהם שטיל אַ זאָג געטון.

— איך האָב אייך — האָט ער געגענטפֿערט אײַנבויגענדיג דעם קאָפּ — איך בעט אייך אָבער, אַז דערפֿאַר זאָלט איהר אַמאָל שפּילען נאָר פֿאַר מיר. גוט?

— געמאַכט — האָט זי מסכּים געווען, אַ בליק געטאָן אויף זיין נאַרישקייט.

— איך האָב זעהר ליב פֿאָרטעפּיאַנאָ. און איהר — האָט מיר דער זיידע געזאָגט — שפּילט איהם מײַסטערהאַפֿט.

— פֿאָרגעסטערן שפּיל איך פֿאַר אייער זיידען צום ערשטען מאָל שאָפּענען. ער האָט זעהר ליב זײַנע נאָקטורנען.

— ווייל מיין זיידע איז אַ טרוימער און איך בין דער היפּוך פֿון איהם — האָט וואַלדעמאַר געענטפֿערט.

עס האָט שוין געהאַלטען בײַ צוועלף אַ זייגער נאָך האַלבער נאַכט, ווען די געסט האָבען זיך אָנגעהויבען פֿונאַנדערצוגעהן. די נאַכט איז געווען אַ ליכטיגע, אַ וואַרימע פֿול מיט דופֿטען. אַ טיפֿע שטילקייט האָט געהערשט, אַ פֿערשפּרייטע, אַ פּשוט'דיגע ... איהר מאַטער בעלייכטונג מיט וועלכער די

האָט אַרומגענומען די וועלט, אײַנהילענדיק זי אין אַ זילבערן־געוועב, אָנגעזײַט מיט דימענטען.

נאָך דעם הילכיקן געזעגענען זיך זענען די חאַלאַנטען' און די קאַרצאַן אָפּגעפאָהרען, און הינטער זיי האָט נאָכגעפאָלגט די בריטשקע.

נאָך אַ ווײַלע זענען די טונקעלע סילועטע פון די פערד און געשפּאַנען פערשוואונדען אין דער ריינער העלקייט. וואָס האָט פערגאָסען די פעלדער און די מיט נעפּלען אײַנגעהילטע לאַנקעס.

אויפ'ן גאַנעק שטעהענדיק האָט סטעפע געוואונשען אַ גוטע נאַכט דער פרוי אידאַליע און וואַלדעמאַרן. ער האָט שטאַרק געדריקט איהר האַנד און צוגעהאַלטען זי אין זײַנער.

אַ פערוואונדערטע האָט זי אַ קוק געטון, נאָר דערזעהענדיק זײַנע צו־פלאַמטע אויגען, וואָס זענען געווען ווי איהר אַרײַנגעשטאָכען, האָט זי שנעל אַרויסגערוקט איהר האַנד; זי איז געגאַנגען זאָגען נאָך אַ גוטע נאַכט דעם אַל־טיטשקען העַר מאַציעי, וואָס איז פערבליבען אין סאַלאָן. וואַלדעמאַר האָט בעמערקט, אַז בײַ דעם בלאַסען שײַן פון דער לבנה איז זי נאָך שעהנער, ווי געוועהנליך. נאָך רייצענדער — האָט אין איהם דאָס בלוט אויפגעשפּילט. אַוועק־געהענדיק אין זײַנע צימערן האָט ער מיט אַ מין שגעון פערדריקט מיט די צייהנער, און געברומט צו זיך:

איך מוז איהר האָבען, איך מוז! זי רייצט מיך, און ווירקט ווי האַשיש. איך וויל זיך מיט איהר אָנטרינקען.

און לאַנג איז ער אַרומגעגאַנגען איבער זײַן שלאָפצימער, און פערשיד־נע פלענער האָבען איהם נישט געלאָזט אײַנרוהען.

VII.

אויף דעם צווייטען טאג איז סטעפע אויפגעשטאנען מיט א שטארקען קאפ-ווערטאג, און מיט א מאדנע אונהיימליך געפיהל. עס איז איהר אומעטיג געווען. אנ'אומגעהויערע שווערקייט האט איהר געדריקט, אפגעהמענדיג די פרייהייט פון איהר טראכטען.

לוציע האט געזאגט, אז מען האט שוין געשיקט צום באהן נאך דעם פראקטיקאנט, און אז עס אינטערעסירט איהר זעהר, צי איז ער א שעגער און... צו שטאמט ער פון א שענער משפחה.

אין סלאדקאוויעץ פלעגט מען צווי א זייגער עסען מיטאג. גלייך נאך דער געענדיגטער לעקציע איז אין קלאס אריין א לאקיי, און געמאלדען, אז דער טיש איז געגרייט.

— איז דער הער מיכאראווסקי שוין געקומען? האט איהם לוציע א פרעג געטון.

— דער הער איז געקומען מיט נאך א הער, וואס דארף שוין דא איינגאבצען פערבלייבען. פון באהן זענען זיי געקומען.

— דער פראקטיקאנט — האט לוציע אויסגערופען, נאך דעם ווי דער לאקיי איז ארויס, און זי האט זיך אוועקגעשטעלט געגען שפיגעל, פאררייכטענדיג זיך די האר און די בלוזע. — ווי גוט איז, וואס ער איז געקומען! אינטערעסאנט צו וויסען, וואו וועט איהם די מאמע אוועקזעצען. א, איצטער וועט ווערען פרעהליכער אין סלאדקאוויעץ, אזוי איז נאר פרעהליך, ווען וואלדי קומט. לאמיר שוין געהן!...

פאר די טירען פון דעם עס-צימער האט זיך סטעפע פלוצים עפיס דערשראקען. זי איז שנעל אריין, און דערנעהנטערט זיך צום טיש. דא האט זי דערזעהן וואלדעמאר'ן, וואס איז צו איהר געגאנגען צו בעגריסען זי, און די נשמה איז אין איהר פאר איבערראשונג ווי פערגליווערט געווארען.

נעבען וואלדעמאר'ן איז געשטאנען עדמונד פראנטניצקי.

סטעפען האט אנגעהויבען צו זשומען אין קאפ, שאטענס האבען אנגעהויבען ארומצושפרינגען פאר איהרע אויגען — ווי א שווארצער שניי וואלט געפאלען. זי האט געהאט אזא געפיהל, ווי אימיצער וואלט אויף איהר א שליידער געטון מיט אנ'אנגעגליטער שווערער זאך. איהר פנים איז אין איין רגע ווייס

געוואָרען. אינסטינקטיוו האָט זי זיך א שאָקעל אָפּ געטון אויף צוריק, ווי דער־זעהענדיג א סם־פליג, וואָס האָט איהר ביז בלוט איינגעביסען. אומבעוואוסטזיניג האָט זי וואַלדעמאַר׳ן דערלאַנגט איהר האַנד, בעמערקענדיג זיינע אויגען, וואָס זענען פאַר פערוואונדערונג געווען ברייט געעפענט, און זי האָט דערהערט זיינע ווערטער:

— איהר וועט מיר ערלויבען צו פאָרשטעלען פאַר אייך דעם הער עדמונד פראַנטניצקי... פריילין סטעפאַניאַ רודעצקאַ — האָט ער געענדיגט.

— איך בעגריס אייך — האָט פראַנטניצקי אויסגערופען מיט א פרייקייט און מיט א ברייטער בעוועגונג דערלאַנגענדיג איהר זיין האַנד. — אַנ׳אויסערגעוועהנליך בעגעגעניש — האָט ער פרעהליך צוגעגעבען.

— איהר קענט זיך דען? — האָט די פרוי אידאַליע א פרעג געטון.

— אויסגעצייכענט! מיר זענען שכנים! אמת, פריילין סטעפאַניאַ?

— יאָ — האָט זי קורץ געענטפערט און שטיל זיך אַוועקגעזעצט אויפ׳ן שטול.

אין איהר איז אָבער עטוואָס אַזוינס געווען, אַז די פרוי אידאַליע האָט שוין מעהר גאָר ניט געפרעגט, נאָר זי האָט ווי געטראָפען, אַז צווישען סטעפען און דעם יונגען פראַקטיקאַנט איז עטוואָס אמאָל פאָרגעקומען. האָט זי זיי אָנגעהויבען אונבעמערקטערהייט צו בעטראַכטען. דער הער מאַציעי, וואָס איז געווען פערוואונדערט פון דער לערעהרינס האַלטונג, האָט געשוויגען. לוציע ווידער האָט פאַר גרויס פעראינטערעסירטקייט ניט געקענט איינזיצען. נאָר דער איינציגער וואַלדעמאַר האָט אַלץ פערשטאַנען. דער אומגעביטענער פנים פון סטעפען, די שטאַרקייט פון איינדרוק, וואָס זי האָט געהאַט, און לסוף איהר שוויגען, האָט אין איהם בעשטעטיגט זיין איבערציינונג, אַז דער יונגער פראַקטיקאַנט איז איהר ניט־דערבאַקענער חתן.

וואַלדעמאַר׳ן האָט אויפגערעגט זיין פרייער האַלטען זיך. נאָר פראַנטניצקי אַליין האָט פרעהליך און א סך גערעדט, געוואָרפען אויגען אויף סטעפען מיט ניט־געשמאַקען שמייכעלע, און בכלל צופיל אַרומגעבראָזט. ער האָט, דוכט זיך ניט פערשטאַנען, אַז די פשוט׳ע דעליקאַטקייט האָט ניט ערלויבט צו זיין אַזוי פריי געשטימט, ווען עס איז פאָרגעקומען אַזאַ בעגעגעניש.

דער יונגער מיכאָראָווסקי האָט גלייך בעקומען אַנ׳אומגינציגען איינדרוק בנוגע דער ערציהונג און דעם כאַראַקטער פון זיין פראַקטיקאַנט. איהם האָט געהאַט רעקאָמענדירט אַנ׳אָנגעזעהענער בירגער. וואַלדעמאַר האָט דעם דאָזיגען פראַנטניצקי׳ן געקענט נאָר פון בריף, אין וועלכע ער האָט זיך איהם גאָר אַנדערש פאָרגעשטעלט. איהם האָט אויפגעבראַכט די אומגעריכטע צוזאַמענטרעפעניש פון סטעפען מיט פראַנטניצקי׳ן, זיין ברייטקייט, און דער צייכען פון פעראַכטונג, ווי אויך די שפּאָטענדיגע שמייכעלעך, מיט וועלכע ער האָט איהר בעוואָרפען.

— ווי האָט ער עס דין העזה?! — האָט ער צורייצטערהייט געטראַכט. געזע־
סען אַ צו'כעס'טער און נישט גערעדט אַ וואָרט, און נישט אַריינגעמישט זיך אין שמועס.

אויך די פרוי אידאַליאַ האָט איהם אויפגערעגט. וואָס האָט סטעפען נאָכגעקוקט, און אפילו פון לוציען איז ער געווען אונצופרידען, ווייל זי איז געזעסען און אַנ'ענטציקטע געקוקט אויף דעם שענעם פנים פון דעם אָנגעקומענעם.

וואָלדעמאַר האָט זיך פאַרגעוואָרפען, וואָס ער האָט פריהער נישט אַרויסגערעדט פאַר סטעפען דעם פראַקטיקאַנטס נאָמען, מחמת, ווען ער וואָלט בעמערקט דעם קלענסטען רושם, וואָלט ער אויסגעפאָרשט די סיבה, און וואָלט צוריקגעצויגען זיין אָפּמאַך מיט איהם. איצטער איז שוין צו שפּעט. די דערשלאָגנקייט פון סטעפען איז איהם געווען זעהר נישט צום האַרצען.

און סטעפע האָט ווירקליך געליטען.

— האָט ער דען געוואוסט, אַז איך בין אין סלאָדקאָוויץ, אָדער איז עס אפשר נאָר אַזאַ אומגליקליכער צופאַל? פון וואַנען וואָלט ער דען געקענט וויסען — סיידען פון די דאָרטיגע שכנים? און ער זאָל זיך עס וואָגען בעמיהט צו שטעלען זיך מיר אין וועג, מיט וואָס פאַר אַ ציל? — האָט זי פיבערהאַפט געטראַכט.

זי איז פשוט בעטויבט געווען. נאָך דער ערשטער רגע פון איבעראַשונג האָט איהר אַ [illegible] אַרומגענומען. אפשר איז ער עס איהר אויף צו להכעיס נאָכגעגאַנגען, כדי צו נוטצען זי צו פערלירען סלאָדקאָוויץ? אפשר איז איהם געלונגען צו איבערצייגען איהר פאָטער, און איצטער וועט ער פאָדערן איהר וואָרט און איהר האַנד?...

און זי? איצטער וואָלט זי איהם נישט געקענט זאָגען אַז זי האָט איהם ליב, זי וואָלט איהם נישט געקענט געבען איהר האַנד, נישט בעגעהענדיג אַ פאַלשקייט. זי האָט זיך גופא אין איהרע געפיהלען פאַרשעמט, און אויך דאָס אַז זי האָט געהאַט אַ שרעקליכען טעות...

זיין פריהערדיגע [illegible] האָט זי געצוואונגען צו פערטרויען זיך. ער האָט מסתמא געמוזט וויסען, וואו איהר זיין אין סלאָדקאָוויץ. דער דאָזיגער געדאַנק האָט איהר אויך אַ מינוט נישט אָפּגעלאָזט.

קומענדיג צו זיך, האָט סטעפע זיך צוגעהערט צו זיינע שמועסען מיט פערוואונדערונג. דער מענש האָט זיך איהר אויסגעצייכענט איבערצייגען פאַר אַנ'אַנדערען, אַן אומבאַקאַנטליך [illegible] און אַ צו שטאַרק [illegible]. וועגען זיך האָט ער גערעדט מיט גאוה, נאָר מיט אַ פריקרער שטאָלצקייט; בלויז דער פרוי אידאַליע, איהר פאָטער און וואָלדעמאַר'ן — איז ער געווען איבערגעטריבען חניפה'דיג. סטעפען האָט עס פערדראָסען. זי האָט בשום אופן נישט געקענט פערשטעהן, וואו זעהען אַלע מעלות, וואָס זי האָט אַמאָל אין איהם געזעהן.

דאַמאָלסט האָט זי איהם געזעהן אין גאָר אַנ'אַנדער בעלייכטונג, און גע־

הילט אין רעגענבויגן־פֿונקען, וואָס ער האָט קיינמאָל נישט פֿאַרמאָגט. סטעפֿע האָט ממש געגליטן. עדמונדס קול האָט איהר אויפֿגערעגט, און זי האָט נישט געקענט פֿערשטעהן, ווי קומט ער דאָ אַהער. עס האָט איהר געמאַטערט דער פֿאַרשעמנדיגער בליק פֿון דער פֿרוי אידאַליע, און דאָס שווייגען פֿון וואַלדעמאַר׳ן.

— ד ע ר האָט אַלץ פֿערשטאַנען— האָט זי געטראַכט— און איצטער וועט ער זיך האָבען וועגען וואָס צו ווינצלען... איך מוז פֿון דאַנען אַוועקפֿאָהרען. איך וועל אַלץ ערקלערען דער פֿרוי אידאַליע. זי וועט מיך געוויס פֿערשטעהן. און דאַמאָלס וועל איך זיך אומקערען צו מיינע עלטערן אַ רוהיגע און אַ גליקליכע.

פּלוצים, אויף דעם געדאַנק פֿון אַוועקפֿאָהרען, האָט זי דערפֿיהלט עפּיס אַן׳אונרוהיגקייט, עפּיס אַ פֿערדרוס האָט זי אַרומגענומען, און זי האָט נישט געקענט פֿערשטעהן, וואָס איז געווען די סיבה.

— קינדערישקייטען! — האָט זי אַ טראַכט געטון מיט כּעס. אַ ציטער פֿון שרעק האָט זי דורכגעשטאָכען, אויף דעם געדאַנק, אַז דאָס איז ער אפשר נאָך איהר געקומען. איצטער איז ער פֿאַר איהר געווען גאָרנישט.

נאָך דעם ערשטען בליק אויף עדמונד׳ן, האָט זי אויף איהם מעהר נישט געקוקט, זיצענדיג ווי פֿערגליווערט. די נייגעריגקייט האָט זי אָבער איבערמעכטיגט. דערפֿיהלענדיג אַן׳ענדערונג אין זיין שטימע, האָט זיך איהר פֿערגלוסט אויף איהם אַ קוק צו טון, צי האָט זיך אויך זיין געזיכט געענדערט. זי האָט אויפֿגעהויבען די אויגען. ער האָט זיך נישט אומגעביטען: געבליבען דערזעלבער שענער יונגערמאַן, נאָר אַמאָל האָט זי אין זיין פּנים געזעהן אַן׳אַנדער אויסדרוק, און אין זיינע אויגען אַן׳אַנדער איינהאַלט, אַן׳אַנדער געדאַנק. איצטער איז דערזעלבער פּנים בעצויגען מיט אַ פֿלאַכען שמייכעל, און די אויגען גיבען אַרויס זיינע שוואַכקייטען... קיין שום דערהויבענקייט, קיין סימן פֿון דעם אַמאָליגען אידעאַל. אַן׳אַנדער מענש! סטעפֿע האָט געהאַט דעם איינדרוק, ווי זי וואָלט פֿון דערנאָהנט אַ קוק געטון אויף אַ געוועהנליכען ברוק־שטיינדעל, וואָס איז פֿריהער געווען פֿון זון בעלויכטען און געגלאַנצט ווי אַן׳אַנטיק־שטיינדעל.

עדמונד האָט צו איהר געווענדט זיינע אויגען. אין זיי האָט געלויכטען אַ גלאַנץ פֿון ציניישען געלעכטער.

איהר געזיכט איז רויט געוואָרען, און אַן׳אויפֿרעגונג האָט אין איהר אויפֿגעברויזט. און פּלוצים האָט ער אַ פֿרעג געטון:

— פֿאַרוואָס איז עפּיס היינט די פֿריילין סטעפֿאַניא אַזאַ שווייגענדיגע? איך דערקען אייך נישט, און אַלס גוטער בעקאַנטער קען איך האָבען אַ פּרעטענסיע, מחמת עס דוכט זיך מיר אויס, אַז איהר זענט אומצופֿרידען פֿון מיין אַנוועזענהייט. נישט וואָהר?

די דאָזיגע העזה׳דיגע ווערטער האָבען סטעפֿען אַרויסגעשטויסען פֿון גלייכגעוויכט. דאָס בלוט האָט אין איהר בעלעדיגט אויפֿגעקאָכט, די צורייצטע אַמביציע האָט ווי מיט אַ גיפֿטיגען צאָהן אַ ביס געטון.

האָט זי צעמונדערן אָפּגעמאָסטען מיט אַ קאַלטען בליק און רוהיג געענטפערט:
— איך האָב זיך נישט געריכט אייך דאָ צו טרעפען, גאָרנישט מעהרער!
— אָבער די בעגעגעניש האָט אייך מסתמא דערפרעהט. איך, צום ביישפּיל, בין שרעקליך צופרידען.
זי האָט גאָרנישט געענטפערט, נאָר פערביסען מיט די ליפּען. אין זיין קול האָט זיך דייטליך געהערט אַנ׳אויסשפּאָטונג.
פּראָנטניצקי האָט זיך אַריבערגעבויגען איבער׳ן טיש, און נאָך אַמאָל איבערגע׳חזר׳ט:
— עס פרעהט מיך טאַקי זעהר.
— מען זעהט עס אָן — האָט זי אַ צוריי̆צטע געענטפערט.
— אמת? כאַ — כאַ! ס׳איז גוט! איך האָב זעהר ליב צו זיין פרעהליך.
— האָט איהר שטענדיג אַזאַ... אַנגענעהמען הומאָר? — האָט וואַלדעמאַר אַ פרעג געטון, בעוועגענדיג זיך נערוועז אויפ׳ן שטול.
ער האָט גערעדט מיט אַ נישט פערבעהאַלטענער איראָניע, און דעם וואָרט „אַנגענעהמען", האָט ער דייטליך בעטאָנט.
פּראָנטניצקי האָט געפלינק אויף איהם אַ קוק געטון, און איז ווי געליימט געבליבען: דאָס פּנים פון דעם יונגען מאַגנאַט איז געווען קאַלט, ווי פון אייז, אויף זיינע ליפּען האָט זיך אַרויסגעזעהן אַ נישט-געשמאַקקייט, און אין די צונויפגעקנייטשטע ברעמען — אַ התראה, עפּיס רוגזה׳דיגעס. מיט זיין גאַנצען וועזען האָט ער, דאכט זיך, גערעדט: „פערגעסט זיך נישט! פערגעסט נישט, אַז איך בין דאָ!"
דער יונגערמאַן האָט פערשטאַנען, אַז ער געפינט זיך אין אַ געזעלשאַפט, וואו זיין „אַנגענעהמער הומאָר" פּאַסט זיך נישט שטאַרק צו. וואַלדעמאַרס ווערטער האָבען איהם אָנגעגריפען, און תיכף געמאַכט ניכטערער. ער האָט נישט קלאָר דערהערט וואָס ס׳איז געזאָגט געוואָרען, נאָר וואַלדעמאַר האָט נישט געוואַרט אויף אַנ׳ענטפער; מיט אַ פּאַרטסיגאַרעל אין האַנד, האָט זיך וואַלדעמאַר געווענדט צו דער פרוי אידאַליע און צו סטעפען, און אײַדעל אַ פרעג געטון:
— די דאַמען ערלויבען?
די פרוי עלזאַנאָווסקאַ האָט אַ שאָקעל געטון מיט׳ן קאָפּ, נאָר אַ קוק געטון אויף איהם פערוואונדערטערהייט. וואַלדעמאַר פלעגט נאָך דער נאַכמיטאָגדיגער קאַווע רויכערען סיגאַרען, אָבער אַנ׳ערלויבעניש אויף דעם האָט ער געהאַט אויף שטענדיג. איצטער אָבער, האָט ער זיך מיט דער פראַגע געווענדט דערהויפּט צו סטעפען, מחמת ווען זי האָט די פראַגע נישט דערהערט, און גאָרנישט געענטפערט, האָט וואַלדעמאַר מיט אַ ספּעציעלער אײַדעלקייט געווענדט זיך דירעקט צו איהר:
— און איהר, פרײַליין?
— אָ, איך בעט אייך, אדרבא! — האָט זי מיט אַ שמייכעל געענטפערט.

פֿראַנטשיצקי האָט פֿערביסען די ליפּען. די אידעלע בעציהונג פֿון מיכאַראַווסקין בנוגע דער לערערין, איז פֿאַר איהם געווען אנ'אָנצוהערעניש. ער האָט דערפֿיהלט, ווי זי איז איהם געמאַכט געוואָרען. צו לײַכטזיניג האָט ער גע־האַט גערעדט צו סטעפֿען, און אַט דער אַריסטאָקראַט האָט איהם אויסדריקליך און געשיקט געגעבען צו פֿערשטעהן, אַז ער איז נישט גערעכט געווען.

עדמונד האָט אַ בליק געוואָרפֿען אויף דעם הער מאַציעי, אויף דער פּרוי אידאַליע, און איז איבערצײַגט געוואָרען, אַז אויך זיי זענען פֿון איהם קנאַה נתפּעל געוואָרען. און אַ געדאַנק איז איהם אַדורך, אַז פֿרעמדע מענשען שטעהען אויפ'ן צד פֿון דער דאָזיגער מעדעל, און ער וואָס איז אַמאָל שטערבליך אין איהר פֿערליבט געווען — ער האָט איצטער נישט געקווענקעלט צו רעדען מיט איהר אין אַ שפּאַסיגען טאָן. פֿאַרוואָס ער האָט אַזוי געהאַנדעלט האָט ער נישט געוואוסט. ער האָט פּשוט געהאַט אַ ווילדען פֿערגעניגען צו קוקען אויף איהר רויטלען און ער איז געווען איבערצייגט, אַז זי האָט איהם ליב. און דאָס האָט איהם דרייסט געמאַכט.

וועגען איהר זײַן אין סלאָדקאָוויעץ האָט ער זיך טאַקי דערוואוסט פֿון איינעם אַ רוטשאַיעווער שכן, און ער האָט גאָר פֿריהער נישט אַ טראַכט געטון, אַז די בעגעגעניש קען זײַן פֿאַר איהר אונאַנגענעהם. איהם איז דער ענין גע־פֿעלען געוואָרען, און דאָס האָט איהם בעפֿרידיגט.

ער האָט בעשלאָסען נקמה נעהמען אין איהר, און איינליבען זי אין זיך נאָך אַמאָל, אויב זי האָט שוין וועגען איהם פֿערגעסען. ער האָט זיך פֿאָרגעשטעלט, אַז סטעפֿע וועט, ליב־האָבענדיג איהם, קענען געדולדיג אַריבערטראָגען זײַנע קאַ־טאָוועסען.

צום אָנהויב שוין האָט ער פֿערשטאַנען, אַז ער האָט זיך אָפּגענאַרט אין חשבון.

ער האָט געזעהן דעם איינדרוק, וואָס ער האָט געמאַכט אויף סטעפֿען, נאָר זי איז געווען גאָר אַנ'אַנדערער, ווי ער האָט זיך פֿאָרגעשטעלט. איהר שרעק און די אומגעריכטקייט איז געווען אַזוי גרויס, אַז עס האָט איהם אַזש פֿערוואונדערט. דאָס פֿערגליווערטע געזיכט פֿון סטעפֿען האָט נישט אַרויסגעוויזען קיין סימנים פֿון צופֿרידענהייט אָדער פֿרייד.

אויף זײַנע רעדע האָט זי איהם געענטפֿערט מיט אַזאַ איראָנישען בייסיגען בליק, אַז אַ שוידער האָט איהם אַרומגענומען.

— וואָס איז מיט איהר געוואָרען? — האָט ער מיט כעס אַ טראַכט געטון — פֿון וואַנען נעהמט זיך ביי איהר אַזאַ פֿעראַכטונג?

גלײַכצײַטיג האָט אַנ'איגערליכע שטים אין איהם אַדורכגעשלייכט, דערמאָ־נענדיג איהם וועגען זײַנע מעשים מיט עטליכע חדשים צוריק. דאָס האָט איהם

אויפגערעגט, און ער האָט בעשלאָסען נישט צו לאָזען זי רוהען. וואַלדעמאַר האָט אָבער נישט ערלויבט זי אַזוי צו בעהאַנדלען, און פּראָנטניצקי האָט תיכף פערשטאַנען, אַז ער איז דאָס מאָל אַריינגעפאַלען, אַז זי האָט דאָ בעשיצער, מיט וועמען ער מוז זיך רעכענען. דאָס האָט איהם נאָך דער ערשטער רגע פון צומישונג אַריינגעבראַכט אין אַ משוגענעם רוגז, און ער האָט בעשלאָסען נקמה נעהמען אין׳ם מערעל אויף אַנ׳אנדער אופן. עס האָט איהם אַ בליץ-אויף געטון אין קאָפּ אַ געניאַלער געדאַנק, וואָס ס׳וואָלט זיך געפּאַסט פאַר דעם פעהיגסטען דיפּלאָמאַט.

פון סאַמע אָנהויב מיטאָג האָט ער בעמערקט לוציעס בלויע אויגען, וואָס האָבען זיך אין איהם איינגעקוקט מיט אַ נישט-פערבעהאַלטענער ענטציקונג, און דאָס האָט אָנגעצונדען אין זיין מח אַ געדאַנק, פון וועלכען ער איז בעגייסטערט געוואָרען; דער דאָזיגער געדאַנק האָט זיך איהם אַרויסגעוויזען פאַר אַזוי הערליך בנוגע די רעזולטאַטען, וועלכע ער וועט מיט איהם דערצילען, אַז נישט-ווילענדיג האָט ער איינגעבויגען זיין קאָפּ, ווי אויסדריקענדיג אַנערקענונג זיך גו״א.

דער מיטאָג האָט זיך געענדיגט. די פרוי אידאַליע איז אויפגעשטאַנען פון טיש, און וואַלדעמאַר האָט מיט זיך אין קאַבינעט אוועקגעפיהרט זיין פּראַקטיקאַנט, צו בעקענען איהם מיט זיין צוקונפטיגער אַרבייט.

VIII.

עס זענען אדורך עטליכע וואכען. דאס לעבען פון סטעפען איז פערוואנדעלט געווארען אין א שטענדיגען קאמף מיט פערשידענארטיגע געפיהלען, זעהר אפט — איינאנדער סתירות'דיגע. די אנוועזענהייט פון ערמונד'ן האט אויף איהר געווירקט בעאונרוהיגענד, און זי גערייצט, אריינברענגענדיג זי אין א שטארקער נערוועזישקייט.

סטעפע האט אפענהערציג ערקלערט פאר דער פרוי עלזאנאווסקא, ווער עס איז ערמונד, דערצעהלט איהר, אז די בעגעגעניש מיט איהם מאטערט איהר, און געבעטען זי זאל איהר בעפרייען פון דעם פאסטען. די פרוי אידאליע האט איהר ארויסגעוויזען מיטגעפיהל מיט דער גאנצער טאקטישקייט פון א גראנד-דאמע, זי האט אבער אפגעזאגט זי אפצולאזען. און מחמת איהר גופא איז געפעלען געווארען דער יונגער פרונגבינצקי, האט זי פאר איהר פאטער און פאר וואלדעמאר'ן נישט דערצעהלט, וועגען סטעפעס פערלאנג.

זי האט פערשטאנען, אז דער עלטישטקער מאציעי וואלט געוואלט אפווענדען דעם עגמת נפש פון סטעפען, און ווען עס וואלט דערגאנגען צו וואלדעמאר'ן, וואלט ערמונד אהן ספק אויפגעהערט צו עקזיסטירען אין סלאדקאוויץ.

די פרוי אידאליע האט נישט פערלאנגט, אז ער זאל אוועקפאהרען. פאר איהר איז דער געשיקטער, שלאנקער און פרעהליכער פראקטיקאנט געווארען אנ'אנגענעהמער פערברענגער ביי די מיטאגען און אווענד-ברויטען. ער האט זעהר גוט געטראפען איהר אונטערצו'חנפ'נען, צו שפילען אויף איהרע אמביציעס, און דערביי איז ער געווען זעהר שארפזיניג, וויציג, און האט גוט געוויילט די היימישע. שטענדיג האט ער מיט א גרויסער לעבהאפטיגקייט געלויבט לוציען, און אין דער פרוי אידאליע האט ער געפיהלט אנ'איינציגען מענשען, וואס איז אינגאנצען געווען אויף זיין צד.

וואלדעמאר האט איהם זעהר נישט ליב געהאט, און דער הער מאציעי האט איהם פשוט אויסגעווייכט. צו סטעפען איז ער געווארען גלייכגילטיג. און צו לוציען האט ער אויף א פריינדליכען אופן גערעדט, ווייסענדיג אז אזא רעדען געפעהלט איהר מוטער. מיט לוציען האט ער זיך אפילו קנאפ אינטערעסירט, און ער האט גארנישט בעמערקט, אז זיינע שמועסען מיט איהר האבען געמאכט אויף'ן מעדעל א נישט-געוואונשענעם איינדרוק.

לוציע גופא, ווי זי האט אליין פאראויסגעזאגט, האט זיך מיט'ן ערשטען קוק אויף איהם פערשנור'ט. איהר האט צוגעצויגען צו איהם זיין שענקייט, און אינגאנצען איז זי בעזיגט געווארען פון זיינע קאמפלימענטען. צוליב דער סיבה האט זיך אויך געענדערט איהר בעציהונג צו סטעפען. די פריינדשאפט פון דעם מעדעל איז פערשוואונדען געווארען. זי האט נאך אלץ געמיינט, אז סטעפע האט ליב עדמונד'ן. זי האט אויף איהר רחמנות געהאט און מורא געהאט, זי זאל נישט בעמערקען איהרע געפיהלען.

סטעפע האט אבער אלץ געוואוסט.

זי האט מורא געהאט פאר דעם צושטערען לוציעס רוהיגקייט, נאר רעדען וועגען דעם מיט איהר האט זי נישט געקענט, מיט דער פרוי עלזאנאויסקא וועגען דעם צו רעדען האט זי קיין מוט נישט געהאט. איז איבערגעבליבען דער הער מאצעי — האט זי איהם אבער נישט געוואלט פערשאפען קיין עגמת נפש.

די אונטאקטישקייט און די גראבקייט פון עדמונד'ן האבען זי אויפגעבראכט. אלץ האט זיך אזוי געשיקט, אז איהר — האט זי געפיהלט — וועט אויסקומען צו פיהרען א לעבען פיל ערגערעס און פערביטערונג. די אנקומעניש פון וואלדעמאר'ן פלעגען א ביסעל איהרע שטימונגען פערלייכטערן. מיט צופרידענהייט פלעגט זי איהם בעגעגענען און בעגריסען — גאר נישט ווי פריהער. אמאל פלעגט ער זי אויפרעגען, אין א צייט איז ער ארויסגעטרעטען אלס איהר שיצער געגען פראנצישק'ן.

אין דער אנוועזענהייט פון וואלדעמאר'ן האט געהערשט א פריידיקייט. אלעמען, אויסער עדמונד'ן, פלעגט ער פרעהליך מאכען. ווען וואלדעמאר פלעגט אנקומען פלעגט דער לעצטער פערלירען זיין גאנצען פאר, נישט ערלויבען זיך צו שפאסען מיט סטעפען, און אויך אויפהערען צו חנפ'נען לוציען, וויסענדיג, אז מיכאראווסקי ליידעט איהם נישט.

ער פלעגט ערשט פריי אפאטעמען, ווען וואלדעמאר פלעגט צוריק אוועקפאהרען, אין סטעפע, פערצאהרט, פלעגט אויפאטעמען, ווען ער איז צוריקגעקומען; נעבען איהם האט זי זיך געפיהלט מעהר פרייער, און ווייניגער פערביטערט זייער ווערכלען זיך האט נישט אויפגעהערט, נאר געטראגען א פריינדליכען כאראקטער, מעהר אין טאן פון גוטמיטיגען וויץ און שארפקייט, אבער שוין אהן דעם פריוואליגען אפלאכען ארומרייגען פלעגען זיי זיך קיינמאל נישט אין עדמונד'ס אנוועזענהייט, פאריאס סטעפע איז איהם געווען זעהר דאנקבאר, און שמייכלען פלעגען זיי צווישען זיך א סך, און אינטערעסאנט.

זיין אינטעליגענץ און בילדונג האבען זעהר אימפאנירט סטעפען, און נאך יעדען אוועקפאהרען פון איהם — האט זי געהאט א טאפעלטען עגמת נפש. עדמונד האט זיך אן איהר גוקס געווען מיט פולע חכמות פאר איהרע שמועסען מיט וואלדעמאר'ן, און דערפאר וואס ער קען אין זיי נישט נעהמען קיין אנטייל,

מחמת זיי פֿײגן אַפּטערס בײַ־יהרען פֿראַגען, וואָס זענען איהם לח״ויטין אומבאַקאַנט געווען. איבעריגענס פֿלעגט דער פּראַקטיקאַנט אין דער געזעלשאַפֿט פֿון וואַלדעמאַר'ן פֿערלירען יעדן גימנאַזיסטישע הומאָר, און אַפֿילו די פֿרוי אידאַליע פֿלעגט צו איהם פֿערלירען איהר צוטרוי, הגם געוועהנליך האָט זי וואַלדעמאַר'ן קנאַפּ געשאַנעוועט.

איין מאָל, בײַ אַ מיטאָג, האָט סטעפֿע געשפּילט אין סאַלאָן. לוציע האָט זיך אַרײַנגעזעצט אין אַ פֿאָטעל און געלייענט אילוסטרירטע זשורנאַלען. פּלוצים איז אַרײַן וואַלדעמאַר, טראָגענדיג אַ גרויס פּעקעל. לוציע האָט זיך מיט אַ פֿרעהליכען אויסרוף אַרויסגעכאַפּט די ערשטע:

— ביזט געקומען?... אַך, ווי גוט... וואָס האָסטו געבראַכט?...

וואַלדעמאַר האָט בעגריסט סטעפֿען.

— איך האָב דאָ פֿאַר אײַך די צוגעזאָגטע ביכער. דאָ האָט איהר די „קאָרינגאַ" און „דעלפֿינאַ" פֿון דער פֿרוי סטאַהל, עטליכע טאָמען פֿון בײַראָנען אין אָריגינאַל. קענט איהר גענוג ענגליש, כדי צו לעזען די אָריגינאַלען? איך ווייס, אַז איהר רעדט גוט...

— און כ'פֿערשטעה אַלץ. איך האָב נאָך אַפֿילו קיין אָריגינאַלען נישט געלייענט, נאָר איך וועל פּרובען — האָט סטעפֿע דאַנקענדיג געענטפֿערט.

— האָראַצי'ן וועל איך ברענגען אַנ'אַנדערט מאָל. אָדער אפשר ווילט איהר עפּיס לייענען פֿון אונזער ליטעראַטור?

— איך וויל אײַך טאַקי בעטען איהר זאָלט מיר ברענגען לאַם'ען און מאָכנאַצקי'ן, אויב איהר האָט זיי.

— אדרבא, איך קען אײַך דינען מיט סקאַרגאַ'ן און מיט רייע'ן, און מיט קאָללאָנטײַ'ען, און מיט וועמען איהר ווילט. מײַן ביבליאָטעק איז אָפֿען ברייט פֿאַר אײַך.

— ווײַזט אויס, אַז אײַער ביבליאָטעק איז אונערשעפּליך.

— איך האַלט זיך מיט דעם גרויס, וואָס מײַן ביבליאָטעק איז איינע פֿון די גרעסטע אין לאַנד. אָבער איך האָב אײַך איבערגעשלאָגען אין מיטען שפּילען.

ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט פֿאַר דעם נאָטען־האַלטער, אָפּגעלעגט אין אַ זײַט עטליכע נאָטען־בלעטער, און האָט זיך פֿערהאַלטען בײַ בעטכאָווענס צוועלפֿטער סאָנאַטע — אַס־דור.

— דאָס בעט איך אײַך שפּילען. איהר גיט איבער וואונדערבאַר די סקערצאָ און דעם טרויער־מאַרש.

— פֿון וואַנען ווייסט איהר?

— כ'האָב איין מאָל געהערט, ווען איהר האָט נישט געזעהן.

— אָ, אויב אַזוי, מוז איך זײַן פֿאָרזיכטיג — האָט זיך סטעפֿע פֿונאַנדערגעלאַכט, זעצענדיג זיך צום פֿאָרטעפּיאַן.

וואַלדעמאַר האָט זיך הינטער איהר אַוועקגעשטעלט, אַ קוק געטון אין דער זייט, און דערזעהענדיג לוציען אַ פערטיפטע אין׳ם לייענען האָט ער אויסגערופען, אַ פּאַטש טוענדיג מיט די הענד:

— האַלאַ, פרײַלײַן, דאָס איז נאָך נישט פאַר דיר צום לייענען.

לוציע האָט צוגעמאַכט דאָס ביכעל.

— לאַנגווײַליגע זענט איהר, די און די פרײַלײַן סטעפאַניאַ. איך האָב שוין אפילו געלייענט פריהער זאָלאַ׳ן, און איצט טאָר איך גאָרנישט.

וואַלדעמאַר האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט.

— אַן׳עמאַנציפּירטע פרײַלײַן איז זי שוין, האַ? — האָט ער געזאָגט צו סטעפען — פערשטעהט זיך, אַז נאָך זאָלאַ׳ן זעהט מיצקעוויטש אויס בלאַס, ווי אַ מאָראַלישע רעליגיעזע שפּיל נאָך אַן׳אָפּערעטקע.

— אַן׳אונערטרעגליכער ביזטו — האָט לוציע ברוגז׳ערהייט אַרויסגעברומט.

— נו, לוציע, שטיל! דאָס שפּאַסט ער דאָך נאָר.

וואַלדעמאַר האָט אַ קוש געטון לוציען. זי האָט זיך אַרויסגעריסען פון איהם און אַרויסגעלאָפען פון צימער.

סטעפע האָט פון אויסענווייניג אָנגעהויבען צו שפּילען. וואַלדעמאַר האָט זיך אַוועקגעזעצט. ער האָט אַ ווײַלע געקוקט אויף דער שפּילענדיגער, אָנגע-שפּאַרט דעם שטערען אויף דער האַנד, און געבליבען אַ שווײַגעדיגער זיצען אין פאָטעל.

צום אָנהויב האָט סטעפע געשפּילט די אַנדאַנטע ווענינג אויפמערקזאַם. די אָנוועזענהייט פון וואַלדעמאַר׳ן האָט זי עטוואָס בעאונרוהיגט. ער האָט געהאַט די פיס פערלעגט איינעם אויף דעם אַנדערן. זי האָט געזעהן זײַנע שלאַנקע, אַריסטאָקראַטישע פיס אָנגעטון אין עלעגאַנטע שטיוועל מיט שפּאָרען, און זי האָבען איהר אויף אַ מאָדנעם אופן געגרייצט. כמעט קלאַנגלאָז האָט זי אָפּגעשפּילט די ערשטע וואַריאַציע.

וואַלדעמאַר האָט זיך אַ בעוועג געטון, אָפּגענומען די האַנד פון שטערען און אויף זײַן שטײַגער געגלעט זיך די וואָנסעס, אויפהויבענדיג עטוואָס די לי-פען, און פאָרשענדיג האָט ער אויף איהר געקוקט.

דאָס מעדעל האָט בעמערקט זײַן בעוועגונג, דערפיהלט זײַן בליק און פערשטאַנען, אַז עס איז פאַר איהם קענטיג געוועזן איהר צוטרויענהייט. די צווייטע וואַריאַציע האָט זי גוט אויסגעפיהרט, און די דריטע און פירטע מיט אַ בראַוואור מיט אַן׳אויסגעצייכענטער טעכניק. די פינפטע — אַרטיסטיש מיט אינני-גער פיל געפיהל, פונקט ווי שפּילענדיג וואָלט זי זיך גלײַכצײַטיג אויסגע-רעדט. אָנגעלעהנט אויפ׳ן האַנד, האָט וואַלדעמאַר אויפמערקזאַם געהערט.

האָט סטעפע ניואַנסירט די פינפטע וואַריאַציע, ווי אויסלעגענדיג אויף די קלאַווישען וואָנדערבאַרע פּערל. אַנדערע, לײַכטע נאָטן האָבן מיט בענק-

שאַפֿט געשוואומען, ווי לײַדנשאַפֿטלעך און צערטלעך געטראָגן זיך אין דער בלויקייט. די לעצטע אַקאָרדן האָבן יאוש׳דיק אַ זיפֿץ געטון, און פּלוצים האָבן זיך אַרויסגעשאָטן גאָלדענע טראָפּנדלעך פֿון דער „סקערצאָ״.

פֿלינקע טענער האָבן אױפֿגעצײַטערט אויף די קלאַווישן, ווי אַ רויש פֿון פֿײגל-פֿליגלעך. אַ רויש געטון מיט אַ זילבערנעם האַגל טומלדיק אַראָפּשווימענדיק אין דעם רוהיקערן „טריאָ״. עס האָבן דורכגעקלונגען די בליצנדיקע נאָטן, און אויסגעלאָשן געוואָרן. אַ ווײַלע שטילקייט — און עס איז אַרויסגעשוווּמען דער טראַגישער מאַיעסטעטישער טרויער-מאַרש.

גרויסער ערנסט, שטורם און מעכטיקייט האָט אַרויסגעהילכט פֿון די דוינערדיקע טענער. מיט פֿלעקן אויפֿ׳ן פּנים, מיט גלאַנצנדיקע אויגן, האָט סטעפֿע אין דעם שפּילן אַרײַנגעלעגט קראַפֿט און גײַסטיקע ענערגיע, איר גאַנץ ביסל דראַמאַטישע פֿעהיקייטן. דער מאַרש האָט מיטגעריסן, און האָט געוועקט די שפּיל פֿון די נערווען. ווען אין דעם צווייטן טייל האָבן אַרויסגעברומט די פּויק-קלאַנגען, איז דער שטורעם בייזערער געוואָרן, אויפֿהאַלטנדיק דאָס בלוט אין די אָדערן. בײַ סטעפֿן האָבן זיך די שלייפֿן געהויבן, שפּילנדיק האָט זי האַסטיק געאָטעמט, דורכגענומען ביז דער סאַמער טיפֿעניש פֿון איר נשמה.

וואָלדעמאַר האָט זיך אויפֿגעהויבן. געמאַכט אַ שריט פֿאָראויס און אַנגעשפּאַרטער אָן דעם פּריז פֿון דעם אויוועלע האָט ער מיט אַ ציטער אין די אָדערן און מיט די צופֿלאַקערטע אויגן אַדורכגענומען סטעפֿן.

— וואָס פֿאַר אַ טעמפּעראַמענט! ס׳איז ברען! — האָט ער געטראַכט, צוזעהענדיק די בעוועגונגען פֿון אירע פֿינגער, און די פֿײַערן אויף איר פּנים.

אַ קאָלאָסאַלע קראַפֿט פֿון לײַדנשאַפֿט, וואָס איז שוין פֿון לאַנג נישט אויסגעקומען דורכצופֿילן, האָט אים געשטויסן צו איר. ער האָט דערפֿילט, אַז ער בעגעהרט דאָס מיידל, אַז זי שרפֿ׳עט אים דורך די בלוטן, אַז זי האָט אים דורכגעפֿלאָכטן זײַנע נערווען.

— פֿײַער, פֿײַער! — האָט ער געברומט צווישן די פֿערקלעמטע ציינער. און אַ קאַרטש פֿון אַ שגעון׳דיקער תאווה׳דיקער פֿאַליע האָט צוזאַמענגעצויגן זײַנע בראָמען. ער האָט געפֿאַכעט מיט די נאָז-לעכער, און די ליפּן האָבן אים געציטערט. ער האָט געהאַט דעם אויסזעהן פֿון אַן אָדלער, וואָס איז גרייט צו אַנגרייפֿן זײַן רויב, און ער האָט געשעפּטשעט, ווי אין משוגעת:

— זי מוז זײַן מײַנע... אַ פֿרוי, וואָס קען אַזוי מיטרייסן אַ מאַנסביל — מוז נאָכגעבן... איך האָב בעזיגט אַ סך פֿון ווייניקער געוואונשענע, וועל איך זי אויך בעהערשן... אַ פֿײַער איז עס!... אַ וואולקאַן... אָבער צוויי פֿײַערן קענען זיך זאַך ערשט אויף ריכטיק צוגליהען... אין אַזוי פֿיל פֿרײַדיקער שענקייט...

אַן אויסגעריכטער שטורעם האָט אים פֿאָראויס אַ שטויס געטון.

סטעפֿע האָט אַרויסגעשריגען די לעצטע אַקאָרדען פֿון דעם מאַרש; און וואַלדעמאַר א צעהיצטער האָט זיך הינטער איהר אויפֿגעשטעלט אין ריך איינ־געבויגען, מיט די לעצטע כּחות פֿון זיין ווילען האָט ער מיט זיך געקעמפּט כּדי זי נישט אַרומצונעהמען. ער האָט געפֿיהלט דאָס גליק, און גלייכצייטיג די נישט מעגליכקייט זיין פֿערלאַנג צו שטילען, דער יצר הרע האָט איהם אַרומגע־כאַפּט, נאָר אַ ווייסער קלאָרער גייסט האָט אַרומגעוועהט אַרום סטעפֿען מיט אַנ־אילוזיע, אַזוי אַז דער דעמאָן וואָלט נישט די דרייסטקייט געהאַט איהם איבער־צורייסען.

וואַלדעמאַר האָט געקעמפּט מיט זיך... פֿלאַמען האָבען זיך איהם אַרויסגע־שלאָגען אויפֿ׳ן פּנים, די אויגען האָבען געברענט מיט דעם העלישען פֿייער פֿון גלוסטונג. ער האָט נישט געקענט אויסהאַלטען און איינגעבויגען נידעריגער דעם קאָפּ; זיין אָטעם וואָס האָט געגליהט דורכגענומען מיט אַנ׳אינערליכען פֿייער, האָט ווי אַ בריה געטון סטעפֿעס האַלז, און זיינע אָרעמס זענען שוין גאָר נאָהנט געווען צו איהרע אָרעמס. דאָס מעדעל האָט אויפֿגעציטערט, אָפּגעקעהרט דעם קאָפּ, און איהרע גרויסע אויגען האָבען אומעדיג און שטאָלץ אַ קוק געטון אויף וואַלדע־מאַרן. זיי האָבען זיך איינע דעם אַנדערען אָנגעקוקט. סטעפֿע איז אַ בלאַסע מיט שרעקענדיגען אויפֿשוידערן אויפֿגעשפּרונגען פֿון שטול.

ער האָט זי אָבער פֿערהאַלטען.

איך בעט אייך, שפּילט... איך בעט אייך!

זי האָט זיך אָוועקגעזעצט, בעזיגט פֿון דער שטאַרקייט פֿון זיין קול. ער האָט זיך אַ רייב געטון דעם שטערען, און זיך אָפּגערוקט.

זי האָט אָנגעהויבען צו שפּילען די פֿינפֿטע וואַריאַציע מיט אַזאַ ווייטקייט און שטילקייט, אַז אַ זומער־פֿליגעלע זשומעט, דאַכט זיך, נישט שטילער, ווען זי בעריהרט די קוויטען מיט די פֿליגעל. ווי אַ בעטויבטע האָט זי אָפּגעשפּילט נאָר אַ העלפֿט, שנעל זיך אויפֿגעהויבען, און פֿערמאַכענדיג דעם פֿאָרטעפּיאַן איז זי גיך אָוועקגעלאָפֿען צום טיר.

שטעהענדיג ביים פֿענסטער האָט זיך וואַלדעמאַר איידעל פֿאַר איהר פֿערנויגט.

— איהר האָט אויסגעצייכענט געענדיגט. די גאַנצקייט איז אַ וואונדערבאַ־רע. איך דאַנק אייך.

דאָס מעדעל איז אַרויסגעלאָפֿען.

און וואַלדעמאַר האָט איהר נאָכגעקוקט און אויפֿ׳ן קול געזאָגט:

— אַ פֿייער פֿערשלאָסען אין אַ ווייסען ליליע בעכער!

אָווענד־ברויט האָט מען געגעסען אויף דער טעראַסע. וואַלדעמאַר שוין אַ בערוהיגטער, אַ פֿרעהליכער, האָט געהאַלטען אין איין לויבען סטעפֿעס שפּילען,

געוויצעלט זיך מיט לוציען, און אפילו מיט פּראָנטניצקי׳ן האָט ער געלאַסענער, ווי געוויינלעך, גערעדט. ער האָט פאַרגעשלאָגען דורכצופאָהרען זיך מיט אַ שיפעל אויף דער אָזערע.

סטעפּע האָט זיך אויך אויסגעלייטערט. און מען איז אָוועקגעפאָהרען זאַלבאַפערט. וואַלדעמאַר האָט געוועסלעוועט, פּראָנטניצקי האָט געקערעוועט מיט׳ן מעכאַנישען רודער און סטעפּע מיט לוציען האָבען זיך אָוועקגעזעצט אויפ׳ן מיטעלסטען ברעטעל, מיט די פּנים׳ער צו וואַלדעמאַר׳ן. לוציע האָט אָבער אַזוי מאַנעווירט, אַז אין אַ ווײַלע אַרום איז איהר פּנים געווענדט געווען צו עדמונד׳ן.

דאָס שיפעל איז אָפגעשוואומען פון ברעג. דער רויטער יוני-זון-אונטערגאַנג האָט געוואָרפען הייסע פונקען אויפ׳ן בלויען וואַסער, און די שוואַנען זענען מיט צושפּרייטע פליגלען געשוואומען נאָכ׳ן שיפעל. סטעפּע האָט אויף זיי געשפּריצט מיט׳ן וואַסער, פרעהענדיג זיך מיט׳ן אָנזעהן פון די צושפּרייטע פויגלען. וואַלדעמאַר האָט געקוקט אויף איהרע הענד, וואָס זענען געווען אײַנגעטונקט אין דעם וואַסער, ווי אַזוי זיי האָבען זיך געפּערעלט. ער האָט זיך צוגעהערט צו איהר געלעכטער און געטראַכט:

— ווי לײַכט עס איז צו מאַכען מוטנע... עס וועט סטײַען נאָר צו כאַפּען איהר פײַכטען האַנד, און אײַנקלעמען אין דער אייגענער, אָדער אַרויסרופען דעם טײַוועל פאַר די אויגען און אײַנפּרעסען זיך אין איהרע ליפּען, און גלײַך וועט די פרײַקייט, דער לויטערער געלעכטער פערלאָשען ווערען און וועט אָפּשטאַרבען, ווי אַ קאָנוואַליע-בלעטעל אויפ׳ן פראָסט. וואָס איז דאָס פאַר אַ מעדעל?.. ניִשט קיין מלאך, און פערמאָגט די ריינקייט פון אַ מלאך... ניִשט קיין דעמאָן, און האָט טעמפּעראַמענט און פייער פון דעם שטן. ס׳איז פענאָמענאַל! דאַרף איך דען, כדי זי צו בעהערשען פערוואַנדעלט ווערען אין אַ מלאך?... ניין, דאָס וועל איך ניִשט קענען. איבעריגענס, בענק איך ניִשט נאָך איהר מלאכ׳ישקייט נאָר פערקעהרט, אַז זי זאָל מיר אָפּגעבען דאָס אַלץ, וואָס זי פערמאָגט אין זיך פון דעם דעמאָניִשען, בעהאַלטענדיג איהר מלאכ׳ישקייט פאַר דעם קומענדיגען מאַן.

געגען זיין ווילען האָט ער אַ בליק געוואָרפען אויף פּראָנטניצקי׳ן.

— און ווען ער זאָל עס ווערען איהר מאַן?... ניין, דאָס איז אַ קריפּעלדיגער פערגלײַך.

ער האָט זיך פערטראַכט. קוקענדיג אויף סטעפּען.

— פאַר וועמענס-וועגען איז זי בעשאַפען געוואָרען? ווער וועט זי האָבען? אַ וואונדערבאַר מעדעל, וואָס איז ווערט דעם גליקליכסטען גורל צו האָבען! ציווע דען פאַר איהר געניגענען ארײַנצופאַלען אין מײַנע אָרעמס?.. ניין אויף דעם איז זי צו ריין! איך האָב אַראָפּגעריסען בלעטלעך פון די שענסטע אָרכידעען, נאָר פאַר די מימאָזען האָב איך פון שטענדיג אָן געהאַט דרך ארץ. זי איז אַ מימאָזע, און זי איז ווערט זי זאָל איהר צײַט אויסבליהען. נאָר געדולד, און איך וועל זי האָבען.

סטעפֿע האָט געהאַלטן זײַן בליק אויף זיך. גאָר ווי האָט זיך רוהיג געווײַלט מיט דעם שפּריצן פֿון וואַסער אויף די שווינגען. ענדליך האָט זי, וועלענדיג איבערשלאָגן דעם שווײַגן, זיך אָפּגערופֿן:

— איהר האָט אַ סך געפֿאָרן אויפ'ן ים. דערצעהלט מיר וועגן אײַערע אײַנדרוקען. זיי מוזען דאָך זײַן זעהר שעהנע.

— און איהר קענט נישט דעם ים?

— יאָ. איך קען אַ ביסעל דעם באַלטישען ים, אָבער איך האָב נישט געמאַכט קיין ווײַטע רייזעס.

— פֿאַר מיר זענען צום ליבסטען די וואַסערן פֿון אַדריאַטיק און פֿון דעם גרויסען אָקעאַן — צוויי קאָנטראַסטען, ווי אַ באַלעט-טענצערין און בלויע טיולען לעבען אַ גבור. אויפ'ן אַדריאַטיק האָב איך ליב געהאַט צו שיפֿען זיך אויף אַ קליין זעגעל-שיפֿעל אַליין, אָדער אין דער געזעלשאַפֿט פֿון אַ רודערער. אויפ'ן אָקעאַן האָב איך ליב געהאַט צו שווימען אויף אַ מעכטיגען ים-שיף, וואָס מאַכט זיך גאָרנישט פֿון די צובייזערטע כוואַליעס. עס איז נישט געווען מער אַ פֿאַרזיכטיגקייט אַרויסגערופֿען פֿון שרעק, נאָר אַ ווילען צו אויסנעהמען ביי דעם ריז מיט דער קראַפֿט פֿון דעם מענשליכען שכל. איך האָב געהאַט אויסצושטעהן אויפ'ן ים צוויי שטורעמס און אַ גרויזאַמען טייפֿון. איך בין שוין אפֿילו געזעסען אין אַ רעטונגס שיפֿעל צווישען ברומענדיגע שטורם-כוואַליען.

— דאָס מאַכט מסתּמא אַ געוואַלדיגען אײַנדרוק? — האָט סטעפֿע איבערגעריסען.

— אַ מורא'דיגען! אַן'אײַנציגען אין זײַן אַרט. ווי דער מענש וואָלט זיך פֿערנומען אין קאַמף מיט'ן ים — ווער יועמען וועט בעזיגען. די שרעק פֿאַר'ן טויט פֿערטרייבט די אונטערגעבענקייט און שטאַרקט די פֿעריסענקייט. קעמפֿענדיג מיט אַ טיטאַן ווערט דער מענש פֿערוואַנדעלט אין אַ טיטאַן. און קוקענדיג אויף דעם גרענעצלאָזען שטח פֿון די צובושעוועטע פֿאַליעס, זעהענדיג די וואַסער-פּיראַמידעס, הערענדיג דעם ברילען, און די דונערן, וועגען וועלכע מיר האָבען קיין שום אַהנונג נישט אויף דער יבשה — קריגט דער מענש יראת הכבוד פֿאַר זיך אַליין, וואָס ער לעבט אין אַזעלכע תּהומות און איז ביכולת צו טראַכטען וועגען דעם זינלאָזען שגעון פֿון דעם ים. דאָס איז אַן'אויסטערליש וואונדערבאַרער און מיסטעריעזער געפֿיהל.

סטעפֿע האָט איהם פֿערוואונדערט געקוקט.

— נישט יעדערער דערקענט אַזעלכע געפֿיהלען — האָט זי געזאָגט, שאַקלענדיג מיט'ן קאָפּ — מען דאַרף אין זיך האָבען אַ סך עקשנות, און ביטול צום לעבען, כּדי צו קענען זײַן אונטער דער ווירקונג פֿון אַזעלכע אײַנדרוקען.

וואַלדעמאַר האָט אַ שמייכעל געטון.

— ני פֿאַרהאַרטעוועט און עקשנות׳דיג בין איך גענוג, און די בענקשאַפֿט נאָכ׳ן לעבען קען דאָ גאָרנישט העלפֿען. דאַמאָלסט וועגט איבער די משונה׳ע פֿילאָזאָפֿיע: „שטאַרבען — איז שטאַרבען", און גלייכצייטיג שעפּטשען די ענערגישע און די פֿערביסענקייט: „כ׳וועל שטאַרבען, ווען איך וועל זיך לאָזען בעזינגען". אַמאָל בעזיגט דער ים, בעגראָבענדיג טויזענדער קרבנות, און שטענדיג לאָזט ער איבער כאָטש איינעם, ווי אויף צו להכעיס, פֿאַר וועלכען ער זאָל זיך קע-נען גרויס האַלטען מיט זיין גרויסער קראַפֿט. עס איז נישטאָ גאָרנישט שטאַר-קערעס, ווי דער טריומף פֿון די שיף-בעשיצער, ווען דעם טייפֿו, געלינגט נישט דעם שיף צו דערטרינקען. איך, נישט וועלענדיג זיין קיין גלייכגילטיגער צו-קוקער פֿון דעם שטורם, האָב געאַרבייט מיט די מאַטראָסען ביי די שטריק, ביי די מאַשינען, אָדער צוזאַמען מיט׳ן קאַפּיטאַן דיריגירט מיט׳ן פֿעריכטען די צושעדיגטע ערטער פֿון דער שיף.

— און דאָס האָט אייך נישט געמאַטערט?

— מיר איז דאָס געפֿעלען געוואָרען. איך האָב זיך צוזאַמען מיט׳ן מאַט-ראָסען-עקיפּאַזש געשטעלט געגען דעם ווילדען שונא. אויף דער טראַנסאַטלאַנ-טישער ליניע האָט מען שוין געוואוסט וועגען מיין שוואַכקייט. איך האָב ליב געהאַט צו זיין אויפ׳ן דעק, ווען דער שטורעם פֿלעגט זיך איינשטילען, ווען דער צושוימטער אָקעאַן פֿלעגט נאָך אָטעמען מיט דיעם לעצטען ביסעל שגעון, פּונקט, ווי ס׳וואָלט איהם אָטעם נישט געפּטעט אין זיין ריזיגער ברוסט. דאַ-מאָלסט פֿלעגט די שיף פֿינאַנדערלאָזען די זעגלען, אַרויסבלאָזען אַ טריאומפֿירענ-דען זייל פֿון רויך, די שרויף פֿלעגט אָנהויבען צו שמייסען אין דעם צושוימטען קערפּער פֿון אָקעאַן, און רייסען זיך פֿאָראויס און רוקען די שיף שטאָלץ און נצחון׳דיג.

ווען אַזוינס קומט פֿאַר בעת אַ זונען-אויפֿגאַנג ווערט אויף דער איינדרוק, וואָס איז געמעכטיגט פֿון שענקייט, אַ שטראָם אין די נערווען, פּונקט ווי אַ שוי-דער, אַ ציטער פֿון גליק נעמט דורך דעם מענשען. עס דוכט זיך אויס, אַז דער הימעל איז אַ פֿריינד פֿון די גיגאַנטעוועטע און איז אַ שונא פֿון דעם פֿאַר-שעמטען אָקעאַן. צו די וואונדערליכסטע זאַכען פֿעררעכען איך דעם שטורעם אויפ׳ן ים.

— איהר האָט ליב די סכּנות?

— זיי רייצען מיך אויף. דאָס אונערטרעגליכסטע אויפ׳ן שיף זענען פֿרויען. ווי נאָר עפּיס, איז גלייך — ספּאַזמען, געוויין, היסטעריע! איך בין טאַקי נייגע-ריג, ווי וואָלט איהר זיך אויפֿגעפֿיהרט אין אַזאַ פֿאַל?

— איך וואָלט זיכער נישט געספּאַזמירט, נאָר איך וואָלט שרעקליך מורא געהאַט.

וואַלדעמאַר האָט אויף איהר מיט אַ שמייכעל געקוקט.

— זאָל מיר עמיצער ערקלערען, פאַרוואָס זענען פרויען שרעקעוודיגער פון אונז, בשעת אין אַנדערע פאַלען שטייגען זיי אונז איבער מיט דרייסטקייט...

— צום ביישפּיל, אין וואָסערע פאַלען?

— אין וואָסערע?... אָט לאָמיר זאָגען, אין קאַמף מיט אונז. איהר זענט די רויבעריגס פון מאַנסבילשען שטאַם, און איהר שטעלט מיט זיך פאַר אַן ערנסטע, הגם באַהאַלטענע סכנה... אַזעלכע קליינע נעגעל האָט איהר אין סאַמעטענע הענטשקעלעך.

— האָט איהר דען אויך מורא פאַר די נעגעל?

— איהר צווייפעלט דען?

— עטוואָס.

— איהר זענט גערעכט — האָט זיך וואַלדעמאַר פונאַנדערגעלאַכט. ער האָט אַ ציה געטון די וואָקסלעס און אַוועקגעלעגט זיי אויף זיינע קניע.

זיי האָבען שטיל געשוואומען אויפ'ן רוהיגען וואַסער; קליינע וועלעכלעך האָבען זיך גלאַנצענדיג אַהינטער זיי געיאָגט, און דאָס שיפעל האָט זיך, ווי אַ נעניופאַרן-בלאַט אָהן אַ שורכען פאָראויס גערוקט.

עדמונד האָט געפיהרט אַ שמועס מיט לוציען וועגען טענץ. ער האָט גערעדט הויך, און מיט אַן אומאַנגענעהמער בעריהמערישקייט.

אַן איינגעבויגטער צו סטעפען האָט וואַלדעמאַר ווייטער גערעדט:

— פיהלט איהר עס טאַקי, אַז איך בין נישט קיין שרעקעדיגער אפילו אין דעם לעצטען פאַל? איך שפּאַר נישט אָפּ! היים די מלחמה מיט דער פרוי איז אָפטערס אַ מעהר אומפאָרויכטיגערע זאַך, ווי דאָס אַנכאַפּען אַ לייב פאַר'ן אויער, מחמת מען קען קיינמאָל נישט אויסרעכענען אויף וואָס פאַר אומגעריכטקייט מען קען זיך ריכטען. ניטשעס זאַראַטוסטראַ האָט געזאָגט: „צוויי זאַכען געלוסט זיך אַ מאַנספערשוין: סכנה און שפּילערייַ, דעריבער גלוסט ער נאָך אַ פרוי, אַלס געפעהרליכסטע שפּיל".

— אַ פיינע טעאָריע! צי צוליב דעם, וואָס די פרוי בעטראַכט איהר, אַלס אַ שפּילצייג אַ מעהר-ווייניגער שטעכעדיגע, אָדער פאַר אַ צוגעוואויגט חיה'לע, וואָס קען אַ ביס טון.

— נו, אַמאָל דאַרף מען זי ערשט צוגעוואוינען. אין דעם שטעקט אייגענטליך די סכנה'דיגע אונטערנעהמונג. די צוגעוואוינטע איז אַ סך לייכטער צו צווינגען זי זאָל דערלאַנגען די לאַפּע.

— איהר זענט אַ חוצפה'דיגער ציניקער!

— אוי, אוי! ס'איז געפעהרליכער! איך בעט אייך איהר זאָלט מיר ענטשולדיגען אויב איך האָב אייך בעליידיגט, איך האָב אָבער נאָר נישט מעהר ווי

דערגאַנצט דעם פֿערגלייך, וואָס איהר האָט געמאַכט. מיר קענען דעמזעלביגען טעמאַט עפֿעקטפֿולער בעטראַכטען. ובכן: אַ פֿרויענצימער איז אַזאַ בעשעפֿעניש, וועגען וועלכער אַ מאַנסביל קומט, און וואָס מעהר שאַרפֿערע נעגעל זי האָט — אַלץ עקשנות'דיגער מוז זיין דער קעמפֿער. ניט יעדער קאַמף פֿיהרט צו די געוואונשענע רעזולטאַטען, אָבער יעדערער קען בעזיגען, ווען ער וועט זיך געהעריג איינשפּאַרען, און פֿערביסען שטרייטען! צו דעם דאַרף מען אָבער האָבען בעזונדערע פֿעהיגקייטען. דערזעלביגער ניטשע האָט געזאָגט: „ווען דו געהסט צו די פֿרויען—נעהם מיט אַ בייטש". דאָס האָט אַ טיפֿע בעדייטונג, און דאָס בעווייזט, אַז נאָר אַזאַ אַלעגאָרישער בייטש פֿון ענערגיע און שטאַרקען ווילען קען פֿון דער פֿרוי מאַכען אַ געהאָרכזאַם שפּיעלע. יעדער אַרונטערפֿאַל—איז אַ בריק, וואָס ווערט געוואָרפֿען אונטער איהרע פֿיס, אויף וועלכען זי וועט אָהן שום צווייפֿלען שטענדיג געהן.

— וועגען וואָס'ער אַרט פֿרויען רעדט איהר?

— מיט אייך רעדענדיג — האָב איך נאָר אין זינען דעם העכסטען מין.

— איהר רעדט אַזוי פֿערשטעלט, רייצעלהאַפֿט?

— ניין, מיין פֿריינד, איך זאָג נאָר אַרויס מיין קרעדאָ וועגען דעם ענין. איך קען וואָר גרייבען צו יענער פֿרוי, וואָס געפֿינט זיך אויף דער העכסטער מאָראַלישער מדרגה, איך קען איהר דערלאַנגען די האַנד און אַרונטערפֿיהרען צו מיינע איבערצייגונגען, אָבער איך וועל איהר תמיד גלייך קוקען אין די אויגען, אָדער אפֿשר אַ ביסעל פֿון דער הויך אַראָפּ — נאָר קיינמאָל וועל איך מיינע אויגען צו איהר ניט הויבען, און פֿאַלען אויף די קניע פֿאַר איהר. צו דעם האָט מיך גאָך דאָס לעבען ניט אויסגעלערענט, וואָס וואָלט איהר אייגענטליך געוואָלט: איינער אויסדערוועהלטער זאָל געהן צו אייך מיט דעם פֿריהער דערמאָהנטען ניטשעס בייטש, אָדער ער זאָל בעטלען ביי אייך בעגנעדיגונג, שטעהענדיג אויף די קניע מיט אויסגעגלאָצטע ווייסלען?..

— איך וואָלט פֿערלאַנגט דאָס ערשטע, אָבער מיט'ן בעדינג, אַז ער זאָל זיינע כּוחות ניט אויסניצען, ווי אַ האַק; ער זאָל זיך מיט מיר רעכענען, ווי מיט אַ זיינס גלייכען, ווי מיט אַ מענשען. מיין אַמביציע פֿערלאַנגט טאַקי אַ גלייכען פּראָסטען בליק אין די אויגען, אָהן דעם אַראָפּלאָזען די ברעמען.

— איהר רעדט עס אַרויס זעהר דרייסט — האָט וואָלדעמאַר געזאָגט, בעוועגענדיג מיט די ברעמען.

— דרייסט?... אין וואָס'ער הינזיכט?

— איהר קענט ווייניג דאָס לעבען — איהר זאָלט קענען אַזוי קאַטעגאָריש בעשליסען.

— איך בין פונדעסטוועגן איבערצייגט, אז דאס לעבן וועט ניט ענדערן מיינע באשלוסן.

— ניין! געהאט עס ניט אויף זיך!

— וואס איהר מיר דען אפ פון א מאראלישער הויכקייט?

וואלדעמאר איז צורייצט געווארן.

— ניין, איך זאג עס אייך ניט אפ, איך צווייפל אבער, צי וועט די דאזיגע מאראלישקייט אויסהאלטן אויף דעם פיעדעסטאל, וואס איז אויפגעבויט געווארן דורך אייער אמביציע.

— וואס קען איהם דען מאכן אויפטרייסלען? — האט זי גאוה'דיג א פרעג געטון.

ער האט איהר א לאנגען קוק געטון אין די אויגן און דייטליך געזאגט:

— אייער טעמפעראמענט, עמפינדליכקייט, יוגנט און די פמעט מענשלישע קרעפטיגקייט — דאס זענען אלין קאזירס, וואס קענען ניט נאר אויפטרייסלען, נאר אויך אראבווארפן אייך פון דעם פיעדעסטאל.

אין די שווארצאפלען פון דעם רעדענדיגען האט סטעפע בעמערקט א ווילדע פראפט, און דער דרייסטער צניזם איז איהר געפעלען געווארן. זי האט פארנוירעט די פינגער אין וואסער, און פונאנדערשפריצענדיג די קליינע טראפענס, האט זי געזאגט פאמעלעך, ווי צו זיך:

— א צו שטארקער גלויבען אין דער מענערישער קראפט, און א צושוואכער — אין אונזער.

— איך זאג עס נאר פון געניטקייט ארויס, איך בין איבערצייגט, אז דער פעסטסטער פאנצער וועט ניט קענען אויסהאלטן געגען יענעם, וואס שטרעבט נאכ'ן קאמף און איז ביכולת ארויסציגעפינען אין דער שטארקסטער בעוואפענונג דעם שוואכסטען פונקט.

— און אויב אזא שוואכער פונקט עקזיסטירט ניט?

— פאר דעם ווילען און דער ענערגיע עקזיסטירט ער שטענדיג — זיי זענען אבער, פערשיידענע און זענען אונטערגעווארפען דער פראפעסיאנער'ס אינטעלעקט. צו געפינען דעם שוואכסטען פונקט איז די שווערסטע עובדא — דאס געהער שוין אן מיט דער ספריטנעקייט, מיט דער געשיקטקייט פון דעם מאנספערשוין.

סטעפע האט זיך פערטראכט.

— האב איך אייך איבערצייגט? — האט ער מיט א שמייכעל א פרעג געטון.

— איהר בעלייכט זעהר גוט אייערע טעאריעס, איך לייקען עס ניט. אבער...

— איך בעט אייך, ענדיגט, וואס איהר האט געוואלט זאגען.

— איהר רעדט אָבער אויף'ן גרונד פון אייערע נצחונות, וועגן וועלכע איך האָב אפילו געהערט. אין אייערע רעד איז צו זעהן אַ זיכערקייט אין זיך. צי קענען אָבער אייערע מיינונגען אַ שייכות האָבען צום כלל?

— דעם כלל פון פרויען אודאי, הגם ניט אַ סך פון זיי. און ניט זעהר פערשידענאַרטיגע האָב איך געהאַט צו טון, אין מאַנספערשוינען צו מיר עהנליכע זענען דאָ זעהר אַ סך, גאָך מעהרער. עס זענען נאָר דאָ פרויען, וואָס זענען געהילט אין אַזאַ וואונדערליכען פאַנצער, וועלכען עס איז זעהר שווער צו בעמערקען; זיי זענען אַרומגערינגעלט מיט אַ נימב, מיט אַזאַ מין שיינדעל, וואָס האַלט אָפּ די אַנפאַלער, בעציבערענדיג זייער גלייכציטיג, בעזיגען זיי קען מען, אָבער די ברוטאַלישקייט די גראָבקייט אין בעציהונג צו זיי ענטרינט, און דאָס איז איינער פון די פרטים, וואָס בעצייכענט זייער קראַפט.

— הייסט עס, אַז איהר האָט געפונען אַן אויסנאַהם? אַ יוצא מן הכלל! — האָט סטעפּע כמעט אויסגעשריגען.

— אַ זעהר זעלטענע: דאָס זענען בלומען, וואָס ווערען פערפאַלען אין דעם מבול פון אַנדערע. איבעריגענס חזר איך איבער: אויך אַזעלכע פרויען ווערען בעקעמפט, אָבער אויף אַן אַנדער אופן.

סטעפּע האָט גאָרנישט געענטפערט. זי האָט אַריינגעקוקט אין וואַסער, און אויף די ווייסע בעכערס פון די וואַסער-בלומען, וועלכע האָבען זיך אַפּוירגערוקט פון די גראָבע טעלערדיגע בלעטער. זי האָט אויסגעשטרעקט איהר האַנד נאָך איינעם פון די בלומען, נאָר ער איז צו ווייט פון איהר געשוואימען. אַ שווייגענדיגער האָט איהם וואַלדעמאַר אָנגעגריפען מיט דער ווערסלע און דערגעהענטערט צו איהר האַנד.

זי האָט דאָס בלום אַראָפּגעריסען, דאַנקענדיג איהם מיט אַ שמייכעל.

ער האָט אויף איהר געקוקט, אויף איהר גערויטעלט פנים, אויף די בלויליכע שאָטענס, וואָס די לאַנגע וויעס האָבען געוואָרפען אויף איהרע באַקען, און פאַר זיך געטראַכט:

— צי דו ביזט עס יענע בלום וואָס איז אַרומגעשיינט מיט אַ נימב אין דעם מבול פון אַנדערע? מיין ברוטאַלישקייט פערפאַלט פאַר דעם חן פון דיינע סאַמעטענע אויגען... איך וועל אָבער קעמפען מיט דער דאָזיגער פאַרפאַנצערונג, און זי צעברעכען.

ער האָט בעמערקט אַ קוסט פון די נעניופאַרען, פון די צאַרטע וואַסער-בלומען, און פערקעהרט אַהינצו דאָס שיפעל. מיט די ווערסלעס האָט ער צוגערוקט די בלומען, סטעפּע האָט זיי געריסען, וואַרפענדיג זיי צו לוציען. די לעצטע איז אָבער פערשיפט געוואָרען אין שמועס מיט פראַנעניצקין, ער האָט איהר

דערצעהלט, וועגען אַ נײַ געלעזענעם בוך, און סטעפּע האָט דערהערענדיג עט־ליכע ווערטער — אַ קוק געטון אויף וואַלדעמאַרן.

— קומט צוריק — האָט זי שטיל געזאָגט.

— פאַרוואָס? איצטער נאָכ'ן זון־אונטערגאַנג איז דאָך צום אָנגענעהמסטען.

— ס'איז דאָך אָבער כמעט פינסטער.

— נאָך אַ ביסעל...

די פּלוצים העכער אַרויסגערעדטע ווערטער פון עדמונדען האָבען איהם איבערגעשלאָגען די רעד. ער האָט אַ קוק געטון אויף לוציען, דערנאָך אויף סטעפען. זי האָט שטיל געזאָגט:

— קומט צוריק.

ער האָט אַ שאָקעל געטון מיט'ן קאָפּ, אָנגעהויבען צו פערקעהרעווען דאָס שיפעל, פראַנטניצקי האָט אָבער פערהאַלטען דעם רודער.

— הער מיכאַראָווסקי, מיר פאָהרען צוריק?

— יאָ!

— שוין?

— יאָ.

סטעפּע האָט אַ שמייכעל געטון פון ביידענס אינטאָנאַציעס.

אַזאַ שענער אָווענט — האָט זיך לוציע אַנטגעגענגעשטעלט.

— שוין שפּעט — האָט סטעפּע געזאָגט — די מוטער וועט זיין אומרוהיג צוליב דיר.

— ע־ע! דאָס ווילט איהר נאָר צוריקפאָהרען. מיר וואָלטען נאָך געקענט שפּאַצירען ווייטער...

— די פריילין סטעפאַניאַ האָט מעהר רעכט צו שטימען — האָט וואַלדע־מאַר טרוקען געזאָגט.

לוציע איז גענטשוויגען געוואָרען, דערפאַר האָט אָבער פראַנטניצקי אַ זאָג געטון מיט איראָניע:

— דער פריילין סטעפאַניאַ איז וואַהרשיינליך קאַלט. אַ שאָד, וואָס זי האָט ניט מיטגענומען קיין שאַל.

וואַלדעמאַר האָט אַריינגעשטאָכען אין איהם זיינע אויגען, די ליפּען האָבען איהם פאַר כעס אַ ציטער געטון: סטעפּע האָט איהם אָבער איינגעהאַלטען מיט אַ בעטענדיגען בליק, און ער האָט נאָר אַ זאָג געטון:

— אַנשטאָט צו מאַכען בעמערקונגען, גיט בעסער אַכטונג אויפ'ן רודער, ווארום דאָס שיפעל הוידעט זיך אָהן אַ שיעור.

פֿראַנצויזיש: איז רויט געוואָרן.

שווייגנדיק זענען זיי צוגעשוואומען צום ברעג, וואו עס האָבן זיי שוין אָפּגעוואַרט די פֿרוי אידאַליע און דער הער קסאַווער.

די יבנה האָט באַלויכטן די טיפֿענישן פֿון פּאַרק, און געגלאַנצט אויפֿ'ן וואַסער, ווי אַ זילבערנע נעץ, באַוועגלעך ענדערנדיק זיך. די רויזן האָבן געשמעקט. אין די נידעריקע קשאַקעס האָבן געפֿינקלט די גלי־ווערימלעך. דער אָוונט, וואָס איז באַגאָסן געווען מיט שטראָמען פֿון וואַרעמקייט האָט געווירקט טרוימעריש.

פֿון דער אָזערע אַפֿילו האָט זיך געלאָזט הערן דער כאָר פֿון די זשאַבעס. הויכע ווײַסע ליליען אויפֿ די גרעזער און די געלע איריסן האָבן אויסגעזען, ווי מיידלעך אָנגעטאָן אין רוימישע טוניקעס, שפּאַצירנדיקע צווישן די ציפּרעסן. דער באַלויכטענער פּאַלאַץ האָט געשימערט מיט רייען פֿענצטער; די ליכט־פּאַסן האָבן זיך אויסגעלייגט אויף דער שטיינערנער „פּאַסאַדזשקע" פֿון דער טעראַסע און געזילבערט די פֿונאַנדערגעבליטע רויזן, געציטערט אויף די בלעטלעך פֿון די בלומען, און פֿאַרוואָרפֿן פֿונקען אין דער טיפֿער שאָטנדיקער אַלייע, ווי רופֿנדיק צו זיך די געהיימע מענטשן. דעם העלן קלייד פֿון סטעפֿען האָבן באַדעקט די גלאַנצנדיקע ליכט־פֿלעקן, און אויף די האָר האָבן ביי איהר אַרומגעשפּילט גילדערנע פֿעדים. דער לעצטער איז געגאַנגען וואַלדעמאַר, קנייטשנדיק אין האַנט אַ געלע רויז, און ער האָט געקוקט אויף דאָס העלע געשטאַלט פֿון סטעפֿען, קעמפֿנדיק מיט אַ רעטעניש אין זיין עקשנות'דיגער נשמה.

— מיט וואָס רייסט מיך מיט דאָס דאָזיגע מיידעלע? דאָס איז אַ פֿייער אין אַ ליליע־בעכער — האָט אין די געדאַנקען איבערגע'חזר'ט זיין פֿריערדיגען פֿאַרגלייך.

נאָכ'ן אָוונט־ברויט, ווען אַלע זענען זיך פֿונאַנדערגעגאַנגען, האָט וואַלדעמאַר אַרומגעשפּאַצירט אין פּאַרק אַנ'אַרומגעריגעלטער פֿון הינט, וועלכע האָבן הויך און פֿריילעך בילענדיג זיך צו איהם געלאַשטשעט. ער איז אַדורך די אַלייע געבלאָנדזשעט ביי דער אָזערע, צוגעגאַנגען צום פּאַלאַץ, צוקוקנדיג זיך צום פֿייערל אין סטעפֿעס פֿענסטער, וואָס איז געווען צוגעטונקלט פֿונ'ם פֿאָרהענגעל:

— וואָס טוט זי איצט? — האָט ער געטראַכט — מאַכט זי דען אַ חשבון הנפש, צי בעט זי גאָט, ער זאָל באַשיצן איהר צניעות... צי טראַכט זי וועגן אונזער שמועס?.. און צי פֿיהלט זי בכלל אַ חיבה צו אַיז זי קלאָהר. און ווייס וועגן מיינע כוונות?..

ער האָט געקנייטשט מיט די פֿלייצעס און געגאַנגען ווייטער. דאָס רויכעל פֿון דעם ציגאַר האָט איהם אַרומגעהילט מיט אַ צאַרטען וואָלקען. אין שיין

פון דער לבנה האט דאס טונקעלע געשטאלט פון וואלדעמארען געשאטענט זיך אויף די הויכע גראזען, אנ׳אויסגעצויגענע, א שלאנקע. דער זאמד האט געסקריפעט אונטער די פיס. צייטענווייז האט ער געטשמאקעט אויף די הינט, אדער געגלעט איינעם פון זיי. ביי א זייטיגען פאוויליאן האט ער זיך פערהאלטען. דערזעהענדיג אנ׳אפען פענסטער פון וואנען עס האט געשלאגען א גרויס ליכטיגקייט, און זיך ארויסגעהערט א שטיל שמועסן, ער האט דערזעהן ביי א קליין טישעל זיצען פראנטניצקין און דעם פערוואלטער קלעטשען. זיי האבען געשפילט אין קארטען. פראנטניצקי איז געזעסען אהן רעקעל מיט א פונאנדערקנעפעלטער קאמיזעלקע ברייט פונאנדערגעזעצט אין שטול, און מיט אימפעט גערעדט עפיס. א מינע האט ער געהאט פון א גימנאזיסט. וואלדעמאר איז אוועקגעגאנגען ווייטער, ברומענדיג:

א בעסטיע! ווירקט מיר אויף די נערווען. און די קארטען! נייע מנהגים פיהרט ער דא איין!

פראנטניצקי פלעגט געווענהליך אין וואלדעמאר׳ס אנוועזענהייט פערלירען זיין הומאר.

ער האט געוואוסט, אז ער איז אונסימפאטיש פאר ביידע מיכאראווסקי׳ס, אז פאר זיי קען ער נישט קיין סך רעדען, נישט לויבען זיך, מחמת ער האט געפיהלט, אז דאס כעס׳ט זיי. האט ער זיך בעפריינדעט מיט קלעטשן, ווייסענדיג אז ער אימפאנירט איהם, אז פאר דעם לעצטען איז עס א כבוד.

איין מאל, סוף יוני זענען פראנטניצקי מיט קלעטשען געווען אויף די לאנקעס, וואו די ארבייטער האבען געשניטען היי. זיי ביידע האבען זיך היניטערן וואלד ארומגעשלעפט, ארויספלאצענדיג אפט מיט הויכע געלעכטערס. עדמונד האט געפיהרט א פאפיראס און האלטענדיג די הענט אין די קעשענעס, האט ער איינגעלש און מיט פערשיידענע הערות אריינגעטענה׳ט אין קלעטשען.

גערעדט האט ער וועגען שוטען:

אוי, מיין הערי אויף דער זינדיגער וועלט זענען דא א סך פרויען — מען דארף אבער אויסקלייבען אזעלכע, וואס הוין זייער אינגערליכע מעלות פערמאגען זיי נאך עפיס ממשות׳דיגעס. א ביסעל מוומן — דאס איז דאס וויכטיגסטע. סטעפע איז א גאנץ געשמאק און אפעטיטליך מעדעל. איך שפאר זיך נישט: איצטער איז זי אפילו א ביסעל אפגעבליאקירט, אבער זי איז גאר א וואושנע פליו... וואס טויג דאס אבער? אז זי שווימט איינגאנצען אין צוואנציג טויזענט קערבלעך. טויג זי דען פאר מיר? גאט מיינער! עס וואלט מיר אקוראט געפטייעט אויף צוויי נסיעות קיין אויסלאנד.

ווען זי וואלט האבען איהרע הונדערט טויזענט קערבלעך, הע? וואלט איהר זי דעמאלסט נישט געלאזט לויפען — האט זיך קלעטש ברייט צולאכט.

עדמונד האט געמאכט מיט׳ן מויל א מינע פון פעראכטונג.

— פערשטעהט זיך! כאטש איך וועל אייך זאגען דעם ריכטיגען אמת: זי איז א ביסעל צו זיס, צופיל צניעות׳דיג. איך בין דאך געווען גאנצע עטליכע חדשים כמעט איהר חתן, אין בגאמנות. עס איז מיר נישט געלונגען איינמאל זי א קוש צו טון, הגם איך קען צושטעהן און פועל׳ן. ניין און ניין.. זי האט נישט קיין שום טעמפעראמענט דאס מעדעל.

— איך וואלט אנדערש געזאגט. פרייליין סטעפאניא האט א זעהר לעבעדיגען פנים, און ווייזט זיך אויס צו זיין א מויד — א פייער. אפשר האט איהר זיך טאקי נישט געקענט מיט איהר אומגעהן. מחמת מיט א פרוי איז די זעלבע זאך ווי מיט א ווילדען פערד — מען דארף וויסען, ווי צו איהם צוצוקומען.

ביידע האבען ארויסגעפלאצט מיט א געלעכטער.

— זי איז דאך שיער נישט משוגע געווארען צוליב מיר — האט ווייטער געערדם דער פראקטיקאנט — איך ווייס שוין גאנץ גוט, ווי ארויסצושלאגען פונקען; אויף דעם בין איך א מייסטער. איהר וועט שוין זעהן פארטינערהייט, אז אזוי גיך החתונה האבען וועט זי נישט — אוי זי וועט נאך בכלל חתונה האבען. מסתמא וועט איהר נעהמען א פרומער יונגערמאנטשיק אדער א פאצעטל פאר וועלכען איהר נדן וועט זיין א מטמון מיט געלד. הגם זי איז א שעהנע, נאר נעהמען קען זי נישט. איך פערזיכער אייך, אז זי איז צניעות׳דיג ביז א מין העסליכקייט, דאס איז דער וויכטיגסטער פעהלער ביי א פרוי, פון איהר וועט קיינער גארנישט ארויסקריגען.

קלעטש האט כיטרע א שמייכעל געטון.

— ע! אזוי שלעכט איז נישט. אייך האט זיך נישט איינגעגעבען, אבער אונזער בעל הבית וועט עס מעהר גליקען...

פראנטניצקי האט ברייט געעפענט די אויגען.

נא! איהר מיינט עס אויף אנ׳אמת? דער הער מיכאראווסקי? וואלט מיט איהר חתונה געהאט? וואס רעדט איהר!

קלעטש האט ווידער ארויסגעפלאצט מיט א געלעכטער.

— חתונה האבען!.. ווי פאלט עס אייך איין? דער מאגנאט מיט א לעה ער-קע! ! אויך מיר א געדאנק! ער — וועגען וועלכען עס חלום׳ען פירשטינס... אראפפיהרען זי פון וועג וועט ער פונדעסטוועגען קענען. איהם וועט זי זיך נישט קענען געגענשטעלען, כאטש איהר זאגט, אז זי איז א קאלטבלוטיגע.

דער פראקטיקאנט האט זיך פערטראכט.

— ווייסט איהר וואס? — האט ער אין א ווײלע ארום געזאגט — מיר איז דאס שוין אליין איינגעפאלען. עפיס איז ער צו אויפמערקזאם, צו איידעל צו איהר, און שטענדיג פערטיידיגט ער זי.

— פערטיידיגט!..

— נו, יאָ. איך מאַך אַמאָל פֿון איהר אַ שפּאַס. שוין עטליכע מאָל האָט ער זיך שוין אָנגענומען פֿאַר איהר און אויף אַ זעהר האַרבען אָן ביזען אופן.

קלעטש האָט אַ קוק געטון אויף עדמונדען אין אַ ברוגז געטון:

— מסתמא האָט ער דיך גוט אָנגעלערנט...

— וואָס רעדסט איהר?

— עך! גאַרנישט. איך זאָג, אַז ער וועט עס קענען.

פראַנטניצקי האָט געדרייט מיט'ן קאָפּ.

— נא, נא! ווען די דאָזיגע צנועה'דיגע בעשיידענע סטעפּע זאָל בלייבען אַ געליבטע פֿון מיכאַראָווסקין, אָט וואָלט איך דאַן געלאַכט...

— איהר וואָלט זיך געפֿרעהט, האַ?

— איך וואָלט הנאה געהאַט באמת. עס וואָלט מיך אפילו נישט פֿערדריסען, וואָס דאָס זעלביגע האָט מיר נישט געטראָפֿען.

— געמיינער יונג! — האָט אונטערן נאָז אַ ברום געטון דער פֿערוואַלטער.

די זעלביגע ווערטער זענען געפֿאַלען אויף דער שמאָלער וואַלד־סטעזשקע אַרויסגעוואָרפֿען פֿון וואַלדעמאַרס צאָרנדיגען מויל.

ער איז נישט בעמערקטערהייט עטליכע מינוט געשטאַנען אין דער זייט און זיך צוגעהערט צו זייער שמועס. רייטענדיג אויף דעם זאַמדיגען וועג צווישען די געדיכטע געצווייגטע קיסטעס האָט ער דערהערט דעם הילכיגען געלעכטער. דורך די געדיכטע צווייגען האָט ער דערזעהן די קאָנטמען פֿון דער לינייקע און דאָס פֿערד, וואָס האָט מיט אַנ'איינגעבויגטען קאָפּ געצופּט די גראָזע. פלוצים האָט ער דערהערט סטעפּעס נאָמען אַרויסרעדען. פראַנטניצקיס קול אין געלעכטער און מיט עפּיס אַ ציניזשען צולאָז צו די רעד האָט ער זיך פֿערהאַלטען, אָפּגעשטעלט דאָס פֿערד; מחמת אַרום און אַרום האָט געהערשט אַ שטילקייט — האָט ער דעם פּראַקטיקאַנט געהערט וואָרט ביי וואָרט, וואָס יעדערער פֿון זיי דורכגעפּילטערט דורך די בלעטער פֿון די ביימער האָט הילכיג אָפּגעשלאָגען. אין דער אַקוסטיק פֿון וואַלד הערענדיג זיינע רעד, האָט דער יונגער מאַגנאַט געקריצט מיט די ציין. געדריקט די בייטש, ווי וועלענדיג זי צעברעכען אויף פראַנטניצקיס קאַרק. ווען עדמונד האָט גערעדט וועגען זיינע נישט איינגעבעטענע פּרובען — האָט וואַלדעמאַר אַ ציה געטון דעם פֿערד, וועלענדיג איבערשלאָגען דעם שמועס; ער האָט אָבער דערהערט רעדען, וועגען זיך. און איז געבליבען וואַרטען.

ער האָט געהאַט אַ צאָרניגען אויסזעהן — די ברעמען צוזאַמענגעצויגען און אַ שטאָלענע קאַלטקייט אין די אויגען. די נאָזלעכער זיינע האָבען זיך פֿונאַנדערגעבלאָזען, בעוועגט פֿון כעס. די לעצטע ווערטער עדמונדס האָבען איהם בעזונדערס אויפגעבראַכט, ער האָט אַ שטאָך געטון די שפּאָרען אין דעם פֿערד'ס זייטען, גרייט צו אָפּזאָגען פראַנטניצקין און קלעטש'ן פֿון די פּאָסטענס — ער

איז אָבער גיך צו זיך געקומען, און עפּיס אַן׳איינערליכע שטימע האָט איהם מיט אַ שעפּטשען איינגעהאַלטען: „ניי זענען געדעכט, צו דעם שטרעבסטו דאָך“...

ער האָט אַזאַ שמיץ געטון דאָס פערד מיט׳ן בייטש, אַז עס האָט זיך אַזש אַ זעץ געטון, אויפהויבענדיג די פאָדערשטע קאָפּיטעס אין דער הויך. ער האָט אַ קערעווע געטון און פאַמעליך אַוועקגעריטען אין דער טיפקייט פון וואַלד אַן אויפגערעגטער, וואַרפענדיג דורך די ציינער קללות. ער האָט נישט געקענט פּטור ווערען פון דעם געדאַנק, אַז קלעטש האָט געטראָפען זיינע כּונות. דאָס האָט איהם אריינגעבראַכט אין אַ משוגענעם כּעס. די מאַגנאַטישע שטאָלצקייט האָט אויפגעברויזט אין זיינע בלוטען, זיין אייגענער פּערוואָלטער קאָן איהם גוט, און ער פערזיכערט, אַז סטעפּע וועט זיך נישט קענעןביישטעהן דעם נסיון בנוגע איהם... דאָס מעדעל, וואָס איז אַזוי פריש און ריין ווי קוואַל-וואַסער... אַז ער וועט נישט פערמיידען צו אָנזעטיגען זיך מיט איהר שענקייט.

וואָלדעמאַר האָט אַזש פערביסען די ליפּען.

— ער האָט געטראָפען. איך וויל זי טאַקי האָבען. דאָס איז ליגען, וואָס פראָנטניצקי זאָגט, אַז זי פערמאָגט נישט קיין טעמפּעראַמענט. זי איז אינגאַנצען ווי אַ פונק — און דערביי אַזאַ צוציהענדיגער? זי איז אַ שטאָלצע און אַן׳אַמביטנע, נאָר דאָס מינערט נישט איהר חן — פערקעהרט עס פערטאָפּעלט נאָך איהם...

וואָלדעמאַר האָט, נישט קוקענדיג אויף זיין כּעס, געהאַט הנאה, וואָס ערמנד האָט אָנגערופען סטעפּע „אַ צניעות׳דיגע ביז א מיאוסקייט“.

פראָנטניצקי וואָלט גאָרנישט פערבעהאַלטען — ער וואָלט פערקעהרט געשטאָלצירט מיט דעם.

זי האָט איהם נישט אויף אַן׳אמת ליב געהאַט — האָט וואָלדעמאַר אַ טראַכט געטון — אין אַן׳אַנדער פאַל...

זי איז אַן׳עסענציאָנעלע מעדעל, אין דער היינזיכט האָט פראָנטניצקי פולקום רעכט... און ווען איך זאָל האָבען גרעסערע שאַנסען?

ער האָט אויפגעציטערט.

— אַזוי האָט אויך קלעטש גערעדט.

— אַ געמיינער בין איך — האָט וואָלדעמאַר צו זיך אַ זאָג געטון, און שנעלער אָנגעטריבען דאָס פערד.

דער וואַלד האָט זיך געענדיגט און די טונקעלע סאָסנעס זענען שיטערער געוואָרען. וואו נישט וואו זענען זיי נאָך געשטאַנען אַרומגערינגעלט מיט נידעריגע יעלאָווע קוסטעס. לסוף זענען זיי אויך פערשוואונדען געוואָרען. פאַר איהם איז ברייט געלעגען אַ פייכטע הויך-גראָזיגע לאָנקע.

פון דערווייטענס האָבען זיך געזעהן א רייהע שניטערס אין ווייסע העמדער, די כאָמעס האָבען געגלאַנצט אויף דער זון, ווי גאָלדענע. דאָס פערד האָט אָנגעהויבען צו געהן פאַמעליכער, אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, וועלענדיג ציפען די

וואַפּטיגע גראַזען, נאָר די ביטש האָט איהם דאָס ניט געלאָזט טון, און די צוים האָט דעם קאָפּ צוריקגעצויגען. וואַלדעמאַר האָט געריטען אַ פֿערטראַכטער. פּלוצים האָט ער אויפגעהויבען די ברעמען, אַ שמייכעל געטון איבער די כאַליאָוועס פֿון די שטיוועל, פֿונאַנדערגעלאַכט זיך און אָנגעהויבען אין געדאַנק צו מאָנאַלאָגירען:

— איך קען בנוגע איהר האָבען כוונות, וועלכע מיר געפֿעלען. צו וואָס צווינגט זי מיר דען? איך בעגעגען אויף מיין וועג נאָר איין בעשעפֿעניש, וואָס איז ווערט בעהערשט צו ווערען און אַ סוף. צי וועט זיך עס מיר איינגעבען — דאָס איז אַ פֿראַגע! אַלץ ווענדט זיך אין דער מאָס פֿון איהר טעמפּעראַמענט. איך בין ליכטזיניג, פֿרעהען זיך פֿון דעם, וואָס אימעצער האָט פֿערדרעהט דעם קאָפּ אַ מיידעל, וועלכע מען האָט ליב געהאַט איז אַ נידערטרעכטיגקייט אַ געמיינהייט פֿון העכסטען גראַד. אונזער פאַסט זיך נאָר פֿאַר אַזאַ חברה־מאַן, ווי פּראַנטניצקי! איך מוז זיך מיט איהם שיידען. ער מאַכט מיר קאַליע דאָס בלוט... דערצו נאָך די בעפֿריינדעטקייט מיט קלעטשען...

— און אויב פּריילין סטעפע האָט איהם נאָך ליב? — האָט אימעצער עפּיס אַ קול אַ שעפּטשע געטון.

וואַלדעמאַר האָט געמאַכט אַ בעוועגונג מיט די פּלייצעס.

— מעג זי אַפּילו אַ שגעון אַרומנעהמען, וואָס געהט עס מיר דען אָן? מיט דעם וואָלט זי נאָר דערוויזען, אַז זי ניט ווערט צו ווערען אויפגעריכט.

ער האָט אַ שניט געטון דאָס פֿערד מיט די שפּאָרען און ווי אַ ווינט זיך אַוועקגעיאָגט איבער די גרהזען, ווי אַ שטאַרקער פֿויגעל, וואָס יאָגט זיך נאָך זיין רויב. ער האָט פֿערגייגעריטען דעם וועלדעל, וועלענדיג זיך בעווייזען פֿאַר קלעטשען און עדמונדען.

אַ פֿרעהליכקייט האָט איהם אַרומגענומען. ער איז געווען זיכער, אַז אין זיין אַנוועזענהייט ווערט פּראַנטניצקי בטל אין סטעפֿעס אויגען, אין דעם, אַז ער מאַכט אויף איהר אַן איינדרוק, און אַז ער האָט פֿריזעגטער אויסזיכטען, וואָס יענער פֿערמאָגט ניט

ער האָט אויסגעמיטען דעם ביי־וועגעל פֿון וועלדעל, און אויף הונדערט שריט פֿאַר זיך האָט ער דערזעהן די ליניקע. מאַכענדיג זיך, אז ער זעהט קיינעם ניט האָט ער אָפּגעקעהרט דעם קאָפּ און מיט אַ סטעזשקע האָט ער געריטען גלייך צו די אַרבייטער.

— ווענען וואָס שמועסען זיי נאָך? איך וואָלט געוואָלט וויסען — האָט ער אַ ברום געטון פֿאַר זיך — אפשר האָט זיך דער אייזעל איבערגעלעגט און ער קלערט, אַז עס לוינט זיך צו איבערלאָזען סטעפֿען פֿאַר זיינטוועגען. נו, מיט אַזאַ שוטה וועל איך קיין שותפֿות ניט מאַכען, דאָס וואָלט געווען מעהר, ווי לעכערליך.

דערנעהנטערענדיג זיך צו די ארבייטער האט ער איינגעהאלטען דאס פערד און מיט א מאדנער הנאה, ווי די ליניייקע לויפט מיט א האלאפ פון וואלד.

— זיי וועלען מיר ערקלערען, אז זיי זענען געווען פון יענער זייט וואלד — האט ער איראניש נעשמייכעלט, און זיך געפרייט אויף דעם געדאנק, ס'ארא מינעס זיי וועלען מאכען, ווען ער וועט זיי זאגען, אז ער איז טאקי פון דארטע, נאר-וואס געקומען.

IX.

א שטילער און א פערחלום'טער איז צוגעפאלען דער יולי-אווענט.

די לעצטע בלוטיג-רויטע וואלקענס זענען טונקעל געווארען, איינהילענדיג די נאטור אין א גרויען שלייער פון בין השמשות; אין דער האלבער פינסטערניש האבען זיך געטרונקען די פארק-בוימער, די שפיצען זייערע האבען זיך נאך עטוואס געזילבערט פון דעם זון-אונטערגאנג-אפגלאנץ, פונקט ווי די זון וואלט צו דער ערד איהר געזעגענונג אראפגעשיקט.

עס זענען פערשאטענט געווארען די בונטע בלומען-טעפיכער, שוואך האבען זיך שוין אויך ארויסגעצייכענט די גראז-בייטען. דער אומעטיקער האלבטונקעל האט אבער נישט לאנג געדויערט; פלוצים האבען אנגעהויבען צו שפילען אויף די בוימער און אויף די בלעטער מאטע גלאנצען, און די בלומען ארום זענען ווידער בעלעבט געווארען.

די שאטענס, וואס האבען א קורצע ווייל[ע] געדויערט, און וואס זענען אראפגעטריבען געווארען פון דעם שיין האבען צוזאמענגעקליבען אין בעזונדערע גרופעס, וואו-נישט-וואו בילדענדיג שווארצע טיפענישען און פלעקען, און זיך אויסגעלענט אין וואונדערליכע צייכענונגען און איידעלע פארמען, ווי פראכטפול געוועבטע שפיצען.

דער נישט בולט'ער, צעשויבערטער פארק איז געשטאנען, ווי אין א זילבערנער קלייד אנגעטון, און געגלאנצט און בעוואונקען מיט די זשאזע-בלעטלעך, פון וועלכע האבען זיך צום מעהרסטען געטראגען פינקעלדיגע פייערלעך. ווי מיט א כישוף איז די וועלט אויפגערופען געווארען צום לעבען, צו א מיסטיש לעבען, פול חלומות.

עס איז אַרויסגעשוואומען די לבנה — די אייביגע פֿריינדין פֿון אידעאַלען, די חבֿר'טע פֿון די סודות'דיגסטע געפֿיהלען, די געליבטע פֿון פּאָעטען און לונאַטיקער, נאַכט־וואַנדלער. אויף דעם גראַנאַטענעם גרונד פֿון הימעל האָט זי צווישען דער מאָזאַאיק פֿון וואָלקענדלעך אין די קוילען פֿון רויכען געשוואומען, ווי אַ גרויסער עלעקטרישער לאָמפּען, נאָר אַ טויזענט מאָל ליכטיגער, אַ שטראַ־מענדיגער און אַ נישט־דערגרייכבאַרער אויף איהר וועג האָט זי אָנגעצינדען די שטערען, באַלויכטען דעם מילך־וועג, געשלייערט צו דער ערד מיליאַרדען בריליאַנטענע בליקען, אַרייַנגעדרונגען מיט זיי אין די פֿערבאָרגענסטע ווינקעלעך, געפֿינענדיג פֿאַר זיך באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע באַהעלטענישען.

סטעפּע איז געזעסען בײַם פֿענסטער, דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט אין די הענד און אַרויסגעקוקט צום באַלויכטענעם הימעל. אַ פֿערטראַכטע און אַ פֿערבענקטע. דער טאָג איז פֿאַר איהר אַדורך אַ נישט־פֿרעהליכער. זי האָט לוציען געזעהן פֿער־טרוימטערהייט. און דאָס האָט איהר געפּייניגט.

אין דעם אָרט האַנדלען פֿון פּראַנטנבּיצקין האָט זי באַמערקט פֿיל אײַנצעל־הייטען, וואָס האָבען לטובֿת איהם וועניג גערעדט, אָבער נאָר לוציען זענען זיי געווען געפֿעהרליכע.

דאָס מעדעל איז געווען אונטער זײַן ווירקונג, בערויִשט פֿון זײַן שענקייט. און יעדער וואָרט זײַנער און יעדער בליק האָט אויף איהר געווירקט פֿערצויבערנד. סטעפּע האָט צו עדמונדען נישט געהאַט קיין פֿערטרויען, פֿאָרויס־פֿיהלענדיג, אַז ער האָט לוציען נישט ליב, און אַז עס האַנדעלט זיך איהם נאָר, וועגען איהר רײַכקייט. זי האָט אין איהם נישט באַמערקט אפֿילו אַ העלעט פֿון דעם ברען, מיט וועלכען ער האָט זיך באַמיהט זי אַמאָל צו באַזיגען. אַנ'אומרוהיגקייט האָט זי באַהערשט, הגם זי האָט אויך רחמנות געהאַט אויף עדמונדען, זייענדיג זיכער, אַז עס דערוואַרט איהם אַ מיאוסער דורכפֿאַל. די שטאָלצע פֿרוי אידאַליע האָט פֿײַנד געהאַט צו לאָזען זיך פֿערפֿיהרען פֿון נישט געשטויגענע און נישט געפֿלויגענע זאַכען.

צײַטענווײַז איז דער רחמנות־געפֿיהל פֿון סטעפּען געווען אויסשליסליך געווענדט אויף לוציען. אויף דער לעצטער האָט געבען געוואָרט אַ טאָפּעלטע ענט־טוישונג: מצד דער מוטער, און אַ וועהטאָגיגערע מצד עדמונדען.

— גאָט זאָל געבען, אַז עס זאָל מעהר נישט זײַן, ווי אַנ'איבערגאַנגס־זאַך, אַ חלום, וואָס לאָזט איבער נאָך זיך אַ ביטעל ביטערקייט — האָט געטראַכט סטעפּע.

— אַך, ווען איך זאָל עס אויף ריכטיג וויסען — האָט זי אַ פֿערזאָרגטע גע־שעפּטשעט.

אין איהרע קלערענישען האָבען זיך אַרײַנגעפּלאָנטעט שטילע טרוימען. עס איז איהר געווען אַז גוט אַז שלעכט גלײַכצײַטיג — אַ מאָדנער פּלאָנטער פֿון געפֿיהלען! פּלוצים האָט זי געפֿיהלט אַ רוהיגקייט און אַ זאַטקייט צוזאַמען מיט

דער פּאָזיע פֿון דער כשופֿ'דיגער נאַכט. איהר גייסט איז אָבער העכער געפֿלויגען. ער האָט געוואַנדעלט אין די וואָלקענס פֿון אַנ'אַוטאָפּיע, און מיט אַ נערוועזקייט געפֿליקט איהרע טראַכטונגען, אַרייַנוואַרפֿענדיג זי אין דער גרויער ווירקליכקייט.

זי האָט געהאַט דאָס געפֿיהל, אַז זי פֿערמאָגט פֿליגלען ביי די אַקסלען, נאָר זיי זענען איהר צוגעהאַמערט מיט טשוועקעס צו עפּיס, וואָס האַלט זי אָהן שום רעטונג געקלעמט. סטעפּע וויל פֿליהען אין דעם חלל, און זי פֿיהלט, אַז זי ווערט שוואַך, און עס פֿעהלען איהר אויס קרעפֿטען; די טשוועקעס שטעקען אין די פֿליגלען, שטעכען זיי אַדורך, מאַכען זיי שווער און פֿערהאַלטען דעם פֿליהען. די לבנה האָט בעלויכטען איהר בלאַסען פּנים, געגלעט איהר פּנים, און דאַכט זיך, געצערטעלט זי, פּונקט ווי אַלע שיינען איהרע וואָלט זי צו סטעפּען געווענדט, און געבליקט מיט די מיסטישע אויגען. אַלטע געגאַרערין! וויפֿיל האָט זי אין דער מינוט געזעהן אַזעלכע אָפֿענע פֿענסטער, און צוטרוימטע מעדעלשע קעפּ, וויפֿיל פּנים'ער האָט זי געצערטעלט, וואָס פֿאַר פֿערשידענע האָר זי האָט געגלעט. או, אויף יעדען קאָפּ האָט זי געזייט די שטראָמען פֿון פֿונקען, און גע-וואָרפֿען קאַסקאַדען פֿון לויכטענדיגע געפֿיהלען.

גרויסע אוצרות האָט זי פֿון זיי געהאַט – און נישט קיין וואונדער: נאָך אַנ'איינביגען לעבען.

סטעפּע, פֿערטפֿט אין איהרע מחשבות, האָט פּלוצים אַ ציטער געטון, און מיט שרעק אַרומגעקוקט זיך. די טיר האָט אַ סקריפּע געטון, און אויפֿ'ן שוועל האָט זיך בעוויזען לוציע, אין אַ נאַכט-קאַפּטעל, מיט צולאָזענע האָר. די אויגען האָט זי געהאַט ברייט געעפֿענטע, און אַנ'אומרוהיגקייט אין פּנים.

איידער די לעהרערין האָט אַ פֿרעג געטון פֿאַרוואָס זי שלאָפֿט נישט איז דאָס מעדעל שנעל צו איהר צוגעלאָפֿען, און פֿערוואָרפֿען די הענד אויף איהר האַלז. דעם צופֿלאַקערטע פּנים האָט צוגעטוליעט צו סטעפּעס פּנים, און אָנגעהויבען צו שעפּטשען:

– איך האָב געפֿיהלט, אַז איהר שלאָפֿט נישט, און איך בין צו ייך געקומען, ווייל איך קען נישט איינשלאָפֿען – אַזוי מאַטערט מיך עפּיס – און אַזוי איז מיר אומעטיג...

זי האָט אַרונטערגענומען איהרע הענד פֿון סטעפּעס האַלז, מאַכענדיג מיט זיי מאָדנע בעוועגונגען, און שרעקעדיג אויסגערופֿען:

– אָט אַזוי שטעהט עפּיס פֿאַר מיינע אויגען.

דערנאָך האָט זי זיך ווידער איינגעטוליעט, און שטיל אַ פֿרעג געטון:

– פֿרייליין סטעניאַ, פֿאַרוואָס שלאָפֿט איהר נישט? פֿאַרוואָס זיצט איהר אַזוי ביי דער לבנה? צי איהר אויך?... נאָך?...

סטעפּע האָט אַ ציטער געטון, רחמנות האָט אַ גליה אויף געטון אין איה-רע אויגען.

— וואָס ווילסטו זאָגן, לוציע?

— אויך איהר האָט נאָך ליב עדמונד'ן? — האָט זי אין איין אָטעם אַ פֿרעג געטון דאָס מעדעל.

— פֿראַנטניצקין!... צו וואָס פֿרעגסטו וועגן דעם?

— איהר האָט אַזוי כּעס'דיג אַרויסגערעדט זיין נאָמען.

— דו ענטפֿערסט נישט אויף מיינע פֿראַגען, לוציע!

— ס'איז, ווייל איך וויל וויסען, צי איהר האָט איהם ליב. סטעניאַ, זאָגט מיר, איך בעט אייך!

מיט בקשה האָט זי געקוקט אין דער לעהרערינס אויגען.

ביי סטעפֿען האָט א דריק געטון דאָס האַרץ.

— איך האָב איהם נישט ליב — האָט זי שנעל אָפּגעהאַקט.

דאָס מעדעלע האָט פֿערהאַלטען דעם אָטעם, אַ נישט-גלויבען האָט זיך אָפּגעשלאָגען אין איהרע אויגען. נאָך דרינגענדער האָט זי אַ פֿרעג געטון:

— איהר האָט נישט ליב? אמת? אָבער איהר האָט ליב געהאַט, איך ווייס.

— איך האָב אַ טעות געהאַט — האָט סטעפֿע אָפֿענהערציג געענטפֿערט.

לוציע האָט אַוועקגעלעגט דעם קאָפּ אויף סטעפֿעס האַנד.

— דו, לוציע?

— איך האָב קיין טעות נישט...

— יאָ, איך האָב ליב עדמונדען.

עס איז געוואָרען שטיל. לוציע האָט בעהאַלטען איהר פּנים אויף דער לעהרערינס ברוסט, און איינגעהאַלטען דעם אָטעם, ווי וועלענדיג אַרויסהערען, וואָס סטעפֿע טראַכט. אין דעם מעדעלס קאָפּ, האָט זיך זי מינוט אויסגעוויזען טראַגיש. אַלע געפֿיהלען, וואָס זי האָט געהאַט אויסגעשעפּט פֿון די פֿראַנצויזישע ראָמאַנען, האָבען זיך איצט אין איהר קאָנצענטרירט. און זי איז אַריינגעפֿאַלען אין פֿערצווייפֿלונג — עס האָט זיך איהר כּמעט אויסגעדוכט, אַז די וועלט ווערט חרוב.

מיט אַ ציטער אין האַרצען האָט זי געוואַרט אויף סטעפֿעס רייד. אפֿשר וועט זי איצטער, ווען זי ווייסט אַלץ — מורה זיין זיך, אַז זי האָט עדמונדען ליב, און אַז ער געהערט צו איהר.

— איך וואָלט דאַן געשטאָרבען — האָט געטראַכט די פֿער'יאוש'טע לוציע.

סטעפֿע האָט זיך בעמיהט צו בערוהיגען זי, אָבער אַ רחמנות האָט איהר אַרומגענומען פֿון דעם געדאַנק, אַז דער זעלביגער מענש, וואָס האָט זי מיט עטליכע חדשים צוריק פֿערהיפּנאָטיזירט — האָט געפֿונען אַ נייעם קרבן.

און אפֿשר וועט, עס אויך געדויערען ביז צו דער צייט, ווען זיין גאַנצער ווערט וועט זיך אַרויסווייזען נאָר אין דער אויסערליכער שענקייט.

X.

זונטאָג איז עס געווען. נאָכ׳ן פרישטיק האָט זיך די פרוי עליזאַנאָווסקאַ פערשלאָסען בײַ זיך אין צימער. לוציען האָט צו זיך גענומען דער הער מאַציעי, וועלכער האָט צײַטענווײַז ליב געהאַט צו שמועסען מיט זײַן אײניקעל, אָדער פאַר איהר עפּיס פאָרצוליייענען פון אַלטע ביכער.

סטעפע האָט זיך צוגעזעצט צום פאָרטעפּיאַן. אין דעם לעדיגען סאַלאָן האָט זיך פרײַ געשפּילט. די פערשידענאַרטיגקייט פון איהרע איבערלעבונגען האָבען דײַטליך זיך אַרויסגעוויזען אין איהר שפּילען.

פּלוצים האָט זיך די טיר געעפענט האַסטיג, און אין סאַלאָן איז אַרײַנגעפאַלען פראָנטניצקי. ער איז געבליבען שטעהן, אַרומקוקענדיג זיך, און אַ פערוואונדערטער אַ פראַגע געטהון:

— וואו איז פרײַלײַן לוצינאַ?

— בײַם זיידען! — האָט סטעפע קאַלט געענטפערט.

פראָנטניצקי האָט אויף אַ גראָב-יונגערישען אופן אַ קנאַק געטהון מיט די פינגער און אויסגערופען:

— אָט געהט עס אונז נישט, נאָ!

סטעפע האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף זײַנע ווערטער, און אַ פער׳חידוש׳טע אויף איהם אַ קוק געטהון.

ער האָט עס בעמערקט, אַרײַנגעשטעקט די הענד אין די קעשענעס, און ווי נישט-ווילענדיג אַ זאָג געטהון:

— מיר האָבען זיך דאָ געדאַרפט בעגעגענען מיט לוציען... איך מיין מיט פרײַלײַן לוצינאַ... איז נאַ-דיר גאָר אין מיטען דעריבען אַ זיידע... ס׳איז פאַטאַל!

סטעפע איז ראַפּטום אויפגעשטאַנען, און טרוקען געזאָגט:

— איך בעט אײַך נישט אַרײַנציהען לוציען אין אײַערע... אונטערנעהמונגען און נישט בענוצען דעם אויסדרוק „מיר”. איך בעט אײַך זעהר.

פראָנטניצקי איז געבליבען שטעהן.

— וואָס פאַר אַנ׳אַראַטאָרישער טאָן איז עס? — האָט ער שפּאָטענדיג אויסגערופען. — איהר ווילט שפּילען די ראָלע פון מײַנעם אַ מענטאָר?

— איך זאָג אײַך נאָך אַמאָל, אַז איך וועל נישט ערלויבען, אַז איהר זאָלט זיך הענגען לוציען אויף אָפּרופען, איך וועל עס נישט ערלויבען אַלס איהר לעהרערין.

— ביטע!... וואָס האָב איך דען שלעכטס געזאָגט? דאָס — אַז מיר דאַר־
פען זיך דאָ בעגעגענען? מיט אַ האַלב יאָהר צוריק, ווען איהר געווען פריינד־
ליכער, ווען עס האָט זיך געהאַנדעלט, וועגען אייך גופא.

ביי סטעפען האָבען אָנגעהויבען צו ציטערען די פיס. זי האָט זיך אָבער
בעהערשט, אויפגעהויבען דעם קאָפּ און שטאָלץ געזאָגט:

— איהר האָט עס די העזה צו זאָגען? איהר?

אין איהר שטימע איז געווען אַזוי פיל ערנסט, אַזאַ קראַפט פון זיכערקייט
איז געווען אין איהרע ווערטער, אַז פראָנטניצקי האָט זיך צומישט, צוטומעלט
געוואָרען. אויסנוצענדיג די רגע, האָט זי ווייטער גערעדט:

— פון איין האָב איך זיך געקענט אויף אַזוינס ריכטען, און דאָס איז
נאָך איין בעוויי, אַז איך האָב דאָס רעכט אייך צו פערוועהרען אויף אייער
שטייגער צו רעדען, וועגען לוציען.

— איהר האָט מיר נישט דאָס רעכט צו פערוועהרען! — האָט ער כמעט
אויסגעשריגען.

— איך מעג עס יאָ, אויפ'ן גרונד פון דער אייגענער איבערצייגונג — האָט
זי פאָרטגעזעצט רוהיגערהייט, הגם אַלץ אין איהר האָט געקאָכט.

— אין דעם פאַל קענען נישט זיין קיין שום גרונדען, איבערצייגונגען און
פערגלייכען, מחמת יענץ איז עפּיס אַנדערש, און דאָס איז עפּיס אַנדערש.

— הער פראָנטניצקי — האָט זי געזאָגט ערנסט — לאָמיר זיין אָפענהערציג.
איהר פערנעהמט זיך מיט לוציען, צי האָט איהר אָבער בערעכענט צו וואָס
פאַר אַ רעזולטאַטען דאָס קען ברענגען?

— וואָס אַרט אייך דאָס?

— עס מוז מיך אַרען. לוציע איז איבערגעגעבען אונטער מיין אויפזיכט;
פאַר איהר רוהיגקייט בין איך פעראַנטוואָרטליך. איבעריגענס טראַקטיר איך עס
נישט אַלס חוב פון מיין זייט, נאָר איך זאָרג וועגען איהר צוליב דער אייגענער
צו איהר צוגעבונדענקייט.

— איך וועל זי דאָך נישט אויפעסען — האָט פראָנטניצקי אַ ברום געטון.

— איהר דריקט זיך אויס גאַנץ... גראָב. נישט דאָס איז אָבער וויכטיג.
איך וויל נישט איהר זאָלט שטערען די רוה פון לוציען, און פערטונקלען די
קלאָרקייט פון איהרע געדאַנקען.

— דערפאַר דריקט איהר זיך אויס אין אַ בלומען־שפּראַך! — האָט ער
אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ געלעכטער.

זי האָט פערביסען די ליפּען, און רויטער געוואָרען.

— אין בעט אייך — איהר זאָלט מיר זאָגען נאָך עפּיס. צי האָט איהר גע־
זאָגט לוציען?...

— וועגען וואָס?

— ווערגען אײַערע געפֿילען צו איהר.

עדמונד האָט אַרויסגעלאָזט אַ קורצען געלעכטער, און װעלכען זײַן ציניזם האָט זיך אין דער גאַנצער מאָס אַרויסגעװיזען. דער דאָזיגער געלעכטער האָט איהם אָבער גלײַך ניכטער געמאַכט; ער האָט זיך אָפּגעקעהרט אין אַ זײַט אַ צו־טומעלטער, און אַן׳אַראָפּגעשלאָגענער פֿון װעג. ער האָט דערפֿיהלט, אַז ער האָט זיך גופֿא אַרויסגעגעבען, און אַ רוגז האָט איהם אַרומגענומען, אַ צאָרן אויף סטע־פֿען, און אין זײַן נשמה האָט ער איהר און זיך מיט די ביטערסטע קללות גע־שאָלטען.

סטעפֿע איז בלאַס געװאָרען. אין זײַן שמײכלען איז געװעזען צו בעמערקען אַזוי פֿיל איראָניע, אַזאַ אונפֿערשעמטקײט, אַז מען האָט גאָרנישט געקענט קײן טעות האָבען אין דעם. זײַן פּלוצלונגער ענטשװיגען װערען איז געװעזען אַ בע־װײַז, אַז ער האָט אַלײן דערקענט אין זײַנע רעד פֿיל דורכזיכטיגקײט.

— אַך! ס׳אַראַ נידערטרעכטיגער מענש! — האָט זי געטראַכט.

פֿראַנטניצקי איז צוגעגאַנגען צו איהר אַזוי נאָהנט, אַז „זי האָט געמוזט מאַכען אַ פּאָר טריט צוריק, און ער האָט צו איהר געזאָגט מיט אַ פֿערשטיקטער שטים:

— איך װעל זיך פֿאַר אײַך נישט מודה זײַן, און איך בעט אײַך נישט צו מאַטערן מיך מיט פֿראַגען.

— איך װיל שוין מעהר גאָרנישט װיסען. איהר קענט אַװעקגעהן.

— און אויב איהר װילט שטעהן אונז אויפ׳ן װעג, מיר מיט דער פֿרײַלײַן לוציגע — האָט ער צוהיצטערהײַט גערעדט — געדענקט זשע, אַז איך װעל אײַך קענען געהעריג אָפּדאַנקען...

— אמת טאַקי?!... איך האָב עס נישט געװאוסט...

— װעט איהר זיך דערװיסען! — האָט ער אַרויסגעפּלאַצט.

דאָס בלוט האָט איהר אַ האַק געטון אין קאָפּ. זי האָט איהם אָפּגעמאָסטען מיט אַ שטײַפֿען בליק, און קאַלט אַ זאָג געטון:

— א! איך בעט אײַך! פֿערגעסט זיך טאַקי נישט!

— צי האָב איך ליב די פֿרײַלײַן לוציע, צי נישט — דאָס איז קײנעמס דאגה נישט. איך װאָרען אײַך!

— איהר געהט מיר אײַנגאַנצען נישט אָן, איך זאָרג זיך פֿאַר לוציעס װעגען.

— אַז זי זאָל זיך נישט פֿערליבען אין מיר? פֿאַרװאָס זענט איהר דען געגען דעם?

— איהר פֿרעגט זיך?

פֿראַנטניצקי האָט אויפֿמערקזאַם אַ קוק געטון אויף סטעפֿען. זי האָט זיך איהם אויסגעװיזען װאונדערבאַר־שעהן אין דעם כּעס. ער האָט זיך צו איהר דערנעהנטערט, און געפּרובט זי אָנצונעהמען פֿאַר׳ן האַנד.

— די קנאה רעדט נאָך פֿון דיר אַרויס... איינגעזוכט — האָט ער אַ שעפּטשע געטון — דו האָסט מיך נאָך ליב.

סטעפֿע איז, ווי פֿון אַ שלאַנגען־ביס אָפּגעשרונגען. זי האָט דערפֿילט גליווער און אייז אין איהרע געבליטען. צאָרן און פֿעראַכטונג האָבען געשטורעמט אין איהר ברוסט. מיט עקעל האָט זי אַרויסגערעדט:

— אָ, נאַרישקייט! — חוצפּה'דיגע נאַרישקייט!

— ווי האָט איהר די העזה... ווי רעדט איהר עס! — האָט ער אויסגעשריגען רויט פֿאַר כּעס.

— געהט גלייך אַרויס! אָבער גלייך! — האָט סטעפֿע אויסגערופֿען, אָנווייזענדיג איהם די טיר.

פֿון הינטער פֿענסטער האָט זיך דערהערט אַ טרוקען געראַוש פֿון אַ מאָטאָר. פֿראַנטגיצקי האָט אַ קוק געטון אין פֿענסטער.

פֿאַר דעם גאַנעק איז געשטאַנען דער טונקעל־רויטער אויטאָמאָביל פֿון גלעמבאָוויטשי, וואָס האָט אַנ'אויסגעלאַקירטער געגלאַנצט. פֿון איהם איז אַרויסגעגאַנגען וואַלדעמאַר.

— געהט גלייך אַרויס! — האָט סטעפֿע, גאָרנישט הערענדיג, געזאָגט נאָך אַמאָל.

אָבער עדמונד האָט שוין אַליין געשפּרייזט צו דער טיר, גרייט שנעל אַרויסצוגעהן, אויפֿ'ן שוועל איז ער געבליבען שטעהן, שפּאַטענדיג אַ לאַך אַרויס געטון, און בייסיג אַרויסגעסיקעט:

— איך געה שוין, איך געה שוין! דער בעשיצער איז געקומען... איך ראָט אייך אויפצונעהמען איהם פֿריינדליכער, ווי מיר... איך ווינש ערפֿאָלג!

ער איז אַרויס אַ שטאַרקען קלאַפּ טוענדיג מיט דער טיר.

אַנ'אויסגעשעפּטע, אַנ'אָפּגעשוואַכטע איז סטעפֿע אַריינגעפֿאַלען אין שטול, און שווער געאָטעמט. מיט די הענד האָט זי געדריקט איהרע שלייפֿען, און לסוף אויסגעבראָכען אין אַ געוויין. די נישט־איינגעהאַלטענע טרעהרען האָבען זיך ווי אַ האָגעל אַ שאָט געטון פֿון איהרע אויגען.

פּלוצים איז זי אויפֿגעשפּרונגען, און אַרויסגעלאָפֿען פֿון סאַלאָן, איילענדיג צו זיך אין צימער.

אין קאָרידאָר האָט זי דערהערט וואַלדעמאַר'ס קול.

XI

דער מיטאָג איז אַדורך אין אַ געדריקטער שטימונג.

סטעפּע האָט געהאַט רויטע פלעקען אויפ'ן פּנים און טונקעלע רענדער אונטער די אויגען, אַ סימן פון איהר פריהערדיג געוויין.

לוציע איז געזעסען מיט'ן פּנים צו דער מוטער, מיט עקשנות שווייגענדיג. דער אַלטיטשקער מאַציעי, איז געווען אומרוהיג, און וואַלדעמאַר — בייז. נאָר די פרוי אידאַליע איז געווען פרייער, ווי אַלע מאָל, און זי האָט גע־רעדט מיט פראַנטניצקי'ן וועגען עפּיס פרעהליכעס, וואָס האָט אָבער קיינעם נישט געוויילט חוץ איהר.

עדמונד האָט זיך כלומרשט געמאַכט לוסטיג, געקעכעלט זיך מיט די איי־געגע וויצען, נאָר דערזעהענדיג די אַלגעמיינע שטימונג, איז ער געבליבען זיצען, ווי אַנ'אַריינגעפאַלענער. די דינערשאַפט האָט אפילו געפיהלט די שלעכטע שטימונג: דער קאַמערדינער האָט בעדינט אָהן אַ שאָרך כמעט, טרעטענדיג אויף די שפּיץ פינגער; דער יונגערער לאַקיי האָט, אַריינטראָגענדיג די פּאַלומיסקעס שטיס געעפענט די טיר, נאָר פּאַמעליכערהייד אָפּגעווענדט זי.

אַלע האָבען דערפיהלט אַ דערלייכטערונג, ווען מען איז אויפגעשטאַנען פון טיש. די פרוי עלזאַנאָווסקאַ מיט לוציען זענען אַוועקגעפאָהרען קיין שאַל. סטעפּע פלעגט קיינמאָל אַהין נישט פּאָהרען, פיהלענדיג, אַז די גראָפין צווי־לעצקאַ האָט זי נישט ליב.

צוזאַמען מיט די פרויען איז אויך אַוועקגעריטען וואַלדעמאַר, כדי אַרומ־צוקוקען די פּאָלוואַרקען. אין סלאָדקאָוויצער פּאַלאַץ איז געוואָרען שטיל. אויף דעם בלעכערנעם דאַך האָבען געברומט די טויבען. פון די בלומען־קלומבעס האָבען זיך געלאָזט הערע די פייגעלעך. די פּאַוועס, וואָס האָבען אַרומגעשפּאַ־צירט אויף די גראָזען האָבען זיך אָפּגערופען מיט זייערע קולות.

סטעפּע, וואָס האָט זיך פערמאַכט אין איהר צימערל, האָט דערהערט אַ לייכט קלאַפּען אין דער טיר.

— אַריין!

עס איז אַריינגעגאַנגען דער קאַמערדינער יאַצענטי.

— דער עלטערער הער לאָזט אייך בעטען צו זיך אין דער ראָזער אַל־טאַנקע, אויב עס מאַכט אייך נישט קיין שוועריגקייט.

סטעפען האט ארומגענומען אנ'אנגענעהם געפיהל.

— גיט איבער דעם הער, אז איך קום גלייך.

מיט פערגעניגען האט זי געטראכט, וועגען דעם פערברענגען דעם נודנעם נאכמיטאג אין דער געזעלשאפט פון דעם אלטיטשקען.

דער הער מאציעי איז געזעסען אין דער אלטאנקע אויף א בענקעל, און די פיס האט ער געהאט בעדעקט מיט א טיגער־פעל. ער איז געוועז פערקלערט און אומעטיג. דערזעהענדיג סטעפען האט איהם דאס פנים אויפגעלויכטען. ער האט איהר אנגעוויזען אויפ'ן בענקעל נעבען זיך, און מיט א גוטמוטיגען שמייכעל געזאגט:

— זעץ זיך דא, מיין קינד. זיי מיר מוחל, וואס איך האב געשיקט נאך דיר. איך וויל מיט דיר א ביסעל שמועסען. אפשר ווילסטו נישט?... איך בין אנ'אלטער נודניק — העט?

דער הער מאציעי האט גערופען אלע מיט'ן נאמען, און אויך צו סטעפע פלעגט ער זיך אזוי ווענדען.

— אבער, אדרבא, עס איז מיר זעהר אנגענעהם — האט סטעפע געזאגט, אוועקזעצענדיג זיך.

דער אלטיטשקער האט אויפגעהויבען זיינע בלאסע אויגען, און האט אפוירגעקוקט אויף דעם גרינעם נעץ פון די בלעטער אויפ'ן גרונד פון דעם בלויעם הימעל.

עפיס זכרונות פון וויטע אמאליגע צייטען זענען אויף איהם אראפגעגען שוואומען, צוגעבענדיג זיינע אויגען א מאדנע מילדקייט און א שאטען פון טרויער. ער איז א קורצע ווייל געזעסען א שווייגענדיגער, אנ'אריבערגעטראגענער אין אנדערע צייטען. דערנאך האט ער אנגעהויבען צו רעדען מיט א שטילער שטימע, איבעררייסענדיג אפט:

— די וועלט ענדערט זיך גארנישט, אבער — גארנישט. שטענדיג איז זי יונג און איבערגעפולט מיט לעבען... נאר די מענשען וועלקען אין איהר, צופאלען זיך אין שטויב, און אויף זייער ארט וואקסען אויף נייע, די יונגערע, כדי אויך מיט דער צייט צו פערוואנדעלט ווערען אין שטויב. און ס'איז א מערקווירדיגע זאך, מיין קינד, אט דאס, וואס מיר, די אלטע, די אויסגעמאטערטע פון לעבען, די וואס לעכצען נאך רוהיגקייט — מיר האבען נישט קיין טענות צו דער וועלט. דאס האט אונז דאס לעבען דורכגעלופטערט, און פונדעסטוועגען איז עס אונז געבליבען ליב. די יונגערע האבען טענות. ס'איז א שלעכטער סימן!... איז עס די ווירקונג פון דער אלגעמיינער נערוועזישקייט, צי א העכערער קולט אזא פון די געדאנקען, צי איז דאס פערקעהרט א מח־פערדרעהעניש? זיי קוקען מיט פעראכטונג אויף אלץ, וואס רינגעלט זיי ארום, שטרעבענדיג צו עפיס נישט־ערדישעס. צום ריכטיגסטען איז עס די השפעה פון אנאליטישע פעהיגקייטען, ד.

ה. — פראַגרעס. מיר האָבען צו איהם נישט דערגרייכט אַזוי ווייט, אז דאָס לעבען זאָל אונז מיאוס ווערען. מיר האָבען געהאַט אַ לעבעדיגע אמונה — אַ לעבעדיגען גלויבע.

איצטער ווערט עס שוין בלאַס. איצט האָבען מיר שוין מעהר פילאָזאָפען, וואָס אנאַליזירען געטליכקייט, מעהר אַטעאיסטען, ווי מענשען טיף גלויבענדיגע, און דאָס טאַקי איז שלעכט! דאָס איז אַ גרונד, אויף וועלכען עס וואַקסט אויס פיל אומגליק פאַר די מענשען.

דער אַלטיטשקער איז ענטשוויגען געוואָרען, און אַ פערקלערטער אַפויר געקוקט, געפינענדיג אין זיינע עראינערונגען די יונגע יאָהרען זיינע, די איבערפולטע מיט התלהבות און גלויבען, וואָס זענען אַזוי ווייט און אַנדערש געוועזען פון דער איצטיגער אַפּאַטיע. קוקענדיג אויף איהם, האָט סטעפּע ווי אַרויסגעזעהן זיינע מחשבות, און נייגעריג האָט זי ביי זיך אַליין געפרעגט, וואָס פאַר אַ היסטאָריע, וואָס פאַר אַ לעבען האָט געהאַט דער דאָזיגער אַלטיטשקער?

ער האָט זיך גענומען ווייטער צו רעדען:

— די וועלט האָט זיך אומגעביטען. מיר זענען שוין מעהר נישט קיין הייל-מענשען! די מענשען הויבען זיך וואונדערבאַר אויף איבער די צייטען! זיי מוזען זיך אָבער פאַרזיכטיגערער אַרומקוקען אַרום זיך! יעדער זאַך דערוועקט אין זיי ספקות, עס איז זיי וועניג דער עיקר-זאַך — דאַרפען זיי נאָך אטאָמען, און ווען זיי געפינען זיי, ווערען זיי ענטוישט. זיי ווילען אייביגקייט אין לעבען, אָבער אויפ'ן ענטשטעהן און אונטערגעהן שטעהט דאָך די וועלט. יעדער בלום מוז פערוועלקען, פערפאַלען! — אָבער לעבענדיג, פערזיסט ער אונז נישט איין רגע. פאַר די איצטיגע מענשען סטייעט עס נישט, זיי ווילען אנאַליזירען דאָס גליק אפילו. און ווען מען זאָל נעהמען די בלום און צוגלידערען און צודרויבלען עס אויף איהרע גרונד-טיילען — איז עס דאָך נישט מעהר, ווי אַ קליין הייפעלע מיסט; ווערען זיי אין דעם איבערגעצייגט, ווערען זיי ענטוישט, ווילען עס אויפסניי צוזאַמענשטוקעווען, געלינגט עס נישט, וואַרפען זיי עס אַזוי דאָס רוב אַוועק... און אַזוי איז מיט אַלץ.

דער אַלטיטשקער האָט מיט פערדרוס אַ זיפץ געטון און אַ שאָקעל געטון מיט'ן קאָפּ.

אַזוי איז אויך איצטער מיט דער רעליגיע.

הער מאַציעי איז ענטשוויגען געוואָרען, און אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ אויף דער ברוסט. דאָס מעדעל איז געזעסען אַ פערטראַכטע. אין אַ ווייל'ע אַרום האָט זי אויף איהם אויפגעהויבען איהרע אויגען, און שטיל אַ פרעג געטון:

— פאַרוואָס רעדט איהר אַזוי טרויריג און איהר שטעלט זיך פאַר דעם יונגען דור אין אַזעלכע שלעכטע זאַכען?

— נישט אין שלעכטע, מיין קינד, נאָר אין נייע.

— אויב אַזוי, הייסט עס — אין האָפענונגסלאָזע!

— ווען זיי וואָלטען שוין נישט געווען פער'יאושט...

— פאַרוואָס ?... מיט וואָס ? איבעריגענס נישט אַלע — האָט סטעפע געזאָגט, אויפהויבענדיג זיך פון איהר אָרט.

דער אַלטיטשקער האָט אויף איהר מיט אַ גוטען שמייכעל אַ קוק געטון.

— נישט קיין סך זענען דאָ אַזעלכע קוואַליגע בלומען, ווי דו ביזט, קינד, נישט קיין סך דאָ — אַזעלכע קרישטאָלענע נשמות. נאָך אַזאַ, ווי דו האָב איך גע־קאָנט, נאָר פון לאַנג שוין... עס קען זיין, אַז עס פערדריסט דיר דאָס, וואָס איך רעד. אָבער דו ביזט דאָך אויך נישט פריי פון דעם לעבענס־ביטערניש, און אויך אויף דיר איז געפאַלען דער שאָטען פון דער אַלגעמיינער עפידעמיע... פון דעם אַנאַליז... דאָס גאַנצע האָסטו מיט אַלע פרטים דורכגענישטערט, און דו ליידסט — דו ביזט אַראָפגעפיהרט פון וועג. האַ, וואָס, נישט קיין בלום האָסטו אָנגעטראָפען, אמת ? אַ שטענגעל, אַ געוועהנליך שטענגעל... און אַ ביסעל מיסט. דאָ האָט דיר דיין אַנאַליז צונויץ געקומען. ערגער וואָלט געווען, ווען די אי־בערצייגונג קומט נאָך דער צייט. ווען דער גורל שפילט אַלעמען אַזוי צו, ווי דיר, וואָלט נישט געווען אַזוי פיל עלענד אויף דער וועלט.

— וועגען וואָס רעדט איהר עס ? — האָט סטעפע אַ שעפטשע געטון מיט אַ ציטער פון אומרוהיגקייט.

דער געפרעגטער האָט פאָרשענדיג אויף איהר אַ קוק געטון.

— ציי איז זי נישט אויפריכטיג, ציי — איז זי נאַריש ? — האָט ער אַ טראַכט געטון.

— מיין קינד, איך זאָג דיר נאָך אַמאָל, עס קען זיין איך רעד עס אַלץ אומזיסט. איך זעה, אַז דו פערשטעהסט מיך נישט.

— אדרבא, איך פערשטעה שוין, אָבער...

— אָבער וואָס ?

— איך האָב מורא, ציי וועט איהר מיך פערשטעהן.

אַ געלעכטער האָט אַ בלאַנק געטון אין דעם אַלטענס אויגען.

— ענטשולדיגט מיך — האָט שטיל געזאָגט ראָס מעדעל, נישט וועלענדיג איהם בעלעדיגען:

— עס שאַדט נישט, מיין קינד, אָבער דו מוזט מיר באַלד עטוואָס דער־קלעהרען. זעהסט דאָך, איך בין שוין אַ זקן, נאָר איך האָב גוטע אויגען, און נאָך גאָר אַ פרישען עמפינדען, אַז עמיצער איז מיר סימפאַטיש — פיהל איך יע־דער אָנגענעהמקייט אָדער אומאָנגענעהמקייט, וואָס ווערט איהם פערשאַפען. און אָט האָב איך אין דיר בעמערקט אַ גרויסע ענדערונג... דו פערשטעהסט שוין מסתמא. איך זעה, אַז דאָס מאַטערט דיך, און עס מאַכט דיר אפילו קאַליע דיין געזונד. אויך דו ביזט פערפיהרט געוואָרען, אַנאַליזירענדיג. דו האָסט זיך אי־

בערגעצייגט, אז ער איז נישט ווערט די זאלסט וועגן איהם קלערן, אז נישט קיין בריליאנט איז ער, נאר א פראסטער בעמאלטער שטיינדעל, אמת?

— יא — האט זי א טיף געריהרטע געזאגט — אבער די סיבה פון דעם איז נישט מיין אייגענער אנאליז, נאר די אומשטענדן. אין יענע צייטן האב איך איהם אויפגענומען אזוי ווי ער איז געווען, גלויבענדיג, אז ער איז א בריליאנט.

— אין וועלכע צייטן? — האט דער אלטיטשקער בעטאנענדיג די ווערטער א פרעג געטון.

— אין די צייטן, ווען איך בין געווען אין איהם פערליבט. דאס איז געווען א קינדערשער שגעון.

— און איצט איז ער שוין פערביי?

— ער ריהרט מיך אויף א האר נישט.

— ציי ביזטו אויפריכטיג מיט מיר, מיין קינד?

אין דער שטימע פון דעם הער מאציעי איז קענטיג געווען א נישט-זיכערקייט.

— איך וואלט נישט אויפריכטיגער געווען מיט מיין אייגענעם טאטען.

דער אלטיטשקער האט אנגענומען איהר האנד, און צוגערוקט צו זיך, און ווען זי האט זיך עהרעפורכטיג צו איהם איינגעבויגען, האט ער זי א קוש גע-טון אין שטערן.

א דאנקבארע פאר זיין גוטווילליגקייט צו איהר, האט סטעפע איהם א קוש געטון אין האנד.

און ער האט אנגעהויבען פרעהליך:

— נו, נו! קוקט נאר! דאס מעדעל האט מיך, דעם אלטיטשקען, פערפיהרט אין פעלד אריין... איך האב גאר אנדערש גערעכענט. איך האב געמיינט, אז די אמאליגע צייטען, וועגען וועלכע דו האסט גערעדט, האבען נאך גאר נישט אויפגעהערט. איך האב זיך פארגעשטעלט, אז דו דערקענסט איהם בעסער, און דו ליידסט פון דעם, וואס דיין אידעאל ווערט זיך אויס, און נעהמט אן אל-טעגליכע פארמען. און אט זעה איך גאר — אז די גאנצע זאך ארט דיך, ווי א נעכטיגער טאג! פארוואס זשע האסטו זיך אזוי אומגעביטען, אזוי אומרוהיג גע-ווארען, און — איך האב עס מורא צו זאגען — די זעהסט אויס, ווי דו וואלסט זיך געשראקען.

סטעפע, וואס די פראגע האט איהר אזוי אומגעריכט געטראפען, האט גע-צווייפעלט, צי זאל זי דערמאנען לוציעס נאמען, צי נישט.

דער אלטיטשקער האט איהר צוגעהאלפען, זאגענדיג ווייטער:

— אט טאקי א פאר טעג שוין ביזטו נישט די אייגענע, וואס געווען. היינט האסטו אפילו געוויינט. און לוציע איז אויך עפיס אזא מאדנע... איך האב שוין פיל וועגען דעם געטראכט. דו ווייסט נישט, וואס איז די סיבה? זיי אויפריכטיג.

סטעפע האט בעשלאסען אלץ צו דערצעהלען.

— איך ווייס, איך ווייס אויף געווייס, וואָס מאַכט לוציען טרויעריג. דאָס זעלביגע ברענגט מיך אויך אַריין אין יאוש. לוציע גופא האָט זיך מיר מודה געווען... און — אייגענטליך דאַרף איך זי נישט אַרויסגעבן...

— פאַר מיר מעגסטו, און מוזטו. לוציע איז נאָך אַ קינד — דאַרף מען וויסן אַלץ, וואָס זי פלערט, און דערהויבט, וואָס עס קוועלט זי, נו?

— לוציע איז אונטער דער השפעה פון פראַנטניצקין.

— גאָר פראָסט: זי האָט זיך אין איהם פערליבט — האָט איהר דער הער מאַציעי פערריכט — איך האָב עס פערשטאַנען. דאָס איז שלעכט, מחמת זי איז נאָך צו יונג... און אַ צו נישט-פּאַסיגער אָביעקט פאַר ליבע... עס קען זיין, עס איז דיר נישט אַנגענעהם צו הערען? — האָט ער צוגעגעבען, בעמערקענדיג סטעפּעס בלאַסקייט.

— עס איז מיר אונאַנגענעהם צוליב לוציען. עס דערוואַרט איהר דאָס זעלבע, וואָס מיך האָט געטראָפען.

— יאָ, אין לוציען האָב איך עס היינט דערקענט, ווען זי איז געווען ביי מיר, אַ רחמנות אויפ'ן מעדעל! אָט האָסטו דיר דעם נייעם דור, וואָס איז שוין פון קינדוויין, פון זעכצעהן יאָהר אָן דורכגענומען מיט פערביטערונג. לוציע דוכט זיך מיר, ווייס אַ סך זאַכען. איהר טרויעריגקייט זאָגט וועגען דעם פיל עדות. און וועגען איהם גופא ווייסטו עפּיס? מיר דוכט זיך, אַז ער פּוצט זיך גאָר שטאַרק צו איהר צו. אָבער וואָס איז עס מיט דיר?

סטעפּע האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגען. איהר פּנים האָט זיך שטאַרק אומגעביטען, און דער אַלטיטשקער האָט עס גוט בעמערקט.

— ווייסטו עפּיס, וועגען איהם? — האָט ער נאָכאַמאָל אַ פרעג געטון?

— מיר דוכט זיך, אַז יאָ.

— און פון זייגע כוונות בנוגע לוציען?..

— זיי זענען די זעלביגע, וואָס ער האָט געהאַט צו מיר.

— נאַטירליך! — האָט דער אַלטיטשקער אַ זאָג געטון און אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנד.

— איהם געהט עס וועגען נדן.

ער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ אויף דער ברוסט, און צוגעמאַכט די אויגען. אין זיין אַלטען מח האָט ער געזוכט אַן עצה צו בעשיצען דאָס איינציקעל פון פּטר'ן די ערשטע פריהלינגס-געפיהלען.

— איך וועל איך איבערגעבען מיין שמועס מיט פראַנטניצקי'ן — האָט זי היציג געזאָגט — איהר וועט אַליין אורטיילען. אפשר האָב איך איהם נישט גוט פערשטאַנען.

דער הער מאַציעי האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ.

— האסט מיט איהם וועגען דעם געשמועסט?

— יא, צופעליג.

זי האט איהם איבערדערצעהלט די גאנצע סצענע מיט פראנטניצקי'ן, אוש ביז וואלדעמארס אנקומען.

בשעת'ן דערצעהלען האט זי זיך געביטען אויפ'ן פנים, די אויגען זענען פערלאפען געווארען מיט טרעהרען און געווארפען פונקען פון כעס.

דער הער מאציעי האט אויפמערקזאם אויסגעהערט.

— ווי עהנליך זי איז צו יענער! — האט ער פאר זיך א שעפטשע געטון עטליכע מאל. ווען זי האט געענדיגט, האט ער זיך אפגערופען:

— דו האסט איהם וואס איינגעגעבען, נוט פערשטאנען מיין קינד. נישט-ווילענדיג האט ער זיך בולט ארויסגעוויזען. אבער ווי אזוי האט זיך געענדיגט אייער צוזאמענטרעפעניש? ער האט געמוזט עפיס נאך צוגעבען, אויסערדעם, וואס דו האסט איבערדערצעהלט. אמת?

— מיט איידעלקייט צייכענט ער זיך נישט אויס — האט זי געזאגט.

— איך שטויס זיך אן. ער האט דיר עפיס מיאוס'עס געמוזט זאגען, ווען ער האט ארויסגעהענדיג דערזעהן וואלדעמארן. איא אזוי?

דאס שווייגען פון סטעפען איז געווען א בולט'ע בעשטעטיגונג פון זיין ארויסגעזאגטער סברא.

— א געמיינער יונג! — האט דער אלטיטשקער א שעפטשע געטון.

אין גארטען האט א סקריפע געטון דער זאמד אונטער אימעצענס פיס. אין אלטאנע איז אריין וואלדעמאר אנגעטון אין רייטער-אנצוג. ער האט זיך אוועקגעשטעלט א פערוואונדערטער, דערזעהענדיג דעם זיידען מיט סטעפען, אראפגענומען דעם קאפעלוש און אנגעהויבען עפיס פרעהליך צו רעדען. אדורכ-ווארפענדיג א פאר ווערטער — מיט דעם וויציג-געשטימטען יונגען מאנאט, האט זיך סטעפע מיטביידען געזעגענט, און זיך אומגעקעהרט צו זיך. זי האט זיך געוואלט בערוהיגען.

דער זיידע מיט'ן אייניקעל זענען פערבליבען אין דער אלטאנע.

XII

די זון האט שוין געהאלטען ביים אונטערגעהן, ווען דער אל-טיטשקער מאציעי איז אין דער בעגלייטונג פון וואלדעמארען צו-ריקגעגאנגען צום פאלאץ. קלאסיש האבען אויסגעזעהן די דאזיגע צוויי מענשען. אויף זיי ביידען איז געווען קענטיג דער זעלביגער סטיל, אבער אין די איינצעלהייטען און אין דער פארם איז געווען א גרויסער אונטערשיד.

דער זיידע האט דערמאנט אין אַן אַלטן אָדלער, אַ פּאַטריאַרך פֿון אַ שבט, וואָס איז פֿאַרמאַטערט פֿון זיין גורל, אַן אָדלער מיט שוין אויסגעלייגטע פֿליגלען, אָדער אפֿשר צובראָכענע. ער האָט מיט זיך פֿאָרגעשטעלט אַ טיפּ פֿון אַ פּאַטריציער פֿון דער פֿאַרגאַנגענער עפּאָכע, וואָס איז נאָר דורך דער טראַדיציע איבערגעבליבן, און וואָס ווערט געערט און געאַכטערט. דאָס אייניקל — אַ יונגער אָדלער, אַ יורש פֿון דעם אַלטן נעסט, פֿול מיט לעבן און קראַפֿט, מיט ברייט פֿונאַנדערגעשפּרייטע פֿליגלען און מיט אַ דרייסטן יוגנטלעכן שוואונג, אַ טראַדיציאָנעלע אָפּצווייגונג פֿון הויכן שטאַם, אַ פּאַטריציער, וואָס איז ווי לעבעדיקערהייט אַרויסגענומען פֿון אַלטע פֿערגאַמענטן מיט די לעבנס-באַשרייבונגען פֿון די אור-עלטערן, אָדער פֿון די אַלטע פּאָרטרעטן פֿון מײַסטערישע געשטאַלטן — אָבער שוין דעם שימל פֿון יאָרהונדערטער אַראָפּגעריסן, דער זעלביקער טיפּ, נאָר אַ פֿריונגערטער, אַן אָדלער פֿון דעם זעלבן פֿעלז נאָר מיט אַ שאַרפֿערן בליק, וואָס נעמט אַרום ברייטערע האָריזאָנטן. אין דעם אַלטן איידעלן בלוט האָט ער געהאַט פֿרישע טראָפּן, אַ פּראָדוקט פֿון די לעצטע שטרעמונגען פֿון דער געגנוואַרט. אַ געראָטן-בוי האָט ער געהאַט אַ שוואַכערן פֿון די פֿריערדיקע דורות, און אַ געענדערטע אונטער דער ווירקונג פֿון דעם נייעם לעבנס-שטייגער. ער האָט איבערגעשטיגן די עלטער-זיידעס מיט דער פֿלינקייט פֿון דעם געדאַנק, מיט דער רייכקייט פֿון דער נאַטור און מיט דער עמפּפֿינדלעכקייט. נאָר די טיפּישע שטורעמדיקייט, דער ענטשלאָסענער כאַראַקטער, דער קרעפֿטיקער טעמפּעראַמענט זענען געווען די אַמאָליקע, און זענען נאָר אין געוויסע פּרטים קוים געענדערט געוואָרן.

קוקנדיק אויף אים, ווי ער האָט געפֿירט דעם זיידן — האָט מען אין אים געקענט דערקענען אַ מיכאַלאָווסקי, אַ יורש פֿון די, וואָס פֿלעגן אין די מינוטן פֿון כעס אַרויסציִען די שווערדן פֿון די שיידן און איינטונקען זיי אין בלוט.

נאָך דעם שמועס מיט'ן זיידן, האָט וואַלדעמאַר קוים געקענט איינהאַלטן דעם כעס. ווען ער וואָלט געקענט, וואָלט ער געמאַכט אַ סקאַנדאַל אין פּאַלאַץ. ער האָט זיך אָבער באַהערשט. געגאַנגען איז ער מיט אַ נערוועזן שריט, אָפּשטעלנדיק זיך אָפֿט, כדי צו אויסגלייכן זיך מיט דעם אַלטן, און שמייסנדיק מיט'ן שפּיצרוט איבער זיינע שטיוול.

אין זיינע אויגן האָבן זיך צאָרנדיקע בליקן געביטן מיט דער קאַלטער איראָניע, די ליפּן זענען ביי אים געווען סאַרקאַסטיש אויסגעקרימט, און די ברעמען זענען מיט אַ פֿאַרביסנקייט געווען צונויפֿגעצויגן.

דער הער מאַציעי איז אומרויִק געוואָרן.

— געדענקסט וואַלדי, וואָס דו האָסט מיר פֿאַרשפּראָכן? — האָט ער געזאָגט, קוקנדיק אויף זיין אייניקל. — וועסט האַנדלען מיט איבערגאַנג וועסטו אין

אַ סכנה אַרײַנבראַנגען סטעפּען. פּראָנטניצקי וועט איהר קײן אומגעשורע ניט מאַכען, אָבער ער וועט זיך בעמיהען איהר גוטען נאָמען צו בעפלעקען. ער וועט זײַן איבערצײַגט, אַז זי האָט זיך פאַר דיר געקלאָגט. און ער וועט מײַנען גאָט ווײסט וואָס.

— אָבער, וואָס גאָר ?! — איז וואַלדעמאַר אין כּעס געוואָרען. — איך גלויב, אַז איך וועל זיך קענען בעהערשען. איבעריגענס וועט בעסער זײַן, ווען איך וועל באַלד אוועקפאָהרען.

— דאָס טאַקי איז דאָס ערגסטע.

— דאָס איז אָבער נויטיג. איך בין אַזוי אויפגערעגט, אַז אַ קלײניגקײט וועט מיך אַרויסבריינגען געגען מײַן ווילען. פון די כּלים! זאָל דער... אײזעל בײַ דעם אָווענד-ברויט זיך אַפּרופען צו לוציען... דעמאָלט גאַראַנטיר איך ניט פאַר זיך. איך וויל איהם בעסער גאָרניט אָנקוקען.

— אידאַליע וועט הײַנט מסתמא ניט צוריקקומען.

— אַלץ אײנס — האָט ער בײז אַ זאָג געטון.

מיט דער שפּיצרוט האָט ער אַזאַ שמיץ געטון איבער די צווײַגען, אַז אַ האָגעל פון בלעטער האָט זיך איהם אַ שאָט געטון אונטער די פיס, דערבײַ האָט ער אַ שלײַדער געטון אין דער וועלט אַרײַן עפּיס אַ קללה.

— וואָס רעכענסטו צו טון ? — האָט אַ פרעג געטון דער אַלטיטשקער.

— וואַרטען אויף דער ערשטער געלעגענהײט דעם דאָזיגען חברה-מאַן משלח צו זײַן.

— עס איז אַ שווערער ענין. ווען ער זאָל זײַן אַ געצאָלטער, וואָלסטו איהם פאַר אַ יאָהר בעלוינט, און עס וואָלט אַנ'עק גענומען! אָבער אַזוי !?

— איך וועל איהם פאָרשלאָגען אַריבערצוקלײַבען זיך קײן גלעמבאָוויטשי, נאָר אויף אַזאַ אופן וועל איך עס טון — ער זאָל פערשטעהן, וואָס עס פאָדערט זיך פון איהם.

— און אויב ער וועט ניט מסכּים זײַן ?

— וועגען דעם בין איך רוהיג! איבעריגענס קײן אַנדער אויסוועג זעה איך ניט, וואָס זאָל איהר... סטעפען ניט שאַטען.

דער הער מאַציעי האָט אויף איהם הינטערווײַלעכץ אַ קוק געטון.

— ווי ער דריקט זיך עס אויס, וועגען איהר! — האָט ער אַ טראַכט געטון.

אַרײַנקומענדיג אין פּאַלאַץ, האָט וואַלדעמאַר געהײסען מען זאָל צוגרײטען דעם אויטאָמאָביל, און אַלײן איז ער אַראָפּ אונטען אין דעם פּאַרטער-סאַלאָן, וואָס איז נאָהנט געווען פון סטעפּעס צימער. דער בין השמשות איז שנעל צוגעפאַלען; דער סאַלאָן איז געזונקען אין גרויע קאָלירען פון דעם פאַרנאַכט, וואו-ניט-וואו גלאַנצענדיג נאָך מיט דער בעגילדקײט פון די ראַמען און מיט קרישטאָל פון די לאָמפּען.

וואַלדעמאַר האָט אַ קוק געטון אויפ'ן זײגער און אַ קלונג געטון.

עס איז שנעל אַרײַנגעקומען דער יונגער שטובען-דינער.

— זאָל אַהער יאַצענטי קומען — האָט װאָלדעמאַר געזאָגט.

— ליכטיג מאַכען, און אַראָפּלאָזען די שטאָרען! — האָט ער קורץ באַפוילען דעם קאַמערדינער.

יאַצענטי האָט געטון, װאָס מען האָט איהם געהייסען, און געװאָלט אַװעקגעהן.

— װאַרט! — האָט װאָלדעמאַר אױסגערופען — געה צו דער פרײַלײַן סטעפאַניע, און זאָג איהר, אַז איך װיל זיך מיט איהר געזעגענען.

יאַצענטי איז אַרױס.

װאָלדעמאַר האָט אָנגעהױבען צו שפּרײַזען איבער'ן צימער. אין אַ װײַלע אַרום איז אַרײַן סטעפאַ. אַ שטאַרקע רױטקײט האָט באַפאַרבט איהר פּנים.

װאָלדעמאַר איז צו איהר צוגעגאַנגען.

— איך האָב זיך געװאָלט מיט אײַך געזעגענען. איך פאָהר באַלד.

— װאָס הייסט? איהר װאַרט נישט אױפ'ן אָװענד-ברױט?

— ניין, איך אײַל זיך אַהיים.

— איהר האָט עפּיס אַ שלעכטע ידיעה דערהאַלטען?

— פאַרװאָס פרעגט איהר װעגען דעם?

— װײַל איך זעה, אַז איהר זענט אױפגערעגט!

— אַך, אַזױ! איהר האָט עס באַמערקט? איך בין אפילו משוגע'נערװײַז אין כעס, אָבער נישט צוליב אַ ידיעה פון גלעמבאָװיטשי. איך האָב גערעדט מיט'ן זײַדען — ער האָט מיר אַלץ דערצעהלט...

אַ נעפּעל האָט באַצױגען די אױגען פון סטעפען, אַן'אומגעהױער אומ'אַנגענעהמליכקייט האָט אָפּגעשלאָגען אויף איהר פּנים.

עס איז געװען אַ מינוט פון אַ זאָרגפולען שװײַגען.

— בלײַבט איהר נישט, הייסט עס? זײַט געזונד — האָט איהם סטעפאַ געזאָגט, און אױסגעשטרעקט צו איהם איהר האַנד.

װאָלדעמאַר האָט איהר האַנד פערהאַלטען אין זײַנער, פעסט געדריקט זי, און מאָרנע װײך אַ זאָג געטון:

— איהר מעגט זײַן רוהיג. זײַט רוהיג! איך שטױס מיר אָן זעהר פיל. איצטער װייס איך שױן אַלץ, און װעל זיך מיט אַלע כוחות באַמיהען, אַז איהר זאָלט מעהר נישט לײַדען.

— איך דאַנק אײַך זעהר. דאָ האַנדעלט זיך דערהױפּט װעגען לוציען.

— דערהױפּט, װעגען אײַך. יענע איז נאָך אַ קינד, װעט עס שנעל בײַ איהר אַדורכגעהן אָהן ערנסטע נאָכפאָלגענישען. נעהמט עס נישט אַזױ טראַגיש. באַזונדערס װעל איך זיך באַמיהען, אַז אין סלאָדקאָװיצען זאָל װידער װערען פרײַ, װי אַמאָל.

סטעפען האָבען דערשראָקען די דאָזיגע װערטער

— איך וויל אָבער נישט. אז איבער מיר זאָלען פֿאָרקומען מיספֿערשטענדענישען... איך וויל איהם נישט... איך וויל קיינעם נישט שטערען.

זי איז געוועזען שטאַרק צוטומעלט, מחמת וואַלדעמאַר האָט נאָך אַלץ נישט אַרויסגעלאָזט איהר האַנד פֿון זיינער. זי האָט זי געוואָלט אַרויסנעהמען, נאָר ער האָט זי נאָך פֿעסטער אָנגענומען.

— איהר מעגט מיר גלויבען און פֿערטרויען — האָט ער ענערגיש אַ זאָג געטון — איך וועל האַנדלען, ווי צום טאַקטישסטען. אָבער דער אוועקפֿאָהר פֿון דעם דאָזיגען הער וועט אַלעמען בעסער מאַכען די שטימונגען, נישט אויסשליסענדיג פֿון דער פֿערפֿלאָנטערטער לוציע, און פֿון מיר אודאי און אַוודאי.

ער האָט איהר פֿריילעך אַ קוק געטון אין די אויגען און געזאָגט:

— ציים צו פֿאָהרען, זייט שטאַרק! געהמט זיך פֿון גאָרנישט צום האַרצען, איך בעט אייך זעהר.

ער האָט זיך פֿערגוזיגט און אַרויסגעגאַנגען.

— ס'אַרא איידעלע און וואונדערבאַר שענע! — האָט ער אַ שעפּטשע געטון אין קאָרידאָר.

סטעפֿע האָט זיך צוריקגעקעהרט צו זיך. זי האָט גענומען אַ ביכעל פֿונ'ם טישעל אַראָפּ, אויפֿגעעפֿענט עס צום לייענען, נאָר די געדאַנקען האָבען זיך איהר געפּלאָנטערט אין קאָפּ, און זי האָט אַ וואָרט נישט פֿערשטאַנען. אין איהרע אויערען האָט נאָך געקלונגען וואַלדעמאַר'ס נידעריגע שטים, אויף דער האַנד האָט זי געשפּירט נאָך זיין האַנד־דרוק. זי איז געזעסען, און נישט גערירט זיך פֿון אָרט, נישט וועלענדיג פֿערלאָזען די מילדע רוהיגקייט.

עס האָט זיך דערהערט דער גערויש פֿון אויטאָמאָביל, אַ שטים אויפֿ'ן גאַנק — און ווידער איז שטיל געוואָרען.

— אוועקגעפֿאָהרען — האָט סטעפֿע צו זיך אַ שעפּטשע געטון. — אָבער ס'אַרא פֿערשידענע מענשען זענען עס: דער און יענער.

XIII.

פראַנטניצקי האָט געהאַט אַ זיגערישע מינע, ווען ער איז אַריין אין פֿערדען־שטאַל. ער האָט בעגעגענט לוציען, וואָס האָט זיך אומגעקעהרט פֿון דער אָראַנזשערייע. ער האָט געזעהן איהר פֿערוויטעלט פּנים, און פֿון עטליכע ווערטער איהרע האָט ער זיך איבערצייגט אין איהרע געפֿיהלען. ער האָט אויסגענוצט די מינוט צו דריקען איהר קליין הענטעל, און צו אַריינשעפּטשען איהר עטליכע סענטימענטאַלע פֿראַזען.

— איך בין אויפֿ'ן גוטען וועג — האָט ער צו זיך געזאָגט. — די קליינע האָט מיך, ווייזט אויס, אויף צו אמת'ן ליב.

ער האָט אַ דרעה געטון די וואָגסעלעך מיט אַ מינע פון אַ מענשען, וואָס איז צופרידען פון זיך און פון זיין צוקונפט.

— בענעדיקט! די פערד פאַר מיר שפאַנען — האָט ער זיך געווענדט צום אַלטען סטאַנגרעט.

— די „קאַשטאַנעס", צי די „גניאַדע"? — האָט בענעדיקט אַ פרעג געטון.

— שפּאַן איין די פיר פערד די קאַרע „אַראַבער" צו דעם געלען „אַמע-ריקאַנער".

דער סטאַנגרעט האָט אויף איהם אויסגעגלאָצט די אויגען.

— די קאַרע „אַראַבער"?!

— איך זעה דו ביזט טויב געוואָרען. שפאַן גיכער!

עס איז אָנגעקומען קלעטש.

— וואוהין ווילט איהר פאָהרען? — האָט ער עדמונדען אויף דייטש אַ פרעג געטון.

— אין שטאָדט אַריין. איך מוז זיין אין אַקערבוי-לאַגער דערוויסען זיך וועגען דער שנייד-מאַשין.

— די שנייד-מאַשין איז שוין פערריכט. איהר האָט נישט וואָס צו פאָהרען.

— דער בעל הבית גופא האָט עס מיר בעפוילען.

— עס קען זיין, אָבער פריהער. איצטער וועלען מיר נאָר אַרויסשיקען דאָס פוהרעל.

— איך מוז פאָהרען! — האָט זיך פראַנטניצקי פער'עקשנ'ט.

— האַ! מילא פאָהרט, איך ראָט אייך אָבער נישט מיט די „קאַרע" פערד.

— פאַרוואָס?

— אַזוי... איך ראָט נישט... אַ שפּאָר שטיקעל וועג...

— קיין שאַל איז, גלויב איך, אַ סך ווייטער, און די בּאַראָנעסע פאָהרט אַהין שטענדיג.

קלעטש האָט אויף איהם פיל-בעדייטענד אַ קוק געטון.

— ס'איז אַנ'אונטערשייד! — האָט ער לאַקאָניש געזאָגט.

— איך זעה עס נישט! — האָט פראַנטניצקי אויסגערופען.

ער האָט זיך אָנגעשטויסען, וואָס קלעטש וויל איהם זאָגען; ער האָט אָבער בעשלאָסען נישט אונטערצוגעבען זיך.

— פאַרוואָס שפאַנסטו נישט? — האָט ער אַ געשריי געטון אויף בענעדיקטען.

— מיין העָר, פון ריינעם האַרצען ראָט איך אייך נישט צו נעהמען די פערד — האָט קלעטש געזאָגט. — דאָס זענען דעם הער וואַלדעמאַר'ס בעליבטע פערד. עס קען זיין, וואָס אין וועג געשעהן — דעמאָלט איז ביטער. לאָזט זיי לויפען! פאָהרט בעסער מיט די „קאַשטאַנעס", אָדער נעהמט די גניאַדע. די באַ-

רײַנגעפֿאַלן האָט, ראַכט זיך, חבֿינס נאָך בײַ פֿאָהרען קײן אבראַננע. װי װעט אַ פֿאָדער טון די קאַרגע פֿערד, און — װאָס װעט זײַן דעמאָלט ?

— װעט מען פֿאַר איהר לאָזען שפּאַנען די גניאַרע — האָט שױן פּראָנטניצקי בײַז אַ זאָג געטון.

ער האָט זיך װידער געװענדעט צו בענעדיקטען :

— שפּאַן אײַן, גיכער ! פֿאַרשטאַנען !

דער סטאַנגרעט האָט אַ ציה געטון מיט די פּלײצעס, און געגאַנגען טון, װאָס מען הייסט איהם, ברומענדיג אונטער'ן נאָז פּל'ערלײַ קללות אויפ'ן אדרעס פֿון דעם פּראַקטיקאַנט. קלעטש האָט אױפֿגעמאַכט מיט דער האַנד.

— אַ פֿאַר'עקשנטער חברה-מאַן... האָב איהם אַ שװאַרץ יאָהר — האָט ער שטיל אַ זאָג געטון.

אין אַ פּאָר מינוט שפּעטער איז עדמונד שױן געזעסען אין דער קאַרעטקע און געצױגען פֿאַר די לײצעס די פֿיר פֿערד. און אײדער דער סטאַנגרעט האָט בעװיזען זיך אַרױפֿצוזעצען — האָט פּראָנטניצקי אַ קנאַל געטון מיט'ן בײַטש, מיט אַנ'איראָנישען שמײכעל זיך אָפּגעזעגענט מיט קלעטשען, אַ פֿעסטען שמיץ געטון די פֿערד און אַ פֿאָהר אַרױס געטון אױפ'ן װעג.

דער פֿערװאַלטער קלעטש און דער סטאַנגרעט האָבען זיך איבערגעקוקט.

— זאָל כאָטש קײן בײז ניט טרעפֿען — האָט קלעטש אַ ברום געטון.

און בענעדיקט האָט געזאָגט אױסשפּרײטענדיג די הענט :

— אויב דער פּראַקטיקאַנט װעט פֿערשמײסען די פֿערד, בין איך דערפֿאַר ניט פֿעראַנטװאָרטליך. אַז דער הער פֿערװאַלטער האָט ערלױבט אַזױנס, װאָס ער האָט ניט בעדאַרפֿט צו ערלױבען.

דער הער פּראָנטניצקי קען דאָך פֿאָהרען. װאָס רעדט איהר, בענעדיקט ! — האָט קלעטש אַ בעאונרוהיגטער געענטפֿערט.

די אָפּװעזענהײט פֿון פּראָנטניצקי'ן אױף מיטאָג האָט פֿערװאונדערט די פֿרױ אידאַליע, און לוציע איז געװאָרען אומעטיג. דאָס מעדעל האָט ניט פֿערשטאַנען, הלמאי איז ער עס הײַנט אַװעקגעפֿאָהרען, נאָך אַזאַ ליבע בעגעגעניש, װי זײ האָבען הײַנט געהאַט אױג אױף אױג. איהר אומעטיגקייט האָט זיך פֿערשטאַרקט, װען די מוטער האָט ערקלערט, אַז נאָך מיטאָג פֿאָהרען זײ גלײַך קײן אבראַננע אָפּגעבען אַ װיזיט דער פֿירשטין פּאדהאָרעצקאַ. װען לוציע איז פֿערבליבען אַלײן מיט סטעפֿען, האָט זי איהרע הענט פֿערװאָרפֿען אױף איהר האַלז, שעפּטענדיג מיט אַ קאַפּריזע מינע :

— איך װאָלט אַזױ געװאָלט פֿערבלײַבען אין דער הײם ! עס װילט זיך מיר אַזױ ניט פֿאָהרען !...

— פֿלעגסט דאָך אַמאָל ליב האָבען צו פֿאָהרען קײן אבראַננע — האָט סטעפֿאַ אַ שמײכעל געטון.

— אָך ! אַמאָל, איז געװען עפּעס אַנדערש !

און אין איהרע אויגען האָט אויפגעבליצט אַ גער׳חלומ׳טקייט, וואָס האָט זיך אַזוי נישט געפּאַסט פֿאַר איהר קינדעריש געשטאַלט, ווי ס׳פּאַסט זיך נישט דער רויזען-ריח פֿאַר דעם קליינעם „נישט-פֿאַרגעס-מיך“-בלימעלע.

די פֿרוי אידאַליע האָט ענדיגענדיג מאַכען איהר טואַלעט בעפֿוילען איינצושפּאַנען די פֿערד אין לאַנדאָ. אין אַ פּאָר מינוט שפּעטער האָט יאַצענטי געקלאַפּט אין איהר טיר.

— גנעדיגע הערין — דער סטאַנגרעט זאָגט, אַז מען קען איינשפּאַנען נאָר די „גניאַדע“ פֿערד אָדער די קאַשטאַנעס.

— איך האָב דאָך אָבער געהייסען איינשפּאַנען די „קאַרע“ — האָט פֿרוי אידאַליע געזאָגט, בעטאָנענדיג די ווערטער.

— דער סטאַנגרעט זאָגט, אַז די „קאַרע“ זענען נישטאָ.

— וואו זענען זיי אַהינגעקומען?

— דער פּראַקטיקאַנט איז מיט זיי אַוועקגעפֿאָהרען אין שטאָדט.

די פֿרוי אידאַליע האָט זיך ראַפּטום אומגעקעהרט צו יאַצענטין און דורך די פֿערמרואשעטע אויגען אויפֿמערקזאַם אויף איהם אַ קוק געטון.

— פּראַנטניצקי... מיט די „קאַרע“ פֿיר פֿערד... אין שטאָדט?..

— אַזוי זאָגט דער סטאַנגרעט.

— דער פֿערוואַלטער ווייסט נאָך פֿון דער פֿריה, אַז איך פֿאָהר. ווי אַזוי־שע האָט ער געקענט געבען די פֿערד?

— דער פּראַקטיקאַנט האָט געזאָגט אַז די גנעדיגע הערין וועט פֿאָהרען מיט די „גניאַדע“.

— עס קען נישט זיין! — האָט אויסגערופען די אויפגערעגטע באַראָנעסע — זאָל בענעדיקט אַריינקומען.

יאַצענטי איז אַרויסגעגאַנגען.

די פֿרוי אידאַליע איז אויפגעשטאַנען פֿון שטול, פֿליקענדיג נערוועז די הענדשקעס.

— ס׳איז אַ סקאַנדאַל! — האָט זי צו זיך גערעדט. — איך בעפֿעהל דערלאַנגען די פֿערד, און מען געהט מיר זאָגען, אַז זיי זענען נישטאָ, צו פֿיל ערלויבט ער זיך. וואַלדי האָט איהם צולאָזען. עס ווערט שוין גאָר מיאוס. נאַ, דיר אַ נייע נייעס! אָט האָסטו דיר!

איהר אויפרעגונג איז געוואַקסען.

דערווייל האָבען זיך די דינער פֿערזאַמעלט ביי דעם פֿערדען-שטאַהל אויף אַ בעראַטונג. יאַצענטי, בענעדיקט און עטליכע שטאַהל-דינער האָבען געהאַט גרויס זאָרג. זיי האָבען געזוכט קלעטש׳ן אָבער יענער, איז געווען אין פֿעלד ערגיץ.

עס איז נישט געווען קיין עצה — מען האָט געדאַרפֿט געהן אין פּאַלאַץ.

ווען בענעדיקט מיט יאַצענטין זענען אַריין אין הויף, איז דער סטאַנגרעט פֿאַר שרעק, ווי פֿערגליווערט געוואָרען.

געבען דעם בלומען-גאזאן האט דער שווב-דינער געפירט דעם גרויסען רייט-פערד פון גלעמבאָוויטש. דער יונגער מיכאַראָווסקי איז געקומען צו פאָהרען...

— גאָ! — האט געענדיקט אויסגערופען — דער הער קומט שטענדיג צופאָהרען דאַמאָלסט, ווען מען דערוואַרט איהם צום ווענינגסטען, אָבער היינט האט ער שוין איינמאל געטראָפען!

וואָלדעמאַר האָט אָנגעטראָפען זיין מוהמע זעהר דערצאָרנט. זי האָט זיך קוים מיט איהם בעגריסט.

— וואָס איז געשעהן? — האָט ער פערוואונדערט געפרעגט.

— איך זעה, אז דער פראָטעזשירטער פון דיר האָט דאָ מעהר רעכט פון מיר! אָ! אויף דעם תּאָג האָב איך זיך נישט גערעכט!

וואָלדעמאַר האָט עס רוהיג צוגעהערט, שפּרייזענדיג איבערן צימער. ווען זי האָט געענדיגט האָט ער אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ געלעכטער.

— מיין פּראָטעזשירטער! באמנות ס׳איז אַ געלעכטער צו הערען. איך ווייס נישט, ווער האָט איהם ביז איצטער מעהר פּראָטעזשירט — איך צי די מוהמע. איך — זיכער נישט.

— פונדעסטוועגען לאַכסטו איצטער. עס אַרט דיך גאָרנישט.

— איך בין, פערקעהרט, זעהר צופרידען פון דעם צופאַל.

— אַט האָסטו! דו ביזט זעהר איידעל.

— אָבער, מוהמע, איהר האָט מיר ביידע געטון אַ גרויסע טובה: די מוהמע, וואָס זי האָט געוואָלט היינט פאָהרען, און יענער ווידער — וואָס ער איז אוועקגעפאָהרען.

— איך פערשטעה דיך נישט.

— מוהמעשי, עס איז אָהן ספק, אַז דער דאָזיגער הער נעהמט זיך אַזעלכע רעכט, אין וועלכע נישט איך, נאָר די מוהמע איז שולדיג.

— איך זאָג נאָך אַמאָל, אַז איך פערשטעה דיך נישט — האָט איבערגעשלאָגען די רעד די פרוי אידאַליע, בעוועגענדיג מיט די פּלייצעס.

— די מוהמע זעהט זיינע קונצען. וואָס ער בעווייזט פאַר לוציען? יאָ, צי ניין?

— דו רעדסט נישט וועגען דעם עיקר זאַך.

— צו איהם טאַקי שטרעב איך. זאָל מיר די מוהמע ענטפערן.

— ער אַסיסטירט לוציען! איז — וואָס איז?

— איהר זעהט עס, און איהר ערלויבט עס.

די פרוי אידאַליע האָט זיך שנעל אויפגעהויבען פון שטול.

— אַך, מיין טייערער, איך זעה אין דעם, וואָס זיי פלירטעווען, גאָר קיין בייז נישט. וואָס קען עס דען שאַטען?

— איך רעכען, אַז פאַר לוציען איז אַזאַ מין פלירט אַ גאַנץ איבריגע זאַך — האָט וואָלדעמאַר קאַלט געזאָגט.

— פֿאַרקעהרט. לוציאַ איז אַלט זעכצעהן יאָהר, זאָל זי זיך אויסלערנען פֿאַר אַ מעדעל אין איהר עלטער איז עס אַ נויטיגע זאַך.

— וואָלט עס אויך נויטיג געוועז, אַז זי זאָל זיך איינליבען?

— און אַז יאָ! פֿראַנטניצקי'ן קען מען אפילו ליב האָבען.

וואַלדעמאַר האָט אויף איהר אַ קוק געטון, נישט גלויבענדיג אין דעם, וואָס זיינע אויערען הערען.

— וואָס הייסט? וואָס הייסט דער צוגאָב „אפילו", און וואָס הייסט עס, אַז „פֿראַנטניצקי'ן קען מען ליב האָבען"?

— איך מיין, אַז דו פֿערשטעהסט.

— ליידער, נישט.

די פֿרוי אידאַליע האָט אַרויסגעפּלאַצט:

— ווען פֿראַנטניצקי וואָלט געווען פֿון אינזער ספֿערע, נאָר נישט פּאַסיג פֿאַר אַ שידוך, דאַמאָלסט וואָלט איך אַנדערש אויף דעם געקוקט, אָבער אַזוי...

— און אַזוי, הייסט עס, קענען זיי זיך ליב האָבען? הייסט—וועלען זיי אפשר קענען ביידע חתונה האָבען? — האָט ער איראָניש אַ פֿרעג געטון.

— דו רייצסט זיך מיט מיר, מיין טייערער.

— איך פֿרעג זיך נאָר. קען ער, הייסט עס, פֿלירטעווען מיט איהר, און זי קען זיך אין איהם ליבען. די מוהמע ערלויבט עס, און ער זעהט עס גוט. זיי זשע אַ בריה, און זיי נישט נאָכרעם אין גוטען הומאָר. דאָס איז די קווינט-עסענץ פֿון זיין היינטיגען שפּאַציר. איבערפֿולט מיט גוטע רעיונות איז ער זיך צוועקגעפֿאָהרען מיט די „קאַרע" פֿערד, און פֿאַר דער מוהמען האָט ער הויכ-מוטיג איבערגעלאָזט די „גניאַדע", רעכענענדיג, אַז די צוקונפֿטיגע שוויגער קען איהם נאָכגעבען אַזאַ קליינינקייט.

— וואַלדי! וואָס רעדסטו?

— גאָרנישט מעהר, ווי דעם אמת.

— אָבער... מיינסטו אַזוי?... — האָט זי זיך פֿערטראַכט.

— יאָ, יאָ... אַזוי טאַקי! — האָט וואַלדעמאַר אויסגערופֿען, אונטערכאַפּענ-דיג זיין מוהמעס געדאַנק. די פֿרוי אידאַליע איז בלאַס געוואָרען.

— ער האָט געהאַט די העזה צו קלעהרען וועגען לוציען?

— אַ! פֿאַרוואָס דען נישט? ער איז זעהר דרייסט.

— ס'איז אונמעגליך!... ניין, ניין! דאָס וואָלט געווען די גרעסטע חוצפּה! — האָט די פֿרוי אידאַליע אויפגערעגטערהייט גערעדט.

— מוהמע לעבען! ער האָט געהאַט דיין פּראָטעקציע, און וואָס דאַרף מען מעהרער? מען קען דרייסט זאָגען: „וועני,ווידי, וויצי", געקומען, דערזעהן און געזיגט — האָט וואַלדעמאַר געשפּאָסט.

די מוהמע האָט אויף איהם אַ קוק געטון.

— פֿון וואַנען ווייסטו עס, וואַלדי? — האָט זי נישט זיכער אַ פֿרעג געטון.

— פונ'ם זיידע, וואס זעהט א סך מעהרער פון דער מוהמען. איבעריגענס זעה איך אליין אויך פיל.

די פרוי עלוזאנאווסקא האט נישט געקענט ממש איינזיצען אויפ'ן שטול.

וואלדעמאר האט געשפרייזט איבער'ן צימער. פערשידענע געדאנקען האבען ביי איהם געשטורעמט אין קאפ. דערהויפט האט איהם נישט אויפגעהערט צו מאטערן די מחשבה: אז אויב פראנטניקי וואלט אפילו געווען אנ'אנדער מענש, און וואלט באמת ליב געהאט לוציען, וואלט ער זי פאר א ווייב נישט בעקומען, מחמת ער געהערט נישט צו די „חויכע" גרויזלשאפטליכע ספערען.

— וואס פאר א בארבארישער מנהג! — האט ער פאר זיך געטראכט. — הייסט עס, אז זי, עלוזאנאווסקא קען נישט ווערען פראנטניצקי'ס ווייב צוליב זיין נאמען. ווי ווילד עס איז!... און איך אליין העלף נאך צו צו דעם. לאמיר זאגען, אז דערביי איז דא פיל סיבות. פאר פראנטניצקי'ן, לטובת איהם רעדט גארנישט, חוץ דעם קינדערישען פערטומלען זיך מיט לוציען. אויב אבער פראנטניצקי וואלט געווען אנ'אנדערער וואלט דאך סטעפע נישט געווען אין סלאדקאוויעץ... דא האסטו דיר ווידער אנ'אנדער ספערע... ס'איז א קללה! — האט ער צו זיך געשעפטשעט.

די באראנעסע איז צו זיך געקומען.

— פארוואס האסטו מיר, וואלדי, פריהער געזאגט, אז איך און דער... פראנטניצקי האבען דיר צוגעדינט? — האט זי א פרעג געטון.

וואלדעמאר האט א רייב געטון זיך ביים שטערען, ווי אוועקטרייבענדיג פון זיך דערעסענע געדאנקען.

— מחמת איך ווארט אויף א געלעגענהייט צו בעפרייען זיך פון איהם.

— אך! כ'פערשטעה שוין! און דו האסט געפונען די געלעגענהייט. עס איז זעהר גוט!

— איך גלויב, אז די מוהמע וועט נישט מיינען, אז די הויפט-סיבה איז זיין הייניגער שפאציר.

— וואס דען, נאך עפיס?

— וואס הייסט, וואס? ווינשט זיך דען די מוהמע, אז ער זאל דא ווייטער פערבלייבען.

— ניין, זאל גאט היטען! נאך דעם, וואס איך האב זיך דערוואוסט! דו קענסט דאך אבער נישט נעהמען און גלאט ווייזען איהם די טיר.

— איך וועל איהם געבען צו פערשטעהן, אז ער איז דא אנ'איבעריגער. יעצענטי איז ארייגעקומען זאגען, אז בעגעדיקט ווארט.

פרוי אידאליע האט געזאגט צו וואלדעמארען אויף פראנצויזיש:

— איך האב איהם געהייסען קומען ערקלערען זיך. איך לאז איהם אבער פאר דיר איבער.

ער האט א קנייטש געטון מיט די פלייצעס.

— ער איז גאָרנישט שולדיג, נאָר דער פערוואַלטער. איך וואָלט דער מוהמען געראטען צו פאָהרען, און די פערדען-פראגע דערווייל אָפּלאָזען. דער דאָזיגער „פראגע" דאַרף איך דאַנקבאַר זיין, אָבער אַרויסרוקען איהר אויף דעם ערשטען פּלאַץ לוינט זיך נישט. פאָהרט די מוהמע, הייסט עס, יאָ?

נישט וואַרטענדיג אויף אַנ'ענטפער האָט ער זיך געווענדעט צו יאַצענטי'ן:

— זאָל בענעדיקט איינשפּאַנען די „קאַשטאַנעס".

נאָך דעם קאַמערדינערס אוועקגעהן, האָט וואָלדעמאַר אַ פרעג געטהון:

— מיט דער מוהמען פאָהרט נאָר לוציע?

— מיט אונז פאָהרט אויך די רודעצקאַ.

פעס האָט אויפגעציטערט אויף וואָלדעמאַרס ליפּען.

— ס'איז גוט. די מוהמע וואָלט איהר אָבער געקענט, דאַכט זיך, רופען ווייניגער אָפיציעל.

די באַראָנעסע האָט אויף איהם אַ וואָרף געטהון אַ קריטישען בליק. זי האָט געוואָלט עפּיס ענטפערען, נאָר וואָלדעמאַר האָט זיך געפּלינקט אַ נויג געטהון, צוגעבענדיג:

— איך בעט צו זיין גרייט. צייט צו פאָהרען.

ער איז אַרויסגעגאַנגען און אַ ברום געטהון צו זיך מיט כעס:

— ווייטער האָט זי מיך געוואָלט מכבד זיין מיט דער „טפערע".

XIV.

די בלויע פלאַכעניש פון דער אָזערע האָט געביטען איהר קאָליר, זיך געצונדען מיט אַ סך גאָלדענע פונקען, און געשוואומען ווי אַ בונטער שאַל. צייטענווייז פלעגט זי בעדעקט ווערען מיט אַ טונקעלע בלויקייט, אָדער מיט שמאַראַגדען-קאָלירען, צייטענווייז פלעגט זי בלייבען אונבעוועגליך, נישט אַרויסגעבענדיג קיין אויסדריקליכע פאַרבען, און — נאָר געשפּיגעלט אין זיך די צוריסענע וואָלקענדלעך. עס זענען עפּיס זיגזאַגען געשפּרונגען איבער די כוואַליעס, ווי מויזענדער פייערלעך האָבען זיי זיך געהויבען, געוואָרען ליכטיגער, און איילענדיג אין ערגיץ איבערגעלאָזט נאָך זיך שטיקער שוים. פון איין זייט איז דער גלאַנצענדיגער שוים פון וואַסער געווען פערשאָטענט מיט דער גלייכער געדיכטער מאַסע פון די פּאַרק-ביימער. די גרויסע קרוינען פון די ווערבעס, די טונקעלע אַלכעס, די קליאָנען און די ציטערדיגע צולאָזטע האָר פון די בזשאָזעס זענען, ווי אַרונטערגעפאַלען אויף דעם צושפּילטען קרישטאָל פון דער אָזערע, וואָס איז געלעגען זיי צופוסענס.

וואָלדעמאַר מיכאַראָווסקי האָט זיך פערהאַלטען אַ ווײַלע, געהענדיג מיט'ן שלענגעלדיגען וועגעל ביים וואַסער. פלוצים האָט זיך דורך די גרינע נעצען

פֿון די בוימער דורכגעשלאָגען אַ הייסער זון־שטראַהלכעל, וואָס האָט זיך געגעבען איהם צוטאַנצט, אויפגעצינטערט אויף זיינע שטאָלענע שוואַרצאַפּלען, און אין אַ בלוטיג טראָפּענדעל זיך צושטיפּט אויף דעם רובין פֿון זיין קראַוואַט־שפּילקע. וואַלדעמאַר האָט אויבען אַרויף אַ קוק געטון.

— אַ מאָדנער שטראַהל. ווי אַ נאָדעל — האָט ער מיך אַ שטאָך געטון. ווען איך וואָלט געווען אַן'אַבערגלויביגער... אַך, וואָס רעד איך!...

ער איז ווייטער געגאַנגען, און געוואונדערט זיך, וואָס ער קען ניט צוזאַמענקלייבען זיינע געדאַנקען; זיי פֿלעגען זיך איהם איבעררייסען, אונטערוּקענדיג אַלץ איינע און די זעלביגע פֿראַגע.

— פֿאַרוואָס בין איך אַזוי עמפֿינדליך? וואָס איז עס פֿאַר אַן'ערשיינונג? עפּיס אַ שטראַהלכעל האָט מיך בעלייכטען, ווי דער פֿריהערדיגער, וואָס האָט זיך פֿון דער זון אַרונטערגעקוילערט... אַ שטראַהלכעל! צי קען זי זיין אַ שטראַהלכעל? אויך זי איז אַ זוניגע, צי איז זי אָבער אויך אַ הייסע?

ער האָט זיך איראָניש פֿונאַנדערגעלאַכט.

— ס'קען זיין זי איז עס געווען. זי איז אָבער אָפּגעקיהלט געוואָרען, זיך אויסגעשעפּט, דערוואַרעמענדיג עמיצען אַנ'אַנדערען.

ער האָט זיך אין די געדאַנקען פֿאַרגעשטעלט סטעפּען מיט פּראָנטניצקי'ן — האָט ער אַ ציטער געטון מיט די אַקסלען, און כמעט אויפ'ן קול און מיט אַ געלעכטער געזאָגט:

— איך פֿיהל, איך בין געוואָרען זעהר נאַריש! נו, און אַז אַ שטראַהלכעל איז וואָס? אויב — אַ זוניגער, דאַרף מען זיך מיט איהם דערוואַרעמען. וואָס טויגען די אַלע ציללאָזע טראַכטעניש און קלעהרעניש?

ער האָט אַ קוק געטון אויף דער אַזערע.

— צום ביישפּיל די מעוועס — האָט ער געטראַכט — ווענען דורכגענומען מיט די פֿערשידענע שיינען, און בעהמען אַרויף אויף זייערע פֿליגלען אַזוי פֿיל וואָלקען־גאָלד, וויפֿיל עס לאָזט זיך נאָר. וואָס פֿאַר אויסרעכנונגען האָבען זיי דערביי? מען טאָר ניט אויסמיידען קיין איין שטראַהלכעל, מען דאַרף געניסען פֿון יעדען רעגענבויגען — אָט דאָס איז די אמת'ע קונסט פֿון אויפנעהמען דאָס לעבען! אויפ'ן בעטראַכטען יעדער זאַך, אויפ'ן פֿאָרשען יעדער קלייניגקייט ווערט נאָר געפּטר'ט אומזיסט צייט, און לסוף קומט מען ניט צו קיין שום רעזולטאַטען, מחמת דער אַרומגעקלעהרטער אָביעקט ווערט וואָכעדיג, און פֿערלירט איינגאַנצען דעם אינטערעס.

— איז דאָס אמת אַזוי, צי איז עס ניט מעהר, ווי אַ פּאַראַדאָקס? — האָט ער זיך פֿערטראַכט.

— הייסט עס, אַז איך וויל עס זאָל זיין אַנ'אמת, איך קען זיך אויף דעם ערלויבען.

הינטער דער פּוזרע, אויפֿ'ן רוקן, וואָס איז געווען צעריבענעמען מיט אַ וואַנט פֿון קאָרן האָט ער דערזען קעפּ און רוקנס פֿון ניט געהענדיקע פֿערד, און אויך דעם קאָנטור פֿון דעם געלן אַמעריקאַנער-וועגל. אין איהם זענען געזעסן צוויי פֿונקעלע סילועטן, וואָס האָבן זיך בולט אויסגעטיילט אויף דעם אונטערגרונד פֿון דעם גאָלדענעם גערשטן-פֿעלד.

וואָלדעמאַר האָט אַ ווייל געקוקט און דערנאָך אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ געלעכטער:

— אָ, דאָרטען פֿאָהרט דער צושטראָהלטער! — האָט ער פֿריילעך אויסגערופֿן און אָנגעהויבן געהן צום פּאַלאַץ.

דעם אָוונט-ברויט האָט מען אָפּגעגעסן שווייגענדיג. דער הער מאַציעי איז געווען אַפּאַטיש, וואָלדעמאַר — קאַלט, און פּראָנטניצקי — אומרוהיג.

עדמונד האָט ניט גערעכנט אָנצוטרעפֿן מיכאַראָווסקי'ן. ער איז שוין צוטומעלט געוואָרן, ווען מען האָט איהם געזאָגט, וועגן דעם אַרויספֿאָהרן פֿון די פֿרויען. ער האָט זיך תמיד געפֿיהלט פֿרייער, ווען עס זענען ביים טיש געווען די פֿרוי עלזאָנאָווסקאַ אין לוציע. ווען ער איז אריין אין עס-צימער האָט ער בעמערקט די שטייפֿקייט פֿון די ביידע הערען — האָט ער בעשלאָסן צו מאַכען זיך לוסטיג. ער האָט פֿרעהליך דערצעהלט וועגן דעם, ווי ער איז געווען אין דעם לאַגער פֿון די אַקערבוי-מאַשינען. ער האָט וויציג געקריטיקירט די פֿירמע און די בעלי הבתים, מיט וועלכע ער האָט דאָרט גערעדט. בעמערקענדיג אָבער, אַז זיין דערצעהלען מאַכט ניט קיין איינדרוק אויף די ביידע מיכאַראָווסקי'ס האָט ער זיינע ווערטער געווענדעט דערהויפּט צו דעם הער קסאַווערי. מיט אַ שטילער שטימע האָט ער ביי איהם אַ פֿראַג געטהון:

— די דאַמען וועלען היינט ניט קומען?

— וואַהרשיינליך ניט — האָט געענטפֿערט דער הער קסאַווערי. — זיי זענען אוועקגעפֿאָהרען קיין אַבראָננע, און געוועהנליך נעכטיגען זיי דאָרטען.

— אַ שאָד.

— פֿאַרוואָס ושאַלעווען איהר אַזוי? איהר האָט דאָך ניט קיין פֿערזענליכען אינטערעס צו קיין איינע פֿון די פֿרויען.

— אדרבא, איך האָב אַ זעהר וויכטיגען.

— ס'איז מיר אינטערעסאַנט וואָס-פֿאַר-אַ? איך בין זעהר נייגעריג — האָט דער הער קסאַווערי געזאָגט קוקענדיג שפּאָטיש אויף איהם.

עדמונד האָט דערפֿיהלט אין זיין שטים אַ סימן פֿון לייכטער איראָניע, און אַ טראַכט געטהון:

— און מיט דעם דאַזיגען, וואָס האָט עס היינט געטראָפֿען?

— איז וואָס איז עס פֿאַר אַ זאַך? — האָט דער הער קסאַווערי איבערגעשוירט.

דער אַלטישקער, וואָס האָט זיך פֿעסט אָנגעגעסן, איז געווען זעהר לע־בעדיג געשטימט.

פראַנטניצקי האָט אַ שאָקל געטאָן מיט׳ן קאָפּ.

— אָ, וועגן דעם קען איך קיינעם נישט דערציילן.

— אַזוי אַזוי! האָ, האָ! איז וועגן וועלכער פון די דאַמען האַנדלט זיך עס, אויב עס איז דערלויבט צו וויסן?

— איך האָב אַ פּערזענלעכן אינטערעס בנוגע מיין אידעאַל — האָט דער געפּרעגטער אָפּגעענטפערט מיט אַ געהיימניספולן שמייכעלע.

— וועל איך דען זיין נישט-דיסקרעט. ווען איך וועל, אַ שטיינער, אַ פרעג טון, פון וואָס פאַר אַ מין איז דער דאָזיגער אינטערעס?

— איהר זענט צופיל נייגעריג! לאָמיר זיך פאָרשטעלן, אַז איך וויל איהר דערצעהלען וועגן מיין בענקשאַפט, און איך וויל דערזעהן איהר פּנים׳ל נצרויטעלט.

נישט-ווילענדיג האָט וואַלדעמאַר געהערט דעם גאַנצען שמועס, אַנ׳אויפגערעגטער האָט ער געוואָלט אויפשטעהן און הינטער מיר אַרויסוואַרפען פראַנטניצקין. ער האָט זיך אָבער בעהערשט אונטער דער ווירקונג מסתמא פון דעם הער מאַציעי׳ס אַ בעטענדיגען בליק.

— ווי, איהר זענט עס זיכער אין דעם רויטלען זיך! — האָט דער הער קסאַווערי בעמערקט. — און ווען אייך גיט זיך עס נישט איין אַרויסצורופען עס?

— איהר צווייפעלט? פרייליינס זענען תמיד ששעדנע נאָך זיסע רעד, און האָבען שטענדיג גרייט קאָלירען אין די פּנים׳לעך. דערהויפּט איז סטעפע געניגט צו רויטלען זיך. איך קען זי שוין...

דאָ האָט עדמונד בעמערקט, אַז ער איז אַ ביסעל צו ווייט אַוועק, איז ער אַנטשוויגען געוואָרען.

וואַלדעמאַר האָט זיך אָבער מעהר נישט געקענט בעהערשען. ער האָט צוקרישעלט אין זיינע הענד דעם סיגאַר, פונאַנדערשיטענדיג איהם אויפ׳ן טישטוך, און איז ראַפּטום אויפגעשטאַנען. ער האָט איבערגעבעטען דעם הער מאַציעי און איז אַרויס פון זאַל.

דער אַלטער מיכאַראָווסקי האָט געזאָגט אַ גוטע נאַכט ביידע הערען, עפּיס אַ פּאָר ווערטער צוגעגעבען, און איז אויך אַרויס. פראַנטניצקי, וואָס האָט זיך דערפיהלט אָנגעגריפען, האָט פערלוירען דעם הומאָר, און דער אַלטער הער קסאַווערי, האָט דערלאַנגענדיג איהם די האַנד, אַ טראַכט געטאָן:

— צי האָסטו, ברודערשי, נישט איבערגעכאַפּט אַ ביסעל די מאָס?

וואַלדעמאַר איז אַרומגעלאָפען איבער זיין קאַבינעט, וועלענדיג זיך בערוהיגען. אין אַ שעה אַרום האָט ער בעפוילען יאַצענטין צו אַריינבעטען עדמונדען. ער איז געזעסען ביי דער פירקע שוין מיט אַ רוהיגער און קאַלטבלוטיגער מינע, אַזוי אַז דער פּראַקטיקאַנט האָט, נישט בעמערקענדיג קיין אונצופרידענהייט אויף זיין פּנים, צוריק בעקומען זיין פריהען האַלטען זיך.

— מיט וואס קען איך אייך דינען? — האט ער א פרעג געטון אונטערגע־הענדיג לייכט צו דער ביורקע.

וואלדעמאר האט איהם אנגעוויזען אויף א שטוהל.

— ביטע, זעצט זיך. איך וויל מיט אייך רעדען.

דער יונגערמאן האט זיך צוטומעלט, און זיך שווייגענדיג אוועקגעזעצט.

— איך וויל אייך, אייגענטליך — האט וואלדעמאר געזאגט — אויסדריקען מיין פערלאנג, וואס איז ביי מיר מיט א צייט צוריק ענטשטאנען — ס׳איז א פער־לאנג, וואס האט צו אייך א שייכות.

— צו מיר?

— יא, איך וויל אייך פארשלאגען איבערצוטראגען זיך אויף שטענדיג קיין גלעמבאוויטשי. איך רעכען, אז פאר אייך איז עס קיין חילוק נישט, און א פעלד פאר ארבייט איז דארט א גרעסערע...

ער האט געערעדט מיט א נאטירליכען און מיט אן׳איידעלען טאן, אבער אין די ווערטער האט זיך געפיהלט אן׳איינ־קאלטקייט.

אין פראנטניצקין האבען זיינע רעד, ווי א דונער געטראפען, ער האט זיך אויף אלץ געקענט ריכטען, אויסער דעם אריבערטראגען זיך קיין גלעמבאוויטשי. ער האט גארנישט געוואוסט, וואס ער זאל וועגען דעם טראכטען. כמעט אומבע־וואוסטזיניג האט ער ארויסגעבאמבעלט:

— פארוואס, הער מיכאראווסקי... אזוי פלוצלונג. איך בין צו דעם נישט צוגעגרייט.

— ס׳איז א קלייניגקייט, א פראגע פון עטליכע מייל וועג, נישט ווייטער אריבערציהען זיך.

עדמונד האט זיך נאך געוואלט וועהרען.

— זענט איהר דען נישט צופרידען פון מיין ווירטשאפטליכער טעטיגקייט אין סלאדקאוויעץ? — האט ער א פרעג געטון מיט א דערנידעריגטקייט, וואס האט אויפגעוועקט א פריקרע געפיהל אין וואלדעמארן.

— פון דער ווירטשאפטליכער? ניין. נאר בכלל זענט איהר פאסיגער פאר גלעמבאוויטשי.

— פאסיגער?.. פארוואס? צוליב וואס׳ערע טעמים?

מיכאראווסקי האט אנגעהויבען צו ווערען אומגעדולדיג.

— א מיין הער! עס זענען דא פערשידענע טעמים — האט ער געזאגט, אראפשאקלענדיג דעם אש פון דעם ציגאר.

פראנטניצקי האט פערשטאנען. ער איז דא געווען נישט געוואונשען. אבער וואס פאר א הויפט־סיבה איז דא געווען? ער האט זיך עס אומבעדינגט געוואלט דערוויסען. נאך א קורצער ווײלע האט ער געזאגט:

— הער מיכאראווסקי, אויב מיט מיין היינטיגען שפאציר האב איך זיך

פֿערשולדיגט, בעט איך זעהר — איהר זאָלט מיר ענטשולדיגען. איך האָב פּאַקטיש געמאַכט אַ פֿעהלער.

וואַלדעמאַר האָט אויפֿגעהויבען דעם קאָפּ.

— האָב איך דען אייך עפּיס פֿאָרגעוואָרפֿען, וואָס איהר בעט ענטשולדיגונג?

— האָט ער אַ פֿרעג געטהון. — איהר האָט נישט ריכטיג געהאַנדעלט, אָבער דאָס איז אַ קליינינקייט.

— ערשטענס האָט די פֿרוי באַראָנעסע היינט נישט געזאָלט פֿאָהרען — האָט זיך פֿראָנטניצקי פֿערטיידיגט.

וואַלדעמאַר האָט פֿערקרימט די ליפּען, ווי ער וואָלט עפּיס ביטערס אַראָפּגעשלונגען. ער האָט נישט געקענט פֿערטראָגען קיין אַרויסדרעהערייען.

— נו, וועגען דעם האָט איהר געוואוסט. איהר האָט אפילו בעשטעלט די „גניאַדע" פֿערד פֿאַר דער מוהמען. איך זאָג אָבער נאָך אַ מאָל, אַז דאָס איז אַ קליינינקייט. עס האַנדעלט זיך דערהויפּט וועגען דעם, אַז איהר פּאַסט זיך נישט צו דער אָרטיקער אומגעבונג אין סלאָדקאָוויץ. איהר פֿערשטעהט?... איהר ענטשפּרעכט נישט די אייגענטליכע בעדינגונגען, טראַקטירענדיג זיי צו זאַכליך, און דאָס שטימט נישט מיט געוויסע אונזערע בעגריפֿען.

פֿאַר עדמונדען איז אַלץ קלאָר געוואָרען. מען האָט, הייסט עס, בעמערקט זיינע כּוונות, און מען ווייזט איהם דעם וועג. דער פּראָיעקט פֿון אַריבערפֿיהרען איהם קיין גלעמבאָוויטשי, דאָס איז נאָר אַ דעליקאַטער אויסרייד, אַן אָנווייז מיט וואָסער וועג ער דאַרף זיך צוריקציהען.

זיינע פּלענער זענען אויסגעשטראָכען געוואָרען זעהר ענערגיש מיט מיכּאָראָווסקיס האַנד. פֿראָנטניצקי איז געוועזען דערשלאָגען. ער האָט געפֿיהלט, אַז ער האָט אינגאַנצען פֿערשפּילט, און ער האָט אַ קוק געטהון אויף זיין בעל הבית.

וואַלדעמאַר האָט, רויכענדיג, געקוקט פֿאַר זיך אויף דעם מאַרמאָרנעם טינטערען מיט אַזאַ אויסדרוק, ווי ער וואָלט געוואָלט זאָגען:

— הלמאי געהסטו נישט אַרויס? איך האָב שוין געענדיגט.

עדמונד האָט געפֿיהלט, אַז ער דאַרף אַוועקגעהן, ער האָט זיך נאָר אָבער געקווענקעלט נישט זיכער אין דעם צי איז דאָס אַ פֿולשטענדיג דערווייטערן איהם, צי נאָר אַן אַריבערפֿיהרען אויף אַן אַנדער אָרט.

וואַלדעמאַר'ן האָט די דאָזיגע קווענקלעניש געערגערט. אַן אויפֿגערעגטער איז ער אויפֿגעשטאַנען, און דערלאַנגענדיג איהם די האַנד, קורץ געזאָגט:

— מיר האָבען געענדיגט. אַ גוטע נאַכט אייך.

דער פּראַקטיקאַנט האָט זיך אויפֿגעהויבען פֿון שטוהל, און געענטפֿערט מיט אַ כלומרשטער פֿרייקייט.

— איך וועל זיך בעמיהען אייך צו בעפֿרידיגען.

— אַ דאַנק. עס וועט זיין נוצליכער פֿאַר ביידע צדדים.

זיי האָבן זיך איינער פאַר דעם אַנדערן פערנויגט און פראַנטניצקי איז אַרויס מיט אַן׳אויפגעהויבענעם קאָפּ, וועלכן ער האָט אויף דער אַנדער זייט טיר אומעטיג אַראָפּגעבויגן.

— צום טייוועל! האָב איך עס בעקומען אַ סוף! ניט געדאַכט זאָל עס ווערן! — האָט ער צו זיך געברומט. — אָבער ווי דעליקאַט ער האָט עס געמאַכט, דער אַריסטאָקראַט. האָט ער איראָניש צוגעגעבן.

אין פאָדער-צימער האָט איהם דער לאָקיי געוואָלט דערלאַנגען דעם פּאַל-טאָ, עדמונד האָט איהם אָבער מיט כעס אָפּגעשטויסען:

— גייה צום טייוועל!

— אָהאָ! — האָט דער דינער אויסגערופען, פערמאַכענדיג הינטער איהם די טיר.

וואַלדעמאַר איז אַריין אין דעם הער מאַציעיס שלאָפצימער. דער אַלטיטש-קער איז געלעגען אין בעט, און געלייענט צייטונגען. דערזעהענדיג דעם איינ-קעל, האָט ער אָפּגערוקט דעם לאָמפּ.

— פאַרוואָס ביזטו אַזוי לאַנג ניט געקומען?

— איך האָב גערעדט מיט פראַנטניצקי׳ן. שוין געמאַכט אַ סוף — האָט וואַל-דעמאַר געענטפערט, שטעלענדיג זיך נעבען בעט.

— האָסט איהם אָפּגעזאָגט פון פּאָסטען?

— כמעט. איך האָב איהם פאָרגעשלאָגען ער זאָל אַריבערפאָהרען קיין גלעמבאָוויטש?

— ער איז מסכים?

— דאָס וואָלט געווען ניט געוואונשען, ער האָט אָבער פערשטאַנען, וואָס עס פערלאַנגט זיך פון איהם...

— זאָג דעם אמת — דאָס האָט אַרויסגערופען דער הייגטיגער שמועס ביי דעם אָווענד-ברויט. איאָ אַזוי?

— נאָר צוגעאיילט.

— אָבער וואָס האָט עס אַרויסגערופען?

— דער זיידע פרעגט וועגען דעם? איך האָב קיינמאָל ניט געקענט פער-טראָגען זיינע וויצען, דערהויפּט אַזעלכע...

ער האָט אָנגעהויבען צו שפּרייזען איבערן צימער.

דער הער מאַציעי האָט געשוויגען. דאָס ליכט פון לאָמפּ האָט פאַלענדיג קרום בעלויכטן זיינע ווייסע האָאָר און די ברייטע קנייטשען אויף זיין פנים. דער שטערן איז איהם געווען געפאַלדעוועט, די אויגען צוגעמאַכט, און אויף די פער-וועלקטע ליפּען איז געלעגען אַ פיינליכער אויסדרוק; ער איז געזעסען איינגע-זונקען אין זיינע רעיונות מיט אַראָפּגעלאָזטע פּלייצעס, פּונקט ווי אַ שווערער יאָך וואָלט זיי אַראָפּגעדריקט.

אויף איהם זענען אָנגעשוואומען שווערע וועהמאָדיגע זכרונות פון דער פערגאַנגענהייט, און אונטער זייער לאַסט האָט זיך זיין קאָפּ געבויגען אַלץ טיפער

ן טיפער. פלוצים האָט ער אויפגעהויבען דעם קאָפּ, אַ קוק געטון אויפ'ן איינ־קעל, און געזאָגט בעטאָנענדיג די ווערטער:

— וואַלדעמאַר, זיי אויפריכטיג. דיר האַנדעלט זיך דערהויפּט וועגען איהר?

פון דער טיפעניש פון טונקעלען צימער האָט זיך אָפּגערופען וואַלדעמאַרס צטוואָס פערטויבטע נאָר שעהנע נידעריגע שטימע:

— יאָ:

— גאָט, מיין גאָט, האָב רחמנות!— האָבען אַ שעפּטשע געטון דעם אַלטענס ציטערדיגע ליפּען.

פערשטעלענדיג די אויגען מיט די הענד, האָט ער שטיל תפילה געטון, איבערחזר ענדיג:

— שטראָף איהם נישט פאַר מיינע זינד, גאָט! גאָט! זיי מיר מוחל... פער־מייד די שטראָף!.. מייד אויס די נקמה!..

טעאטער און קינא

אילוסטרירט וואכענבלאט

געווידמעט טעאטער, מוזיק, קונסט און קינא

ערשיינט ביי דער מיטארבייטונג פון אלע טעאטער־
טוער און בעוואוסטע שריפטשטעלער.

פיל אילוסטראציעס
אין יעדען נומער

פרייז 300 מארק   פרייז 300 מארק

צו בעקומען ביי אלע צייטונגס־פערקויפער.

מיט בעשטעלונגען זיך ווענדען:

Lazar Kahan, Łódź, Piotrkowska № 37

XV.

די געזעגענונג מיט די פרויען איז צוגעגאנגען זעהר פרעהליך. פראנט-ניצקי האט געמאכט אזעלכע מינעס, וואס האבען לוציען וועה געטון. די פרוי אידאליע האט מיט דעם גרויס-האלטען זיך פון א גראנד-דאמע געזאגט צו איהם עטליכע ווארימע ווערטער, וואס האבען גאנץ פאלשלעך געקלונגען. דער הער מאציעי האט מיט א גוטמוטיגען שמייכעל געוואונשען דעם אוועקפאהרענדיגען גליק, וואלדעמאר האט זיך מיט איהם פריי געזעגענט, און דער הער קסאווערי — גלייכגילטיג. קיינער האט נישט אויסגעדריקט קיין פער-דרוס צוליב זיין אוועקפאהר.

די פרוי עלזאנאווסקא האט פאר סטעפען און לוציען געזאגט, אז עדמונד האט עפּיס אנדערע געשעפטען, און דעריבער פאהרט ער אוועק.

לוציע האט געוויינט א גאנצע נאכט און א גאנצען טאג, און ביים גע-זעגענען זיך האט זי געהאט רויטע אויגען. עדמונד האט אויף איהר געווארפען שמייכעלדיגע בליקען, ווי אויף זיינעם א קרבן. דער אנזעהן פון דער מיידעלס פערוויינטע אויגען האבען איהם נישט גערירט, נאר דאך אונטער דער מאסקע פון א כלומרשט'ער פרעהליכקייט האט ער זיך געפיהלט משוגענערווייז אויפגערעגט, וואס אזא בראכטפולער שידוך האט זיך איהם ארויסגעגליטש פון די הענד.

לוציע איז געווען זיכער, אז ער וויל מיט איהר פערבלייבען אויג אויף אויג, און אז ער וויל איהר עפּיס זאגען פאר'ן געזעגענען זיך. זי האט זיך דערמאנט אין איהרע ראמאנען, וועלכע זי האט געלייענט בשתיקא. די געהיימע צוזאמענקומענישען, וואס ווערען דארט דערצעהלט, די סודות'דיגע צעטלען און שפריכען. זי האט געקלעהרט, אז צווישען זיי וועט דאס זעלבע פארקומען. אפשר וועלען זיי זיך צאקע אדורכשרייבען? אמת, עס וואלטען דערביי געווען שוועריג-

קיטען, נאר ער איז בעסער אזוי, ווען עס זענען דא מניעות. זי האט זיך מיט איהם געוואלט בעגעגענען, איז זי עטליכע מאל ארויס אין פארק, זיכער, אז ער ווארט שוין דארטען אויף איהר. דאס האט בעמערקט סטעפע; זי האט געטראפען לוציען אין שאטען אויף א בענקעל, ווי זי איז געזעסען און אויפ'ן קול געוויינט האט זי זיך לעבען איהר צוגעזעצט און ארומגענומען זי. דאמאלס האט זיך לוציע מודה געווען, אז זי איז ארויס, כדי זיך צו בעגעגענען מיט עדמונדען, און איצטער וויינט זי עס נאך איהם, ווי נאך א געשטארבענעם..

— פארוואס ווי נאך א געשטארבענעם? — האט די לעהרערין א פרעג געטון — האסטו דען מיט איהם גערעדט?

לוציע האט מיט א געוויין געענטפערט:

— איך האב מיט איהם געוואלט רעדען, מיינענדיג, אז ער שטרעבט צו דעם. ער איז פאריבער דער אלעע דורכגעגאנגען, ער האט מיך געזעהן, גאר נאהנט געווען. איך האב א רוף געטון: „מיין עדמונד!" און ער האט זיך אפגעשטעלט און א פרעג געטון: „מיט וואס קען איך דינען?" — אבער אזוי קאלט א פרעג געטון, מיט אזא פרעמדען געמאכטען שמייכעל... דערנאך האט ער זיך פערנויגט, און איז אוועק.. ער האט מיך ניט ליב, ער איז שוין מיר געשטארבען!

סטעפען האט זיך קוים איינגעגעבען זי צו בערוהיגען.

דאס געזעגענען זיך פון עדמונדען מיט לוציען און סטעפען איז פארגעקומען אין דער אנוועזענהייט פון אלעמען. וואלדעמאר, פאראויסזעהענדיג, אז פרעגענצקי קען בעליידיגען סטעפען אין דעם מאמענט פון געזעגענען זיך, האט זיך לעבען איהר צוגעשטעלט. און פאקטיש, עדמונד האט געוואלט די פונה אויף אנ'איראנישען אופן צו ווינשען ערפאלג סטעפען, וויסענדיג, אז מיט דעם וועט ער איהר אנגרייפען. די אנוועזענהייט אבער פון וואלדעמאר'ן האט איהם פון דעם אפגעהאלטען. מיט דערזעלביגער גלייכגילטיגקייט האט ער דערלאנגט די האנד סטעפען און לוציען. קיין איין ווארט איז פון ביידע צדדים ניט ארויסגעזאגט געווארען. דאס קליינע הענטעל פון לוציען האט אפילו א ציטער געטון אין זיינער — נאר ער האט עס גארניט בעמערקט.

ער איז ארויס אויפ'ן גאנעק, ווי א זיגער, און אריינגעזעצט זיך אין וואלאגט מיט דער מינע פון א העלד. צום צוג האבען איהם בעגלייט יאצענטי, און דער שטוב דינער, ביידע צופרידענע, וואס מען ווערט זייער פטור. אלעמען האט זיך דער פראקטיקאנט איינגעגעסען אין די ביינער.

ווען דער וואלאנט האט זיך א ריהר געטון, האט לוציע, שטעהענדיג ביים פענסטער ארויסגעפלאצט מיט א הויך געוויין. די פרוי בארא־נעסע איז געווען אין בעזעס, וואס די טאכטער איהרע נעהמט זיך אזוי איבער, און האט אזעלכע שטארקע געפיהלען בנוגע א מענשען פון אנ'אנדער ספערע.

נאָך פֿראָנטניצקי'ס אַוועקפֿאָהר איז אַ ביסעל פֿרייער געוואָרען אין פּאַלאַץ. סטעפּע האָט לייכטער אויפֿגעאָטעמט. נאָר די באַראָנעסע האָט זיך די ערשטע צ... געלאַנגווייליגט לוציעס בענקשאַפֿט און טרעהרען האָבען איהר אָבער איבערצייגט אַז דער אַוועקפֿאָהר פֿון דעם פּראַקטיקאַנט איז געווען נויטיג.

איינמאָל, ווען וואַלדעמאַר איז געווען אין סלאָדקאָוויץ, איז רייטענדיג געקומען צו פֿאָהרען דאָס פֿריילין ריטאַ שעליגאַ און אין אַ האַלבע שעה שפּעטער איז נאָכגעקומען דער גראַף טרעסטקאַ. די גאַנצע געזעלשאַפֿט איז געזעסען אויף דער וועראַנדע און ריטאַ האָט דערזעהענדיג טרעסטקאַ'ן אַ זאָג געטון צו וואַלדעמאַר'ן:

— עס איז וואונדערבאַר... פּונקט, ווי ער וואָלט מיין פּאַטראָן געוועזען...

וואַלדעמאַר האָט אַ ציה געטון מיט דער פּלייצע. ער האָט וועגען עפּיס אַנדערש געטראַכט.

טרעסטקאַ האָט ווידער דערזעהענדיג ריטאַ'ן, געמאַכט זיך כלומרשט אַזוי איבערראַשט, אַז די פּענסנע זענען איהם אַראָבגעפֿאַלען פֿון נאָז.

— איהר זענט דאָ? — האָט ער אויסגערופֿען. — אָך, ס'איז אַ גליקליכער צופֿאַל.

— אמת טאַקי? איהר ווייסט, איהר האָט, ווי איך זעה, אַן עכט קאָמפּאָזיטאָרישען טאַלענט!

— וואָס הייסט?

— נו, איהר האָט דאָך גוט געוואוסט, אַז איך וועל היינט זיין אין סלאָדקאָוויץ. איהר האָט זיך דאָך וועגען דעם דערוואוסט אין אָבראָנגע. וואָס־זשע טויג אייך צו מאַכען אַזעלכע שטיק?

— איך האָב, וועגען דעם גאָרנישט געוואוסט, ווי גאָט איז מיר ליב! איהר מיינט טאַקי, אַז צוליב אייך ספּעציעל בין איך געקומען?

— עס דוכט זיך מיר אַזוי.

— ס'איז סקאַנדאַליעז! — האָט ער זיך געכעס'ט.

מיט אַ נערוועזער באַוועגונג האָט ער פֿאַרריכט זיינע פּענסנע, און וואַרפֿענדיג פֿון אונטער די גלעזער אַפֿויר פֿרעהליכע בליקען אויף סטעפֿען, האָט ער שפּאָטיש אַ זאָג געטון:

— איהר האָט אַ טעות. איך קום קיין סלאָדקאָוויץ נישט נאָר צוליב אייך, נאָר צוליב נאָך עמיצען...

— פֿערטיידיגט זיך נישט. מיר פֿערשטעהען שוין! ווען פֿריילין ריטאַ איז ביי אונז, דאַמאָלס ציהט אייך דאָ אַהער צוליב איהר ספּעציעל — האָט וואַלדעמאַר געזאָגט.

— איך האָב דאָס אָבער נישט געוואָלט זאָגען! — האָט טרעסטקאַ גע'טענה'ט.

— מיר האָבען עס אָבער אַזוי פֿערשטאַנען.

טרעסטקאַ האָט פֿערביסען די ליפּען און געבליבען שווייגען. פֿריילין ריטאַ האָט אַ שיקעל געטון אויף סטעפֿען, און זיך דערנעהנטערט צו וואַלדעמאַר'ן.

— אַ דאַנק אייך — האָט זי אַ שעפּטשע געטון מיט אַ שמייכעל.

— פֿאַרוואָס דאַנקט איִהר מיר? — האָט אַ פֿרעג געטון וואַלדעמאַר אויפֿגע־רעגטערהייט.

— דערפֿאַר, וואָס איִהר זענט אַ דזשענטעלמען.

— איך דאַרף עס, לײַדער, פֿאַר אימיצען זײַן.

— דאָס טאַקי איז אַ פֿערדינסט.

נאָכ׳ן אָווענד־ברויט איז ענטשטאַנען אַ פּראָיעקט צו מאַכען אַ שפּאַציר אין פּאַרק. פֿרײַליין ריטאַ האָט גענומען סטעפֿען אונטערן אָרעם און איז מיט איִהר אַפֿירגעגאַנגען. די הערען זענען געגאַנגען הינטער זיי. לוציע איז געגאַנגען אַליין אַ פֿערטראַכטע.

נאָך אַ פּאָר אָפּיציעלע ווערטער האָט פֿרײַליין ריטאַ אַ פֿרעג געטון:

— ווי געפֿעלט אייך דער יונגער מיכאַראָווסקי?

— געפֿעלט מיר... זעהר אַ סימפּאַטישער.

פֿרײַליין ריטאַ איז אַזוש אויפֿגעשפּרונגען.

— אַ סימפּאַטישער נאָר? איך האָב גערעכענט, אַז איִהר וועט איהם טיפֿער אָפּשאַצען? איך האָב פֿאַר איהם גרויס אַכטונג. ווען מען זאָל איהם פּרובען צו פֿערגלייכען מיט טרעסטקאַן...

— נו, דאָ קען גאָר קיין פֿערגלייך נישט זײַן.

— ווײַל עס וואָלט נישט געווען לטובת טרעסטקאַ׳ן. איִהר זענט אָבער גע־רעכט: דאָס זענען צוויי מענשען, וואָס האָבען מיט זיך גאָרנישט געמיינזאַמעס, חוץ דערוועלבינער עלטער. מיכאַראָווסקי האָט אַ געוואַלדיגען ערפֿאָלג אין דער וועלט. פֿרויען געהען אַראָפּ צוליב איהם פֿון זינען. אָבער וואָס טויג עס, אַז ער איז אַזאַ גרויסער איבערקלייבער? צו זיינע פֿערעהרערינס געהער איך אויך, אָבער — אויך אָהן געגענזייטיגקייט.

סטעפֿע האָט אויף איִהר שמייכלענדיג אַ קוק געטין. זי האָט זיך דערמאָנט אין דער פֿרײַליין ריטאַ׳ס ערשטען קומען קיין סיאָרקאָוויצע, אין איִהרע ווערטער, מיט וועלכע זי האָט זיך פֿאַר׳ן גאַנעק געווענדעט דאַמאָלס צו וואַלדעמאַר׳ן.

פֿרײַליין ריטאַ האָט ווייטער גערעדט:

— וואָס טויג מיר עס אויסצובעהאַלטען! אַז איך האָב איהם ליב, ווייסען אַלע, אַנהויבענדיג פֿון מיין „אָפּיעקונקע״ דער פֿירשטין, און ענדיגענדיג מיט איהם אַליין. איך האָב אָבער גאָר קיין טעות נישט, און קיין איינרעדענישען. איך בין מין זיי פֿון לאַנג אָן שוין פּטור געוואָרען, אָדער, ריכטיגער, איך האָב זיי קיינמאָל נישט געהאַט. די, וועלכע ער וועט אויסערוועהלען וועט מיט גאָר נישט זײַן צו מיר ענהליך. ער האָט אַ זעהר איידעלען געשמאַק, און אַזעלכע, ווי איך קענען נאָר העכסטענס אַזאַ מין מענשען, ווי טרעסטקאַ׳ן בעצויבערען. אַנדערש גערעדט — עס געהט מיר „קידער־ווידער״ אין לעבען. מען אינטערעסירט וואַלדעמאַר, און מיט מיר אינטערעסירט זיך דאָס בּאַראָנדעל. צי איז דאָס נישט אַ מין שערקרימענייש פֿון דעם גורל? ווארום אויב איך געפֿעהל אַזוי צו טרעסט־

קאַ'ז, ווייזט דאָך אויס, אַז איך בין מעהר נישט ווערט פֿון איהם. אין אויב אַזוי דאַרף ער דאָך ביי מיר אויך אויסזעהמען. בין איך דען נישט גערעכט?

— וואָס רעדט איהר? — האָט כטעפֿע אויסגערופֿען. — דער הער טרעסטקאַ איז אפֿילו נישט ווערט, ער זאָל אויפֿהויבען אויף אייך די אויגען.

אין איהר שטימע איז געווען אַזוי פֿיל אויפֿריכטיגקייט, אַז פֿריילין ריטאַ האָט זי מיט אמת'ער פֿריינדליכקייט אָנגעקוקט.

— איהר האָט אַ גוטען געשמאַק! איך ווייס אַליין, אַז איך בין מעהר ווערט פֿון איהם, הגם נישט אַזוי פֿיל, ווי איהר שטעלט זיך פֿאָר. איהר האָט אויך מבינות'שאַפֿט אַרויסגעוויזען, אָפּטרייבענדיג פֿון זיך פּראָנטניצקי'ן. דאָס איז אַ זעהר אונאינטערעסאַנטער טיפּ, און ער איז אייך אויך נישט ווערט.

סטעפֿען איז געוואָרען אונאַנגענעהם. זי האָט בעשיידענהייט געענטפֿערט:

— ניין, איך האָב איהם נישט אָפּגעשטויסען. דאָס זענען נאָר געווען גליקליכע אומשטענדען אַזעלכע.

— אָבער די איניציאַטיווע פֿון פֿונאַנדערגעהן זיך האָט דאָך געשטאַמט פֿון אייך
— ניין, איבערגעריסען האָט מיין פֿאָטער.
— וואָס ער קען איהם מסתמא בעסער?
— אָהן ספֿק.

— סיי־ווי־סיי קומט דעם הער מיכאַראָווסקי אַ דאַנק פֿאַר דעם אַרויס'פּטר'ן דעם דאָזיגען יונגענמאַן פֿון סלאָדקאָוויעץ. ווייסט איהר אָבער, וואָס איז געווען די הויפּט־סיבה פֿון פּראָנטניצקי'ס אָוועקפֿאָהרען? — איהר שטויסט זיך אָן?

— די הויפּט־סיבה איז געווען לוציע און די כוונות פֿון פּראָנטניצקי'ן — האָט סטעפֿע אָפּגעענטפֿערט.

אַ שמייכעל האָט זיך דורכגעשלענגעלט אויף ריטאַ'ס ליפּען.

— אַזוי רעדט זיך עס, אָבער דאָס בעווייזט, אַז איהר ווייסט פֿון גאָרנישט. פּראָנטניצקי'ן האָט מען דערוויטערט פֿון דאַנען נאָר צוליב אייך.

— צוליב מיר?!...

— יאָ, אַוודאי אַזוי! ער פֿלעגט אייך נישט לאָזען צורוה, פֿלעגט עס אַריינברענגען אין כעס וואַלדעמאַר'ן, און דענערווירען דעם הער מאַציעי. זיי האָבען נישט געקענט אויף דעם מסכים זיין. נאָר די פֿרוי אידאַליע איז געווען פּאַסיוו, אָבער דער וואָס קען איהר, ווייסט, אַז אַנ'אַנדערע קען זי נישט זיין. די דאָזיגע פֿרוי האָט אַ קערפּער פֿון פֿלייש און ביינער, אָבער איך צווייפֿעל צי זי פֿערמאָגט בלוט... אפֿשר נאָר אַ ביסעל פֿערוואַסערט בלוי בלוט. נאָר אין דער לעצטער מינוט איז זי אויפֿגעבראַכט געוואָרען פֿון דעם דאָזיגען הער'ס כוונות. פֿריהער האָט ער זי פֿונדעסטוועגען גאַנץ גוט געווילט. משלח געווען האָט איהם פֿון דאַנען וואַלדעמאַר. איך קען אייך פֿערזיכערן, אַז אין די ביירע מיכאַראָווסקי'ס האָט איהר גרויסע, אויסערגעוועהנליכע גוטע פֿריינד.

דאָס באַטאָנען פֿון „אױסערגעװײנלעכקײט“ איז סטעפֿען נישט געפֿעלן געװאָרן. זי האָט לעבעדיק אָפּגעענטפֿערט:

— איך בין זײער דאַנקבאַר, איך מײן אָבער, אַז די פֿרױ עלזאַנאָװסקאַ שטײט בײַ אײַך אױך אונטער?

— זי האָט אײַך זײער גערן, און לוציע איז אײַך ממש פֿאַרליבט.

— דאָס איז זײער אַ װױל מײדל. נעבעך! זי האָט פֿאַרדרוס אױף מיר איבער פּראָנטניצקיס אײַנקפֿאָהרן. זי פֿאַרשטײט, אַז איך האָב גערעדט װעגן דעם מיט דעם הער מאַציעי.

— נו! דאָס איז אַ קינד נאָך! — האָט פֿרײַלײַן ריטאַ אױסגערופֿן — עס האָט זיך שנעל אָנגעהױבן און עס װעט זיך שנעל ענדיקן.

— גיב גאָט! דאָס פֿאַרשאַפֿט מיר שטענדיק צער.

זײ זענען צוגעגאַנגען צו דער אָראַנזשערײ. דער אַלטער גערטנער האָט באַגאָסן די װאַזאַנען-בלומען. די זון איז הינטער די פּאַרק-בײמער אונטערגעגאַנגען, אָראָפּשװימענדיק אין אַ פֿײַערדיקע קױל אַלץ נידעריקער, און אַ ראָזע לבנה האָט באַלױכטן די בלומען און געגלאַנצט אױף די שױבן פֿון דעם ספּעקט.

סטעפֿע האָט איהר אָנגעהױבן צו באַװײַזן די באַליבטע בלומען, אױסרופֿענדיק זײערע נעמען. אַן אױפֿגעלעבטע אַ שמײכלענדיקע, האָט זי געהױבן די שװערע בלומען-טעפּ, און געשמעקט די בלומען. פֿרײַלײַן ריטאַ אָנגעטון אין אַ לאַנגער אַמאַזאָנען-קלײד, און אָנגעשפּאַרט אין די שױבן פֿון דער אָראַנזשערײ האָט זיך אױפֿמערקזאַם צוגעקוקט צו סטעפֿען. עס האָט איהר געװאונדערט דער גערטנער, װעלכער האָט געקוקט אױף סטעפֿען, װי אױף אַ רעגענבױגען. דער דאָזיגער אַלטער מאַן, װאָס האָט שױן פֿון לאַנגע, לאַנגע יאָהרען פֿאַרנומען זײַן פּאָסטען אין סלאָדקאָװיץ, איז שטענדיק געװען אָנגעשטױסן, און כּמעט קײנמאָל נישט און מיט קײנעם נישט גערעדט, ברוגז ברומענדיק אױף אַלע. נאָר װאָלרעמאַרן אַלײן און איצטער סטעפֿען איז געלונגען צו געפֿינען ח אין זײַנע אױגען.

פֿרײַלײַן ריטאַ האָט געטראַכט װעגן סטעפֿען.

— צי קען זי זײַן געגליכן צו די דאָזיגע ספּעקט-בלומען?... פֿאַר קײן פֿאַל נישט. זי איז אַ פֿרײַער נאַטירליכער בױם, װאָס איז פֿול מיט חיות און װערט דערװאַרעמט פֿון דער זון און נישט דורך דער קינסטליכער װאַרעמקײט אַ בלום אַן אײַדעלער, מיט אַ דעליקאַטן אָנגענעהמען ריח, װאָס איז נישט ענהליך צו די װאַזאָנען-בלומען, צו די שטײַפֿע און די צוגעבונדענע צו די שטעקלעך. מיר שטעלען עס מיט זיך פֿאַר די דאָזיגע בלומען — האָט זי װײַטער געטראַכט — מיר, װאָס געפֿינען זיך אין די ראַהמען פֿון אונזערע ספֿערען, װעלכע זענען, װי די װאַזאָנען, און מיר זענען צוגעבונדען צו אונזערע אַבגרענעצונגען, װי זײ צו די שטעקלעך.

— וועגן וואס טראכט איהר עס אזוי? — האט סטעפע א פרעג געטון.

— איך קלער וועגן דעם, ווי אנדערש איהר זענט, ווי ניט ענליך צו די דאזיגע וואזאַקן-געוויקסן. איהר דערמאנט אין די סטעפן, וואס זענען פריי זייט מיט קוויטן, מיט דרייסט צווישן שטענגלען און פולע מיט פאעזיע און צארטע מוזיק.

סטעפע האט זיך פונאנדערגעלאכט.

— ס'איז א פערגלייך, וואס איז צו שמייכלענדיג פאר מיר, אבער א שע־נער פערגלייך — האט זי געזאגט.

— דאס איז ניט מיין פערגלייך, נאר וואלדעמאר'ס. איך האב אייך נאך גאר קנאפ געקאנט ווען וואלדעמאר האט אייך אזוי באצייכנט. או! אט, א זע־נען זיי אויך שוין דא.

עס זענען אנגעקומען די הערן. טרעסטקא האט געקוקט אויף סטעפען מיט אן אויפגעהויבענעם קאפ. וואלדעמאר איז געגאנגען א פערטראכטער. ריטא האט זיך צו איהם אפגערופן:

— עס געדענקט איהר דעם פערגלייך, וואס איהר האט געמאכט: די פריי־לייך סטעפאניא און א צובלומטער סטעפ? — איך בין היינט מיט אייך אינגאנצן מסכים.

מיכאראווסקי האט א קוק געטון אויף דער פריילין ריטא, דערנאך אויף סטעפען, און א פרעג געטון:

— פארוואס איז עס אייך היינט געקומען אויפ'ן זינען?

— מחמת פריילין סטעפאניא, דא, צווישן די בלומען, דערמאנט מער, ווי אלעמאל אין א לאנקע.

— ניין, שטענדיג סטעפעס — האט וואלדעמאר געזאגט — ברייטע, ווייטע אוקראינישע סטעפעס. א לאנקע — איז א צו בעגרענעצטער בעגריף. איהר האט אין זיך עפיס מער שווינגענדיגעס.

ער האט געמאכט א ברייטע באוועגונג מיט דער האנד.

סטעפע האט זיך ווידער פונאנדערגעלאכט.

— ע, מיינע הערשאפטען, דאס זענען שוין צו גרויסע קאמפלימענטן.

— איהר רעדט אזוי מיט'ן צוועק צו ארויסרופן נאך גרעסערע — האט וואלדעמאר געזאגט, צוגעהענדיג צו דער אראנזשעריע.

ווען ער האט זיך דערווייטערט, האט טרעסטקא מיט צוויי פינגער פער־ריכט זיינע פענסנע, און האט זיך אפגערופן מיט א מינע פון א מבין:

— מיר איז אויפ'ן רעיון געקומען אן אנדער פערגלייך. אטא זעהט די פריילין ריטא אויס ווי א מאנומענט, פון מאיאס-אטענא. אייך פעהלט נאר א פאנצער, א העלם און א שפיז. אבער דאס אלץ פערמאגט איהר... מאראליש — האט ער געזאגט מיט א רייצנדהאפטען שמייכעל.

— עס פרעהט מיך זעהר. דאס הייסט, אז מיט דעם מאראלען שפיז פער־וואונדיג איך אייך, מיט'ן מאראלען פאוצער בעשיץ איך זיך געגען אייך... און וואס נאך מאראלעס האב איך אין זיך? איבעריגענס גענוג וועגען דעם צו רע־דען! איצטער בעט איך איהר זאלט די פריילין סטעפאניא פערגלייכען צו אגעטין.

— פריילין סטעפאניע איז אזוי ווי ווענוס, וואס איז פריש נאר וואס ארויס פון דעם ים־שוים.

— און איהר זענט, ווי א סאטיר, וועלכען עס פעהלט נישט קיין ביזוויליגקייט — האט איהם סטעפע איבערגעשלאגען.

— אויסגעצייכענט! און הערנער, גיט אויך צו — האט פריילין ריטא פרעהליך אויסגערופען. — איהר זענט אונערטרעגליך, הער טרעסטקא. איך זעה שוין, אז איך וועל אין אייך קיינמאל שוין נישט ענטוויקלען דעם געשמאק. ווי אזוי האט איהר מיך געקענט פערגלייכען מיט עפיס א מיאוס'ער, אלטער פאלאס־אטענא? איך האב געמיינט, אז איהר וועט מיך פערגלייכען מיט דיאנא'ן. דער פריילין סטעפע האט געהערט — העבא, די געטין פון דער יוגענד, אדער פסי־כע. דאמאלסט וואלט איהר גופא אפשר געבליבען ביי הערמעסען.

— איך דאנק אייך זעהר פאר דעם כבוד.

— עס געפעלט אייך נישט? הא! נו, מילא! אויף א יופיטער צו זיין — זענט איהר נאך צו קנאפ קוואליפיצירט. יא! אבער וואו איז אוועק דער הער מיכאראווסקי?

— ער שמועסט מיט'ן גערטנער.

— איך בין דא — האט מיכאראווסקי זיך אפגערופען. — באלד וועל איך קענען זיין צו אייער דינסט.

אין א ווײלע ארום זענען אלע צוריקגעגאנגען צום פאלאץ.

איצטער איז שוין פריילין ריטא געגאנגען פאראויס מיט טרעסטקאן, און און סטעפע איז נאכגעגאנגען נעבען וואלדעמאר'ן.

זיי זענען געגאנגען מיט א שמאלען וועגעל, וואס פון ביידע זייטע זייטען האבען געוואקסען מאלוועס.

די הויכע פונאנדערגעבליהטע קושאקעס האבען געבילדעט א פיל־פארביגע וואנד; א דעליקאטער האניג־ריח האט זיך געטראגען פון די פלאכע בלומען, אויס־געמישט מיט די ריחות פון די בליהענדיגע ליפעס און מיט דעם ווארעמען הויך פון דער אזערע.

דורך דער בלעטער־מאסע און די צווייגען האבען פאליעס געשיקט דעם ווארעמען אטעם אויף די בלומען, שאקלענדיג זיי שטיל, ווי איינוויגענדיג צום שלאף. גאנצע וואלקענדלעך פון קאמארעס און קליינע פליגעלעך האבען זיך גע־שאטען אויף די צווייגען און אויף די ברייטע בלעטער פון די בלומען. עס איז

עפּיס דאָ געווען אַ גרויסע שטילקייט, און עפּיס אַ בענקשאַפט, וואָס איז, דאַכט זיך, אַראָפּגעשוואומען פון די קושאַקעס און פון דעם מורמלען פון דער אָזיערעס פאַליעס, וואָס האָבן זיך געקלאַפּט אָן די ברעגען.

וואָלדעמאַר האָט געשוויגן, און זיין בעגלייטערין — אויך. ער איז געווען פערטראַכט, און זי — נאָך ארומגענומען פון דער פריהערדיגער פרעהליכקייט. לסוף האָט זי זיך די ערשטע אָפּגערופען:

— פאַרוואָס זענט איהר עפּיס נישט גוט געשטימט?

ער האָט אויף איהר פערהאַלטען זיין דורכדרינגליכען בליק.

— איך בין דענערווירט, און דאָס טרעפט מיר אָפטערס אין דער לעצטער צייט. דערביי רעגט מיך טרעסטקאַ אויף.

אין איהרע געדאַנקען האָט סטעפע צוגעגעבען, אַז עס רעגט איהם אויף דאָס, וואָס טרעסטקאַ אַסיסטירט שטענדיג דער פריילין ריטאַ. זי האָט זיך דער־מאָהנט, אַז די לעצטע איז פערליבט אין וואָלדעמאַר'ן אָהן געגענזייטיגקייט.

זי האָט דערפיהלט, ווי עפּיס האָט אין איהר האַרצען אַ שטאָך געטון. נאָך אַ קורצער נישט־זיכערקייט האָט זי געזאָגט:

— אָן אייך נאָר ווענדט זיך עס, אַז דער גראַף טרעסטקאַ זאָל אייך אויפ־הערען אויפצורעגען.

— אָן מיר? נו, יאָ. אַ ביסעל זאַלצט ער איבער זיינע קליינליכע וויצען, נאָר נישט שטענדיג קען מען עס סובל זיין, און אויסמיידען אַ סקאַנדאַל. טרעסט־קאַ איז קודם כל שלעכט ערצויגען, אָדער ער פּאָזירט עס פאַר אַזעלכען, מיינענ־דיג, אַז עס פּאַסט איהם שטאַרק. דערביי איז ער אַ זעהר פרעכער צינגיקער.

סטעפע האָט נישט פערשטאַנען, וואָס וואָלדעמאַר מיינט מיט דעם צו זאָ־גען, זי האָט אָבער געענטפערט, נאָכגעהענדיג דעם אייגענעם געדאַנק:

— פריילין ריטאַ טראַקטירט איהם זעהר אויבערפלעכליך. מיר איז אַ וואונ־דער, וואָס ער, אַ מעהר־וועניגער ספּריטנער, זעהט עס נישט.

— פריילין ריטאַ האָט זיך מיט וועמען צו אַמפּערען וועגען פערד, און דאָס ווילט איהר — האָט ער גלייכגילטיג געזאָגט.

— איך מיין, אַז גיכער לאַנגווײלט דאָס איהר — האָט סטעפע בעמערקט.

וואָלדעמאַר איז געבליבען שטעהן.

— פריילין סטעפאַניאַ, צי וואָלט איהר נישט געקענט אויסגעפינען עפּיס אַנ׳אינטערעסאַנטערען ענין צום רעדען? טרעסטקאַ, פריילין ריטאַ און זייערע גע־פיהלען — דאָס איז זעהר נישט קיין ווײלענדיגער טעמאַט.

— ענטשולדיגט מיר — האָט סטעפע קאַלט געזאָגט — איך האָב זיך נישט פער־טראַכט וועגען דעם, צי פערשאַף איך אייך אונאַנגענעהמעס מיט דעם דאָזיגען געשפּרעך. איהר האָט אָבער אַליין אָנגעהויבען.

— איך האָב גערעדט וועגען טרעסטקאַ'ן, נישט וועגען דער פריילין ריטאַ.

— אָבער דאָס, וואָס איהר האָט גערעדט האָט געהאַט אַ שייכות מיט איהר.

— אַ האָר גיִשט! — האָט ער געזאָגט אויפהויבענדיק די ברעמען, און שאָקלענדיק אויף ניין מיט'ן קאָפּ. ער האָט געקוקט אין סטעפאַס אויגען, וואָס זיינען געווען פול מיט צאַרטדיקע פונקען, האָט אַ שמייכעל געטאָן און געזאָגט:

— איך זעה, אַז איך מיט אייך פערשטעהען זיך ניִשט.

— עס קען זיין. און איך, איבעריגענס, שטענדיק — האָט זי אַ צווייטע געזאָגט.

— וואָס האָט איהר געמיינט אין געטראַכט, רעדענדיק וועגען ריטאַ'ן? איך בעט אייך, אַז איהר זאָלט עס מיר זאָגען.

— איהר וועט מיר ענטשולדיגען, אָבער עס פערדריסט מיר אַזוי אויף מייוועניגערטער. אַז איך וויל זיי גאָרניִשט איבער'חזר'ן. איך האָב פּאַקטיִש אומדיסקרעט געהאַנדעלט.

ער האָט אויפמערקזאַם אויף איהר אַ קוק געטון.

אַך, כ'פערשטעה שוין... זעהר פיין! איך קען אייך צו ווינשען מיט אייער אופן און באַלענט צו בעמערקען זאַכען. האָט איהר, הייסט עס, טאַקי געררעכענט, אַז טרעסטקאַ רעגט מיך אויף מיט זיין שטענדיגען נאָכגעהן און פערנעהמען זיך מיט דער פריילין ריטאַ? און איהר האָט וועגען דעם געקענט כאָטש איין רגע טראַכטען?

סטעפאַ איז זיך געגאַנגען, אין כעס אויף זיך און אויף איהם. זי האָט געהאַלטען אין האַנד אַ פלאַכען מאַלווע-בלום, און געצופּט איהם מיט די פינגער, ניִשט ענטפערענדיק.

וואַלדעמאַר האָט אויף איהר אַנ'אויפגערעגטער געקוקט און ניִשט דערוואַרטענדיק זיך אויף אַנ'ענטפער, האָט ער אַ הויב געטון מיט די פּלייצעס און אויסגערופען:

— איהר רעגט מיך צייטענווייז אַזוי אויף, אַז איך קען ממש ניִשט רעדען רוהיג. פאַר וואָס זשע ענטפערט איהר ניִשט, פריילין סטעפאַניאַ?

— איך וויל אייך ניִשט נאָך מעהר אויפרעגען. איבעריגענס האָב איך שוין מעהר גאָרניִשט וואָס צו זאָגען.

— דאָס איז דאָס לייכטסטע! — האָט ער אַרויסגעפּלאַצט — מען קען פּאַקטיִש מיט אייך ניִשט רעדען.

— טאָ בעמיהט זיך ניִשט!

ער האָט צונויפגעקנייטשט די ברעמען און די ליפּען האָבען איהם אָנגעהויבען צו ציטערען פאַר כעס.

— איהר זענט, זעה איך, גאָר פריינדליך! — האָט ער איראָניִש געזאָגט.

— איך מוז אַזוי זיין צו אויפהאַלטען אין גלייכגעוויכט אייער פריינדליכקייט...

— מיינע איז גאָר אַנ'אַנדערע.

— אָ, יאָ.

— זיי זענען געבליבען שטעהן ביי דער וועראַנדע.

— וואָס איז עס? איהר קריגט זיך ווידער? — האָט פֿריילין ריטאַ אַ פֿרעג געטון, בעמערקענדיג די שטאַרקע רויטקייט אויף סטעפּעס פּנים, און וואַלדעמאַרס אויפֿגערעגטקייט. דער לעצטער האָט געענטפֿערט:

— אַך! ניין. אין דערוויַיז גאָר דער פֿריילין סטעפּאַניאַ, אַז די פֿרוי דאַרף קענען אַ כּך פֿערשטעהן, און אַזוי אויפֿכאַפּען אַלץ, וואָס עס טוט זיך אַרום איהר, ווי אַ נעץ די זומער פֿליגעלעך.

— אַ פֿרויענצימער דאַרף ערשטענס זיין פּיקאַנט — האָט טרעסטקאַ אַרויסגעטראָגען זיין משפּט.

— אַזוי ווי איך? אמת? — האָט זיך, ריטאַ נערוועז פֿונאַנדערגעלאַכט.

טרעסטקאַ האָט אָנגעהויבען צו דרש'נען וועגען פֿרויען, און וואַלדעמאַר האָט פֿון דער זייט אַ קוק געטון אויף סטעפּען, און אַ טראַכט געטון:

— אַ! איהר פֿעהלט עס אויך נישט.

דאַ האָט אָנגעהויבען צו רעדען די פֿריילין ריטאַ:

— ווען וועט איהר אונז אַמאָל נעהמען קיין גלעמבאָוויטש? איהר האָט אונז שוין פֿון לאַנג צוגעזאָגט.

— איך בעשטים נישט קיין טאָג, דאָס ווענדט זיך אין אייך. די גלעמבאָוויטשער טויערען זענען טאָג-טעגליך אָפֿען, כּדי אויפֿצונעהמען געסט.

— לאָמיר מאַכען היינט נאָך אַ געמיינזאַמע בעראַטונג מיט אייער זיידען און מיט אידאַליען. לאָמיר געהן.

פֿריילין ריטאַ און טרעסטקאַ זענען אַוועקגעגאַנגען פֿאַראויס. און ווען סטעפּאַ איז אַריין אין טיר, האָט וואַלדעמאַר, וואָס איז איהר נאָכגעגאַנגען געזאָגט מיט אַ שטילער שטימע:

— איך בין אונגעהויער צופֿרידען, וואָס איהר וועט דערקענען גלעמבאָוויטש. אייך בעזונדערס בעט איך — איהר זאָלט קומען. אַלע קענען שוין מיין שוב, אויסער אייך.

— אַ דאַנק — האָט זי קאַלטבלוטיג געזאָגט.

— זענט איהר דען ברוגז אויף מיר? — האָט ער אַ פֿרעג געטון, פֿערשטעלענדיג איהר דעם וועג.

זי האָט אויף איהם אויפֿגעהויבען איהרע אויגען.

— הער מיכאָראָווסקי, איך בעט אייך איהר זאָלט מיך דורכלאָזען.

— איך וועל נישט אָפּטרעטען כּל זמן איהר וועט מיר נישט ענטפֿערן, צי איהר זענט ברוגז אויף מיר?

— ניין.

— איך ערלויב זיך צו צווייפֿלען אין דער אויפֿריכטיגקייט פֿון אייער ענטפֿער. איך האָב אייך אָנגעגריפֿען — איך בין אָבער אַליין געוועזען שרעקליך אויפֿגערעגט. איצטער בעט איך אייך איבער. איהר וועט מיר נישט דערלאַנגען אייער האַנט אויף שלום?

סטעפּע האָט שנעל אויסגעשטרעקט איהר האַנד, וועלכע ער האָט שטאַרק געדריקט, איינבויגענדיג נידריג זיין קאָפּ.

זיי האָבען ניִשט בעמערקט ריטאַן, וואָס איז געשטאַנען אויף די טרעפּלעך, און וועלכע האָט זיי גוט געזעהן.

זי האָט זיך נערוועז א בעוועג געטון און אויסגערופען מיט א געענדער־טער שטימע:

— אַז עס איז שוין אָפּגעמאַכט שלום בעט איך אויף אווענד־ברויט. אידעאַליע וואַרט.

וואַלדעמאַר און סטעפּע זענען שוויינענדיג אַרויף אויף די טרעפּען. ריטאַ האָט גערעדט מיט אַן׳אוננאַטירליכען קול, בעשטאַנענדיג יעדער פראַזע.

— מיר דאַרפען נישט אַזוי לאַנג שפּאַצירען אין פּאַרק איצטער זענען די פאַרנאַכטען צו צויבערנדיגע...

— וואָס, דער גראַף טרעסטקאַ האָט זיך אייך ערקלערט אין ליבע? האָט וואַלדעמאַר אַ פרעג געטון.

די געפרעגטע איז בלאַס געוואָרען.

— ניין, אָבער... איך וועל עס אפשר טון — האָט זי אַ זאָג געטון רויִשענ־דיג מיט די זיידענס, און איז אַרויס.

ביי סטעפּען האָט אָנגעהויבען שטאַרק צו שלאָגען אין די שלייפען.

XVI.

שניט. די קאָרענע און גערשטענע פעלדער בויגען זייערע שוואַרצע קעפּ. דאָס טרעשטשען פון די זאַנגען בעווייזט, אַז די קערנער זענען שוין צייטיג. א זשומען פליהט דורך די פעלדער, אַזוי ווי א רחמנות׳דיגער ציטער, ווי א פאַרגעפּיהל פון טויט... און די וועלט איז אַזוי שען! די ליכטיגע בלויקייט, די גאָלדענע זון און ווארימע הויכען בילדען צוזאַמען אַ פאַרביגע בעצויבערנדיגע גאַנצקייט.

זומער! זומער אין זיין גאַנצער שענקייט, אין זיין גאַנצער פולקייט! א היטצער, אַ ברענענדיגער וואָס דריקט אַרויס דעם שווייס אויף די שטערענס פון די אַרבייטער, די איינגעבויגענע ביי דער אַרבייט, א רייכער זומער, אַ צעזונגענער. אין די פעלדער אַז אין די לאַנקעס שרייען פויגעל, עס פּילדערן די זשאַבעס און עס צווישערן די קליינע זומער־פויגעלעך.

יעדען פריהמארגען איז טומלדיג און פרעהליך איבער די צייטיג-געווארענע תבואות! די פעלדער, וואס זענען שוין אפגעשניטען — טוליען זיך צו דער ערד. זייערע לאנגע האר, געבונדען אין סנאפעס, שטעהען סטויגעווייז אזוי, ווי די מצבות אויף א בית עולם. די תבואות, וואס זענען נאך נישט אפגעשניטען בויגען די קעפ אויף די אפגעשניטענע חברים, און טראכטען אומעטיג, וועגען זייער גורל. שטיל מורמלען זייערע תפלות בעגלייט פון די פויגעלשע געזאנגען. ווען די זון שווימט, ווי א פאנצער ארויס אויף דעם הימעל-תכלת ווערט אלץ אנטשוויגען, מחמת אנדערע שטימען דערהערען זיך, פערטרייבענדיג דעם צווישערן און צעיאגענדיג די פויגעלשע חתונות. שווער איז שוין דאמאלסט צו זינגען איבער די אפגעשניטענע סנאפעס, ווייל א שארף קריצען פון די סערפעס ברענגט דעם סוף פון זייערע חלומות. נאך מעהר שרעק ווארפען אן די גרויסע שניט-מאשינען, וואס פאהרען איבער די פעלדער. פון דערווייטענס לאזען זיי זיך שוין הערען. די גרויסע פליגלען זייערע אויף די רוקענס, דער גרויסער שאראם זאגען אן די דערנעהנטערונג פון די דאזיגע פערזעהענישען, וואס ווערען געשלעפט דורך די פערד. די מאשינען געהען אריין אין די פעלדער און הויבען אן זייער ווערק פון טויט. דאס רודערן הערט נישט אויף. די אייזערנע צייהנער גריזשען אהן רחמנות די טונקעלע גערשטען און די גאלדענע קארן. די גרויסע פליגלען צעפלאטערן זיך, נעהמען אן די זאנגען מאסענווייז און צעלייגען זיי אין די זייטען. די שארפע צייהנער טראגען דעם טויט, און שאפען אהן אויפהער אט די טרופעס.

אנדערע מאשינען-פערזעהענישען בינדען ווידער די זאנגען אין סנאפעס און ווארפען זיי אין דער לופטען, ווי די באלעס. דערשראקענע פויגעל, נישט ווילענדיג קוקען אויף דעם שניט זענען אין וואלד אוועקגעפלויגען, און אויפ'ן פעלד לויכט א העלע זון א גלייכגילטיגע צו דעם, וואס ארום טוט זיך. עס בלייבען נאר אויס די מענשען וואס ארבייטען מיט פרעהליכע געזאנגען.

נאכמיטאג, ווען די זון האט זיך שוין צו מערב געבויגען, איז צווישען די גערשטען-פעלדער, וואו עס האבען געארבייט די שניטערינס — געפאהרען א קליינע גרופע רייטערס. צוויי אמאזאנקעס און צוויי הערען זענען געפאהרען אין א גלייכער ליניע. פרייליין ריטא אויף א וואויקסיגען „טויבלוט" אין א שווארצער אמאזאנקע און אין א צילינדער, האט אויסגעזעהן זינעריש. נעבען איהר — טרעסקא, אין אנ'ענגליש הימעלע — האט זיך שלאנגיש בעוועגען אויפ'ן פערד. די צווייטע פאר איז געווען — וואלדעמאר און סטעפע. ער, אין אנ'עלעגאנטען קאסטיום אין הויכע שווארצע באטפארטען מיט שפארען, וועלכע עס האבען געטראגען מיליטער-לייט אין נאפאלעאנ'ס צייטען — איז געזעסען, ווי צוגעמויערט צו רייטפערד, צום ריינבלוטיגען „אראבער". ער האט פראכטפול געריטען און אויסגעזעהן אויפ'ן פערד מאנומענטאליש. אין איהם איז געווען עפיס אזוינס, וואס האט דערמאנט אין א הערשער. סטעפע אין א גראנאט ענגליש קלייד און

אין אַ קאַפּעליוש, איז געפֿאָרן דרייסט און שלאַנק אויף דער קאַרער „אַראַבע־איך" — עראַטאַ, אויך וואַלדעמאַרס אַ פֿערד.

וואַלדעמאַר האָט נאָענט געריטן, און איז אויפֿמערקזאַם געווען אויף יעדער באַוועגונג פֿון איר. ער האָט זיך נאָענט אויפֿגעהאַלטן, מאַכענדיק איר פֿאַרשיידענע באַמערקונגען.

— איר האָט שוין אַ מאָל מסתמא געריטן? — האָט ער אַ פֿרעג געטאָן
— מחמת עס זעט אויס, ווי איר פֿאָרט נישט דאָס ערשטע מאָל.

— איך האָב שוין אַ ביסל געפּרובט צו רייטן, נאָר אויף אַ מאַנעזשישן זאַטל און אויף אַ קליין פֿערדל. אויף אַזאַ פֿיינעם רייטפֿערד געפֿין איך זיך צום ערשטן מאָל.

— איר זענט באַשאַפֿן צו זיין אַן אַמאַזאָנקע. איך בין אַ מבֿין אויף דעם — האָט טרעסקאַ אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג.

סטעפֿע האָט אַ קוק געטאָן אויף וואַלדעמאַרן, ווי פֿרעגנדיק: — „וואָס זאָגסטו? מיט יענעמס מיינונג רעכן איך זיך נישט".

וואַלדעמאַר האָט אַ ווייל אַ קוק געטאָן אויף דעם מיידעלס אויגן. ער האָט פֿאַרשטאַנען, וועגן וואָס זי פֿרעגט, האָט אַ שמייכל געטאָן און אַ שאָקל געטאָן מיט'ן קאָפּ אויף „יאָ".

— איך זעה גוט אויס? — האָט זי געפֿרעגט פֿאַר'עקשנ'ט.

— אויסגעצייכנט! — האָט ער געזאָגט מיט אַ שמייכל.

סטעפֿעס פּנים האָט זיך שטאַרק פֿאַררויטלט. עס האָט געמאַכט דעם איינדרוק ווי איר פּנים וואָלט זיך פֿונאַנדערגעבליט. זי האָט שטאַרק אַ שמיץ געטאָן מיט'ן בייטש, עראַטאַ האָט זיך אַ ציִה געטאָן און אָנגעהויבן צו לויפֿן. סטעפֿעס קלייד האָט איר געשמיסן אין די אויגן. אַ שטויב האָט זיך אויפֿגעהויבן. פֿרייליין ריטאַ האָט אַ געשריי געטאָן און טרעסקאַ האָט אָנגעהויבן צו פֿילדערן:

— ציִהט די לייצעס... שטאַרקער!

וואַלדעמאַר האָט אָבער שוין אַוועקגעלאָזט זיך אויף זיין פֿערד מיט האַלאָפּ. אַמאַליאַ האָט כמעט די ערד נישט באַריהרט.

צוויי דינער, וואָס האָבן הינטן נאָכגעריטן, האָבן זיך אויך אַ יאָג געטאָן. פֿרייליין ריטאַ האָט זיי אָבער מיט'ן האַנט פֿאַרהאַלטן.

— אויב דער הער מיכאַראָווסקי וועט אַליין נישט דעריאָגן, וועט איר פֿיי־ווי גאַרנישט מאַכן. און אַ שטאַרקער טופּען שרעקט די קליאַטשעס.

פֿונדעסטוועגן האָבן זיי זיך אַלע אַ יאָג געטאָן פֿאָראויס, נאָר סטעפֿע און וואַלדעמאַר זענען פֿאַרשוואונדן פֿון די אויגן, הינטער דעם געדיכטן שטויב.

ערפאטא האט זיך געיאגט, ווי א ווילכער, און גלייך לעבען איהר איז געפלויגען אפאללא. וואלדעמאר האט זיינע אויגען איינגעשפיזט אין סטעפען, נאר זעהענ־דיג, אז זי האלט זיך פעסט און פערלירט זיך נישט, האט ער גשוויגענדיג, מורא־האבענדיג צו דערשרעקען ערפאטאן. מיט א פאר שטארקע שפרונג האט ער זיך אויס־געגליכען מיט סטעפעס פערד, און אנגעכאפט איהם שטארק פאר'ן צוים. דער רייט־פערד, דערשפירענדיג די שטארקע האנד האט פערקלענערט דעם טריט. דאמאלסט האט זיך וואלדעמאר אנגעהויבען צו רייצען:

— איך האב אייך טאקי געהאט פארואס צו ליבען! שען, זעהר שען...

סטעפע האט גיך געאטעמט, עטוואס א בלייכע און צו'איבערגעשראקענע. זי האט זיך אבער פרעהליך צו איהם פונאנדערגעלאכט:

— איהר דארפט טאקי ליבען, ווארום אגטשטאט אראבצופאלען זעהט איהר מיך דא זיצען אויפ'ן זאטעל. איך האב אפילו די היט בעפרייט פון די רייט־אייזענדלעך.

— אומזיסטע?

— יא, אויף יעדען פאל.

— נא, איהר ווייסט, אז איך האב זיך אויף אייך נישט גערעכענט, איהר זאלט אין אזא געפעהרליכען פאל זיין ביים פולען בעוואוסטזיין. בראוואו! בראוואו! און איך האב זיך געיאגט, ווי א משוגענער. די האאר האבען זיך מיר קאפויר געשטעלט פון דעם געדאנק, אז איהר האט געקענט אראפפאלען.

סטעפע האט בעמערקט, אז ער איז געווען בלאס און קענטיג איבערגע־שראקען. זי האט איהם געוואלט דערלאנגען איהר האנד. ביי איהם זענען אבער ביידע הענד געווען פערנומען — האט זי חנ'ט צו איהם געזאגט:

— איך בין אייך זעהר, זעהר דאנקבאר... און איך בעט איהר זאלט מיר ענטשולדיגען.

— פאר וואס?

— פאר... איהר האט זיך פע'מאטערט.

— גיכער דערפאר, וואס איך האב זיך מיאוס דערשראקען, וואס עס טרעפט מיט מיר זעהר זעלטען.

— וואס וואלט דען אויסגעוועזן, ווען איך פאל אראפ? נארישקייטען.

— איהר זענט נאר א קינד...

עס זענען אנגעקומען ריטא, טרעסטקא און די דינער.

— אוף, איך האב א געוואלדיגע גרעסע צוליב אייך! — האט דער גראף געשריגען. — מיר האבען זיך אזוי געיאגט, אז איך לעב קוים. אז איך וועל קריגען א הארץ־שלאג, וועט איהר זיין אין דעם שולדיג. נאך מעהר דערפאר, וואס איך זעה, אז מיין אנוועזענהייט איז דא נויטיג.

— הער גראַף, די ענדע מאַכט קאַליע דעם עפֿעקט פֿון דעם גאַנצן — האָט סטעפֿע געזאָגט מיט אַ פּלומר'שטן ערנסט.

פֿרײַלין ריטאַ האָט איהר גראַטולירט מיט'ן גוטן האַלטן זיך אויפֿ'ן פֿערד; דערנאָך האָבן זיי פֿאַרקערעוועט צו די שניטערס. די בינד־מאַשינען האָבן זיך גלײַך געקײַקעלט, אַרויסוואַרפֿענדיג די פֿאַרטיגע סנאָפּעס; ווײַטער האָבן זיך געזעהן אַ רייהע איבערגעבויגענע יונגע פֿויערטעס אין רויטע ספּוד־ניצעס און אין ווײַסע העמדער; די סערפּעס האָבן געבליצט אין זייערע רויטע הענד; זיי האָבן געטראָטן פֿאָראויס מיט דערהיצטע שטערנס און מיט לידער אויף די ליפּען. לאַנגע וואָגנס, פֿעטע, אײַנגעשפּאַנטע אין וואָקסיגע געזונטע פֿערד, צום מעהרסטן „גניאַדע" האָבן אַראָבגעפֿיהרט די פֿאַרטיגע קופּעס, אויפֿקפֿיהרענדיג זיי אין די שפּײַכלערס איבער די פֿאָלוואַרקן און צו די לאָקאָ־מאָבילן, וואָס האָבן געדראָשען אינמיטן די פֿעלדער. די גרויסע, האָרע פּאַשנע פֿויערים אין די ווײַסע לײַוונטענע מלבושים און אין די שטרויענע קאַ־פּעליושן האָבן געהאַט דעם טיפּישן אויסזעהן פֿון די היזיגע מענשען.

ווען די רײַטענדע האָבן זיך דערנעהנטערט צו די בינד־מאַשינען, איז צו זיי צוגעפֿאָהרען דער פֿערוואַלטער, אויך אויף אַ פֿערד, אַ'ענערגישער יונגערמאַן, מיט אַ פֿײַערדיגער פֿרייקייט — האָט ער זיך פֿערנייגט פֿאַר זיי. מיכאַלאָוו־סקי האָט איהם פֿאָרגעשטעלט פֿאַר די דאַמען.

— הער אַסטראָושענסקי, מײַן געהילף, נאָך מעהר, מײַן רעכטע האַנד.

— נאָר די לינקע — האָט זיך פֿרעהליך אָפּגערופֿען דער פֿערוואַלטער.

די דאַמען האָבן מיט אַ שמייכעל אײַנגעבויגען די קעפּ.

— און וואו זענען די פּראַקטיקאַנטען? — האָט וואַלדעמאַר אַ פֿרעג געטהון.

— איך האָב זיי נעהנטער צו דער רעזידענץ איבערגעלאָזט. מיט מיר זענען דאָ נאָר צוויי עקאָנאָמען פֿון בושאַוואָ און ראָמני.

— און די בינד־מאַשינען ווערען נישט קאַליע? דער מעכאַניקער איז אַ גוטער!

— אַ'אויסגעצייכנעטער! ווי דער בעסטער ענגלענדער.

טרעסקאַ איז נעהנטער צוגעפֿאָהרען און אַ פֿרעג געטהון:

— איך וואָלט גערן געוואָלט וויסען פֿון וואַנען האָט איהר געבראַכט די בינד־מאַשינען. איך זעה, אַז דאָס סיסטעם איז אַמעריקאַניש, און די פֿירמע איז אַ וואַרשעווער.

— דאָס זענען אײַנלענדישע, אונזערע, אונזער אַרבייט, און אונזער אײַזן. איך האָב געבראַכט אַ מאָנטער פֿון מאַק־קאָרמיק'ס פֿאַבריק, און אונטער זײַן די־רעקציע האָט אַ וואַרשעווער פֿירמע געמאַכט דאָס זעלבע.

— אָבער יענער זעהט דאָך נישט אויס, ווי אַן אַמעריקאַנער!

— ר'איז אַ געבוירענער אַ וואַרשעווער. איז נאָר אַ שילער פֿון יענעם.

טרעסקאַ האָט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

— נו, און זײ אַרבײטען גוט. זײ װערען נישט קאַליע אַלע װײלע.

— זעהר זעלטען. איבעריגענס מיט די אױסלענדישע געשעהט עס אױך. די מענשען קענען שױן די מאַשינען, דער מעכאַניקער איז אַ פֿײנער — געהט די אַרבײט צו גוט.

— אױסערגעװעהנליכע זאַכען! נסים! — האָט געמורמעלט דער פּערװאָנ־דערטער טרעסטקאַ.

— װען אַלע טוען עס אַזױ, װי איהר — האָט סטעפּע געזאָגט.

טרעסטקאַ האָט אַרױסגעפּלאַצט:

— װאָלטען אַלע אױסלענדישע פירמעס באַנקראָטירט!

— איהר קאָנט זײן רוהיג - האָט װאַלדעמאַר געזאָגט — מיר זענען נאָך נישט אױף אַזױ פיל קולטורעל, אַז אַמעריקאַנער פירמעס זאָלען זײן דירעקט אין אונז פּעראינטערעסירט. אױף זײערע מאַשינען האָט אַמעריקאַ און ענגלאַנד גענוג אײגענע געברױכערס. נישט רעכענענדיג זיך מיט די אױסלענדער.

— איך װאָלט נישט געהאַט קײן פּערטרױען צו מאַשינען, װאָס װערען בײ אונז אױסגעאַרבײט.

— דעריבער האָט איהר זײ טאַקי ליב פון דערװײטען — האָט געזאָגט פרײלײן ריטאַ.

— און איך האָב פּערטרױען — האָט װאַלדעמאַר געזאָגט — גיט נאָר אדרבא אַ קוק, װאָס פעהלט זײ? זײ אַרבײטען פונקט אַזױ גוט, װי די אױסלענדישע װײל דאָס סיסטעם איז זײערס, און װען די אַרבײט איז אונזערע און דער מאַטעריאַל איז אױך אונזערער — רעכען איך, אַז עס איז נישטאָ אין דעם קײן שום רעה.

די געזעלשאַפט האָט זיך געזעגענט מיט דעם פּערװאַלטער, און צוריק געקעהרט זיך קײן סלאָדקאָװיעץ.

װאַלדעמאַר האָט זיך געװענדעט צו סטעפּען:

— איהר האָט געזעהן איין גלעמבאָװיטשער װינקעלע. זענט איהר אָבער נישט מיד? אַלס אַנ'ערשטער שפּאַציר איז עס אַ ביסעל װײטלעך.

— נײן, נײן! איך בין נישט אַזױ „אױסגעאײדעלט” — איך װאָלט געקענט נאָך װײטער פאָהרען, ביז גלעמבאָװיטשי אַלײן.

— אַהין װעלען מיר מיט אַ ברישקע פאָהרען.

זײ זענען פאַרבײגעפאָהרען די רײהע שניטערינס, און זיך דערנעהנטערט צום פאַרבײגען שנור פון די שניטערס מיט די סערפּען. צװישען זײ האָט געהערשט אַ שטאַרקע בעװעגונג. װאַלדעמאַר האָט דערפיהלט, װאָס זײ קלײבען זיך צו טון, און ער האָט זיך פונאַנדערגעשמײכעלט.

די פױערטעס און פאַראָבקעס זענען צו זײ צוגעלאָפען, האַלטענדיג אין די הענד אַ גרױסען קראַנץ פון זאַנגען, און װינשענדיג מיט קולות אַלדאָס גוטס די פאָהרענדיגע.

וואלדעמאר האט זיי געגעבן עטליכע גאלדענע מטבעות. און עס האט זיך אנגעהויבן א האנד־קושעניש און שטיוועל־קושעניש פון מיכאראווסקי, וועלכער האט זיך מיט געלעכטער געפרובט שיצן פון די אנפאלער. די סצענע האט סטעפן שטארק גערירט. הגם די גאלד־שטיקלעך האבן געשפילט א גרויסע ראלע אין דער פויערישער התפעלות, דאך איז אין דעם הארציקן ארויסטריט פון די דאזיקע פראסטע מענשן געווען נאך עפיס, וואס האט געהאט אין זיך פיל אויפריכטיקייט.

ער איז געווען זייער הער און זייער ליבלינג. דאס האט זיך געווארפן אין די אויגן. די העכערע אדמיניסטראציע און די גאנצע דינערשאפט האט זיך צו איהם געווענדעט מיט אויסערגעוועהנליך ארויסווייז פון דרך ארץ, וואס פלעגט ארויס פון געוועהנליכע גרעניצן פון אפגעבן כבוד א ברויט־געבער. זיי האבן, אמת, פאר איהם מורא געהאט, אבער זיי האבן איהם אויך עהרליך געאכט.

פריילין שעליגא האט דאס נעמליכע געטראכט, און זי האט זיך געווענדעט צו וואלדעמארן:

— איהר, צווישן אייערע מאיאנטקעס און מענשען, מאכט אויף מיר אן איינדרוק פון אן עכטן פירשט. דאס הארץ וואקסט אויס, קוקענדיג אויף דער פראכטפולער ארדנונג און כמעט מיליטערישער דיסציפלין. און ווי אלץ האט זיך עס צונויפגעפארט אין ליבן און פערעהרען אייך. דאס אינטערעסירט מיך זעהר. אונזערע מענשען האבן זעהר זעלטען ליב ווען מען האלט זיי פעסט אין די הענד — ווען זיי זענען אבער אינגאנצן פריי, האבן זיי קיין זין נישט צו פערעהרען. ביי אייך איז עס אנדערש. עס איז דא אי דיסציפלין, אי גרויס געהארכזאמקייט, אי פערעהרונג און ליבע מצד די מענשען. דאס איז פענאמענאל! זאגט מיר, אדרבא, ווי איז עס אייך געלונגען?

— זעהר פשוט — האט וואלדעמאר געענטפערט — איך פאדער א סך פון מענשען, איך בעציה זיך צו זיי אפשר א ביסעל פעאדאליש, אבער איך זארג זיך וועגן אלע זייערע געברויכען. זיי עסען גוט, וואוינען גוט, איך טיראניזיר זיי נישט, און בין צו זיי גערעכטיג. דאס אינגאנצן איך מאטער זיי נישט מיט קיין שום געריכטען, נאר איך אליין בעשטים די שטראף, פערשטעהט זיך, נישט קיין קערפערליכער.

ער האט זיך פונאנדערגעלאכט.

— דערביי איז דער הייזיגער עולם א גוטער — האט ער צוגעגעבן.

— נישט דורכאויס. אין דער הינזיכט איז ביי אייך אויך אן אויסנאם — האט פריילין ריטא געזאגט.

— ווייזט אויס, אז אלע מיכאראווסקי'ס האבן זיך געהאלטען ביי דעם דאזיגען סיסטעם.

— אָבער נישט אַלע זענען געווען אַזוי בעליבט, ווי איהר. דער הער מאַציע איז קיינמאָל נישט געווען אַזוי פּאָפּולער, און אייער פֿאָטער — אויך נישט.

— דער מאַמען דערמאָנט מען שטענדיג, אַנרופֿענדיג „מלאך".

— די טאָכטער פֿון דער מוהמע פֿאַדהאָרעצקאַ האָט נישט געקענט זיין קיין אַנדערע. איהר קענט דאָך די בעציהונג פֿון די פּויערים אין אַבראַמנע צו דער מוהמען. מען טראָגט דאָך זי ממש אום אויף די הענד. אָבער דאָרטען איז וואָס-אַנדערש: די מוהמע פֿערנעהמט זיך נישט מיט די איינאָרדנונגען, מיט דער בעל-הבית'ישקייט. זי זאָרגט זיך אָבער אויך וועגען די מענשען. מיך אינטערעסירט אָבער די בעציהונגען פֿון די מענשען צו אייך.

טרעסטקאַ האָט נערוועז אַראָפּגעוואָרפֿען די ברילען פֿון נאָז. דאָס האָט בעדייט, אַז ער וויל רעדען.

— מיר הערען! — האָבען אַלע אויסגערופֿען מיט געלעכטער.

טרעסטקע האָט פֿערגאַפֿטערהייט אַ קוק געטון אַרום און אַרום און אַ מאַך געטון מיט דער האַנד:

— און איך קען זיך בשום אופֿן נישט אויסגלייכען מיט די פּויערים, און איך רעכען גאָרנישט צו ענדערען מיט זיי די בעציהונגען. איך דאַרף טאַקי נויטיג, זעהט איהר, טראַכטען און זאָרגען זיך וועגען זייערע כאַלופּעס און מאַגענס, בשעת זיי פּטר'ן מיר די לאָנקעס און די תבואות.

— פּרובט זיך פֿונדעסטוועגען.

— איך האָב צו דעם קיין צייט נישט. איבעריגענס, האָב איך זיך שוין צוגעוואוינט צו פּראָצעסירען זיך מיט זיי. עס אַרט מיך נישט.

— דאָ מיט וואָס זיך צו איבערנעהמען — האָט אַ הויב געטון די פֿריילין ריטאַ איהרע פּלייצעס. — איהר האָט קיין צייט נישט! וואָס זשע טוט איהר, בין איך טשיקאַווע צו וויסען?

— איך בעמיה זיך, איך סטאַרע זיך וועגען אייך — האָט דער געפֿרעגטער אָפּגעענטפֿערט מיט אַ גראָבער אויפֿריכטיגקייט.

וואַלדעמאַר און סטעפֿע האָבען אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ געלעכטער.

— צי קען מען פֿון דעם אורטיילען, אַז איהר זענט די דירעקטע סיבה פֿון דעם הער טרעסטקאַ'ס פּראָצעסירען זיך — האָט וואַלדעמאַר געזאָגט.

— אויף וועלכע דער הער טרעסטקאַ געפֿינט פֿונדעסטוועגען צייט — האָט ריטאַ פֿערביסען געזאָגט.

— איהר האָט אַ טעות! אַלע פּראָצעסען פֿיהרט מיין אַדמיניסטראַטאָר. איך פֿערנעהם זיך נישט מיט דעם.

— מיט וואָס זשע?

— מיט דער דאַמף-מיהל.

פֿריילין ריטאַ האָט זיך פֿונאַנדערגעלאַכט.

— אָ, אמת טאַקי! איך דערמאָן זיך, ווי אונזער סטאַנגרעט האָט דערצעהלט, אַז דער אושאַראָוצער פּריץ (דאָס האָט ער איך געמיינט) זיצט גאַנצע טעג אין מיהל און מאַכט ביטשען. איהר מוזט שוין האָבען אַ גרויסען זאַפּאַס פֿון די דאָזיגע ביטשען.

טרעטטקאַ האָט גאָרנישט געענטפֿערט.

זיי זענען אַרויסגעפֿאָהרען אויף די סלאָרקאָוויצער פֿעלדער, וואו רייהען שניטערס און שניטערינס האָבען אונטער דער אויפֿזיכט פֿון דעם פֿערוואַלטער קלעטש געאַרבייט ביי די גאָלדענע געררשטען.

פּאַמעליך איז צוגעפֿאַלען דער אָוועגד.

XVII.

די רויטע בריטשקע איז פֿון שאָסיי אַרויסגעפֿאָהרען אין אַ זייטיגען וועג, וואָס איז געווען ביי די זייטען אויסגעזעצט מיט טאָפּאָליעס. די „קאַרעַ“ פֿיר פֿערד האָבען זיך פֿאָראויס געריסען, דער בראָנזענער געשפּאַן האָט געלויכטען אויף דער זון, די גלעקלעך האָבען געקלימפּערט, און די פֿערד האָבען געהירזשעט, הוידענדיג מיט די קעפּ. עס איז געווען אַ דערפרישענדער פֿריהמאָרגען, פֿול מיט צאַרטע הויכען און דורכגעזאַפּט מיט טוי נאָך דעם נאַכטיגען רעגען.

דאָ און דאָרט האָבען אויפֿ׳ן וועג געפּלישטשעט קליינע שפּיגעלען פֿון וואַסער. די הויכע פֿערביינאיגע טאָפּאָלען, און די תבואה-פֿעלדער, וואָס האָבען אויסגעזעהן, ווי אויסגעבאָדען, האָבען אויף די בלעטער און אויף די זאַנגען געזאַמעלט אַ שלל פֿון גאָלדענע שטראַהלען. דער שטויב איז געלעגען צוגעשלאָגען פֿון דער פייכטקייט, און אין דער לופֿטען האָט זיך אפֿילו אַ זעמדעלע נישט געהויבען. די גאַנצע וועלט האָט אויסגעזעהן ווי אַב׳אונבערירטע, קלאָר געהעלט פֿון בלויע אילוזיעס, ווייסע מוטלינען, גאָלדענע פֿעדים און ברילליאַנטענע ציר וכו׳. פֿויגעל, וואָס האָבען די שנעבעלעך און די העלזלעך מיט ראָסע בענעצט — האָבען הילכיג געזונגען.

דורכאויס, אַרום און אַרום — לופֿט, לופֿט!

אָהנברעגיגקייט — אונענדליכקייט!

די בלויקייט, דער אָהנשטויביגער קרישטאָל, די טוי׳איגקייט האָט געווירקט אויף מענשליכע נשמות. אין דער בריטשקע איז נישט געווען קיין סימן פֿון שאָ-

טענדיגקייט, פון טריבקייט — עס האט אין איהר געהערשט די בעלעבעגדיגע ראסע פון פרעהליכקייט, די דורכזיכטיגקייט פון די געלעכטערס.

פויגעל האבען געזונגען, פערד — געהירזשעט. מענשען האבען געוויילט זיך און געלאכט. און די בריטשקע גופא האט געגלאנצט מיט רויטקייט אויף דער זון, די פרויען קליידער האבען זיך געהעלט, און א געזונטע רויטקייט פון דעם פריהמארגען האט בעלויכטען די פנים׳ער.

די פערד האבען זיך געטראגען, ווי בעפליגעלטע, און די בריטשקע האט זיך געהויבען און געהוידעט אויף די רעסארען.

— הער וואלדעמאר, איהר וועט אונז נאך היינט ארויסווארפען איידער מיר וועלען קומען קיין גלעמבאוויטשי — האט אויסגערופען די יונגע גרעפין פאולא צווילעבקא, וואס איז געזעסען אין דער רעכטער זייט פון דער בריטשקע, צווישען דעם גראף טרעסטקא און דעם יונגען ווילהעלם שעליגא, פריילין ריטא׳ס ברודער. פון דעם גרויסען קאפעליוש אפויר האט זי קאקעטיש א קוק געטון אויף איהרע שכנים, דערנאך אויף דעם באראן וויהער, וואס איז ענטקעגען איהר געזעסען, און ווידער גערעדט:

— ווער פון די הערען וויל פערטרעטען דעם הער מיכאראווסקי אויף דער קעלניע — זאל אויפהויבען די האנד אין דער הויך.

— איך בעט אייך, בעמיהט זיך נישט, ווארום איך וועל זיך נישט לאזען פערטרעטען — האט אויסגערופען וואלדעמאר פון די קאזלעס אראפ.

— מיר וועלען אייך אראפווארפען.

— טשיקאווע, ווי אזוי?

— איהר וועט פשוט אראפגעהן, ווען מיר וועלען בעטען.

— ניין, איך בין נישט אזא געהארכזאמער.

— אלץ צוליב דער פריילין ריטא. דער הער וואלדעמאר פאהרט אויסגעצייכענט, נאר זי איז דארטען אין גאנצען אומנויטיג — האט טרעסטקא אויסגערופען.

ער האט זיך אנגעשפארט אן דעם פארענטש פון די קאזלעס, אויסגעבויגען דעם קאפ, ווי וועלענדיג א קוק טון אין ריטא׳ס פנים. זי האט אבער אויף איהם אזא קוק געטון, אז ער האט זיך תיכף צוריק געכאפט.

— זיצט רוהיג, ווען אייך איז גוט. ווען נישט, איז מארש צוריק אין סאמע ווינקעל אריין.

— איך זאל זיך סיידען זעצען אויף די קניע פון דעם הער ווילהעלם...

— איהר וועט זיך איינארדנען, איבעריגענס וועט ווילוש געהן אויף אייער ארט.

— איך פראטעסטיר! מיר איז דא גוט — האט דער סטודענט אפגעענטפערט, אויפהויבענדיג די אויגען אויף סטעפען, וואס איז ענטקעגען געזעסען.

— אהא! איהר זעהט? ווילוש׳ן איז דארטען גוט, און מיר איז דא גוט. עס פעהלט מיר נאר, איך זאל אייך קענען האבען וויז-א-ווי.

— זעהר שען! — איז לוציע געוואָרען אויפגעבראַכט — דאָס הייסט, אַז איך טויג ניט פאַר אייך אַלס וויז־אַ־ווי.

— ניין, איהר זייט גוט! אָבער דער פריילין ריטאַ פּאַסט ניט צו זיצען אויף די קאָזלעס.

— און נאָך ווייניגער צו זיצען אַנטקעגען אייך! — האָט לוציע צוגעגעבען.

— איך וועל שלום מאַכען — האָט זיך אַריינגעמישט פּאוֹלאַ. — זאָל דער הער טרעסטקאַ נעהמען די לייצעס פון דעם הער מיכאַראָווסקי׳ס הענט, און אויב איהר וועט דעמאָלט ניט זיין וויז־אַ־ווי — וועט איהר דאָך זיין זייט ביי זייט...

— עס וואָלט ניט לאַנג געדויערט, וואָלטען מיר אין אַ גרוב געלעגען — האָט זיך פריילין ריטאַ פונאַנדערגעלאַכט.

— אָט דאָס איז אַריינגעזאָגט! אין אַ גרוב — האָט אַריינגעוואָרפען דער באַראָן וויהער מיט אַ שמייכעל אויף די דינע ליפּען.

טרעסטקאַ האָט אויף איהם אַ בייזען בליק געוואָרפען.

— פערנעהמט זיך בעסער, הער באַראָן, מיט אַסיסטירען די פריילין פּאוֹלאַ — האָט ער פערביסען געענטפערט.

— גיכער איך — מיט׳ן אַסיסטירען דעם באַראָן. איהר האָט אַ טעות געהאַט.

טרעסטקאַ האָט אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנד, ווי זאָגענדיג: „עס געהט מיך אָן ווי דער פאַראַיאָהריגער שניי".

— נו, איז געמאַכט? — האָט ער אויפ׳ן קול אַ פרעג געטהון.

— איך וויל ניט. דאַרפטען אויף די קאָזלעס מוז בלאָטע שפּריצען. איך האָב ניט ליב גאָהנט צו האָבען די פערד — האָט געזאָגט די גרעפין.

— איך האַלט אויך ניט פון דעם ספּאָרט — האָט אָפּגעטאָקט דער באַראָן.
— אפשר מיין שכנ׳טע און דער הער ווילהעלם?...

סטעפע האָט אַ שאָקעל געטהון מיט׳ן קאָפּ.

— אומזיסט שמועסען מיר וועגען דעם, ווייל דער הער מיכאַראָווסקי וועט אונז ברענגען צום אָרט, און ווי ער האָט געזאָגט אַליין, וועט ער קיינעם ניט לאָזען זיך פערטרעטען.

— אַ דאַנק אייך פאַר דער אונטערשטיצונג — האָט אויסגערופען וואַלדעמאַר.

— איבעריגענס, לאָמיר זינגען — האָט ווילוש געזאָגט.

— אמת טאַקי? — האָט אַ פרעג געטהון די יונגע גרעפין פּאוֹלאַ, מרוּשעגדיג מיט די אויגלעך.

— דאָס איז טאַקי אַ פּראָיעקט — האָט סטעפע אַריינגעוואָרפען.

— אָבער ער קען באַלד רעאַליזירט ווערען. איז וואָס ווילט איהר?

— „איך ליבע דיך", אָדער „דו ליבסט מיך"? — האָט זיך טרעסטקאַ אָפּגערופען.

— גיכער: „וויר ליבען אונס" — האָט פּאוֹלאַ לאַכענדיג צוגעגעבען.

— מיר וועלן זינגען אויף פּויליש — האָט סטעפֿע געזאָגט.

— עפּיס וואָס דערמאָהנט אין היידעלבערג, אָדער „סאַקר קער״? — האָט דער באַראָן געזאָגט.

— פֿאַרוואָס עפּיס „סאַקר קער״?

— אָדער אפשר אַן׳אַנדער קלויסטער.

— צו וואָס?

טרעסטקאַ האָט אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ, און פֿעררוכטענדיג די ברילן, שרייענדיג געזאָגט:

— ס׳איז וואונדערבאַר! איך מיין, אַז פֿרײלײן סטעפֿאַניאַ האָט אַ שייכות מיט מנישקעס.

— און ער האָט אַ שייכות מיט די „באָניפּראַטען״ — האָט וואַלדעמאַר אַ ברום געטון.

ריטאַ האָט זיך פֿונאַנדערגעלאַכט.

צום באַראָן האָט זיך געווענדעט דער יונגער שעליגאַ:

— פֿון וואַנען נעהמט איהר עס, אַז פֿרײלײן סטעפֿאַניאַ איז ערצויגען געוואָרען אין קלויסטער?

— מחמת זי איז עפּיס אַן׳אַנדערע. איך קען עס נישט גענוי בעצייכענען. אפשר איז זי אַן׳אויסערגעוועהנליכע? מיין גאָט! קיינמאָל געלינגט עס מיר נישט צו געפֿינען דעם פּאַסיגען אויסדרוק.

— איך וועל אייך העלפֿען. זי איז אַ קרישטאַלענע, אַ ווייסע, ווי די שנייען אויף די טאַטרען. אָבער נישט דער קלויסטער האָט עס געמאַכט, נאָר די נאַטור.

— וואָס?

— יאָ, די נאַטור!

דער סטודענט האָט געמאַכט אַ ברייטע בעוועגונג מיט דער האַנד און מיט בלישטשענדיגע אויגען אויסגערופֿען:

— דאָס איז די גאָלדענע נאַטור, די בלויע, וואָס האָט איהר אַרומגענומען פֿון קינדהייט אָן, פֿון וויג אָן, און געשאַפֿען פֿון איהר דעם אייגענעם אָפּבילד. עס האָט איהר נישט פֿערטונקעלט דער שטויב פֿון שטאָט, און נישט בעדעקט — דער מאָראַלישער שמוץ. זי האָט געאָטעמט מיט קרישטאָל — און אַ קרישטאָל געוואָרען. זי האָט אין זיך איינגעזאַפּט די בלויקייט און דאָס גאָלד.

— פֿונדעסטוועגען האָט זי די מאָדע־זשורנאַלען געמוזט אַדורכקוקען, ווייל אָנטוען טוט זי זיך גאָר פֿיין — האָט איהם טרעסטקאַ איבערגעשלאָגען.

דער עולם האָט זיך פֿונאַנדערגעלאַכט.

— איך האָב דעם איינדרוק, אַז מען שפּילט זיך דאָ אין „מיינונגען״ — האָט סטעפֿאַ געזאָגט.

די גרעפֿין פּאולאַ האָט זיך פֿערקרימט:

— פֿי! „מייַנונגען“... דאָס איז שוין אויס מאָדע.

דער בּאַראָן האָט אַ שאָקל געטאָן מיט׳ן קאָפּ, און גלעטענדיק זיך בּײַ די באַקנבּאָרד, האָט ער אויפֿמערקזאַם אַ קוק געטאָן אויף דעם סטודענט.

— איהר האָט עס זעהר פֿיין געזאָגט... וועגן דעם קרישטאָל. זעהר פֿיין. די בּעצייכנונג איז אפשר נישט קיין פּינקטליכע, אָבער זי איז פּאָעטיש און קלינגענדיג.

— איהר געדענקט, וועגן די בּעלבּומטע סטעפּעס? —האָט ריטאַ אַ שעפּטשע געטאָן צו וואַלדעמאַר׳ן.

— די סטעפּעס?... אַ, יאָ! — האָט ער אַ פֿערטראַכטער געענטפֿערט.

— ווילויש׳עס בּעצייכנונג איז ענליך צו אייערע סטעפּעס. אמת?... איהר האָט נישט געהערט, וואָס ווילויש האָט געזאָגט.

— איך האָב געהערט.

ער האָט געקוקט אויף די בּרייטע גערשטען-פֿעלדער, וואָס האָבּען געגלאַנצט, ווי אַטלעס, און געטראַכט:

— דאָס איז זי!

ער האָט געקוקט אויף דער רייַנער בּלויקייט פֿון הימעל, אויף דעם זילבּערנעם תהום פֿון לופֿט, און געטראַכט:

— דאָס איז זי! אַזאַ ריינע, אַזאַ ווייסע, אַ גאָלדענע, אַ קרישטאָלענע... אַ ווינציגער שמענדריק! אָבער וואָס ענטציקט ער זיך אַזוי מיט איהר? די בּעצייכנונג זיינע...

ער האָט זיך אומגעקוקט.

— זיי שמועסען...

פּלוצים האָבּען די פֿערד זיך אַ שטאַרקען ריס געטאָן. וואַלדעמאַר האָט צוזאַמענגעצויגען די לייצעס מיט אַזאַ קראַפֿט, אַז די קאָפּיטעס האָבּען זיך איינגעגראָבּען אין דער ערד, און מיט גוואַלדיגען כּח האָט ער אַ קנאַל געטאָן מיט׳ן בּייטש.

אויף דער בּריטשקע האָט מען אָנגעהויבּען צו שרייען.

— די פֿערד ווערען זיך צוטראָגען — האָט די גרעפֿין געשריגען.

— וואַלדי, וואָס טוסטו? — האָט מיטגעשריגען לוציע.

פֿריילין ריטאַ האָט פֿון הינטער די בּרעמען פֿאַמעלעך בּעטראַכט וואַלדעמאַר׳ן, זי האָט פֿערלוירען די פֿאַרבּען אין פּנים, און איהרע ליפּען זענען געווען פֿון וועהטאָג פֿערקלעמט.

— שטעלט זיך צאָפּ — האָט זי אַ שעפּטשע געטאָן — איך וועל זיך איבּערזעצען.

— איך וועל זיך נישט אָפּשטעלען, ווייל איך האָב צושראָקען די פֿערד. איך בּעט זיצען רוהיג.—נישט ריהרען זיך.

דער בּעפֿעהלענדער טאָן פֿון זיין שטים האָט אויסטערליש אויף איהר געווירקט. עפּיס אַן אויסערגעוועהנליכען איינדרוק האָט זי בּעקומען. די ליפּען האָ-

בען ביי איהר אויפגעציטערט, אויפ׳ן בלאסען פנים האבען זיך בעוויזען עטליכע ראזע פלעקען, און ס׳האט זיך געדוכט, אז זי האט זיך נישט געקענט אויף עפיס בעשליסען. ענדליך האט זי פריי א פרעג געטון:

— איהר ווילט נישט, אז איך זאל זיך איבערזעצען, וועיל די פערד זענען צוטראגען, אבער ווען נישט דאס?...

— וואלט איך נישט געהאט די העזה זיך געגענצושטעלען.

— אך! כ׳פערשטעה!...

זי האט פערביסען די ליפען, און פיבערהאפט געטרייסעלט מיט׳ן בייטש, וואס זי האט ארויסגעריסען פון וואלדעמאר׳ס הענד.

— וואס טוט איהר? — האט ער זיך פערוואונדערט.

— איך וויל, אז די פערד זאלען זיך נאך ווילדער צוטראגען

— אז איך וועל נישט וועלען, וועט עס נישט געשעהן.

— אזוי זיכער זענט איהר?

— זעהר זיכער!

— אך, גאט! ווען איך וואלט געקענט...

— אויסבייטשען מיר, ווי ס׳געהער צו זיין, הא?

— אונגעפעהר אזוי.

— יעדער זאגט זיך, וועגען זיין זיכערקייט, איך — אויך, נו... קענט איהר זיך אריבערזעצען.

ער האט איינגעצויגען די לייצעס. די פערד האבען זיך אפגעשטעלט און פון פלוצלומדיגקייט עטוואס א גליטש געטון זיך מיט די הינטערשטע פיס.

— איהר קאנט זיך אריבערזעצען — האט ער איבערגע׳חזר׳ט מיט א שמייכעל. פריילין ריטא האט איהם גלייך א קוק געטון אין די אויגען.

— ווייסט איהר, אז איהר זענט...

— אנ׳אונערטרעגליכער! איך ווייס, וועגען דעם.

— אנ׳ארראגאנט!

— איך האב דערפיהלט אייער ווילען.

— אך!..

טרעסטקא איז אויפגעשפרונגען פון זיין געזעס.

— פארוואס האבען מיר זיך אויסגעשטעלט? א! ענדליך האט איהר זיך בעשלאסען!... אלזא ווער פון די דאמען געהט איצט אויף די קאזלעס?

— מיר וועלען ציהען קניפלעך — האט ריטא געזאגט.

— אויסגעצייכענט.

וואלדעמאר האט פערקרימט מיט די ליפען.

ריטא האט איהם הינטערוויילעכן א רוים געטון:

— איהר וועט בעקומען לוציען. איך בין זיכער.

ער האָט אויפֿגעהויבן זײַן הוט, און שפּאַטיש פֿערנויגט דעם קאָפּ.

פֿרײַלין ריטאַ האָט געמאַכט אַ קניפּעל אויפֿ׳ן נאָזימיכעל, דערנאָך האָט זי אַרויסגעשטעקט איהר פֿערקוועטשטע האַנד, פֿון וועלכער עס האָבען אַרויסגעקוקט דרײַ ווײַסע שפּיצלעך, ווי פֿון פֿונאַנדערגעבליהטע בלעטלעך, און וועגענדיג זיך צו אַלע האָט זי געזאָגט:

— איך בעט אײַך, ציהט!

— פֿע, דאָס איז אַ געמיינע מידה — האָט זיך די גרעפֿין געקריממט.

— אַ זעהר גוטע.

פֿרײַלין ריטאַ האָט דעם ברעג טיכעל מיט׳ן פֿערבעהאַלטענעם קניפּעל געווענדעט צו לואיזען, ווילענדיג, אַז ער זאָל איהר אָנקומען.

— נו ציהט!

די גרעפֿין האָט אָנגעכאַפּט דעם מיטעלסטען ברעג, לואיזע — דעם לעצטען, און סטעפֿען איז אָנגעקומען דער, וואָס מיט׳ן קניפּעל.

ריטאַ האָט פֿערביסען די ליפּען און אויפֿגעעפֿענט די האַנד.

— פֿרײַלין סטעפֿאַניאַ! — האָבען אַלע אויסגערופֿען.

ווילהעלם שעליגאַ איז אין כעס געוואָרען, און סטעפֿע האָט זיך פֿערראָיטעלט.

וואַלדעמאַר האָט געוואָרפֿען אַ טריאומפֿירענדען בליק אויף ריטאַן, און מיט אַן אויסערגעוועהנליכער אויפֿמערקזאַמקייט האָט ער איהר צוגעהאָלפֿען צו אַריבערגעהן אויף איהר אָרט. עס איז אָנגעקומען אַ צומישונג.

ריטאַ האָט זיך געקריגט מיט טרעסטקאָ, און סטעפֿע, האָט שטעהענדיג אויף די טרעפּלעך, זיך געווינצעלט מיט ווילהעלמען, וועלכער האָט פֿערזיכערט, אַז דער מין ציהען קניהען איז אַן אָפּגעלעבטע זאַך אַ באַרבאַריזם.

— איך בעט אײַך — האָט זי וואַלדעמאַר אַ רוף געטון.

סטעפֿע איז געשיקט דורכגעגאַנגען צווישען די זיצענדיגע, דורכגעגאַנגען — ווי אַ פֿונקעלער באַרציס אין איהר פֿרישען און רוישענדיגען ווײַסען מוסלינענעם קלייד. איהר קאָפּ האָבען אַרומגעצוימט געדיכטע פֿאַליעס פֿון טונקעל־גאָלדענע האָהר, וואָס זענען הינטען פֿערקאַמט געווען אין אַ שווערען פֿלאַכט. זי האָט געטראָגען אַ גרויסען גאָרטען־הוט צוגעפּוצט מיט פּוך פֿון מוסלין און מיט אַ הויפֿען פֿון דעליקאַטע סעלעדינען־גראָז. אַ פֿערראָיטעלטע, אַ צע־מייכעלטע מיט בלישטשענדיגע אויגען — איז דאָס דאָזיגע מעדעל געווען וואונדערליך שעהן.

וואַלדעמאַר האָט איהר אַ האַנד דערלאַנגט, פֿעסט אַ דריק געטון, און מיט דער אַנדערער האָט ער זי אָנגענומען העכער פֿון דעם עלענבויגען.

— נאַ... האָפּ!...

זי איז אַרויפֿגעשפּרינגען אויפֿ׳ן בענקעל כמעט פֿון איהם געטראָגען, אַריבער דעם באַריעֶר׳ל און מיט אַ געלעכטער זיך אַוועקגעזעצט נעבען וואַלדעמאַרן.

אַ גאַטהער טרײַע געטון די פערד, און די ברישקע האָט זיך האַסטיג אַ ציה געטון פאָראויס.

— ראַסאָווע! — האָט שטיל געזאָגט דער באַראָן ווייהער.

— ווי זאָגט איהר? — האָט אונטערגעכאַפּט דער סטודענט.

— אַ ראַסאָווע! איהר וועט אודאי זאָגען „די נאַטור“?

— יאָ, אָבער איהר פערשטעהט זיך נישט אויף דעם.

סטעפע האָט געהאַט דעם געפיהל, ווי זי וואָלט אַ קלאַפּ אין האַרץ אַריין עקריגען. די נאָהנטקייט פון וואַלדעמאַרן האָט אויף איהר שטאַרקענד געווירקט. ער איז קענטיג געווען אויפגערייצט. דאָס אונגאַרישע בלוט, וואָס ער האָט אין זיך געהאַט אַ ביסעל, האָט זיך אין איהם פונאַנדערגעשפילט, די גאָלעכער האָבען זיך אָנגעהויבען שטאַרק צו בעוועגען, און די אויגען האָבען מיט אַ פייער אויפגעצאַנפּט.

זיי האָבען ביידע געשוויגען, ער האָט געטראַכט:

— וואָס טוט זיך עס מיט מיר? איך האָב געהאַט אַ קלענערען איינדרוק, ווען איך האָב אין די דזשונגלעס געטשאַטשעוועט אויף לייבען. וואָס אַזוינס פערמאָגט אין זיך דאָס מעדעל?..

פאולאַ האָט פון אונטער די שפיצע, פון איהר הוט געקוקט אויף סטעפען. און איהר נשמה האָט זיך עפּעס געטוקט.

זי איז נישט געווען פערליבט אין מיכאַראָווסקי׳ן, נאָר זי האָט אויף איהם גערעכענט. איהר האָט פערדראָסען, וואָס ער האָט זיך נישט געפוצט צו איהר, און ס׳איז איהר געווען געפעלען אַ „פרעמד“ מעדעל. דער גרעפין האָט אויפגערעגט דער יונגער שעליגאַ מיט זיין פערגלייכען סטעפען צו קרישטאַל, און דער באַראָן — מחמת ער האָט זי אָנגערופען ראַסאָווע, און מיט׳ן פריהערדיגען בעצייכענען, אַז זי איז אַנ׳אַנדערע, פערשטעהט זיך, אַז אַנ׳אַנדערע — פון אַנ׳אַנדער ספערע...

— צופיל פּראָטעקטירונג צו זיך רופט אַרויס די לעהרערין — האָט געטראַכט פריילין צווילעצקאַ.

— אין ס׳אַראַ פרייע! פונקט מיר וואָלטען איהר גלייכען געווען. זי איז אַ צו העזה׳דיגע! לוציע בעטראַכט איהר אַלס אַ שוועסטער. אָדער ריטאַ! טראַקטירט איהר, ווי אַ חבר׳טע. דער האַר מאַציעי פערציהט איהר נאָמען אויף סטעניאַ, און דער יונגער מיכאַוואָיווסקי גיט איהר אָפּ כבוד. דאָס אַלץ האָט קיין זין נישט, זי וועט אָנהויבען וועגען זיך צו טראַכטען גאָט ווייס וואָס!.

די ברוגז׳ע מחשבות פון דער גרעפין, האָט איבערגעשלאָגען לוציע, וואָס האָט אויסגערופען:

— די קאַרעטען דעריאָגען אונז!

אַלע האָבען זיך אַרומגעקוקט.

ניט ווײַט הינטער דער בריטשקע, האָבן זיך באַוויזן צוויי פֿיר־פֿערד גע־שפּאַנען; איבער די קעפּ פֿון די פֿערד האָבן זיך אַרויסגעזען די שטײַפֿע פֿיגורן פֿון די סטאַנגרעטען, און די באַלדאַכינען פֿון די שירעמלעך.

— איך פֿאַרשטיי ניט אויף וואָס פֿאַר אַן אופֿן האָבן זיי אונדז געקענט דעריאָגן. מיר זענען דאָך פֿריִער אַרויסגעפֿאָרן — האָט טרעסקע געזאָגט.

— ווײַזט אויס, אַז אײַערע „קאַרע" פֿערד זענען קאַליע געוואָרן — האָט פֿרײַליין ריטאַ איראָניש אַרײַנגעוואָרפֿן.

וואַלדעמאַר האָט זיך צו איר פֿריִילעך אומגעקערט.

— זייט אַזוי גוט, דערמאָנט זיך, אַז מיר זענען געשטאַנען אין וועג אַ גוטע פֿערטל שעה, צוליב אײַער איבעררײַסן זיך.

— איך איז דען ניט בעקוועם?

— מיר? אויסגעצייכנט!

— איר זענט בעױלה'ס?

— חלילה! אָבער בעױלה'ס דאָך ניט מײַנע „קאַרע" פֿערד.

די קאַרעטן זענען אָנגעקומען גאַר נאָענט. אין דעם ערשטן לאַנדאָ זע־נען געזעסן די פֿירשטין פּאָדהאָרעצקאַ, דער ז' מאַציעי, און דער פֿירשט פּראַנ־ציִשעק מיט דער ווײַב. אין צווייטן — די פֿרוי עלזאַנאָווסקאַ, און די גראַפֿן צווילצקיס מיט דער עלטער־שאַפֿטער, מיכאַלינע.

וואַלדעמאַר האָט אָפּגעשטעלט די פֿערד. דאָס זעלבע האָבן אויך געטון די סטאַנגרעטן.

— פֿאַרוואָס פֿאָרט איר אַזוי פּאַמעלעך? — האָט דער פֿירשט פּאָדהאָ־רעצקי געפֿרעגט.

— מיר האָבן זיך ניט געאײַלט אײַך צו דעריאָגן — האָט דער הער מאַציעי צוגעגעבן.

וואַלדעמאַר האָט גענומען די לייצעס אין איין האַנט, און מיט דער אַנ־דערער האַנט, אין וועלכער ער האָט געהאַלטן דעם בײַטש, האָט ער זיך אָנ־געשפּאַרט אָן דער פּאַרענטש פֿון די קאָזלעס, און אַן אַרויסגעבויגענער האָט ער פֿריילעך אויסגערופֿן:

— מיר האָבן געהאַט אַ קאַטאַסטראָפֿע אין וועג.

— אַ קאַטאַסטראָפֿע? וואָס'ערע?

— פֿרײַליין ריטאַ האָט זיך אונדז צעבייטעוועט.

ער איז געווען פֿריילעך געשטימט, די אויגן האָבן אים געלאַכט, און הינטער די וואָנסעס האָבן געבלישטשעט די ציינער. אַ געשיקט איבערגעבויגטער, פֿול מיט געשמאַקפֿולער און ניט אָנגעשטרענגטער עלעגאַנץ — האָט ער אין זיך געהאַט עפּעס וואויל־יונגערישעס. אַלעמענס בליקן זענען אויף אים געווענדט.

סטעפּע, נעבען איהם, אַ ווייסע און אַ צאַריטע, אַ שלאַנקע און אַ וואונדער־ליך סובטעלע איז אויך געווען צושמייכעלט און האָט זעהר שעהן אויסגעזעהן. צוזאַמען האָבען זיי געבילדעט אַ פּראַכטפולע פּאָר. ביידע פּירשטינס האָבען מיט נייגיריגקייט אויף זיי געקוקט, עס זענען פון זיי אויך נישט אָפּגעשטאַנען די פרוי עליזאַנאָווסקאַ מיט איהרע כאַראַקטעריסטישע שפּאַרעלען אין די אויגען, און די גרעפין מיט איהר לאָרגנעטקע. דער גרעפין האָט פערדראָסען, וואָס סטעפּע זיצט לעבען וואַלדעמאַר׳ן.

נאָך וואַלדעמאַרס ווערטער האָט זיך פריילין ריטאַ אויפגעשטעלט אין דער בריטשקע, און מאַכענדיג מיט אַ הענטשקע אָנגעהויבען צו רעדען:

— איהר דאַרפט נישט גלויבען, דער הער וואַלדעמאַר איז היינט נישט אין אָרדנונג, ער רעדט גלאַט אין דער וועלט אַריין.

— וואָס הייסט? איהר האָט איהם נישט געמאַכט קיין אַוואַנטורע?

ריטאַ האָט אָנגעהויבען צו ערקלערען זיך, נאָר די גרעפין צווילעצקאַ האָט איהר איבערגעשלאָגען:

— ווען וועלען מיר שוין פערפאָהרען קיין גלעמבאָוויטשי? נאָך אַ סך צו פאָהרען.

מיר פאָהרען זעהר שנעל, און ס׳איז אונז נאָך אויסגעבליבען צו פאָהרען פינף ווירסט — האָט וואַלדעמאַר געזאָגט.

— אַ! איז גוט!

— נו, לאָמיר נישט פערלירען קיין צייט! אַדיע!

— אין אַ האַלבע שעה אַרום וועלען מיר זיך זעהן.

— אויב דאָס פריילין ריטאַ וועט ווידער נישט פערשטייקען — האָט זיך וואַלדעמאַר געוויצעלט.

— געדענקט, איך וועל נקמה נעהמען.

— אַבי נישט איצטער.

די בריטשקע האָט זיך אַ ריהר געטון פון אָרט און די קאַרעטען זענען נאָכגעפאָהרען.

די יונגע פירשטין האָט שטיל גערעדט צום מאַן.

— האָסט געזעהן ס׳אַראַ שענע פּאָר: וואַלדי און פריילין סטעפאַניאַ? אַ וואונדערבאַר שען מעדעל.

— איך האָב געזעהן — ווי צושטראַהלט זיי זענען!

— וועגען וואָס רעדט איהר עס? — האָט אַ פרעג געטון די עלטערע פירשטין.

— וועגען דער יונגער פּאָר אויף די קאָזלעס פון דער בריטשקע.

— אַך, אַווי, וואַלדי זעהט אויס ווי אַ ווידער־געבוירענער.

— און זי בליהט — האָט הער מאַציעי צוגעגעבען.

— זיי דערגאַנצען זיך איינער דעם אַנדערען.

אַן אַנדער שמועס האָט מען געפֿירט אין דער צווייטער קאַרעטע.

די גרעפֿין האָט כעס׳דיג געזאָגט צו דער פֿרוי אידאַליען:

— ווייסטו! דאָס איז אַ צוקלעפּעניש דאָס מעדעל.

— וואָס? — האָט פֿרוי אידאַליע אַ פֿרעג געטון.

— נאַ... דאָס פּאַקען זיך אויף די קאָזלעס צו וואַלדעמאַר.

— דו האָסט דאָך געהערט, וואָס ריטאַ האָט געזאָגט: זיי האָבן געצויגען קניפּלען.

— נעהם נאָר דו ניט זי אונטער דיין שוץ! זי איז אַן אַראָגאַנטקע. מיך וואונדערט, וואָס דו קענסט דולדען איהרע שפּיצלעך.

— איך זעה זיי נאָרנישט. ס׳איז זעהר אַן עדעל מעדעל. לוציע האָט זי זעהר ליב.

די פֿרוי אידאַליע איז היינט געוועזן אויסערגעוועהנליך גוט אויפֿגעלעגט. די גרעפֿין האָט עס באַמערקט, און זי האָט איהר מעהר נאָרנישט געזאָגט, זי האָט נאָר אָנגעהויבען צו סאַפּען פֿאַר עגמת נפֿש.

דערווייל האָט געקאָכט אויף דער בריטשקע.

אַלע האָבען גערעדט: די גרעפֿין פּאַולאַ מיט׳ן באַראָן און פֿריילין ריטאַ מיט טרעסטקאַן, לוציע מיט ווילוש׳ן האָבען געזונגען קראַקאָוויאַקעס, לאַכענדיג אויפ׳ן קול. אויף די קאָזלעס האָט וואַלדעמאַר גערעדט צו סטעפּען:

— איהר זעהט אָט די צוויי ווייסע סלופּעס ביי די זייטען פֿון דעם וועג? דאָס זענען גרעניץ־סלופּעס. מיר זענען שוין אויף דער גלעמבאָוויטשער ערד. קיינמאָל האָב איך זיך ניט געפֿיהלט אַזוי גליקליך פֿון דעם באַזיצען אַזוי פֿיל שטח ערד, ווי אין דער איצטיגער מינוט, און אויך צוליב אייך.

— צוליב מיר? פֿאַרוואָס? — האָט סטעפּע פֿערוואונדערט אַ פֿרעג געטון.

וואַלדעמאַר האָט געשמייכעלט.

— לאָמיר זאָגען, דערפֿאַר, וואָס די אייגענע באַגלוימטע פֿעלדער קען איך אייך באַווייזען, און וואָס איך פֿיהר אייך צו זיך. צי דאָס אַליין קען ניט אין אַ גרויסער מאָס באַפֿרידיגען?

זי האָט איהם גלייך אַ קוק געטון אין די אויגען.

— עס פּאַסט זיך ניט אַזוי צו אייך דאָס, וואָס איהר האָט געזאָגט — האָט זי ערנסט באַמערקט.

— ער האָט אויף איהר פֿעראינטערעסירט אַ קוק געטון.

— פֿאַר וועמען פּאַסט זיך עס? — האָט ער געפֿרעגט.

— פֿאַר דעם הער שעליגאַ, אָדער ווייס איך פֿאַר וועמען!

— ערקלערט מיר עס!

— צו וואָס, אַז איהר פֿערשטעהט עס גוט אַליין.

— איך בין זיך מודה, אַז ניט אינגאַנצען.

— עס איז נישט צוגעפּאַסט צו אייך, ווייל עס איז צו שאַבלאָניש.

— אָ!..

— איבעריגענס זענט איהר געווען נישט אויפריכטיג, אַזוי רעדענדיג...

— ווי גאָט איז מיר ליב, ס׳איז אַ סקאַנדאַל! פאַרוואָס האָב איך עפּיס געדאַרפט זיין נישט אויפריכטיג? ווילוש האָט געמעגט אייך פערגלייכען מיט קרישטאלען, מיט בלויקייט, מיט גאָלד, און איך טאָר נישט אַרויזאָגען דאָס, וואָס איך וויל? פאַרוואָס מעג עס ווילוש?..

— ווייל דאָס איז ווילוש; — האָט זיך סטעפּע אַ פרעהליכע פינאַנדערגעלאַכט, מאַכענדיג אַ שענע חנופה מיט די ליפּען.

— און איך בין וואַלדי...

— און איהר זענט — הער וואַלרעמאַר מיכאַראָווסקי.

ער איז בייז געוואָרען.

— דער בעל הבית פון נלעמבאָוויטש, דער אינהאַבער פון סלאָדקאָוויצע, נראַבּיאַנאָוו, ביאַלאָ-טשערקאַסי און פון נאָך עטליכע ערטער מיט די אומגעגענדען — דאַרפט איהר צוגעבען עס זאָל אַרויסקומען קיילעכדיגער — האָט ער אויפגערעגט נאָכגעזאָגט ימט.

— יאָ, יאָ, אַן אינהאַבער, אַ מאַגנאַט, אַ גרויסער הער, אַן אַריסטאָקראַט — האָט זי פרעהליך פאָרטגעזעצט.

וואַלרעמאַר האָט געקוועטשט מיט די פלייצעס. דערנאָך האָט ער פּאַמעליך אָנגעהויבען צו רעדען, נישט קוקענדיג אויף סטעפען:

— אַך, ווי איהר רייצט זיך מיט מיר? איך האָב׳ס אָבער פערשטאַנען און איך וועל אייך זאָגען אַט וואָס. ווען איהר גלויבען איז גוט — אַ נישט איז פערפאַלען, איך וועל אָבער זיין אויפריכטיג מיט די אַלע טיטולען, וואָס איהר האָט מיר בעשענקט — די אַלע פערמאָג איך. נאָך מחמת זיי קרייזען אום אין אַן ענגער שטיקענדיגע אַטמאָספערע — פיהל איך אָפט אַ מאַנגעל אין לופט. מיר זענען פון תמיד אָן ליבער געווען ברייטע פעלדער, און איך האָב זיך געריסען צו זיי, ברעכענדיג די ספערען פערגלאַזונגען, מיט וועלכע מען באַריקאַדירט אונז פון קינדווייז אָן. מיר זענען עקזאָטישע, און מיר ליבען זיך אין קאַמעליען, פוצען זיך אין טובעראָזען, נישט פאָרשטעלענדיג זיך, אַז אויף אונזערע פעלדער וואַקסען זעהר שענע אייגענע בלומען. מיר ווייסען וועגען זיי, נאָר זיי זענען פון אונז דערווייטער דורך פערשידענע אבערגלויבענס און נאַרישקייטען, אַז אונזערע מאַגנאַטיש-אַריסטאָקראַטישע פיס בעמיהען זיך גאָרנישט אויסצוזוכען זי, און אינטערעסירען אונז גאָרנישט. דער גורל מאַכט אַמאָל, אַז אַזאַ אונזעריך בלימעל פערבלאָנדזשעט אין אונזער אָראַנזשעריען, און דאַן איבערלעבען מיר פערשידענע שטימונגען: פון פערוואונדערונג, נייגעריגקייט, עפּיס גיט אויף אונז אַ הויך מיט אייגענס, עס וואַכט אין אונז אויף דער טראָפּען פון אייגענעם בלוט, וואָס איז טייוולאָניש צוגעמישט מיט פרעמדע בליטען. מיר דערפיהלען זיך, אַלס קינדער

פֿון אײגענעם לאַנד; און דער, וואָס האָט אײביק געפֿילט די ברייטקייט פֿון די אײגענע פֿעלדער — דערפֿילט גרויס דורשט. די אײגענע פֿעלדער ווערן נאָהענט און טײער.

אַ ווײַלע האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, און ווידער גערעדט.

— איר זענט עס טאַקי פֿאַר מיר אַזאַ היימיש פֿלימעל. איר זענט דאָ צווישן אונדז די טיפּישע פֿאָרשטעהערין פֿון אינדזער לאַנד. און ווען מיר האָבן אַ גלײַכע און גערעכטע פּרעטענזיע צו אַזאַ פֿאָרשטעהערשאַפֿט, זענען מיר דאָך צו פֿיל קאָסמאָפּאָליטיזירט, כּדי צו ענטשפּרעכן דער דאָזיקער גרויסער אויפֿגאַבע. איר זענט דער סימבאָל פֿון אונדזערע גילדערנע פֿעלדער. ווילוש איז גערעכט געווען, ווען ער האָט אײַך פֿאַרגליכן מיט דער נאַטור; ער האָט עס אַזוי שנעל באַמערקט, ווי איך. אויף מיר האָט איר אויך דעם ערשטן אײנדרוק געמאַכט פֿון אַ בלום, וואָס איז געבוירן אויף די ברייטע און ווײַטע פֿעלדער. גלײַכצײַטיק זענט איר — מימאָזע.

ער האָט אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ און אַ קוק געטון אויף סטעפֿען.

— איך האָב אײַך אָפֿן אַרויסגעזאָגט דאָס, וואָס איך טראַכט וועגן אײַך. און איך חזר איבער, אַז איך פֿיל זיך גליקלעך, האָבנדיק גרויסע שטחים ערד אין אינדזער פֿאָטערלאַנד, גליקלעך נישט פֿון דעם, וואָס די ערד באַפֿרוכפּערט מײַנע קעשענעס, נאָר דערפֿאַר, וואָס איך פֿיל זיך אַלס איר זון, און דערפֿאַר, וואָס זי איז מיר טײער. פֿון קלײנערהייט האָב איך זי ליב געהאַט און געזאָרגט זיך וועגן איר, נאָר דאָס געפֿיל איז ערשט מעכטיק שטאַרק געוואָרן אַ דאַנק אײַך. דערפֿאַר בין איך אײַך אָהן אַ שיעור דאַנקבאַר.

ער האָט איר דערלאַנגט די האַנד, און האַרציק געדריקט. עס איז געווען אַ מאָמענט, ווען ער האָט געוואָלט איר האַנד צוטראָגן צו די ליפּען און אַ קוש טון, נאָר ער האָט זיך פֿון דעם אײַנגעהאַלטען... אויף סטעפֿעס פּנים איז קענטיק געווען, אַז זי איז געוועזן גערירט פֿון זײַנע רעד. די ליפּען האָבן בײַ איר געציטערט. זי האָט אויפֿגעהויבן אויף איהם איהרע אויגען, און באַגעגנט זײַנע גרויע שוואַרצאַפּלען, וואָס האָבן געגלאַנצט מיט אַ פֿײַער, פֿול מיט אײדעלען שענעם שטאָלץ, און מיט'ן וואונדערבאַר ווייכען בליק, וואָס האָט זי אַרומגענומען.

— צי ווערט איר אויך איצט זאָגען, אַז איך בין נישט אויפֿריכטיק? — האָט ער שטיל אַ פֿרעג געטון.

— אָ, ניין! איצטער רעדט איהר אַנדערש, אײער ערד מעג שטאָלץ זײַן מיט איהר זון. איהר זענט אַנ'עכטער מיכאַראָווסקי. האָט זי לעבהאַפֿט געענטפֿערט.

ער האָט זיך עטוואָס איראָניש צולאַכט.

— איך בעט אײַך, לויבט מיר דערווײַל נישט, ווײַל ס'קען זײַן, אַז איך האָב זיך נאָך אויף דעם נישט פֿערדינט. מען גלויבט דאָך נישט אין מײַן ליבע צום פֿאָטערלאַנד. אַ צו לאַנגע צײַט זענען מיר געווען דאָ מיכאַראָווסקי'ס כּדי זיך

קענען מיט אַמאָל דערדיגען צו מיכאַראָווסקי פשוט, און אָהן פרעמדע צומישונגען. ווער קען מיר פערזיכערן, אַז די איבערצייגונגען, וואָס לעבען און זענען ווירקליך איינגעוואָרצעלט אין מיין נשמה, און אַז זיי ליגען נישט פון אויבען אויף, און זיי עקזיסטירען מעהר צוליב פערזענליכע טעמים, ווי צוליב געזעלשאַפטליכע?

— פטר׳ט נישט דעם איינדרוק מיט׳ן אַנאַליזירען; דאָס איז דאָס ערגסטע סיסטעם — האָט איהם סטעפע איבערגעשלאָגען—עס סטייעט שוין, וואָס די איבערצייגונגען פערמאָגט איהר, און אַז איהר פיהלט זיי אין דער פולער מאָס. דאָס איז שוין זעהר פיל פאַר אַ דעמיכאַראָווסקי.

ביידע האָבען זיך פונאַנדערגעלאַכט.

— איהר זענט גערעכט, לאָמיר זיך נישט פאָרשטעלען ערגער, ווי מיר זענען עס, און לאָמיר זיך פרעהען פון אַזאַ רגע, ווי די איצטיגע.

ער האָט זיך צו איהר איינגעבויגען און אַ פרעג געטין מיט אַ שמייכעל:

— פרעהט איהר זיך אויך?

סטעפע האָט פרעהליך אַ גלאַנץ געטון מיט די אויגען.

— איך פרעה זיך — האָט זי געזאָגט.

— און גוט איז אייך דאָ אויף די קאָזלעס?

— אויסגעצייכענט!

— זעה איך נישט אויס נאָך ווילדוש׳ן, ווי אַן׳אַלטער נודניק הא?

— וואָס רעדט איהר.

— אַ מאַגנאַט אַ גרויסער אַריסטאָקראַט — האָט ער פרעהליך פאָרטגעזעצט.

— דאָס וועט איהר אויף שטענדיג פערבלייבען.

— גוט גוט! איצטער וויל איך עס נישט זיין. אין דער מינוט בין איך מיכאַראָווסקי, איך פערעהר היימישע בלומען, און איינעם פון זיי אַן׳אויסגעצייכענטען פיהר איך אויף מיינע פעלדער. דאָס בעגליקט מיך.

— וואָס זענט איהר אומעטיג געוואָרען — האָט ער פלוצלונג אַ פרעג געטון קוקענדיג אויף איהר אויפמערקזאַם.

— איך?.. ניין — האָט זי גלייכגילטיג געענטפערט.

— איהר זענט, ווי דאָס עמפינדונגס-בלימעל, וואָס טוליעט איין איהרע בלעטלעך, ווען עמיצער ריהרט זיך צו צו זיי. איך ווייס, וואָס איהר האָט ביי זיך אַ טראַכט געטון: ער איז אַ מאַגנאַט, וואָס צוליב פאַנטאַזיע וועגען וואַרפט ער פון זיך אַראָפ דעם מאַגנאַטישען פורפור און פערקליידט זיך אין א פעלד-בלימעל. און מחמת איך רוף אייך אן היימיש בלום-איז עס אייך נישט געפעלען געוואָרען. איאַ אַזוי?

— אויב איך בין אַפילו אַ בלום, בין איך אַלענפאַלס נישט אַזאַ, אין וועלכער מען זאָל זיך קענען פערקליידען.

— דערהויפט דאַרף עס נישט טון אַ מאַגנאַט, אַן׳אַריסטאָקראַט. אמת?

— קיינער נישט!

ער האט א לאנגען קוק געטון אויף איהר.

— א מימאזע! — האט ער ביי זיך א טראכט געטון, און אויפ'ן קול אויס-גערופען:

— א סקאנדאל! מיר הויבען אן אראפצוגעהן פון די רעלסען, פריילין סטעפאניא. מיר קענען זיך צוקריגען, און גלעמבאָוויטשי איז שוין באהנט. לאמיר עס אפלעגען אויף אנאנדערש מאל. געמאכט?

— אויב איהר וועט ווידער נישט אראפ פון די רעלסען...

— גוט! איהר זאגט עס מיר צו, איך וועל זעהן, אז אין גלעמבאָוויטשי זאלען מיר לעבען בשלום, איך וויל אייך זעהן אזא פרעהליכע, ווי איצטער. איך בין איצט געוואלדיג פרעהליך און גליקליך.

— צי דערפאר, וואס מיר פאהרען צו קיין גלעמבאָוויטשי? — האט זי שטי-פעריש א פרעג געטון.

— יא, און באלד וועל איך עסען פרישטיק — האט ער געענטפערט.

סטעפע האט א פלאץ ארויסגעגעבען מיט א געלעכטער. וואלדעמאר האט אויך אויפגעלאכט, און א קנאל געטון פון בייטש ארויס.

— ען! איך בין מיט אייך ברוגז — האט ער אויסגערופען צוזאגענדיג די פערד.

די ברישקע האט זיך אנגעהויבען שנעל צו קייקלען.

— הער מיכאראווסקי! וואס איז עס ווידער פאר אן ארבייט! איהר וועט דא אונז צעטרייסלען! — האט אויסגעשריגען פריילין ריטא.

— אוי, גאט! מיר וועלען דאך ארויספאלען! — האט געשריגען די גרעפין, אנכאפענדיג זיך אן טרעסטקען און ווילהעלמען.

וואלדעמאר האט זיך אויפגעשטעלט. מיט איין האנד האט ער געקערעוועט, און שאקלענדיג מיט די לייצעס האט ער געשריגען צו די פערד:

— יאגט אייך, מוזען יאגט אייך!..

די פערד האבען זיך אזוי געריסען, אז שטיקער ערד האבען אויפגעשפרונגען פון אונטער די רעדער.

— הער וואלדעמאר, זענט איהר משוגע געווארען? — האט געשריגען די פריילין ריטא, אנכאפענדיג איהם פאר'ן האנט.

— ס'קען זיין.

סטעפע, לוציע און ווילהעלם האבען געקוויטשט פון געלעכטער, קוקענדיג אויף די דערשראקענע פנים'ער פון דער גרעפין, פון באראן און דעם אומגליק-ליכען טרעסטקאן, ביי וועלכען עס זענען אגב אראפגעפאלען די ברילען פון נאז. ער האט זיי ארומגעזוכט, און געשאטען קללות אויף פערשידענע לשונות. לסוף האט ער זיי געפונען און פערביטען אויסגעשריגען:

— פשיא קרעוו, זיי זענען דא!

— אט דאס הייסט פויליש גערעדט — האט זיך וואלדעמאר פונאנדערגעלאכט.

וואלדעמארס אויסריף האט אלעמען געמאכט פרעהליך.

מען איז צוגעפאהרען צו א שטיינערנע בריק איבער א רו'שענדיג טייכעל. הינטער דער דאזיגער בריק, צווישען דעם סך בוימער האבען זיך אויפ'ן בארג געזעהן די הויכע מויערן פונ'ם שלאס, וואס זענען געווען גרעסערע און קלענערע טורעמלעך. אויפ'ן הויפט-טורעם איז אויף אנ'אלטפרענקישען אופן געהאנגען און געפלאטערט א פאהן מיט מיכאראווסקי'ס הערב. די קאלאסאלע בוימער פון דעם פארק, וואס האבען ארומגערינגעלט דעם שלאס,„ האבען זיך געצויגען אין דער לענג פון טייך. די בריטשקע האט אנגעהויבען צו קלאפען פאהרענדיג איבערן בריק, און טויב האבען געקלאפט די קאפיטעס פון די פערד, און פון דער שטיינערנער גרעבליע זענען זיי אריינגעפאהרען אין דער אלייע. צום סוף פון דער אלייע האט זיך ארויסגעהויכט א גרויסער געמויערטער טויער, אויסגעלייגט פון שטיינערנע פלאטען, מיט אייזערנע קראטען און מיט א הערב אויבענאן. דער טויער איז געווען ברייט געעפענט.

ווען די בריטשקע איז אריינגעפאהרען אין דער אלייע, האט זיך וואלדעמאר צוריק אוועקגעזעצט און איינגעהאלטען דאס לויפען פון די פערד. מען איז געפאהרען פאמעלעך. אלע זענען ענטשוויגען געווארען. ערנסט און מאיעסטעטישקייט האט אראפגעוועהט פון די טונקעלע שפיציגע בוימער, וואס זענען געשטאנען אין צוויי גלייכע רייהען, ווי די שומרים פון דעם אוראלטען שלאס.

עס האט זיך עפיס געפיהלט גרויסקייט און מאכט, עפיס אזוינס, וואס האט געצוואונגען צו איינבויגען די קעפ. אלע האבען עס שטארק געפיהלט. נאר וואלדעמאר אליין האט געהאט א הויך-אויפגעהויבענעם קאפ. ער האט בעגריסט די בוימער, ווי זיינע אונטערטאנען.

און זיי, די בוימער האבען ערנסט געבויגט די קעפ, פערנויגענדיג זיך פאר איהם, אין וועלכען זיי האבען געזעהן זייער הער און הערשער.

דער באראן ווייהער האט זיך נייגעריג ארומגעקוקט. ער האט נאך דעם שלאס גופא נישט געזעהן, נאר די אלייע שוין האט איהם אימפאנירט.

טרעסטקא האט געקוקט אויף די שפיצען פון די בוימער, אונטערהאלטענדיג זיין הוט.

— טיטאנען!... טיטאנען! — האט ער געשעפטשעט — איך קען זיך קיינמאל נישט אנקוקען זאט אויף זיי.

פריילין ריטא און די יונגע גרעפין זענען געזעסען פערטראכט; וואהרשיינליך האבען זיי געקלערט, ווען וועט וואלדעמאר אריינפאהרען אהער, האבענדיג ביי דער זייט א יונג ווייבעל. און טראכטענדיג וועגען דעם, ווער וועט עס זיין זיין אויסדערוועהלטע, וואהרשיינליך, האט יעדערע פון זיי בעזונדערס געזעהן זיך אין דער דאזיגער ראליע.

וואלדעמאר איז געפאָהרען אנ׳ערנסטער. ער האט געשפירט, אז זיין איני־גענטום אימפאָנירט אלעמען. פערשידענע געפיהלען האבען זיך אין איהם גע־ביטען — געפיהלען פון שטאָלץ און פון א געוויסער מעלאנכאָלישקייט.

ער האט צו זיך אין געדאנקען גערעדט:

— וואס האב איך פון דעם?

פלוצלונג האט איהם ארומגענומען א בענקשאפט... צום ערשטען מאל האט ער א טראכט געטון, אז אין דער דאָזיגער עשירות, אין דער וואונדער־שענער רעזידענץ געפינט ער זיך אליין, איינגאנצען אליין.

ער האט א שמייכעל געטון.

— נו, אלענפאלס נישט אין דעם מאָמענט.

ער האט הינטערווייליגעכטס א קוק געטון אויף סטעפען.

זי איז שטיל געזעסען, ווי צוגעדריקט פון דער מאיעסטעטישקייט פון די בוימער, וועלכע האבען אויף איהר שאָטענס געוואָרפען.

זי איז עטוואס בלייך געוואָרען. עפיס א קעלט האט זי ארומגענומען, און א נישט בעצייכענטע אומרוהיגקייט האט זיך אין איהר געטוקט.

— וואס טו איך דאָ?.. לעבען דעם דאָזיגען מאגנאט... איך האב זיך פער־בלאָנדזשעט.. א פעלד־בלימעל אין א ספעקט.. — האט עפיס געשעפטשעט אין איהר נשמה.

פונקט ווי וואלדעמארן פריהער, אזוי איז אויך איהר איצטער געקומען אויפ׳ן זינען, אז אין דער דאָזיגער רייכקייט, אין דער פראכטפולער מאגנאטי־שער רעזידענץ געפינט זי זיך אליין איינגאנצען אליין.

זי האט א ציטער געטון.

וואלדעמאר האט עס בעמערקט, און איינגעבויגען צו איהר, האט ער זי לאנג און אויפמערקזאם אנגעקוקט.

— ווי איהר זענט עס עמפינדליך—האט ער ווייך געזאָגט.

זי האט א שמייכעל געטון: ער האט זי פערשטאנען. דאס איז איהר געווען צום הארצען.

ער האט א שעפטשע געטון:

— חיימיש בלימעל!

זי האט אויף איהם אויפגעהויבען פערוואונדערטע אויגען.

— איך האב געטראָפען?

— יאָ!

זיי זענען ארויפגעפאָהרען אויפ׳ן בריק. פריילין ריטא און די יונגע פירשטין האבען אויסגעשריגען:

— אך, ווי שען דאָ איז!

— אך, ווי שען דער בריק און דער ראָיו איז!

— און דער טויער, און דאס וועכטער־הייזעל! אלט איז עס, און ווי שען!

— באַלד וועט איר שוין זאָגן, אַז דעם הער וואַלדעמאַרס אַלטער צילינדער־הוט איז אויך אומפֿאַרגלײַכלעך — האָט זיך טרעסטקאַ פֿאַרקרימט.

די יונגע גרעפֿין האָט אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ געלעכטער, ריטאַ האָט אַ ציה געטאָן מיט די פּלײצעס.

די בריטשקע איז פֿאַרבײַגעפֿאָהרען דעם הויכען קרייץ, וואָס איז אַרומגעצוימט געווען מיט פֿעלזען־שטיינער, און פֿאַרבײַגעפֿאָהרען דעם טויער. דער וועכטער האָט באַגריסט די געקומענע.

זיי זענען אַרײַנגעפֿאָהרען אויף אַ גרויסען גלאַט געברוקירטען שטח, וואָס האָט אויסגעזעהן, ווי אַ מושטריר־פּלאַץ. אין מיטען איז געשטאַנען אַ טונקעלע שטיינערנע קאָלאָננע, אַ קוואַדראַטע מיט טרעפּען. אויף איהר איז געווען אַ באַרעליעף, וואָס האָט מיט זיך פֿאָרגעשטעלט אַ ביוסט פֿון מיכאַראָווסקי׳ס אַנ׳עלטער־עלטער־פֿאָטער. וועלכער האָט עס אין 15 יאָהר־הונדערט אויסגעבויט דעם שלאָס. דעם דאָזיגען מעדאַליאָן האָבען אַרומגערינגעלט מיליטער־צייכענס, וואָס זענען געווען געהאַקט פֿון שטיין, מיט אויפֿשריפֿטען און דאַטעס. לעבען דעם דענקמאָל זענען געשטאַנען זײַלען מיט עלעקטרישע לאָמפּען. דעם גלייכען, פֿלאַכען פּלאַץ מיט דעם שלאָס־בנין האָבען אַרומגענומען פֿון צוויי זייטען די מעכטיגע פּאַרק־ביימער, וואָס זענען ווייטער געגאַנגען אין דער אומאויפֿהערליכער ווייטקייט. פֿון דער רעכטער זייט האָט אַרויסגעשטאַרצט אַ קאָלאָסאַלער קיילעכדיגער טורעם מיט ליוקעס צום שיסען און מיט אַ גאַלעריע, ווייטער — אַ קלויסטער־טורמעל. ביים אַרײַנגאַנג אין טויער פֿון דעם שלאָס גופֿא זענען געשטאַנען פֿון ביידע זײַטען קורצע האַרמאַטען און מאָרטירען פֿון אור־אַלטע צײַטען. עס האָט דערמאָהנט אין אַ שוץ־שלאָס, וואָס ער האָט טאַקי מיט יאָהר־הונדערטער צוריק מיט זיך פֿאָרגעשטעלט.

— אַך, ס׳אַראַ בנין! — האָט געטענה׳ט דער באַראָן ווײַהער — איך רעכען, אַז איהר דאַרפֿט זיך שוין נישט שרעקען פֿאַר אַ טאָטערישען אָנפֿאַל.

— נישט איין אָנפֿאַל אַזאַ איז שוין אויסגעשטאַנען דער שלאָס, בשעת די פֿריהערדיגע מלחמות מיט די געצעלנדיגער — האָט פֿערטראַכטערהייט וואַלדעמאַר אָפּגעענטפֿערט — אָבער דאַמאָלסט האָט דער שלאָס אינגאַנצען אַנדערש אויסגעזעהן. ער האָט געהאַט פֿערוואַסערטע בריקען, אויף דעם דאָזיגען פּלאַץ זענען געשטאַנען מיליטערישע צעלטהייזער, דאָ האָבען געמאַרשירט זעלנער אונטער פֿערשידענע פֿאָהנען; דאָ זענען פֿאָרגעקומען טורנירען, און בשעת מלחמות זענען דאָ געווען מיליטערישע לאַגערען.

אונטער דעם אײַנדרוק פֿון די דאָזיגע מעכטיגע מויערן, און זייער טראַדיציע האָט זיך סטעפֿע געפֿיהלט מאָדנע קליין. איהר פֿאַנטאַזיע האָט פֿאַר איהר פֿאָרגעשטעלט די פֿערגאַנגענהייט, ווי לעבעדיג. זי האָט זיך פֿאָרגעשטעלט די ריטערס, וואָס האָבען געקעמפֿט פֿאַר אַ רינג אויף די טורנירען, די וואָיעוואָדינס

פֿון דער משפחה מיִכאַראָווסקיִ און די קונטושלעך, און איִן דיִ קרענץ בעציִהרט מיִט דיִ לאַנגע צעפּ — דיִ יונגע דאַמען, וואָס האָבען פֿערטיילט דיִ אויסצײַכענונגען פֿאַר דיִ זיִגער. זיִ האָט געזעהן דיִ העטמאַנען מיִט דיִ פֿליִגעלדיִגע פֿאָהנען, דעם אַרויסמאַרש פֿונ׳ם מיִליִטער צו בעשיִצען דאָס פֿאָטערלאַנד. זיִ האָט געהערט דעם קלאַנג פֿון דיִ הוזאַריִשע פּיִקעס, דאָס זשומען פֿון זיִ פֿליִגלען און דיִ בונטשוקעס, און דאָס פֿרומע זעלנעריִשע זיִנגען.

סטעפֿע האָט צוגעמאַכט דיִ אויגען אונטער דעם אײַנדרוק פֿון דיִ זעהעניִשען פֿון דער פֿערגאַנגענהײַט. זיִ איִז ערשט געקומען צו זיִך, ווען זיִ האָט דערהערט דאָס קלאַפּען פֿון דיִ רעדער אויף דער שטײַנערנער פּאָסאַדוקע. דיִ אקוסטיִק פֿון דער מויערונג און פֿון דעם טויער האָט געמאַכט דונערען דיִ פֿאָהרענדיִגע בריִטשקע.

דיִ פֿערד זענען פּאַמעליִך געגאַנגען. אַלע פֿיִר האָבען זײַ איינגעבויגט דיִ קעפּ און אויסגעצויגען דיִ העלזער. זײַ האָבען שטאַרק געקלאַפּט מיִט דיִ קאָפּיִטעס, ווי רײַצענדיִג זיִך און האָבענדיִג הנאה פֿון דעם קנאַקען אויף דיִ שטײַנערנע פּלאַטעס.

סטעפֿע האָט אויסגעשריִגען פֿערוואונדערט, דערזעהענדיִג דעם הויף גופֿא, און וואַלדעמאַר ווייזענדיִג מיִט דער האַנד אויף דעם מיִטעלסטען בניִן פֿונ׳ם שלאָס מיִט דער טעראַסע, מיִט דעם בלומען-טעפּיִך, מיִט דעם זיִלבערנעם צעשפּריִצטען פֿאָנטאַן, האָט צו איִהר האַרציִג און מיִט א ניִדעריִג קול געזאָגט:

— איִך בּיִן גליִקליִך, וואָס איִך האָב אייך דאָ אהערגעבראַכט, אייך, דעם סיִמבאָל פֿון דיִ פֿעלדער און דיִ לאָנקעס — אַהער דאָ איִן דעם נעסט, וואָס געהערט גיִשט צו דער כפֿערע איִן צו דיִ פֿאָראורטײַלען, ניִשט צו דיִ עקזאָטיִשע טרייבּ-הייזער, נאָר צו דער פֿאָטערליִכער סטרעפֿע פֿון דיִ מיִכאַראָוסקיִ׳ס, וואו דאָס היימיִש בליִמעל וועט זיִך פֿיִהלען פֿריי און פֿרעהליִך.

איִן זיין שטיִמע איִז געווען אַזוי פֿיִל עהרליִכקייט און אויפֿריִכטיִגקײַט, אַזוי האַרציִג האָבען געקלונגען זיינע ווערטער, אַז מיִט דאַנקבאַרקײַט האָט איִהם סטעפֿע אַ קוק געטון איִן דיִ אויגען.

— איִהר זענט זעהר אַ גוטער — האָט זיִ אַ שעפּטשע געטון.

— איִך וואָלט עס געוואָלט זיין — האָט ער אויך שטיִל געענטפֿערט.

זײַ זענען געפֿאָהרען נעבען דיִ טעפּיִך-אַרטיִגע קלומבעס, און פּיִראמיִדאַליִשע קשאַקעס. אויף זײַ האָט געהויכט אַ ריח פֿון רויזען מיִט דעם כאַראַקטעריִסטיִשען אָטהעם פֿון צאַרטע געוויִקסען, און ספּעקט-בלומען.

דיִ הויכע מויערן פֿון שלאָס, דאָס וואונדערליִכע שפּיִל פֿון קאָליִרען, דיִ זוניִגע בליקען אַרום וואָס זענען געווען פֿונאַנדערגעזײַהט—האָבען געשאַפֿען אַן אימפּאָניִרענדיִגע גאַנצקייט.

אַלע זענען פֿרעהליִך געוואָרען. מיִט געריוש איִז דיִ בריִטשקע צוגעפֿאָהרען

צו דעם גאַנעק. עטליכע דינערס אין שוואַרצע ליווריעס מיט פּאַנס בעצירט זע־נען אַראָפּגעלאָפען פון די טרעפּען.

דער אַלטער קאַמערדינער אַ הויכער אַ שלאַנקער מיט גרויע באַקענבערד אויף דעם אויסגעגאָלטען פּנים, אין אַ שענערער ליווריע פון די איבעריגע איז פּאַמעליך אַראָפּגעגאַנגען, ווי פיהלענדיג זיין יחסני׳שקייט פון אַנ׳אַלטען דינער, וואָס האָט זיין איצטיגען בעל הבית געזעהן אין וויג נאָך.

XVIII.

גלעמבאָוויטשי, דאָס שטענדיגע וואוינאָרט פון די מיכאַראָווסקי׳ס, האָט געקענט פערנעהמען דאָס ערשטע אָרט צווישען די שענסטע רעזידענצען פון לאַנד. דער אַלטפּרענקישער ערנסט און עשירות, די הויפּט־מעלות פון גלעמבאָוויטשי האָבען אַרויסגעוויזען איהר מאַגנאַטישע מאַכט. דעם עטוואָס שווערען פעאָדאַלישען סטיל האָבען פעראייִדעלט און גע־מילדערט די ניי־מאָדערנע פרעסקען פון קאָמפאָרט, וואָס זענען געווען מיט גרויס געשיקטקייט און געשמאַק אַריינגעפלאָכטען אין די אַלטע ראַהמען פון די פערגאַנגענע צייטען.

דאָס האָט אויסגעזעהן, ווי אַ דעליקאַטע האַפטונג אויף אַ שווערען בראָקאַט.

דער בנין איז געווען מעכטיג. דער מיטעלסטער קאָלאָסאַלער קאָרפּוס, וואָס איז געווען דורכגעשניטען מיט אַ רייהע גרויסע פענסטער, אַנ׳עטליך־שטאָקיגער האָט ער געבילדעט אַ שטאַרקען אָנלעהן פאַר די זייטיגע פליגלען, וואָס זענען בעצירט געווען מיט טורעמלעך. אויף דעם מיטעלסטען גרויסען טורעם האָט גע־פלאַטערט מיכאַראָווסקי׳ס פּאָהן. אויף איין טורעם איז געווען איינגעאָרדענט אַ מעטעאָראָלאָגיש אָבסערוואַטאָריום. אויפ׳ן פאַרטער האָט זיך געפונען אַנ׳אַלטער סיים־זאַל. און אויפ׳ן ערשטען שטאָק א וואָפען־צימער.

אין הויף איז געשטאַנען אַ פאָנטאַן פון גריגעם מאַרמאָר מיט אַ באַסיין, וואָס איז פול געווען מיט וואַסער. דערנעבען אַ מיטאָלאָגישע גרופּע אויף אַ פעלז. די גרופּע האָט פאָרגעשטעלט נעפּטונען אין אַ נימפע, וואָס איז געווען אַרומגע־נומען פון אַ שלאַנג. פון דעם שלאַנגס מויל און פון דעם פעלז אין וועלכען נעפּטון האָט אַריינגעקלאַפּט מיט אַ דריי־צאָהן האָבען אַרויסגעשפּריצט לאַנגע שנורען וואַסער, וואָס זענען צוריקגעפאַלען אין באַסיין אַריין אין דער פאָרם פון אַ צעשפּריצטער קאַסקאַדע.

רעכטס פון דעם שלאָס־קאָרפּוס האָט זיך געהויבען אַ נישט גרויסע טעראַסע, וואָס האָט געגרייכט ביז צום ערשטען שטאָק און איז געווען אַרומגענומען מיט

אַנ׳אייזערנעם פּאָרענטש אַנ׳אַדורכגעפלאָכטענעם מיט רויזען. דעם דאָזיגען הענ-גענדיגען גאָרטען האָבען בעצירט די ציפּריסען אין פּאָמעראַנצען-ביימער, די צעדערן און מירטען. אַ פּאָרטיק אָנגעשפּאַרט אויף אַכט שטיינערנע זיילכלעך האָט געהאַט אויפ׳ן שפּיץ מיכאַראָווסקי׳ס הערב די טרעפּען און די פּאַסאַדקע זענען געווען פון העלע שטיינערנע פּלאַטען. אויף דער טיר האָט זיך געזעהן אַנ׳-אויפשריפט מיט בולטע אותיות: „אַ גאַסט אין שטוב, ווי גאָט אין שטוב“.

דעם שלאָס בנין האָבען פון דער טייך-זייט פּראַכטפולע טעראַסען אויף גע-מויערטע אַרקאַדען פון שטיין און מאַרמאָר, וואָס האָבען געגרייכט ביז׳ן צווייטען שטאָק. בכלל איז גלעמבאָוויטשי בעקאַנט געווען מיט איהרע טעראַסען און מיט די געשמאַקפולע איינריכטונגען. דעם פּאַרטער פון שלאָס האָט בעצירט אַ לאַנגע וועראַנדע פון ווייסען מאַרמאָר, אַרומגעפלאָכטען מיט ווילדע ווינטרויבען און מיט אַלעבאַסטערנע מאָנומענטען פון גריכישע געטער. אין איינעם פון די מויערן, איז געווען איינגעאָרדענט אַ האַלב-רונדער ווינטער-גאָרטען.

פון די טעראַסען האָבען זיך געזעהן די פּראַכטפולע אויסזיכטען אויפ׳ן פּאַרק און די ענגלישע גערטנער, נעמליך: דער פּראַכטפולער רויזען-טאָל, די גראָטען צוזאַמענגעלעגט פון פעלזען, איינער פון רויטען ליים און דער צווייטער אַ ווייסער אין דער פאָרם פון אַ גריכישען טעמפּעל; אַ ווייסער זומער-פּאַוויליאָן, וואָס האָט אין זיך געהאַט אַנ׳אַקוואַריום, אַ טעניס-פּלאַץ מיט אַ שענער אַלטאַנע, גרופּען פון עקזאָטישע ביימער מיט הויכען ווילד-גראָז אַרומגעוואַקסען, און פיל געשלענגעלטע וועגלעך און שטעגלעך.

אַ סך בלומען, שטיינערנע פיגורען, אַלטאַנקעס, גרינע טונעלען, סאַדזאַוו-קעס, איריסען-בלומען, ווייסע שוואַנען, פאָנטאַנען, מאַרמאָר-בענקלעך און בריק-לעך. אויף אַ צונויפגעשאָטענעם בערגעל איז געשטאַנען אַ ווייס-מאַרמאָרנער סלופּ מיט אַנ׳אויסגעהאַקטע פיגור פון דער הייליגער מוטער — אַרומגערינגעלט מיט ציפּריסען. אויף די ברעגען פון טייך האָבען זיך דערהויבען צוויי מעכטיגע סי-רענען, אויך פון מאַרמאָר. דאָרטען וואו די טרעפּען און די שיפלעך אויף דעם טייך, ביים סאַמע ברעג, זענען געווען איינע פון די שענסטע ערטער אין פּאַרק. דאָ און דאָרט זענען געשטאַנען עלעקטרישע סלופּעס.

די פירשטליכע עשירות און דער צויבער פון דעם שלאָס האָבען די בלי-קען מיטגעריסען, און געוועקט די ליידענשאַפטען.

דאָ האָט זיך געפיהלט מיליאָנען פערמעגענס און אַ שטאַרקע ליבענדיגע האַנד, וואָס האָט דאָ אָנגעפיהרט מיט אַלעס און נישט געשפּאָרט קיין געלד, בכדי אויפצוהאַלטען די אַלטע נעסט פון די עלטער-זיידעס.

וואַלדעמאַר האָט ליב געהאַט גלעמבאָוויטשי, געווען ווי אַ זון צו דעם אָרט צוגעבונדען, און דער טיפּישער ערנסטער טאָן, וואָס האָט דאָ אַלמעכטיג געהערשט, און די אַלע נייע נייסען איז געווען זיין שטאָלץ.

דעם שלאָס, דעם פּאַרק, די מענאַזשעריע און די אַלע איבעריקע געביידען האָט ער אָהן אונטערשיד, מוסטערהאַפֿט אויפֿגעהאַלטען, ווי די ווירטשאַפֿטליכע בנינים. צו די גלעמבאָוויטשער פֿערד-שטאַלען האָט ער פּשוט געהאַט אַ שוואַכקייט, מאַכענדיג פֿון זיי אמת'ע פּאַלאַצען.

צו די פֿערצירונגען פֿון שלאָס און פּאַרק האָט ער שוין מעהר גאָרנישט צוגעגעבען, ווענדענדיג זיינע כּוחות און פֿעהיגקייטען אויף מעהר וויכטיגע און נוצליכע ענינים. חוץ דעם פֿערדען-שטאַל האָט צו זיינע לײדענשאַפֿטען נאָך געהערט דער וואָפֿען-צימער און די מענאַזשעריע.

כאַראַקטעריסטיש איז אין שלאָס געוועזען וואַלדעמאַר'ס שלאָף-צימער, וועלכער האָט זיך אונטערשיידט פֿון דער אַרומיגער רייכקייט מיט אַנ'עכט ספּאַרטאַנישער פּראַקטקייט. נישט קיין גרויסער – זענען אין איהם געשטאַנען נאָר די נויטיגסטע דעמבענע חפֿצים. אָהן שום פּאָרהענגלען, טעפּיכער, פֿערצירונגען. די דעמבאָווע בעט האָט פֿערדעקט אַ גרויסע פֿעל פֿון אַ ווייסען בער, וואָס וואַלדעמאַר האָט דערשאָסען בשעת זיין מזרח-רייזע. איבערן בעט איז געהאָנגען זיין בעליבט געוועהר, און ענקעגען – אַ גרויסער פּאָרטרעט פֿון דער מוטער, עלזשבעטאַ יאַנוש אין אַ שווערע רייכער ראַחם. איבער דעם צוקאָפּענס פֿון בעט – אַנ'אָנדענק, אַנ'אייזערנער צלם פֿון 16-טען יאָהרהונדערט. דער דאָזיגער מיליאָנער האָט פּערזענליך געהאַט זעהר בעשיידענע בעדערפֿעניסען.

געהענדיג אין גלעמבאָוויטשי, פֿלעגט זיך דער אַלטער העיר מאַציעי פּרעהען, און מיט אַ שמייכעל דערמאָהנען זיך, ווי אַלע האָבען מיט צווייפֿעל געקוקט אויף די נייע איינפֿיהרונגען און די פֿערבעסערונגען, וואָס וואַלדעמאַר פֿלעגט מאַכען. מען פֿלעגט איהם קריטיקירען, נישט גלויבענדיג, אַז אַזאַ מאַגנאַט אין הוליאַקע איז ביכולת עפּיס רעכטס אויפֿצוטון. מען האָט געוואוסט, אַז ער האָט געענדיגט אין האַללע, נאָר אַסך האָבען אין דעם אויך אפֿילו נישט געגלויבט און ערשט שפּעטער, נאָך אַ לאַנגער צייט, זעהענדיג זיין ענערגישקייט און די גלענצענדע רעזולטאַטען – האָבען זיי פֿערשטאַנען, אַז דער דאָזיגער הוליאַקע קען אויך זיין אַ גוטער בירגער פֿון לאַנד און אַ געוויסענהאַפֿטער אַרבייטסמאַן.

אויף דאָס עשירות און אויף די פּראַכטפֿולע איינאָרדנונג פֿון גלעמבאָוויטשי האָבען די געסט געקוקט מיט גרויס פֿערוואונדערונג, אָבער יעדערער אויף זיין אופֿן; אַזוי צום ביישפּיל. – העיר מאַציעי און פֿירשטין פּאָדהאָרעצקאַ מיט שטאָלץ, טרעסטקאַ מיט קנאה, דער פֿירשט פּאָדהאָרעצקי – מיט פֿערדרוס.

– איך האָב אַמאָל אויך אַ סך געהאַט, איצטער האָב איך נאָר חובות – האָט ער געטראַכט.

דער באַראָן וויהער, וואָס האָט צוזאַמען מיט סטעפֿען צום ערשטען מאָל געזעהן גלעמבאָוויטשי, איז אַרומגעגאַנגען, ווי פֿערשיכור'ט אַ ביסעל, ברומענדיג אונטער די וואָנסעס:

— דער צווייטער וואָרסאַל! דער צווייטער וואָרסאַל!

די גרעפין צווילעצקאַ און דאָס פרייליין פּאולאַ האָבען זיך צוזאַמען מיט דער פרוי אידאַליע פערטרוימט, און זענען געלאָפען איבער די ספּעקטען ענטציקענדיג זיך אויפ'ן קול פון יעדען בלימעל בעזונדער. דאָס פרייליין ריטאַ איז שווער געווען אַרויסצושלעפּען פון פערדען שטאַל: זי האָט זיך געזאָגט, אַז איינמאָל כאָטש וויל זי זיך אָנזעטיגען מיט די גלעמבאָוויטשער פערד! נאָר דער גראַף צווילעצקי און פרייליין מיכאַלינאַ האָבען פערשלאָפענערהייט געשפּאַצירט איבערן פּאַרק אָהן טרוימען און אָהן התפּעלות. מיט סטעפען איז אַרומגעגאַנגען ווילהעלם שעליגאַ. סטעפע איז אַליין אַרומגעלאָפען, ווייזט אויס פון עפּיס אויפגערוישט.

וואַלדעמאַר ווידער האָט פאַר אַלע געסט געהאַט צייט, אויף אַ קעניגליכען אופן האָט ער זיי אויפגענומען, געבענדיג יעדערן פון זיי די פולשטענדיגע פרייהייט.

קיינער האָט זיך דאָ נישט געפיהלט געבונדען; יעדערער איז געגאַנגען, וואו ווער ס'האָט געוואָלט, און מען האָט זיך געוויילט אויסגעצייכענט. מיט לוציען האָט אָבער סטעפע געהאַט פיל קלאָפּאָט. זי האָט דאָס מעדעל נישט געקענט נעבען זיך פערהאַלטען, זעהענדיג, אַז די לעצטע איז פון עפּיס אויפגערעגט.

דאָס רייכטום פון גלעמבאָוויטשי האָט געווירקט אויף לוציען אויף אַ מאָדנעם שטייגער, הגם צו עשירות איז זי פון קינדווייז אָן געוואוינט געווען. אין סלאָדקאָוויצען זענען אויך געווען פּראַכטפולע איינריכטונגען, אָבער אינגאַנצען אַנדערע. אַ סך וועניגער איז דאָרטען סטיל געווען, וועניגער ערנסט, מאַגנאַטישע גרויסקייט און גרויסאַרטיגקייט, וואָס האָט דאָ אַרויסגעשפּראָצט פון יעדען ווינקעל.

אויף לוציען האָט עס געמאַכט אַן'איינדרוק. אַ צוהיצטע איז דאָס מעדעל צוגעלאָפען צו סטעפען, און אָננעהמענדיג זי פאַר'ן האַנט האָט זי בעטאָנענדיג געזאָגט:

— איך קען אייך עפּיס זאָגען, אָבער נאָר אייך.

ווילהעלם שעליגאַ איז בייז אַ ביסעל אַוועק אין דער זייט. לוציע האָט אַוועקגעפיהרט סטעפען אין סוף פון דער אַלעע צו דעם גרויסען פאָנטאַן, פון וואַנען עס האָט זיך גוט געזעהן דער שלאָס מיט די טעראַסען, די גראָז-טעפּיכער, די מאָנומענטען מיט דעם בעגלאַזטען פּאַמעראַנצען-ספּעקט. לוציע איז געבליבען שטעהן, געמאַכט אַ גרויסע בעוועגונג מיט דער האַנד און פייערליך געזאָגט:

— וואונדערבאַר. אמת?

סטעפע האָט עטוואָס פערוואונדערט אויף איהר אַ קוק געטון.

— וואונדערבאַר? — האָט איבערגע'חזרט דאָס מעדעל.

— זעהר! — האָט סטעפע געענטפערט, פיהלענדיג זיך אַליין אונטער דעם מאַיעסטעטישען איינדרוק פון דעם שלאָס.

א פערוויטעלטע האט לוציע א שטארקען דריק געטון סטעפעס האנד, און אנגעהויבען צו רעדען מיט א סודות'דיגען קול:

— איהר זעהט, איך וועל אויך אפשר אמאל האבען אזא שלאס, אזעלכע סאלאנען, אזא פארק און אזעלכע טעראסען. איך וועל זיין רייך, האבען א וואונדערבארע רעזידענץ, עשירות, טיטולען. אזא לעבען איז פאר מיר בעשטימט, אזא, און נישט קיין אנדער לעבען!

— צי וואס רעדסטו עס, לוציע? — האט סטעפע א פרעג געטון אונאנגענעהם אנגעגריפען פון לוציעס רייד.

— איך וועל אייך זאגען! אט איז מיר געקומען א געדאנק, אז נאר אין אונזער ספערע קען איך האבען דאס אלץ, דאס גאנצע רייכטום. אוז איך האב עס אזוי ליב! ווען איך וואלט חתונה געהאט מיט עדמונדען, וואלט איך דאך קיין הונדערט-חלק נישט געהאט פון דעם אלעם. אמת? אפשר א קליין הויפעל אינגאנצען מיט עטליכע צימערן מיט א פאר יאשמינען-בלימלעך, מיט א פאר ביימלעך נאסטורציעס. איך וואלט נישט פערמאגט קיין סאלאנען און קיין פארטרעטען-זאל... ווארום ווער-וואס זענען די פראנטניצקיס? צי האבען זיי דען געהאט יחוס'דיגע אורעלטערן? אך, ווי גוט עס איז, וואס איך בין געבוירען געווארען אין אונזער ספערע!

— א, געוויס! — האט סטעפע פערביטערט געזאגט — דאס האט אבער דער גורל אפגעהיט דיך און איהם.

— אויך איהם?... כ'גלויב, אז נאר מיך? פאר איהם וואלט עס געווען א גליק, ווען ער וואלט מיט מיר חתונה געהאט.

— מיין לוציע, מעסט קיינעם נישט מיט דער מאס פון געלד און פון דער ספערע.

— וואס הייסט?... איך וואלט דען פאר איהם נישט געווען קיין אויסגעצייכענטע זיווג?

— דו וואלסט עס אהן ספק געווען, אבער טאקי דער דאזיגער אויסגעצייכענטע זיווג וואלט פאר איהם אנ'אומגליק געווארען, עס וואלט איהם געדריקט און געווארגען. דו, וואס דו ביזט אויסגעהאדעוועט און דערצויגען אין וואוילטאג, וואלסט זיך נישט געוואלט בעגרעניצען מיט דעם נויטיגסטען, און ער וואלט נישט געהאט קיין מעגליכקייטען צו געבען דיר א לוקסוס-פולען לעבען, און ער וואלט אויסגענוצט דיין געלד צו די צוועקען, וואס ס'איז נישט פון די געשמאקע זאכען; איבעריגענס וואלטען דיינע געלדער אויך נישט געסטייעט צו בעפרידיגען דיינע פאדערונגען.

— אבער מיין ספערע, מיין ספערע! — צי איז דאס וועניג, צו איז דאס נישט גענוג?

איך ווייס נישט, מיר וואלט עס נישט גענוג געווען! איבעריגענס ווענדט

זיך עס אָן פֿערזענליכע אַנשויאונגען. ס'קען זיין, אפשר וואָלט פּראַקטישע געווען צופֿרידען.

— געוויס מעהרער פֿון מיר!

— אָבער, ווען דו וואָלסט איהם אמת'דיג ליב געהאַט?

— דאָס מאַכט נישט אויס. איך וואָלט נאָך געהאַט די ליבע, און ער—אַלץ. ער וואָלט שטענדיג געוואונען — און איך שטענדיג פֿערלוירען.

סטעפֿע, האָט מיט פֿערדרוס אויסגערופֿען.

— אַך, לוציע! דערמאָן זיך, וואָס דו האָסט מיט אַ חודש צוריק געזאָגט: דער איינציגער פֿערלאַנג דיינער איז געווען צו ווערען עדמונדס ווייב. איך ווייס, אַז דאָס איז געווען אַ קינדישקייט, איך ווייס אויך, אַז ער איז נישט ווערט צו געניסען פֿון אַן'אמת'ן געפֿיהל, מחמת ער אַליין פֿערמאָגט נישט אַזאַ, אָבער ווי אַנדערש זענען איצטער דיינע אנשויאונגען. ווי זיי האָבען זיך עס געענדערט פֿאַר אַזאַ קורצער צייט. און ווען ער וואָלט אַלע מעלות אין זיך געהאַט, ווען ער וואָלט זיך פֿערדינט מען זאָל איהם אַכטען, וואָלט ער אויך דאַמאָלסט אויסגעשפּילט וואָלט ער אויך געוואונען? זאָג?!

— איהר פֿערשטעהט מיך נישט. איך רעד וועגען דער פּאַרטיי, און וועגען דער ספֿערע.

— הייסט עס, דער פּערזענליכער ווערט פֿון אַ מענשען האָט קיין שום בעדייט נישט, נאָר דאָס געלד און די ספֿערע?.. אָ, מיין לוציע! ווי יונג ביזטו נאָך, און ס'אַרא פֿערקריפּעלטע בעגריפֿען דו האָסט שוין.

— דאָס זענען נישט קיין פֿערקריפּעלטע בעגריפֿען, נאָר אונזערע בעגריפֿען זענען עס—האָט זיך לוציע ברוגז אָפּגערופֿען.

— מיט מזל! אויב דו טראַכסט שוין איצט אַזוי, טאָ וואָס וועט שוין זיין שפּעטער?

— איך וועל שוין קיינמאָל מעהר נישט בעגעהן אַזאַ נאַרישקייט, ווי איינליבען זיך אין אַ מענשען נישט פֿון אונזער ספֿערע.

— אָ, דו דאַרפֿסט זיך טאַקי שטאַרק אָפּהיטען, איינמאָל פֿאַר אַלע מאָל זיך בעשיצען, מחמת אַזעלכע נאַרישקייטען ענדיגען זיך אָפֿטערס זעהר נישט גוט.

אַזוי פֿיל רחמנות און פֿערדרוס האָט געקלונגען און סטעפֿעס שטימע, אַז לוציע האָט אויף איהר אויפֿמערקזאַם אַ קוק געטון. פּלוצים האָט זי איהרע הענד פֿערוואָרפֿען אויף סטעפֿעס האַלז און אויסגערופֿען:

— זייט נאָר נישט אויף מיר אין כעס, מיין טייערע, ליבע פֿריילין סטעניא!

— איך בין אויף דיר, לוציע, נישט אין כעס, נאָר מיר איז נישט אַנגענעהם.

— פֿאַר דעם הער עדמונד?...

— נישט פֿאַר עדמונדען, נאָר מחמת דו ביזט אַדורכגעדרונגען מיט אַזעלכע פֿאָראורטיילען.

— דאָס האָט גלעמבאָוויטשי אויף מיר אַזוי געווירקט. גליקליכער וואַלדי!..

פֿון דער טיפֿעניש פֿון דער אַלטע האַבעז זיי דערהערט אַ רופֿן.

— די מוטער רופֿט מיך. איך לויף! — האָט אַ געשריי געטון דאָס מיידל, און שנעל אַוועקגעלאָפֿן.

סטעפֿע איז אַוועק אין דער ריכטונג צום שלאָס. די גאַנצע געזעלשאַפֿט איז געווען אין פּאַרק. זי האָט אָבער געוואָלט פֿאַרבלייבן אַליין. געהענדיק צווישן די רויזן-בייטן, האָט זי אַריינגעאָטעמט דעם פּראַכטפֿולן ריח, און מיט הנאה געגורעט איהר קאָפּ אין די סאַמעטענע קווייטן. זי האָט זיך געשפּירט דערקוויקט פֿון די פֿאַרבן און די ריחות. נאָך דעם אויפֿגערעגטן שמועס מיט לוציען איז אָנגעקומען אַ שלעפֿערנדיקע שווערקייט. דער שלאָס-בנין האָט זי געדריקט; די גרויסע מויערן, די טורעמלעך און דער גרויסער טורעם מיט דעם צופֿלאַטערטן פֿאָהן האָבן געמאַכט אויף איהר אַ לעסטיקן איינדרוק. זי האָט געפֿיהלט פֿיזיש, אַז עס איז איהר נויטיק אָפּצווענדן די אויגן פֿון די הויכע ווענט. און זי האָט בעשלאָסן אַריינצוגעהן אינמיטן, האָפֿענדיק דאָרטן קיינעם נישט צו טרעפֿן.

זי איז שנעל דורכגעלאָפֿן איבער די טעראַסן, די וועראַנדע, און אין דעם ערשטן סאַלאָן האָט זי בעגעגנט דעם אַלטן קאַמערדינער. ער האָט זי בעגריסט, פֿערנויגענדיק זיך. סטעפֿע האָט איהם אַ פֿרעג געטון, ווי געהט מען אין די גאַסט-צימערן.

דער אַלטער דינער האָט איהר מיט דער האַנד אָנגעוויזן אַ רייהע סאַלאָנען און מיט עהרעפֿורכט געזאָגט:

— אין לינקן פֿליגעל, צווייטער שטאָק. אפֿשר פֿערלאַנגט די גרעפֿין מען זאָל זי אַהינפֿיהרען?

זי האָט אויף איהם אַ קוק געטון מיט ברייט פֿונאַנדערגעעפֿענטע אויגן.

— וואָס זאָל בעדייטן דער דאָזיגער טיטול? ווייזט אויס, אַז ער נעהמט מיך אָן פֿאַר עמיצן אַנדערש.

דער קאַמערדינער האָט זיך אַוועקגעשטעלט אין אַ ערוואַרטונגס-פּאָזע.

— איהר האָט אַ טעות, אַנדרושע, איך בין נישט קיין גרעפֿין — האָט זי געזאָגט מיט אַ פֿרעהליכן שמייכעל

איצט ווידער האָט שוין דער אַלטער דינער געעפֿענט גרויסע אויגן ער איז אָבער שנעל געקומען צו זיך, און ווידער פֿערנויגענדיק זיך געזאָגט:

— ענטשולדיג מיר.

סטעפֿע האָט לייכט אַ ציה געטון מיט די פּלייצעס, און איז אַוועק אין דער טיף פֿון שלאָס, טראַכטענדיק ביי זיך:

מען איז דאָ צופֿיל געוואָהנט צו טיטולען.

זי האָט אויסגעמיטען די סאַלאָנען און די פּראַכטפֿולע קאַבינעטען. זי איז אַדורכגעגאַנגען דעם גרינעם ביליאַרד-זאַל, דעם ווייסן באַל-סאַלאָן מיט די וועל-

בונגען געציירט מיט מאלעריייען און שניצערייען אין רענעסאנס-סטיל, דערנאך דעם קיילעכדיגען קארמאזין-זאל און דערנאך געקומען צום גרויסען פאדער-צימער פונ'ם שלאס. פון דאנען האבען זיך אין פערשידענע זייטען געצויגען קארידארען און דא זענען אייך געווען טרעפען פון ווייסען מארמאר, וואס האבען זיך אויף ערשטען שמאק געענדיגט מיט א גאלעריע. די טרעפען האט בעדעקט א קארמאזין-טעפיך. זייער הויפט בעצירונג איז אבער געווען אנ'אייזערנע געשניצטע באליוסטראדע וואס האט אויך ארומגענומען די גאלעריע. די הויכע ווענט פון דעם פאדער-צימער זענען געווען אויסגעלעגט מיט פלאטען פון גרויעם גראניט, און דעם באלקען האט ער געהאט א געוועלבטען. אין מיטען צימער איז ענטקעגען טרעפען-שטייג געשטאנען א קיילעכדיגע גרופע פון עקזאטישע בוימער. צווישען זיי — א באסיין פון ווייסען מארמאר און א הויך-שפריצענדיגער פאנטאן

סטעפע האט זיך אויף לאנג פערהאלטען אין דעם דאזיגען פאדער-צימער בעוואונדערענדיג זיין שענקייט. איהר האט פעראינטערעסירט דער גרויסער זייגער מיט די קוראנטען אין געשטאלט פון א הויך שמאל שענקעל בעצירט מיט דעם ביוסט פון דעם קעניג זיגמונד אויגוסט.

אלס אנטיק, וואס איז שוין אלט געווען הונדערטער יאהרען האט ער צו-געגעבען דעם ארומיגען אנ'אלטפרענקישען טאן.

אויפ'ן ערשטען גארן האט זיך אנגעהויבען א גייע רייהע סאלאנען. דא צווישען דעם עשירות האט זיך סטעפע אינגאנצען פערלוירען. זי האט נישט גע-קענט טרעפען, צי איז זי אין דעם הויפט-קארפוס פון שלאס, זי איז זי אויף א פליגעל, געהענדיג האט זי געקוקט אויף די זעלטענע טאפעטען-טעפיכער און גא-בעלענען. עס האבען געשווינדעלט פאר איהרע אויגען טייערע ראמען פון בילדער, גרויסע זשיראנדאלען פון בראנז, מאלאכיט אדער אינגאנצען פון ווענעדישען קרישטאל, וועלכע זענען אראפגעהאנגען פון וואונדערבארע סופיטען, פלאכע און אויך געוועלבטע, געצירטע אין מאלערייען און שניצונגען. איהר געשטאלט האט זיך אפגעשלאגען אין די קאלאסאלע שפיגלען, און אין די ווענט אינגאנצען פון שפיגלען געמאכטע, אין וועלכע די רייהען זאלען האבען אנגענומען אנ'אויסזעהן פון אונענדליכקייט.

זי איז אפט געבליבען שטעהן ביי א בילד, ביי א סקולפטור, אדער ביי א גרופע געוויקסען — ביי די פאכער'ארטיקע וואונדערבארע פאלמען, און אזוי ארום דורכלויפענדיג איבער דער גלאזירטע פאסאדזשע, איבער ברייטע ווייכע טעפיכער, האט זי געגרייכט אלץ ווייטער און ווייטער אין דער טיף פון שלאס. לסוף האט איהר א שרעק ארומגענומען זי האט קענטיג פערבלאנדזשעט, און ארויסצוגעהן פון דעם דאזיגען לאבירינט איז זי נישט געווען ביכולת. זי איז אריין אין א זעהר לאנגען זאל מיט א געוועלבטען סופיט, אין א געפוצטער מיט בארעליעפען און מיט א דעמבאווער פאסאדזשע. די רייהען פענסטער, וואס זענען פער'שאטענט געווען מיט טיפעניש, האבען געגעבען זעהר קנאפ ליכט, אזוי

אַז דער זאַל איז געווען געזונקען אין אַ מין בין השמשות און אין גרויסער טונקלקייט. נעבען די ווענט און אינמיטן זענען געשטאַנען סאָפֿעס מיט גאָלד־באַצירטע אָנלעהנס. עפּיס אַ מאָדנער ערנסט האָט אַרויסגעהויכט פֿון דעם זאַל. סטעפֿע האָט אויבן אַ קוק געטאָן און אַ ציטער האָט איר אַרומגענומען. פֿון אַלע ווענט, פֿון אויבן האָבן אויף איר אַ־אַפּגעקוקט אַ מענגע פֿון אויסדרוקפֿולע אויגן: דער זאַל איז געווען מיט בילדער אַרומגעהאָנגען. די אור־עלטערן פֿון די מיכאַראָווסקי׳ס געמאָלט אין נאַטורעלער גרויס זענען דאָ געשטאַנען, אין די מאַכאָניען־ראַמען, אין בראָנז געשמידטע. אויף סטעפֿען האָבן אַראָפּגעקוקט די ערנסטע פּנימער פֿון די אַמאָליגע וואָיעוואָדעס, העטמאַנען און סענאַטאָרן זיי זענען געווען געקליידט אין זייערע טראַדיציאָנעלע אַנטועכצן, געהילט אין סאָבאָלען און אין גאַרנאַסטייען, אָדער געשמידט אין גאַנצן אין די ריטערשע זילבערנע בלעכן. אַנדערע ווידער האָבן געטראָגן פּרעק, פּאַרוקען מיט געשפּיצטע זשאַבאָ׳ס אָדער זייער פֿיינע מיליטער־מונדירן. זיי אַלע האָבן געהאַט די טיפּישע, עטוואָס אַרויסשטאַרצנדע ליפּן, אויסדריקלעכע געזיכטס־ציגן און גרויסע אויגן, דורכדרינגלעכע מיט׳ן אויסדרוק פֿון העזה, ענערגיע און עטוואָס שפּאָטישקייט. דער האַלב־טונקעל, וואָס האָט געהערשט אין זאַל האָט צוגעגעבן אַט די דאָזיגע טויטע געשטאַלטן סמנים פֿון לעבן. דאָס קאַרגע ליכט, וואָס איז געקומען פֿון דרויסן, איז געקראָכן אויף די קאַרמאַזינען, אויף די רייכע געפּוצערטע קליידער, אויף די וואַקסענע הענט און פּנים׳ער. סטעפֿע האָט געהאַט דעם איינדרוק, אַז די געשטאַלטן באַוועגן זיך, אַז די טויטע, גרויסע אויגן קוקן איר פֿאַרוואונדערט אָן און די ליפּן רעדן:

— וואָס ווילסטו? פֿון וואַנען האָסטו זיך גענומען.

זי האָט אַ ציטער געטאָן.

שוין דאָס צווייטע מאָל האָט זי אַזאַ מין געפֿיל, צום צווייטן מאָל דערשרעקן איר די פּאַטרעטן פֿון די מיכאַראָוסקי׳ס מיט דעם רעדן פֿון זייערע טויטע אויגען

זי האָט פֿערבלאָנדזשעט אין דעם זאַל, און זי געפֿינט זיך דאָ אַליין אונטער דער לאַסט פֿון אַזוי פֿיל אויגען זי האָט געוואָלט אַרויסגעהן, אָפּגעווענדט דעם קאָפּ אין ריכטונג צו דער טיר, נאָר פּלוצים איז איר בליק געפֿאַלן אויף אַ גרויסן פּאָרטרעט אין אַ פֿולער באַלייכטונג, וואָס האָט מיט זיך פֿאָרגעשטעלט אַ גרויס־האַלטעריש פֿרויען־געשטאַלט.

אין אַ שווערן סאַמעטענעם קלייד באַצירט מיט בראַבאַנטער שפּיצן און פּערל איז געשטאַנען נאָך אַ יונגע פֿרויענצימער מיט אַן׳אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און מיט אַ טיפֿן אומעט אין די שוואַרצע אויגן. לאַנגע שוואַרצע האָר האָבן באַשאָטנט דעם שענעם אָוואַל פֿון איר פּנים, די דינע ליפּן האָבן אויסגעדריקט וועהטאָג, וועלכער איז אפילו נישט אויסגעמיטן געוואָרן אויף דעם

פּאָרטרעט. די קליידונג און די פריזור האָט אַרויסבאַוויזן, אַז זי האָט געלעבט אין דער נאָהנטסטער עפּאָכע. די דאָזיגע געשטאַלט האָט פעראינטערעסירט סטעפּען. זי איז צוגעגאַנגען נעהנטער צום פּאָרטרעט, וועלענדיג וויסען וועמען דער פּאָרטרעט שטעלט פאָר.

אויף דעם טונקעלען אונטערגרונט פון דעם בילד האָט זיך פון דער ווייט געזעהן אַ בולט אויסגעמאָלטער הערב מיט אַן׳אויפשריפט: גאַבריעלא פון די פירשטען בורבאָן – פרוי מאַציעי מיכאַראָווסקאַ, די בעזיצערין פון גלעמבאָוויטשי. דערנאָך ציז געשטאַנען די דאַטע פון געבורט און פון טויט.

הייסט עס, אַז דאָס איז וואַלדעמאַרס באָבע, די פרוי פון דעם הער מאַציעי? די פירשטין פון בורבאָן? אָבער פאַרוואָס איז זי אָהן אַ שיעור אומעטיג? אפילו אויפ׳ן פּאָרטרעט איז צו זעהן, אַז עס איז אַן׳אומגליקליכע פרוי. סטעפּע איז נעהנטער צוגעגאַנגען פערקוקט שטאַרק אין דעם געשטאַלט פון וואַלדעמאַרס באָבע. און די דאָזיגע צוויי פרויען – איינע אַ אַן׳אויסגעמאָלטע אין טאַמעט, און די צווייטע אַ לעבעדיגע אין ווייסען מוסלין – האָבען זיך איינע די אַנדערע אָנגעקוקט, ווי פערשטעהענדיג זיך.

די טיפע שוואַרצע אויגען-אַפּלען פון דער פרוי מיכאַראָווסקאַ האָבען אַרומגעהילט סטעפּען מיט אַ רחמנות׳דיגען בליק, עפּיס האָט פון איהר אַראָפּגעזיפצט יאוש און אַ פערביטערטע מעלאַנכאָליע. איהרע אויגען האָבען, דאַכט זיך, גערעדט: „דאָס לעבען האָט מיך מיד געמאַכט, איך האָב נישט גענאָסען קיין טראָפּען גליק, נאָר פון פּיין און פערביטערונג האָב איך געוואוסט... עס האָט גאָרנישט געהאָלפען מיין עשירות, נישט די טיטולע, נישט דער יחוס... אַן׳אומגליקליכע פרוי בין איך געווען.

סטעפּע האָט אַרויסגעלייענט פון איהר פּנים דאָס בעקלאָגען זיך. פאַרוואָס האָט די דאָזיגע פרוי געליטען?.. וואָס האָט איהר דען געפעהלט אין לעבען? וואָס פאַר אַ כמאַרע האָט אויסגעלעגט אויף איהר פּנים אַזעלכע שווערע שאָטענס!

אין דעם דאָזיגען פּאָרטרעטען-זאַל איז איהר פּנים געווען דער ליידענדיגסטער.

אַ זיגעל פון אַ שטילער דראַמע האָט געשטעמפּעלט איהר שטערן; די פּערעל, וואָס זענען געווען צעשאָטען אויף איהר ברוסט האָבען געגלאַנצט, ווי אַראָפּגעפאַלענע טרעהרען; פון די גרעניצלאָז אומעטיגע אויגען. אַלע פרויען-געשטאַלטע אויף די בילדער האָבען געהאַט צעשמייכעלטע פּנים׳ער, און אַנטיקען און בלומען אין די הענד. פאַרביגע פּוילישע קאָסטיומען, קונטישלעך האָבען זיך געמיטען מיט ענג אַרומגעצויגענע קליידער פון אָנהויב 19-טען יאָהרהונדערט, אָדער מיט די ברייטע קרינאָלינען. די קאָפּ – אייניגע אין אַלטפרענקישע פּאַרוקען, און אַנדערע אין קאָקען צוגעפּוצטע, מיט בוקליעס, געציערט מיט אַנטיקען, מיט פעדערן, מיט בלומען. נאָר זי אַליין האָט זיך אונטערשיידט מיט דער קליידונג

אפילו: איהר שווארץ סאמעטען קלייד, די שווערע שפיצען, די פערעל־שנורען האבען ערנסט אויסגעזעהן און דורכגעדרונגען מיט מאיעסטעטישקייט. אפילו א בלימעל איז געבען איהר נישט געווען – גארנישט, וואס אטעמט מיט פרייד און מיט לעבען. איהר ווייס־אריסטאקראטישע האגד איז נאר געווען געצירט מיט עטליכע ריגגען, און איז געווען אנגעלעהנט אויף דעם פארענטש פון דעם פא־טעל, די אנדערע איז אפאטיש אראפגעהאנגען אויפ׳ן קלייד.

סטעפע האט זיך ארומגעקוקט אין זאל. און א פחד אנ׳אלץ־גרעסערער, א נישט־פערשטאנענער האט נעפויכעט און געשלייכט פון די טונקעלע ווינקלען, און גערוקט זיך צו איהר א דראהענדיגער, אנ׳אומברחמנות׳דיגער. די אויגען פון די פארטרעטען האבען ממש געבייטשט מיט די שארפע בליקען. זי האט געהאט דעם איינדרוק, אז מען טרייבט זי דא פון זאל ארויס, אז מען איז אין כעס אויף איהר פאר דעם אריינקריגען זיך אהערצו אין זייער רוה אריין. דאכט זיך – זיי האבען גערעדט צו איהר:

– געה פון דאנען, מעדעל. דא איז נישט פאר דיר קיין ארט! דא איז נישט דיין וועלט. געה, וויל מיר וועלען דיך מיט אונזער גרויסקייט דערדריקען!.

סטעפע איז דערציטערט געווארען. אין איהר איז עפיס אויסערגעוועהנליכעס פארגעקומען... עפיס נישט קיין ארויסגעזאגטע ווערטער האבען זיך געפאליעט אויף איהרע ליפען; נישט קיין דערענדיגטע געדאנקען און געפיהלען האבען איבערפולט איהר מוח און הארץ. אזעלכע איבערלעבענישען האט זי נאך ביז איצט נישט געהאט: עפיס איז דא א צוטערנדיגע פאליע דורכגעגאנגען, א פרעמ־דע, א שטארקע, וואס האט געוועקט צו ניכטערקייט. זי האט געשפירט, אז זי בלאנדזשעט אין עפיס אנ׳אבסטראקציע, וואס איז נאך געהילט אין א נעבעל, אבער – וואס האט שוין געשאפען אנ׳אונערקלעהרבארען פחד. דאם מאגערע גע־זיכט פון סטעפען איז בלאס געווארען, די בלויע אויגען האבען זיך געלויכטען צוליב דער שטארקער אויפרעגונג. זי האט נאך א מאל א קוק געטון אויף די טויטע פנים׳ער און אויפהויבענדיג די הענד צום קאפ, א שעפטשע געטון:

– איך געה, איך געה פון דאנען... כ׳וועל זיך נישט צוריקקעהרען... ניין!

זי האט מיט צעהיצטע אויגען א קוק געטון אויף דעם פנים פון וואלדע־מארס באבע און ווייטער געשעפטשעט:

– איך געה... כ׳געה...

די אויגען פון דער פרוי מיכאראווסקי האבען אויף איהר מילד געקוקט. אומעטיגע פול מיטלייד און ביטערניש האבען זיי, דאכט זיך, גערעדט:

– ארים קינד... אייל זיך... ס׳איז מיר א רחמנות אויף דיר, פעלד־בלי־מעל... אבער... אנטלויף צו די אייגענע!

– גאט! גאט! האט א זיפץ ארויס געטון דאס מעדעל, ארומגענומען פון דער וויזיע. יעדער נערוו האט אין איהר געציטערט, די איינגעבוירענע עמפינד־ליכקייט האט זיך אין איהר מיט דער גאנצער קראפט אפגערופען. פערשלונגען

פון אַ ליידענשאַפטליכער האַלוצינאַציע מיט די אויגען איינגעגעסען אין דעם פּאָרטרעט האָט זי נישט געהערט די שריט אין שכנישען סאַלאָן.

פּלוצלונג האָט זיך פאַר דעם טונקעלען שווערען פאָרהאַנג בעוויזען וואַל־דעמאַר. אין האַנד האָט ער געהאַט אַ בוקעט געלע טיי־רויזען.

— אָך! — האָט סטעפאַ אויסגעשריגען, טועענדיג זיך אַ שאָקעל אויף צוריק.

זיין אָנוועזענהייט אין דעם דאָזיגען זאַל, נעבען זיין באַבעס פּאָרטרעט האָט געמאַכט אויף איהר אַ שטאַרקען רושם.

— וואָס איז אייך?.. וואָס איז?.. — האָט ער אויסגערופען, אָנכאַפּענדיג איהרע האַנד. די רויזען האָט ער אַ שליידער געטון אויף דער סאָפע, און איינ־געבויגטערהייד האָט ער אויפמערקזאַם געקוקט אויף סטעפען.

— איך האָב אייך איבערגעשראָקען?.. פריילין סטעפאַניאַ, וואָס האָט עס אייך אַזוי איבערראַשט? וואָס איז אַזוינס געשעהן?..

סטעפע איז צו זיך געקומען, זיך בערוהיגט. נעבען איהם האָט זי זיך גע־פיהלט זיכער. אויסשטרעקענדיג צו איהם די האַנד האָט זי געזאָגט:

— איהר וועט אוראי פון מיר לאַכען, אָבער פאַקטיש האָט מיך איבערגע־שראָקען אייער אומגעריכט ערשיינען.

— איהר האָט מיך מסתמא אָנגענומען פאַר עפּיס אַנ׳עלטער־זיידען, וואָס איז פון דער וואַנד אַראָפּגעשפּרונגען, אמת?

— פאַר אַנ׳עלטער־זיידען?.. ניין!

— און איך האָב אייך אומזיסט אַרומגעזוכט אין דעם גאַנצען שלאָס. אַנדזשעי האָט מיך ערשט אַרויפגעפיהרט אויף אַ שפּור.

— איך האָב פערבלאָנדזשעט, און אַזער אין זאַל בין איך צופעליג אַריינ־געקומען.

— און איהר האָט גערעדט מיט מיינע אור־עלטערן?

זי האָט אויף איהם פערוואונדערט אַ קוק געטון.

— איהר זענט אַ וויט־זעהענדיגער!

— הייסט עס, אַז איך האָב געטראָפען?

— טיילווייז גאָר, איך האָב גאָר געענטפערט, און זיי האָבען גערעדט צו מיר.

— וואָס האָבען זיי גערעדט?

— זיי האָבען מיר געהייסען אַרויסגעהן פון דאַנען — האָט זי געזאָגט מיט אַ געניטען שמייכעל.

— פריילין סטעפאַניא...

דער אויסגעשריי האָט סטעפען פערוואונדערט. אין איהם איז געווען אַ פראַגע, אַ רחמנות. זי האָט געפליגק איבער׳גע׳חזרט:

— זיי זענען אויף מיר אין כעס, וואָס איך האָב זיך אַריינגעריסען אין זייער רוה אַריין. נאָר די דאָזיגע פרוי האָט אויף מיר מילד געקוקט.

זי האָט אָנגעוויזן אויף דעם פּאָרטרעט.

וואַלדעמאַר האָט אָפּגעווענדט זיין קאָפּ און געזאָגט ערנסט:

— דאָס איז מיין באָבע. די פרוי פון מאַציעי מיכאַראָיוסקי, אַ זעהר גוטע און אַ זעהר אומגליקליכע פרוי.. און אפשר דערפאַר טאַקי אַג'אומגליקליכע ווייל אַ גוטע?

— פאַרוואָס? — האָט סטעפע אַ פרעג געטון.

— אַך! דאָס איז אַ זעהר טרויעריגע געשיכטע, איך וואָלט אייך נישט גע-וואָלט אומעטיג מאַכען.

— איך בעט אייך, דערצעהלט מיר וועגען איהר — האָט זי שעפּטשענדיג אַ בעט געטון.

וואַלדעמאַר האָט זי דורכגעבערענט מיט אַ בליק. ער האָט געמאַכט עטליכע שריט, און בעהמענדיג די רויזען, וואָס זענען געלעגען אויף דער סאָפע, האָט ער געזאָגט מיט אַ שטילער שטימע:

— איך האָב זיי געריסען, טראַכטענדיג וועגען אײַך, און געטראָגען זיי פאַר אייך... ס'איז מיין בעליבטער קאָליר... אָט האָט איהר.

ער האָט איהר דערלאנגט דעם פונאַנדערגעבליהטען, שמעקענדיגען בוקעט אַרומנעהמענדיג דאָס מעדעל מיט אַ הייסען בליק.

— האָט איהר דען ליב טרויעריגע געשיכטען? — האָט ער שנעל צוגעגעבען, צוזאָגענדיג אומקעהרען איהר די פרייהייט, מחמת ער האָט בעמערקט, אַז צונעה-מענדיג די בלומען האָט זי זיך צעטומעלט.

— אָ, יאָ! כ'האָב ליב... איך דאנק אייך פאַר די רויזען. זיי זענען פראַכטפולע!

— נו, וועל איך אייך דערצעהלען דער באָבעס געשיכטע. איך בין אייך אָבער מקדים, אַז זי איז אַ טרויעריגע, מחמת די באָבע האָט פיל געליטען אין לעבען.

— לאָמיר אַרויס פון דאַנען — האָט סטעפע געזאָגט — מען וועט אונז זוכען.

— אַלע שפּילען אין טעניס, און זענען צופרידען. איך מיין, אַז מען דאַרף זיי נישט שטערען.

— אָבער לוציע איז אַליין. ס'קען זיין — זי דאַרף מיך האָבען.

— וואָס שייך לוציען, קען איך אייך בערוהיגען, איך פערזיכער אייך, אַז זי פערברענגט זעהר גוט מיט ווילוש שעליגאַן. לאָמיר דאָ בלייבען.

— ניין, ניין! מען דאַרף געהן.

זי איז צוגעלאָפען צו דער טיר, נאָר וואַלדעמאַר האָט איהר פערשטעלט דעם וועג און ענערגיש געזאָגט:

— אין דעם דאָזיגען זאַל הערשען פעאָדאַלישע רעכט! איך וועל אייך נישט לאָזען: דער באָבע'ס געשיכטע דאַרף מען אויסהערען, געפינענדיג זיך פאַר איהר בילד... אין דעם איצטיגען מאָמענט זענט איהר מיין וואַסאַלקע.

מיט אַ קאָמישער בעוועגונג האָט סטעפּע פֿערבראָכען מיט די הענד.

— הוילפּוטיג האָב רחמנות! בעפֿריי מיך! — האָט זי פֿרעהליך אויסגערופֿען.

— אָ, ניין! קיין רחמנות. איהר געפֿינט זיך איצט אין מיין מאַכט, קיינער וועט דיך ניט בעפֿרייען, אויב איך וועל ניט וועלען! איך האָב הינטער זיך אַ סך פֿערטיידיגער.

ער האָט אָנגעוויזען אויף די פּאָרטרעטען.

— זיי ווילען מיך אָבער דאָ ניט האָבען, זיי טרייבען מיך אַרויס!...

וואַלדעמאַר האָט זיך איינגעבויגען צו איהר און מיט אַ זיכערקייט געזאָגט.

— ווען איך זאָל וועלען, דאַן מוזען זיי אויך וועלען!

סטעפּע האָט אָנגעהויבען צו פֿערלירען די זיכערקייט אין זיך. זי האָט בע-שלאָסען אומבעדינגט אַרויסצוגעהן.

אין דער דאָזיגער רגע איז אָבער עפּיס אויסטערלישעס פּאָרגעסומען. פֿון דעם פּאַרק האָט זיך דערהערט אַ געשריי, די שטימע איז אַריינגעפֿאַלען אין זאַל און די אַקוסטישע ווענט האָבען זי עטליכע מאָל איבערגעחזרט. עס האָט זיך אויסגעדוכט, אַז די פּאָרטרעטען האָבען זיך אַדורכגעשמועסט. אויף סטעפּע'ן וואָס איז געווען אויפגערעגט ביז'ן העכסטען גראַד האָט די דאָזיגע שטימע נאָך וואַלדעמאַרס ווערטער געמאַכט אַ געוואַלדיגען איינדרוק. זי האָט זיך אַ וואָרף געטון פֿאַראויס מיט אַן'אימה-געשריי.

וואַלדעמאַר האָט איהר אָנגעכאַפּט פֿאַר די הענד העכער פֿון עלענבויגען און דערנעהנטערענדיג זי צו זיך, האָט ער אַ שעפּטשע געטון:

— האָב ניט מורא... נעבען מיר דראָהט דיר גאָרניט...

ער האָט זי פֿעסט געהאַלטען, אַ דערפֿלאַמטע מיט אַ שטאַרק שלאָגענדי-גען האַרץ.

— שרעק זיך ניט, איך בין נעבען דיר — האָט ער איבערגע'חזר'ט מיט אַ פֿערשטיקטער שטימע.

זיינע אויגען האָבען איהם געפֿלאַקערט, די רויטע ליפּען — געציטערט, און אין די שלייפֿען האָט איהם דאָס בלוט געקלאַפּט.

אַ רגע פֿון שטילקייט... פֿון ערשטער דערקוויקונג!...

אומזיכטבאַרע ציטערן האָבען זיי צוזאַמענגענומען, צונויפֿגיסענדיג אין איין צויבערליכען שטרוים.

וואַלדעמאַר האָט ניט איבערגעשלאָגען דעם כשוף ניט מיט אַ בעוועגונג, ניט מיט אַ וואָרט. ער האָט געוואָלט געניסען פֿון דער דאָזיגער רגע ביז'ן סוף... איהם האָט צעפֿלאַמט סטעפּעס נאָהענטקייט, און איהר שוואַכקייט האָט איהם גערירט ביז גאַר. ער האָט געפֿיהלט, אַז די רגע מאַטערט איהר, אַז זי האָט נעבעך מורא צו ריהרען זיך — די רגע זאָל אַ דערשראָקענע ניט ענטלויפֿען. דאָס האָט איהם ביים האַרצען גענומען.

סטעפּע האָט שוין אינגאַנצען זיך ניט געפֿיהלט. צום ערשטען מאָל אין

לעבען האָט אין איר נשמה אויפגעציטערט אַ נייער קלאַנג. זי האָט דער פֿילט אַ נישט זיכערקייט צו דעם, צו וועלכן זי האָט געהאַט אַ פולשטענדיגען פערטרויען. זי האָט זיך אַרויסגעריסען, און געזאָגט מיט אַן אָפּגעהאַקטער שטים:

— קומט פון דאַנען... קומט שוין!

— און די געשיכטע? — האָט ער אַ פרעג געטון.

— איר וועט מיר זי אַן אַנדערש מאָל דערצעהלען.

— אָ, ניין! אַן אַנדערע מאָל קען נישט אַזוי שנעל אָנקומען אַזאַ רגע; אַזאַ רגע דאַרף מען אויסניצען.

אַ וואַקלדיגע האָט ער זי צוגעפֿירט צו דער קלייגער קאַנאַפּקע, וואָס אַנטקעגען דעם פּאָרטרעט, און געזאָגט מיט אַ שמייכעל, אַ רוהיגער שוין, און אַ זיכערער אין זיך:

— רוהט זיך דאָ אָפּ... איך — נעבען אייך. אָט אַזוי. און איצטער וועט איר הערען די געשיכטע פון מיין באָבע.

דאָס מעדעל האָט נישט געפונען קיין כוחות צו געגענשטעלען זיך.

זיין ענטשלאָסענהייט איז איר געפעלען געוואָרען. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דער קאַנאַפּקע. אויף דעם הינטערגרונט פון׳ם טונקעלען שטאָף און דער ווייסער קלייד מיט אַ בוקעט געלע רויזען אין די הענד האָט זי זעהר שען אויסגעזעהן. וואַלדעמאַר האָט הייליג אָנגעהויבען צו רעדען אויף דער באַריטאָן־שטימע, וואָס איז הייגט עפּוואָס געווען אַנדערש, ווי אַלע מאָל.

— מיין באָבע איז געוועזן אַ קרבן פון אומגליקליכער ליבע... זי האָט ליב געהאַט אַ מענשען, מיט וועלכען מען האָט איר נישט ערלויבט זיך צו פֿעראייניגען.

סטעפּען איז אַדורך אַ לייכטער שוידער. מיט אַן אויסדרוק פון טיפען מיט־לייד האָט זי אויפגעהויבען די אויגען צום פנים פונם פּאָרטרעט.

וואַלדעמאַר האָט ווייטער גערעדט:

— זי איז געוועזן אַ פירשטין פון אַ זעהר יחוס׳דיגער משפחה, וואָס האָט אין איר הערב געהאַט אַ מלכות׳דיגע קרוין. אַ סך בעריהמטהייטען האָבען זיך וועגען איר בעמיהט. און אַלעמען האָט זי אָפּגעוואָרפען, ליב האָבענדיג אַן אָרים יונגעל, אַ סעקרעטאַר אין די גיטער פון איר פאָטער. זיי האָבען זיך געגענזייטיג ליב געהאַט מיט דער ערשטער ליבע, מיט אַזאַ שטאַרקער ליבע, וואָס האָט אַלץ געקענט בעקעמפען. ער האָט געשוויגען. פיהלענדיג, אַז ער וועט זי נישט בעקומען. טיף אין זיך האָט ער געליטען. אָבער זי אַ יונגע, אַ נעפּיעשטשעטע פון מענשען און לעבענס־בעדינגונגען, וואָס האָבען איר אַלץ, אַלע קאַפּריזען נאָכגעגעבען — האָט נישט געוואָלט שווייגען. זי האָט ערקלערט פאַר די עלטערען׳ אַז זי האָט ליב דעם יונגען גוויראַנען, בעטענדיג, אַז זיי זאָלען איינוויליגען אויף זייער זיווג. און דאָ האָט זי געטראָפען אַ שטערונג. דער פאָטער, אַ פירשט דע־בורבאָן, אַ מענש מיט עכט ראָיאַליסטישע אַנשויאונגען, וואָס זענען דורכגעדרונגען געוועזן מיט פעאָדאַליזם, אַן אַמביטנער און אַ שטאָלצער, האָט נישט געוואָלט

הערען גאָר פֿון דער טאָכטערס ערקלערונג. ער האָט די יונגיטשקע גאַבריעלס אוועקגעפֿיהרט קיין פּאַריז, און גווידאָנען אָפּגעזאָגט פֿון פּאָסטען. דער אָרימער יונגעל, וואָס האָט זי אמת ליב געהאַט, און דערביי אויך זעהר אַנ'אַמביטנער, האָט נישט אַריבערגעטראָגען דעם גורל, און זיך גענומען איינגיכען דאָס לעבען, געזעגענענדיג זיך פֿריהער אין אַ בריף מיט גאַבריעלען. די יונגיטשקע פּירשטין האָט געוואָלט, געזונקען אין טיפֿסטען יאוש, אַריינטרעטען אין אַ קלויסטער, אָבער דער טיראַן דער פֿאָטער האָט עס איהר נישט ערלויבט צו טון. זי האָט זי געמוזט ווייַלען, געמוזט אויסהערען קאָמפּלימענטען פֿון אַ המון קאָנקורענטען — זי האָט אָבער געגענגעשטעלט דעם פֿאָטערס איינרעדען, וואָס האָט איהר געצוואונגען חתונה צו האָבען. אַזוי זענען אַדורך עטליכע יאָהר. דערווייל האָט מיין זיידע, מאַציעי, געהאַט מעהר-ווייניג דאָס זעלבע דורכצוקומען. אַלס אולאַנער האָט ער זיך ערגיץ אויף אַ באַל בעקענט און זיך פֿערליבט אין אַ יונג מעדעל, אַ בירגערישע טאָכטער, וואָס האָט אַגב געהאַט אייער נאָמען.

וואַלדעמאַר האָט עפּיס אַ קוק געטון אין סטעפֿעס אויגען מיט עפּיס אַ צאַרטען שמייכעל.

זי האָט אַ ציטער געטון און בלאַס געוואָרען. ער האָט עס בעמערקט. איידעל האָט ער זי פֿאַר'ן האַנד אָנגענומען.

— וואָס איז אייך, פֿריילין סטעפֿאַניאַ?

— זי האָט אַרויסגענומען איהר האַנד פֿון זיינער, און איינגעבורענדיג איהר פּנים אין די רויזען האָט זי געזאָגט:

— באָרנישט... גאָרנישט... רעדט ווייטער.

— איצטער קומט אָן דער טרויעריגסטער מאָמענט. דאָ מוז איך בעשולדיגען מיין זיידען. ער האָט זיין סטעפֿאַניאַ זעהר ליב געהאַט, אָבער.

— סטעפֿאַניאַ? — האָט סטעפֿע אויסגערופֿען.

— אַזוי האָט ער פֿערצערטעלט איהר נאָמען, און איהר צום אָנדענקען רופֿט ער אייך אַזוי. לויט, ווי ער זאָגט, זעגט איהר אַ פּאָרטרעט פֿון יענער. יענע איז נאָך אויך גאָר יונג געווען, אויך אַ פֿריהלינגדיגע, וואָס האָט געבלויכט מיט לעבען און צעשטראַלטער שענקייט. זי האָט פֿערמאָגט אַ פֿרישקייט אין די געפֿיהלען, אַ טיפֿען גלויבען, און ליבע צו וועלט און מענשען. זי האָט מיט איהר גאַנצער נשמה ליב געקריגען דעם זיידען. זיי זענען חתן-כלה געוואָרען, אָבער אַנ'אומגליק, דער הונדערטקעפּיגער פּאָטום האָט זיך זיי געשטעלט אויפ'ן וועג. און דאָ טאַקי מוז איך בעשולדיגען מיין זיידען. ער האָט קנאַפּ געהאַט ענטשלאָסענהייט כדי צו בעזיגען די פֿאָראורטהיילען און די אָפּגעלעבטע אַנשויאונגען פֿון זיין משפּחה.

מען האָט איהם נישט ערלויבט צו נעהמען אַלס ווייב יענע, וואָס ער האָט ליב געהאַט, וועלכע האָט אין אַלע הינזיכטען פֿערדינט זיין ווייב צו זיין, און וועלכע איז לסוף מעהר ווערט געווען פֿון נישט איין פּראָטעזשירטער דורך זיין

ספערע און דורך דער משפחה. ער האט פאקטיש געוואלט ברעכען דעם צוים וואס האט איהם אפגעשיידט פונ'ם גליק. ער האט אבער צו קירץ געקעמפט. בעדראהט מיט דעם, אז מען וועט איהם אפזאגען פון דער ירושה, און אז ער וועט נישט בעקומען די ברכה — האט ער זיך אפגעגעבען דער בייזער קראפט, נישט האבען קיין דרייסטקייט צו געגענשטעלען זיך ביז'ן סוף. א זעהר ערהליכער און רעכטפארטיגער האט איהם דאך אויסגעפעהלט שטארקער ווילען. עס האט איהם געפעלט עקשנות. ער האט געהאט א צו שוואכען אונטערגעביגען כאראקטער, וואס האט זיך לייכט אונטערגעווארפען אונטער פערשידענע השפעות. ער האט נישט געקענט קאטעגאריש זאגען: „איך וויל!" און זיין ליבע האט ער איבערגעלאזט אין הארצען, נישט ארויסווייזענדיג זי אין די טאטען... דער פאנאטיזם פון דער ספערע האט צום יאוש נעבראכט אלע זיינע טייערסטע געפיהלען, צעבראכען דאס ווארט, וואס ער האט געהאט געגעבען, און אפשר איהם אויך אויף א ווײלע איבערצייגט; די תנאים זענען צעריסען געווארען, און דאס לעבען און הארץ פון דער ארימער פרוי צושמעטערט אויף שטענדיג. תיכף דערנאך האט מען מיין זיידען ארויסגעשיקט קיין אויסלאנד — ער זאל דארט פערגעסען... ס'ארא ביטערער שפאס! ס'ארא איראניע!.. אין פאריז האט זיך דער זיידע בעקאנט מיט גאבריעלא דע-בורבאן, או מיין עלטער-באבע, וואס איז בעפריינדעט געווען מיט דעם דאזיגען פירשטען-הויז האט אויסגעקאמביניערט מיט גאבריעלא'ס פאטער דעם זיווג. די פירשטין, וואס איז מיד געווען פון לעבען האט זיך אונטערגעגעבען דעם פאטערס ווילען. און דער זיידע — איך ווייס נישט דורך וואס פאר א סיבה — האט אויך אויף דעם מסכים געווען. די חתונה איז פארגעקומען אין רוים, נאר אויף דעם דאזיגען שריט האט די יונגע פאר דערנאך חרטה געהאט דאס גאנצע לעבען. זיי זענען געווען זעהר אומגליקליך. ביידע האבען געהאט פערגליווערטע הערצער, ביי ביידע האט פערביטערונג געפלאסען אין די אדערען. ביידע האבען זיך גופא פארגעווארפען זייער חתונה האבען, און ביידען האט געמאטערט דאס געוויסען. זי האט נאך אהן א שיעור און ערך ליב געהאט דעם מענשען, וואס איז צוליב איהר געשטארבען, און ער ווידער האט אין זיין הארצען געטראגען א ליבשאפט צו יענער, און א פערדרוס, וואס ער האט איהר גליק צובראכען. נישט קיין רוה איז געווען, נישט קיין הארמאניע. דער בייזער פאטום האט אויף זיי ארויפגעווארפען א שווערע כמארע, און קיין שום ליכטשטראהלען, וואס זענען געפלאסען מן הצד האבען זיי נישט געקענט ליכטיג מאכען. ביז'ן סוף זענען אין שאטען געבליבען, זי האט נישט לאנג געלעבט. דער טרויער, דער שטענדיגער קאמף, דער אונענדליכער אינערליכע נאגעניש, האט אונטערגעבראכען איהר שוואכען ארגאניזם. גאר גיך האט זיך ביי איהר ענטוויקעלט א הארץ-פעהלער, און שווינדזוכט. זי איז גאר יונגערהייט געשטארבען. דאמאלסט האט דער זיידע אפגעגעבען דעם גוט און דעם שלאס צו מיין פאטער און ער אליין האט זיך בעזעצט אין סלאדקאוויעץ. וואו ער האט אין עטליכע

איהר אַרום אַריבערגעבראַכט די מוהמע אידאַליע, ביי וועלכען דער מאַן איז געשטאָרבען, און מיט זיך האָט זי מיטגעבראַכט די קליינינקע לוציע.

וואָלדעמאַר איז ענטשוויגען געוואָרען. ער איז געזעסען מיט אַן׳איינגעבויגענע קאָפּ — און צווישען די ברעמען האָט זיך איהם אויסגעלעגט אַ טיפער קנייטש. פּלוצלונג האָט ער זיך אויסגעגלייכט, אַ פּיהר געטון מיט דער האַנד איבערן שטערן און געזאָגט מיט אַ זיפץ:

— איצטער האָט זי אפּשר אויף אַן אַנדער פּלאַנעטע געפונען איהר רוה וואָס זי האָט אַזוי אויף דער ערד געזוכט.

— געדענקט איהר זי? — האָט סטעפּע מיט אַ פערשטיקט קול אַ פרעג געטון.

— זי איז געווען מיין טויף-מוטער, איך געדענק, זי אַ ביסעל. אַ סך האָט מיר וועגען איהר דערצעהלט מיין באָבע, פּאָדהאָרעצקאַ, וואָס האָט זי זעהר ליב געהאַט.

ער האָט אויפמערקזאַם אַ קוק געטון אויף סטעפען, אויף איהרע דערהיצטע ליפּען, אויף איהרע פייכטע אויגען, און געזאָגט מיט אַ מאָרנע ווייכער שטימע:

— איך האָב אייך מיד געמאַכט... אמת? אַזוי האָט עס אייך, ווייזט אויס, אַדורכגענומען. אַזוי זענט איהר געריהרט.

זי האָט אויפגעהויבען אויף איהם איהרע אויגען.

— ס׳איז מיר אַ רחמנות אויף מענשען, וואָס מאַטערן זיך אַזוי גרויזאַם, וואָס ליידען אַזוי..

— אָ, יאָ! אַ רחמנות אויף דער אָפּגעגנאַרטער האָפענונג, און אויף דעם גרעסטען רייכטום אויף דער וועלט — אויף די געפיהלען.

— איהר פערשטעהט עס? — האָט סטעפע אַ פרעג געטון.

ער האָט צוזאַמענגעקנייטשט די ברעמען.

— און איהר צווייפעלט אין דעם?

— איך האָב געטראַכט, אַז... אין אייער ספערע נעהמט מען נישט אָן די ליבע פאַר אַ רייכטום. אַז מען שאַצט זי נישט אָפּ.

— פונדעסטוועגען האָט דאָך מיין זיידע, מאַציעי אָפּגעשאַצט די ליבע, און זי גוט פערשטאַנען, און מיין באָבע אויך.

— און ביידע האָבען זי גע׳פּטר׳ט — האָט סטעפע געענדיגט.

— דאָס איז שוין עפּיס אַנדערש. זיי האָט געפעהלט קרעפטען צו בויען פאַר זייער ליבע די געהעריגע יסודות... זיי האָבען זי נישט געקענט אַוועקשטעלען אויף אַזאַ פּיעדעסטאַל, פון וועלכען קיינער זאָל זי נישט קענען אַראָפּוואַרפען. פונדעסטוועגען מעגט איהר גלויבען, אַז צווישען אונז זענען אויך דאָ אַנדערע, אָ — אפשר אין אַלע יינגסטע ערגעץ פון מיין זיידען, אָבער מעהר ענערגישערע, מעהר עקשנות׳דיגע. ווען זיי ווילען דערגרייכען צום ציל, ווילען זיי אַלץ צוברעכען, דורכגעהן מיט אַ שטורעם, אַזש זיי וועלען ביז דעם ריכטי-

גען ציל דערגרייכען. צו די דאָזיגע פּעררעכען איך זיך אויך. איך פּערמאָג טוי־זענטער חסרונות, אָבער איך האָב אויך אַ מעלה פון אַ האַרטנעקיגען ווידערשטע־לען זיך געגען אַלע בייזע כוחות. דערביי — ווי אַלע מיכאַראָווסקי׳ס — בין איך אַ ביסעל אַנ׳עגאָאיסט, דעריבער וואָלט איך מיין גליק קיינעם נישט ערלויבען פון מיינע הענד אַרויסצורייסען. בשום אופן נישט! מען וואָלט מיך נישט בעַ־ווייזען צו בעזייטיגען: איך וואָלט צוטרעטען די אַלע יענע, וואָס וואָלטען געהאַט די העזה צו שטעלען זיך מיט מיר אין אַזאַ קאַמף. מיך וואָלט נישט דערשראָקען די דראָהונג פון אָפּזאָגען זיך פון מיר, פון צונעהמען די ירושה, און קיין קללה נישט. איך בין צו ענטשלאָסען, אמת! אָבער איך פיהל אין זיך אַ נויטיגקייט אין אַן אַנדער גליק, ווי איך פערמאָג, און ווען איך זאָל צו דעם דאָזיגען גליק שטרעבען, וואָלט גאָרנישט אין דער וועלט געווען ביכולת צו שטעלען זיך מיר אין וועג!

וואַלדעמאַר האָט גערעדט — מיט צופלאַקערטע אויגען, מיט צופּאַכטע נאָז, לעכער און מיט געקניטשטע ברעמען. זיינע גרויע אויגען האָבען, דאַכט זיך איבערגע׳חזרט די ווערטער, פון וועלכע עס האָט נעשלאָגען אַ מעכטיגער טעמ־פּעראַמענט, ענערגיע און ווילען — וואָס ווייסען נישט פון קיין שום גרעניצען פאַר זיך.

מיט אַ פּערוואָרפען קאָפּ און מיט האַלב נעעפענטע אויגען האָט זיך סטעפּע פער׳חידושט צוגעקוקט צו זיינע מאַנסבילשער אויסדרוקפולע געזיכטס־צוגען, ער האָט איהר אימפּאָנירט. זי האָט נעפיהלט, אַז דאָס וואָס ער רעדט, איז אַ קנאַפּער טייל פון דעם, וואָס ער איז ביכולת אָפּצוטון. אַלע שטערונגען קענען ביי איהם צובראָכען ווערען, ווי אין אַ פעלז. אַנ׳אינסטינקטיווער ציטער איז איהר אַדורך, און געגען איהר ווילען האָט זי זיך שטיל אָפּגערוקט.

ער האָט זיך בערוהיגט, אַ קוק געטון אויף איהר און דערפרעגט פון איהר אויסדרוק אויפ׳ן פנים, האָט ער מיט אַ שמייכעל געזאָגט:

— איהר האָט פאַר מיר מורא? בין איך דען אַזאַ גרויזאַמער? איבעריגענס, קען איך אויך אַזאַ זיין — אָבער נישט פאַר אייך. איהר האָט מיך אַ ביסעל אָנ־געריהרט, אַ פרעג טוענדיג, צי בין איך אַ מבין אויף דער טיפקייט פון געפיה־לען, — איך וועל אייך זאָגען אָפען: איך בין נישט געווען קיין מבין, נאָר איצט ער... הויב איך זיך אָן צו פערשטעהן!...

סטעפּע האָט זיך אויפגעהויבען, געווענדט זיך צו איהם און פלינק געזאָגט:

— איך דאַנק אייך פאַר׳ן דערצעהלען די טרויעריגע געשיכטע. קומט שוין... מיר זענען דאָ זעהר לאַנג געזעסען... אין דעם דאָזיגען פּעאָדאַלישען זאַל.

— דאָס בעדאַנקען וועט נישט אונטערגעשטיצט ווערען מיט אַ האַנד־דרוק? — האָט ער אַ פרעג געטון, אויסשטרעקענדיג צו איהר זיין האַנד.

זי האָט איהם דערלאַנגט איהר האַנד.

ער האָט זי שטאַרק אָנגענומען, איינגעבויגען זיך, און צוגעדריקט צו איהר

זיינע הייטע ליפּען. סטעפע איז, ווי געליימט געוואָרען, פלאַמען האָבען איהר אין פּנים אַ שלאַג געטון, אין קאָפּ האָט איהר אָנגעהויבען שטאַרק צו זשומען. דער דאָזיגער קוש האָט איהר געשרפ'עט, זי האָט געשפּירט אויף זיך וואַלדעמאַר'ס אויגען.

זי האָט שנעל אַרויסגעריסען איהר האַנד, אַוועקלענדיג זיך אין דער ריכטונג פון דער טיר.

זי האָט געוואָלט ענטלויפען פון דעם זאַל, און פון זיינע בליקען.

ער איז איהר נאָכגעגאַנגען.

די גאַנצע געזעלשאַפט האָט זיך גרופּירט אויף דער טעראַסע. דער טעניס האָט זיך נישט איינגעגעבען, מחמת עס האָבען געפעהלט קאָסטיומען. מען האָט געפּרובט צו טראַכטען אַ נייע שפּיל. סטעפע און וואַלדעמאַר זענען פּונקט צו דער צייט געקומען; מען האָט זיי שוין אויסגעקוקט. די געלע רויזען און סטעפעס האַנד האָבען געמאַכט אַן'איינדרוק; מען האָט געוואָרפען פערדעכטיגע בליקען.

— וואו זענט איהר עס געוועזען? פריילין סטעפאַניאַ זעהט אויס, ווי אַ בלומען-גאָרטען — האָט טרעסטקאַ איראָניש געזאָגט, סטעפע האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט.

— אָבער אמת שענע רויזען?

וואַלדעמאַר האָט געזאָגט:

— עס דערמאָהנט זיך די צויבער-מעשה'לע פון דעם פער'כישופ'טען קעניגליכען הויף: איהר זעהט אַלע אויס, ווי אויפגעוועקטע פון שלאָף.

— און איהר טרעט דאָ אַריין צווישען אונז, ווי אַ טריומפאַטאָר אויף אַ רייטוואָגען — האָט אונטערגעכאַפּט סטעפע, פערמרוישענדיג די אויגען.

— נעבען וועלכען עס איז אפילו דאָ אַ געפאַנגענע שקלאַפין — האָט טרעסטקע צוגעגעבען.

— אַך! איז דאָס שווייגען אַ מין אָפּגעבען אונז כבוד?

— אַך, ניין! אַזוי שטאַרק ענטציקט זענען מיר נישט, און איך גופא אַודאי נישט — האָט זיך, ריטאַ, נערוועז פונאַנדערגעלאַכט.

וואַלדעמאַר האָט אויף איהר מיט אַן'איראָנישען שמייכעל אַ קוק געטון.

— איך זעה, אַז ביי'ם טעניס האָט איהר זיך נישט איבעריג גוט געוויילט.

— האָט איהר שוין אַלע דען געשפּילט? — האָט סטעפע געפרעגט.

— איך האָב נישט געשפּילט. לאָמיר אויפדאָסניי אָנהויבען — האָט געזאָגט ווילויש שעליגאַ.

— איך וועל מיט אייך מיטשפּילען — האָט אויסגערופען, צולויפענדיג לוציע.

וואַלדעמאַר האָט זיך געווענדעט צו סטעפען:

— איהר האָט מיר אַמאָל געזאָגט, אַז איהר בענוצט נישט דעם דאָזיגען ספּאָרט.

— וואָס רעדט איהר? פריילין סטעפאַניאַ שפּילט מייסטערהאַפט!

— האָב איך אייך, הייסט עס, געכאַפּט ביי אַ ליגן! אַ! זער שאָן!

— און אפשר האָט זי מיט אייך נישט געוואָלט שפּילן? האָט זיך שעליגא אַריינגעמישט.

— נישט דאָס און נישט יענץ — האָט סטעפּע געענטפערט — טעניס שפּילן האָב איך זיך ערשט אויסגעלערנט אין סלאָדקאָוויעץ. דאַן, ווען איהר האָט מיר געהאַט פּראָפּאָנירט צו שפּילן, האָב איך אפילו די ראַקעטע נישט געקענט האַל-טען אין האַנד.

— נו, אויב אַזוי, קענט איהר נאָך נישט שפּילן מייסטערהאַפט! — האָט טרעסטקאַ אַרויסגעשריגען.

— דאָס איז נאָר די מיינונג פון לוציען, אַז איך קען אַזוי שפּילן.

אַלע האָבען מסכים געווען צו מאַכען נאָך אַ פּאַרטיע.

— איהר וועט מיר ערלויבען צו זיין אייער פּאַרטנער? — האָט וואַלדעמאַר אַ פרעג געטון.

סטעפע האָט אַ שאָקעל געטון מיט'ן קאָפּ.

ווילוש שעליגאָ האָט זיך פערקרימט. ריטא — פערביסען מיט די ליפּען.

די שפּילערס האָבען זיך פונאַנדערגעשטעלט פון ביידע זייטען פון דער „שיאַטקע". סטעפע מיט וואַלדעמאַרן, און פריילין ריטאַ מיט ווילוש'ן.

די פּאַרטיע האָט געזאָלט זיין גוט געשפּילט צוליב דעם אַנטייל פון וואַל-דעמאַרן און דער פריילין ריטאַ. ווילוש איז געווען אויסגעפּרוּכט אין שפּילען, נישט זיכער איז נאָר געווען סטעפע, טרעסטקא האָט זיך מיט איהר גערייצט, אַז זיי ווילען איהר ערשט איצט לערנען, און ער האָט געקליבען מיינונגען — ווער וועט אויסשפּילען. מען האָט זיך אָנגעהויבען צו וועטען.

סטעפע האָט געמאַכט שפּאַס פון טרעסטקאַן, און ווילוש אין דער ראָליע פון אַ געקריוודעטען העלר האָט אונטערגעהאַלטען איהר גוטע שטימונג, וואַלדע-מאַר האָט איהר אויסגעטייטשט די הויפּט-כללים פון דער שפּיל, פערזיכערענדיג, אַז זיי מוזען געווינען. מען האָט זיך אַוועקגעשטעלט אין די געהעריגע פּאָזעס.

סטעפע, זעהענדיג אַז דאָס קלייד שטערט איהר, האָט זי עס געשיקט צו-געשטאָכען פון ביידע זייטען, און גלאַנצענדיג מיט די לאָק-לעטשלעך, האָט זי אויפגעהויבען די ראַקעטע אין דער הויך, אויסרופענדיג:

— מיר הויבען אָן?

— מיר מוזען אויסשפּילען! — האָט פריילין ריטאַ אַ וואַרף געטון, שנעל אַ קוק טוענדיג אויף וואַלדעמאַר'ן, וואָס איז ענטקעגען געשטאַנען.

וואַלדעמאַר האָט זיך פערנויגט מיט עטוואָס אַ שפּאָטישען שמייכעל.

עס האָט אויסגעזעהן, ווי ער וואָלט אָנגענומען דעם קאַמף.

די פּאַרטיע האָט זיך אָנגעהויבען. ריטאַ האָט געשפּילט היציג און פערבי-סען. איהר האָט אויפגעבראַכט וואַלדעמאַר'ס רוהיגקייט, וואָס האָט יעדען גאַנג

געשיקט אָפּגעשלאָגן, קאַלטבלוטיק, כמעט מעכאַניש. ער האָט, דוכט זיך, אויסגעלאַכט די געשליידערטע באַלעמס, און האָט יעדעס מאָל געטראָפֿן אָפּצושלאָגן זיי, נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס זײַן גאַנץ אויפֿמערקזאַמקייט איז געווענדט געווען אויף סטעפֿעס שפּילן. ער האָט אַכטונג געגעבן אויף יעדער באַוועגונג. ווילוש איז געווען בײז, האָט ער עס אַרויסגעוויזן און געשפּילט מיט אימפּעט. דערהויפּט איז די געזעלשאַפֿט אויפֿמערקזאַם געווען אויף סטעפֿעס שפּילן. דאָס מעדל איז געווען אויפֿגעהײַטערט, פֿרייליך און האָט לעבהאַפֿט געשפּילט. באַוועגונגען האָט זי געהאַט פֿרײַע, פֿון דער נאַטור — אײדעלע. צײַטענווײַז פֿלעגט זי אויפֿשפּרינגען, לויפֿענדיק ווי אַ פֿײגל צו אַ באַלעם, אַמאָל פֿלעגט זי אויך אויסשרייען, ווען זי פֿלעגט גוט טרעפֿן.

וואַלדעמאַר פֿלעגט אַרײַנוואַרפֿן באַמערקונגען, וואָס האָבן זי געמאַכט אומגעדולדיג.

— איהר דאַרפֿט מיר נישט אָנווײַזן, איך קען אַליין שפּילן.

— אָט דאָס האָט איהר די דאַנקבאַרקייט פֿון פֿרויען פֿאַר דעם גוטן ווילן — האָט זיך וואַלדעמאַר פֿונאַנדערגעלאַכט.

— געוויס אַזוי. וואָרום, אַז איך וועל אויסשפּילן, וועט איהר זאָגן, אַז דאָס איז אײַער פֿאַרדינסט.

— איהר האָט שוין אויסגעשפּילט. איצט איז מײַן רײַהע.

— מײַן העַר! וואָס זענען עס פֿאַר אַ קונצן? — האָט פֿריילין ריטאַ אויסגערופֿן — אָט האָט איהר!

זי האָט אַ שלײַדער געטון דעם באַלעם מיט אַזאַ קראַפֿט, אַז זי איז אַוועק געפֿלויגן אין סאַמע עק פֿלאַץ. סטעפֿע האָט אַ געשריי געטון, זיך אַ יאָג געטון און צו דער סאַמער צײַט אָפּגעשלאָגן דעם באַלעם, אַוועקיאָגענדיג איהם אונטער די פֿיס פֿון ווילוש׳ן.

— איך האָב אײַך געראַטעוועט! — האָט זי אויסגערופֿן, קוים כאַפּענדיג דעם אָטעם.

— אַ דאַנק! איהר וועט אויסגעצייכענט מיטהעלפֿן אונזער זיג — האָט ער פֿיל באַדײַטענדיג געזאָגט.

פֿריילין ריטאַ האָט פֿאַרביסן די ליפּן, און אַ וואָרף געטון אויף סטעפֿען אַנ׳אומפֿרײַנדליכען בליק.

— איך בין געווען איבערצײַגט, אַז איהר וועט פֿאַרשפּילן, אָבער דאָס איז נאָך נישט קײַן סוף!

— איך וואַרט אויף אַ נײַער אַטאַקע — האָט וואַלדעמאַר אַ זאָג געטון.

— איהר ריזיקירט צופֿיל — האָט אַרײַנגעוואָרפֿן טרעטעטקאַ — דאָרטן שפּילן קאָלאָסאַלע קרעפֿטן. איך פֿיהל, אַז מיר וועלן האָבן אַרום און אַרום אַ מפּלה.

— זײַט שטיל דער וואָס ריזיקירט גאָרנישט — האָט גאָרנישט.

— דער וואָס ריזיקירט אַ סך — האָט אויך גאָרנישט — האָט טרעסטקאַ בייז געענטפֿערט.

— וועגען וואָס רעדט איהר עס? — האָט וואַלדעמאַר אַ פֿרעג געטון.

— אַ נעבעך׳ל!...

— הער וואַלדעמאַר, דער באַלעם! דער באַלעם — האָט סטעפֿע אויסגעשריגען.

וואַלדעמאַר האָט זיך אַ וואָרף געטון אויף צוריק, האָט זיך געשיקט אַריבערגעבויגען און מיט קראַפֿט אָפּגעשלאָגען דעם אָנפֿליהענדיגען באַלעם — צוריק צו ריטאַ׳ן.

— ווילוש, האַלט! — האָט זי אַ געשריי געטון.

ס׳איז שוין אָבער געווען צו שפּעט: סטעפֿע מיט וואַלדעמאַר׳ן האָבען געוואונען די פּאַרטיע.

— בראַוואָ, פֿרייליין סטעפֿאַניאַ! מיר קענען זיך געגענזייטיג בעדאַנקען, און גראַטולירען, מיר טריומפֿירען! — האָט וואַלדעמאַר אויסגערופֿען.

טרעסטקאַ האָט אַ בליק געוואָרפֿען אויף ריטאַ׳ן.

— אָבער, וואָס האָב איך געזאָגט? ס׳איז אַ טשיקאַווע שפּיל.

— אַ נודניק זענט איהר. איך האָב געקענט געווינען. דאָס אַלץ איז צוליב ווילוש׳ן.

— מיין טייערסטע, דו האָסט זיך פֿערגאַפּט און איך האָב געדאַרפֿט אָנשטאָט דיר שפּילען? — האָט אָפּגעענטפֿערט דער סטודענט.

— אַ ודאי, אמת! איך וואָלט געזאָגט, אַז דו האָסט זיך אויך פֿערגאַפּעט.

— אָט האָסטו דיר — האָט זיך דער באַראָן ווייהער פֿונאַנדערגעלאַכט.

די גאַנצע געזעלשאַפֿט, וואָס האָט געשפּילט טעניס, איז אַוועק אין דער ריכטונג פֿון דעם רויזען-טאָל, פֿון וואַנען עס האָבען זיך געטראָגען וואונדערליכע ריחות, און אַ כשוף׳דיגע שענקייט האָט געצערטעלט די בליקען. ביים אַריינגאַנג אין טאָל איז געשטאַנען אַ גאָטישער טויער מיט געשניצטע אייזערנע קראַטען און דורכגעפֿלאָכטען מיט רויזען. אַזאַ צוימונג, אַדורכגעפֿלאָכטען מיט רויזען האָט אַרומגענומען דעם גאַנצען טאָל. אין דעם טאָל זענען געווען אַלטאַנעס, טונעלען, רויזען-פּיראַמידען, וואָס זענען געווען ווי פֿער׳מבול׳ט מיט בלומען. אויף די הויכע גראָזען זענען געשטאַנען גרויסע געפֿלאָכטענע קוישען פֿון ווייסען דראָט, וואָס זענען געווען איבערפֿולט מיט בלומען. צווישען זיי האָבען זיך געווייסעלט מאָנומענטען פֿון מיטאָלאָגישע געטער, אַלבאַסטרענע און מאַרמאָרנע וואַזאָנען אויף הויכע זאַלען. קאַסקאַדען רויזען האָבען אַרומגעשוואומען אין מאַרמאָרנע באַסיינען, און צווישען די בונטען בלומען האָבען געשלאָגען דינע שטראָמען פֿון די פֿאָנטאַנען. וואו נישט-וואו האָבען זיך אַרויסגעווייסעלט ווייסע אייזערנע בענקעל מיט אויסגעבויגענע אָנלעהנס, און ווייסע אייזערנע פֿאָטעלען; ביי איין רויזען-שטויך זענען געשטאַנען צוויי קליינע פֿאָטעלכלעך פֿון ראָזאָווען מאַרמאָר, וואָס האָבען אויסגעזעהן ווי די באָמבאַניערקעס.

ארום און ארום זענען געווען געדיכט אנגעשאטען רויזען, ארום איז געווען א שמעקעדיגער ריח ניחוח'דיגער אקעאן. דער טאל האט אויסגעזעהן ווי א צויבערפולער חלום. עס האט זיך געוואלט באדען דא אין די רויזען.

— וואונדערבאר! — האט גע'טענה'ט דער פערוואונדעטער באראן ווייהער, נישט גלויבענדיג זיינע אייגענע אויגען.

די הערען האבען געווארפען רויזען אין די דאמען, און עס האט זיך אנגעהויבען א קליין בלומען־שלאכט.

— קיין גלעמבאוויטשי קומען מסתמא א סך בעזוכערס, וואס איז אנ'ארטיגער ווערסאל — האט געזאגט דער באראן ווייהער.

— א, יא! גאנץ גענוג! — האט וואלדעמאר געענטפערט. עס געפינט זיך דא ביי מיר אנ'אלטער לאקיי, וואס פיהרט אויס די ראליע פון אנ'אונטערפיהרער און אנ'ערקלערער.

— קומט עס דען פאר נאר אין אייער אפוועזענהייט?

— נישט שטענדיג. איך טרעף אפט מענשען, וואס קומען בעטראכטען דעם פארק, די מענאזשעריע, די פאבריקען. נאר דער שלאס איז פון דעם אויסגעשלאסען. איבעריגענס קען איהם שוין גוט די אומגעגענד. איך האב דא נישט לאנג געהאט מכבד געווען מיט פרוכטען עטליכע שכנישע דאמען, מיר זענען געווען אין דער ראזער אלטאנע, און כ'האב זיי נאטירליך געוויזען דעם ש"אס. מחמת זיי זענען געווען נייגעריג איהם ארומצוקוקען.

— וואס הייסט עס! שכנה'טעס? ווער זשע זענען עס? — האט א פרעג געטון די פירשטין פאולע.

— בירגער־טעכטער פון דערבייאיגע הויפען.

— אך, אזוי... — האט זי איראניש פערקרימט די ליפען. — זיי האבען געמוזט זיין זעהר שענע?

— געבילדעטע און מיט פיינע מאניערען אויך.

— אך!

נאך דעם אויסרוף איז די גרעפין אוועק אין אנ'אנדער זייט.

— וואס זענען עס פאר־א קינדער־שטימען? — האט סטעפע א פרעג געטון, ווען זיי זענען אדורך דעם אייזערנעם פארקאן, וואס האט ארומגערינגעלט דעם פארק.

— דאס איז פון דער קינדער־היים — האט וואלדעמאר געענטפערט.

ער האט אנ עפען געטון די אייזערנע פארטקע און סטעפע איז געבליבען שטעהן א פער'חידושטע. אויפ'ן גרויסען שטח'פונ'ם גארטען, אויף דעם גרינעם גראז, צווישען די בליהענדיגע קשאקעס האבען זיך געשפילט קרוב צוויי הונדערט קינדער, אנהויבענדיג פון גאר קליינע ביז צוועלף־און פערצען־יעהריגע — די מיידעלעך אין ראזע קרעטענע־קליידלעך, און די יונגלעך אין גראנאטענע בלוזקעלע. פון דערווייטענס האט זיך געזעהן א גרויסער איינשטאקיגער בנין מיט א רויטען דאך, ארומגערינגעלט מיט בלומען, און מיט א שיירען־טאוועל פארענט.

אויפ׳ן טאָוועל איז געשטאַנען: „קינדערהיים אויפ׳ן נאָמען פון דער הייליגער עלושביעטע".

דאָ זענען אויך געשטאַנען סלופעס מיט לייטערס צו מאַכען גימנאַסטיק, און אַנדערע גימנאַסטישע חפצים. די קינדער האָבען דאָ געהאַט פון אַלע פער־גענינגעס און שפילערייען; די קלענערע האָבען זיך געשפילט אין זאַמד, סטעפע און נאָך עטליכע האָבען זיך געקוויקט מי׳ן אָנזעהן פון דער דאָזיגער אידיליע; פלוצים איז אָבער ענטשטאַנען אַ שטאַרקע בעוועגונג און אַ געשריי צווישען די קינדער. אַלע זענען זיי געלאָפען צו דער פאָרטקע: מיט אויסגעשטרעקטע הענט־לעך און אַריבעריאָגענדיג איינע דאָס אַנדערע.

— העל מיכאָלאָסקי! העל מיכאָלאָסקי! העל... העל..

גאָר די קליינינטשקע האָבען געגוואַלדעוועט:

— גוטעל העל, גוטעל העל!

די קינדער זענען בעפאַלען וואַלדעמאַרן פון אַלע זייטען.

— נו, שטילער קינדער! — האָט אויסגערופען דער פונאַנדערגעשמייכעלטער וואַלדעמאַר — נישט געטומעלט, פריהער בעגריסט זיך מיט די געסט! וואָס הערט זיך דאָ עפּיס ביי אייך?

עס האָט זיך אָנגעהויבען די צערעמאָניע פון בעגריסען די געסט, און אַ דערצעהלען פון אויסערגעוועהנליכע געשעהענישען.

— דאָס הילצערנע פערדעל האָט זיך צובריקעוועט אַנטאָש׳ן און איבער־געקעהרט דעם וועגעלע! — האָט איילענדיג דערצעהלט אַ לאַכענדיג מיידעלע.

— מאַריניאַ האָט צוריסען זאָשיע׳ס קליידעלע, און דאָס פריילין האָט איהר אויפגעשטעלט אויף די קניע.

— מיציאָ זשעלאַק האָט זיך צוקלאַפּט די נאָז...

— ווי זיי האָבען עס אייך ליב, ס׳איז פאַבעלהאַפט! — האָט געזאָגט דער באַראָן וויהער.

— דאָס זענען קינדער פון דער דינערשאַפט? — האָט די זווילעאַקאַ אַ פרעג געטון.

— יאָ, דאָ זענען דאָ קינדער פון דער הויף־דינערשאַפט, אַ ביסעל אָרעמע קינדער פון דאָרף, אַ סך קיילעכדיגע יתומים און אפילו אונטערגעוואָרפענע קינדער, זיי לערנען זיך דאָ, און שפילען זיך איידער זיי הויבען אָן צו געהן אין דער שולע.

וואַלדעמאַר האָט זיך געווענדט צו די קינדער.

— וואו איז די פערוואַלטערין?

— דאָרטען אינעווייניג. זי לערנט די עלטערע קינדער.

— און סטעפלע גאָלאָמבעק, וואו איז? איך זעה זי נישט.

— אָט לויפט זי סטעפציע! — האָבען אויסגערופען עטליכע שטימען.

עפּיס אַ קליין מיידעלע איז געלאָפען, ווי אַ קויל. דאָס מיידעלע אַ ראָזאָווע,

מיט אַ צעפּעל גאָלדענע האָר איז צוגעלאָפֿן צו וואַלדעמאַרן, און אָנכאַפּענדיג איהם פֿאַר די פֿיס, האָט זי אָנגעהויבן צו פּילדערן:

— דעל העל איז אַ גוטעל! אויף די הענד!

אַלע האָבן אָנגעהויבן צו לאַכן, חוץ דער גרעפֿין צווילעצקאַ און דער פֿרוי אידאַליע, וועלכע האָבן געקוקט און געצויגן מיט די פּלייצעס.

וואַלדעמאַר האָט הויך אויפֿגעהויבן דאָס מעדעלע, אַ הוידע געטון זי אין דער הויך און אַ קוש טוענדיג זי אין שטערן איבערגעגעבן זי סטעפֿען.

— זי טראָגט דעם זעלבן נאָמען, וואָס איהר — איך האָב זי מעהר ליב, ווי אַלע קינדער. אינגאַנצן איז זי אַלט ס'דריטע יאָהר. דאָ אין קינדער־היים איז זי עטליכע חדשים, מיר האָבן זיך איינע די אַנדערע זעהר ליב? נו, געה צו דער פרייליין — האָט ער געזאָגט צו דער מיידעלע.

דאָס קינד, האַלטענדיג ביים האַלז וואַלדעמאַרן, האָט בעטריבט אַ קוק געטון, און זלייך אויסגעצויגן די הענטלעך.

— איהר זענט אַ וואוילע! איהר זענט אַ גוטע!

— זי צערטעלט זיך צו אייך פונקט, ווי צו מיר — האָט זיך וואַלדעמאַר שטיל אָפּגערופֿן.

סטעפֿע האָט אַ כאַפּ געטון דאָס מיידעלע און אַ קוש געטון.

עס זענען אָנגעקומען די אויפֿזעהערינס, וואָס האָבן בעגריסט די געסט. וואַלדעמאַר האָט די געסט בעוויזן דעם בנין אינוועניג, פֿאָרגעשטעלט פֿאַר זיי די פֿערוואַלטערין, שוין אַן עלטערע אינטעליגענטע פֿרוי, וועלכע אַלע האָבן לויט'ן ביישפּיל פֿון דער פֿירשטין דערלאַנגט די האַנד.

מען האָט נאָך בעזוכט די שולע און דאָס קלויסטערל דערביי, און דערנאָך האָט זיך די גאַנצע געזעלשאַפֿט צוריקגעקעהרט אין פֿאַרק.

וואַלדעמאַר האָט פֿאָרגעשלאָגן מען זאָל מאַכן אַ שפּאַציר אויף שיפֿלעך. אַלע האָבן גערן מסכים געווען. עס איז געווען זעהר אַ פֿיינער טאָג און צו מיטאָג איז נאָך געבליבן עטליכע שעה. זיי זענען אַלע אַוועק צום טייך.

דער פֿאַרק, בעלויכטן פֿון זון האָט אויסגעזעהן, ווי אַ ים פֿון גרינקייט, פֿון העלע ציטערדיגע פֿלעקן, פֿול מיט שאָטן, געדיכטע גראָזן, געלע אויסגעזאַמד'טע שטעגלעך, וואָס האָבן זיך געשלענגעלט און געצויגן צו די הויפּטוועגן. פֿול איז געווען מיט לעבן און געלעכטער סיי אין דער נאַטור און סיי צווישן מענשן. אַלע זענען געגאַנגען צוזאַמען און זיך אָפּגעשטעלט אויף די מאַרמאָרנע פּלאַטען ביים ברעג טייך. דער באַראָן וויזהער האָט גייגעריג בעטראַכט די טרעפּען און געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

— פֿאַבעלהאַפֿט! — האָט ער געטענהט — אַ גאַנצער באַרג איז אַרומגעלעגט מיט מאַרמאָר, און די דעקאָרירונג!... עטוואָס אַזוינס קען מען נאָר זעהן אין אויסלאַנד.

דער הער מאַציעי האָט זיך עפּיס אַרומגעקוקט און פּלוצלונג איז ער

פלינק צוגעגאַנגען צום סאַמע ברעג טייך. ער איז געבליבן שטעהן ביי אַ פּאָנסענעם שפּעל, עהנליך צו אַ ווענעדישע גאָנדאָלע מיט אַן'ארויפגעלעגטען זילבערנעם אויפשריפט: „סטעפאַניאַ“.

— אָפּגעפרישט... אײַנגאַנצען ניי! — האָט ער געשעפּטשעט אַ פערוואונדערטער, קוקענדיג אויף די פּראַכטפולע פרענדז פון דעם באַלדאַכין.

דאָס פנים האָט ביי איהם אַ ציטער געטון, ער האָט באַוועגט מיט'ן מויל, און פערטראַכטערהייט האָט ער געקוקט אויף דעם זילבערנעם אויפשריפט, וואָס האָט געגלאַנצט אויף דער זון. דער אַלטיטשקער האָט שווער אַ זיפץ געטון.

אַלע האָבען דערזעהן דאָס דאָזיגע שפּעל. פרייליין ריטאַ האָט געזאָגט צו טרעסטקאַן:

— איהר האָט שוין אַמאָל געזעהן די גאָנדאָלע?

— נאָך אין דער אַלטער בעפוצונג... איצט איז זי אָפּגעפרישט...

— האַ...

די יונגע גרעפין פּאַאולאַ האָט זיך שעפּטשענדיג צעצווישטערט:

— איז עס דער נאָמען פון יענער... ווי העסליך! אין וועלכער עס האָט זיך געליבט דער הער מאַציעי.

— יאָ לכבוד איהר געבויט, אָבער פון לאַנג שוין.

— דער הער מיכאַראָווסקי האָט זי אָפּגעפרישט. אַ פיינער איינפאַל — האָט געזאָגט טרעסטקאַ.

— ווייזט אויס, אַז ער שאַנעוועט די אַלטע היסטאָריע פון זיין זיידען — האָט געענטפערט די גרעפין מיט אַן'איראָנישען האַלב־שמייכעל.

— אָבער דאָס איז דאָך זעהר פיין, גרעפין!

די גרעפין האָט מיט אַ פראַגע־צייכען אַ קוק געטון אויף טרעסטקאַן: ער האָט געהאַט אַ זעהר טשיקאַווע מינע. זי האָט אויך אַ קוק געטון אויף דער פריילין ריטאַ, און האָט פערוואונדערט אויפגעהויבען די ברעמען.

— איז עס מעגליך?

קיינער האָט איהר נישט געענטפערט.

וואַלדעמאַר איז צוגעגאַנגען צום זיידען. דער הער מאַציעי האָט פאָרשענדיג איהם אַ קוק געטון אין די אויגען.

— איך וואָלט דיר געקאָנט בעדאַנקען, וואַלדי, פאַר דער אָפּפרישונג, ווען...

— ווען וואָס, זיידע?

— ווע דו וואָלסט עס נאָר געמאַכט צוליב דער טראַדיציע — האָט ער שנעל אָפּגעזאָגט און אַוועק אָן דער זייט.

אַן'עטוואָס טייוולאָנישער שמייכעלע האָט אויפגעגלאַנצט אין וואַלדעמאַרס אויגען, ווען ער האָט נאָכגעקוקט דעם אַוועקגעהענדיגען זיידען.

— מיט וועלכען שפּעל פאָהרען מיר? — האָט אַ פרעג געטון דער פירשט פּאָדהאָרעצקי.

— הער מיכאַראָווסקי, איהר דעצידירט — האָט אויסגערופֿען פֿריילין ריטאַ.

— דאָס אויסוועהלען די שיפֿלעך געהער נאָר די דאַמען.

— אויב אַזוי פֿאָהרען מיר מיט דעם בלויעם

וואַלדעמאַר האָט אַ וואונק געטון צו די „וויאָסלאָזשעס“ און יענע, אָנגעטון אין פּאַסקעוואַטע העמדער האָבען תיכף צוגעשוואומען אויף דעם בלויעם שיפֿעל צו די שטיינערנע טרעפּען. דער ווייסער זעגעל האָט געפֿלאַטערט בעוועגט פֿונ׳ם ווינט, אַ פֿאַליע האָט שטיל געפּלעסקעט און בעוועגט דאָס שיפֿעל. איהר פֿאָדער־שטער שפּיץ האָט זיך, דאַכט זיך, ריטמיש פֿערנויגט פֿאַר דער געזעלשאַפֿט.

פֿאַר אַלע צוזאַמען איז אָבער צו ווענינ אָרט געווען אין דעם בלויעם שיפֿעל; וואַלדעמאַר האָט דאַן אַ וואונק געטון מען זאָל צופֿיהרען די פּאָנסענע גאָנדאָלע, ער האָט אַליין אין איהר אַריינגעזעצט די פֿירשטין די באָבע, דעם הער מאַציעי און דערנאָך אַ פֿרעג געטון:

— ווער וויל זיך נאָר אַהערצו זעצען?

— איך האָט די ערשטע געזאָגט די גרעפֿין צווילעצקאַ אויפֿהויבענדיג גאוה׳דיג דעם קאָפּ. — פּאולאַ, דו אויך?

— אָ, ניין מאַמאַ! מיר געפֿעלט בעסער דער בלויער קאָליר! — האָט זיך די יונגע גרעפֿין געקיצעלט פֿונאַנדערגעלאַכט.

— אויב אַזוי, פֿאָהר איך מיט דער מאַמען — האָט געזאָגט פֿריילין מיכאַלינאַ און מיט דערשראָקענע טריט אַריין אין דעם שיפֿעל.

— וואַלדעמאַר האָט נאָך עטליכע פּערזאָן אַריינגעפֿיהרט.

— הער טרעסטקאַ, איהר ווענטלעוועט? יאָ?

— נישט איבעריג קונציג, אָבער איך קען ריזיקירען.

— וועל איך אייך צוגעבען אַ וויאָסליאַזש. איהר וועט קערעווען מיט דעם בלויען שיפֿעל.

— און איהר?

— איך פֿיהר די גאָנדאָלע.

— מען דאַרף קיין וויאָסלאַזש נישט, איך וועל אייך העלפֿען — האָט זיך סטעפֿע אָפּגערופֿען.

זי איז שנעל אַריינגעשפּרונגען אין דעם בלויעם שיפֿעל, נעהמענדיג זיך פֿאַר די וויאָסלעס.

— איהר וועט קערעווען און איך וועל זיך אַנ׳עצה געבען מיט די וועסלעס. איך קען דאָ נישט דעם וועג, און דאָ זענען, דאַכט זיך, דאָ פֿערשידענע אומוועגען.

— איך קען אויך נישט דעם וועג. דערביי איז אַזאַ שטאַרקע זון, אַז איך זעה גאָרנישט.

— ס׳איז אַ סקאַנדאַל! מיר קענען זיך אָפּגעבען מזל טוב — האָט געזאָגט פֿריילין ריטאַ — ווילט איהר אונז דערטרינקען, צי וואָס? טייערע אויסזיכטען!...

ווילוש, נעהם נאָר די וועסלעס ביי דעם דאָזיגען הער, וואָרום עס דראָהט אונז אַ קאַטאַסטראָפע.

— עס פאַלט מיר גאָרנישט איין אָפצוטרעטען! פרייליין סטעפאַניאַ, יאַזדאַ!

סטעפע האָט אַ ריהר געטון מיט די וויאָסלעס, דאָס שיפעל האָט זיך שטאַרקער פונאַנדערגעשאָקעלט, און דער ברעג האָט זיך ביסלעכווייז אָנגעהויבען צו דערווייטערען.

— מיר שווימען אַזוי, ווי אין גרויסען קאַנאַל. קוקט נאָר, צי זעהט נישט אויס דער הער מיכאַראָווסקי, ווי אַ גאָנדאָליער? — האָט זיך אָפגערופען די פירשטין פאַולאַ.

טרעסטקאַ האָט אַ ציה געטון מיט די פלייצעס.

— דערפאַר אפשר, ווייל ער שטעהט אויפ'ן שפיץ פון דעם שיפעל? מעהר זעה איך גאָרנישט.

— און דער שטעל, און די זיכערקייט אין די בעוועגונגען, און די מאַלערישקייט פון דער פאָזע?

— און די פער'חלומטקייט אין די אויגען? — האָט דאָס פרייליין ריטאַ צוגעגעבען.

— כ'מיין אָט דאָס זעהט איהר נישט — האָט טרעסטקאַ אָפּאָנירט.

— איך פיהל עס...

— וואָס איז עס? מוזיק? — האָט סטעפע אויסגערופען.

אַלע האָבען אויפגעהויבען די קעפּ.

פין דער [מענאַזשעריע האָבען זיך געלאָזט הערען שטילע קלאַנגען פון סטרונעס און פלוצים האָבען אַ דונער אַרויס געגעבען פערשידענע אינסטרומענטען. עס האָט זיך אָפגערופען אַנ'אָרקעסטער מיט די הילכיגע פאַנפאַרען, און די קלאַנגען האָבען זיך אַוועקגעקוילערט איבער די פאַליעס. אַ מאַסע פון טענער האָט האַרמאָניש אין אַ פראַכטפולען הימן געשוואומען איבערן גלאַנציגען וואַסער, שלאָגענדיג אין די באָרטען פון דעם פאָנסענעם און בלויעם שיפעל.

אַלע פגים'ער האָבען אַ שמייכעל געטון. און די אויגען האָבען זיך פרעהליך פונאַנדערגעגלאַנצט. אַ ווײלע האָט נאָך געדויערט די שטילקייט, דערנאָך האָבען פראַגען און אויסרופען גלייכצייטיג אָפּגעהילכט:

— אַ נייער סיורפריז פון מיכאַראָווסקי'ן!

— דער גלעמבאָוויטשער אָרקעסטער.

סטעפע, אַ צעשטראַהלטע, האָט שנעלער פונאַנדערגעיאָגט דאָס שיפעל. אין איהרע אויגען האָבען אויפגעבליצעלט פונקען.

— איך האָב ליב מוזיק, אָבער ליבהאָבענדיג זי האָב איך נישט בדעה דערטרונקען צו ווערען. פרייליין סטעפאַניאַ, וואָס טוט איהר? מיר וועלען דאָך אַרויספאַלען — האָט טרעסטקאַ געשריגען.

— ס'שאַדט נישט, ס'שאַדט נישט, הער גראַף. איך שווים צום טאַקט.

— מיר זאָלען זיך נאָר נישט איבערקערען צום טאַקט. דאָס וואָלט געווען זעהר נישט פרעהליך.

דער באַראָן ווייהער האָט מיט הנאה אַ גלעט געטון זיינע גלאַטע באַקענבערדלעך, און זיך אַ זאָג געטון:

— די גרעפין האָט גוט געזאָגט, אַז מיר שווימען, ווי אויפ׳ן גרויסען קאַנאַל. עס זעהט זעהר פיין אויס, ווי אַ שפּאַציר פון דאָזשען.

— וואו איז אָבער דער דאָזש? — האָט סטעפאַ אַ פרעג געטון.

— נאָר דער הער וואַלדעמאַר קען מיט זיך פאָרשטעלען אַ מין מאָדערנעם דאָזש — האָט געזאָגט פריילין ריטאַ

טריעסטקאַ האָט אַ ברום געטון.

— נאָר דער הער וואַלדעמאַר! אָבער און ווידער — ער. איך וואונדער זיך, וואָס ביז איצטער האָט איהר איהם נישט אַוועקגעשטעלט קיין פּיעדעסטאַל.

— איך וואָלט איהם אפילו אויפגעשטעלט העקאַטאָמבען, ווען ער וואָלט עס פערלאַנגט, אָבער... ער פערלאַנגט עס נישט.

— אַן׳אויסטערלישע אויפריכטיגקייט.

— וואָס שפּילען זיי? — האָט ווילוש אַ פרעג געטון.

— אַ בעגריסונג פאַר אונז.

— דאָס האָבען זיי פריהער געשפּילט, אָבער איצט שפּילען זיי עפּיס פון די פאָלקס-מאָטיווען. זיי שפּילען זייער פיין.

— זיי זענען דאָך 20 פּערזאָן, איז עס נישט קיין וואונדער. זיי וואָלטען געקענט אָפּגעבען קאָנצערטען.

— און אַלע זענען עס יונגע יונגען אין נאַציאָנאַלע קליידער. דאָס איז שוין אַן׳איינפיהרונג פון דעם הער מיכאַראָווסקי. אַמאָל זענען די מוזיקאַנטען געגאַנגען אין פראַקען און געווען מעהרסטענטיילס אויסלענדער.

— דער הער וואַלדעמאַר האָט אַ סך נייעסען איינגעפיהרט — האָט דער באַראָן באַמערקט.

— אַ, יאָ! גלעמבאָוויטש איז נישט צו דערקענען — האָט פריילין ריטאַ בעשטעטיגט. איך רעד נישט וועגען דער רעזידענץ. נאָר בכלל וועגען דער גאַנצער איינאָרדנונג. די אָרגאַניזאַציע פון דעם מאַיאָנטעק איז אַן׳אויסגעצייכענטע. דער הער מיכאַראָווסקי האָט שוין גרויסע בירגערליכע פערדינסטען, הגם ער איז נאָך אַזוי יונג.

— די בירגערליכע פערדינסטען, וואָס זענען זיך סומך אויפ׳ן איינאָרדנען אַ פויערישען אָרקעסטער? — האָט טרעסטקאַ מיט פערביסענהייט אַריינגעוואָרפען.

סטעפאַ איז אין כעס געוואָרען.

— און אפילו דאָס! דאָס איז אַ פערדינסט, וואָס ער אונטערשטיצט די קונסט אויפ׳ן אָרט, אין לאַנד גופא, אַנשטאָט צו זוכען פרעמדע פערשטעלטע אין פראַקען!

— אמת טאַקי?... אָט האָט איִהר! אַבי איִך האָב געמיינט, אַז איִהר האָט אויסערגעוועהנליִך ליב פראַקען — האָט טרעסטקאַ אַ שטאָך געטון.

— אויב דאָס האָט געזאָלט זיין אַ וויץ איז ער אייך ניִשט גוט אַרויסגעקומען — האָט איִהם סטעפּע איבערגעשלאָגען.

טרעסטקאַ האָט בעלעדיגטערהייד אויף איִהר אַ קוק געטון.

— גוט! אָבער וואָס זעהט איִהר עס אַזוינס אויסערגעוועהנליִך ביִרגערליִכעס איִן איִהם?

פריילין ריטאַ איז שיִער ניִשט אויפגעשפרונגען.

— וואָס? איִהר פרעגט נאָך? ווייזט אויס איִהר קענט ניִשט גלעמבאָוויטשי מיִט זיינע איינאָרדנונגען. זייט זשע מוחל, קוקט אַריין איִן דער איִנערליִכער אַדמיִניִסטראַציע, איִן די פאַבריִקען, איִן דער זעלביִגער שולע און איִן קיִנדערהיים. וואָס איִהר האָט היינט בעזוכט. איִך רעד שוין ניִשט וועגען דער ערדווירטשאַפט. זעהט איִהר דען ניִשט, ווי דאָס אַלץ איז קולטורעל און פּראָגרעסיִוו אָוועקגעשטעלט?

— פּאַרדאָן! דאָס מאַכט דאָס געלד. גיִט מיִר זיינע מיִליאָנען וועל איִך אייך די זעלבע קונסט בעווייזען.

— אָ, מיין הער! ווען איִהר וואָלט געהאַט דאָס פערמעגען, וואָלט איִהר פון דעם געמאַכט אַ באַנאַל שטיִק דייטשלאַנד, אָבער אַן׳אַנדער בראַזיִליען, וואו עס וואָלטען צונויפגעקומען קאָמפּאַניעס שלעפּערס פון דער גאַנצער וועלט. די מיִליאָנען וואָלט איִהר פערשפּיִלט איִן קאָרטען. זעהט איִהר — זיין פערדיִנסט בעשטעהט איִן דעם אונטערשטיִצען די לאַנד-איִנדוסטריִע.

ער האַלט אונטער דעם וואוילטאָג פון די טויזענדער מענשען, געבענדיג זיי צו פערדיִנען. איִן זיינע פאַבריִקען און גיִטער אַרבייט ניִשט קיין איין אויסלענדער, און ניִשט קוקענדיג אויף דעם בליהט דאָ די קולטור, און די דאָזיגע מענשען-מאַסען זענען צופריִדען, אָט די דאָזיגע מענשען, וואָס מען קען זיי ניִשט, לויט דער געזעלשאַפטליִכער מיינונג, בשום אופן צופריִדענשטעלען. איִצטער, בערעכענט די שולען, וואָס זענען פון איִהם געעפענט געוואָרען, זיינע בעמיִהונגען וועגען ערציִהען דאָס פאָלק, די שפּיִטאָלען, די קיִנדער-היימען, און די מושב זקנים׳ס, די וואַרשטאַטען פאַר די, וואָס לערנען זיִך מלאכות? וואו, ביי וועלכע אונזעריגע מאַגנאַטען וועט איִהר עס נאָך געפיִנען? און די ערד-ווירטשאַפט? גיִט אַ קוק אויף די פויעריִשע בעל-הביתישקייטען איִן מיִכאַראָגוסקי׳ס גיִטער, און זעהט, אדרבא, צי בענוצט מען דאָרט אַ סאָכע? פערהעלטניִסמעסיג זענען דאָ אַלע פויערים ציִוויליִזירט, און איִן דער צוקונפט וועלען זיִך צווישען זיי ניִשט געפיִנען קיין אַן׳אַלפאַבעטען. אַלץ אַ דאַנק זיינע בעמיִהונגען. די פויעריִשע יוגענד שיִקט ער אַרויס איִן די אַגראָנאָמיִשע אַנפאַנגס-שולען איִן לאַנד, אַליין נעהמט ער אויף דער פּראַקטיק צו איִנטעליגענטע יונגע ערד-אַרבייטער און לערנט זיי צו אַרבייטען אויף זיין אופן. ער איז דער אָרגאַניזאַטאָר פון דער ערד-ווירט-

שאַפּטליכער געזעלשאַפט, און אין דער נאָהנטער צוקונפט וועט ער בעשטימט ווערען אַלס פּרעזעס. אינגאַנצען איז ער דאָך 32 יאָהר אַלט, נאָך גאָר אַ יונגער מענש. ווער האָט אין זיין עלטער בעוויזען אַזוי פיל אויפצוטון, זאָגט מיר אדרבא? ווער פון אייך לאָזט איבער דאָס געלד אין לאַנד, אַנשטאָט צו בעררייכערן מיט דעם אויסלאַנד?

— ס׳שאַדט נישט! ער האָט אויך אַ סך צוטאַכלעוועט אין האַללע אין באַן, און וואָס האָט אַ שטייגער אָפּגעקאָסט דאָס פינף-יאָהריגע הולטייעווען, מיט זיין געלד זענען „אָנגעשוואָלען“ געוואָרען פערשידענע קלובען און די זיידענע בעטלעך פון פערשידענע אייראָפּלעריינס און נישט-אייראָפּלעריינס. ער האָט געהאַט, זאָגט מען, אַ „געליבטע“ אין מולען רוזש.

— אָבער, מיין הער!..

— ס׳שאַדט נישט! פריילין לוציע איז נישט מיט אונז דאָ, און פריילין סטעפּאַניאַ וועט זיך מטמא דערפאַר נישט בייזערן. זענט איהר דען אַזוי שטאַרק אומשולדיג?

— בעסער איהר זאָלט זיך נישט אינטערעסירען מיט מיר — האָט זי כעס׳-דיג געענטפערט.

— איך וואָלט מורא געהאַט, הגם איך וואָלט געוואָלט. הגם איך האָב נישט קיין „געליבטע“.

— איהר זענט אונערטרעגליך! — האָט זיך אָפּגערופען די גרעפין פּאַולאַ.

— אויך דאָס ווייס איך!

— איהר זאָגט, אַז ער האָט גע׳פטר׳ט אַ סך געלד? ער האָט גע׳פטר׳ט, ווייל ער האָט געהאַט פון וואָס צו פטר׳ן. איינציגע טוען עס, נישט האָבענדיג פון וואַנען צו נעהמען. ער האָט גענאָסען פון לעבען מיט דער גאַנצער שפע, אָבער ביי אַזאַ מענשען, ווי ער איז, קומט שנעל די איבערזעטיגונג. אַן׳אַנדערער אויף זיין אָרט וואָלט געזונקען ביז׳ן סוף, וואָלט מיט באַנקנאָטען אָנגעשטופּט די גאַנצע וועלט! וואָס דאַרף מען לאַנג זוכען, אָט למשל אַזאַ, ווי איהר.

— בשום אופן האָב איך נישט בדעה מיט איהם צו קאָנקורירען.

— זעהר קלוג פון אייער זייט.

די גרעפין פּאַולאַ און סטעפע האָבען זיך פונאַנדערגעלאַכט.

— אויף אונזער בלויעם שיפעל בליהען קאָמפּלימענטען — האָט סטעפע אַ זאָג געטון.

— דאָס איז, מחמת אַלע זענען דאָ אויסגעצייכענט געשטימט — האָט טרעסטקע אַ זאָג געטון, פערריכטענדיג די ברילען — די, מיט אייער נאָמען פיהרט זיך אויף אַ סך געלאַסענער...

— די, מיט מיין נאָמען?..

— יאָ, די[גאנדאלע „סטעפּאַניאַ“ אָבער זיי זענען ווייט פון אונז אָפּגעשוואומען.

— איהר וועסלעוועט שלעכט, מיינע טייערע, איהר זעהט, ווי דער הער

וואלדעמאר אליין האט אונז איבערגעיאגט — האט זיך ריטא פונאנדערגעלאכט.

— ס'איז גאר קיין חידוש נישט: ער איז אולטרא-אוניווערזאל!

סטעפע האט אנגעפאנגען שטארקער צו וועכלעווען. אנ'איינגעבויגטע–האט זי זיך טיף פערטראכט. די איינדרוקען פון דעם גאנצען טאג, אנהויבענדיג מיט דעם שמועס אויף דער בריטשקע, האבען געברויזט אין איהר קאפ, און געמאכט זי אוגרוהיג. זי האט זיך בעמיהט צו פערטויבען די סצענע אין פארטרעטען-זאל, נאר עס איז איהר פאר קיין פאל נישט געלונגען. געגען איהר ווילען האט זי געפיהלט, אז דאס איז געווען עפיס מעהר, ווי א געוועהנליכער שמועס, און אז איהר פרייהייט אין דער בעציהונג צו וואלדעמאר'ן וועט געענדערט ווערען. דאס האט איהר געשראקען. זי האט זיך מורא געהאט צו פערטיפען און אנאליזירען די צארטע נאטע, דעם קלאנג פון וועלכער זי האט אנגעהויבען צו הערען. דערנאך די גאנדאלע...

סטעפע האט גוט בעמערקט דער פרייליין ריטא'ס האלטען זיך; צו איהרע אויערען זענען דערגאנגען טרעפטקא'ס רייד און די וואונקען און די שמייכלען, וואס זענען פערבונדען געווען מיט דעם קוקען אויף איהר און אויף וואלדעמאר'ן. פון עטליכע אונטערגעכאפטע איינצעלהייטען פון דעם אלגעמיינעם שמועס, און פון וואלדעמאר'ס האלטען זיך, איז זי געקומען צום בעשלוס, אז די גאנדאלע איז בעגייט און אפגעפרישט געווארען לכבוד איהר. זי איז איהם געווען דאנקבאר. אבער איהרע געפיהלען צו איהם האט זי אין זיך פערטויבט, וועלענדיג אויסמיידען די מיינונג פון דער גאנצער ארומיגער געזעלשאפט. די אויפמערקזאמקייט פון וואלדעמאר'ן בנוגע איהר האט געהאט איהר קלאסישען סטיל, ס'איז נישט געווען קיין ריטערליכע אויפמערקזאמקייט, נאר עפעס א בעזונדערע, א ווייכע און א געשמאקפולע. זיין פעראינטערעסירען זיך מיט איהר האט נישט געווירקט ברוטאל-אויפפאלענדיג, און נאר פאר די שטארק-פעראינטערעסירטע מן הצד איז זי געווען מערקבאר, און פאר סטעפע'ן, פערשטעהט זיך בעזונדערס.

דער רוב פון דער געזעלשאפט האט עס אבער אויפגענומען צו זאכליך, און דאס האט בולט געמאכט די האנדלונג פון וואלדעמאר'ן, דאס האט געמאכט ענטפלעקען די דעליקאטע עפעקטען פון זיין אפגעבען איהר כבוד, און געמאכט זיי שטארק אנועהעוודיג.

וואלדעמאר האט אין סטעפען געוועקט פערוואונדערונג. דער אמאל דערעסענער מאגנאט איז פאר איהר געווען א פרעהליכער חבר, וואס האט איהר אימפאנירט. איהר האט אפילו געשראקען זיין שטארקע ענערגיע און די סמנים פון פעאדאלישקייט, וואס זענען אין איהם פערבליבען פון די ווייטע אמאליגע צייטען. ער האט אבער אין איהר ארויסגערופען א מאדנעם פערטרויען, און עפיס א צוציהונגס-קראפט צו זיך. זי האט זיך געשפירט פרייער אין זיין געזעלשאפט; ער איז געווען איהר מליץ יושר, איהר פערבינדעטער אין דער אומפריינדליכער ספערע. וואלדעמאר האט זינט יענע סצענע, בעת זי האט געשפילט די סאנאטע

פון בעטהאווען נישט מיסגעברויכט איהר פערטרויען אפילו מיט א ווארט. אין פארטרעטען-זאל האט ער זי ווידער דערשראקען. געוועהנליך בלייבענדיג מיט איהר אליין — וואס עס פלעגט, איבעריגענס זעלטען טרעפען — פלעגט ער ווערען מאדנע ערנסט, אין דאס האט סטעפען געצייצט.

פערטיפט אין מחשבות האט דאס מעדעל נישט געמערקט, אז אלע אין שיפעל זענען שטיל געווארען

אלע האבען זיך צוגעהערט צו דעם שטארק שפילענדיגען ארקעסטער, קוקענדיג אויף די גאלד-זילבערנע פאליעס פון טייך, און נאכיאגענדיג מיט די אויגען די גאנדאלע, וואס איז אויך ערנסט און שוויגענדיג געשוואומען.

הגם די מוזיק איז געווען א פרעהליכע, האט זי דאך אומעטיגע נאטען אריינגעטראגען אין די מענשען, וועקענדיג פערלאנגען און בענקשאפטען. מיט'ן רויש פון איהרע פליגלען האט די מוזיק געלאשען די שמייכלען אויף די יונגע פנים'ער. יעדערער האט געשפונען זיין גאלדענעם טרוימען-פאדעם אויף דעם שפינדעל-רעדעל פון די אייגענע פארשטעלונגען, און יעדערער פון זיי האט זיך בעמיהט צו פערבלענדען, בכדי נישט צו זעהן דעם גרויען געשפין פון דער גרויער ווירקליכקייט. דער אויסגעצייכענטער שפאציר, די רייכע נאטור, וואס האט ארומגעזוומט דעם טייך, דער דעליקאטער הויך פון צויבער, וואס האט דורכגעדרונגען אין דער שטימונג פון דער דאזיגער מינוט — האט געווירקט אויף די ליידענשאפטען, און פאר א סך געווען — א שווערע יאך פון נישט-דערגרייכטע אידעאלען.

ווען די פארמאליטעטען שפילען נישט פאר די דאזיגע מענשען אזא גרויסע ראליע, וואלט נישט איין טיפער זיפץ ארויפגעשוואומען אין דעם גלאנציגען תהום. געוויסען זענען עס אלץ מענשען פון דער זיידענער וועלט, אפשר זענען נישט אלע געווען פון ריינעם זייד, אבער אלע זענען זיי געווען אזוי אויסגעפאלירט, אז קיין טראפען פון דער אינערליכער נאטור, קיין האהרעלע אמת האט זיך נישט אויפריכטיג ארויסבעוויזען אויף דער אטלעסענער אויבערפלעכליכקייט.

יעדערער האט געווען כלומרשט איינגעהערט אין דער מוזיק, אבער געקוקט אויף די וואלקענס, ציהלענדיג די פליהענדיגע מעוועס. קיינער פון זיי האט אפילו מיט א תנועה נישט ארויסגעגעבען זיינע רעיונות — אפילו פריילין ריטא, וועלכע מען האט געוועהנליך בעטראכט אלס קנאפ זיידענע.

סטעפע האט זיך צוגעפאסט צו דעם אלגעמיינעם מעטאד, הגם זי איז, קען זיין, געווען נעהנטער צו דער גאלדענער ווירקליכקייט.

מ'איז צוגעקומען צום ברעג. דער אפשטעל, וואס איז געווען אויסגעלעגט מיט שטיינערנע פלאטען האט געהאט שטעהן ביי ביידע זייטען פון די טרעפען צוויי פון שטיין געהאקטע ווילדע חזירים מיט שארפע גרויסע שטעך-ציינער.

די גאנצע דינערשאפט פון דער מענאזשעריע איז ארויסגעלאפען אנטקעגען די געסט. אלץ יונגע יונגען, שלאנקע, הויכע אנגעטונענע אין טונקעל גרינע שפאנצערס. אויף די ברוסטען האבען זיי געטראגען געלע רימענס, אויף וועלכע

עס זענען געהאָנגען קורצע שפּאַגעס, רעוואָלווערן, פּאַסן און יאַגד-מעסערס אין איינפאַסונג פון הערנער. די קאָלנערס זייערע זענען געווען געהעפטעוועט מיט גאָלדענעם גאַלון, די היטלען טונקעל גרויע מיט הירשען-חערנער און מיט קעפּ פון ווילדע חזירים אויך געהאַפטעוועטע איבער די רימענע דאַשקעס; פון די פּלייצעס זענען זיי אַראָפּגעהאָנגען גאָלדענע שנורען! און פון דער רעכטער זייט האָבען זיי געהאַט אויף די ברוסטען אויסגעפּאָלירטע בלעכען מיט מיכאַראָווסקי'ס הערב און מיט פירשטליכע מיטרעס.

די געזעלשאַפט איז פערגרעסערט געוואָרען: וואַלדעמאַר האָט פאָרגעשטעלט פאַר די געסט די דריי גלעמבאָוויטשער פּראַקטיקאַנטען.

אַלע האָבען זיך פונאַנדערגעלאָפען איבער די ברייטע וועגלעך פון דער מענאַזשעריע, און אַרומגעשפּאַצירט אין וואַלד, וואָס איז געווען מוסטערהאַפט געהאַלטען. איבער די וואַלד-לאָנקעס האָבען זיך אַרומגעיאָגט ברוינע סאַרנעלעך אויף די דינע פיס, גרויסע הירשען מיט געדיכטע הערנער אויף די קעפּ זענען אַרומגעגאַנגען אָהן שרעק, ערנסט, געפלעקטע הירשלעך האָבען געצופּט דאָס גראָז גרופּירענדיג זיך אין די ערטער, וואָס מיט מעהר שאָטען. אָפטער האָט זיך געלאָזט הערען אַ טופּען פון אַ ווילדען הירש, אָדער דאָס ברעכען פון צווייגען און אַ טויבער ברומען האָט אָנגעוויזען אויף דער נאָהענטקייט פון אַ ווילדען חזיר. פון די גראָזען-הויפענס און פון די קשאַקעס האָבען זיך געשאָטען האָזען; גרויע קוראָפּאַטוועס, דערשראָקענע פונ'ם אַרומיגען טומעל האָבען געפלויגען אין דער הויך.

די חיות אויף דער ערד האָבען פערטויבט די פויגעל אויבען, און פערשידענע אויסגעשרייען, טרילערן און צוויטשערייען האָבען געהילכט אין די געדיכטענישען פון די שפּיצען בוימער. דער צעזונגענער וואַלד האָט אַלעמען אַריינגעבראַכט אין אַ גוטער שטימונג. ווייטער האָבען זיך אָנגעהויבען פרעהליכע שמועסען, מען האָט זיך אָנגעהויבען צו ווייצלען, און די הויכע געלעכטערס האָבען מבולבל געמאַכט די פירפיסיגע איינוואוינער פון דער מענאַזשעריע.

אויף איין פעלדעל זענען געשטאַנען עטליכע סלופּעס מיט ווייסע פּאַנצערס מיט אויסגעמאָלטע רויטע און בלויע רעדלעך, וואָס האָבען געדינט צו לערנען זיך שיסען. טרעסטקא און דער באַראָן ווייהער האָבען זיך טאַקע גענומען תיכף צו דער דאָזיגער אַרבייט: איינער מיט אַ היציגקייט, דער צווייטער פלעגמאַטיש. אַ דינער האָט זיי צוגעטראָגען ביקסען, און זיי האָבען אָנגעהויבען צו שיסען. דער באַראָן האָט געטענה'ט, אַז דאָ דערמאָהנט איהם מאָנטע קאַרלאָ, נאָר דאָ איז נישט אַזוי פרעהליך. אויך די דאַמען האָבען זיי נאָכגעטון. די ערשטע האָט די גרעפין פּאַולא דריי מאָל געצילט אין דער רויטער ראָד; עס האָט אויך נעפּרובט ווילוש שעליגא, און נישט געטראָפען; טרעסטקא און באַראָן ווייהער האָבען אויך גאָרנישט געמאַכט. טרעסטקא האָט געשריגען, אַז דער ציל איז צו קליין, און אַז די ביקסען זענען — שלעכט, און ער האָט נישט אויפגעהערט צו

וכֿען פֿעהלערען. דער מין נישט טרעפֿען האָט אַלעמען צוקאָכט. עס איז צוגע־גענגאַנגען דער פֿירשט פּאָדהאָרעצקי מיט צוויקלינסקין און זיי האָבען געקנאַלט אין דעם אומגליקליכען ברעט אַז שפּעגער זענען געפֿלויגען. דאָס רויטע רעדעל איז אָבער פֿערבליבען אונבערי‌הרט.

פֿרײַליין ריטאַ האָט געכאַפּט אַ ביקס און אָנגעהויבען צו צילען. טרעסטקאַ האָט אָבער שפּאָטיש אַ שעפּטשע געטון:

— איהר צילט צום נישט בעזיגבאַרען. אַלע אייערע כּונות וועלען נישט העלפֿען. איך ראַט איין אָפּ פֿון דעם.

זי האָט זיך צו איהם אומגעקעהרט אַ פֿערוואונדערטע.

— וואָס הייסט? וואָס רעדט איהר עפּיס?...

— דאָס רעדעל איז אַזוי שווער אָנצוטרעפֿען. ווי זיין בעל הבית — האָט טרעסטקאַ געענטפֿערט מיט אַ מאָדנער אויפֿריכטיגקייט.

— מיין הער! איך בעט אייך, איהר זאָלט שוין אַמאָל אויפֿהערען מיט אײַערע אַלעגאָריען. איך האָב זיי שוין גענוג!

— האָב איך עס דען געזאָגט פֿערשטעלט? נישט גענוג בולט?

— שוין צופֿיל בולט!

זי האָט זיך פֿלינק אַרומגעקוקט, און איבערגעבענדיג דעם ביקס סטעפֿען האָט זי מיט אַנ׳איראָנישען שמייכעל געזאָגט:

— ביטע, פּרובט זיך נאָך אַמאָל טרעפֿען אין דעם נישט-דערגרייכבאַרען ציל אין דעם מאָמענט איז אָנגעקומען וואַלדעמאַר.

— איהר קענט שיסען? — האָט ער אַ פֿרעג געטון.

— איך קען!

— אָ, עס איז זעהר אינטערעסאַנט?

סטעפֿע, וואָס האָט געהאַט געהערט דעם קורצען שמועס צווישען ריטאַן און טרעסטקאַן, האָט רוהיג גענומען אַ ביקס, און אָפּטרעטענדיג אויף עטליכע שריט האָט זי זיך פֿערמאָסטען אויפ׳ן מיטען פֿון דעם בלויעם רעדעלע אויפ׳ן פֿערטען ברעטעל נאָך דער רייהע.

— אָבער נישט אַזוי! איהר צילט אינגאַנצען אין אַנ׳אַנדער זײַט — האָט טרעסטקאַ געשריגען.

— מחמת איך האָב זיך פֿערמאָסטען אויף דעם בלומען פּאַנצער.

עס האָט אַ קנאַל געטון אַ שאָס. סטעפֿע האָט אַ ציטער געטון, אויפֿגעהויבען דעם [illegible]פּ, און קוקענדיג דורכ׳ן רויך האָט זי אויסגערופֿען:

— נו, וואָס, הער טרעסטקאַ, געטראָפֿען?

— אַלץ הייסט געטראָפֿען! אין סאַמע מיטען. אמת די גרויסע ראָד איז נישט דאָס רויטע רעדעל! פֿאַר וואָס האָט איהר נישט געשאָסען אַ הין? וועגען דעם האָט זיך דאָך געהאַנדעלט.

— איך האָב נישט געוואָלט — האָט זי קורץ געענטפֿערט.

— איהר האָט מורא געהאַט פֿאַר קאָמפּראָמיטאַציע ? — האָט ריטאַ א פֿרעג געטון.

— איך בין אויף דעם נישט געגאַנגען.

וואָלדעמאַר האָט אומבעמערקטערהייד נאָכגעפֿאָרשט די קורצע סצענקע. ער האָט אַלץ פֿערשטאַנען.

— איצטער געה איך וואַ-באַנק! — האָט זיך פֿרײַלײַן ריטא אָפּגערופֿען.

אַ שאָס האָט אַ קנאַל געגעבען.

— זיכער געטראָפֿען! — האָט זי אויסגערופֿען.

טרעסטקאָ איז אַוועק נאָכקוקען דאָס ברעטעל.

— אפֿילו אַ האָהר נישט געריהרט! איך האָב געזאָגט, אַז עס איז נישט פֿאַר אײַך קיין ציל. מען האָט געדאַרפֿט פֿאָלגען.

דאָס פֿרײלײן האָט פֿערביסען די ליפּען.

— נו, אויב אַזוי, פֿרײלײן סטעפֿאַניאַ נאָך אַמאָל! אומבעדינגט!

— איך וועל געהן אַנשטאָט אײַך! — האָט וואָלדעמאַר אונטערגעכאַפּט.

און איידער עס האָט נאָך עמיצער בעוויזען זיך געגענצושטעלען, האָט ער אַ כאַפּ געטון דעם ביקס, אָנגעצילט און אויסגעשאָסען.

דאָס ברעט האָט אַ קנאַק געטון, צעשפּאָלטען זיך אויף צוויי און אין גראָז אַראָפּגעפֿאַלען מיט דעם רעדעל אויף דורך-און-דורך געלעכערט.

וואָלדעמאַר האָט זיך אומגעקעהרט צו סטעפֿען מיט אַ גלײַכגילטיגע מינע, פּונקט ער וואָלט זיך געמאַכט נישט פֿערשטעהן, וועגען וואָס עס האָט זיך זיי געהאַנדעלט.

— איך האָב געשאָסען אין אײַער נאָמען — האָט ער אַ זאָג געטון מיט אַ לײַכטער פֿערנויגונג.

סטעפֿע האָט אַ שאָקעל געטון מיט'ן קאָפּ.

— איך וואָלט נישט געוואָלט זיין אײַער געגנער אין אַ וועט-קאַמף. איהר שיסט דאָך, ווי נמרוד.

— און איך, פֿערקעהרט — האָט געזאָגט טרעסטקאָ — אַז דאָס לעבען וועט מיר מיאוס ווערען, וועל איך זיך מיט אײַך פֿערמעסטען. ווייניגסטענס וועל איך מיט איין קנאַק זיין אויף יענער וועלט.

— האַלט זיך בעסער שטאַרקער אויף דער וועלט — דאָ איז זיכערער! — האָט וואָלדעמאַר אַ שמייכעל געטון.

פֿרײלײן ריטאַ איז, נישט אויסרעדענדיג, אַ וואָרט אַוועק טיפֿער אין וואַלד.

אויף מיטאָג האָט דער עולם זיך נישט געוואָלט צוריקקעהרען אין שלאָס. וואָלדעמאַר האָט געמאַכט אַ נייעם סורפּריז. ווען די גאַנצע געזעלשאַפֿט איז געגאַנגען אין דער ריכטונג צום טייך — מחמת טרעסטקאַ האָט געפּועלט מען זאָל געהן כאַפּען פֿיש — האָט זיך פּלוצים דערהערט אַ מעלאָדישער קלאַנג פֿון טראָמפּייטען.

אַלע האָבען זיך פֿער'חידושט אָפּגעשטעלט.

— וואָס בעדײַט עס? וואָס זענען עס פֿאַר אַ סיגנאַלען?

— דאָס איז אַן אײַנלאַדונג צום „מאָהלצײַט“! — האָט וואַלדעמאַר ערקלערט — איך בעט אײַך.

און ער האָט דערלאַנגט זײַן אָרעם דער פֿירשטין פּאָדהאָרעצקאַ.

צווישען די גרויסע צעצווײַגטע דעמבעס אין שאָטען, אויף אַ פֿעלדעל, האָבען די געסט דערזעהן אַ לאַנגען טיש געגרייט צו מיטאָג. אַרום זענען געשטאַנען הויכע סאָפֿעס בעפּוצט מיט קרענץ פֿון דעמבאָווע בלעטער, און מיט פֿענדלעך מיט די טראַדיציאָנעלע קאָלירען פֿון די מיכאַראָווסקי׳ס. די קרענץ און די פֿענדלעך וואָס האָבען אַרומגענומען דאָס גאַנצע פֿעלדעל האָבען אויסגעזעהן, ווי אַ וועלבונג אַרום דעם טיש. די טישטעכלעך זענען געווען געוועבט מיט הערבען און דעסענען, וואָס האָבען מיט זיך פֿאָרגעשטעלט יאַגד-סצענעס. זילבער קרישטאַל און פּאָרצעלײַ — אַלץ איז געווען געציירט מיט יאַגד-איניציאַלען. די שטולען זענען געווען געמאַכט פֿון הירשען-הערנער. אויך די קוישען מיט די פֿרוכטען אויפֿ׳ן טיש האָבען געהאַט אַזעלכע הערנער-געשטעלען. דורך דעם באַלדאַכין פֿון די קרענץ און די בלעטער האָט די זון געוואָרפֿען ציטערדיגע פֿלעקען אויף דאָס עשירות פֿונ׳ם געגרייטען טיש, צוגעבענדיג איהם אַ פּראַכטפֿולען אויסזעהן. אַנשטאָט לאַקײַען איז געשטאַנען אַ רייהע מענאַזשעריע-שיסער, וואָס זענען בעשטימט געווען צו בעדינען; אָנגעטון, זענען זיי געווען אין געשיקטע ליוורײַען, און בעוואָפֿענט מיט פּיסטאָלעטען און מיט יאַגד-מעסערס. אָנגעפֿיהרט האָט מיט זיי דער הויפּט-קאָמענדינער פֿון שלאָס. צווישען די בוימער האָט זיך דורכגעלויכטען אַ לײַוועגטענע אַלטאַנע, וואָס איז בעשטימט געווען פֿאַר דער דינערשאַפֿט און פֿאַר די קיכערס.

דער מיטאָג האָט לאַנג געדויערט. וואַלדעמאַר׳ס אײַנפֿאַל איז געווען אַן אויסגעצייכענטער, און אַן אונערמידליכע פֿרעהליכקייט האָט געהערשט אַרום טיש. ניט נאָר דאָס יונגוואַרג, נאָר אויך די פֿרוי אידאַליע און די גרעפֿין צווילעצקאַ זענען אַרויס פֿון זייערע מאַיעסטעטישע ראַמען, זיי זענען געוואָרען פֿרעהליכער און נאַטירליכער, ווי געוועהנליך. וואַלדעמאַר האָט זיך בעמיהט צו שאַפֿען אַ וויציגען שמועס. טרעסטקאַ האָט העכער פֿון אַלע געשריגען. מען האָט געהאַלטען טאָסטען, בײַ וועלכע די וואַלד-וואַכט האָט הילכיג צוגעשפּילט אויף די טראָמפּייטען. אין די הפסקות צווישען די טאָסטען האָט די מוזיק אויך געשפּילט, און דער וואַלד האָט געראוישט און געבראוזט, פֿונאַנדערטראָגענדיג די ווידער-קולות פֿון דער פֿערוויילונג אַזש אויף כוואַליעס פֿונ׳ם טײַך, וואָס איז מיט זון געווען בעגילדערט.

די ערשטע ווײַלע איז סטעפֿע געווען ערנסט: וואַלדעמאַר׳ס פּראַקטיקאַנטען האָבען איהר דערמאָנט אין פּיאָנטניצקי׳ן און אָן די אויסגעמיטענע עגמת נפֿש׳ן. ווילוש שעליגאַ האָט אָבער, בעגלייטענדיג זי צום מיטאָג צעשטרייט און צעשטויבט די אונאַנגענעהמע זכרונות. דערבײַ האָבען די דאָזיגע העררען פּראַקטי-

קאַנטען נישט געקענט דערמאָהנען אין פראַנטאַניצקי׳ן: זיי זענען עפּיס געווען בלאַסערע, קלענערע, אָבער זיי זענען געווען אין דער האַלטונג רוהיגער און זייך גוט צוגעפּאַסט צו דער געזעלשאַפט. סטעפע האָט מיט פערגעניגען בעמערקט, אַז וואַלדעמאַר איז בנוגע זיי פריי און פרעהליך פונקט אַזוי, ווי מיט ווילוש׳ן און מיט טרעסטקאַ׳ן, אָהן שום אונטערשייד, און דאָס האָט געבראַכט דערצון אַז זיי האָבען צו איהם גערעדט מיט אַכטונג, אָבער אָהן סמנים פון דערנידעריגען זיך. די דאָזיגע פריינדליכע בעציהונג צווישען דעם בעל-הבית און זיינע מענשען האָט אַקצענטירט די אַנשויאונגען פון וואַלדעמאַר׳ן, וואָס זענען געווען ווייט פון זיין סביבה׳ס פאָראורטיילען. סטעפע האָט בעמערקט עפּיס נאָך וואָס, וואָס האָט איהר אַ גרויסע בעוואונדערונג, אַ אויפגערעגט. זי האָט בעמערקט, אַז אויף איהר איז געווענדט די שטילע אויפמערקזאַמקייט פון דער גאַנצער דינערשאַפט. אָנהויבענדיג פון דעם קאַמערדינער און פון דעם עלטסטען יעגער האָבען זי אַלע איידעל בעדינט, און ווען וואַלדעמאַר האָט געמאַכט לכבוד איהר אַ „לחיים״, האָט דער צושפּיל אויף די טראָמפּייטען זיך שטאַרקער צוהילכט. די פראַקטיקאַנטען האָבען אויף איהר געקוקט, ווי מענשען גוט ערצויגענע, נישט דערעסענדיג, אָבער נייגעריג, איבערטראָגענדיג די בליקען פון איהר אויף וואַלדעמאַר׳ן. סטעפע האָט עס בעאונרוהיגט און זי האָט אָנגעהויבען צו פערלירען די פרייהייט.

תיכף איז אָנגעקומען אַנ׳אויסלייזערונג.

פונאַנדערט־אָגענדיג דעם ווײן איז וואַלדעמאַר צו איהר צוגעגאַנגען. זי האָט אָפגערוקט דעם כוס.

— איך דאַנק שוין.

ער האָט זיך צו איהר איינגעבויגען און מיט אַ שמייכעל אַ שעפּטשע געטון:

— איצטער וועל איך אויפהויבען אַ טאָסט לכבוד יוגענד און גליק, וואָס איהר זענט די פערקערפּערונג פון זיי. אַזאַ טאָסט דאַרף מען אויסטרינקען ביז׳ן דעק.

— גוט, אָבער איך וויל נישט זיין די פערקערפּערונג פון נישט ניכטערקייט — האָט זי טרוקען אַ זאָג געטון.

— איהר קענט זיך פון דעם בעשיצען — האָט ער אָפגעריסען געזאָגט און איז אַוועקגעגאַנגען מיט פערקנייטשטע ברעמען.

ווילוש, וואָס איז בשכנות געזעסען האָט זיך צו איהר געווענדט מיט אַ טשיקאַווע מינע:

— ווייסט איהר, פאַר וועמען מען האַלט אייך דאָ אין גלעמבאָוויטשי?

— פאַר וועמען? — האָט זי פערוואונדערט זעפּרעגט.

— פאַר דער גרעפין באַרסקאַ, זיין כלומר׳שטע כלה.

— אַזוי!?

סטעפע איז ערנסט געוואָרען. זי האָט זיך דערמאָנט אין דעם טיטול, וואָס

דער שלאָס-קאַמערדינער האָט זי מכבד געווען. דאָס האָט איהר ערקלערט די האַלטונג פון דער דינערשאַפט.

אַ לייכטער ציטער איז איהר אַדורך, פייערן האָבען איהר אַ שלאָג געטון אין קאָפּ, און זי האָט איבערגעחזרט אין די געדאַנקען.

די גרעפין באַרסקאַ... זיין כּלה. קיינמאָל האָב איך נישט געהערט וועגען איהר. ווער איז זי? ווי אַזוי זעהט זי אויס?

— פאַרוואָס האָט איהר געזאָגט אַ „כלומרשטע“? — האָט זי הויך אַ פרעג געטון.

— מחמת נישט קיין אמת'ע — האָט געענטפערט דער סטודענט אַ ציה טוענ־דיג מיט די פּלייצעס — מען וויל איהם חתונה מאכען מיט דער באַרסקאַ, אָבער ער איילט זיך נישט, הגם דאָס איז איינער פון די בעסטע שידוכים אין לאַנד. די כלומרשטע כּלה וואַרט מיט אומגעדולד, איך צווייפעל אָבער אין איהר ער־פאָלג, ווייל דער הער וואַלדעמאַר איז זעהר קאַפּריזנע.

— פאַרוואָס געהמט מען מיך אָן פאַר איהר? בין איך דען עהנליך?

— קיינער האָט זי נישט געזעהן אין נלעמבאָוויטשי, איך אויך נישט, נאָר די דינערשאַפט איז זיך עפּיס משער וועגען זיינע הייראַטס-פּלענער, און רעכענט, אז איהר זענט עס זיין אויסדערוועהלטע, מחמת זיי זעהען איך צום ערשטען מאָל, און...

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט.

— און וואָס? — האָט דרייסט סטעפע אונטערגעכאַפּט.

ווילוש האָט אויף איהר הינטערווילעכץ אַ קוק געטון.

— גאָרנישט! גאָר פּראָסט, זיי פּיהלען, אַז איהר זענט זיין צוקונפטיגע ווייב.

סטעפע האָט צונויפגעצויגען די ברעמען. זי האָט פערשטאַנען, אַז ווילוש האָט נישט דערזאָגט זיין געדאַנק, און אַז ער האָט געוואָלט געבען אָנצוגעהערען וועגען וואַלדעמאַרס האַנדלען בנוגע איהר.

— איך וועל זיי מוזען ענטוישען, וואָס שייך מיר — האָט זי געזאָגט.

עס איז איהר געווען פּריקרע. זי האָט געפּרובט צו פערמאַסקירען דעם איינדרוק מיט געמאַכטער פרעהליכקייט. אָבער דאָס האָט זיך איהר נישט איינגע־געבען. זי האָט גערעדט, זי האָט זיך געוויצעלט — אָבער שוין צעשטרייטערהייט. ווען ווילוש וואָלט נעווען אויפמערקזאַמער, וואָלט ער בעמערקט די ענדערונג, וואָס איז אין איהם פאָרגעקומען צוליב זיינע ווערטער. ער האָט עס אָבער נישט געזעהן. ער האָט געוויילט סטעפען בעתן מיטאָג, און אויך נישט אָפּגעטראָטען פון איהר, ווען מען האָט זיך ביים זונען-אונטערגאַנג אומגעקעהרט אויף די שיפלעך אין שלאָס.

לאַנג נאָך האָט דער פּאַרק, די בעלויכטענע טעראַסען און דער שלאָס גופא געקלונגען מיט לעבען. ביי דעם אויסגעצייכענטען אָווענד-ברויט מיט דעם גלאַנ־

צענדיקע אַלטפֿראַנקישע זילבערוואַרג, ביי די קרישטאָלען און זאַכסישען פֿאַרצעליי — האָבען זיך איבערראַנייס אָנגעהויבען טאָסטען און הילכיקע פֿאַנפֿאַרען פֿונ׳ם אָרקעסטער. דער פּראַכטפֿולער סטיל־סאַלאָן, וואו מען האָט געגעסען, אָרנאַמענטירט פֿון מאַהאָניען מיט בראָנזען, מיט אַ געוועלבטען סופֿיט באַצירט מיט באַרעליעפֿען — איז געזונקען אין דער זילבערנער ווייסקייט פֿון די עלעקטרישע לאָמפּען, פֿאַרהילכט געוואָרן מיט לוסטיקע שמועסען און מיט פֿאַרשכור׳ענדער מוזיק. די פּראַכט פֿון דער פּירשטליכער רייכקייט האָט געווירקט אויף אַלעמען, דורכגעלאָפֿען, ווי אַ שטרוים אין די בלוטען, געצונדען די מוחות, געצייצט און מיטגעריסען.

דער זייגער אויפ׳ן שלאָס־טורעם האָט אויסגעשלאָגען האַלבע נאַכט, ווען די קאַרעטען און די בריטשקע זענען אַרויסגעפֿאָהרען מיט דער הויפּט־אַלעע מען איז געפֿאָהרען אין דעם זעלבען סדר, ווי אין דערפֿריה; דאָס האָט וואַלדעמאַר בעגלייט זיינע געסט קיין סלאָדקאָוויעץ, וואו זיי האָבען געדאַרפֿט נעכטיגען. נאָר לוציען אַליין האָט די פֿרוי עלזאַנאָווסקאַ מיטגענומען אין דער קאַרעטע, מורא האָבענדיק, אַז זי וועט זיך דערקיהלען. איהר אָרט האָט אויף דער בריטשקע פֿאַרנומען די פֿריילין מיכאַלינאַ.

די גרעפֿין פּאַולאַ האָט געפֿיהרט אַ שטילען שמועס מיט׳ן באַרון, פֿריילין ריטאַ האָט זיך געצייצט מיט טרעסטקאַן, אַרייננרעדענדיק אין איהם, אַז ער וועט שלאָפֿען. סטעפֿע איז געזעסען נעבען וואַלדעמאַרן, מחמת ער האָט איהר אַזוי ענערגיש דערלאַנגט זיין האַנד, אַז זי האָט זיך נישט געקענט אָפּזאָגען, כדי נישט צו ווענדען אויף זיך אַלעמענס אויפֿמערקזאַמקייט.

ווען די בריטשקע איז אַרויס אין דער אַלעע, האָבען זיך די שוואַרצע בוימער־מאַסען בעוועגט מיט אַ טויבען רוישען, און דער נאַכט־ווינט האָט געזשומעט אין זייערע קרוינען און געקלאָגט אין די געדיכטע צווייגען. סטעפֿע, איינגעהילט אין אַ פּלאַשטש האָט אויפֿגעהויבען צו דער הויך דעם קאָפּ קוקענדיק אויף די בעלויכטענע גזשיוועס פֿון די רוישענדע טיטאַנען. וואַלדעמאַר האָט זיך צו איהר איינגעבויגען:

— מיינע בוימער זאָגען צו אייך „צום ווידערזעהן זיך“ — האָט ער ווייך, אַקצענטירענדיק געזאָגט.

— זיי רוישען בייז — האָט זי אַ שעפּטשע געטאָן.

— דאָס זענען מיינע פֿריינד און דעריבער אויך אייערע. זיי רעדען צו אונז, און איך פֿערשטעה זיי. האָט אייך גלעמבאָוויטשי געפֿאַלען?

— וואונדערבאַר.

— דיינע! — האָבען אויסגעפֿליסטערט זיינע ליפּען.

דאָס דונערן פֿון די פּאָדקאָוועס אין דער אייזערנער בריק האָט פֿערטויבט די שטילע ווערטער, און מיט זייער רעאַלען געבראַזג האָבען זיי אויפֿגעמינטערט סטעפֿען, ביי וועלכער דאָס האַרץ האָט זיך אויף אַ ווייל אָפּגעשטעלט.

XX.

אין וואַלדעמאַרס קאַבינעט, וואָס איז געווען אַרומגעשלאָגען מיט דונקעל־קאַרמאַזינענעם לעדער, זענען אומגעשוועמט בלויע פּאַסקעלעך רויך, פֿונאַנדערטראָגענדיג דעם געשמאַקען ריח פֿון גוטע סיגאַרען. עטליכע הערען, וואָס האָבען זיך דאָ צוזאַמענגעקליבען, האָבען פֿרעהליך געשמועסט. אייניגע זענען געזעסען, עטליכע האָבען ארומגעשפּרייזט הין און צוריק, אייגער האָט זיך בהרחבות פֿונאַ דערגעלעגט אויפ'ן קאַרמאַזינע־נעם שעז־לאָנג.

געווען איז עס טרעטסקא, ליגענדיג אויפ'ן רוקען, די הענד אונטערגעלעגט א נטערן קאָפּ, און פּיפּקענדיג דעם סיגאַר, האָט ער קיין אויג נישט אַראָפּגע־לאָזט פֿון באַלקע, אויף וועלכען עס איז געווען אויפגעמאָלט די סצענע פֿון בע־גייסונג צווישען אָדיסטייען און נאַוזיקאַ'ן.

וואַלדעמאַר איז געזעסען אויף דעם פּאָרענטש פֿון דעם פּאָטעל אין אַ פֿרייער פּאָזע, און זיך צוגעהערט צו די פֿרעהליכע וויצען פֿון זיינע חבורים. אַליין אַנ'עטוואָס טריבער, האָט ער נישט קיין סך גערעדט, נאָר דאָך האָט ער נישט נעשטערט דער אויפגעלעגטקייט, און יעדער זעלטען וואָרט פֿון איהם איז געווען פֿאַר זיי אַ מין התעוררות. דערהויפּט האָט מען זיך צו איהם געווענדט, און ער האָט אויסגעזעהן, ווי אַנ'אַרביטער צווישען דעם דאָזיגען אויסדערוועהל־טען יוגנויאַרג. אַהער איז זיך אָנגעפֿאָהרען דאָס סאַמע אויבערשטע פֿון שטייסעל פֿון דער נאָהענטער און וויטער אַריסטאָקראַטישער געזעלשאַפֿט, אַלץ יונגע הערען, וואָס האָבען אויף זיך געטראָגען דעם שטעמפּעל פֿון אויסלאַנד.

אייניגע פֿון זיי — איינם טייל פֿון די ווינער זשאָקיי־קלוביסטען, אַנדערע ווידער מאָדערניזירט אויפ'ן פּאַריזער אופֿן, און אַנדערע האָבען געטראָגען דעם ערנסטען טאָן פֿון ענגליש־מענען. צווישען זיי האָט וואַלדעמאַר אויסגעזעהן, ווי אַנ'עכטער פּאַטריציער. הגם דער מערב האָט איהם „צוגעלאַקירט" אויף דעם אַל־געמיינעם שטייגער פֿון דער אינטערנאַציאָנאַלער עלעגאַנץ, נאָר דאָך האָט ער איהם נישט אינגאַנצען איבערגעפֿורעמט. ער איז געבליבען דער וועניג עקוואַטי־שער. ער האָט מיט זיך נישט פֿאַרנעשטעלט קיין אויסערגעוועהנליך שענעם יונ־גען מאַן, ער האָט זיך אָבער מיט זיין טיפּ אויסגעטיילט פֿון אַלע, געווענדט די אויפֿמערקזאַמקייט, צוגעשמידט צו זיך די אויגען.

ער איז געווען איינער פֿון יענע מאַגנאַטען, וועלכע נישט טראָגענדיג זייער מאַיעסטעט אין דרויסען — האָבען זיי איהר אומבעוואוסטזיניג אין זיך גופא נישט אַכטענדיג אויף דעם, איז ער דורכאויס און שטענדיג געווען דער הער,

און זײַן הערשאַפֿט, וואָס ער האָט געטראָגן מיט אַ געוויסער פֿרײַער אָפּגעלאָזנקייט, האָט געווענדט צו איהם אַלעמענס בליקן. ער האָט זיך אונטערשיידט פֿון אַלע, און אַלץ פֿלעגט איהם געלינגען. ער האָט געלעבט, ווי ער האָט געוואָלט, גערעדט, וואָס עס האָט זיך איהם געגלוסט, נישט צופּאַסענדיג זיך צו די אַלגעמיינע פֿאָרשריפֿטען, און רעכענענדיג זיך נאָר מיט זײַן אייגענער עטיק. די דאָזיגע עטיק האָט איהם אָבער קיינמאָל נישט פֿערפֿיהרט, נישט אָפּגענאַרט. זײַן איידעלקייט און עסטעטיש געפֿיהל האָבען נישט ערלויבט אַריבערצוטרעטען די געביטען, וואָס זענען אָנגעצייכענט געוואָרען דורך דער פֿרײַהייט פֿון זײַנע מעשים.

די דאָזיגע עסטעטיק איז געוואָרען — ער אַליין. ער האָט זי נישט געקענט אויסמיידען, נישט בע׳עולה׳נדיג זיך גופא. בעזונדערס האָט ער זיך אויסגעצייכענט מיט דער בולטקייט פֿון זײַן אָריגינעלען כאַראַקטער. ער איז גייסטיג זעהר הויך געשטאַנען, און מיט דער אינטעליגענטישקייט איז איבערגעשטיגען זײַן גאַנצע סביבה. דאָס וואָס מען האָט וועגען איהם גערעדט האָט איהם וועניג געאַרט, אין ער האָט זיך קיינמאָל נישט פֿערטראַכט, וואָס מען וועט וועגען איהם זאָגען. ער האָט פֿערמאָגט אַ זעהר לעבעדיגען טעמפּעראַמענט, שוואונג און אַן אויסערגעוועהנליך שטאַרקע ענערגיע — ער איז אָבער נישט געווען צעוואָרפֿען אין די בעוועגונגען, געהאַט אַן עטוואָס פֿערלאַנגווייליגטען אויסדרוק אויפֿ׳ן פּני: און אַ געוויסע אַפּאַטישקייט.

זײַנע שטאָלענע שוואַרץ-אַפּלען האָבען פֿערמאָגט פֿערשידענע אויסדרוקען: פֿון איראָניע, וויץ, צייטענווייז האָבען אין זיי געפֿינקעלט קאַלטע גלאַנצען פֿון שטאָל, דאָס רוב האָבען אויפֿגעפֿלאַקערט פֿײַער, אָבער גאָר פֿלעמלעך פֿון מילדקייט און איבערגעגומענקייט. זיי האָבען נישט געקענט זײַן קעציש-פֿלינק, אָדער אויסגעשפּראָכען ווייבלעך. זײַן מענערישקייט האָט פֿל פֿון דעם געוואונען. די ענטשלאָסענקייט זײַנע, וואָס ער פֿלעגט אַמאָל אַרויסווײַזען איז געווען נישט צו מבטל מאַכען. מיט זיך אַליין פֿלעגט איהם אָבער אויסקומען צו האַלטען פֿער׳עקשנ׳טע קאַמפֿען. ער האָט געענוי געוואוסט, וואָס ער האָט געוואָלט, און צו וואָס ער שטרעבט, ער איז אָבער נישט תמיד זיכער געווען צו זײַנע פֿערלאַנגען זענען ראַציאָנעלע, און צו דער וועג, וואָס ער האָט זיך אָנגעמערקט איז אַ ריכטיגער.

ער האָט פֿילאָזאָפֿירט, אַנאַליזירט, יעדער זאַך דורכגעפֿילטרירט דורך זײַנע רעיונות, ווען ער פֿלעגט אָבער נאָכ׳ן ישוב הדעת׳ן זיך בעשליסען עפּיס — פֿלעגט די זאַך פֿאַר איהם זײַן קלאָהר, אויסגעקריסטאַליזירט. נישט שטענדיג איז ער געווען ביכולת צו אַרײַנלאָזען זיך אין אַ דעטײַלער קריטיק פֿון זיך גופא: עס זענען געווען פֿאַלען, ווען זײַנע מיינונגען פֿלעגט ער וואַרפֿען מיט דרייסטקייט און אָהן אַ ריקזיכטיגער ענערגיע. זײַן אײַנגעבוירענער אימפּעט און די סמנים פֿון פּעדאַנטישקייט האָבען אָפֿט מנצח געווען דעם פֿילאָזאָף אין איהם, און ער פֿלעגט דאַן ווילד אַרויספּלאַצען, ווי די אַלע מיכאַראָווסקי׳ס. זײַנע זיידעס און

עלטערזיידעס האבען אבער נישט געוואוסט איינגאנצען פון זעלבסט-אנאליז און פון זעלבסט-קריטיק. ער, אויב ער פלעגט אמאל ערלויבען דער הייסער מינוט זיך פריי אוועקצוטראגען – פלעגט ער זיך דערנאך דורכפיהרען דורך אלע דרכים פון פילאזאפיע, דורכקאנטראלירען זיך מיט אלע עטישע און עסטעטישע מאסען און נישט שטענדיג האט ער זיך, געפיהלט בעפרידיגט; דעמאלט פלעגט ער ווערען אויפגערעגט, מרה שחורה'דיג, אבער דער יונגער לעבעדיגער כאראקטער און די ענערגיע פלעגען גובר זיין און נישט ערלויבט איהם לאנג צו גריבלען זיך אין זיך.

די אויפרעגונג פלעגט אריבערגעהן, איבערלאזענדיג א געוויסען ביי'טעם און זיין זעלבסטקריטיציזם פלעגט זיך פערשטארקען. דער דאזיגער מענש איז געווען זיכער אין זיך און אין זיינע טאטען; ער איז אבער נישט געווען גאוה'-דיג, מחמת נישט יעדען געדאנק האט ער ארויסגעזאגט גלאט אין דער וועלט אריין, און נישט יעדער מחשבה האט ער געהאלטען פאר פולקום.

נאך דער אויפנאהמע אין גלעמבאוויטשי, האט וואלדעמאר אפגעפיהרט זיינע געסט קיין סלאדקאוויעץ און דארטען איבערגענעכטיגט.

אין דערפריה האבען זיך אין איהם אויפגעוועקט טויזענטער פראגען און ספקות, אויף וועלכע ער האט נישט געקענט געפינען קיין פערענטפערונגען – האט ער זיך אפגעזאגענט און אוועקגעפאהרען. א שטורעם האט זיך אין איהם אויפגעהויבען. אין כעס און צארן אויף זיך – האט ער זיך נישט געקאנט מוחל זיין זיין האנדלונג בנוגע סטעפען. די סצענע אין פארטרעטען-זאל און זיינע רעד אויף דער בריטשקע האבען איהם געמאטערט, ווי א פארוואורף. ער האט זיך געשראקען פאר דער בעגעגעניש מיט סטעפען, און ער האט געטראכט, אז נאך דעם, וואס זי האט געהערט פון איהם, וועט זי איהם בעגעגענען ברוגזערהייד אדער מיט א טריומפירענדען שמייכעל, וואס איז אזוי כאראקטעריסטיש ביי פרויען אין אזעלכע פאלען. ער האט זי נישט געוואלט זעהן ברוגז, און נאך מעהרער מורא געהאט פאר דעם דאזיגען שמייכעל, אפשר פיהלענדיג, אז דאס וואלט אויף סטעפען געווארפען א שאטען. אינסטינקטיוו האט ער צו דעם נישט געוואלט צולאזען. אויף דער בריטשקע, נאך זיינע לעצטע ווערטער, איז זי געזעסען שטיל און דערשלאגען, וועניג גערעדט, און נישט צו איהם זיך אפגערופען, מחמת ער איז אויך ענטשוויגען געווארען.

צום גליק האט פרייליין ריטא, אנשטאט שלאפען, זיך פונאנדערגערעדט פאר פייער און פאר וואסער און אונטערהאלטענדיג דעם געשפרעך, האט זי פער-מאסקירט זייגע און סטעפעס אויסערגעוועהנליכע שטימונג.

נאך א שלאפלאזער נאכט איז וואלדעמאר געקומען צו אן איבערצייגונג, וואס ער האט פארמולירט אויף אזא אופן:

– זי האט זיך נעכטען איבערלעגט, היינט פערשטאנען, און זי וועט עס מיר ארויסווייזען.

אויף דעם דאָזיגן געדאַנק האָט ער מיט מעס פֿאַרביסן די ציין.

— זאָל זי פּרובן.

ער האָט געפֿילט, אַז מיט אַזאַ קלאָרן אַלײן באַליידיקט ער סטעפּאַ, פֿונדעסטוועגן איז ער אין די געדאַנקען פֿאַרביסן אָנגעפֿאַלן אויף איר.

ער איז געווען אויפֿגערעגט, האָט איר קאַלט באַגריסט, אָן אַ פֿונק פֿון פֿרײַנדלעכקייט, און הגם ער האָט געפֿילט איר פֿאַרוואונדערטן בליק אויף זיך — איז ער דאָך געבליבן ווי פֿאַרגליווערט ביז׳ן אָוועקפֿאָרן. ער האָט אומישנע צוגעאײַלט דעם אָוועקפֿאָרן; ער האָט געוואָלט אַנטלויפֿן פֿון איר אַנבליק, מחמת ער האָט געפֿילט, אַז ער האָט אין איר אַ טעות געהאַט, אַז אומזיסט האָט ער זי פֿאַראורטיילט, און אַז ער איז בנוגע איר שולדיק. דאָס טאַקטישע מעדל האָט אים גאָרנישט אַרויסגעוויזן פֿון דעם אַלעם, וואָס ער האָט זיך פֿאָרגעשטעלט, ער האָט אין איר נישט באַמערקט קיין טריומפֿירן, נישט קיין כעס — נישט מער, ווי עטוואָס פֿאַרוואונדערונג צוליב זײַן פּלוצלונגער קאַלטקייט. דאָס האָט אים געריהרט צום מערסטן.

— וואָס האָט זי זיך פֿאַרשולדיקט, וואָס דו באַגעהסט זיך מיט איר, ווי מיט דער ערשטער בעסטער? — האָט ער איבער׳געחזרט פֿאַר זיך צוריקקערנדיק זיך קיין גלעמבאָוויטשי.

איינגעטוליעט אין אַ ווינקעל פֿון דער קאַרעטע האָט ער זיך פֿאַרביטערט קריטיקירט.

ער האָט זיך דערמאָנט אין דעם נעכטיקן פֿריהמאָרגן, ווי ער איז געפֿאָרן מיט איר בײַנאַנד אויף די קאָזלעס פֿון דער בריטשקע, ער האָט געהערט אין די געדאַנקען אירע ווערטער און געזען איר שמייכל. ער האָט די געזען פֿאַר זיך, און פֿאַרגליכן זי, די נעכטיקע מיט דער היינטיקער, און וואָס ווײַטער — געוואָרן אַלץ אויפֿגערעגטער.

דער שלעכטער וועטער האָט נאָך צוגעהאָלפֿן זײַנע שוואַרצע מחשבות. דער נעכטיקער ליכטיקער פֿריהמאָרגן איז פֿאַרשוואונדן. די לופֿט איז געווען אַ גרויע, דורכגעדרונגען מיט רעגן, וואָס איז געהאָנגען אין די כמאַרעס. צו דער ערד צו איז געפֿאַלן אַ דריבנער נאַסער שטויב. די גאַנצע וועלט איז עפּיס געשטאַנען אין אַ מעלאַנכאָלישער אומעטיקער שטילקייט. די ביימער, וואָס האָבן נעכטן געראַוישט, האָבן היינט געשוויגן פֿאַרטיפֿט אין זיך; די תבואה־פֿעלדער, וואָס זענען נעכטן געווען פֿריילעך־לויטער, זענען שטיל געשטאַנען אונטער דער משא פֿון דער פֿײַכטער טאָג־שווערקייט. אַמאָל פֿלעגן אין די הויכע טאָפּאָלן אַ געשריי טון די פֿייגעל, נאָר אויך זיי פֿלעגן בלײַבן שטשוויגן, דערהערנדיק דעם קלאַפּן פֿון די פּאָדקעוועס, וואָס האָבן אָפּגעהילכט אויפֿ׳ן ברוקירטן וועג. די קאַרעטע אויף די גומענע רעדער איז שטיל געפֿאָרן, נאָר וואַלדעמאַר האָט אויפֿגערעגט דאָס טופּען פֿון די פֿערד. ער האָט זיך קוים אײַנגעהאַלטן נישט צו קריגן זיך מיט׳ן סטאַנגרעט. ער האָט געטראַכט:

— סטעפע איז נעכטען געוועזן צוגעפּאַסט צו דעם וועטער, און דער וועטער צו איהר, און איך האָב מוטנע געמאַכט איהר ליכטיגקייט... וואָס האָט זי דען געקענט אַנדערש וועגען מיר טראַכטען, ווי דאָס נאַר, אַז איך בין געוועזן שכּור? איך האָב דאָך געטרונקען אַ סך שאַמפּאַניער. באַ! און די סצענע אין פּאָרטרעטען-זאַל?... די רויזען האָט זי געקענט אויסטייטשען מיט דער אויפמערקזאַמקייט פון אַ בעל-הבית בנוגע אַ גאַסט, הגם דאָס איז שוין אַנ׳אויסדריי... אָבער דער קוש אין האַנד און עטליכע ווערטער — איבעריגע. דאָס ערגסטע — אויף דער בריטשקע, מיט אַזאַ מעדעל דאַרף מען זיך רעכענען, ווייל מען קען גאָר לייכט ביי איהר פערלירען אין די אויגען. אַ מימאָזע! זי איז גרייט מיר אויפצוּוואַרפען די זעלביגע אינסטינקטען, וואָס פּאַסען זיך צו פּראָנטניצקין, נאָר אַנדערש געווענדטע... אַך, צום טייוועל! וואָס האָב איך עס אַזוינס, צו אַלדי שווארצע יאָהר, אָפּגעטון.

וואַלדעמאַר האָט זיך בשום אופן ניט געקאָנט בערוהיגען.

אין גלעמבאָוויטשי האָט ער זיך עטוואָס בערוהיגט, און אָנגעהויבען זיך צו בעטראַכטען.

ער איז אַרומגעגאַנגען אין פּאַרק און אין דער מענאַזשעריע, וואו עס איז שוין געווען צוגערוימט נאָך דער נעכטיגער סעודה.

יעדער ווינקעל האָט איהם דערמאָהנט אָן סטעפען.

דאָ האָט ער געשפּילט מיט איהר אין טענניס. — „ווי שען זי האָט געהאַט צוגעשטאָכען דאָס קלייד!״ — דאָ האָט ער מיט איהר גערעדט, אויף דער סטעזשקע האָט ער פאַר איהר געריסען די רויזען, און פריהער האָט ער זי געזעהן פון דערווייטענס, ווי זי האָט איינגעצוירעט איהר העל געזיכט אין די סאַמעטענע בלומען, און ווי ער האָט געוואָלט די בלומען אָפּרייסען מיט די אייגענע הענד. דערנאָך — דער שפּאַציר אויפ׳ן טייך. זי האָט איהם אויפגערעגט, ווען זי איז שנעל אַריינגעשפּרונגען אין בלויען שיפעל און געוועסלעוועט צוזאַמען מיט טרעסטקאַ׳ן. און דאָס שיסען אין דער מענאַזשעריע? דאָס רעדעל, וואָס ער האָט דורכגעשאָסען. ער איז אַהין אַוועקגעגאַנגען און האָט דערזעהן, אַז דאָס ברעטעל איז שוין צוגענומען, און אַז עס איז נאָר געבליבען שטעהן דער סלופּ נאָס פון רעגען. די ערשטע רגע האָט וואַלדעמאַר געוואָלט רופען דעם שיסער פון דער מענאַזשעריע און פרעגען, הלמאי האָט מען דאָס ברעטעל צוגענומען אָהן זיין וויסען. ער האָט זיך אָבער אָפּגעהאַלטען. „צו וואָס טאַקי די אונאָרדנונג? בעסער טאַקי, וואָס מען האָט׳ס צוגענומען״... צום לענגסטען האָט ער פערבראַכט אין פּאָרטרעטען-זאַל! ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דער קאַנאַפּקע און זיך איינקוקענדיג אין דער באָבעס פּאָרטרעט האָט ער געטראַכט:

— צו וואָס האָט עס געטויגט איהר צו דערצעהלען די גאַנצע מעשה? זי וועט זיך אָנפּאַקען דעם קאָפּ מיט ראָמאַנטישקייט, און דאָס טויג צו גאָרניט. אידיליעס, טרוימען דאָס זענען אַלץ באַנאַלע פּאַראַדאָקסען! עס עקזיסטירט נאָר

די גלוסטונג! דער איינציגער אמת פון דער גאנצער מאסע איינצעלנע נארישקייטען מיט'ן נאמען „ליבע". אין גלוסטונג גלויב איך, און דאס נאר איז מיך נוטה צו איהר – מעהר גארנישט. און מחמת זי איז אזא קרישטאל-ריינע און אזא לויטערע – איז עס נאך בעסער. יעדערן גלוסט זיך בעסער צו האבען א שוואנען-פעדער איידער א פעדער פון א קראה.

ער האט בעמערקט אויף דער פאסאדזקע ליגען עטליכע גרינע און געלע בלעטלעך פון א רויז, וואס זענען, ווייזט אויס, אראפגעפאלען פון דעם נעכטיגען בוקעט. ער האט זיי האסטיג אויפגעהויבען, און זיך פלוצלונג דערמאהנט אין דער סצענע, ווי אזוי סטעפע האט זיך איבערגעשראקען פאר דער שטים פון דרויסען און געוואלט ענטלויפען, און ווי ער האט זי פערהאלטען. ער האט געהאלטען איהרע הענד אין זיינע און געצויגען זי צו זיך. א דערשראקענע האט זי אויף איהם געקוקט, עפיס מאדנע אונטערגיביג, און אזוי פראכטפול געמרוזשעט מיט די אויגען. עס האט אמת איין מאמענט געדויערט, נאר וואס איז עס געווען אזוינס?!

וואלדעמאר האט צוקנייטשט אין האנד די בלעטלעך.

– גלוסטונג! אויך דאס איז תאוה! – האט ער געזאגט מיט אן איראנישען שמייכעל איילענדיג זיך צו דער טיר. אויפ'ן שוועל האט ער זיך אפגעשטעלט און צוריקגעקוקט אויף די צוקנייטשטע בלעטלעך, וואס זענען געלעגען אויף דער פאסאדזקע.

– דער פארק-וועכטער היט, ווייזט אויס, מעהר די ארדנונג, ווי דער קאמערדינער פון שלאס, אבער דער לעצטער, קענטיג, האלט פון סובעניירען.

און ער איז ארויס, ציהענדיג מיט די פלייצעס.

אויך אין די נאהנטסטע טעג האט ער זיך נישט געקענט בערוהיגען; ער איז געקומען צו איין אויספיהר: אז אויב די תאוה איז דער דאמינירענדער געפיהל אין דער ליבע – געהערט נישט סטעפע צו די אנהענגערינס פון דער דאזיגער טעאריע. הייסט עס, אז עפיס אנדערש דערוואכט אין איהר? עפיס א מעהר גייסטיג געפיהל? אפשר לעבט עס אויף... דערוועקט פון פראנטניצקי'ן...

דערמאנענדיג זיך אין דעם נאמען, האט וואלדעמאר פערביסען די ליפען: די דאזיגע ערשיינונג האט איהם בעאונרוהיגט. ער האט געוואוסט, אז סטעפע האט נישט ליב געהאט פראנטניצקי'ן, עס איז איהם אבער פריקרע געווען צו דערמאנען גלייכצייטיג די דאזיגע צוויי נעמען; ער האט געפיהלט, אז ער דערוועקט אין סטעפען געפיהלען א סך שטארקערע פון געוועהנליכע סימפאטיעס, און ער האט זיך נישט געקענט אפגעבען קיין דין וחשבון פאר וואס ער פיהלט זיך שטאלץ מיט דעם, און וואס פאר א מין שטאלץ דאס איז.

אין א סך אזעלכע פאלען אין זיין לעבען האט ער נאר געהאט דעם געפיהל פון טריומף, אבער שטאלץ און עפיס אן אינערליכע צופרידענהייט האט ער איבערגעלעבט צום ערשטען מאל, און דאס האט איהם זעהר געוואונדערט.

פֿאַר וואָס מאַכט עפּיס דאָס דאָזיגע מעדעל אַ באַזונדער איינדרוק, אַזאַ נישט-ענהליכען צו אַלע ביז-פֿריהערדיגע? פֿאַר וואָס ציהט זי צו מיט אַזאַ עקשנות'-דיגע קראַפֿט, ווערט פֿאַר איהם נויטיג און כמעט טייער? זי, וועלכע ער האָט מיט עטליכע חדשים צוריק מכבד געוועזן מיט ציניש וויצען, פֿערפֿאָלגט זי, גע-רייצט זיך... פֿאַרוואָס? פֿאַרוואָס?

זי האָט געמאַכט אויף איהם אַן'איינדרוק פֿון דעם ערשטען מאָמענט אָן, ווען ער האָט זי דערזעהן ביי דער מוהמען אין דער קאַרעטע, פֿאָהרענדיג פֿון דער באַהן. זי האָט איהם מיטאַמאָל ענטציקט, האָט ער זיך אַריינגעזעצט צו זיי אין דער קאַרעטע, און אָנגעהויבען זי צו באַטראַכטען.

ער האָט אָבער תיכף באַמערקט, אַז איהר רעגט עס אויף.

האָט ער זיך פֿערוואונדערט.

אַ יונג שעהן מעדעל זאָל נישט ליב האָבען קיין לענגערען בליק פֿון אַ יונ-גען מאַנסביל דאָס האָט איהם, אַלס נייע ערשיינונג שטאַרק פֿערוואונדערט.

דאָס לעבען האָט איהם צוגעוואוינט צו עפּיס אַנדערש. פֿרויען זענען שוין געווען בנוגע איהם צופֿיל אויפֿמערקזאַם, און פֿרויען פֿון די הויכע ספֿערען. און דאָס מעדעל פֿון אַ שלאַכטצקע משפחה, אַזאַ שענע און אַזאַ וואונדערליך צאַרטע, האָט געגען איהר ווילען און אפֿילו מיט אַ באַלעדיגונג אין די אויגען אויפֿגענו-מען זיינע קאָמפּלימענטען. פֿאַקטיש האָט זיין בליק, געווענדעט צו איהר, געהאַט אַ גרויסע מאָס איראָניע און נישט פֿערטרויען, אויף אַזאַ אופֿן האָט ער געקוקט אויף אַלע ניי-באַקאַנטע מעדלעך, פֿיהלענדיג אין זיי די טויזענדער קליינע אַלגע-מיינע חסרונות. אויף יעדער נייע האָט ער, קוקענדיג, געטראַכט:

— מיט דיר וועל איך שוין נישט האָבען צו טון.

סטעפֿע האָט אין איהם נישט דערוועקט אַזאַ געדאַנק — פֿערקעהרט, זי האָט איהם גלייך פֿעראינטערעסירט, און וואָס ווייטער אַלס מעהרער. און געפֿיהרט פֿון אַ נישט באַגריינדעטען כעס, האָט ער זיך אין איהר נוקם געוועזען טוענדיג זיך אויף צו להכעיס. דערנאָך האָט זיך עפּיס אין איהם אָנגעהויבען צו ענדערען. נאָך יענעם מיטאָג, ווען סטעפֿע האָט צוריקגעצויגען איהר האַנד, האָט זיך וואַל-דעמאַר פֿערטראַכט:

— צו וואָס מאַטער איך איהר?...

ער איז בכיון אַ לאַנגע צייט נישט געפֿאָהרען קיין סלאָדקאָוויץ, וועלענ-דיג אין איהר פֿערגעסען. ער האָט פֿון זיינע געדאַנקען אַרויסגעוואָרפֿען איהר קליין פּנים'על, וואָס איז באַשאָטענט געווען מיט טרויער. דעם דאָזיגען אויסדרוק פֿלעגט ער אַליין אַרויסרופֿען, ער האָט זי ממש נישט געלאָזט רוהען און געמאַ-טערט זי צוליב דער בייזקייט זיינער, וואָס זי געפֿעלט איהם. אין אַ וואָך אַרום האָט ער דערפֿיהלט אַ נויטיגקייט זי צו זעהן, ער איז געקומען צו פֿאָהרען קיין סלאָדקאָוויץ מיט אַ גאַנצע קאָמפּאַניע געסט, און דאָרטען האָט זיין געוואוינהייט אויפֿסניי גובר געווען. פֿערבייגעהענדיג איהר פֿענסטער, האָט ער געוואָרפֿען אויף

איהר א שטיפערישען בליק און האט זיך בעגעגענט מיט איהר נייגעריגען פנים דערזעהענדיג איהם אבער פלוצלונג, איז זי ווי איבערראשט אפגעטראטען, און אזש בלאס געווארען. עפיס האט אין איהם א ציטער געטון א געפיהל פון רחמנות.

— זי האט פאר מיר פשוט מורא...

דערנאך האט ער זי דערזעהן א פערוויילטע. זי האט לוסטיג געטאנצט מיט לוציען, און זי האט געהאט אזא פרייעם שענעם שמייכעל. הייסט עס, אז נאר פון איהם פערבארגט זי איהר פרעהליכקייט, ער פאראליזירט זי?

און ער האט זיך געענדערט.

פון דאן אן האט ער נישט אויסגעמיטען אלע מעגליכקייטען צו פערשאפען איהר פערגעניגען. ביי זיינע בעדינגונגען איז עס איהם געווען זעהר לייכט צו טון. מיט צופרידענהייט האט ער אויך בעמערקט אז אויך סטעפע ענדערט זיך. זי איז געווארען פרעהליכער, ליב בעקומען זיינע שמועסען, האט איהם שוין מעהר נישט אויסגעמיטען, ווי פריהער, ווען זי פלעגט אין זיין אנוועזענהייט פערלירען די פרייהייט. וואלדעמאר האט געזעהן די ענדערונגען, און האט פון דעם הנאה געהאט. פון א געוויסער צייט אבער האט איהם בעהערשט אן אומרוהיגקייט.

— איך טראכט שוין צופיל פון איהר!

איהר קומען קיין גלעמבאוויטשי האט פול געמאכט די מאס. וואלדעמאר האט פערשטאנען, אז ער איז צו וויט אוועק. צוריקציהען זיך האט ער נישט געקאנט, איהם האט עס פערוועהרט צו טון די אייגענע עטיק, געהן פאראויס האט ער נאך דערווייל נישט געוואלט. די טאקטישקייט פון סטעפען איז געווען איהר לטובה. ער האט זיך אבער דענערווירט בנוגע זיך.

— זי איז איבערצייגט, אז איך בין געווען שכור, און זי וויל זיין בעוואוסטזיניג אין איהר האנדלען.

דאס האט איהם אומגעהויער אויפגערעגט.

אזוי זענען אדורך עטליכע טעג, קיין סלאדקאוויעץ איז ער נישט געפאהרען. ער האט אבער געפיהלט, אז געגען זיין ווילען געהט איהם סטעפע נישט ארויס פון זינען. ביז — אין איין העלען פריהמארגען האבען זיך קיין גלעמבאוויטשי צונויפגעפאהרען וואלדעמאר'ס חברים, וויטערע און נעהנטערע בעקאנטע אויף א חודש'ליכען מאנסבילשען „זשור פיקס". געפאהרען זענען זיי מיט א פרעהליכער פרייהייט, און די דאזיגע פרייד און פרייהייט האט זיי געצויגען אין וואלדעמאר'ס רעזידענץ. יעדערער האט זיך דא געקענט פיהלען, ווי ביי זיך אין דער היים, וואס פאר עטליכע פון זיי, וועלכע האבען נישט געהאט קיין אייגענע פראכטפולע נעסטען — איז געווען א מין צופרידענשטעלען די אמביציעס און א פיזישע סאטיספאקציע. די פירשטליכע אטמאספער, דאס עשירות, וואס האט ארויסגעלויכטען פון יעדען ווינקעל, די אויפמערקזאמקייט פון דעם בעל הבית, די

גרויסע אויסגעפּוצטע דינערשאַפט, די אויסגעצייכנטע ציגאַרן און די פּראַכטפולע עסנס, האָבן צוגעגעבן אַ גאַנצקייט די דאָזיקע אָפּגעוואַרטע בעגעגענישן.

דאָס מאָל האָט אַלעמען צוגעצויגן די פרישע נייעס, וואָס האָט אינטערעסירט די הויכע געזעלשאַפטלעכע ספערן: די גרעפין באַריסקאַ האָט אָפּגעזאָגט איהר האַנד און האַרץ דעם פירשט ליגניצקי.

דער דאָזיגער פאַקט האָט געמאַכט אַ רושם. אַ סך גרעפינס און פירשטינס האָבן בעטראַכט די אויסזיכטן, וואָס זענען פאַר זיי דערשינען. אַ סך אָפּגעשטויסענע קאָנקורענטן פון דער גרעפין האָבן בעשלאָסן אויפסניי אָנהויבן צו פירן אַ קאַמפּאַניע. ערשטנס. האָט מען זיך אָבער געדאַרפט דערוויסן, וואָס וועט אויף דעם זאָגן מיכאַראָווסקי, ווי איז זיין מיינונג!

אַלע האָבן גוט געוואוסט, — אַז אין דער גרעפינס אָפּזאָג איז ער די סיבה — פערשטעהט זיך, נישט קיין דירעקטע סיבה.

די באַרסקי׳ס האָבן געהאַט אויסזיכטן אויף וואַלדעמאַר׳ן האַלטענדיג איהם פאַר דעם בעסטן „התן” אין דער מדינה. די פּרעטענדענטין, די גרעפין האָט איהם, אײַדעל אויסמיידענדיג דעם פּראַכט פון איהר צוקונפטיגן שידוך — ליב געהאַט אויף איהר אייגענעם שטייגער. קיינער פון די מעגליכע פּרעטענדענטן האָט נישט געקענט לאָזן אין גאַנג זיינע בעמיהונגען בנוגע דער גרעפין, נישט וויסענדיג פריהער ווי אַזוי מיכאַראָווסקי קוקט אויף דעם ענין. קיינער האָט נישט געהאַט די העזה צו בעמיהען זיך וועגן איהר האַנד, נישט וויסענדיג פריהער, ווי עס קוקט אויף דעם מיכאַראָווסקי. איטליכער פון די דאָזיגע מעגליכע פּרעטענדענטן האָט פאָהרענדיג קיין גלעמבאָוויטשי געמאַכט זיך כלומר׳שט גלייכגילטיג צו דעם גאַנצן ענין. יעדערער פון זיי האָט געוואָלט רעדן מיט אַ מינע: „וואָס אַ שטייגער אַרט מיך די באַרסקאַ און איהר אויסוואַהל”? אָבער איטליכער האָט גלייכצייטיג אָפּגעוואַרט צו הערן די מיינונג פון וואַלדעמאַר׳ן. מען האָט בפירוש געוואַרט, אַז אויב עס זאָל זיך איהם גלוסטען צו חתונה האָבן מיט די גרעפין — וועט זיי גאָרנישט אויסבלייבן, ווי נאָר אָפּטרעטן דעם וועג. דער איינציגער טרעסטקאַ איז געווען ניטראַל בנוגע דעם, אָבער ער איז דערפאַר אויך געווען דער איינציגער קריטישער צוקוקער.

וואַלדעמאַר האָט די דאָזיגע ידיעות אָנגענומען גלייכגילטיג: ער האָט שוין געוואוסט פון דעם פריהער. ער האָט וועגן דעם גערעדט, ווי פון אַ נישט שטאַרק וויכטיגע זאַך, און שנעל אַריבערגעוואָרפן דעם שמועס אויף אַן אַנדער טעמאַ. דאָס האָט אַרויסגערופן פערוואונדערונג און אומרוהיגקייט. טרעסטקאַ, וועלכער האָט זיך אויסגעצייכנט געווילט, האָט זיך אָפּגערופן צו איינעם פון די הערן:

— דער הער מיכאַראָווסקי האַלט אַודאי דעם אָפּזאָג פון דער גרעפין פאַר אַ נויטיגע זאַך. ער האָט מסתמא געוואוסט וועגן די רעזולטאַטן פון דעם פירשט׳ס בעמיהונגען; מסתמא איז שוין ביי זיי געגעבן געוואָרן אַ וואָרט.

טרעסטקא האט געזאגט ליגען מיט א סאטיספאקציע.

אלע זענען געווען איבערראשט פון וואלדעמארס אויסערגעוועהנליכע שטימונג און זיין אויסדריקליך דענערוויזירטען צושטאנד; זיי האבען נישט געוואוסט, ווי אזוי זאלען זיי עס פערשטעהן.

ציי האט ער דערפיהלט זייערע כונות בנוגע דער גראפין? נאר טרעסטקא האט זיך משער געווען וועגען דער אמת'ער סיבה — ער האט סטעפען זיך פארגעשטעלט.

נישט קוקענדיג אבער אויף אלעס, האט מען זיך גוט געוויילט. פאר דעם אווענד-ברויט האט מען געשפילט אין בילארד, און דערנאך האבען די גוטע ווייגען גאר פרעהליך געמאכט די געסט.

אין קאבינעט און אין דעם דערבייאיגען רויכער-צימער איז געווען לעבעדיג. וואלדעמאר האט פערבעטען אויף הערבסט-יאגד.

דעהערענדיג עס איז טרעסטקא אויפגעשפרונגען פון שטול.

— וועלען דען אין סלאדקאוויעץ אויך זיין אבלאוועס? — האט ער א פרעג געטון, פעררייכטענדיג די ברילען.

— געוויס! נאר וואס געהט עס אייך אן? — האט זיך וואלדעמאר פערוואונדערט.

עטליכע הערען האבען ארויסגעפלאצט מיט א געלעכטער.

— טרעסטקא איז וואונדערבאר! איהם האנדעלט זיך וועגען דעם, אז נאכיאגענדיג ווילדע חזירים, זאל ביי זיין ווייט זיין דאס פריילין שעליגא, אהן וועלכער ער איז א נול, און אין סלאדקאוויעץ קען זיך טרעפען, אז ער זאל זי בעגעגנען.

וואלדעמאר האט א ציה געטון מיט די פלייצעס.

— איהר וועט זי בעגעגענען אין גלעמבאוויטשי, מחמת בעת'ן יאגד וועלען אויך קומען די דאמען. איבעריגענס ביז עס וועט געשעהן, וועלען זיך נאך מעגליך ענדערן די אומשטענדען, און איהר וועט בעקומען גרעסערע רעכט.

— אויף וואס פאר אן'אופן, א שטייגער?

— נו, איהר וועט א חתן ווערען.

טרעסטקא האט פערוואונדערט אויף איהם א קוק געטון, און אין א וויילע ארום ערשט האט ער אפגעענטפערט:

— איך צווייפעל ציי עס וועט אזוינס פארקומען.

דער יונגער גראף בראכוויטש, א קאלעגע פון האללע און א פערזענליכער פריינד פון וואלדעמארן האט א שמייכעל געטון, און וויציג א זאג געטון:

— מיר האבען נאך פאר זיך אן'אויסשטעלונג. אויף וויפיל איך האב געהערט שטעלט פריילין ריטא ארויס איהרע „פולבליטען“. איהר דארפט זיך בעמיהען, אז אייערע „פערשראנען“ זאלען זיי נישט איבעריאגען, ווארום דעמאלט...

— וועט איהר זי מיט הונדערט פערד נישט דעריאָגען — האָט וואַלדעמאַר געענדיגט.

אַלע האָבען אויף דעם געענדיגט מיט אַ געלעכטער, און בראָכוויטש האָט ווייטער גערעדט:

יאָ. דעמאָלט קענט איהר זאָגען: „דאָ איז דער סוף״! איהר דאַרפט אפילו אויסמיידען צו בעקומען אַ גילדערנעם מעדאַל, און העכסטענס בעמיהען זיך צו בעקומען אַן אויסצייכענונגס-דאָקומענט.

— איך פיהר נישט מיינע פערד.

— ס׳איז זעהר פּראַקטיש!

דער באַראָן וויהער האָט זיך אריינגעמישט:

— אַ פּראָפּאָ דער אויסשטעלונג — האָט ער געזאָגט, זיינענדיג די ווערטער

— וועט דער הער מיכאַראַווסקי אויך האָבען דאָרט זיין „סטייניע״?

— אין עטליכע טעג אַרום פאָהר איך טאַקי וועגען דעם. אויף דער אויסשטעלונג נעהם איך צעהן ראַסאָווע קליאַטשעס.

— די מוזעס?

— אָ, ניין! פון דער זעלביגער ראַסע נאָר און די קאַרע. די „פּירפערד״ וויל איך נישט צעטיילען. אַפּאַללאַ וועט אויך זיין.

— דער דאָזיגער, מסתמא, אַלס בעציהרונג?

— א דעקאַראַציע, וואָס קען ווערען א סיבה פון פריילין ריטאַ׳ס קראַנק ווערען — האָט בראָכאָוויטש אונטערגעכאַפּט.

— איך האָב אויך געהערט, אַז די באָראָנעסע עלזאַנאָווסקא קלויבט זיך אויך אויף דער אויסשטעלונג צוזאַמען מיט איער זיידען און מיט דער פריילין לוציע — האָט זיך אָפּגערופען דער יונגער זשנין:

— יאָ, די גאַנצע משפחה פאָהרט.

— אַך, הייסט עס, אַז עס וועט אויך זיין פריילין רודעצקאַ! — האָט בראָכוויטש אויסגערופען — ווילוש שעליגא האָט מיר וועגען איהר אַנדערצעהלט נסים. איך בין זעהר נייגעריג זי צו קענען. איז זי טאַקי אמת אַ שענע?

טרעסטקא האָט געוואָרפען אַ קרומען בליק אויף וואַלדעמאַרן.

— זעהר אַ שענע און אַ נישט-צולעסיגע — האָט ער ערנסט געזאָגט.

— דאָס איז אַ מעלה!

— פערקעהרט, דאָס איז אַ חסרון! האָט זיך זשנין אָפּגערופען.

— נישט-צולעסיגקייט איז אַ חסרון פאַר ווייבלעך נישט פאַר מעדלעך.

— בראָכוויטש! ביזט נישט שכור?

— פולשטענדיג ניכטער!

— ווייסט, דו טענה׳סט אונגעהערט!

טרעסטקא האָט אַ שאָקעל געטין מיט׳ן קאָפּ.

— אין גרונד איז ער גערעכט. אַ צו־גרויסע צניעות האָט זיך געפּאַסט פֿאַר די רוימישע קאַטאַקאָמבען. איצטער פּאַסט זיך די צניעות נישט — נישט פֿאַר ווייבלעך און נישט פֿאַר מיידלעך.

— דו רעדסט אויט'ן יסוד פֿון אייגענע עולות, אָבער פֿרײַליין ריטאַ גע־הער דאָך נישט צו די אולטרא־פּראָגרעסיווע.

— ווייזט אויס, נישט אין יעדער ריכטונג.

בראָכוויטש האָט איבערגעריסען:

— מײַנע הערען, אורטיילען וועגען דער פֿרײַליין ריטאַ לאָמיר איבער־לאָזען אויסשליסליך פֿאַר טרעסטקאַן. אונז האַנדעלט זיך עס איצטער וועגען דער פֿרײַליין רודעצקאַ... ווי הייסט זי אויפ'ן נאָמען?.. סטעפֿאַניאַ דאַכט זיך.

— יאָ, די פּראַכטפֿולע סטעפֿע!

— וועגען איהר קען אונז צום מערסטען דערצעהלען מיכאָראָווסקי, אַלס אַנ'אָפּטער גאַסט אין סלאָדיאָוויעץ... און אפשר אויך אַלס פּראַקטיקער? וואַלדי! פֿון וואָס פֿאַר אַ מין איז די צניעות פֿון דער פּראַכטפֿולער סטעפֿע: אַ קאַטאַקאָמ־בישע צו אַ געגענוואַרטיגע? עס וואָלט געווען טשיקאַווע צו וויסען. אָבער... וואָס איז עס מיט דיר?

וואַלדעמאַר איז געזעסען בלייך, קענטיג אויפֿגעבראַכט. זײַנע צעזאַמענגעצוי־גענע ברעמען, די פֿונאַנדערגעפּאַכטע נאָזלעכער און די איראָנישע פֿערקרימטע ליפּען האָבען געהאַט אין זיך עטוואָס פֿיינדליכעס. ער האָט געווענדט צו בראָכ־וויטשען די קאַלטע שטאָלענע אויגען און קורץ געענטפֿערט:

— צו דער פֿרײַליין סטעפֿאַ רודעצקאַ קען אַזאַ שמועס נישט זײַן צוגעפּאַסט.

דער טאָן פֿון די דאָזיגע ווערטער איז געווען הארב, און עס איז אָנגע־קומען אַן עטוואָס פּשיקרע שטילקייט.

בראָכוויטש איז רויט געוואָרען און אַראָפּגעלאָזט די אויגען. טרעסטקאַ האָט אַראָפּגעריסען די ברילען, און דערנאָך זיי אָנגעהויבען פֿאָרזיכטיג אָנצוטון. דערבײַ האָט ער געהאַט אַ מינע, ווי ער וואָלט גערעדט: „איך בין געווען אויפ'ן שפּור, איצטער בין איך אין דער היים“!

ווײַהער האָט געקוקט אויף וואַלדעמאַר מיט אַנערקענונג און אַכטונג, און האָט אפֿילו שטיל אַ שעפּטשע געטון.

— אַ דזשענטעלמאַן:

די איבעריגע האָבען זיך איינע די אַנדערע פֿער'חידושט אָנגעקוקט.

וואַלדעמאַר האָט רויכענדיג אַ סיגאַר נעשוויגען. ער האָט זיי געגעבען צייט צו בעקלערען זיך.

דער ערשטער האָט זיך אָפּגערופֿען בראָכוויטש:

— זײַ אונז מוחל, וואַלדי. מיר האָבען געשמועסט אין דער וועלט אַרײַן, איך בין זיך אין דעם מודה. קענסט אָבער צו אונז גאָרנישט האָבען, מחמת

אויסער טרעטשקאן און דעם באראן קען קיינער נישט פון אונז די פריילין רודעצקא.

דער ארט ענטשולדיגען זיך פון דעם קאלעגע איז וואלדעמארען געפעלען געווארען, און ער האט געענטפערט מיט א שמייכעל.

— איך האב נאר געוואלט אויפמערקזאם מאכען, אז מען דארף זיך רעכענען מיט'ן וויצלען זיך אויפ'ן חשבון פון אנ'אומבעקאנטער פערזאָ, דערהויבט ווען עס האנדעלט זיך וועגען א יונג מעדעל.

דער צווייטער קלאפ!

אין וואלדעמארס מח האט אבער תיכף דורכגעבליצט א ביטער געדאנק:

— א סך, משטיינסגעזאגט, האב איך אבגעהיט דעם כבוד פון די מעדלעך, וועלכע איך האב ביז איצט געקענט נאר פון הערען, און זיי דא געה איך זאגען מוסר. איך בין א שוטה!

ער האט שוין מעהר נישט געשוויגען, און האט פערפיהרט א נייעם שמועס.

די פרעהליכע שטימונג איז פלינק צוריקגעקומען.

צום סוף פון דעם אוענט האט דער פירשט זאניעצקי ווידער בעריהרט די פראגע, וועגען דער חתונה פון דער גרעפין בארסקא. ער איז געווען דער צום מעהרסטען פערא‏ינטערעסירטער, און דאס האלטען זיך פון וואלדעמארן האט שטארקער געמאכט זיינע האפענונגען. ער האט בעשלאסען זיך צו פערזיכערן, און נאך א געוויסער הקדמה האט ער א פרעג געטון:

— ווייסט איהר נישט, מיינע הערען, צי וועלען די בארסקי'ס זיין אויף דער אויסשטעלונג, צי זיי פאהרען קיין אויסלאנד?

— זיי וועלען זיין אויף דער אויסשטעלונג — האט זיך אפגערופען איינער פון די געסט.

און וואלדעמאר האט געזאגט:

נאר ליגניצקי האט געמאכט פיס קיין רוים. ווייזט אויס צו אפקומען דעם טרויער, אדער גיכער צו געפינען זיך א נייעם שידוך אין דער „שווארצער וועלט", וועלכע געפעלט איהם אזוי.

— אינטערעסאנט וואלט געווען, ווען ער האט אזוי חתונה מיט בארס אן זי געהערט דאך, להיפוך, צו די ווייסע.

— אפשר וואלט ער אליין ווייס געווארען, אדער זי אפגעלאקירט אויף שווארץ — האט זיך בראכוויטש פונאנדערגעלאכט.

— אויף דער אויסשטעלונג וועט זיך אנהויבען א נייער טורניר כדי איהר רינג צו דערגרייכען גייט צו מיינע הערען, אייערע שווערדען — האט וואלדעמאר עטוואס איראניש געזאגט.

אלעמעגס אויגען האבען זיך געווענדט צו איהם. אויף א ווייל איז שטיל געווארען.

וואַלדעמאַר האָט זיי פֿער׳חידושט אָנגעקוקט.

— וואָס בעטראַכט איהר מיך אַזוי ?

און טרעסטקאַ האָט אויסגערופֿען אויפ׳ן קול.

— זיי האָבען אַ פֿאָרשטעלונג, אַז אין דער געיגערײַ וועלען זיי אָנטרעפֿען אויף אַ שטערונג.

— אויף וואָס׳ערע דהיינו ?

— אין אײַער פּערזאָן, ווענמענס שווערד עס האָט פֿיל שאַנסען צו בעזיגען.

וואַלדעמאַר האָט אַ ציה געטון מיט די פּלײַצעס, אַרויסגעלאָזט אַ קנויל רויך און געזאָגט גלײַכגילטיג:

אויב אַזוי זענט איהר פּויפּסטליכער פֿון פּויפּסט. א הר זענט מיך חושד אין כונות, וועלכע פֿאַלען מיר גאָרנישט אײַן

די דאָזיגע ווערטער האָבען געמאַכט אַנ׳אײַנדרוק.

דעם פּירשט זאַניעצקי האָט זיך אַזש געגלוסט צו דאַנקען וואַלדעמאַרן, ער האָט זיך אָבער אײנגעהאַלטען אַרויסצופּלאַצען מיט זײַן דאַנקבאַרקייט. ער האָט געהאַלטען, אַז כדי אויפצוהאַלטען דעם טאָן פֿון אַנ׳אמת׳ן לאָרד דאַרף שטענדיג און דורכאויס פֿערבלײבען קאַלטבלוטיג.

בראָכוויטש האָט אָבער געהאַט מעהר פּויליש בלוט אין זיך — אָדער, גיכער, ער האָט זיך נישט בעמיהט ספּעציעל דאָס בלוט צו איבערפֿאַרבען — האָט ער דעריבער אויפריכטיג אויסגערופֿען:

— נו! אויב, דו, וואַלדי, לאָזט זיך ארויס פֿון דעם טורניר, וועט פֿאָרקומען אַנ׳אמתער און אַ שאַרפֿער קאַמף, צו וועלכען איך פֿערשרײַב זיך אויך. זאָל זיך זײַן וואָס עס איז!

— בראַוואָ, בראָכוויטש! — האָט טרעסטקא אויסגערופֿען.

— אָבער דו, וואַלדי, לערען מיך אויס, ווי קעמפֿט מען עס אויס לאָרבער קרענץ ביי פֿרויען, מחמת, דעם אמת געזאָגט, בין איך אויף דעם אַ קנאַפּער בריה.

— פֿרעג זיך ביי טרעסטקאָן. ער פֿיהרט שוין דריי יאָהר אַ קאָמפּאַניע. איך בין אויף דעם נישט קיין מבין.

בראָכוויטש האָט מיט אַ קאָמישער בעאָגונג פֿערבראָכען מיט די הענד.

— ער איז אויף דעם נישט קיין מבין! איהר האָט געהערט?

טרעסטקא האָט גענומען רעדען:

— ס׳איז נישט ריכטיג, וואָס מען שיקט צו מיר אויף דער לעהר, אויב איך פֿיהר אַ קאָמפּאַניע זינט דריי יאָהר — איז עס אָבער אָהן רעזולטאַטען. אײַך האַנדעלט זיך דאָך דערהויפּט וועגען דעם פֿינאַל, נישט וואָהר?

— אַבי דער פֿינאַל זאָל זיין אַ גוטער.

— מיר צווייפֿלען נישט.

דער פּירשט זאַניעצקי האָט אַ וואָרף געטון אויף בראָכוויטשען אַ שפּאָטישען בליק.

— הער נאר, יורעק — האט וואלדעמאר געענטפערט — אויף וואס דארפסטו עמיצענס עצות? הויב אן אליין צו בעמיהען זיך און דו וועסט תיכף קומען צו א פינאל אדער אפשר צו אנ׳עפילאג אויך.

— אזוי טאקי? הא, עס איז א שווערער ענין, מען דארף זיך אונטער־גארטלען די לענדען!

וואלדעמאר האט אויפגעהויבען די ברעמען.

— איך בין דיר מתיה, אז אויב דו וועסט זיך מיט אזא אויסגעשריי דער־נעהנטערן צו דער בארסקא — טו בעסער בעשטעל א שלאף־וואגאן און פאהר נאך ליגאצקין קיין רוים.

בראכוויטש האט זיך פערנויגט מיט א כלומרשטען ערנסט.

— איך וועל אהין פאהרען אבער, ווען איך וועל מאכען מיין חתונה־רייזע.

— דו ביזט אויסגעצייכענט!

לאמיר אויסטרינקען פאר דיין צוקונפטיגען זיג! — האט וואלדעמאר אויס־געשריען. — שאמפאניער!

מען האט אנגעהויבען צו זאגן טאסטען. ווין האט זיך געגאסען, ווי וואַ־סער, און א הילכיגע פרעהליכקייט האט אלעמען בעהערשט ביי׳ן קלינגען פון די כוסות, האט געהילכט א שפראצענדיג ליד מיט פרייד און יוגענד־גאודעאמוס!

XXI.

דער ערשטער סעפטעמבער האט בעגילדערט די וועלט מיט א וואונדערבארען וועטער. די זון האט פערגאסען די פעלדער, און דער בלויער הימעל האט געהאט א לויטערען קאליר אבער שוין אנ׳עטוואס בלאסערען.

דער קארן איז געווען אויפגעלעזט אין סטויגען.

דער לייכטער ערשטער אפשיין פון הערבסט האט זיך געהוידעט אין דער לופטען. די פעלד־פייגעל זענען ענטשוויגען געווארען און אין די גראזען האבען נאך געצירקעט די שניידער ווענצלעך.

די „גניאדע“ פיר־פערד האבען זיך געיאגט צווישען די פעלדער, נאכציה־ענדיג א שענעם לאנדא, אין וועלכען עס זענען געזעסען שלאנקע פרויען. די פרוי עלזאנאווסקא, סטעפע און לוציע זענען נעפאהרען אין קאשטשאל.

דער זונטאגדיגער פרומער המון איז געגאנגען אין די זייטען פון וועג אין פארביגע מלבושים, פרעהליכע צופרידענע פון דער היי־יאהריגען גערעטעניש.

די פרוי אידאליע איז צוזאמען מיט׳ן וועטער געווען זוניג. זי האט פרעהליך אריינגערעדט אין סטעפען, וואס איז אין דער זייט געזעסען, און זי האט גוטמוי־

טיג אָנגעקוקט. סטעפּע האָט פּראַכטפול אויסגעזעהן. אַ גרוי־בלויער זיידענער מאַנטעלע האָט זי אַרומגעטוליעט מיט די ווייכע קנייטשען, מאַכענדיג איהר העל געשטאַלט נאָך דורכזיכטיגערער, ווי שטענדיג. זי האָט לעבהאַפט גערעט, די אויגען האָבען איהר געגלאַנצט — און דאָך איז אין זיי געווען צו בעמערקען אַ בענקשאַפט, אַן׳אויסדרוק, וואָס איז אויף איהר פריהער ניט געווען צו בעמערקען. האָט זיך אָנגעצייכענט אויף איהר פּנים. צייטענווייז האָבען זיך איהרע טונקעלע געדיכטע ברעמען אומגעדולדיג צוזאַמענגעצויגען, ווי אונטער דער ווירקונג פון אַ ניט אָפּלאַכענדיגען געדאַנק, וועלכען זי האָט בשום אופן ניט געקאָנט אוועקטרייבען. די דאָזיגע אומרוהיגקייט האָט אָבער איהר פּנים נאָך מעהרער חן צוגעגעבען, און צוזאַמען מיט דער פריהליכער אויפגעלעגטקייט האָט עס געשאַפען אַ בעזונדער שענעם געמיש.

אין קאָשטשאָל האָט זיך צונויפגעקליבען אַ סך עולם פון דער אַרומיגער אינטעליגענץ, אַ סך פון די נידעריגערע ספערען, מיט וועלכע סלאָדקאָוויעץ האָט ניט געהאַט קיין נאָהענטע בעציהונגען. אַלע האָבען זיך בעגריסענדיג מיט דער פרוי אידאַליע און מיט לוציען, געקוקט אויף זיי מיט דרך ארץ. אויף אַ סך פון זיי פלעגט מאַכען אַן׳איינדרוק דער פּראַכטפולער געשפּאַן, די פירשטליכע מיטרעס אויף די אויגען־דעקלעך פון די פערד, און אויך דאָס, וואָס די דאָזיגע פרויען זענען אייגוואוינערינס פון פּאַלאַץ.

די מעדלעך און בכלל דאָס יונגוואַרג האָט דערהויבט געקוקט אויף סטעפען, מאַכענדיג דערביי פערשידענע בעמערקונגען. די מאַנסבילען האָבען זיך צוגעקוקט צו איהר שענקייט, און אַלע האָבען זיך געמוזט מודה זיין, אַז זי איז אַ געראָטענע, אַ זעהר איידעלע, און פּאַסט זיך גוט צום פּאַלאַץ, וואו זי געפינט זיך. די פרויען האָבען זי אָנגעהויבען שטילערהייד צו קריטיקירען; איינער פון די העררען האָט אַ שעפּטשע געטון: „אַ צאַצקע אַ מיידעל“, און אַלע מאַנסבילען האָבען אויף דעם צוגעשטימט. זיי האָבען געוואוסט וועגען סטעפען, אַז זי איז אַ פערמעגלכע בירגערליכע טאָכטער פון פּוילען. דאָס האָט פאַר זיי נעהאַט דערצעהלט ווילוש שעליגא. ווען ער האָט זיך בעת וואַקאַציע אַרומגעבלאָנקעט אין דער סביבה פון זיינע רעד האָבען זיי פערשטאַנען, אַז ער איז פערליבט אינם מעדעל, און דעריבער האָט מען זי טאַקי בעטראַכט מיט מעהר נייגעריגקייט. איידער דעם סאַמען אָנהויב פון׳ם גאָטעס־דינסט האָט זיך געמאַכט אַ בעוועגונג, און ס׳איז אַריין וואַלדעמאַר.

דער רושם איז גרעסער געוואָרען. פון סטעפען האָבען זיך די בליקען אַריבערגעטראָגען אויף וואַלדעמאַר׳ן. ער איז געוועזן אַ זעלטענער גאַסט אין דעם קאָשטשאָל. די פרוי אידאַליע האָט, דערזעהענדיג איהם, פערוואונדערט אויפגעהויבען די ברעמען, און סטעפעס פּנים האָט זיך בעגאָסען מיט אַ פייערדיגער רויטקייט. דאָס אומגעריכטע דערזעהן איהם האָט איהר שטאַרק אויפגערודערט. פון יענעם פריהמאָרגען, ווען זי האָט איהם געזעהן אין אַ פערגליווערטער קאַלט־

קייט — האָט זי איהם די גאַנצע צייט נישט געטראָפֿען. עס איז אַדורך אַ חודש, און ער איז נישט געקימען צופֿאָהרען. איצטער איז ער פֿלוצים ערשינען אין׳ם קאַשטשאָל, אין וועלכען ער איז כמעט קיינמאָל נישט געווען. אפֿשר האָט ער געהאַט אַזאַ פֿאָרגעפֿיהל, אַז זיי זענען דאָ.

וואַלדעמאַר איז צו זיי צוגעגאַנגען, בעגריסט די פֿרויען, און פֿערנומען אַנ׳אָרט נעבען סטעפֿען, וועלכע איז ביים ברעג געזעסען.

די פֿרוי אידאַליע האָט אָפּגעקעהרט דעם קאָפּ אויף צוריק און שטיל אַ פֿרעג געטון:

— וואַלדי, דו פֿאָהרסט פֿון גלעמבאָוויטשי?

— ניין, איך בין געווען אין סלאָדקאָוויעץ — האָט ער אָפּגעענטפֿערט.

— אַהאַ! האָסטו געוואוסט, הייסט עס, אַז מיר זענען דאָ?

— איך האָב געוואוסט.

— דו האָסט גוט געטון, וואַלדי! — האָט לוציע אַ שעפּטשע געטון.

וואַלדעמאַר האָט זיך אויסגעגליכען און איצטער האָט ער ערשט דערזעהן די בעזעצטע בענק אַנטקעגען. אויף אַלעמענס בעגריסונגען האָט ער געענטפֿערט מיט אַ לאַנגען שאָקעל מיט׳ן קאָפּ. צו סטעפֿען האָט ער גאָרנישט געזאָגט: ער האָט אַ פּאָר מאָל הינטערווייַלעכץ אַ קוק געטון אויף דעם שענעם פּראָפֿיל, וואָס איז געווען איבערגעבויגט איבער׳ן ביכעל, און די לעבעדיגע פֿאַרבען אין איהר פּנים. ער האָט געוואוסט, אַז דאָ האָט ער זיי אַרויסגערופֿען, ער האָט בעמערקט דעם איינדרוק, וואָס ער האָט געמאַכט אויף איהר אַרייַנגעהענדיג אין קאַשטשאָל. ער איז געווען צופֿרידען, און געפֿיהלט אַ מאָדנע דערלייַכטערונג, וואָס ער זעהט זי נעבען זיך.

מיט הנאה האָט ער נאָכגעפֿאָרשט איהר יעדע בעוועגונג און אָטהעם; נישט קוקענדיג, האָט ער געוואוסט, ווי זי איז אָנגעטון.

און אַלץ איז איהם געפֿעלען געוואָרען, אַלץ האָט געהאַט פֿאַר איהם אַ חן. נאָכ׳ן לאַנגען נישט-זעהן זי, האָט ער זי איצט געטראָפֿען נאָך שענער, ווי געווען, נאָך מעהר געוואונשען פֿון איהם. ער האָט זי אָנגעהויבען אויף זיין שטייגער צו אַנאַליזירען; ער האָט אָבער שנעל בעמערקט, אַז בנוגע איהר האָט עס נישט געטויגט, און ער האָט זיך אונטערגעגעבען זיינע איינדרוקען.

סטעפֿע ווידער האָט ערשט איצט דערפֿיהלט, אַז נישט קוקענדיג אויף איהרע בעמיהונגען, איז זי נישט בכח געווען איהם צו פֿערגעסען. און אַז די אונבעשטימטע בענקשאַפֿט, וועלכע זי האָט נישט געקענט פֿערשטעהן, איז געווען נאָך איהם.

דאָס דאָזיגע בעוואוסטזיין האָט איהר פֿערשאַפֿען אַ וועהטאָג און אונבעקאַנט גליק.

די ווערטער פֿון דעם געבעט האָבען זיך געמישט מיט די געדאַנקען, פֿיהלענדיג, אַז ער זיצט נעבען איהר, און אַז נאָך אַ חודש פֿון אָפּגעשיידקייט

זענען זיי ווידער צוזאמען, און זענען אזוי נאהנט. זי האט פארזיכטיג א קוק גע־טון אויף זיין האנד, וואס איז געווען אנגעלעהנט אן דעם פולפיט. זי האט גע־זעהן די ברעגען פון די ארבעל, און די מאנקעטען. ווען ער האט אוועקגעלעגט געלד אויפ׳ן טאץ האט אויף זיין פינגער א גלאנץ געטון א גרויסער בריליאנט. סטעפע האט געמוזט אנשטרענגען] איהר גאנצען זכרון, כדי צו דערמאנען זיך, אז דעם דאזיגען בריליאנט האט זי געזעהן שטענדיג אויף איהם. בעת מעשה איז זי געווען זיכער, אז דאס איז א קידושין־רינג.

זי האט געהערט וועגען דעם אפזאג, וואס ליגניצקי האט בעקומען פון דער גרעפין בארסקא, און דערנאך, אז וואלדעמאר איז אוועקגעפאהרען פון גלעמבאוויטשי אין סלאדקאוויעץ האט מען קאמענטירט דעם אוועקפאהר אז ער האט א צוזאמענהאנג מיט דער גרעפינס אפזאג. די פרוי אידאליע האט געטענה׳ט, אז איצט וועלען זיי חתונה האבען. דער הער מאציעי איז אפילו געווען אין ספק, ער האט אבער אין דעם נישט געלייקענט. נאר פרייליין ריטא האט די איינציגע געלאכט פון די השערות אין סלאדקאוויעץ, און טרעסטקא האט אויפ׳ן קול דערוויזען, אז פאר דער „וואלדעמארישער סכנה“ האט נישט די גרעפין בארסקא, וואס מורא צו האבען.

פלוצים האט לוציע א ציה געטון סטעפען ביי׳ם האנד.

— וואס קוקען זיי עס אויף אונז אזוי? וואס איז עס?

סטעפע האט אויפגעהויבען די אויגען אויף די ארומיגע בענק. אלע האבען געקוקט אויף וואלדעמארען, אריבערטראגענדיג די בליקען פון איהם אויף איהר.

עס איז איהר פריקרע געווארען.

— ווי נישט־איידעל!— האט זי א טראכט געטון.

לוציע ווידער האט זיך געווענדט צו וואלדעמארן:

— וואלדי, דו שטערסט דא דאס געבעט!

— ועמען? דיר?

— דער הערשאפט דארט, אנטקעגען.

וואלדעמאר האט גארנישט געענטפערט

אויך ער האט בעמערקט די עקשנות׳דיגע בליקען; ער אבער איז צו דעם געווען געוואוינט; אנשטאט דעם האט ער געטראכט, קוקענדיג אויף דער בע־טענדער סטעפען:

— צי בעט זי אויף צו נ׳אמת?

ער איז געווען זיכער, אז זי איז אונטער דעם איינדרוק פון זיין אנקומען; דאס האט איהם גוט געמאכט, און ער האט זיך נישט געוואלט ענטוישען. גלייכ־צייטיג האט איהם גערירט דער אנזעהן פון דעם פרומען פערטיפען זיך.

נאכ׳ן ערשטען איינדרוק, האט זיך סטעפע, קומענדיג צו זיך, פערטיפט אין דער תפילה. עס קען זיין, אז קיינמאל האט זי נישט געבעטען מיט אזא בעגייסטערונג. אין איהר נשמה האט זיך עפיס צעזונגען א פריידיג געזאנג. עס

האָבען אין איהר צושפּילט אומבעקאַנטע געפיהלען, עס האָט איהר אַרומגענומען אַ רוהיגקייט, און אַ מתיקות האָט בעגאָסען איהר האַרץ. דאַנקענדיג גאָט פאַר דער דאָזיגער רגע, האָט זי געוואָלט, אַז די רגע זאָל זיך נישט ענדיגען. ער איז נעבען איהר געזעסען, בעריהרט זי מיט זיין האַנד, זי האָט געפיהלט זיין בליק אויף זיך, און זי איז געוועזען גליקליך. איהר אינערליכע רוהיגקייט האָט זיך אויסגעצייכענט אויף איהר פּנים מיט אַן אויסערגעוועהנליך שענעם אויסדרוק.

וואַלדעמאַר האָט געקוקט אויף איהר מיט אַזאַ צאַרטקייט, וואָס איז פאַר איהם געוועזען אינגאַנצען אומבעקאַנט. ער האָט געפיהלט, אַז זי איז גליקליך, אַז איהר תּפילה שטרוימט אַרויס פון גליק, און ער האָט געגלויבט, אַז זי בעט גאָט אויפריכטיג. ער איז געוועזען געריהרט, און דאָס איז געוועזען קענטיג אין זיין בליק, מיט וועלכען ער האָט זי אַרומגענומען!

— אַזאַ פרוי, ווען זי בעט גאָט איז זי אַ מלאך — האָט ער איבערגע׳חזר׳ט אין די געדאַנקען.

בנוגע איהר איז זיין פעסימיזם פערלוירען געגאַנגען, פון דעם ציניקער און דעם פילאָזאָף פלעגט ווערען גאָרנישט. דאָס דאָזיגע מעדעל איז איהם פאַמעלעכערהייד אַריין אין דער נשמה, האָט דורכגענומען זיין וועזען און דערוועקט די ליידענשאַפטען.

זיי זענען ביידע געזעסען שטיל, און ער אַזוי, ווי זי האָבען זיך געגענזייטיג געפיהלט.

ווען דער גלח איז אַוועק פונ׳ם אַלטאַר, האָט זיך די פרוי אידאַליע אויפגעשטעלט די ערשטע. אויפ׳ן צווינטער האָט זיך בעגעגענט די גאַנצע געזעלשאַפט.

די פרוי אידאַליע, וואָס איז געוועזען אויסערגעוועהנליך גוט געשטימט, האָט זיך מיט אַלעמען איידעל בעגריסט אַ פריינדליכע און אַ שטראַהלענדיגע. וואַלדעמאַר האָט בעגריסט די פרויען. איהם האָבען אַרומגערינגעלט עלטערע און יונגערע מענער. יעדער פון זיי האָט געוואָלט רעדען אַ פּאָר ווערטער מיט וואַלדערמאַרן, יעדער האָט זיך געוואָלט אַרויסווייזען, אַז ער איז די בעסטע בעציהונגען מיט דעם גלענצענדסטען פאָרשטעהער פון די מאַגנאַטען.

די פרוי עלואַנאָווסקאַ האָט אַ פרעג געטון עטליכע פרויען, הלמאי זיי בעזוכען אַזוי זעלטען סלאָדקאָוויץ. זי האָט עס נישט געמאַכט אין דער פאָרם פון איינלאַדונגען, נאָר מחמת איידעלקייט וועגען.

סטעפע האָט אויף איהר פערוואונדערט אַ קוק געטון: זייער זעלטען, ווען זי האָט ביי איהר אָנגעטראָפען אַזאַ הומאָר. עטליכע פרויען, געטראָפען פון וואַלדעמאַרס גלייכגילטיגקייט זענען צוגעגאַנגען צו סטעפען און צו לוציען. עס האָבען זיך אַ שאָט געטון פראַגען און לאַקאָנישע ענטפערן. לוציע האָט געשוויגען, ווי אַ דערשראָקענע. אויף וואַלדעמאַרס וואונק איז צוגעפאָהרען דאָס לאַנדאָ

פֿון סלאָדקאָוויצע און דער גלעמבאָוויטשער אַמעריקאַנער װעגעל, אײַנגעשפּאַנט אין די פֿיר מוזען.

װאַלדעמאַר האָט זיך אַװעקגעזעצט מיט די פֿרויען נעבען לוציען. נאָך עטליכע בעגריסונגען — און זײ זענען אַװעקגעפֿאָהרען. נאָך זײ איז געפֿאָהרען דער פּאַנסענער אַמעריקאַנער װעגעל.

װי נאָר דאָס לאַנדאָ האָט זיך גערירט, האָט לוציע, אויסניצענדיג דער מוטער׳ס רעדען מיט װאַלדעמאַרן, געזאָגט אויף פֿראַנצויזיש צו סטעפֿען:

— אַך, ענדליך! איך האָב פֿאַר זײ אינסטינקטיװ מורא!

— איצט װעל איך איבער׳חזר׳ן דײַן פֿראַגע: צי זײ זענען װילדע? — האָט סטעפֿע געענטפֿערט מיט אַ בלאַסען שמײכעל.

— אַך! נישט קײן װילדע, נאָר עפּיס אַנדערע, נישט פֿון אונזער ספֿערע.

— צו פֿריהצײטיג איז נאָך דיר, לוציע, צו דעצידירען װעגען דעם - האָט װאַלדעמאַר שאַרף אַ זאָג געטון.

לוציע האָט זיך צומישט, און אַ קוק טוענדיג מיט שרעק אויף דער מוטער, האָט זי אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און אַ שעפּטשע געטון:

— ענטשולדיג...

די פֿרוי אידאַליע האָט אומגעדולדיג אַ פֿרעג געטון:

— װאַלדי, דו האָסט לאַנג פֿערבראַכט אין אָזשעלסק בײ די באַרסקי׳ס?

— איך בין דאָרטען אינגאַנצען נישט געװען.

די פֿרוי אידאַליע האָט געעפֿענט אַ פּאָר גרויסע אויגען. גרויס פֿערװאונדערונג האָט זיך אויסגעדריקט אויף איהר פּנים.

— אָט האָסטו? ביזטו גאָרנישט געװען בײ די באַרסקי׳ס? װאו זשע ביזטו געװען אַזוי לאַנג?

— װי האָסטו זיך עס פֿאָרגעשטעלט? איך אין אָזשעלסק? איך בין אין אָרגאַניזאַציאָנס-קאָמיטעט פֿון דער אויסשטעלונג, און מחמת דעם בין איך געפֿאָהרען קײן װאַרשאָ; דערבײ האָב איך זיך געמוזט פֿערנעהמען מיט׳ן אײַנאָרדענען די פֿערד, װאָס איך פֿיהר אַרויס.

— װײסטו, הײסט עס, נישט, װאָס ס׳איז אַלץ פֿאָרגעקומען בײ די באַרסקי׳ס?

װאַלדעמאַר האָט אַ פֿרעהליכען שמײכעל געטון.

— פֿערקעהרט, איך װײס פֿון אָנהויב ביז׳ן סוף.

— ביז װעלכען סוף?

— די מוהמע רעדט װעגען דער גרעפֿינס אָפּזאָג. איך װײס, װעגען דעם גאַנצען ענין פֿון אָנהויב, װען דער פֿירשט ליגניצקי האָט זיך אָנגעהויבען צו בעמיהען ביז דעם מיאוס׳ן סוף, װאָס ער האָט געהאַט

— און װאָס זאָגסטו צו דעם?

— גאָרנישט, איך װינש דער גרעפֿין מעלאַניאַ אַ נײַעם זיג און אַ נײַעם חתן

— וועלכער וועט עס זיין?

— אַ אַזוי גרייט קען איך נישט טרעפן. צום קאַמף וועלן זיך שטעלן לעגיאָנען, און ווער עס וועט דערהאַלטען די פּאַלמע... ווייסט מסתמא די גרעפין נאָך אַליין נישט, וואָס זשע זאָל איך רעדן פון מיינע סברות — האָט ער זיך געוויצעלט, מאַכענדיג קאָמישע העויות.

די פרוי אידאַליע האָט אַרויסגעפּלאַצט:

— ווייסט אַזוי גוט, ווי זי, און ווי מיר אַלע, ווער עס וועט בעקומען די דאָזיגע פּאַלמע!

— לײדער! סטייעט מיר נישט אויף אַזוי פיל קיין שכל.

— אַך, וואַלדי, דו ברענגסט מיך אַריין אין כּעס. דערהאַלטען די פּאַלמע בעלאַנגט פון דיר.

— אָבער איך וועל זיך וועגען דעם נישט בעמיהען — האָט ער אַ זאָג געטון שוין אויפגערעגטערהייד.

— פאַרוואָס?

— די מוהמע וועט מיר מוחל זיין, אָבער דאָס איז שוין מיין פּערזענליכע זאַך.

די פראַגע איז קלאָר געוואָרען. די פרוי אידאַליע איז פינסטער געוואָרען, ווי די נאַכט.

פּלוצלונג האָט לוציע אויסגערופען:

— איך פרעה זיך זעהר דערמיט. איך דולד נישט די מעלאַניאַ באַרסקאַ.

— שווייג, לוציע — האָט איהר מוטער אויסגעשריגען.

דער אָרימער לוציען איז עפּיס הײנט אַלץ נישט געלונגען, אַלץ געגאַנגען מיט דער פּוטער אַראָפּ.

וואַלדעמאַר האָט פערפיהרט אַנ׳אַנדער שמועס. ער האָט גערעדט וועגען דער צוקונפטיגער אויסשטעלונג, איהר איינאָרדנונג האָט ער נערגליכען מיט די אויסלענדישע אויסשטעלונגען, אַרויסזאָגענדיג זעהר געלונגענע, טרעפליכע געדאַנקען. סטעפען האָט ער זיך נישט אָנגעוואָרפען, ער האָט זי אָבער זעהר געשיקט אַריינגעצויגען אין שמועס, אַזוי אַז פּאַקטיש האָבען זיי נאָר בײדע גערעדט. לוציע איז געזעסען אָנגעבלאָזען, די פרוי אידאַליע ברוגז; און אַזוי זענען זיי אָנגעקומען קיין סלאָדקאָוויעץ.

צו דעם הער מאַציעי, וואָס איז געזעסען אין זיין קאַבינעט איז די פרוי א.דאַליע אַנ׳אויפגערעגטע אַריינגעלאָפען און מיט צאָרן אַ פרעג געטון:

— האָט שוין דער פּאַפּאַ גערעדט מיט וואַלדעמאַר׳ן? ווייסט שוין דער פּאַפּאַ פון אַלעס?

דער אַלט׳טשקער האָט אויף איהר פערוואונדערט אַ קוק געטון.

— איך האָב איהם נאָר איין רגע געזעהן, ווייל דערוויסענדיג זיך, אַז איהר זענט נאָך אין קאָשטשאָל איז ער תיכף איין נאָכגעפאָהרען. אפילו די פערד נישט איבערגעביטען.

— הייסט עס, דער פּאַפּאַ ווייסט פֿון גאָרנישט?

— וואָס איז געשעהן? גאָט איז מיט דיר, זאָג!

— אָך! זאָל זיך דער פּאַפּאַ נישט אויפֿרעגען. עס איז שלעכט אָבער גאָר־נישט, גאָרנישט דראָהט נישט דעם... בן יקיר'ל. זאָל זיך דער פּאַפּאַ פֿאָרשטעלן, אז ער איז גאָרנישט געווען אין אָזשעלסק, און מיט אַ גוואַלדיגער חוצפּה האָט ער זיך פֿאַר מיר מודה געווען, אַז עס פֿאַלט איהם גאָרנישט איין צו טראַכטען וועגען דער גרעפֿין.

דער הער מאַציעי האָט אַ שמייכעל געטון.

— אידאַלקע מיינע איך פֿערשטעה נישט דיין גרימצאָרן, איך האָב שוין פֿון לאַנג געוואוסט, אַז די באַרסקאַ איז נישט פֿאַר זיינעטוועגען. איך האָב דיר שוין אפילו וועגען דעם געזאָגט.

— אָבער פֿאַרוואָס אַזוי? וואו וועט ער געפֿינען אַ בעסערן שידוך, אַז בעסערן יחוס, נדן?

— זיי מיר מוחל! וואַלדעמאַר קען זיך ערלויבען צו אויסקלייבען אַ ווייב, נישט אַרומקוקענדיג זיך און נישט לעגענדיג די הויפּט־אַכט אויפֿ'ן נדן און דעם שידוך — און וואָס שייך דעם יחוס, האָבען מיר נאָך גרעסערע יחסנים אין לאַנד, מעהר בכבוד'ע!

— אָבער וואָס קען ער האָבען דערגעגען מעלאַניאַן? אַ פּראַכטפֿול שען מעדעל, געבילדעט זיך אין אויסלאַנד, אַ זעהר איידעל מעדעל.

— ווייזט אויס, ער האָט אַנדערע אַנשויאונגען. איבריגענס, קען זיין, אַז ער אַנערקענט אַלע איהרע מעלות, אָבער... זי איז נישט אין זיין סטיל.

— זאָל זשע דער פּאַפּאַ אויף איהם ווירקען.

דער הער מאַציעי האָט זיך אַ וואָרף געטון אויפֿ'ן פֿאָטעל.

— אָ, ניין! דאָס פֿאָדער נישט, אויף דעם ריכט זיך נישט! איך מיט דיין מאַמען זענען מיר געווען אומגליקליך צוליב אַזעלכע השפּעות, און איך וועל עס נישט טון!

ס'איז איבערגעטריבען! — האָט אַרויסגעזייט די פֿרוי אידאַליע. — צו וו ס איז עס ענליך! מעלאַניע זאָגט זיך אָפּ פֿון די בעסטע שידוכים צוליב איהם, און ער קרימט זיך נאָך. דאָס איז אַ שטאָלץ מעדעל. וואָס, עס וועט שוין גוט זיין, אַז מען וועט זי ביי איהם אָפּשלאָגען!

די באַראָנעסע איז אַרויס פֿון קאַבינעט.

נאָכקוקענדיג איהר, האָט דער הער מאַציעי אַ שעפּטשע געטון:

— עס איז איבערגעטריבען, וואָס איך מיט גאַבריעלע זענען מיר געווען אומגליקליך; ס'איז אַ גוזמא, אַז ס'איז אַ פֿערברעכען צו דערשטיקען אָדער אי־בערשלאָגען די ליבע; אַ גוזמא איז, אַז מען דאַרף זיך דעם וועג צו גליק אַליין

אויסלעגען, ווערענדיג האבען א לייכטע עלטער. אלץ איז א גוזמא! וואו איז דער טרויעריגער אמת!

דער אלטיטשקער האט אראפגעלאזט דעם קאפ אויפ'ן ברוסט.

XXII.

אויפ'ן צווייטען טאג איז דער הער מאציעי אויפגעשטאנען אין א מאדנער שטימונג. ער האט זיך פערטראכט, וואלדעמארס האל־טונג האט איהם געצוואונגען צו דעם. דער לעצטער חודש האט איהם איינגאנצען איבערגעאנדערשט. די פרוי אידאליע האט ערקלערט איהר פאטער, אז דאס איז פארגעקומען צוליב דער גרעפין מעלאניא, און אז וואלדע־מאר, ווי געוועהנליך מאכט עס שפאס, און וויל זיך נישט מודה זיין, אבער ער איז קעניג פערליבט אין דער בארסקא.

דער הער מאציעי האט אפילו נישט אנגעהויבען צו גלויבען אין דעם. ער דער איינציגער האט בעמערקט, אז וואלדעמאר קעמפט, אז ער לעבט איבער אנ'איבערגאנגס־צייט, און ער האט פערשטאנען, אז מען דארף איהם איבערלא־זען פרייע הענד, און בעמיהען זיך איהם נישט צו אויפרעגען. ער האט גע־וואוסט, אז עס זענען דא נאטורען, וואס בטבע זענען זיי אויפריכטיגע און אין געוויסע מאמענטען פון לעבען פערמאכען זיי זיך אין זיך, נישט ערלויבענדיג קיינם אפהויבען די פארהאנגען, וואס פערדעקען זיי; ער האט אויך געוואוסט, אז גרייצטע קענען זיי האנדלען געגען זייער ווילען, קאליע מאכען דאס, וואס ס'האט זיך נאר וואס אויף דער ליכטיגער וועלט אויסגעפיקט, און צופליקען דעם אייגענעם גליק, אין דער היינזיכט האט דער הער מאציעי צום מעהרסטען מורא געהאט, מחמת ער האט גוט געקאנט זיין איינינקעל און זיין טעמפעראמענט. מיט דער בעהאוועטקייט פון אלטע מענשען האט ער ארויסגעפיהלט עפיס, וואס האט איהם מיט שרעק אדורכגענומען. פאר דער גאנצער צייט פון וואלדעמארס אפוועזענהייט זענען די פריהערדיגע סברות פערשוואונדען, איצט האבען זיי זיך ווידער צוריקגעקעהרט געמעכטיגטע.

נאך א זעהר איידעלען שמועס מיט וואלדעמארען איז דער הער מאציעי צוגעקומען צו חשדים, פאר וועלכע ער האט זיך אינסטינקטיוו געוועהרט; דער בעליבטער איינינקעל איז איהם עפיס שווער געווארען, נישט־ארויסגעזאגטע ווער־טער זענען געהאנגען אויף ביידענס ליפען, זיי האבען זיך אבער ביידע נישט געוואלט און נישט געקענט פערשטעהן. פארנאכט איז וואלדעמאר אוועקגעפאה־רען, נישט־צוזאגענדיג גיך צוריקצוקומען, דעם הער מאציעי האט עס פערדרא־סען, ער האט איהם אבער נישט פערהאלטען. ער האט אפילו נישט דערמאהנט

אַז אויפ׳ן צווייטען טאָג איז סטעפּעס געבורטסטאָג. הנם מיט אַ חודש צוריק וואָלט ער עס געוויס געזאָגט.

צום ערשטען מאָל האָט איהם דעם איינציקעלס אַוועקפאָהרען פערשאַפט אַ דערלייכטערונג, ער האָט אָבער אַ גאַנצע נאַכט ניט געשלאָפען, און אין דער פריה איז ער אויפגעשטאַנען אַ דענערווירטער מיט אַ שטאַרקען קאָפּ-וועהטאָג. צעהן אַ זייגער האָט ער געהייסען דעם דינער רופען צו זיך סטעפען.

זי איז אַריין אַנ׳אומעטיגע מיט פערוויינטע אויגען. די ווייסע גלאַטע קליידעל האָט זיך געמאַכט נאָך בלאַסער, ווי געוועהנליך. נאָר די ליפען האָבען איהר געגליהט מיט אַ פייערדיגען פּאַנס, און די אויגען האָבען איהר געגלאַנצט אויסערגעוועהנליך פון די טרעהרען. זי האָט איהם האַרציג אַ קוש געטון די האַנד, איז דער אַלטיטשקער גערירט געוואָרען. אַ גלעט געטון איהר קאָפּ און אַוועקגעזעצט זי אַנטקעגען זיך.

— וואָס׳טו קינד, געוויינט? — האָט ער אַ פרעג געטון, האַלטענדיג איהרע האַנד.

סטעפע האָט פערביסען די ליפען, אָנגעהויבען צו פינטלען מיט די אויגען און נייע טרעהרען האָבען אין איהר אויפגעקאָכט.

— וואָס האָסטו געוויינט?

— ווייל ס׳איז מיר אומעטיג... אין דעם טאָג... פלעג איך שטענדיג... זיין אין דער היים — האָט זי שטיל געענטפערט.

— נאָר דאָס איז די סיבה?

זי האָט אויף איהם פלינק אַ קוק געטון

— נאָר דאָס. ניט מעהר! — האָט זי אָפגעענטפערט.

דער הער מאַציעיי האָט צוריקגעצויגען, אָפגעלאָזט איהרע האַנד און זיך טיפער אַריינגערוקט אין פאָטעל. איהר אויסגעשריי „ניט מעהר" האָט איהר אַרויסגעגעבען אין די אויגען פון דעם פערדעכטענדיגען אַלטיטשקען, ער האָט געפיהלט, אַז אויסער איהר בענקען אַ היים איז געוועזען נאָך עפּיס, וואָס ער האָט ניט געוואָלט אָנרופען מיט׳ן נאָמען. ער האָט אויף איהר פער׳עקשנ׳ט געקוקט, און צו זיך גופא געשעפּטשעט:

— סטעניאַ.. די צווייטע סטעניאַ.

— ווער? — האָט פּלוצלונג אַ פרעג געטון דאָס מעדעל.

דער הער מאַציעיי האָט אַ שאָקעל געטון מיט׳ן קאָפּ.

— דו קענסט איהר ניט, קינד. אַמאָל, אַמאָל איז געווען אַזאַ סטעניאַ, וואָס איז געווען צו דיר עהנליך, אָבער... שוין זעהר לאַנג.

סטעפע האָט זיך דערמאָנט אין וואַלדעמאַרס געשיכטע, וואָס ער האָט גע-האַט דערצעהלט אין פאָרטרעטען-זאַל אין גלעמבאָוויטשי. אַ רחמנות-געפיהל האָט פערקלעמט איהר האַרץ און זי האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגען.

דער הער מאַציעיי האָט אַראָפּגענומען פון טיש אַ קעסטעלע, איינגעבונדען

אין זאמש, געעפענט זי, און פון ווייסען סאמעט ארויסגענומען א מיניאטור אין דער פארם פון א גרויסען מעדאליאן מיט עמאל און מיט גאלד בעצירט.

די מיניאטור האט מיט זיך פארגעשטעלט א יונגענמאן, געקליידט אין א מונדיר פון די פוילישע אולאנער, מיט א שטערען אויפ׳ן ברוסט און מיט אן ארדען „ווירטוטי מיליטארי“. ווייזענדיג עס איהר, האט ער הער מאציעי גע-רירטערהייט געזאגט:

— דאס איז א בילד פון מיר פון יענע צייטען, ווען איך בין געוועזען דער גליקליכסטער... איך האב ליב געהאט אזא, ווי דו, אויך א סטעניא, און איך האב ביי זיך געטראכט, אז זי און די גאנצע וועלט געהערען צו מיר.. הא! די יוגענד איז פארביי!.. אבער... וואס איז מיט דיר, קינד?

סטעפע האט א קוק טוענדיג אויפ׳ן בילדעל, א ציטער געטון.

— איך האב עס אין ערגיץ געזעהן... איך קען עס!

דער אלטיטשקער האט געווענדט אויף איהר אן׳אויפמערקזאמען בליק.

— דו האסט געזעהן די דאזיגע מיניאטור? וואו? אויף וואס פאר אן׳אופן? דו האסט מסתם א טעות, קינד! אדער... ס׳קען זיין... אידאלקע האט דיר בעוויזען?

— ניין, ניין... אבער כ׳האב זיכער געזעהן.

— אפשר האסטו פונקט מיין פארטרעט געזעהן אין זעהר אן׳אלטע צייט-שריפט. דאס איז מעגליך! אמאל בין איך געוועזען א מענש, וואס האט א ביסעל אינטערעסירט דעם כלל.

— סטעפע האט אין ספק געשאקעלט מיט׳ן קאפ.

— עס קען זיין — האט זי לסוף געזאגט ניט איבערצייגט.

דער הער מאציעי האט איהר דערלאנגט די מיניאטור.

— איך האב עס פאר דיר צוגעגרייט אלס געבורטס-טאג-מתנה. איך האב גערעכענט, אז דו וועסט זיין צופרידען פון אן׳אמאליג בילד פון א מענש, וואס וויגש דיר כל טוב.

סטעפע האט זיך פאר איהם הארציג פערנויגט.

— איך דאנק אייך זעהר. דאס וועט פאר מיר זיין א זעהר וויכטיגער אנ-דענק. האב איך דען אויף דעם פערדינט? דאס האט דאך דעם ווערט פון א משפחה-רעליקוויע.

— איך האב געהאט אזעלכע עטליכע עקזעמפליארען, האב איך זיי צו-טיילט קרובים, און כ׳האב פאר זיך איינס. דעם לעצטען האב איך בעשטימט דאך פאר דיר... דו ביזט אזוי עהנליך צו מיין סטעניען! איך וועל דיר אמאל אויך איהר מיניאטור בעווייזען... איך האב נאר איין-און-איינציגע, און דאס איז מיין רעליקוויע.

דער אלטיטשקער איז געווען מאדנע גערירט, האט ארויסגענומען סטעפעס קאפ און האט צו איהר ווייך געזאגט:

— ווייל זיך גוט, קינד. היינט איז דיין יום טוב, וויין זשע נישט, און זיי גליקליך. דו ביזט דאך נאך אזוי יונג.

קומענדיג צוריק צו זיך האט זיך סטעפע צוגעקוקט צו דער מיניאטור און געהאט עפיס דערביי אנ׳אומקלארען איינדרוק. דאס געזיכט האט געהנדעלט אין וואלדעמארן. עס איז נאר געווען עטוואס אנדערש צוליב דער קליידונג און דער פארקעמונג. איבעריגענס זענען די געזיכטס-ציגען געווען די זעלביגע.

סטעפע האט זיך בעמיהט צו דערמאהנען, וואו און ווען האט זי געזעהן אנ׳עהנליכען מעדאליאן, די אומקלארע ערינערונג איז געווען פערבינדען מיט די ערשטע יאהרען פון איהר קינדהייט.

קוקענדיג אויף דער מיניאטור איז זי פערזונקען געווארען אין איהר מיט איהר בליק. זי האט אלץ מעהר און מעהר געזעהן עהנליכקייט מיט וואלדעמארן — האט זי א שעפטשע געטון:

— צי וועט ער ווידער אזוי לאנג נישט קומען? פארוואס איז ער נעכטען אפגעפאהרען? פארוואס האט ער זיך אזוי געענדערט?

סטעפע האט וועגען איהם אונאויפהערליך געטראכט, נישט וועלענדיג זיך מודה זיין פאר זיך אליין, אז ס׳איז פאר איהם געווען אונאנגענעהם זיין אוועקפאהרען ערב איהר געבורטס-טאג.

— זי האט געגען זיך געקעמפט, געגען דעם פערדראס בעזונדערס, זי האט געוואלט זיין פרעהליך, און נישט געקענט. זי האט זיך געשטיקט פאר עגמת נפש, און זי האט געפיהלט א פוסטקייט ארום זיך.

פארמיטאג האט איהר סטעפע אנגערעדט צו מאכען א שפאציר צופוס, זיי זענען אוועק אין וועלדעל, וואס הינטערן גארטען, דארטען האט זיך סטעפע דערמאהנט אין דער בעגעגעניש מיט וואלדעמארן, אין מאי איז עס געווען, זי האט זיך דערמאנט אן זיינע שפאטישע רעד און וויצען. זי האט זיך אויך דער־מאנט אין איהר כעס, אין די שארפע ענטפערן, און אין דער פריקרעקייט, וואס זי האט געפיהלט צו דעם שפאטענדיגען מאגנאט. זי האט פאר איהם מורא גע־האט, ער האט אין איהר געוועקט א פאנישע שרעק. ער פלעגט זי פעראינטע־רעסירען, רייצען, שטענדיג אימפאנירען און דאס האט איהר גע׳כעסט, וואס שלעכט אדער גוט, נאר טראכטען האט זי וועגען איהם געמוזט.

איצטער האבען זיך די געפיהלען געענדערט: די אינסטינקטיווע שרעק פאר איהם איז נישט פערשוואונדען, פערקעהרט נאך שטארקער געווארען, נאר די שרעק האט אנגענומען אנ אנדער כאראקטער. די איצטיגע געפיהלען האט זי נישט געוואלט אנרופען מיט׳ן נאמען, פערמאכענדיג פאר זיי די אויגען.

זעהענדיג איהר פערטראכטקייט, איז לוציע אוועקגעגאנגען פון איהר. אין לוציעס יונגען קעפעל זענען ענטשטאנען פערשידענע סברות, מיט וועלכע זי האט זיך נישט געקאנט טיילען — פאר דער מוטער פשוט מורא האבענדיג, און פאר׳ן זיידען נישט וועלענדיג זיין אזוי אפען.

איהרע סברות האָט זי געהאַלטען בסוד, מורא האָבענדיג זיי אַרויסצוזאָגען. פֿאַר איהר אויפֿמערקזאַמקייט האָט ניט אויסגעמיטען די ענדערונג פֿון וואַלדעמאַרן צו סטעפֿען. לוציע האָט געזעהן, אַז אַלץ האָט זיך דאָ איבערגעאַנדערשט, און זי האָט פֿערשטאַנען אין וואָס פֿאַר אַ ריכטונג די ענדערונג איז פֿאָרגעקומען. וואַלדעמאַר האָט זי פֿערוואונדערט. סטעפֿען האָט זי אָנגעהויבען אויפֿמערקזאַמער צו באַטראַכטען. אויך סטעפֿע האָט זיך געענדערט. איהר פֿריהערדיגע פֿרעהליכקייט איז געוואָרען איינגעהאַלטענער. לוציען האָט עס פֿראַינטערעסירט. אַזוי געהענדיג, יעדערע פֿערטיפֿט אין די אייגענע געדאַנקען, זענען זיי אַרויסגעקומען אויפֿ'ן וואַלד-וועגעל. לוציע איז שנעל געגאַנגען, און גאָר שנעל האָט זי סטעפֿען איבערגעלאָזט הינטער זיך: פֿלוצים האָט זי זיך אָפּגעשטעלט. אַנטקעגען איהר האָט זיך געיאָגט אַ קאַרעטע אין פֿיר פֿערד געשפּאַנט. לוציע האָט תיכף דערקענט דעם גלענצענדיגען עקיפּאַזש, און אָריענטירענדיג זיך מאָמענטאַל איז זי אָפּגעשפּרונגען אין אַ זייט צום וואַלד צו. זי האָט געטראָפֿען, אַז וואַלדעמאַר האָט געוואוסט וועגען סטעפֿעס געבורטס-טאָג און דאָס קומט ער צופֿאָהרען דערהויבט צוליב איהר; זי האָט געוואָלט פֿון דער זייט זעהן, ווי אַזוי זיי וועלען זיך באַגריסען.

סטעפֿע האָט ניט באַמערקט דער מעדעלס מאַנעוור, ניט זעהענדיג זי אָבער, האָט זי איהר אַ רוף געטון. לוציע האָט ניט געענטפֿערט.

פֿלוצים האָט זיך דערהערט דאָס הילכיגע טופּען פֿון די פֿערד. וואַלדעמאַר איז געזעסען אויף די קאָזלעס, און דער סטאַנגרעט איז געזעסען הינטען.

סטעפֿע האָט אויפֿגעציטערט. פֿייערן האָבען איהר אַ שלאָג געטון אין קאָפּ. זי איז געבליבען שטעהן, ווי אַן'איינגעגראָבענע, און מיט איהר גאַנצען ווילען האָט זי זיך באַמיהט צו בלייבען רוהיג. וואַלדעמאַר האָט זי באַמערקט. אַ בליץ האָט אַ בלאַנק געטון אין זיינע אויגען. ער האָט ראַפּטום פֿערהאַלטען די פֿערד אויפֿגעהויבען דעם הוט פֿון קאָפּ, און אַראָפּשפּרינגענדיג פֿון דעם אַמעריקאַנער וועגעל האָט ער אויסגערופֿען צום סטאַנגרעט:

— פֿאָהר צום ברעג וואַלד; דאָרטען וועסטו בלייבען שטעהן.

סטעפֿע איז צו זיך געקומען, זעהענדיג פֿאַר זיך וואַלדעמאַרן.

ער האָט אַ פֿעסטען דריק געטון איהר האַנד. אַ ווייל'ע האָט געדויערט די שטילקייט. ער האָט געזאָגט מיט אַ שטילער שטים:

— ווי גוט עס איז, וואָס איך האָב אייך ווידער בעגעגנט אין דעם וועלדעל.

— ווי אין מאַי. איצט איז שוין הערבסט!

— מען קען זיך אויך אום ווינטער שאַפֿען אַ מאַי.

— סטעפֿע האָט געשוויגען.

— איך האָב פֿערגעסען, דערזעהענדיג אייך, וועגען דעם איינציגען ציעל פֿון מיין איצטיגען קומען אַהער. היינט איז אייער יום טוב.. באַנאַלע גליק-

וואוינשען קען איך נישט סובל זיין... מחמת מען דאַרף אָבער אָפּהיטען דעם שאַבלאָן...

סטעפּע האָט איהם איבערגעשלאָגען:

— ניין, צו וואָס? ס׳איז גענוג, וואָס איהר זענט געקומען. דאָס איז אַ סימן אַז איהר געדענקט, און דאָס איז גענוג... אַ דאַנק אייך.

ער האָט צוגעטראָגען צו די ליפּען איהר האַנד, איינבויגענדיג דעם קאָפּ צו איהר. די הייסע בעריהרונג פון זיינע ליפּען האָבען געווירקט אויף איהר, ווי אַן עלעקטרישער שטראָם. דעם רעדענדיגען אויסדרוק פון זיינע בליקען האָט זי נישט געקענט אויסהאַלטען — און אַראָפּגעלאָזט די ברעמען.

זיי זענען געגאַנגען שווייגענדיג איינ,ר נעבען דעם אַנדערן; אַ ווײַלע שפּעטער האָט ער ווידער געזאָגט:

— די „געבורטסטעג“ זענען פאַר מיר די אונערטרעגליכסטע טעג אין יאָהר. איך האָב נישט ליב די איינלאַדונגען און די בעגריסונגען. איך אַליין שיק זיי פונאַנדער זעלטען. צו פערזאָנען, וואָס זענען מיר מעהר נוגע קום איך זעלבסט—האָט ער צוגעגעבען, לייכט שאָקלענדיג צו איהר מיט׳ן קאָפּ

אַ ראָזעווער וואָלקען האָט אַ וועה געטון אויף סטעפּעס פּנים.

ער האָט ווײַטער גערעדט:

— איך קען גאָרנישט די אַרבייט פון גראַטולירען פון „ווינשען אַלדאָס גוטס און גליק“. אַזעלכע פראַזען שאַפען מיר נישט קיין שום דערלייכטערונג, בעת אין דער אמת׳ן וואָלט איך עמיצען געוואָלט אַראָפּנידערן דעם הימעל, דעם הימעל, וואָס עקזיסטירט נישט, לויט מיינע בעגריפען אויף דער ערד. אָבער צו דעם דאַרף מען דאָך נישט קיין ספּעציעלע געבורטס-טעג. אַ מיאוס׳ער ענין דער מין געבורטס-טעג, ווען אַלע לויפען זיך צוזאַמען, און עס ווערט עפּיס אַ נישט-גע-שמאַקע פערוויילונג פון דער פרעמדער געזעלשאַפט.

סטעפּע האָט אַ שמייכעל געטון.

— פונדעסטוועגען האָט איהר זיך היינט צוגעפּאַסט צו דער דאָזיגער געזעלשאַפט.

וואַלדעמאַר האָט צוזאַמענגעצויגען די ברעמען.

— ניין. מיין היינטיגער קומען אַהערצו קען נאָר צוגערעכענט ווערען צו דעם מין, וואָס איך האָב פריהער אַרויסגעזאָגט. צו מענשען, וואָס זענען פאַר מיר „אַלץ איינס“ קום איך פערבעטענערהייד נאָר אויף אַ באַל, אָבער קיינמאָל נישט בייטאָג.

סטעפּע האָט זיך עטוואָס צוטומעלט, און אָנגעהויבען רופען אויפ׳ן קול:

— לוציע! לוציע!

וואַלדעמאַר האָט פערוואונדערט אַ פרעג געטון:

— איהר זענט נישט אליין?

— איך בין דא מיט לוציען, אבער וואו איז זי מיר איצט פערלוירען געווארען.

לוציע איז ארויסגעשפרונגען פון הינטער די קשאקעס א דערפלאמטע מיט גלאנצענדיגע אויגען.

— וואו ביזטו עס געלאפען אזוי לאנג? האט סטעפע א פרעג געטון.

— איך האב זיך פערמאטערט, קלייבענדיג די ניס. אזא סך דא!

— וואי זענען זיי? האסט עפיס א סך אנגעקליבען?— האט וואלדעמאר געפרעגט, קוקענדיג אויפמערקזאם אויפ'ן מעדעל.

לוציע האט ארויפגעלאזט די אויגען.

— איך האב נישט געקליבען, איך האב נאר געגעסען. איבעריגענס, בין איך זעהר ווייט געלאפען.

— א מאדנע זאך, מען זעהט אויף דיר נישט אן די שפורען פון ווייטען נישטערן אין די קשאקעס.

סטעפע האט זיך פונאנדערגעלאכט.

— און דו האסט נישט קיין סך צייט אויף דעם געפטר'ט ווייל דו ביזט מיר ערשט פערפאלען געווארען, ווען דער הער וואלדעמאר איז אנגעקומען. אוי, דו!.. פארוואס בעגריסטו זיך נישט?

— פארטון מיט די ניס אלץ—האט וואלדעמאר א זאג געטון, מאדנע שמייכלענדיג.

לוציע איז רויט געווארען, און עטוואס נישט זיכער בעגריסט וואלדעמאר'ן. זי האט פערשטאנען, אז ער האט זיך אנגעשטויסען וועגען דער כונה פון איהר בעהאלטען זיך, און זי האט זיך דעריבער דערשראקען.

איצטער איז זי שוין געוועזן זיכער, אז וואלדעמאר איז פערנומען מיט סטעפען פון איהר בעהעלטעניש האט זי אלץ אויסגעצייכענט גוט געזעהן. די ווערטער האט זי נישט געקענט הערען, חוץ עטליכע איינצעלנע קלאנגען, אבער דער קוש, וואס וואלדעמאר האט געגעבען סטעפען אין האנד, האט זיך איהר אויסגעוויזען פאר זעהר א וויכטיגען דאקומענט.

— וואלדי, ביזטו געקומען רייטענדיג, צי מיט פוהר? — האט זי אין א ווײלע ארום א פרעג געטון מיט א נאאיווער מינעלע.

— מיט'ן אמעריקאנער וועגעל. אפשר איז שוין צייט זיך צוריקצוקעהרען?

ער האט פערלוירען די לוסט צו רעדען אין לוציעס אנוועזענהייט. האט א קוק געטון אויפ'ן זייגער — עס איז שוין געווען באלד צוויי.

לוציע האט זיך אפגערופען, אז ס'איז שוין צייט אויף מיטאג.. זענען זיי צוגעגאנגען צום ארט, וואו די פערד זענען געשטאנען, און וואלדעמאר האט פארגעשלאגען מען זאל זיך דורכפאהרען. ער האט ארויפגעזעצט סטעפען און לוציען אויף דעם פאדערשטען געזעס, ער אליין האט זיך הינטער זיי אוועקגעשטעלט, אוועקשיקענדיג דעם סטאנגרעט צופוס קיין סלאדקאוויעץ.

— נאַ'ט פֿיהרט איִהר אָן — האָט ער געזאָגט, איִבּעַרגעבּענדיִג סטעפֿען דיִ לייַצעס.

דאָס מעַדעל איִז פֿרעהליִך געוואָרען, דיִ איִן דער פֿריִה'ענדיִגע אומעטען האָבּען אָפּגעשטראָטען. מיִט געלעכטער האָט זיִ איִבּערגענומען דיִ לייַצעס און אַ יאָג געטון דיִ פֿערד. ער איִז געשטאַנען איִבּערגעבּויגט איִבּער איִהר, און האָט גע־רייַצט דיִ פֿערד מיִט'ן קנאַלען פֿון בּייטש, אָנגעוויזען איִהר, ווי צו קערעווען, דורכגענומען איִנגאַנצען פֿון איִהר נאָהענטקייַט. און געשלונגען מיִט דיִ אויגען איִהרע האָהר. פֿעוריִכטענדיִג כּלומרשט דיִ לייַצעס, האָט ער געווענדט דיִ פֿערד אויף אַג'אַנדער וועג, אויסמיידענדיִג סלאָדקאָוויעץ.

סטעפֿע האָט עס בּעמערקט.

— מיִר פֿאָהרען איִן אַנ'אַנדער זייַט — האָט זיִ אויסגערופֿען.

— דאָס איִז טאַקיִ גוט אַזוי. וואָס האָבּען מיִר זיִך צו איַילען?

— איִך בּיִן דאָך אָבּער הונגעריִג — האָט לוציע געטענהט — מע וואַרט מיִטן מיִטאָג.

סטעפֿע האָט גאָרניִשט רעדענדיִג, אַ קעהר געטון מיִט דיִ לייַצעס. דיִ פֿו־נאַנדערגעיאָגטע פֿערד האָבּען זיִך אַ קערעווע געטון אויפֿ'ן אָרט און זיִך פֿער־פֿלאָנטערט.

— וואָס טוט איִהר! — האָט וואַלדעמאַר אויסגעשריִגען, כאַפּענדיִג דיִ לייַצעס.

ער האָט אַ ציִה געטון דיִ פֿערד און זיִי אויסגעגליִכען. איין פֿערד האָט אָבּער בּעקומען בּעת מעשה אַ קלאַפּ מיט'ן דיִשעל, האָט עס זיִך ראַפּטום אַ ריִס געטון און אַלע פֿיִער פֿערד האָבּען זיִך צעטראָגען

— שטיִל, לוציע! — האָט סטעפֿע געַרופֿען, מחמת דאָס מעדעל האָט גע־וויינט אויפֿ'ן קול.

וואַלדעמאַר האָט געצויגען דיִ לייַצעס מיט אזאַ קראַפֿט, אַז דיִ פֿערד האָ־בּען זיִך געשטעלט אויף דיִ היִנטער-פֿיִס, ער האָט זיִי אָבּער בּשום אופֿן ניִשט געקענט זייִ מיִטאַמאָל איינהאַלטען. דער אַמעריִקאַנער וועגעל האָט זיִך געהוידעט אויף בּיידע זייַטען, שטייַנדלעך זענען מיִט אַ גריִלצעריִי געפֿלויגען פֿון אונטער דיִ רעדער.

סטעפֿע האָט זיִך אָנגעכאַפּט איִן דיִ לייַצעס, וואָס זענען געווען אָנגעצויגען, ווי דיִ סטרונעס.

— לאָזט אָפּ, און האַלט זיִך אָן מיִר! לוציע, שריי ניִשט, וואָרום דיִ שרעקסט דיִ פֿערד! נאָר אָהן געפֿאַהר! — האָט זיִי וואַלדעמאַר בּערוהיִגט.

זיין זיִכערקייַט האָט געוויִרקט אויף סטעפֿען. דיִ פֿערד האָבּען טאַקיִ אָנגע־הויבּען צו לויפֿען פּאַמעלעכער, שוים איִז שטיִקערווייַז געפֿלויגען פֿון זייַערע בּאַקעס, סטעפֿע האָט אויפֿגעהויבּען איִהר בּליִק און מיִט פֿערוואונדערונג געקוקט אויף דאָס מענליִכע געשטאַלט פֿון וואַלדעמאַר'ן, אויף זיין קראַפֿט און רוהיִגקייַט מיִט וועלכע ער האָט אויפֿגעהאַלטען דיִ צעטראָגענע פערד. ער איִז געשטאַנען

אויסגעצויגען, גלייך. פונקט נישט איהם וואָלט מען געמיינט. נאָר די לייצעס האָבען איהם זיך אַריינגעקלעמט אין זיינע הענד, אַזוי אַז די הענדשקעס האָבען איהם געפּלאַצט; עטליכע טראָפּען שווייס האָבען זיך ביי איהם אַרויסגעשלאָגען אויף די שלייפען, די ברעמען האָט ער געהאַט צוזאַמענגעצויגען און די נאָזלעכער צעפּאַפּט.

פּלוצים איז אויף סטעפּען, וואָס האָט איהם אַזוי בעטראַכט, אַראָפּגעשוואומען זיין בליק; אַ רוהיגער אָבער אַ דערשלאָגענדער. אַ ציטער האָט זי אַרומגענומען.

זיי האָבען זיך אָנגעקוקט. ער האָט אַ לייכטען שמייכעל געטון, מער מיט די אויגען, ווי מיט די ליפּען, און מיט אַ דרייסטער האַרציגקייט האָט ער, איינבויגענדיג זיך צו איהר אַ שעפּטשע געטון:

— איהר האָט נישט מורא?

זיין שטים האָט זי אַ צערטעל געטון.

— ניין, — האָט זי שטיל געענטפערט.

ווען זי זאָל קענען זיין איבגאַנצען אויפריכטיג, וואָלט זי איהם געזאָגט, אַז ס'איז איהר איצט אַזוי גוט געווען, ווי נאָך קיינמאָל נישט. מורא האָבענדיג, אַז ער זאָל פון איהרע אויגען נישט אַראָפּלייענען דאָס דאָזיגע געפיהל, האָט זי אַ גליקליכע און אַ פערוויטעלטע זאַראָפּגעלאָזט די ברעמען.

נאָך אַ קליינע אָנשטרענגונג — און די צעמישטע פערד האָבען איינגעהאַלטען זייער לויפען. אַ געדיכטע פּאַרע האָט געשלאָגען פון זיי אין געשטאַלט פון רויכען, די פונאַנדערגעריסענע נאָזלעכער האָבען אַרויסגעבלאָזען וואולקאַנישע אטעמען, פון די מיילער האָט זיך געשאָטען שוים און די אויגען האָבען געווארפען פונקען. די שוואַרצע רוקענס האָבען אויסגעזעהן, ווי סאַמעט בעגאָסען מיט וואַסער. אומרוהיגע און אויפגערייצטע פון דעם געיעג משוגע'נערווייז — האָבען זיי געביסען די צוימען, און געשליידערט מיט די קעפּ. זיי האָבען אויסגעזעהן, ווי בעצוואונגענע, נאָר צעדולטע טיטאַנען.

דאָס הייסע אַראַבישע בלוט האָט געזאָטען אין זיי, די נעצען פון אָדערן, ווי פּערפלאָנטערע שנורען האָבען זיך אַרויסגעשלאָגען אויף זייערע קערפּערס; מיט די קאַפּיטעס האָבען זיי געקלאַפּט אין דער ערד מיט עפּיס אַ ווילדער פּערביסענהייט, אין עס איז ניכר געווען, אַז זיי האָבען זיך נאָר אונטערגעגעבען דער מעכטיגער קראַפט און ווילען פון מענשען, און לאָז זיי נאָר אויף אַ רגע אָפּ — וועלען זיי זיך אויפסניי מיט גע'רעש אַ לאָז טון צו שניידען די לופט, ווי אַ סטאַדע פון צענטאַווערען.

וואַלדעמאַר האָט עס געפיהלט. און ער איז געווען פאָרזיכטיג, ער האָט שטאַרק געהאַלטען די לייצעס אין די הענד. און ווען סטעפאַ האָט איהם געבעטע, אַז ער זאָל זיי איהר איבערגעבען, האָט ער אַ שאָקעל געטון אויף ניין מיט'ן קאָפּ.

— איהר זענט דאָך אָבער פֿערמאַטערט, רוהט זיך אָפּ, איך וועל פֿאַמעליך פֿאָהרען — האָט סטעפֿע געבעטען.

— ניין, עס איז נאָך נישט די צייט, איך מוז זיי אַזוי בערוהיגען, זיי זאָלען ווערען ווי די לעמעלעך. איצטער וואָלט נישט איהר זיי, נאָר זיי — אייך וואָלטען געדיקטירט די בעדינגונגען.

— איך וועל פֿעסט האַלטען, איהר וועט זעהן.

ער האָט זיך צו איהר מיט אַ שמייכעל איינגעבויגען.

— זאָל זיך דאָס „קינדעלע" נישט איינשפּאַרען.

סטעפֿע איז, ווי אָהן לשון געבליבען

— וואַלדי! ווי אַזוי רופֿט עס אָן דאָס פֿריילין סטעפֿאַניאַ? — האָט לוציע אויסגערופֿען אַנ'אויפֿגעבראַכטע.

— דאָס איז אויפ'ן אויסטראַליע'שען שניידער, צוגעפּאַסט צו די ערפֿאָלגען אין האָנאָלולו — האָט סטעפֿע איראָניש אַריינגעוואָרפֿען

— אַלענפֿאַלס גראַמט זיך נישט מיין בעצייכענונג מיט ביידזוויליגקייט — האָט וואַלדעמאַר אויפֿגערעגטערהייט געענטפֿערט.

סטעפֿע האָט פֿערביסען די ליפּען.

— צוקריגט זיך, צוקריגט זיך, איך האָב עס שוין אַזוי לאַנג נישט געהערט — האָט לוציע אויסגערופֿען.

— זייט דאָרטען שטיל, קליינע, און גיב אַכטונג אַז דו זאָלסט נישט אַרויספֿאַלען, וואָרום איך לאָז אָב די פֿערד.

סטעפֿע האָט אויף איהם אַ קוק געטהון מיט בעטענדיגע אויגען, און האָט אַ שעפּטשע געטהון:

— ניין, ניין, זיי זענען אַזוי צערייצט, זיי וועלען זיך ווידער צעטראָגען.

וואַלדעמאַר האָט אויף איהר אַ לאַנגען בליק געטהון דורך די עטוואָס פֿערמרוזעטע ברעמען.

— וועט דאָס „קינדעלע" זיך גוט אויפֿפֿיהרען? — האָט ער צעציהענדיג די ווערטער, אַ פֿרעג געטהון.

זי האָט זיך פֿונאַנדערגעלאַכט.

— כ'וועל שוין, גיט מיר נאָר די לייצעס.

סטעפֿע האָט ווידער אָנגעטריבען, און וואַלדעמאַר האָט קוקענדיג אויף איהר, געריבען די פֿערמאַטערטע הענד.

דער פֿונאַנדערגעיאָגטער אַמעריקאַנער וועגעל איז העגדום-פּעגדום אַריינגעפֿאָהרען אין דעם טויער פֿון פּאַלאַץ. גראָד איז די פֿרוי אידאַליע געזעסען מיט'ן פֿאָטער ביי דעם אָפֿענעם פֿענסטער פֿון זיין קאַבינעט. האָבענדיג אַ שוואַכע ראיה, האָט זי נישט דערקענט, ווער עס פֿאָהרט.

— פּאַפּאַ! עמיצער קומט אָן צו אונז.

דער הער מאַציעי האָט אַרויסגעקוקט און האָט זיך פֿערוואונדערט.

— וואַלדעמאַר פֿאָהרט.

— אָבער עפּיס מיט צוויי דאַמען.

— לוציע און סטעפֿע! סטעפֿע טרייבט אָן. קענטיג! ער כאַט זיי בעגעגענט און מיטגענומען.

די פֿערד האָבען זיך אָפּגעשטעלט. דער סטאַנגרעט האָט זיך בעוויזען, ווי פֿון אונטער דער ערד אַרויסגעקומען. אַלע דריי זענען אַרויסגעשפּרונגען מיט אַ געלעכטער. די פֿרײַלײַנס זענען אַוועקגעלאָפֿען צו זיך אין די צימערן. וואַלדעמאַר איז אַריין אין קאַבינעט. נאָך די ערשטע בעגריסונגען האָט דער הער מאַציעי אַ פֿרעג געטון:

— וואו האָט איהר עס אַזוי פֿערמאַטערט די פֿערד? זיי זענען דאָך, ווי פֿון וואַסער אַרויסגעקומען.

— די מוזען האָבען זיך אונז אַ ביסעל צעטראָגען.

— וואָס? צוטראָגען זיך! — האָט אויסגעשריגען די פֿרוי אידאַליע.

— זאָל די מוהמע נישט מורא האָבען. אַלץ איז גוט אַריבער. דער בעסטער בעווייז — מיר זענען אַלע גאַנץ.

— לוציע האָט זיך געמוזט אודאי איבערשרעקען.

— אַלץ הייסט איבערשרעקען — זי האָט געשריגען.

— און צי ווייסטו, אַז מיר האָבען היינט אַ „יום טוב“? — האָט דער הער מאַציעי אַ פֿרעג געטון, קוקענדיג זיך אויף די שיך.

— צוליב דעם טאַקי בין איך געקומען — האָט וואַלדעמאַר האַרטלעך געענטפֿערט.

— און ביי דער בעגעגעניש האָסטו זי מיט דיין פֿאָהרעכץ אָנגעשראָקען — האָט די באַראָנעסע געלאַכט.

דער הער מאַציעי האָט איינגעבויגען דעם קאָפּ. דאָס אומגעריכטע אָנקומען פֿון דעם אייניקעל און זיינע ווערטער האָבען איהם בעאונרוהיגט. די פֿרוי אידאַליע האָט אונטערגעכאַפּט. די פֿרוי אידאַליע האָט אַ זאָג געטון:

— גוט טאַקי! איך האָב היינט געוואָלט פֿערשאַפֿען פֿערגעניגען סטעפֿען, זי זאָל זיך אַ ביסעל פֿערווײַלען. וואָס זשע קוקסטו אויף מיר אַזוי, וואַלדי?

אַריבערגעהענדיג זיך איבערן צימער איז ער געבליבען שטעהן אין מיטען, קוקענדיג מיט שטאָלץ אויף דער מוהמען.

— וואָס וואונדערט דיך אַזוי, וואַלדי? — האָט זי איבערגעפֿרעגט.

— די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון דער מוהמען בנוגע דער פֿריילין סטעפֿאַניאַ. ס'איז אונערהערט.

ער האָט גערעדט, קנייטשענדיג מיט די פּלייצע, אָבער די ווערטער פֿון דער מוהמען זענען איהם, ווייזט אויס, געווען אָנגענעהם. ער איז זעהר לעבעדיג געוואָרען.

— נאַ דיר גאָר! איך האָב זי זעהר ליב — האָט די באַראָנעסע געטענה'ט

— זי האָט אין זיך עפּעס אַזוינס, וואָס נעהמט גענעז ווילען. איך בין היינט געווען ממש פערזאָרגט — וואָס זאָל איך איהר שענקען, נו, האָב איך טאַקי אויס־געקליבען זעקס טאַמען פון היינריך היינע. איך רעכען ס׳איז גענוג, אמת?

— און אַלע זייטלעך זענען דאָ אין די טאָמען? נישטאָ קיין אויסגעריסענע?

— וואָס פּלאַפּעלסטו, וואלדי?

— אַ, גאָרנישט! אין דער מוהמע׳ס טאָמען טרעפט עס זעהר אָפט. די אויטאָרען געהען אַרויס אין דער וועלט אין געשטאַלט פון איינצעלנע בלעטלעך. איך האָב אַליין געזעהן אַוומעלט, ווי בורושע האָט זיך געשלאָגען מיט שעקס־פּירען אויף די טעפּיכער אין דער מוהמעס קאַבינעט. ראָשפּוקא, דיקענס, זאָלאַ שפּאַצירען זיך אַרום אונטער די בענק און אונטער די קאַנאַפּעס, אַזוי אַז דער לאָקיי פּאַקט זיי סוף כל סוף אַריין אין קאַשיק, און דאָרטען ווערען זיי בשותּפות אויסגעניצט צום אונטערהייצען.

דער הער מאַציעי האָט אָנגעהויבען צו לאַכען, די באַראָנעסע האָט זיך אָבער בעליידיגט.

— דו ביזט שטענדיג אונערטרעגליך — האָט זי אויסגערופען אויפשטע־לענדיג זיך.

— מוהמע, נו גוט, נו גוט! עס איז נישט מיין חטא, וואָס דער מוהמעס אויטאָרען זענען אַזוי טעמפּעראַמענטפול. לאָמיר זיי לאָזען לויפען, און לאָמיר בעסער אַ טראַכט טון, וועגען עפּיס אַ פערוויילונג לכבוד דעם געבורטס־טאָג פון דער פריילין סטעפאַניאַ.

— טראַכט אַליין — האָט זי געענטפערט אַ פערכמאַרעטע.

וואַלדעמאַר האָט זי אונטערגעכאַפּט און אַרום און אַרום אַ דרעה געטון זי אין אַ וואַלס־טעמפּאָ.

— אָט האָסטו דיר! וואָס האָט עם דיך, וואַלדי, אַריינגעבראַכט אין אַזאַ הומאָר?

— היינעס זעקס געבונדענע בענדער און די מיהמע, וואָס איז היינט אַזוי אויסגעצייכענט.

די פרוי אידאַליע האָט געלאַכט, דער אַלטער אָבער איז ערנסט געוואָרען. ער האָט פערשטאַנען מיט וואָס די קנאַפּ־געליבטע מוהמע האָט איהם גענומען. מען האָט זיך געהאַט געזעצט ביים טיש, ווען דער לאָקיי האָט אָנגעזאָגט, אַז דאָס פריילין ריטא איז געקומען. זי איז אַריינגעלאָפען אַ פרעהליכע, און נישט אַכטענדיג אויף קיינעם איז זי צוגעפאַלען צו סטעפען מיט גליקוואונשען. אָהן שום צערמאָניעס האָט זי איהר האַרציג אַ קוש געטון.

— איך האָב פאַר אייך געפיהרט גאַנצע סנאָפּעס בעגריסונגען — האָט זי געפּלאַפּעלט, טרייסלענדיג סטעפּעס הענד.

— איך האָב געמיינט, אַז איהר וועט עפּיס אַן ענגליש פערדעל ברענגען אַ מתנה?! וואָס טויגען טרוקענע בעגריסונגען! — האָט זיך וואַלדעמאַר געוויצעלט.

— אפשר וואָלט איהר אייער אפּאלאַ'ן געשענקט? — האָט זי אַ פֿרעג געטון מיט אַ קאָמישער פֿאראינטערעסירונג.

— איך? וואָס, איך? — האָט ער געטענה'ט, קוועטשענדיג מיט די פּלייצעס.

— איהר האָט נישט געשענקט אַפּאָלאָ'ן פֿאַר אַ מתנה? דאָס איז אַ שאַנדע!

— אַפּאָלאָ'ן טאַקי נישט, אָבער די פֿיער מיזען האָב איך געהאַט אין די הענד — האָט סטעפּע געלאַכט.

— וועלכע זענען אַגב געווען אַזוי צעפּרידען, אַז זיי האָבען זיך אַזש צעטראָגען.

— שפּאַסט נישט, איך בעט אייך.

— מען רעדט דאָ עפּיס טערקיש לשון — האָט ריטאַ אויסגערופֿען.

סטעפּע האָט איהר דערצעהלט וועגען דעם אינדערפֿריהעדיגען שפּאַציר.

— און וואו איז עפּעס אייער „אַטאַשע“? — האָט וואַלוּעמאַר אַ פֿרעג געטון.

פֿרייליין ריטא האָט זיך אַרומגעקוקט.

— טרעסטקאַ? וואָס הייסט, נישטאָ נאָך איהם דאָ?

אַלע האָבען זיך פֿונאַנדערגעלאַכט.

בעת'ן מיטאָג האָט ריטאַ גערעדט צו סטעפּען:

— מיין מוהמע שיקט אייך אָהן אַ שיער בעגריסונגען. אפילו דאָב שישיא גריסט אייך, כאָטש זי קען אייך גאָר ווייניג.

— דאַכט זיך, אינגאַנצען נישט! ווער איז עס? — האָט סטעפּע אַ פֿרעג געטון.

— אַ דאַמע פֿון דער מוהמעס געזעלשאַפֿט

— אַך, יאָ! איך האָב פֿערגעסען.

— אַ וואונדערבאַרע דאבזשישיא מיט אַ וואונדערבאַר פּנים, מחמת זי האָט וואָנסעס מיט אַ באָרד — האָט זיך וואַלדעמאַר געוויצעלט.

— שפּאַסט נישט אַזוי, דאָס איז אייערע אַ גרויסע פֿריינדין, און זי וויל צייך אייבינג חתונה מאַכען.

— אויך מיט אַזאַ איינע, מיט וואָנסעס.

— ניין, נאָר מיט דער באר... סקאַן.

וואַלדעמאַר האָט צוזאַמענגעצויגען די ברעמען, ער האָט אָבער געענטפֿערט מיט אַ שמייכעל:

— איך וועל איהר צושטעלען אַנ'אַנדער קאַנדידאַט.

פֿריילין ריטא האָט אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ קורץ געלעכטער און אָנגעהויבען אויפּסניי צו פּלאַפּלען.

— פֿאַר אייך האָב איך גאָרנישט געבראַכט פֿון דער פֿירשטין, ווייל איך האָב זיך נישט גערייכט דאָ צו טרעפֿען.

— היינט האָב איך געמוזט זיין.

— איהר זענט דאָך אַ געגנער פֿון אַלע געבורטס-טעג?

— עס זענען דאָ אַזעלכע אומשטענדן, ווען עס ווערן געמאַכט אויסנאַמען.

— אַ! גע.. וויס...

דער מיטאָג איז פֿרײלעך צוגעגאַנגען. לסוף איז אָנגעקומען טרעסטקאַ, וואָס איז אויפֿגענומען געוואָרן מיט שפּאַסערײען און מיט אַן אויסברוך פֿון פֿרײלעכקייט.

מען האָט געשפּילט אין טעניס. סטעפֿע און טרעסטקאַ האָט פֿאַרשפּילט אַ פּאַרטיע בײַ וואַלדעמאַרן מיט ריטאַן.

די פּאַרטנערן האָבן זיך געביטן. וואַלדעמאַר האָט זיך אַוועקגעשטעלט נעבן סטעפֿען, אַרײַנטענה׳נדיק אין איר עפּיס. טרעסטקאַ האָט, קוקנדיק אויף זיי אַ שעפּטשע געטאָן צו זײַן שכנה׳טע:

— אַ שאָד, וואָס איך האָב נישט קיין פֿאָטאָגראַפֿישן אַפּאַראַט: איך וואָלט זיי אַזוי־אָט אַראָפּגענומען.

— שפּעטער קען זײַן אינטערעסאַנטער – איז געווען איר ענטפֿער.

— איך רעכן נישט.

— פֿאַרוואָס!

— עס וועט נישט אַזוי ווײַט קומען.

פֿרײַלין ריטאַ האָט זיך הילכיק פֿונאַנדערגעלאַכט.

— דאָס בעווײַזט, אַז איר קענט אים נישט. אָבער איך קען אים גוט און.. איך פֿיל אים

פּלוצלונג האָט וואַלדעמאַר אויסגערופֿן:

— מיר הייבן אָן! אויף וואָס פֿאַרשווערט איר זיך דאָרטן?

— מיר דעמאָלט ווערן אײַך – האָט טרעסטקאַ געזאָגט.

— אין יעדער הינזיכט – האָט ריטאַ צוגעגעבן.

וואַלדעמאַר האָט בעווײַזן סטעפֿען אַ קאַליע געוואָרענע ראַקעטע, האָבן זיי נישט געהערט די לעצטע ווערטער. טרעסטקאַ איז נעהענטער צוגעגאַנגען צו דער פֿרײַלין ריטאַ און ערנסט אַ פֿרעג געטאָן.

— איר זאָגט: אין יעדער הינזיכט? דאָרטן הערשט אַ געגענזײַטיקע האַר־מאָניע צי קען איך נאָך דעם האָפֿן?..

זי האָט זיך איראָניש פֿונאַנדערגעלאַכט.

— איר גלויבט דאָך נישט אין דער דויערהאַפֿטיקייט פֿון דער דאָרטי־גער האַרמאָניע.

— פֿאַר אײַך בין איך גרייט צו גלויבן, און אַפֿילו צו העלפֿן דערצו.

— זיי וועלן זיך בעגעהן אָהן דעם!

— אַלזאָ, קיין שום האָפֿענונג?..

— אַ נודנער זענט איר. וואַרפֿט דעם באַלעם. אַ טעניס־פּלאַץ איז נישט קיין אָרט פֿאַר געפֿיהל־אויסגיסונגען.

טרעסטקאַ האָט אָפּגעטראָטן מיט אַ נײַער האָפֿענונג, אָבער אין אַ מרה

שחורה׳דיגער שטימונג. אויף וואלדעמארן האט ער געווארפן א בייזן בליק, ווי זאגנדיג „אלץ צוליב דיר".

אין אווענט האבן זיך אלע צוזאמענגעקליבן אויף א פערטרויליכען שמועס אין קליינעם סאלאנ׳דעל פון דער פרוי אידאליע. דער הער מאציעי האט דערצעהלט וועגן עטליכע פאסירונגען פון זיין יוגענד, ווען ער האט געדינט אין פויליש מיליטער. זיין פערזענליך לעבען האט ער נישט בעריהרט. מיט קנאפע עטליכע ווערטער האט ער נאר דורך אגב דערמאנט, וועגן דעם, וואס עס האט זיך דעמאלט געטון אין זיין הארצען.

אלע האבען אויפמערקזאם געהערט. א שטילע פאטריארכאלישע שטימונג האט אראפגענידערט אויף די מענשען, אזא שטימונג, וואס איז געווען א זעלטענער גאסט אין שלאס.

הערענדיג דעם אלטענס דערצעהלען, האט יעדערער געטראכט וועגן זיך, און וועגן דעם, וואס עס דערווארט זיי אין לעבען. וואס פאר א וועגען וועלען זיך עס צוזאמענקומען, כדי צו שאפען די נעץ, אויף וועלכער זיי וועלען טרעטען? וואס פאר א סטרונעס וועלען אויפקלינגען אין זייער לעבען? די פייערליכע שטארקע שטימונג איז דא אראפגעשוואומען אומגעריכטערהייד. דער גרויער אלטיטשקער האט געהערשט איבער די איינגעבויגטע קעפ פון די צוהערער. די ווערטער זיינע האבען אנגעשלאגען אין זייערע נשמות, געפינענדיג א ווידערקלאנג אין די הערצער. ווייטע עכא׳ס פון קאמפען, הויכע געדאנקען, פאטריאטישע אויפפלאקערן, טראגעדיעס האבען געמאכט אומרוהיג ציטערן, און געווארפען פונקען אין די אויגען.

די דאזיגע מענשען האבען איצט נישט געהאט קיין פאמיליען-נעמען, קיין טיטולען, אין זיי אלע האט איצט געקאכט און געזאטען הייס בלוט. זיי האט פעראייניגט דער שטרוים פון ליבע פאר׳ן פאטערלאנד, וועמענס טראגישע געשיכטע האט אנגעציהלט זייערע הערצער מיט טרויער. אלע זענען איצט געווען קינדער פונ׳ם איינענעם לאנד, מיט וועלכענס וואונדען זיי האבען געוועהטאגט ווי מיט וואונדען פון א גוסס׳דיגער מוטער. די עטיקעטע איז פערשוואונדען, בעהאלטענדיג זיך אין די רייכע שניצונגען פון די ווענט. אנשטאט איהר איז אראפגעפלויגען דער רוהיגער מלאך פון שלום, פעראייניגענדיג די מענשען, ווי אין איין משפחה, און פערזאמלענדיג זי אונטער די פליגלען פון דעם גרייזגרויען זקן; דער זעלבער בלוטען-גאנג האט בעוועגט זייערע הערצער, איבערגעפולט זיי מיט איינע און די זעלביגע האפענונג. כמעט מיטו די זעלבע געדאנקען, מחמת זיי אלע — אפשר איטליכער אויף א בעזונדער אופן האט געהאט די זעלבע שטרעבונגען און דעם זעלבען דארשט נאך גליק. אונטער דעם דראנג פון עהנליכע געדאנקען האבען זיך, דאכט זיך, געביטען אויך די פנימ׳ער.

די פרוי אידאליע, א שטרענגע אנהענגערין פון דער עטיקעטע האט נישט בעמערקט, ווי לוציע זיצט אויפ׳ן טעפיך דעם קאפ אנגעשפארט אין סטעפעס

קניע, אַז ביי סטעפּען וואָס איז פֿערטיפֿט אין הערצן, האָבען זיך לויז געמאַכט די האָהר, און אַז וואַלדעמאַר זיצענדיג נאָהנט נעבען איהר, אַ פֿערטראַכטער, שפּילט זיך מיט אַ קווייטעל, וואָס איז אַרויסגעפֿאַלען פֿון סטעפּעס האָהר. זי האָט נישט געזעהן, ווי פֿריילין ריטאַ האָט אָנגעשפּאַרט די עלענבויגענס אין טישעל, בע־האַלטענדיג אין די הענד איהר בלאַס פּנים און אַז טרעסטקאַ האָט אויפֿגעהויבען דעם קאָפּ אין דער הויך אויף אַן'אומגעוועהנליכען אופֿן, און ווי טיף זיצענדיג אין פֿאָטעל האָט ער געזוכט אויפֿ'ן סופֿיט די האָפֿענונג־שטערען, וואָס האָבען זיך פֿאַר איהם אַזוי געקאָרגט אויף דער ערד.

די רוהיגקייט און די אויסטערלישקייט פֿון דער מינוט, וואָס איז אַזוי נישט עהנליך געוועזן אויפֿ'ן אַלטאָג, האָט דערווייטערט פֿון זיי דאָס „פֿינטעלע מאַג־נאַט", ווי מיט דער האַנד אַראָפּגענומען די גאוה און די עטיקעטע.

דאָס הייפֿעל אויפֿגעקליבענע מענשען דאָ האָט דערמאָנט אין אַ גליקליכע משפּחה, וואָס האָט זיך פֿערזאַמעלט אין אַ שליאַכטעטסקען הויפֿעל, צווישען גע־קאַלכטע ווענט און רעזעדע־ריחות, וואָס טראָגען זיך פֿון בלומען־טעפּלעך אויף אַ פֿענסטער, ווען אין אַזעלכע שטילע אָווענטען הויבט אָן דער אַלטער פֿאָטער צו דערצעהלען מעשיות בעגלייט פֿון אַ גרילען־גרילצעריי, אין דעם רויש פֿון אַלטע באַרענבוימער איבער דער שטרויענער סטריכע. דאָס איינציגע, וואָס דאָ האָט זיך געוואָרפֿען אין די אויגען — איז געוועזן די אויסגעפּוצטקייט. נאָר די גרופּע פֿון סטעפּען און לוציע האָט נישט קאַליע געמאַכט די האַרמאָניע. ביידע אין ווייסע, גלאַטע קליידער מיט קווייטלעך אין די האָהר האָבען זיך געקענט גלייך פּאַסען סיי פֿאַר די ווענט פֿון פּאַלאַץ, און סיי פֿאַר נידעריגע ווענטלעך פֿון אַ דאָרפֿיש הויפֿעל.

פּלוצים האָט אַ שאַרף געטון דער שווערער סאַמעטענער פֿאָרהאַנג, און אין דער שטילער מענשען־גרופּע איז אַריינגעפֿאַלען דער אויסרוף פֿונ'ם קאַמער־דינער, אַז דער טיש איז שוין געגרייט צום אָווענט־ברויט.

דאָס שטילע בילד פֿונ'ם דאָרפֿישען הויפֿעל איז פֿערשוואונדען. דער אויס־געפּוצטער קאַמערדינער האָט דערמאָהנט אין פּאַלאַץ און אויפֿגעוועקט די מאַג־נאַטישע גרויסקייט. די ערשטע האָט זיך אויפֿגעכאַפּט די פֿרוי אידאַליע און דער־לאַנגט דער עטיקעטע די האַנד אַזוי־צו־זאָגען. זי האָט זיך אויפֿגעהויבען עלע־גאַנט פֿערריכטענדיג איף זיך די קלייד. מיט אַ קריטישען בליק האָט זי בעטראַכט אַלעמענס פֿרייע פּאָזעס.

— מיינע טייערע, וועקט זיך אויף און קומט צום טיש! — האָט זי מיט אַ לייכטער איראָניע אויסגערופֿען.

דער הער מאַציעי האָט זיך אויפֿגעהויבען מיט אַ זיפֿץ, זשאַלעווענדיג די פֿערגאַנגענע מינוט. לוציע האָט זיך אויפֿגעכאַפּט, אַ פֿעררויטעלטע אונטער דער מאַמעס בליק. סטעפֿע האָט זיך פֿעררוכט די האָהר. טרעסטקא האָט נערוועז אָנ־געטון די ברילען. או פֿהויבענדיג זיך, האָט ער אַ פֿיינליכען קוק געטון אויף רי־

טאַ'ן, און די לעצטע, אראפנעהמענדיג איהרע הענד פון פנים האט א פערנעפעל־טען בליק געווארפען אויף וואלדעמארען.

ווען דער קאמערדינער איז אריין, האט וואלדעמאר צעקניטשט דאס בלי־מעל אין די הענד און א ברום געטון צווישען די ציינער:

— דער טייוועל זאל דיך!..

איצטער איז ער ווידער בייז געווען אויף דער פרוי אידאליע, און ווען יענע האט איבערגעחזרט: „וועקט זיך אויף מיינע טייערע" — האט ער פערביסע די ליפען און א שעפטשע געטון:

— א משוגענע נקבה!

אויף אזא אופן האט ער בעגריסט די עטיקעטע אין דער געשטאלט פון דער פרוי אידאליע.

נאכ'ן אווענט־ברויט האט קיינער קיין לוסט נישט געהאט פרעהליך צו פערברענגען די צייט. פריילין ריטא און טרעסטקא זענען אפגעפאהרען. וואל־דעמאר האט אויך אפילו נישט געוואלט איבערבלייבען נעכטיגען. ער איז אוועק־געפאהרען א היים אומעטיג געשטימט, אבער מיט פריהמארגען־אויפגלאנצען אין דער נשמה.

XXIII.

איבער דער גרויסער אזערע אין סלאדקאוויעץ האט זיך אנגע־הויבען פון נאנדערצוציהען אנ'אומדייטליך געוועב פון זונען־אויפגאנג. דאס וואסער איז נאך אין שלאף געלעגען. א שוויי־גענדיגע, און פערוויגט פון דער ארומיגער שטילקייט. א געדיכט נעפעל האט פער־איינינגט די בלאס־גרויע פלאכעניש פון דער אזערע מיט'ן הימעל, וואס האט געהאט דעמזעלביגען קאליר. קיין סימן פון קיין קול, קיין שום אטעם האט נישט ארויסגעוויזען דאס לעבען. דער שוואכער האלב־טונקעל פון פארטאג האט איינגעשלונגען אין זיך אויף מעהר ליכטיגע פאסען. דער אנהויב פון טאגען האט אנגעזאגט א גוט וועטער, עס איז נאך נישט געווען ארויסצוזעהן, אבער א לינדקייט האט זיך שוין געפיהלט. וועגען דער זון, וואס דארף זיך בעווייזען — האט שוין עפיס געראשט אין דעם ווייסען טומאן. אומזיכטבארע פאסמעס פון דעם ראזעווען פריהמארגען האבען געשימערט צווישען דעם גרויעם הימעל־געוועב; דארטען, וואו זיי זענען אדורך מיט דער ליכטיגער פרעהליכער בשורה — דארט איז העלער געווארען. ווען זיי האבען אין זייער געלויף בעריהרט דאס וואסער האבען די פאליעס אויפגעבלישטשעט מיט מאטעווען זילבער. גאלד און איידעלשטיינער האבען דערנאך געזאלט אויפגלאנצען — דער־ווייל האבען אבער די רוהיגע שיינען פון זילבער אנגעזאגט די קומענדיגע

עשירות פֿון די כוואַליעס. דער שעפֿערישער מאָמענט אין דער נאַטור, די מיסטישע רגע פֿון דעם אויפֿוואַכענדיגען פֿריהמאָרגען האָט געשפּרייט אַן ערנסטע שטילקייט.

בעלעבען די נאַטור האָבען געקענט נאָר די שטימען, וואָס גיסען זיך מיט איהר צוזאַמען, דאָס צוזאַמענגעשמאָלצענע, דאָס אינטיילבאַרע: די צווישטשערייען פֿון די פֿייגעל און די זומענדיגע קאַרעראָדען פֿון די קליינע פֿליגעלעך. די לעצטע האָבען דערווייל נאָך גערוהט אין שלאָף. וואו־ניט־וואו, ערגיץ נאָר צווישען די צווייגען האָבען אויפֿגעפֿלאַטערט פֿליגלען פֿון אַ דערוואַכענדיגען פֿויגעל, וואו־נישט־וואו האָט אַ לייכט זומען געזאָגט עדות, אַז דער אויפֿשטעהענדיגער רויש איז פֿערבעהאַלטען אין פֿערשוויגענע בעהעלטענישען פֿון די בוימער, אין די צוזאַמענגעטוליעטע בלעטער אין די קליינע נאָרעלעך פֿון זאַמד אָדער אינם גראָז. פֿון צייט צו צייט האָט זיך פֿון די בוימער געהערט אַרויספּישטשען אַ שטיל קול'עכל, פּונקט ווי אַן אויפֿגעוועקט פֿייגעלע וואָלט אַ געניץ געטון, אַראָפּשאָקלענדיג דער רעשט דרעמעל פֿון די אויגען. וואָס ווייטער האָבען זיך אָבער די דאָזיגע צווישטשערייען און זומערייען געהערט אָפֿטערס. די וועלט האָט זיך אויפֿגעכאַפּט, אין דער אונבעוועגליכער לופֿט האָט עפּיס אויפֿגעשפּילט, אויפֿגעציטערט, אָנגעהויבען זיך צו הויבען, אַ וועה געטון. דאָס האָט דער אויפֿשטעהענדיגער פֿריהמאָרגען אַראָפּגעשיקט די לייכטע אויפֿבלאָזען פֿון די רויזע ברוסטען אויף די פֿינאַנדערגעיאָגטע גרויע געפֿעלדיגע געוועבען, וואָס האָבען געפֿלאַטערט איבערן טייך, און וואָס זענען געווען איינגעטוליעט אין די געדיכטענישען פֿון די בוימער. לעבעדיגע, שאַרפֿע אָטעמס האָבען דערפֿיהלט זייער אויפֿגאַבע. ווי אַ גלעקעל אין קאָשטשאָל בעוועגט די פֿרומע, יאָגט אונטער די תּפֿלות, אַזוי האָבען זיך אויך דאָ און דאָרט בעוועגט צעווירבעלטע שטרוימען, וואָס האָבען געמאַכט אָרט פֿאַר דער ריינער לויטערקייט פֿון טאָג. זיי האָבען געוועקט די פֿייגעל, וואָס זענען געווען פֿערטיפֿט אין אַ פֿער'חלום'ט שלאָפֿען, געוועקט די זומערפֿייגעלעך, די מיריאַדען פֿליגעלעך און קאָמאַרען. די גרויע געוועבען די ערשטע שלוחים פֿון אויפֿשיין האָבען, ביי דעם ענטלויפֿען פֿאַר די שלוחים פֿון טאָג, צוגעפֿאַלען צו דער ערד, זיך איינגעזאַפּט אין די גרעזער און בוימער מגולגל ווערענדיג אין אַ געדיכטער פֿייכטקייט, וואָס האָבען אויסגעזעהן ווי פּערדווס טרעהרען נאָך זייער קורצען הערשען. די לייכטע הויכען האָבען זיך אַלמעכטיג צעטראָגען אַרום און אַרום. אין דער דורכזיכטיגער לופֿט, איבערן וואַסער האָבען זיי זיך געשפּילט פֿריי, פֿרעהליך און לוסטיג. די צעזאַמענגעגאָסענהייט פֿון הימעל און וואַסער איז פֿערשוואונדען געוואָרען. איצטער האָט זיי פֿונאַנדערגעטיילט אַ גרויסע פֿלאַכטע פֿון דער געלער פֿלאַכעניש הינטער דער אָזערע און דער ווייטערדיגער סאַמעטענער פּאַס פֿון וואַלד.

דאָס וואַסער האָט זיך געקנייטשט און אויסגעזעהן, ווי אַ זילבערן שאָלעכצעל, וואָס ווייטער אַלץ מעהר געשליפֿען, אַלץ לויטערער — אַזש עס האָבען

זיך לסוף אַ שאָט געטון אויפ׳ן וואַסער וואונדערליכע ראָזעווע פערעל און אַ מבול פון פערשידענפאַרביגע אָפּאַלען. דער הימעל האָט באַגריסט דעם פרימאָרגען, וואָס איז געווען גאָלדיג, יונג, אויסגעשלאָפען, פריש און פונאַנדערגעשמייכעלט ווי אין אַ גילדערנער קרוין געציערט. אַ דעליקאַט ראָזקייט האָט געציטערט אויף די אויפגעלויכטענע בלעטער פון די בוימער, אַריבערגערוקט זיך אויף די קוסטעס, ווי אַטלעס אויפגעגלאַנצט אויף דער געלער פלאַכעניש און די שוואַרצע סטעגגע פון וואַלד אַרומגעהויכט מיט אַ ראָזלעך בלויער אילוזיע. דער פרימאָרגען איז גאַנגען און פונאַנדערגעשאָטען סנאָפּעס שטראַהלען פון זיינע געטליכע אויגען. ער האָט געלויכטען, געענדערט זיך, געבאָדען זיך אין וואַסער, באַפאַרבענדיג עס מיט זיין ראָזקייט.

די וועלט האָט זיך פער׳חידוש׳ט! אַ ווייל איז זי געשטאַנען אַ פערשטומטע פון התפעלות. דערנאָך האָט זיך אַרויסגעריסען פון איהר אַ הייליג רוישען פון לויב-געזאַנגען.

די בוימער האָבען באַוועגט מיט די קעפּ, געשאָקעלט מיט די בלעטער, אַרויסגעשאָטען מאַסען פילפאַרביגע זומער-פייגעלעך. עס האָבען טענער גענומען עטליכע פויגעל און פּלוצים האָט אויפגעהילכט אַ פרעהליכער טריומפירענדער כאָר.

דאָס צווישערן פון די פויגלען, דאָס זומען פון די פליגעלעך און קאָמאַרען, דאָס פליעסקען פון דער ריטמישער פאַליע-אַלץ האָט געשריגען, טיילענדיג זיך מיט דער פרעהליכער ידיעה:

— אַ ראָזעווע יונגפרוי אויפ׳ן הימעל... פיהרט די זון! טאָג, טאָג! לוסט און פרייד!

און הימנען איבערגעפולט מיט פרייד זענען געפלויגען צום הימעל הויך, און דאָרטען האָבען זיי געמוט אויסגעהערט ווערען, מהמת די לויטערע וועלבונג פון הימעל איז געוואָרען אַלץ בלויער און בלויער. דער הימעל האָט געשמייכעלט צו דער ערד. און די ערד ווידער האָט, זינגענדיג, געגענזייטיגע שמייכלען געשיקט צוריק.

אומגעריכט האָט זיך אויף דער אָזערע אַראָפּגעלאָזט אַ שטרוים פון צעגאָסענעם גאָלד; מיט גאָלד האָבען אויפגעלויכטען די בוימער, גאָלד האָט זיך געשאָטען אין דער לופטען.

עס איז אויפגעגאַנגען די זון! — אַ פראַכטפולע, אַ מאַיעסטעטישע און אַן אמת גילדענע. דער טומעל און דער גערויש איז געוואָרען נאָך גרעסער, די פייגעל-כאָרען האָבען זיך צעלאָזט אויף אַלע כלים. די צווישערייען, לאַכענישען, פייפערייען אויפפלאַטערונגען האָבען אָנגעפילט דעם חלל מאַכענדיג קולות עד לב השמים. אויסגעשרייען האָבען זיך געריסען אין דער הויך:

— „די זון, די זון, אונזער קעניגין! לאָמיר זינגען איהר, לאָמיר קלינגען איהר, זאָל זי לויכטען, זאָל זי וואַרעמען, זאָל זי גילדערן.

די קעניגין! די קעניגין!

און א וואונדערבארער, א פערבלענדענדיגער פאנצער פון קעניגליכען מא־יעסטעט האט זיך ערגסט געהויבען אין דער הויך, פאמעלעך פונאנדערזייהענדיג אויף דער ערד מיליארדען פונקען. און אראפשיקענדיג ברכה און גליק.

סטעפע האט אראפגעלאזט דעם קאפ אויף דער ברוסט, דער פרעהליכער שמייכעל איז פערשוואונדען פון פנים, ווי אויף צו להכעיס דער פונאנדערגעלאכטער נאטור איז דאס מעדעל געווארען אומעדיג.

זי איז געזעסען אויפ׳ן שטיינערנעם בענקעלע ביים ברעג אזערע, איינגע־טוליעט אין די שאטענס פון די בוזשאזעס. בייגאכט האט זי נישט געקענט שלא־פען, און איידער עס האט אנגעהויבען צו טאגען איז זי שטיל ארויס פונ׳ם פא־לאץ אינם האלב־טונקעל ארויס און געקומען אהער אויפ׳ן ברעג פון דער אזערע, זי האט געטראכט וועגען דער זון, ווי זי וועט אויפגעהן...

דער אווענט נאכ׳ן געבורטס־טאג האט איבערגעלאזט טיפע שפורען אין איהר נשמה. און אין די געדאנקען האט זי געפיהלט, אז די לויטער ווייט קומט און אין געהט אין איהר אריין פון אנ׳אנדער אויפגעוועקטע ליכטיגקייט. זי האט געוואוסט, אז דאס איז אנ׳אויפטאגען, אבער פון וואס פאר א טאג: זי איז עס דער כמארנער גלאנץ פון שטאהל? עס האט איהר ארומגענומען א מין אומרוהיג טראכטען. ביסלעכווייז איז די טונקעלקייט פערשוואונדען, און איהר פנים איז גע־ווארען אויסגעלייטערט, אין די אויגען האבען אלץ מעהר פונקען געגלאנצט, און אין דער נשמה — האפענונגען. אומבעוועגליך, א פערקוקטע און אנ׳איינגעהערטע אין די שטימען פון דער נאטור. און איינגעפיהלט אין זיי — האט זי איינגעזאפט אין זיך כלערליי פארבען, גאלד — אויף וויפיל עס האט זיי מיטגענומען די פאליע און דאס קרישטאל פון דער לופט. עס האט געדויערט ביז זי האט זיך שטראה־לענדיג און פייערליך, אויסגעלייטערט.

די זון איז אויפגעגאנגען!

צוזאמען מיט די פייגעל־כארען האט אויך אין איהר מיטגעזונגען וואונ־דערליך און שוויגענדיג. די נאטור האט איבערגע׳חזר׳ט דאס, וואס עס האט זיך געטון אין איהר נשמה.

— די זון! די זון! צי פאר מיר איז זי?

דער פראגעצייכען איז געבליבען הענגען, ווי א כמארע אויף א ליכט־ביל̈ד די זון איז ארויס, פריידיגע הימנען האבען געקלונגען.

אבער, צי פאר איהר? צי פאר איהרט וועגען...

XXIV.

די אויסשטעלונג!

די בעלעבטע גאסען פון דער גרויסער שטאדט זענען דאפעלט פול געוואַ־

רען. אין די האָטעלען האָבן פֿערפֿעהלט צימערן! אין די גערטנער, רעסטאָראַנען, קאַפֿעען — דורכויס האָט געשווירבעלט און געגרייבעלט, אויפֿ'ן הויפּט וואָקזאַל האָט זיך געטון מעשים. אַלע ווײַלע זענען אָנגעקומען צוגען אָנגעלאָדענט מיט נייעם עולם. דערהויפּט איז געווען קענטיג אַנ'איבערפֿלוס אין די ערשטע און צווייטע קלאַסען. די דריטע קלאַסען זענען געווען פֿול אָנגעפּאַקטע, ווי געוועהנליך. צייטענווייז פֿלעגט אימעצער אויך אַרויסגעהן פֿון אַ גרינגעם וואַגאָן אויך אײַלענדיג אויף דער אויסשטעלונג, אַ בעשיידענער אויסשטעלער, אָדער אַ סוחר'ל, וואָס האָט געהאַט אַ סך געלד און קליינע השגות, אַזעלכע, וואָס זאָלען אַהער פֿאָהרען אויף דער אויסשטעלונג בלויז צוליב פֿערגעניגען האָבען זיך אין דעם דריטען קלאַס נישט בעגעגענט. אַנ'אויסערגעוועהנליך יום-טוב'דיגען כאַראַקטער האָט בעקומען די שטאָדט. צו דעם האָט צוגעהאָלפֿען דער פּראַכטפֿולער וועטער. דער חודש אויגוסט האָט זיין גאַנץ פֿערמעגען האַרבסטיג גאָלד געשאָטען אויף די שלאַנקע גאַסען אויף די גערטנער — און דער אויסשטעלונג-פּלאַץ, וואָס איז געווען בעפּוצט מיט פֿעהנער, האָט געוואָרפֿען הייסע, ליכטיגע ליניען אויף די פּנים'ער און מלבושים פֿון דעם פֿערזאַמעלטען המון.

מיט'ן מיטען פֿון דער הויפּט-גאַס איז געפֿאָהרען אַ פּראַכטפֿול לאַנדאָ איינגעשפּאַנט אין פֿיער שווארצע וואונדער-שענע אַראַבישע פֿערד. דאָס געשפּאַן האָט געגלאַנצט פֿון לאַקיר און פֿון די צוגעשלאָגענע בראָנזען. דער סטאַנגרעט און דער לאַקיי זענען געווען פֿייערליך געקליידט און געפּוּנען זיך אויף זייערע ערטער. אין לאַנדאָ גופֿא אויף די טונקעל-קאַרמאַזינענע קישעלעך איז געזעסען וואַלדעמאַר אויסגעפּוצט מיט געשמאַק, און אָפֿטערס האָט ער געהויבען זיין הוט ענטפֿערנדיג אויף בעגריסונגען, אָדער אַליין בעגריסענדיג. דער שלאַנקער געשפּאַן און די פֿיינע געשטאַלט פֿון זיין איגנהאַבער האָבען געמאַכט א רושם; מען האָט זיך געפֿרעגט איינער ביי דעם אַנדערען:

— וועמענס זענען די פֿערד? ווער פֿאָהרט עס?

— דאָס איז פֿון גלעמבאָוויטש, דער גוט-בעזיצער מיכאַראָווסקי.

— אַ, דער מאַגנאַט? ער האָט די פּראַכטפֿולסטע סטייניע אויף דער אויסשטעלונג.

וואַלדעמאַר איז שפּעט געפֿאָהרען צום באַהן, וואו ער האָט געוואָלט בעגעגענען דעם זיידען און די פֿרויען פֿון סלאָדקאָוויעץ. אויפֿ'ן וואָקזאַל זענען שוין געווען דאָס פֿריילין ריטאַ, טרעסטקאַ און ווילוש. דער לעצטער איז אומגעדולדיג אַרומגעלאָפֿען אויפֿ'ן וואָקזאַל, דערוואַרטענדיג דעם צוג.

טרעסטקאַ האָט זיך געוויצעלט אויף זיין אַדרעס, געמאַכט שפּאַס פֿון דעם, וואָס ער האָט אַוועקגעוואָרפֿען די קורסען און געקומען אַהערצו נישט אויף דער אויסשטעלונג, נאָר ספּעציעל צוליב דעם צוג, וואָס דאַרף אָנקומען, און וואָס פֿון זיין בענקשאַפֿט, האָט ער כמעט דעם זינען פֿערלוירען.

דער סטודענט האָט טרעסטקאַן געענטפערט שאַרף, געענטפערט, ווי ער האָט געקענט. ער האָט אָבער אין זיינע ווערטער נישט געגלייבט. וואַלדעמאַר האָט געבייסן די וואָנסעס. אים האָט עס אויפגערעגט. און ווען נאָכ'ן געגעבענעם סיגנאַל, איז ער אַרויס אויפ'ן פּעראָן און דערזעהן ווילוש'ן, וועלכער איז געשטאַנען אויפ'ן סאַמע ברעג פון אַספאַלט, אַנ'אויסגעבויגענער פאַראויס, און די אויגן איינגעשטאָכן אין דעם אָנקומענדיגן צוג — האָט ער נישט אויסגעהאַלטן און, דורכגעהענדיג פאַרביי אים, האָט ער אַ זאָג געטון מיט אַ געוויסער איראָניע:

— אַ שאָד, וואָס איהר זענט נישט מיט אַ בוקעט געקומען.

דער סטודענט האָט מיט פערדרוס אויף אים אַ קוק געטון, אַראָפּגעלאָזט די אויגן און רויט געוואָרן.

דער צוג איז אַריינגעפאָהרן אין דער האַלע פונ'ם וואָקזאַל. וואַלדעמאַר איז פּאַמעלעך געגאַנגען און אַריינגעקוקט אין די פענסטער פון דעם ערשטן קלאַס. אין איין פענסטער האָט בלאַנק געטון לוציעס פּנים'ל, און דערנאָך האָבן זיך באַוויזן: דער הער מאַציעי און די פרוי אידאַליע, אַ באַאונרוהיגטער איז וואַלדעמאַר אַריינגעשפּרונגען אין וואַגאָן, איידער דער צוג האָט זיך נאָך אָפּגעשטעלט, סטעפע איז געשטאַנען איבערגעבויגן איבער אַ בענקעל און פונאַנדערגעבונדן עפּיס אַ פּעקעל. וואַלדעמאַר איז שנעל צוגעגאַנגען צו איהר, און שווייגענדיג האָבן זיי זיך איינע די אַנדערע דערלאַנגט די הענד, ער האָט טיף אַ קוק געטון אין איהרע אויגן און צוגעדריקט צו די ליפּן איהר האַנד, סטעפּעס פּנים האָט זיך באַגאָסן מיט אַ פייער'דיגער רויטקייט, דאָס דאָזיגע אָפּנעבן איהר כבוד האָט זי אויפגעטרייסעלט, זעהענדיג עס, האָט זיך לוציע שוין נישט געוואונדערט. פריילין ריטאַ, טרעסטקאַ און ווילוש זענען גלייכצייטיג אַריין, עס האָבן זיך אָנגעהויבן באַגריסונגען און אַ הילכיג אָפּגעריסענע שמועס.

אין אַ ווײַלע אַרום איז אין דער הויפּט-גאַס געפאָהרן וואַלדעמאַר'ס לאַנדאָ אין וועלכן עס זענען געזעסן דער הער מאַציעי, די באַראָנעסע, לוציע און ווילוש שעליגאַ. אין דער צווייטער קאַרעטע געשפּאַנט אין צוויי פערד, אויך פון גלעמבאָוויטשי, איז געפאָהרן פריילין ריטאַ מיט סטעפען און וואַלדעמאַר מיט טרעסטקאַן. ריטאַ האָט גערעדט:

— איהר ווייסט? מיינע פערד האָבן ערפאָלג. אייערע האָבן זיי נישט איבערגעשטיגן, אָבער זיי געפינען זיך דאָך אויף אַ געהעריגער הויך...

— פון מיינע פערד, צי אייערע אַספּיראַציעס?

— איהר זענט אַ בייזער! צו אייער סטאַיניע בין איך נאָך נישט דערוואָקסען.

— אַ מאָדנע צוזאַמענשטעלונג!

— און איך בין גליקליך, וואָס איך האָב דאָ מיינע שקאַפּעס נישט געבראַכט אַהער — האָט שרייענדיג אויסגערופן טרעסטקאַ.

— יאָ, דאָס מאַכט גרעסער אייערע שאַנסען — האָט וואַלדעמאַר געזאָגט מיט אַ שמייכעל.

— וועגען דעם האָט זיך מיר טאַקי געהאַנדעלט.

פרײַליין ריטא האָט אויסגעשאָסען אויף זיי מיט אַ פּאָר אויגען, נאָר ביידע אַנשטאָט צו דערשרעקען זיך — האָבען זיך פונאַנדערגעשמייכעלט.

— וועגען וואָס האָט זיך עס אייך געהאַנדעלט, און וועגען וואָסערע שאַנסען רעדט איהר עס, הער מיכאַראָווסקי?

וואַלדעמאַר האָט געמאַכט אַ קאָמיש-ערנסטע מינע.

— איך האָב גערעדט וועגען פערד-געיעג. זעהר געעהרטע ספּאָרטסמענקע.

— וואָס הייסט?

— ווייל יעדערער פון אונז קען אין דעם געיעג פערשפּילען, אין דער, וואָס פערמאָגט נישט קיין פערד — ער האָט שטענדיג שאַנסען צו געווינען מיט דעם, וואָס ער שפּילט נישט.

— ס'איז אַ פּאַראַדאָקס! און איהר, וואָס זאָגט?

טרעסטקא איז געווען אומגעריכט געטראָפען:

— איך? מעהר-וועניגער דאָס זעלבע, וואָס דער הער מיכאַראָווסקי.

— מיין ליבער הער, ערלויבט אייך אויף אַ גרעסערע דרייסטקייט — האָט זיך וואַלדעמאַר פונאַנדערגעלאַכט.

פרײַליין ריטא האָט אַ ציה געטון מיט די פּלייצעס און אויסגערופען צו סטעפען:

— וואָס טראַכט איהר עפּעס, וועגען די דאָזיגע הערען?

— איך וואָלט געזאָגט, אַז זיי זענען אין עפּיס אַ קאָנפליקט מיט אייך, און אַז איהר פערשטעהט זיך נישט איינער דעם אַנדערען.

— ען! איהר האָט נישט געזאָגט דאָס, וואָס איך האָב געוואָלט.

אין האָטעל האָט זיך צוזאַמענגעקליבען אַ גאַנצע געזעלשאַפט, נאָך די בעגריסונגען, און נאָכ'ן איבערטון זיך — זענען אַלע אַרונטערגעגאַנגען אין אונטערשטען רעסטאָראַציאָנס-זאַל אויף אָוועגט-ברויט.

עס האָבען זיך פערזאַמעלט אַ פּאַרשוין צוואַנציג. דער גענוג פיינער, אָבער נישט אייראָפּעאישער זאַל האָט איצט אויסגעזעהן מעהר מערב-מעסיג. די פירשטין פּאָדהאַרעצקא און מאַציעי מיכאַראָווסקי האָבען צוגעגעבען דעם הויפּט-טאָן צו דער פערזאַמלונג. וואַלדעמאַר האָט די פערזאַמלונג פערשענערט; איבעריגענס זענען אַלע פּנים'ער, סיי די מיאוסערע און סיי די שענערע געווען צעשטראַהלט און צופרידען. די געשמאַקפולע פריזורען און די פּוצונגען פון די דאַמען און די מעהר-וועניגער גאַלאַנטע מענער האָבען געבילדעט אַ גאַנצקייט אַ ציוויליזירטע און אַ זעהר עסטעטישע. אין דער דאָזיגער שטאָדט זענען אָבער נישט אַלע צוגעוואוינט געווען צו אַ געזעלשאַפט פון דעם שניט, און דערהויפּט צו אַזאַ צאָהליג געזעלשאַפט — האָבען טאַקי עטליכע פּערשוין, וואָס זענען געזעסען ביי טיש-

לעך, ווי גאר די ניי-געקומענע זענען אריין און האבען זיך פונאנדערגעזעצט· האבען טאקי עטליכע פערשוין מיט א געלעכטערל ארויס אין אנ׳אנדער זאל.

א ליכטיגע פרעהליכקייט האט זיך צעפלאסען ארום און ארום, אויפגעהאל-טען אין א טאן צוגעפאסט צו די צוויי הויפט סטיל-געשטאלטען פון דער פירשטין און דעם הער מאציעי.

דאך האט עס נישט געשטערט די יונגע צו ווילען זיך מיט א שטורמישע פרייהייט. דער זאל איז געווען א ביסעל צו ענג, און צו ווייניג צוגעפאסט — פונ-דעסטוועגען איז געלונגען צו ארויסקריגען אין איהם א געהויבענע שטימונג. די קעלישקעס זענען געווען נישט פון גאר פיינעם קרישטאל, הגם דער רעסטאר-טאר האט ארויסגעצויגען אלץ, וואס ער האט געהאט פון בעסטען און שענסטען; עס האבען זיך געגאסען גוטע ווינען — און וואס ווייטער איז געווארען אלץ לעבעדיגער.

XXV.

אין אלע פאוויליאנען פון דער אויסשטעלונג האט געקאכט.

עס האבען זיך דא אנגעטראפען מענשען פון פערשידענע וועלטען, פון פערשידענע ספערען, געשטויסען פון איין געדאנק אנצוזעהן דאס אינטערעסאנט-סטע, וואס עס האט זיך דא געפונען. מען האט דא געהערט דיספוטירען; צום מעהרסטען האבען זיך די מענשען-מאסען געאיילט צו דער אפטיילונג פון די קונסט-געווערבע, וואס איז געווען בעפוצט מיט קרענץ און מיט פעהנרלעך און ביים סאמע אריינגאנג מיט ספעקט-בלומען. דארטען האט געהערשט אנ׳אמת׳ע פרייהייט. בעזונדערס אין דער אפטיילונג פון די וואהל און האפט-אויסארבייטונ-גען. עס האט אזש געבלענדט פאר די אויגען פון די העלע פרויען-קליידער. דאס שענע געשלעכט האט געדיכט ארומגערינגעלט די הילצערנע ליאלקעס, אויף וועלכע עס זענען געווען פונאנדערגעהאנגען די טראפעען פון איינעם פון די גרעסטע פרויען-קליידער-מאגאזינען. אין עפיס א ווינקעל האט א צוגעפאהרענער סוחר פערקויפט בונטע מזרח-האפטונגען. אין אנ׳אנדער ווינקעל זענען ווידער געווען אויפגעלעגט איינער אויפ׳ן אנדערן קאשיקעס און קאשיקלעך, און באמ-באניערעס פון גלאטען בעמאהלטען שטרוי. די סטאליארסקע אפטיילונג האט אויך געהאט עטליכע טשיקאווע זאכען בעפוצט מיט אויסגעברענטע צייכענונגען.

דער טומעל, דער גערויש פון מענשען-פאליעס האט זיך געטראגען דא און דארט. דעם הארמידער האבען שטארקער געמאכט די אויספרובינגען פון די פארטעפיאנען, וואס זענען דא געמאכט געווארען אויפ׳ן ארט. דאס האבען אמא-טארען, פרובענדיג די אינסטרומענטען, אויסגעשפילט פרעהליכע מארשען צום

גרויסען פערגעניגען פון המון. דא ווידער האבען געצימבעלט פיאנאלעס און גע־גרימפעלט פידלען, און עס האט ממש געקאכט און געזאדען, געשוויבעלט און געגריבעלט.

א טאראראם, א צעמישעניש, אנ׳אמת׳ער טורעם פון בבל.

אין אנדערע אפטיילונגען איז רוהיגער. דער בינען־פאווילאן איז געבויט אין דער פארם פון א בינשטאק, ווייטער געהען די אפטיילונגען פון פישעריי, גערטנעריי, אין וועלכען עס געפינען זיך גאנצע בוימער בעדעקט מיט אויבסטען, א בלומען־אפטיילונג, א אפטיילונג פאר זיידען־אויסארבייטונגען. אין יעדער פאווילאן איז רואיג און טומלענדיג. עס געהען דא ארום עלטערע פרויען, דארפישע בעל־הבית׳טעס. אין דער אפטיילונג פאר הויז־עופות האט געקאכט ווי אין א קעסעל. ווייטער א ביסעל זענען געווען אנגעשטעלט די געפארבטע מאשי־נען פון דער אייגענער לאנד־אויסארבייטונג. דאט טויבע הילכען פון די מעכטיגע מאטארען האט צו זיך צוגעצויגען די אויפמערקזאמקייט פון ספעציאליסטען. דארטען האבען זיך צום מעהרסטען פערזאמעלט מענער, די שמועסען זענען גע־ווען איינגעהאלטענער און פאכמענישער.

צווישען אנדערע איז דא ארומגעגאנגען וואלדעמאר מיכאראווסקי, פיהי־רענדיג די פריילינס, פאר וועלכע ער האט גענוי דערקלערט די מאשינען־טיילען. פריילין ריטא, סטעפע און לוציע האבען געטראגען בינטלעך קוויטען, וואס וואלדעמאר האט זיי געקויפט אין דער בלומען־אפטיילונג. סטעפע האט בעקומען א בוקעט געלע בלומען.

זיי זענען אריין און בערוישט געווען פון א קאלאסאל גרויסע מאשין. גרוי־סע לאקאמאבילען און מאטארען האבען צוגעצויגען צו זיך די בליקען. אלץ איז געווען געבראכט אין א האסטיגער בעוועגונג. סטעפע און ריטא זענען נישט שנעל ארויס פון הינטער די זומענדיגע פאסען: ביידע האבען זיי ליב געהאט דעם מין פון מענשליכען שאפען, און דער איינדרוק פון דער קראפט האט זיי ארומגענומען. די מאשינען האבען אימפאנירט, ווי לעבעדיגע בריאים. וואלדעמאר האט געגעבען ערקלערונגען.

ער האט גערעדט קורץ און זאכליך, אלס מבין. ער האט דיספוטירט מיט טרעכטקאן און מיט א פירמע־ספעציאליסט. ער האט געוויזען פ׳ארא סיסטעמען פון מאשינען ער האט אין גלעמבאוויטשי. סטעפע איז געווען ענטציקט, לוציע האט אבער אנגעהויבען צו נודיען:

— קומט, לאמיר שוין געהן פון דאנען. עס דוכט זיך מיר אלץ אויס, אז עפיס א פאס וועט מיר אויפ׳ן קאפ אראפפליהען, און אז איך וועל צערייסען מיין קלייד אן די אייזענס.

זיי זענען אריבער אין דער אפטיילונג פון קארעטען און געשפאנען. דא איז שוין לוציע׳ן מעהר געפעלען געווארען.

— וואַלדי, קויף אַ קאַרטעלע פֿאַר סלאָדקאָוויטש — האָט זי אויסגערופֿן.

— קיין סלאָדקאָוויטש? עס זענען דאָך שוין דאָ צוויי?

— יאָ, אָבער דיינע, און איך וויל, אַז די מאַמע זאָל האָבן איהר אייגענע קאַרטעלע.

— זי האָט איהר לאַנדאָ און נאָך אַ וועגעל. ווען דו וועסט חתונה האָבן, וועל איך דיר שענקען אַן ענגלישע קאַרעטע אַ מתנה.

— אַזאַ, ווי אין גלעמבאָוויטשי?

— פּונקט אַזאַ.

סטעפֿע און ריטאַ האָבן בעטראַכט דאַמען-זאָטלען. איין זאָטעל איז זעהר שטאַרק געפֿעלען געוואָרען: איינגעזעצט פֿון העלען זאַמש די בעציהרונגען און די צולאָגען זענען געווען פֿון זילבער און בלויען טאַמעט.

פֿריילין ריטאַ האָט אַ פֿרעג געטון דעם מקח. עס האָט געקאָסט צו טייער, אָבער וואַלדעמאַר האָט איינגעפֿונען, אַז ס'איז, פֿערקעהרט, ביליג און געקויפֿט זיך דעם זאָטעל.

— דאָס איז פֿאַר אייער צוקונפֿטיגער ווייב? — האָט ריטאַ אַ פֿרעג געטון — איהר האָט דאָך שוין פּראַכטפֿולע דאַמען-זאָטלען אין גלעמבאָוויטשי..

— דער זאָטעל איז בעשטימט פֿאַר סלאָדקאָוויטש.

— פֿאַר וועמען?

— פֿאַר דער פֿריילין סטעפֿאַניאַ.

— איך קען דאָך אָבער כמעט נישט פֿאָהרען? — האָט סטעפֿע גע'טענה'ט.

— וועלען מיר זיך לערנען.

ריטאַ האָט זיך נערוועז פֿונאַנדערגעלאַכט.

— איהר זענט היינט אויסערגעוועהנליך ריטערליך איהר האָט געשענקט לוציען אַ קאַרעטע, דער פֿריילין סטעפֿאַניאַ אַ זאָטעל, געדענקט זשע אין מיר אויך...

— אייך וויל איך אויך אַ מתנה קויפֿען — האָט ער פֿרעהליך אָפּגעענטפֿערט

— אינטערעסאַנט וואָס פֿאַר אַ מתנה?

וואַלדעמאַר איז אַוועקגעגאַנגען אין אַן אַנדער זייט, און אין אַ ווייל אַרום צוריקגעקומען מיט אַ זעהר פֿיינע בייטש. אויסגעצייכענט אויסגעאַרבייט מיט אַ הענטעל געפֿלאָכטען פֿון זילבערנעם דראָט.

— ביטע — האָט ער געזאָגט, איבערגעבענדיג די בייטש מיט אַ פֿערנויגונג דער פֿריילין ריטאַ.

— אַ דאַנק! דאָס איז אויף אייך?

— האַ! אויב איך וועל זיך געגען אייך פֿערשולדיגען.

— איהר האָט זיך שוין פֿערשולדיגט, אָבער, ליידער האָב איך אייך דאָס רעכט נישט צו בעשטראָפֿען.

זיי זענען אַרומגעגאַנגען אין נאָך עטליכע אינטערעסאַנטע אָפּטיילונגען,

זײַ זענען געווען אויך אין דער אַפּטײלונג, וואו עס האָבן זיך אויפֿגעהאַלטן די גלעמבאָווישער הינט בעדינט פֿון אַ גרויסער צאָהל הינט-שומרים אין טונקעל גרעלע שפּאַנצערס. אויף די קעפּ האָבן די דינער געהאַט ברוינע היטעלעך. אין דער אַפּטײלונג איז געווען אַן אָנגעהויפֿער געפּילדער, אַ געבילערײַ אין אַ געוואָיעדרײַ, און אַ געקוויטשערײַ פֿון קלײנע הינטלעך — הונדערטער הינטישע קולות, אָהן וועלכע מבינים האָבן זיך פֿונאַנדערגעקלײַבן אין די מינים. בעזונדערס שענע זענען געווען די טאַקסעס, די יאָג-הינט און די כאַרטען. וואַלדעמאַרס גרויסער דאָג פֿאַנדור האָט פֿרײַ אַרומגעשפּאַצירט אין אַ אויפּוצטען זילבערנעם האַלז-באַנד. ווען סטעפּע איז אַרײַן, האָט דער הונט געמאַכט עטליכע לײַבען-שפּרונגען און פֿערטרויליך אָנגעשפּאַרט זיך אין איהר מיט די פֿאָדערשטע מעכטיגע פֿיס.

— אַך, ווי ער האָט עס אײַך דערקאַנט — האָט וואַלדעמאַר אַ שעפּטשע געטון געריהרט פֿון דער סצענע.

— אָ! צווישען אונז איז אַן אַלטע פֿרײַנדשאַפֿט!

— קומט צו די פֿערד! — האָט זיך אָפּגערופֿען פֿרײַלײַן ריטאַ.

אין די סטײַניעס האָבען זײַ בעגעגענט פֿיל בעקאַנטע הערען. די גלעמבאָווישער פֿערד האָבען געהאַט גרויס ערפֿאָלג. פֿאַר דער סטײַנע איז געשטאַנען דער שטאַלמייסטער און געהאַלטען פֿאַרן צײַמעל אַ זאָלאָן. איהם האָט אַרומגערינגעלט אַ הײַפֿעל מבינים. דער שטאַלמייסטער האָט זײַ געגעבען ערקלערונגען אַנדערע הערען האָבען ווידער בעטראַכט די קליאַטשעס, וועלכע זענען אַרויסגעפֿיהרט געוואָרען פֿון די פֿערד-וועכטער אין טונקעל-פֿ נסענע קורטעקס און אין ווײַסע פּאַנטאַלאָנען; ווײַטער זענען געשטאַנען די פֿערד פֿון דער פֿרײַלײַן ריטאַ. צווישען זײַ האָט די הויפּט-אויפֿמערקזאַמקײַט אויף זיך געווענדעט אַ וואַוקסיגער ענגלישער פֿולבלוט בוקינגהאַם. ריטאַ האָט געטענה'ט, אַז אויף דעם דאָזיגען פֿערד רעכענט זי צום מעהרסטען, און ער האָט טאַקי פֿאַקטיש געקענט פֿערגלײַכען ווערען צו די גלעמבאָווישער פֿולבלוטען.

די פֿרויען האָבען, דערהערענדיג דעם פֿאַכמענישען שמועס נעבען די סטײַניעס, זיך צוריקגעצויגען. צו וואַלדעמאַרן איז צוגעגאַנגען עפּיס אַ הויכער, ספּאָרטמעניש געקלײדעטער מאַן, און אַראָפּנעהמענדיג די הוט האָט אײדעל אַ פֿרעג געטון:

— הער מיכאָראָווסקי, מיר האָבען געוואָלט בײַ אײַך פֿרעגען וועגען דעם אָגער, אַפּאָלאָ—איז ער פֿון אַ רײַנער ראַסע?

— רײַן בלוט. אימפּאָרטירט פֿון אַראַביע אַלס זשרעבאַקעל נאָך. אָבער... איהר וועט מיר מוחל זיין, וואָס איך קען וועגען דעם אָפּען נישט רעדען, איך בין, ווי איהר זעהט, מיט פֿרויען.

— אָ, ענטשולדיגט, ענטשולדיגט!

— נעהנטערע פרטים וועט איך איבערגעבען מיין שטאַלמייסטער. ער וועט אייך אויך באַווייזען אַפּאָלאָ׳ס פּאַפּירען. דאָס פערד איז אָבער נישט צום פער־קויפען.

דער ספּאָרטסמען האָט זיך פערנויגט און איז אוועק. וואַלדעמאַר און די פרייליינס האָבען בעטראַכט נאָך עטליכע סטייניעס. זיי האָבען זיך דערנענטערט צו די פיה־שטאַלען.

— די בהמות אינטערעסירען אייך נישט? — האָט וואַלדעמאַר אַ פרעג געטון.

— אָ, ניין! האָט ריטאַ אויסגערופען — קומט צוריק צו אידראַלקען. די קעל־באַסעס זענען איהר אודאי מיאוס געוואָרען.

די פרוי אידאַליע איז געווען אַן עקספּערטין פון געווענדזעלטע פליישען און קעזען — צו דעם איז זי געווען איינגעלאַדענט דורכ׳ן קאָמיטעט צוזאַמען מיט אַנדערע פרויען. די גרעפין צווילעצקאַ האָט געפיהרט די עקספּערטיזע פון איינגעמאַכצען און ווייבען. די יונגע פירשטין פּאָדהאַרעצקאַ האָט געזאָגט מביג׳ שאַפט אויף בראָנפענס, מעד׳ן און ליקערן. אַלע זענען זיי געזעסען אין אַ גרויסען שען אויסדעקאָרירטען פּאַווילאָן פאַר דאָרפישע אויסאַרבייטונגען. נעבען די פרויען זענען געזעסען עטליכע מענער. די באַראָנעסע האָט געפּרובט די אויפ־שניטען, וואָס מען האָט איהר דערלאַנגט אויף טעלערלעך מיט די קאַרטלעך פון די פּראָצודענטען, זי האָט דערביי אַרויסגעזאָגט איהרע מיינונגען.

די גרעפין צווילעצקאַ האָט הינטערווייכען געקוקט אויף סטעפען און אויף איהרע בלומען אין איהרע הענד. זי איז געווען אויפגעבראַכט אויף וואַל־דעמאַרן דערפאַר, וואָס ער האָט זיך קאָמפּאַנירט מיט דעם „נישט־אינטערעסאַנ־טען דריילינג“ — אַריינרעכענענדיג אין חשבון ריטאַ׳ן און לוציען.

דערזעהענדיג זיי האָט זיך די פרוי אידאַליע אָנגערופען:

— איהר פערברענגט די צייט מסתמא בעסער פון אונז. איך בין שוין זעהר איינגעמאַטערט.

— בייט זיך איבער מיט די ראָליען, טוישט זיך מיט די מאכלים, וועט פרעהליכער ווערען — האָט זיך וואַלדעמאַר געוויצעלט.

— אַ פיינע עצה! דערנאָך, וואָלסטו הייסט עס, אונז נעמינט צרט. נאָך אַז טוישען זיך, וואָלט איך געוויס קראַנק געוואָרען.

— ווי געפינט איהר עפּיס די פּראָדוקטען?

— מעהרסטענטייל זענען זיי אויסגעצייכענט. די געווענדזעלטע פליישען פערדינען אָנערקענונג.

— ס׳איז אַ בעוויז, אַז עס פעהלען ביי אונז נישט קיין גוטע ווירטינס. ס׳איז אַ זעהר וויכטיגע זאך פאַר׳ן לאַנד.

איינער פון די הערען האָט זיך געווענדט צו וואַלדעמאַרן:

— אויף וויפיל איך האָב קיין טעות נישט — זענט איהר אויך ה׳ מיכאַראָווסקי, אַן עקספּערט.

— יאָ מײַן הער: פֿון ערד־אַרבײַט־מאַשינען, בהמות און פֿערד.

— נו, ווי געפֿינט איר איין די זאַכן?

— אַז די מאַשינען און קולטיוואַטאָרן מאַכן בײַ אונדז גרויסע פֿאָרט־שריט. אמת, זיי האָבן נאָך נישט דערגרייכט ביז אַ גראַד פֿון די אויסלענדישע, דאָס איז אָבער דער חסרון פֿון דעם נישט־פֿעסטגעשטעלטער סיסטעם, עס פֿעלט אינטענזיוויטעט אין דער אויספֿירונג. אין דעם זענען אויך שולדיק אונזערע אָפּנעהמער. מיר האָבן צופֿיל אמונה אויסלאַנד: דאָס וואָס פֿון יענער זייט גרעניץ — דאָס איז בײַ אונדז אָנערקענט, און דאָס, וואָס אונזערס־רופֿט בײַ אונדז צום מעהרסטן אַרויס אַן׳איראָנישן שמייכל, עס איז אָבער צו לאַכן אַ סך לײַכטער, ווי צו טון.

— זענט איר, הייסט עס, געגען אויסלענדישע מאַשינען? האָט אַ פֿרעג געטון איינער פֿון די הערן.

— אונבעדינגט, אָבער נאָר אין אונזער לאַנד. מיר דאַרפֿן זיך קודם כּל בעמיהען אונזער פֿעלד בעאַרבײַטן מיט אונזערע מכשירים וואָס מעהר מיר וועלן אויף דעם אַכטונג געבן — אַלץ בעסערע רעזולטאַטן וועלן מיר דער־גרייכן. דעמאָלסט וועלן אונזערע פֿאַבריקן פֿערשטעהן, ווי זיי דאַרפֿן צו אַרבײַטן. ווײַל זיי וועלן וויסן, אַז עס איז דאָ פֿאַר וועמען צו אַרבײַטן. עס וועלן פֿערגרעסערט ווערן די פֿעהיגקייטן פֿון די פּראָצודענטן. ווען דער קאָנסומענטן־קרייז וועט זיך פֿערברייטערן. לײַדער וועט עס אָבער נישט שנעל געשעהן, מחמת מיר האָבן צו פֿיל אַבערגלויביגע אין מערב. און ווי דאָזיגע זענען בלינד און טויב אויף אונזער פּראָגרעס.

די גרעפֿין צווילעצקאַ האָט זיך אַרײַנגעמישט:

— איהר פֿערגעסט, אַז אויסלאַנד שטעלט אונדז צו דאָס, וואָס אין אינזער לאַנד קענען מיר נישט געפֿינען יעדערן פֿון אונדז זענען ליבער די אויסלענדישע זיידענס, ווי די היימישע טראַנטעס.

— גוט, קויפֿט אָבער שטענדיג אונזערע „טראַנטעס" און פֿערבעסערט זייער אויסאַרבײַטונג — איך רעד עס, פֿערשטעהט זיך, פֿערשטעלט — און מיט דער צייט וועלן מיר זיך דעראַרבײַטן ביז צו זיידענס. מיר זענען עס ביכולת צו מאַכן.

— איהר פּאַסט בײַ זיך צו, און ניצט אויס אייערע אַנשויאונגען, האָב איך געהערט — האָט זי מיט איראָניע געענטפֿערט.

— איך פּאַס טאַקי צו, און איך מאַך טאַקי גאָר נישט שלעכט מיט דעם, מײַנע מאַיאָנטקעס האָבן אַ פֿילשטענדיג אייראָפּעאישן אויסזעהן, און דערהויפּט אַן׳אינדיווידועל פּוילישן אויסזעהן, און דאָס פֿרעהט מיך צום מעהרסטן. דאָס איז אַ דײַטליכער בעווייז, אַז בײַם גוטן ווילן מוזן אויך קומען גוטע רעזולטאַטן.

— פֿונדעסטוועגן האָט איהר אַ מאָל נישט פֿעראַכט אויסלאַנד, פֿערברענ־גענדיג מעהר דאָרטן, ווי דאָ.

— איך לייקן נישט! איך האָב דאָרטן נישט נאָר פֿערברענגט, נאָר איך

האב דארטען אויך געהוליעט. ווען איך וואלט אבער דארטען נישט געווען, וואלט איך נישט געהאט מיינע איצטיגע אנשויאונגען.

די גראפין איז רויט פאר כעס געווארען. זי האט נישט גע־וואוסט, וואס זי האט צו ענטפערן. אגב האט פרייליין ריטא אויסגעשאסען אויף איהר מיט א פאר בייז־שפאטישע בליקען, וואס האבען איהר געמאכט אינגאנצען הילפלאז.

וולאדעמאר האט ווייטער גערעדט:

— א דאנק מיינע רייזעס קען איך די הויפט־קוואלען פון מערב־ציוויליזאציע, און איך מיין, אז מיר דארפען זיך מיט איהר פערמעסטען. מיר דארפען נאכ־פארשען איהרע מעלות, איהרע גוטע זייטען, און צופאסען זיי צו אונז, מחמת די וויסענשאפט און די ערפינדונגען געהערען צו אלע. מיר דארפען נאר נישט אפגעבען די פרעמדע אונזער געלד, מיר ברויכען זיך נישט מאהלען מיט זייערע פארבען — ווייל דאס מאכט א תל פון אונזער אינדיווידואליטעט. לאמיר ביי אונז נישט שאפען קיין סוראגאטען, נאר פולקומע זאכען, און מיר וועלען זיך איבערצייגען, אז קיין קעפ און קיין הענד וועלען אונז נישט פעהלען. עס וועט אונז אפשר נישט סטייען קיין דויערהאפטיגקייט און פאטריאטישקייט, אבער אויך דאס וועלען מיר אין דער צייט זיך אויסלערנען ביי די דייטשען און ביי די ענגלענדער. פיל פונקטען פון דער ציוויליזאציע וועט זיין שווער צו אונז צוצופאסען — אבער אלס מאטאר וועט צו דעם מוזען אויסגענוצט ווע־רען די קולטור, שטענדיג די קולטור. ווען די לעצטע וועט ווערען דער פאסטולאט פונ׳ם גאנצען פאלק — וועט צו דערגרייכען דעם ציל זיין נישט שווער.

טרעסטקא האט זיך אויפגעכאפט פון זיין פערטראכטונג.

— איהר זענט גערעכט. מיר וועלען זיין געזונקען אין פינסטערניש פל־זמן עלעקטריש־ליכט וועט ביי אונז נישט ווערען אזוי ביליג ווי זאפאלקעס.

אלע האבען ארויסגעפלאצט מיט א געלעכטער, און וואלדעמאר האט אויס־גערופען:

— בראווא, הער טרעסטקא! מיר זענען אויך אזוי פער׳משפט אויף א לאנג־דויערנדער פינסטערניש: איך שטויס זיך אבער אן, אז איהר רעדט בלשון סגי־נהור אזוי־צוזאגען. מיר לויכטען נאך נישט עלעקטריש, אבער אויך נישט זאפאלקעס־ארטיג...

— איך האב זיך שלעכט אויסגעדריקט. נישט וויכטיג! איך האב עפיס אנדערש געוואלט זאגען, וועגען די דאזיגע פאסטולאטען. ווען אלע פאסטולאטען וואלטען געזאלט ברענגען צום ציל, וואלט איך בעדארפט בעקומען א מעדאל פאר מיין בהמה־שטאל, און דערווייל פיהל איך, אז איך קען העכסטענס האפען אויף אנ׳אויסצייכענונגס־ליסטע, און אויך אין דעם צווייפעל איך.

— אדרבא, איהר קענט נאך בעקומען א גאלדענע מעדאל, אבער שפעטער. איהר האדעוועט די בהמות עטליכע יאהר ערשט. דאס איז צו קנאפ!

סטעפּע האָט שטיל איינגערוימט ריטאַ'ן:

— דער הער טרעסטקאַ האָט אַנדערע וויכטיקערע פּאָסטולאַטן, און ער דערוואַרט אויך אַ גילדערנע מעדאַל.

— ער וועט בעקומען, ווי שטענדיק, אַ קאַרטאָפעלנע.

טרעסטקאַ האָט בעמערקט סטעפּעס בעוועגונג, און אָנשטויסענדיק זיך, וועגן דעם אינהאַלט פון איהרע ווערטער, האָט ער שטיפעריש אַ שאָקל געטון צו איהר מיט'ן קאָפּ.

— איך פערשטעה שוין, וואָס איהר טענה'ט דאָרטן וועגן מיר, אָבער דאָס הערט שוין אויף צו ווערן מיין שטרעבונג.

— זעהר גוט, פּונקט, ווי פאַר מיר. אָבער קיין מעדאַל פאַרן שטאַל וועט איהר נישט בעקומען. אַזוי מיין איך!

— אַ גליק וואָס נישט איך בין אייער עקספּערט, נאָר דער הער וואַלדעמאַר.

— יאָ, טאַקי! ווי געפינט איהר עפּיס איין די פערד און די בהמות? — האָט ווידער אַ פרעג געטון ביי וואַלדעמאַר'ן איינער פון די הערן.

— אויסגעצייכנט! צווישען זיי זענען דאָ די בעסטע און די שענסטע מוסטערן. ווייזט אויס, אַז אויף דעם געביט איז פיל אויפגעטון געוואָרען.

— פאַרוואָס האָט איהר דאָ נישט אייער גלעמבאָוויטשער בהמה-שטאַל?

— איך האָב זי געהאַט אויף דער פריהערדיקער אויסשטעלונג אין מ.

— דאַן האָט איהר בעקומען פאַר איהר אַ גאָלדענע מעדאַל, איך געדענק. איצטער וועט איהר פאַר די פערד און די תבואות ווידער בעקומען מעדאַלען, און איך האָב זיך אָנגעהערט ביי מיין בהמה-שטאַל און גאָרנישט — האָט טרעסטקאַ גע'טענה'ט.

— זייט געדולדיק, מיין הער!

— ע! איהר זענט אויך נישט איבעריק געווען געדולדיק, נישט קיין לאַנגע יאָהרען זיצט איהר אין גלעמבאָוויטש.

— אָבער ער האָט מיליאָנען און ענערגיע — האָט אונטערגעכאַפּט דאָס פרייליין ריטאַ.

וואַלדעמאַר האָט זיך מיט אַ שמייכעל פאַר איהר פערנויגט.

— פאַר דאָס לעצטע דאַנק איך.

— פאַר דער ענערגיע?.. דאָס ווייסט דאָך יעדערער!

— די היי-יאָהריקע אויסשטעלונג האָט דאָך מוסטערהאַפטע אָפּטיילונגען — האָט זיך אָפּגערופען דער פירשט גירשטאָרף, שוין אַן עלטערער מענש, אין אַ שטאַרק גרויער.

וואַלדעמאַר האָט אַ שאָקל געטון מיט'ן קאָפּ.

— ס'איז אַזוי! אַ זעהר צופרידענשטעלענדער און פיל-צוזאָגענדער פאַקט — האָט ער לעבהאַפט אַ זאָג געטון — פון עטליכע אָפּטיילונגען איז שוין

צו זעהן בפירוש, אַז אונזער היימישע אינדוסטריע האָט פיל שאַנסען צו אַ שנעלער ענטוויקלונג. די פעהיגקייטען צו דעם זענען דאָ אין פאָלק, עס פעהלט אויך נישט דער גוטער ווילען און גוטע איינפאַלען. ווי שטענדיג אָבער פעהלט נאָך אַ ברייטע עקאָנאָמישע קולטור, דערהויפט ביי די קלענערע פראָדוצענטען, און איניציאַטיוו, וואָס דאַרף אַרויס פון די העכערע ספערען. מען דאַרף סאָלידאַרישקייט, און די רעזולטאַטען אין דער צוקונפט וועלען זיין ממילא גוטע. אונזער לאַנדווירטשאַפטליכע געזעלשאַפט דאַרף זיך פערנעהמען מיט דער דאָזיגער ענטוויקלונג, און מיט דער הילף פון דעם בירגערטום אויפהאַלטען אַ מאָראַלישע און עקאָנאָמישע איינהייטליכקייט, מען מוז אויך בעוואוסטזיניגער מאַכען דאָס פויערטום. כדי אָבער דורכצופיהרען אַזאַ סיסטעם וואָלט געווען געוואונשען צו בעזייטיגען די פאַנאַטיש-איינגעגלויבטע אין מערב, וועלכע שטעהען צו אונז מיט די רוקענס, און זענען פערקוקט אין די גאונישע אויפטועכצען פון די פרעמדע פעלקער. זיי שטערען פיל, זיי האָבען צופיל פרעמדע בלישטשען אין זייערע אויגען, כדי זיי זאָלען קענען קוקען אויף די גרויסקייטען פונ'ם אייגענעם לאַנד.

דער פירשט האָט זיך אָנגעהויבען צו רייבען די הענד.

— איך זאָג עס אַלע מאָל. דאָס איז דער וויכטיגסטער פונקט. עס קען נישט זיין קיין סאָלידאַריטעט דאָרטען, וואו נישט אַלע זענען אַרומגענומען פון דעם פאַטריאָטישען גייסט. צווישען אונז טרעפען זיך דערהויפט מערב-סימפאַטיקער אינגאַנצען עקזאָטישע. דער פרעזעס, גראַף מאָרטענסקי איז אַרומגענומען פון דעם זעלבען גייסט, איבעריגענס איז עס אַ זעהר אַלטער מענש. אונזער געזעלשאַפט וואָלט געקענט פונאַנדערשפרייטען די פליגלען, ווען די פיהרערשאַפט זאָל מען איבערגעבען אין אייערע הענד, הער מיכאַראָווסקי. אַזעלכע טיכטיגע מענשען, ווי דו בּיזט האָבען מיר ווייניג אין לאַנד.

דער פירשט האָט מיט אַנערקענונג דערלאַנגט וואַלדעמאַרן זיין האַנד.

וואַלדעמאַר האָט זיך פערנויגט, און געדריקט פעסט די דערלאַנגטע האַנד פון דעם פירשט, וועלכענס מיינונג ער האָט זעהר הויך געשטעלט.

— איך בין דעם פירשט זעהר דאַנקבאַר פאַר זיין מיינונג וועגען מיר, אָבער דער גראַף מאָרטענסקי וואָלט נאָך געקענט זעהר פיל אויפטון דאָס איז זעהר אַ פעהיגער מענש, נאָר עס ווירקען אויף איהם פערשידענע השפעות. ווען ער וואָלט געווען אונטערגעוואָרפען אַנדערע השפעות, וואָלט עס צוגעגאַנגען אינגאַנצען אַנדערש. איהר האָט עס געדאַרפט נעהמען אויף זיך אויף איהם צו ווירקען.

— איך בין שוין צו אַלט. ווען איך וואָלט געהאַט אַזאַ זוהן, ווי איהר, דעמאָלט...

דעם ווייטערדיגען שמועס האָט איבערגעריסען דאָס אַריינגעהן פון דעם גלעמבאָוויטשער שטאַלמייסטער. דאָס איז געווען אַ הויכער שלאַנקער שליאַכטשיץ אויס-עפיצט, ווי צו אַ פּאַראַד. זיין מונדיר איז געווען אַרומגענייט מיט גאָלד

און מיט געלע שנורען אויף די אַקסלען, מיט בלישטשענדיגע באַטפאָרטען אַיש ביז די קניהען, מיט שפּאָרען, אין זאַמשענע ווייסע הענדשקעס און אין אַ הויך היטעל מיט אַ ווייסען פעדער. ער איז אַריין, האָט זיך מיליטעריש פֿערנייגט און מיט אַ פעסטען טריט צוגעגאַנגען צו וואַלדעמאַרן.

— אין אונזערע סטייניעס זענען געקומען די הערען עקספּערטען.

— איך גייה גלייך. די קאַפּען פון די פערד זענען אַראָפּגענומען.

— אַלץ איז אין אָרדענונג.

— גוט! געהט באַדאָווישש, איך קום באַלד צוגעהן.

דער שטאַלמייסטער האָט זיך פֿערנייגט, און איז אַרויס פון דעם פּאַוויליאָן פּונקט אַזוי מאַיעסטעטיש, ווי ער איז אַריין.

— נו, אַ גאָלדען מעדאַלכעל וועט אַ קלוגע מון אין אייער טשעפּקע — האָט טשעפּקע אויסגערופען.

— ווער קען וויסען? אַלענפאַלס בין איך זיכער אין מיינע פערד.

טרעסקאַ האָט אַ טאָקעל געטון מיט'ן קאָפּ.

— ער מעג זיין זיכער!

נאָך וואַלדעמאַרס אַוועקגעהן האָט זיך דער פירשט גירשטאָרף געווענדעט צו די דאַמען:

— מיר האָבען אייך דאָ געשטערט אין דער עקספּערטיזע, אָבער מיט דעם הער מיכאַראָווסקי איז זעהר אינטערעסאַנט צו רעדען, און איך גלויב, אַז אייך האָט עס אויך אינטערעסירט?

— מיר האָבען אָפּגעשאַטהעמט אַ דאַנק אייך — האָט זיך די באַראָנעסע עליזאַנאָווסקאַ אָפּגערופען.

דער פירשט האָט זיך געריבען די הענד.

— איי, דער מיכאַראָווסקי! — האָט ער גע'טענה'ט שאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ.

— אך, ווען מיר האָבען אַ סך אַזעלכע, נאָר...

דער פירשט האָט פֿילדייטיג אַ מאַך געטון מיט'ן האַנד.

XXVI.

אויפ'ן ספּאָרט-פּלאַץ, אינמיטען דער אויסשטעלונג האָט זיך אויפגעקליבען אַ גרויסער עולם. עס האָט געזאָלט פאָרקומען אַ פערד-געיעג. אַרום דעם באַוער, וואָס האָט אַרומגערינגעלט דעם היפּאָדראָם האָט זיך געפֿאַליעט אַ געדיכטער קראַנץ פון מאַנסבילשע און פרויען-קאָסטיומען. הינטער דעם דאָזיגען בונטען און בעוועגליכען פאַס האָבען זיך געהויבט מיט פענדלעך געפּוצטע טריבונעס. די נעהנטעו אַרויסגערוקטע לאָזשען האָבען געגלאַנצט מיט די פּרעכטיגע קליידונגען פון די דאַמען, עס האָט

געראָנט פֿון עס אונז — ...

גערוישט און געבראָיזט; דאָ האָט זיך צוזאַמענגעקליבן די גאַנצע אַריסטאָקראַטיע — אַן אויסגעוועהלטע געזעלשאַפֿט, וואָס האָט זיך דאָ אויסגעצייכענט געוויילט.

פֿון די שפּיצען־קרוידען האָבען אַרויסגעקוקט ווייסע הענד אין עלעגאַנטע הענדשקעס, אָדער נאַקעטע הענט אַרומגעצוימט מיט צירונג. אין די אויערען האָבען געלויכטען בריליאַנטען, אויף די ברוסטען האָבען געבלאַנקט גאָלדענע קייטען. פּראַכטפֿולע היט האָבען זיך שטאָלץ דערהויבען אויף די פּראַכטפֿולע פריזורען. אויגען האָבען געגלאַנצט, ליפּען האָבען געשמייכעלט. מען האָט פֿערבראַכט אין שטילע שמועסען, און דערצעהלענדיג זיך אַנעקדאָטען. די שענע און פֿרעהליכע לאָזשע האָבען אין אַלגעמיין געהאַט אַ פּראַכטפֿולען און רוהיגערען אויסזעהן, דערהויפּט האָט געראָישט און געטומעלט אויף אַנדערע טריבינען. דאָס רוב האָט געבראָיזט די ריזהרעווודיגע פּאַליע פֿון דעם אַרומגעהענדיגען עולם

דאָס געיעג האָט זיך אָנגעהויבען.

פֿון די סטייניעס האָבען זיך דערנעהנטערט ס׳לוטען פֿון די רייטער אויף די ראַסאָווע פֿערד. זיי האָט אַרום זיך פֿערזאַמעלט דער פֿירשם גירשטאָרף, אָנגעטון אין אַ צילינדער און אין אַ לאַנג פּאַלטען מיט פּאָלעס. ער האָט געהאַלטען אַ ליסטע מיט די אויסגערעכענטע נעמען פֿון די רייטערס, און לויט דער רייהע האָט ער זיי געלאָזט אויפ׳ן פּלאַץ. געפֿאָהרען איז מען צו פֿיר פֿערשוין. די פֿערד האָבען זיך זעהר פֿיין געיאָגט, און בעזיגט די שוועריגקייטען מיט קלענערע אָדער מיט אַ גרעסערען ערפֿאָלג. אין אַלגעמיין איז אַלץ צוגעגאַנגען גוט. דער אָרקעסטער אויף אַ ספּעציעלע עסטראַדע האָט בעלעבט און אַנגענעהם געהייצט די שטימונג.

אין איינער פֿון די גרעסטע לאָזשען האָט זיך געפֿונען די געזעלשאַפֿט פֿון סלאָדקאָוויעץ, די פּירשטין פּאָדהאָרעצקא און ריטא, אַ שלאַנקע אַ זעהר שענע, אָבער אַן׳אונרוהיגע! אויף איהר פֿערד האָט געזאָלט רייטען ווילוש. פֿריילין ריטא איז געווען, ווי אין היץ, זי איז געזעסען נעבען סטעפֿען, און געטענה׳ט פֿאַר איהר:

— וועט דען ווילוש קענען בעזיגען די שוועריגקייטען?

— ער וואָלט עס געוויס געוואָלט, עס ווענדט זיך אָבער אין פֿערד — האָט סטעפֿע געענטפֿערט.

— ס׳ווענדט זיך אַ סך! דערהויבט נאָך, ווייל ווילוש איז נישט אַזאַ אויסגעצייכענטער רייטער. דערביי האָט נאָך בוקינגהאַם זיינע קאַפּריזען.

— פֿאַרוואָס איז נישט געפֿאָהרען אימיצער אַנדערש? למשל דער הער...

— טרעסטקאַ׳ן מיינט איהר? אַ שענעם דאַנק! ער וואָלט מיר צעטראָגען דעם פֿערד. איבעריגענס האָב איך נישט געוואָלט. און ווילוש האָט זיך איינגעשפּאַרט, איך האָב איהם נאָר אָנגעזאָגט, ווי ער דאַרף זיך בעגעהן מיט בוקינגהאַמען.

— זייט אויפֿמערקזאַם, דער הער מיכראָווסקי, פֿאָהרט אַרויס! — האָט אויסגערופֿען דער באַראָן ווייהער, אַרויסבויגענדיג זיך פֿון דער צווייטער לאָזשע.

סטעפֿע האָט געווענדט איהרע אויגען אויפ'ן פּלאַץ, און דאָס זיך איינגעצען אַפּוירגעצוקט. זי האָט אויסגעזעהן וואונדערבאַר אין דעם קרעם־קלייד און אין דעם געפּוצטען ווייסען הוט. זי האָט אויף זיך נישט געהאַט אָנגעטון קיין ציהרונג, עטליכע טיי־רויזען האָט זי צוגעשטאָכען צום קלייד. די פרויען פון די אַנדערע לאָזשען האָבען פון איהר קיין אויג נישט אַראָפּגענומען. מען האָט זיך געחידושט אויף איהר זיכערען רעדען מיט דער פרייליין ריטא, מען האָט זיך געוואונדערט אויף דעם אַלטען מאַציעס האַרציגע בעציהונג צו איהר, אויף לוציען און אויף דער געוועהנליך ווייניג צוגעלאָזענער פרוי איזאַליע. דאָס יונגע מיידעל מיט דער פאַמיליע נישט פון דער „געזעלשאַפט", די פרעהליכע, בערעדעוודיגע און די דרייסט שפּאַסענדיגע מיט טרעסטקען, וועלכער איז בעריהמט געווען אַלס פערברענטער גאוה'דיגער יחסן, האָט איצט אַלעמען אינטערעסירט און אפילו אויפגעבראַכט. זי איז געווען שען אָנגעטון, און מיט גאָרנישט אויפגערייצט די בעל־גאוה'דיגע לייט, נאָר מיט'ן נאָמען, דאָס האָט אָבער שוין געשטערט, אַז מען זאָל אויף איהר קוקען קרום. סטעפֿען האָט עס אָבער נישט געאַרט. זי האָט געהאַט אַנ'אונטערשטיצונג אין'ם צאָהלרייכען געזינדעל פון פלאָדקאָוויצער סביבה, און מחמת אַ סך פון די מענשען האָט מען געהאַלטען פאַר די ערשטע און בעסטע אין די הויכע ספערען — האָט זי זיך געפיהלט רוהיג, פריי, נישט קוקענדיג אויף די קרומע בליקען פון די פרעמדע. איצטער, ווען זי האָט אַנ'אַרויסגעבויגענע פון דער לאָזשע געקוקט אויפ'ן פּלאַץ — האָט קיינער אויף איהר נישט געגעבען קיין אַכטונג. יעדערער איז מיט דעם זעלבען געווען פערנומען

עס האָבען זיך בעוויזען פיער רייטער: וואַלדעמאַר, טרעסטקאַ, דער יונגער זשנין און בראָכוויטש. אַלע — אויף וואַלדעמאַרס פערד, און ער גופא — אויף אַפּאַללאָן. ער איז געווען אָנגעטון אין אַ געפּאַסטען מלבוש, און איז געזעסען, ווי צוגעמויערט צום פערד, קאַלטבלוטיג, און מיט גרויס זיכערקייט אין זיך. ער האָט רוהיג באַרמירט דעם צוהיצטען רייט־פערד, טרעסטקאַ האָט געריטען פּרעטענסיאָנעל, געשאָלטען, און געהאַלטען אין איין פערריכטען זיך די ברילען. זשנין האָט ווידער געהאַט אַ פערלאַנגווייליטע מינע. צו מעהרסטען עהנליך צו וואַלדעמאַרן איז געווען בראָכוויטש. וואַלדעמאַר האָט איהם אָבער איבערשטיגען. דאָס געיעג האָט זיך אָנגעהויבען. הגם אַלע האָפּען זיך מיט איין מאָל און גלייכצייטיג אַ לאָז געטון, איז אַפּאַללאָ גלייך פון אָנהויב אָן געווען פאָרענט. ער האָט אויסגעמיטען לייכט אַלע שוועריגקייטען, מיט פאַנטאַזיע, און געמאַכט דעם איינדרוק, ווי אַ פּילקע, וואָס ווערט אין דער הויך געוואָרפען פון אַ ראַקעטע. פערביי די לאָזשען — האָט וואַלדעמאַר געשיקט אויפגעהויבען זיין הוט. די דאַמען האָבען ענטציקטע איהם געענטפערט, בעגריסענדיג מיט פלאַטערנדיגע טיכלען. סטעפֿע האָט זיך אפילו נישט אַ ריהר געטון, שטאַרקע פאַרבען האָבען

זיך נאָר באַוויזן אויף איהר פּנים, און די אויגן זענען טונקעלער געוואָרען פון׳ם טיפען איינדרוק.

איהר איז געפעלען געוואָרען דער פּראַטפּולער רייטער. מיט דער גאַנצער נשמה האָט זי זיך געריסען צו איהם, טויזענדער ווערטער האָבען אין איהר אויפגעבראָזט און געריסען זיך אַרויס — זיי האָבען אָבער נישט אַרויסגערעדט געבליבען הענגען אויף די ליפּען. זיצענדיג אומבעוועגליך, האָט זי גערעדט אין זיך: „מען טאָר נישט״. דער רייטער איז דאָך געווען וואַלדעמאַר מיכאַראָווסקי, דער גלעמבאָוויטשער גוט-בעזיצער, אַ הער איבער הערען, איינער פון די ערשטע מאַגנאַטען אין לאַנד, אַ מענש, וואָס האָט געטראָגען אַן אַלטען יחוס׳דיגען פאַמיליען-נאָמען, וואָס איז בעשטראַהלט געווען מיט אַ פירשטליכע מיטרע אין אַ חרב, איינער פון דער אוראַלטער משפּחה העטמאַנען, סענאַטאָרען, קאַנצלערען, וואָיעוואָדעס, און זי, רודעצקא — איז געווען בסך הכל פון אַן אַלטער בכבוד׳ער שליאַכטעסקער משפּחה, פון אַן ערליכער משפּחה — אָבער נישט מעהר. אַ בונט האָט זיך אין איהר דערוועקט, זי האָט זיך אַ פראַגע אַוועקגעשטעלט פאַרוואָס קען זיך נישט אַזוי אַרויסווייזען איהר פערעהרונג אַזוי, ווי די פרויען פון דער אַריסטאָקראַציע.

אויך אויף די טריבונע, וואָס די אינטעליגענץ האָט פערנומען, האָט געהערשט אַ געהויבענע שטימונג און אַן ענטציקונג, ווען וואַלדעמאַר האָט אַרויסגעריטען, אויף דעם המון אַרום דעם היפּאָדראָם האָט זיין ערשיינען אויך געמאַכט אַן איינדרוק. סטעפע האָט אָבער געפיהלט, אַז ווען זי געפינט זיך צווישען המון, וואָלט זי אויפריכטיג געקענט אַרויסווייזען איהר ענטציקונג. דאָ — טאָר זי נישט...

די פערד האָבען צוויי מאָל אַרומגעלאָפען דעם פּלאַץ. אַלע באַריערען זענען לייכט אויסגעמיטען געוואָרען; פאַר׳ן לעצטען לויף האָט אָבער וואַלדעמאַר בעפוילען צו אויפהויבען די באַריערען. וואַלדעמאַר האָט פערשטענדיגט מיט זיינע קאָלעגען. זשנין און בראָכוויטש האָבען איינגעשטימט, טרעסטקאַ נאָר האָט זיך דערשראָקען.

— זענט איהר זיכער אין סאַלאַמאַנדראַן? — האָט ער אַ פרעג געטון ביי וואַלדעמאַרן.

— אין איהר — זיכער! עס ווענדט זיך אָבער, צי איהר זענט אין אייך זיכער...

די פערד האָבען זיך אַ לאָז געטון. טרעסטקאַ האָט זיך געשטעמט אויסצובלייבען, ער האָט אָבער דאָס מאָל אין זיך נישט געגלויבט.

די דערהויבענע באַריערען האָבען געמאַכט אַן איינדרוק אין — די לאָזשען. דער הער מאַציעי האָט אויסדריקליך געצווייפעלט אין ערפאָלג, סטעפע האָט געציטערט, און פריילין ריטא איז געווען ממש ענטציקט.

וואַלדעמאַר איז געריטען פאָראויס.

דער ערשטער שפּרונג... גוט! אַפּאָליאַ איז אַן אויגענבליק געבליבען

העגגען אין דער לופטען, לייכט אראפגעשפרינגען אויף ד'ערד, און ווייטער געלאפען.

דער צווייטער באריער... גוט!

דער דריטער, דער פערטער... אויסגעצייכנט.

אפאלא האט עס טיכטיג געמאכט און דער ערשטער געקומען צום ציעל.

דער פירשט גירשטארף האט גראטולירט, און פון די לאזשען האבען ארויסגעהילכט בראוואס. וואלדעמארס אלע פערד האבען זיך אויסגעצייכנט, אלס בעסטער רייטער האט זיך ארויסגעוויזען וואלדעמאר גופא: ער האט לייכט און געשיקט געקערעוועט מיט'ן פערד. אהן שום אנשטרענגונג איז אפאלא אריבערגעשפרונגען אלע באריערען. זשניג'ען און בראלביטשען איז עס עטוואס שווערער אנגעקומען. טרעסטקא אבער, וואס האט גערימען אויף סאלאמאנדראן — א פראכטפולען גניאדען רייט-פערד פון גלעמבאוויטשי — און וואס איז דער לעצטער פון די פיער געווען, האט זיך פערטשעפעט אין יעדען באריער, מחמת ער האט דערשראקענערהייד צו שטארק געצויגען די לייצעס. די שרעק פונם רייטער האט זיך געהאט איבערגעגעבען צום פערד. געצויגען פאר'ן צוים, האט דאס פערד פערלוירען די זיכערקייט אין זיך, און געהייצט זיך ביי יעדען אנקלאפען מיט די קאפיטעס אין די באריער-ברעטער, דאס פערד האט נערוועז געציטערט, יאגענדיג זיך מיט א גוואלדיגען אימפעט. פאר איטליכע נייע שטערונג האט עס געהויבען אין דער הויך דעם קאפ, ווי וועלענדיג אנזאגען מיט שטאלץ, אז איצט וועט עס שוין בעזיגען, אז עס האט שוין קיין מורא נישט און וועט בעווייזען די פעהיגקייטען טרעסטקא האט אבער אין איין פחד געצויגען שטארקער און שטארקער די לייצעס, צוגעקוועטשט די קניהען און דעם פערדס קאפיטעס האבען ווידער אנגעקלאפט אין די ברעטער. אזוי איז טרעסטקא אנגעקומען צום ציעל.

— א פיין פערדעל, אבער נישט קיין וואשנער רייטער! — האט זיך אפגערופען אויפ'ן קול דער פירשט גירשטארף.

וואלדעמאר איז בייזערהייד צוגעגאנגען צו טרעסטקא'ן און איהם פארגעווארפען:

— מיין הער, איהר האט מיך געדארפט מתרה זיין, אז איהר האט מורא. דאס לעצטע מאל האט איהר נישט געדארפט פאהרען.

— אבער איהר זענט דאך געפלויגען, ווי די משוגעים; האב איך זיך אליין געדארפט צוריקציהען? אייער שקאפע איז ווערט צו בעקומען א קויל אין קאפ. איך האב געמיינט, אז דער שלאק טרעפט מיך. די קלעפ פיהל איך נאך איצט אין קאפ.

עס האט זיך אריינגעמישט דער פירשט, דער „סטארטער“.

— דאס פערדעל איז גוט, אבער איהר טויגט זיך נישט צו אראבער, הער גראף, איהר האט זיך נישט געבריכט אפשירען. איבעריגענס האט איהר גע-

קענט פֿאָהרען אויף אַ פּולבלוט: אפשר וואָלט זיך דאָס ענגלישע בלוט בעסער צוגעפּאַסט צו אייך, און אַזוי האָט זיך בעקומען אַ פּיאַסקאָ!

טרעסטקאַ האָט אַראָפּגעשאָקעלט די ברילען.

— מיר האָבען קיין גליק נישט, אָט וואָט! איין זאַך טרייסט מיך, וואָס קיינער האָט מסתם אויף מיר נישט געקוקט. עס זענען געוועזען בעסערע!

— און דאָס פֿריילין שעליזשאַנקאָ? — האָט בראָכוויטש אַ פֿרעג געטון.

— עך! עס קען זיין, אַז זי האָט נישט געזעהן גאָר, אַז איך פֿאָהר.

אויפ׳ן וועג צו די סטייניעס האָבען זיי געמוזט געהן פּאַמעליך, מחמת דאָס פּובליקום האָט זיך געשטופּט און געשטויסען, כדי בעסער אָנצוקוקען די רייטער. עפּיס אַ יונגע פֿרוי, אַ שלאַנקע, פֿיין געקליידט, האָט גלוסטיג אַ קוק געטון אויף וואַלדעמאַרן אין דער מינוט, ווען זיין פֿערד איז פֿערבייגעגאַנגען, און גאַנץ הויך אויסגערופֿען:

— ס׳אַראַ טיכטיגער און ס׳אַראַ שענער!

הגם וואַלדעמאַר איז געוועזען פֿערטראַכט, האָט ער דאָך דערהערט דעם אויסרוף. ער האָט אַ קוק געטון אויף דער פֿרוי און דערזעהענדיג איהר ענט־ציקטען בליק אויף זיך געווענדט, האָט ער אַ שמייכעל געטון און אויפֿגעהויבען די האַנד צום הוט. פֿון דעם איז די אונבעקאַנטע נאָך מעהר נתפּעל געוואָרען. ער איז געוואָרען ערנסט. איהם איז געקומען אויפ׳ן געדאַנק, צי האָט איהם סטעפּע גוט געזעהן, און צי איז ער איהר געפֿעלען געוואָרען. דערנאָך האָט ער צו זיך אַ שעפּטשע געטון מיט פֿערדרוס:

— עס הויבט מיך אָן צו אינטערעסירען מיין ערפֿאָלג? אַ מאָדנע ערשיינונג!

ער האָט געמאַכט אַ לייכטע בעוועגונג מיט די פּלייצעס.

עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ ניי געיעג. איצטער איז צווישען אַנדערע גע־פֿאָהרען ווילוש אויף בעקינגהאַמען. מען האָט נידעריגער אַראָפּגעלאָזט די באַר־יערען — ווי עס איז פֿריהער געוועזען. פֿריילין ריטאַ איז געשטאַנען אין דער לאָזשע אַנ׳אומרוהיגע, געציטערט און געזייהט דורך די ציינער:

— בוקינגהאַם וואָלט זיך געקענט אַנ׳עצה געבען מיט דעם העכערען באַריער, אָבער נישט מיט ווילושן. מיט איהם קען ער האָבען טרעסטקאַס סוף.

די גאַנצע צייט איז זי געשטאַנען אַרויסגעבויגען, און פֿאַר יעדען שפּרונג מיט׳ן פֿערד האָט זי געקרימט איהר פּנים, ווי פּיהלענדיג אַ פֿיזישען וועהטאָג. דאָס געיעג האָט זיך אָבער איינגעגעבען. ווילוש איז דרייסט געפֿאָהרען מיט אַ גוטער מינע, וואַרפֿענדיג קרומע בליקען אויף דער לאָזשע, וואו סטעפּע איז געזעסען. ער האָט געקעמפּט אונטער איהר פּאָהן אַוויצוזאָגען.

ווען דאָס געיעג האָט זיך געענדיגט האָט ריטאַ אָפּגעאָטעמט.

— האַ, וואָס! ווילוש האָט שאַנסען! עס איז מיר אַ ביסעל אַ שאָד די העכערע באַריערען, אָבער זיי בייקומען האָבען נאָר געקענט די גוט אויסדרע־סירטע פֿערד פֿון וואַלדעמאַרן. ער בעקומט אָהן ספק אַ גאָלדענע מעדאַל.

— און איהר? — האָט סטעפע אַ פרעג געטין.

פלוצים האָט זיך דערהערט אַ פראַנצויזישע נעבען לעם זייער לאָזשע. גלייכצייטיג האָט דערהערט אויך אַ פרעהליכער קאָקעטישער געלעכטער.

סטעפע האָט אַ קוק געטון אין יענער זייט.

אַ יונג מעדעל, אַ הויכע וואונדער-שענע ברונעטקע אָנגעטון זעהר פיין איז געגאַנגען פערביי די לאָזשען אין דער געזעלשאַפט פון איין עלטערען הער און צוויי יונגערע. אין איינעם פון זיי האָט סטעפע דערקענט דעם פירשט זאַניעצקי, פריילין ריטא האָט זיך אויך אַרויסגעבויגען און פלינק זיך צוריקגעצויגען, פער־בייסענדיג די ליפען.

— די באַרסקאַ איז עס מיט איהר פאָטער — האָט זי אַ שעפטשע געטון צו סטעפען.

ביידע האָבען זיך אַריינגעצויגען אין דער טיף פון דער לאָזשע. די יונגע גרעפין איז געגאַנגען אַרויף אויף די טרעפען.

בעגריסט האָבען זי — די ערשטע, די פרוי אידאַליע מיט גרויס מתיקות, די פירשטין פאָדהאַרעצקאַ — איידעל אָבער ערנסט, לוציע קאַלט. עטליכע הערען פון די שכנדיגע לאָזשען האָבען זיך אויפגעהויבען פון די ערטער, געהענדיג אַנטקעגען מיט שאַבלאָנישע שמייכעלעך זי צו בעגריסען. די יונגע גרעפין האָט טריומפירט. פריילין ריטאַ האָט זיך איינגעבויגען צו סטעפען, און מאַכענדיג זיך כלומ־שט, אַז זי זעהט קיינעם נישט, אַז, הערט גאָרנישט, האָט זי געזאָגט:

— איהר זעהט דעם עולם? א, איהר זעהט? קוקט זיך נישט אַרום. הא, וואָס? די פערד געהען גוט? הערט זיך איין, ווי אידאַלקע האָט זיך עס צוגעזאָגט... ווי פאַר אַן'איינגענעם זון. פיינע אויסגעצייכענטע פערד!.. זאָל זי זיך מיט איהר פרעהען — עס וועט זיך אָבער פון דעם אויסלאָזען אַ בוידעם.. אַך, די אויסשטעלונג!..

סטעפע האָט זיך פרעהליך צוגעהערט, און אַריינפאַלענדיג אין דעם זעלבען טאָן, האָט זי אויך אויף ריטא'ס אופן געענטפערט. ביידע האָבען זיי אויסגעזעהן, ווי שטאַרק פעראינטערעסירטע מיט דער אויסשטעלונג.

די יונגע גרעפין אָבער איז שוין אָבער, בעגריסענדיג זיך, צו נאָהנט צוגעגאַנגען. ווייטער נישט צו בעמערקען זי איז געווען אונמעגליך. דערהויפט נאָך, נאָך דעם, ווי דער גראַף באַרסקי האָט אויסגערופען אויפ'ן קול:

— אַך, מאַדמואַזעל מאַרגעריט! באָנזשור! איך האָב בעוואונדערט בוקינגהאַמען! אַ פראַכטפול פערדל!

פריילין ריטאַ האָט אויסגעצייכענט אַרויסגעוויזען כלומרשטע פער־וואונדערונג.

— וואו איז דער גראַף געווען? איך האָב איהם נישט געזעהן אין די לאָזשען.

— מיר זענען געווען אין דער לאָזשע ביי דער טריבונע פֿון דעם זשורי. מעלאָניאַ איז אויך דאָ, אָט איז זי.

בעת די ביידע פֿריילין האָבען זיך בעגריסט האָט דער גראַף קרום גע־קוקט אויף סטעפֿען, נישט וויסענדיג ווער דאָס איז און ווי אַזוי ער דאַרף זיך בנוגע איהר פֿערהאַלטען. פֿון זיין אוננאַנגענעהמער לאַגע האָט איהם דאָס פֿריילין ריטאַ בעפֿרייט:

— גראַף באַרסקי.. פֿריילין רודעצקאַ.

פראָ פֿאָרמאַ האָט דער גראַף בעגריסט סטעפֿען, ווי אַ פערזאָן פֿון דער „געזעלשאַפֿט" — זי איז איהם אפֿילו געפֿעלען געוואָרען, נאָר ער האָט זיך אַלץ געפרובט דערמאָהנען פֿון וואַנען שטאַמט זי. ער האָט פֿאַרקנייטשט דעם שטערען און פֿאַרטיפֿט זיך אין עראינערונגען די יונגע גרעפֿין מיט סטעפֿען האָט פֿריילין ריטאַ אויך בעקאַנט געמאַכט אויף אַזאַ אופֿן, עס זאָל זיך נישט דערוועקען קיין חשד, די יונגע גרעפֿין איז אויך געווען זעהר אויפֿגעלייגט און פֿרעהליך, הגם זי אויך האָט אין דעם מאָמענט געטראַכט אויף סטעפֿע: ווער קען עס זיין. קודם כל האָט איהר נישט געשמעקט די שענקייט פֿון סטעפֿען.

עס האָט זיך ענטוויקעלט אַ לייכטער איידעלער שמועס מיט אַ געגענזייטיגער פֿעראינטערעסירונג אָבער מיט אַ קנאַפּער סימפּאַטיע פֿון איינעם צום אַנ־דערען. דאָס וואָס די הערען האָבען זיך צוריקגעקעהרט פֿון געיעג־פּלאַץ האָט געשאַפֿען אַן ענדערונג אין טאָן. די גרעפֿין האָט זיך איינגעאַנצען צו זיי געווענדט; וואַלדעמאַר האָט געהאַט ערפֿאָלג. מען האָט איהם הייס גראַטולירט, ער האָט זיך אָבער מיט דעם נישט איבערגענומען. לסוף איז ער אַריינגענומען געוואָרען אין דער געזעלשאַפֿט פֿון דער גרעפֿין, און זי האָט איהם שוין נישט אָפּגעלאָזט. טרעסטקאַ האָט זיך אַוועקגעזעצט נעבען סטעפֿצ'ן און ריטאַ'ן.

— אַלע לויבען אין טאָג אַריין דעם הער מיכאָראָווסקי, וואָלט איהר כאָטש צו מיר געזאָגט אַ גוט וואָרט — האָט ער זויער אַ זאָג געטון, אין אַ שפּאַס פֿלומרשט.

פֿריילין ריטאַ האָט אַ ציה געטון מיט די פּלייצעס. סטעפֿע האָט איהם אָנגעהויבען צו דערווייזען, אַז ווען נישט זיין אומגליקליכע טרעמע, וואָלט ביי איהם אַלץ געווען אין דער בעסטער אָרדענונג.

— אָבער אויסגעזעהן האָט איהר גאָר נישט שלעכט! — האָט זי פֿאַרפֿנייגט מיט אַ קאָמישער ערנסטקייט.

— נישט שלעכט! אַ דאַנק פֿאַר דער לאַסקע, עס איז פֿאַר מיר אַ קיאַ־פּער קאָמפּלימענט.

— איך האָב נישט געהאַט אין זינען אייך צו קאָמפּלימענטירען.

— איהר זאָגט מיר דעם ביטערען אמת. איהר זענט אָבער שטענדיג אויפֿ־ריכטיג, און מיר איז דער אמת ליבער פֿון פֿאַלשע לויבען, מיט וועלכע עס האָט מיך בעגעגענט די גרעפֿין פּאולאַ, ווינקענדיג צו דעם אייזעל, צו דעם וויהער'ן. צום טייוועל! איך דאַרף דאָך נישט האָבען איהר פּראָטעקציע!

— איהר הויבט אָן צו ווערען אונערטרעגליך, הער גראַף!

— פּאַרדאָן! איך האָב געעפענט מיין אַלטעגליכען ווערטערבוך, פערגעסענדיג, אַז איך געפין זיך דאָ אין אייער געזעלשאַפט. פּאַרדאָן!

דער גראַף באַרסקי האָט אַכטונג געגעבען אויף די רעדענדיגע, און אָנטרעפענדיג אַ ריכטיגע מינוט, האָט ער אַ פרעג געטון ביי זאַניעצקין, אַ פינטעל טועענדיג מיט אַנ'אויג אויף סטעפען:

— ווער איז די?..

— די לעהרערין און די קאָמפּאַניאָנקע פון דער קליינער עלזאַנאָווסקאַ, מאַדמואַזעל סטעפאַניאַ רודעצקאַ.

דער גראַף איז געוואָרען מלא חימה. זיינע גרויסע אויגען זענען בלייך געוואָרען פאַר כעס:

— אַ לעהרערין?.. ווייטער דער דאָזיגער ריטאַ'ס אַנ'אויפטו? וואָס איז עס אַזוינס?

זאַניעצקי האָט מיט אַ שמייכעלע אַ שעפּטשע געטון צום גראַף:

— זי ווערט זייער געאַכטעט. בעזונדערס ביי דעם אַלטען מיכאַראָווסקין און.. ביי דעם יונגען.

באַרטקי האָט אַ וואָרף געטון אויף זאַניעצקין אַ פּאָר פלינקע אונרוהיגע בליקען. די שטאָלצע ליפען פונם מאַגנאַט זענען פערקרימט געוואָרען אין אַ גרימאַסע.

— מיר דוכט זיך, אַז פון אַלע! ווי מיאוס! פון וואַנען איז זי?

— אַ טאָכטער פון עפּיס אַ בירגער פון קעניגרייך.

— אַך! אַ שליאַכטשיץ אויפ'ן גרעניץ איז גלייך צו אַ וואַיעוואָדע? עס זענען שוין פערביי די צייטען אין פאַקטיש זענען זיי קיינמאָל נישט געוועזן.

— אָבער זי איז דאָך גאָר נישקשה.

— איך זאָג נישט. אָבער די ריטא..

דער גראַף האָט זיך פערקרימט, נישט פערענדיגענדיג זיין געדאַנק, אַז דאָס פריילין ריטא האָט געמאַכט אַ גרויסען פעהלער, בעת ד"ר פאַרשטעלונג. מען קען האָבען צווישען זיך פערשידענע „פרעמדע" פערזאָנען. דערהויפּט אין אַנ־עפענטליכען אָרט; מען דאַרף אָבער שטענדיג וויסען — ווער וואָס עס איז. דער גראַף האָט געמאַכט אַ בעוועגונג מיט דער האַנד, ווי זאָגענדיג:

— איבעריגענס קען מען אַזוינס נישט פאָדערען ביי די שעליגאַס.

און ער האָט טריומפירענדיג אויפגעהויבען זיין קאָפּ אין דער הויך.

XXVII.

תיכף נאָך די געיעגען האָט מען אָנגעהויבען צו פערטיילען די פּרייזען. פאַר אַ שענעם פּאַווילאָן האָט אַ הויכער שטאָט־בעאַמטער אויסגערופען די נעמען פון די אויסגעצייכענטע אויף דער אויס־

שטעלונג, און דערנאך האט מיט געהעריגע רעדעס איבערגעגעבען די פרייזען. דער ארקעסטער האט אויפגעשפילט טוש. וואלדעמארס פערד האבען בעקומען א גילדערנעם מעדאל, וואס איז איבערגעגעבען געווארען דעם אינהאבער מיט אנ׳אויסערגעוועהנליכער איידעלקייט און מיט א צולאג פון זיסע ווערטער און שמייכלען.

דער הויכער בעאמטער האט גוקענט גיט די מלאכה פון צופאסען די ריכטיגע ווערטער און פין געהעריגע זשעסטען. פריילין ריטא האט בעקימען א זילבערנעם מעדאל, פערצוקערט מיט זיסע פראזען און מיט ענטשפרעכענדע שמייכלען. די בעשיידענערע אויסשטעלער האבען בעקימען קלענערע אויסצייכענונגען, אויך, פערשטעהט זיך, אויף אנ׳איידעלען אופן אבער מיט וועניגער מתיקות׳דיגע רעד.

אין אווענט נאכ׳ן קאנצערט, האבען זיך אין דער פרעהליכער רעסטאראציע פון האפמאנען צוזאמענגעקליבען עטליכע מאגנאטען.

דער העל-בעלויכטענער זאל איז פול געווען מיט רויך פון ציגארען און מיט דעם ריח פון וויינען, א ציגיינער-ארקעסטער האט געשפילט ווילדע רוישענדיגע מעלאדיען. די קלאפערייי פון קאסטאניעטען און די הונט פון ברוין-געזיכטיגע שפאניערינס האט זיך צוזאמענגעמישט מיט שרייענדיגע שטימען פון די ציגיינערשע זינגעריגס. די פארביגע קאסטיומען, די ברענענדע אויגען, די אויסדעקאלטירטע קליידער פון די פרויען, די וויצען די געלעכטערס האבען צוגעגעבען דעם געזעמעל פון די מענשען אנ׳אויסזעהן פון א גהינום-פאדער-שטיבעל.

אין איינעס פון די קאבינעטען איז ביי א פארטעפיאן געזעסען בראכוויטש, און מיט אנ׳אויסערגעוועהנליכער זשעסט-קולאציע אויסגעשפילט „מאלגאזשאטקע“, האט ער געטרייסעלט מיט׳ן קאפ און מיט דער צושויבערטער טשופרינע; בעיז שענע טונקעלע אויגען האבען איהם געלאכט, און די ווייסע צייהנער האבען פרעהליך געגלאנצט.

פלוצלונג האט ער זיך ארומגעקיקט און אויסגערופען:

— טרעסטקא. אין כאר אריין!

דער יונגער גראף איז פאמעליך צוגעגאנגען, אוועקגעשטעלט זיך ביי׳ם פארטעפיאן, פערפעסטיגט די ברילען, און א פערקוקטער אין איין ווינקעל פונ׳ם זאל האט ער געמאכט אזא בעוועגונג אינ׳ם האלדז פונקט ער וואלט פעריכט דארטען עפיס א פערבארגען מאשינדעל.

בראכוויטש האט זיך פונאנדערגעלאכט.

— ס׳? דער אפאראט איז פערטיג?

— יא! נא! הויב אן — האט טרעסטקא א ברום געטון.

„מאלגאזשאטקע, ס׳לוינט זיך דיך צו ליבען,
„מאלגאזשאטקע, שיינסט, ווי זונען זיבען!
„מאלגאזשאטקע, גלויב מיין ליבע, גלויב!“

— כאַ כאַ־כאַ! — האָבן אַלע אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ געלעכטער.

— וואָס איז עס? — האָט זיך אַרומגעקוקט דער באַלײדיקטער בראָכאָוויטש.

— צו וועמען טרינקט איהר עס אַזוי, פאַניע טרעסטקאַ? — האָבן זיך אַ שאָט געטון פראַגען.

טרעסטקאַ האָט זיך אָנגעבלאָזן:

— וואָס הייסט? — איך זינג מאַלגאָזשאַטקע, איהר האָט דען נישט געהערט?..

— בראַוואָ! בראַוואָ! יורעק האָט גאָרנישט געקענט קיין בעסער ליד פאַר אייך צופּאַסן.

— וואָס הייסט? — האָט זיך בראָכאָוויטש פאַרוואונדערט. פּלוצלונג האָט אָבער אויך ער אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ געלעכטער

— אַך, אמת! וואונדערבאַר! ווייטער. מיר זינגען, טרעסטקאַ.

ער האָט אָנגעהויבן אונטערצוזינגען:

— מאַלגאָזשאַטקע — מאַרגעריטקע — ריטקע..

— ביים משוגע געוואָרען — האָט טרעסטקאַ אויסגעשאָסן.

— דו האָסט דאָך מעהר־ווייניגער דאָס זעלביגע געזונגען.

— טרעסטקאַ איז ברוגז'ע׳הייד אַוועק אין דעם ווינקעל, וועלכען ער האָט פריהער אַזוי אויסגעקוקט

— משוגע געוואָרען — האָט אַ ברום געטון ווילוש שעליגאַ.

מען האָט נאָך אַלץ געלאַכט.

— וואו איז מיכאַראָווסקי? ער האָט דאָך צוגעזאָגט צו קומען - האָט זשניו אַ פרעג געטון.

— ער פערשפּעטיגט זיך. האַ! איטליכער האָט זיך זיין מאַלגאָזשאַטקע — האָט בראָכאָוויטש אַרויסדעקלאַמירט.

— לאָזט צורוה, וואָרום ווען ער דערהערט עס... — האָט זיך זשניו אַרומגעקוקט.

— וועט ער אייך אָנזייפען די אויערן שוין פאַר מיר אויך — האָט אַרויסגעברומט טרעסטקאַ, נאָר מען האָט איהם נישט דערהערט.

— איהר וועט פונדעסטוועגען מסכים זיין, אַז אין דער סטעפּציע שטעקט אַ טייוועלע. אין איהר ברענט עפּיס ממש — האָט זיך בראָכאָוויטש אָפּגערופען.

זשניו האָט אויפגעהויבען אַ פינגער, און שאָקלענדיג מיט איהם, ווי דראָהענדיג עמיצע האָט ער אַ זאָג געטון בעטאָנענדיג:

— דאָס איז אַן עסענציאָנעלע מעדעל, נאָר זי ערלויבט זיך לײדער נישט צו מעסטען די טעמפּעראַטור פון איהרע פלאַקערדיגע אויגען.

— און אפשר וואָלט זי די טעמפּעראַטור ערלויבט צו דערהויבען — האָט אַ זאָג געטון דער באַראָן ווייהער.

— אַלענפאַלס נישט אייך — האָט זיך ווילוש אָנגענומען.

— נאָ!.. און אויך נישט אייך.

— צו דער דאזיגער כעמיע האט מיכאראווסקי צום מערסטען פעהיגקייטען.

— און שאנסען, בעט איך צוגעבען.

— מיינע הערען — האט זיך בראכוויטש אפגערופען — די בעמערקונגען וועגען דער פויליין סטעפאניע ראט איך צו פערענדיגען. איידער מיכאראווסקי וועט אריינקומען, א נישט קען זיך די טעמפעראטור אין קאבינעט אזוי אויפהויבען, אז איהר זאלט אלע אין אש פערוואנדעלט ווערען.

— צי האט עס א.חס דען אזוי דורכגענומען,? — האט זאניעצקי א פרעג געטון.

— ער שטארבט נאך איהר! דערביי נעהמט איהם איהר שטאלץ אויפ'ן האטשיק. דאס איז א פרינצעסין אין א שליאכעצקע פעלעכל.

— פונדעסטוועגען זעה איך נישט אין זיי א וויכטיגע סיטואציע.

— מיכאראווסקי וועט זי שוין אליין, אהן אייער הילף, אויסגעפינען און אויסמאלען אין אזא קאליר, אין וועלכען ער וועט וועלען.

— אלא פאמפאדור. אמת?

דער יונגער פירשט גירשטארף איז אין כעס געווארען.

— וואס רעדט איהר דארט! אויף וויפיל איך קען דאס פרייליין רודעצקא וועט זי נישט ווערען זיין „געליבטע“, און מיכאראווסקי ווידער וועט מיט איהר נישט חתונה האבען.

— אויף וויפיל איהר קענט איהם! — האט בראכוויטש אונטערגעכאפט אויפהויבעדיג די ברעמען.

— אויף דאס ערשטע בין איך מסכים, אבער וועגען דעם צווייטען איז נאך א פראגע. מיכאראווסקי איז אנ'אייזערנע קאסע, וואס איז קונציג צוגעמאכט. עפענען איהם, אהן זיין אייגענער הילף, איז פאר אונז אונמעגליך, און נאך אונמעגליכער איז צו דערגעהן, וואס ער טראגט אין זיך.

— אויב ער איז אנ'אייזערנע קאסע, דארף ער קענען אויסהאלטען די שרפה פון סטעפעס אויגען — האט טרעסטקא א זאג געטון.

— זי וועט איהם אדורכברענען - האט בראכוויטש א ברום געטון — א הימעלשע, א צניעה'דיגע, אבער אין די אויגען טראגט זי א שר פון דעם געפעהרליכסטען מין שדים. אזוי, א געוועהנליכער קאקעטירענדיגער טייוועל וואלט נישט געפונען קיין ווידערקלאנג אין מיכאראווסקין.

זשנין האט אויפגעהויבען דעם קאפ. א שאקעל געטון מיט איהם בעשטעטיגענדיג די ווערטער, און א זאג געטון מיט איבערצייגונג:

— א, א טעמפעראמענט האט די סטעפע שוין איין מאל! דאס, וואס זי איז א פרינצעסין איז נאך בעסער. דער גרעסטער תענוג איז אראפצונעהמען די דאזיגע קרוין. אזא דעטראניזאציע האט אייגענשאפטען פון שאמפאניער! ווען איך וואלט געוואוסט, אז עס וועט זיך מיר איינגעבען, וואלט איך געוואלט בלייבען בודאי איהרער א פאזש. בעשיידענע פאסטענס ברענגען אמאל צו גרויסע

גענוסען... וואָס פֿרעסט איך מיך אַזוי מיט די אויגען? — האָט ער אַ פֿרעג געטון, באַמערקענדיק די אויפֿגערעגטע מינע פֿון ווילוש'ן.

— איך וואַרט ביז וואַנען איהר וועט ענדיגען אייער דרשה וועגען דער פֿרײַלײַן סטעפֿאַניאַ — האָט דער סטודענט האַרט אָפּגעענטפֿערט.

— וואָס אַרט עס דען אייך? ע׳, הער ווילהעלם! איהר האָט אַ מינע, פּונקט איהר וואָלט געווען מיין קאָנקורענט אויף דער דאָזיגער שטעלע. נעהמט זיך אַזוי נישט איבער וואָרום מיר זענען גרייט צו קלעהרען, אַז איהר זענט פֿאַרליבט אין דער פֿרײַלײַן סטעפֿאַניא

בראָכוויטש האָט אויפֿגעהויבען די הענד.

— איהר האָט ענטדעקט אַמעריקאַ! — האָט ער אויסגערופֿען מיט אַ וויציגער מינע — איהר האָט פֿיינע איינפֿאַלען! פֿערשימעלטע אמת׳ן נעהמט איהר אָן פֿאַר אייער ענטדעקונג, און איהר פֿערלויפֿט נאָך אין דער צוקונפֿט.

זשנין האָט זיך פֿונאַנדערגעלאַכט.

— אַך, אַזוי! בראַוואָ, הער ווילהעלם! אַנערקענען דאַרף מען פֿונדעסטוועגען, אַז איהר האָט אַ גוטען געשמאַק. אויב די שאַנסען וועלען אויך זיין גלייכע..

— שטיל.. מיכאַראָווסקי! — האָט טרעסטקאַ אַ שעפּטשע געטון.

ווילוש האָט זיך איראָניש פֿונאַנדערגעלאַכט.

— זוכט, מ נע הערען, נייע טעמאַטען צום וויצלען זיך, דער דאָזיגער געהט שוין אַרויס פֿון קורס.

וואַלדעמאַר איז אַריין מיט אַ גיכען, עלאַסטישען טריט, און האָט זיך פֿלינק אַרומגעקוקט.

— ווילט איהר זיך עפּיס גוט? — האָט ער פֿרעהליך אַ פֿרעג געטון.

— נישט שלעכט! — האָט בראָכוויטש אויסגערופֿען.

— וואָס זשע זיצט עפּיס טרעסטקא, ווי אַ פֿערגאַלוואַניזירטער?

— ער איז בעלעדיגט אויף די עקספּערטען, וואָס האָבען איהם נישט פֿאַר די קעלבלעך און בייקלעך מהנה געווען מיט אַ גאָלדענע מעדאַל — האָט בראָכוויטש געזאָגט.

זשנין האָט איהם אָבער איבערגעשלאָגען:

— ניין, די סיבה איז אַן אַנדערע. דער גראַף טרעסטקאַ האָט נאָר וואָס געזונגען די „מאַלגאָזשאַטקע" און דער אינהאַלט פֿון דעם ליד האָט איהם געשטויסען אויף רעיונות...

— איהר האָט געזונגען די „מאַלגאָזשאַטקע"? — האָט מיכאַראָווסקי מיט אַ שמייכעל אַ פֿרעג געטון — זעהר טרעפֿלעך!

טרעסטקאַ האָט אין איהם אַריינגעשטאָכען אַ פּאָר בייזע אויגען.

— און וואָס האָט איהר עפּיס געטון אַזוי לאַנג? — האָט ער געפֿרעגט.

— איך?.. כ׳בין געווען אויף דער אויסשטעלונג. סאַלאַמאַנדראַ איז קראַנק

געווען דער וועטערינאר זאגט, אז פון צופיל אנשטרענגונג — האט וואלדעמאר לאפענדיג צוגעגעבען.

בראכוויטש האט א פאטש געטון מיט די הענד.

— זעלבסטפערשטענדליך! טרעסקא האט זי געמאכט נערוועזיש קראנק: זי וועט נאך אהן ספק ווערען היסטעריש. אנקוקענדיג זי, ווי זיי זענען געפלויגען בעת'ן בעיעג האט מיך פערדראסען, וואס איך געפין זיך נישט אין דער הויט פון דער קליאטשע: פאר כעס וואלט איך געמאכט א בעוועגונג, וואס וואלט טרעסטקאן אריבערגעווארפען אריבער די באריערען, אפילו אריבער דעם היפאדראם און כ'וואלט איהם אריבערגעשליידערט אין דער לאזשע פון דער פריילין ריטא.

— נו, יורעק! לאז געמאך! — האט וואלדעמאר געזאגט — איך מוז אייך אויפמערקזאם מאכען אויף איין פאקט פון דעם היינטיגען טאג, וואס האט מיך פון אייביג אן אויפגעבראכט. אבער וואס איז עס? איהר האט דא קיין ווין נישט?..

— אמת טאקי! מיר האבען נאך נישט געטראכט וועגען דעם.

— העי, קעלנערס! — האט וואלדעמאר אויסגערופען.

ער האט זיך געווענדט צו די קאלעגען:

— איהר וועט עפיס עסען?

זיי האבען זיך איינע די אנדערע אנגעקוקט.

— ניין, נישט! מיר זענען שוין נאכ'ן אוונדברויט.

— איך וועל עסען אויסטערען — האט בראכוויטש געזאגט.

— עס מעגען זיין אויסטערען און אמארען.

— אויסטערען, אמארען און שאמפאניער! האט וואלדעמאר בעפוילען דעם לאקיי.

בראכוויטש האט א ציה געטון וואלדעמארען פאר'ן ארבעל און איינגערוימט:

— וואלדי, קוק זיך נאר צו צו די ציגיינערקעס, פיקאנטע, הא? דערהויפט די, מיט די אויגען, ווי וואולקאנען! און די שפאניערינס? מגיא, מגיא! גא, האפמאן האט זיך דאס מאל אויסגעצייכענט! ערשטקלאסיג סחורה!

— וואלדעמאר האט געווארפען א בליק דורך דער האלב-אפענער טיר, און לייכט א ציה געטון מיט די פלייצעס.

— שטרויענע פאפוגעס! — האט ער א זאג געטון, טיילענדיג די חברים זיינע ציגארען.

בראכוויטש איז אין כעס געווארען.

— ביזט, צום טייוועל, צו לאקאניש!

עס איז אריין דער פירשט זאניעצקי דער פאטער, דער גראף מאריקאני, דער איידעם פון דער פירשטין פאדהארעצקא און דער פירשט פראנצישעק פאדהארעצקי. נאך זיי גלייך איז מיט א מאיעסטעטישען שריט אריין דער גראף בארסקי. מען האט אריינגעטראגען שאמפאניער און עטליכע הערען זענען צוגע-

גאַנגען צום טיש. מיכאַראָווסקי האָט אויסגעטרונקען אַ כּוס מיט ווײַן, און זיך אַ וואָרף געטון אויפ׳ן פאָטעל. שווייגענדיג האָט ער געראויכערט אַ ציגאַר.

די מוזיק האָט שטורמיש און ווילד געשפּילט אין זאַל.

— איך קעהר זיך אום צום פריהערדיגען — האָט מיכאַראָווסקי געזאָגט — צי האָט איהר מײַנע הערען, הײַנט בעמערקט אַ מאָדנעם פאַקט בעת׳ן פונאַנדער־טײַלען די פּרײַזען? וואָס האָט איהר בעמערקט?..

— די זיסע מינע פונ׳ם גובערנאַטאָר, ווען ער האָט פערטײַלט די מעדאַלען, און די פערוואונדערטע אויגען פון טרעסטקאַ, ווען מען האָט איהם גאָר ניט געגעבען — האָט בראָכוויטש געזאָגט

— דער גראַף טרעסטקאַ האָט בעקומען אַנ׳אויסצייכענונגס־ליסטע אויף ווי־פיל איך ווייס — האָט דער פירשט זאַניעצקי אַריינגעוואָרפען.

— הא! הא! הא!

וואַלדעמאַר האָט אַרויסגעלאָזט אַ קנויל מיט רויך.

— שפּאַסט ניט! די טושען האָבען אָבער אייך ניט געוואונדערט?

דער פירשט גירשטאָרף האָט זיך אָפּגעווענדעט פון טיש.

— די טושען? יאָ טאַקי! זיי האָבען אַ ביסעל צו פיל אויסגעטײַלט די טי־טולירטע אויסשטעלער.

— אָבער דאָס איז דאָך אַ סקאַנדאַל! — האָט וואַלדעמאַר היציג אויסגערופען. — אַזאַ בעהאַנדלונג טאָר ניט טאָלערירט ווערען. עס איז אַ קלײַניגקײַט, אָבער זי זאָגט עדות וועגען אײַנזײַטיגקײַט. איהר האָט געהערט, מײַנע הערען? ווען עס פלעגט בעקומען אַנ׳אויסצײַכענונג עמיצער פון אונזער ספערע, אָדער פון דער פּלוטאָקראַטיע אפילו — פלעגט דער אָרקעסטער אַלץ פערהילכען, און די טושען זענען לאַנג און שען געשפּילט געוואָרען ווי נאָר אָבער עס פלעגט בעקומען אַנ׳אויסצײַכענונג עמיצער פון די אינדוסטריעלער פון די מעהר בעשײַדענע, פון די קלײַנבירגער, אָדער פון די ווייניגער בעקאַנטע אויסשטעלער פון וואַרשא, האָט מען קוים־קוים געהערט שפּילען די טושען, אָדער מען האָט גאָר אינגאַנצען פערשוויגען. דאָס איז אַ חרפּה! דאָס איז די שולד פון דער אָרגאַניזאַציע! וואָס איז עס, צום טײַוועל? וואו איז עס געהערט געוואָרען מען זאָל מאַכען אַזעלכע אונטערשײַדען? אָדער מען איז אַן אויסשטעלער, אָדער מען איז ניט קיין אויסשטעלער. אויב עמיצער האָט זיך אויסגעצײַכענט און בעקומט אַ פּרײַז — דאַרף דער טוש געשפּילט ווערען אויפ׳ן זעלבען שטײַגער מיכאַראָווסקין און אַ ליאַרען דזיורדזשאַלסקין אָדער לאַפּצאַקיעוויטשן. דאָ האָט מען ניט געדאַרפט מאַכען קיין שום חילוק, ווער רעדט גאָר — שרײַענדיגע אונטערשײַדען. די דאָזיגע אַלע הע־רען, וואָס זענען געקושיוודעט געוואָרען וועלען זיך, פערשטעהט זיך, פאַר קײַנעם ניט בעקלאָגען, מחמת עס איז אַ קלײַניגקײַט, זיי וועלען אָבער בלײַבען אונצו־פרידען. זיי וועלען מורמלען, און די מעהר וויציגע וועלען אונז נעהמען אויף זײַערע מײַלער. זיי ווײַסען, אז אין דעם אָרגאַניזאַציאָנס־קאָמיטעט געפינען זיך

צום מערהרסטען מיטגלידער פון אונזער ספערע, דאס זעהט אויס, ווי א גרינגי-שעצונג, און פאר די אויסשטעלער איז עס קנאפ אנציהענד. איך האב וועגען דעם גערעדט מיט׳ן פרעזעס, אבער..

וואלדעמאר האט אויפגעהויבען די ברעמען.

— אפשר נישט אמת? — האט זיך אפגערופען דער יונגער גירשטארף — דער גראף מארטענסקי איז אן׳אנשטענדיגער אלטיטשקער, אבער ער זעהט נאר אויף א מעטער ווייט פון זיך, און הערט אויף עטליכע אונצען. מיין פאטער קאן איהם גוט.

מיכאראווסקי האט א ציה געטון מיט די פלייצעס.

— ס׳איז אמת! דערביי קוקט דער גראף אין אונזער ספערע, ווי אין א שפיגעל, נישט אכטענדיג אויף די ראהמען.

— וואס הייסט? — האבען א פרעג געטון עטליכע שטימען.

— גאנץ געוועהנליך: דער גראף שטיצט אונטער די אויסשטעלער פון דער אריסטאקראציע, נישט ארומקוקענדיג זיך אויף אנדערע, די צאהל פון וועלכע עס איז א סך גרעסער, ער גיט נישט קיין אכטונג אויף די קליינע גוט-בעזיצער, אויף די אינדוסטריעלער, אויף די מיעשטשאנעס און אויף די פויערים. מיר זע-גען דער שפיגעל — גוט, אבער דאס זענען דאך אונזערע ראהמען: אהן זיי זענען די שפיגלען וועניגער ווערט. אהן די דאזיגע מאסען וואלטען מיר נישט עקזיס-טירט! און איצט, אנשטאט זיי צוצוציהען צום פראגרעס — בעולה׳ט מען זיי אויף די אויסשטעלונגען, וואס ווערען צו דעם ציועק ארגאנזירט. אט האבען מיר אזא ביישפיל מיט דעם פויער פון לובלינער קאנט. דאס וואס ער האט נישט בעקומען קיין גאלדענע מעדאל פאר זיינע ביהנשטאקען, איז א שרייענדיגע אומגערעכטיג-קייט, דאס איז כמעט א רציחה! אן׳אויסצייכענונגס-ליסטע דארטען, וואו מען האט פאקטיש געזאלט ארויסגעבען פאר דעם פויערשען פראדוקט און פאר די גוטע רעזולטאטען א גאלדענע מעדאל! דאס ציהט נישט צו, נאר אזא ארט האנד-לען שטויסט אפ און פערמינערט דער פראגרעס.

מיכאראווסקי איז צוגעגאנגען צום טיש, ארופגעטרייסעלט דעם אש פון ציגאר, און אויסגעטרונקען אויפסניי א גלאז שאמפאניער.

— אויסגעצייכענטע אויסטערן! איהר וועט נישט א פרוב טון? — האט זא-ניעצקי געפרעגט.

— א דאנק!

— וואלדי, גיב נאר א שלונג אראפ אן׳אמאר... איך זאג דיר, שלינג אראפ! — איז בראכוויטש צוגעשטאנען.

— און איך רעקאמענדיר די אויסטערלעך — האט געטענה׳ט שווירקא, אן׳אלטער בחור, וואס האט זיך תמיד נאכגעשלעפט נאך דער אריסטאקראציע, און קיינמאל נישט אדורכגעלאזט די מעגליכקייט צו אן׳עסען און אן׳טרינקען זיך כרבעי.

— אין ווערקאַמענדיר די אויטאָריטעטן — האָט ער געזאָגט, אריבערגעבויגן איבערן טעלער — גראַבינקע, פּעטינקע, ליבינקע, געשמאַקינקע, אמת'ע צאַצקעלעך. אַדרבא זייט נאָר טועם טעם איינע... אָט די שטיפּערקע! אָך ס'אַרא רייצענדע! נאָך איהר וועט איהר שוין בעקומען אַפּעטיט צו די איבעריגע.

— לאָזט זשע מיר צורוה מיט אייערע אויסטערן! — האָט וואַלדעמאַר אונגעדולדיג געענטפערט.

— עפּיס איז מיט איהם געשעהן! פֿער'קבצנט געוואָרען! — האָט מראָכוויטש געטענה'ט שכור'ערהייד.

דער פֿירשט זאַניעצקי, וואָס האָט נישט געטרונקען קיין סך ווייַן, און וואָס האָט זיך אָבער שטאַרק געזאָרגט פֿאַר'ן זוהן, וועלכער איז אַרומגעגאַנגען מאָדנע פֿערחלומ'ט — האָט זיך דערנעהנטערט צו וואַלדעמאַר'ן.

— איהר זענט געווען, מיר האָבען זיך נעמאַכט קליינליך. איך האָב אָבער אייך פֿריהער געזאָגט, אַז מאָרטענסקי איז אַ מימיע — האָט ער שטילער צוגעגעבען. — ער גלויבט נאָר אין די העכערע ספֿערען, און תמיד פֿערקעהרט ער נאָר צווישען זיי.

— פֿון דאָרטען שעפּט ער טאַקי זיין מאַכט און די אונפּאָרם.

צו זיי איז צוגעגאַנגען דער פֿירשט באַרסקי.

— איין וואָרט נאָר, מיינע הערען! — האָט ער געזאָגט מיט אַ מינע, פּונקט ער וואָלט געוואָלט גרייט צו חרוב מאַכען אַ וועלט. — איך האָב געהערט, וואָס מיכאַראָווסקי האָט געזאָגט, און איך וואונדער זיך. עס מוז דאָך פֿונדעסטוועגען זיין אַ שטיקעל חילוק צווישען די פּאַטריציער און די פּלעבעער. איך רעד וועגען די טושען: לויט מיין מיינונג, איז עס זעהר טאַקטיש פֿון דעם אָרקעסטער-דירעקטאָרס זייט.

— חמור! — האָט צווישען די ציינער וואַלדעמאַר אַ ברום געטון.

— וואָס שייך די אויסשטעלער, זענען מיר אַלע גוט אָפּגעשאַצט געוואָרען: מען טאָר נישט צופֿיל אַרויסרוקען די קלענערע פּראָדוצענטען, נישט פֿערטונקלענדיג דערביי די גרעסערע.

— הייסט עס, אַז איהר געפֿינט קיין אָרט נישט פֿאַר דער עלעמענטאַרער גערעכטיגקייט, פֿאַר אַן אָביעקטיווען אורטייל? — האָט וואַלדעמאַר אויסגעפּלאַצט, — צו וואָס נוצט אויב אַזוי די עקספּערטיזע? לאָמיר אַרויסהענגען אויף דער אויסשטעלונג אַ גרויסען שילד, אין וועלכען עס וועט בעזונגען ווערען אונזער כבוד און אונזערע פֿערדינסטען, און אויף די נידעריגערע פּראָדוצענטען לאָמיר גאָר קיין אַכטונג נישט געבען. אויב אַ געמיינהייט — טאָ זאָל שוין די געמיינהייט זיין אַ פֿולקומע.

דער גראַף באַרסקי האָט נאָך העכער אויפגעהויבען זיין קאָפּ. די אויגען זיינע, וואָס זענען פֿאַר אויפרעגונג נאָך קיילעכדיגער געוואָרען האָבען זיך געווענדט צו וואַלדעמאַרן. מיט אַ מענטאָרישען טאָן האָט ער אַ זאָג געטון:

— זײַט מוחל! אַ שילד האָבען מיר שוין, און מיר דאַרפען איהם נישט אַרויסהענגען. אונזער שילד איז אונזער ספּערע. און זי דאַרף עס הערשען מיט די מאַסען. אויף דער אויסשטעלונג גיבען מיר אָרט פאַר אַלע פּראָדוצענטען, מיר קענען זיי אָפּשאַצען, און בעלוינען אָבער... אין אַ געוויסער מאָס נאָר.

— נאַרישקייטען! — האָט וואַלדעמאַר אַ ברום געטון.

— איך בין זיך מודה, הער גראַף, אַז נישט אינגאַנצען פערשטעה איך — האָט זיך אָפּגערופען דער יונגער גירשטאָרף — דאָס דאַרף הייסען, אַז מיר דאַרפען זיך רעכענען מיט'ן פּראָגרעס פון די נידעריגערע מאַסען, כדי נישט דערלאָזען זיי אויסצוגלייכען זיך מיט אונז?

— דער גראַף מוז קענטיג האָבען אין זינען יענע ראַהמען, מיט וועלכע איך האָב פערגליכען די מאַסען — האָט געזאָגט מיכאַראָווסקי — זיי, לויט זיין מיינונג, קענען נאָך, פערברייטערענדיג זיך, אונז צושמעטערן! צו פריהצייטיגע סברות זענען עס, זיי זענען אָבער גערעכטע, מחמת מיט דער קולטור פון די עפּאָכען וועלען מיר זיך איינציהען, און זיי ווידער וועלען זיך צעוואַקסען, און דאַן וועט אָנקומען אַ קאַטאַקליזם וואָס וועט דערמאָהנען אין מבול. די מאַסען וועלען אונז פערגיסען, אויב מיר וועלען נישט האָבען אַ נח, וואָס וועט פאַר דער צייט אַ טראַכט טון וועגען אַ תבה. אָבער אויך אין דעם פאַל איז עס אין אונזערע אינטערעסען צו מאַכען בעוואוסטזיניג די מאַסען, פערשפּרייטען דעם פּראָגרעס, און צוגעבענדיג זיי מוט און ווילען אפילו אין קליינינקייטען. דורך דעם וועלען מיר פערדינען די דאַנקבאַרקייט פון אונזערע ווייטערדיגע דורות, מחמת אַ כך בעסער איז דערטרונקען צו ווערען אין אַ ריין־לויפענדיג וואַסער, ווי אין אַ שמוציגער קאַלוזשע. האַנדלענדיג לויט'ן פּראָגראַם פונ'ם גראַף, וועלען מיר האָבען זעהר וועניג פערעהרער און אָהן אַ שיער שונאים, און דאָס איז פאַר אונז, ערשטענס נישט־געוואונשען, און צווייטענס — אַ סכנה.

דער גראַף האָט פערוואונדערט און גאוה'דיג געקוקט מיט אַ מינע פון אַזאַ איינעם וואָס זעהט, אַז זיין ווערק טאָטשעט אַ וואָרעם. ער האָט געקלערט, ווי אויסצוגעפינען אַזאַ מין וואָפען, וואָס זאָל צושמעטערען זיין העזה'דיגען געגנער.

גירשטאָרף האָט אינגאַנצען אַ בעפרידיגטער אַ שמייכעל געטון. שווירקאַ האָט זיך נאָך אַלץ מכבד געווען מיט די אויסטערען און געטענה'ט, טייטענדיג מיט'ן פינגער:

— יאָ, יאָ! אויסגעצייכענט! אַ מענש, וואָס קען אַזוי דרשנ'ען, דאַרף זיין אַ מבין אויף אויסטערען. . . אַך, די שטיפּערלעך, אַך, די באָבעלעך..

— עס בלייבען אַלזאָ צוויי אַלטערנאַטיווען — האָט וואַלדעמאַר ווייטער גערעדט: — אָדער בייהעלפען דעם וואוקס פון די קלענערע פּראָדוצענטען און האַנדלען מיט'ן יושר'דיגען וועג, אָדער אינגאַנצען נישט איינאָרדענען קיין אויסשטעלונגען,

— אַ צו האַרבער בעדינג! — האָט זיך אַריינגעמישט דער גראַף מאַריקאָני, אויפהויבענדיג די ברעמען, און רייבענדיג זיך די הענט.

— קיין שום פשרות קענען דאָ נישט גילטען! — האָט זיך וואָלדעמאַר געגעבען געשפּעלט, — די סיסטעם פון דעם גראַף באַרסקי וואָלט סיי ווי סיי בטול געמאַכט די אויסשטעלונגען, אַה, די שאַפינגען און אַנטייל פון די דאָזיגע מאַסען וואָלטען אונזערע אויסשטעלונגען אויסגעזעהן ווי אַ קאַרנאַוואַל, אויף וועלכען מיר וואָלטען זיך פּעו זאַמעלט מיט אונזערע פערד און מיט אונזערע אינווענטאַרען צוליב אונזער אייגענעם נוצען. מען וואָלט אפשר זעהר גוט פערבראַכט די צייט, אָבער — נישט מעהר. און די פּרייזען? געוויס וואָלטען זיי זיך געשאָטען! ווען איך וואָלט אויסגעשטעלט מיין אַלטען פאַלטען אין די אָפּגעניצטע קאַלאָשען — וואָלט איך געוויס בעקומען אַ גאָלדענע מעדאַל.

בראָכוויטש און טרעסטקאַ האָבען אָנגעהויבען צו לאַכען, דערנאָך האָט זיך טרעסטקאַ אָפּגערופען:

— מיר געפעלט די דאָזיגע סיסטעם. אויב מען וואָלט געקענט אַזוי לייכט בעקומען גאָלדענע מעדאַלען, וואָלט איך דעמאָלט אויך נישט אַרויס מיט אַ קוויטעל.

— איהר האָט בעקומען אַ אויסצייכענונגס-ליסטע פאַר די בהמות.

— מיר דוכט זיך, אַז איך האָב עס צו פערדאַנקען דעם ליבענסווירדיגען עקספּערט.

— ניין, מיין הער, ווען איהר וואָלט עס נישט פערדינט וואָלט איהר גאָרנישט בעקומען. און ווייל איהר זענט ווערט געווען אַן אויסצייכענונגס-ליסטע — האָט איהר עס טאַקי דערהאַלטען. ווען מען גיט מיר אַ גאָלדענע מעדאַל פאַר די פערד און די בהמות אומפערדינטערהייד — וואָלט איך עס אַרויסגעוויזען, אָבער ווען מען מאַכט מיר אַזאַ מין שפּיצעל, ווי דעם לובלינער פויער, וואָלט איך די עקספּערטען גוט אָפּגעלערענט.

— די עקספּערטען פון דער האָניג-פּראָדוקציע זענען געווען פרויען.

— עס זענען אויך געווען הערען! און מחמת דעם טאַקי איז אַרויסגעקומען די מיספערשטענדעניש — דער פלירט האָט געשטערט דער גערעכטיגקייט.

— צו האַרב זענט איהר! — האָט שמייכלענדיג געזאָגט זאַניעצקי.

— עס איז דאָך אָבער אַזוי! יעדערער, ווער עס וועט נאָר וועלען וועט פערשטעהן, אַז אַסך מעהר האָט אויף אַ גאָלדענע מעדאַל זיך פערדינט דער דאָזיגער פויער, ווי איך און פיל אַנדערע. איך האָב געלד, בילדונג, די קאָנטאַקט מיט דער נייער קולטור, איך קען אַרבייטען אינטענזיוו, און ער מוז צו אַלץ דערגעהן מיט דער אייגענער אַרבייט און שפּאָרזאַמקייט. דאָס איז אַן׳אונטערשייד! און דאָס מוז אויסגעצייכענט ווערען, נישט אַרומקוקענדיג זיך אויף הערבען, נעמען אין שטעלונגען.

באַרסקי האָט בעריה״ט מיט׳ן האַנד זיין האַלז, ווי פאַרויספיהלענדיג אַ

מין אַפּאָפּלעקסיע, און האָט זיך אָפּגערופֿן מיט אַ פֿערוואונדערט שעפּטשען:

— און דאָס אַלץ זאָגט מיכאַראָווסקי?... אַ מאַגנאַט?..

דער גראַף האָט געהאַט אַזאַ לעכערליכע מינע און זיין בעלעדיגטן פּאַטאָס, אַז וואַלדעמאַר האָט אַ שמייכעל געטון אונטער די וואָנסעס, און אָנצינדענדיג אַ ציגאַר האָט ער אַ ברום געטון צו זיך:

— דערזעלביגער, אָבער צום גליק בין איך נישט פֿאַר׳אידיאָטיש געוואָרען צוזאַמען מיט דיר.

דער גראַף האָט געשוויגען, מיט די אויגען איינגעפּרעסען אין וואַלדעמאַרן, און לסוף האָט ער אַרויסגעפּלאַצט:

— דאָס זענען אונערהערטע מיינונגען! באַרבאַרישע! דאָס איז אַ לעסטערונג פֿאַר די אויערן פֿון אַן׳אַריסטאָקראַט!..

וואַלדעמאַר האָט אָנגעהויבען הויך צו לאַכען. ער האָט אויפֿגעהויבען די הענד אין דער הויך, און נאָכמאַכענדיג די ערהאַבענקייט פֿונ׳ם גראַף האָט ער אויסגערופֿען:

— הער גראַף, האָט רחמנות! אייערע ווערטער מאַכען אונז פֿאַר באַרבאַרן. אין נאָמען פֿון דער אַריסטאָקראַציע פּראָטעסטיר איך!

דער גראַף איז אויפֿגעשטאַנען, אַ פֿייערליכער, אַ פֿער חידושטער און מיט ברייט אָפּענע אויגען.

— וואָס?... ווי?

וואַלדעמאַר האָט הויך געלאַכט, נישט אויפֿהערענדיג אַרומצושפּרייזען. בראָכוויטש האָט איהם אַ שעפּטשע געטון אויפ׳ן אויער:

— קוק! אויף באַרסקין איז אָנגעפֿאַלען אַ מאַגנאַטישער שגעון. איצט איז דער מאָמענט פֿון געלעמטקייט. באַלד וועט ער אָנהויבען צו ווילדעווען.

דער עלטערער פֿירשט זאַניעצקי האָט אָנגעריהרט באַרסקיס אַקסעל און רוהיג געזאָגט:

— לאָמיר אויפֿהערען צו דיסקוסירען! אפשר וועט איהר זיך, ליבער גראַף מכבד זיין מיט אַ גלעזעל וויין?

און ער האָט דעם אויפֿגעבראַכטען גראַף צוגעצויגען צום טיש.

דערזעהענדיג די פֿולע גלעזלעך האָט זיך באַרסקי בערוהיגט, וואַלדעמאַר האָט זיך אָפּגעשטעלט און געקוקט אויף איהם, דערנאָך האָט ער מיט אַן׳איראָנישען שמייכעל אַ שאָקעל געטון מיט׳ן קאָפּ.

— אַלץ ענדיגט זיך ביי אונז אַזוי! — האָט ער געזאָגט מיט אַ בלאַסען שמייכעל.

מען האָט אָנגעהויבען שטאַרק אַריינצופּוסען, בראָכוויטש האָט אַ שטורך געטון מיכאַראָווסקין און זשביזשען.

— קוקט נאַר אָן ווילושן! — האָט ער שטיפֿעריש אַ שמייכעל געטון.

דער סטודענט איז געשטאַנען אין דער האַלב-אָפֿענער טיר, אויסגעצויגען

פאָרויס, און געפּרעסען מיט די אויגען די זינגענדיגע ציגיינערינס. דאָס פּנים איז איהם בלאַס געוואָרען, די אויגען — פֿערנעפּעלט. ער האָט ממש געשלונגען מיט די בליקען די שענע שאַנסאָנעטקעס; מיט דער נייגעריגקייט פֿון אַ „פּריץ" האָט ער זיך צו זיי צוגעקוקט, אָנגעלעהנט אין דער טיר, מיט'ן האַלז אויסגע-צויגען — האָט ער אויסגעזעהן, ווי אַ קאָטער, וואָס טשאַטשעוועט אויף מייז.

וואַלדעמאַר האָט אַ שמייכעל געטון

— איינגעמאַכצלעך, הא? אַ פֿיינינקער אויסוואַהל!

ווילוש האָט אָבער נישט געהערט.

בראַכוויטש האָט זיך שטיל צוגעשאַרט צו דעם בחור, און אַ שטויס געטון איהם איבערן שוועל.

אַ צעמישטער איז ווילוש געבליבען שטעהן אין מיטען זאַל.

צוויי ציגיינערינס האָבען אַ וואָרף געטון אויף איהם בלומען, איינע האָט אָנגעהויבען צו טאַנצען אַ טשאַרדאַש.

אויף ווילושעס פּנים האָט זיך אויסגעגאָסען אַ נאַרישע מינע.

— כאַ-כאַ! — האָט זיך אויף אַ באַס פֿונאַנדערגעלאַכט דער גראַף באַרסקי.

אויף אַן אַנ'איידעל דישקאַנטעל האָט איהם מיטגעהאָלפֿען צו לאַכען מאַריקאַני.

וואַלדעמאַר האָט זיך פֿערקרימט.

— נו, יורעק! דו טוסט נאַרישקייטען! וואָס טויג עס דיר!

בראַכוויטש האָט געקייכט פֿאַר געלעכטער.

— קוקט נאָר אויף איהם: ער טרייבט זיי פֿון זיך אָפּ, ווי די פֿליגען. איך האָב נישט געוואוסט, אַז ער איז אזא קאַנאַרעק.

טרעסטקאַ האָט אַריינגעפֿיהרט ווילושן צוריק אין קאַבינעט אַריין.

דער סטודענט איז מעהר געווען בערוישט, ווי בייז. ער האָט אָבער גע-קוקט אויף בראַכוויטשן מיט פֿערנעפּעלטע אויגען: די עטליכע קעלישקעס וויין האָבען אין איהם גערעדט ווערטער.

— קוקט נאָר, טרעסטקאַ אין דער ראָליע פֿון אַ ניאַנקע! — האָט בראַכוויטש אויסגערופֿען. — נישט קיין וואונדער, אַ צוקינפֿטיג שוואָגערל.

— לאָזט איהם צורוה! דו, יורעק, ביזט היינט אינגאַנצען משוגע — האָט מיכאַראָווסקי געטענה'ט.

— איך האָב נאָר געוואָלט אַריינפֿיהרען אַ מיטעלאַלטערישען טרובאַדור אין אַ לעמפּערט-הייל, ווייל ס'איז איהם דאָרטען געפֿעלען געוואָרען.

— און ס'איז דיר נישט געלונגען אַ דאַנק דער אינטערווענץ פֿון טרעסט-קאַן — האָט זיך זשבנין פֿונאַנדערגעלאַכט.

— יאָ! טרעסטקאַ ווייס אויסגעצייכענט זיינע פֿליכטען — האָט בראַכוויטש פֿערזיכערט.

דער פּירשט גירשטאָרף האָט אויפֿגעהויבען זיין גלאָז שאַמפּאַניער.

— מיינע הערען! אַ טאָסט לכבוד די, וואָס האָבען היינט בעקומען פּרייזען!

כּבֿוד מיכאַראָווסקין אין דער ערשטער רײ.

— מען קען נישט טרינקען: עס פֿעהלט דאָס פֿרײליין ריטאַ, װעלכע האָט אויך אַ פּריז בעקומען.

— פֿאַר'ן געזונד פֿון פֿרײליין ריטאַ! — האָט װאַלדעמאַר אויסגערופֿען צו טרעסטקאַן.

— פֿאַר מיין אויסצײכענונגס-ליסטע טרינקט אויך?

— אומבעדינגט!

מען האָט אַלץ געהויבען נײע און נײע טאָסטען. אויפֿ'ן זאַל האָט געדונערט די מוזיק די װילדע תּאווה'דיגע טענער פֿוג'ם טשאַרדאַש האָבען אויפֿגעזאָטען אין די נערווען. בראָכאָוויטש איז אויפֿגעשטאַנען און ברייט געעפֿענט די טירען.

װאַלדעמאַר האָט אַרומגעשפּרייזט אין קאַבינעט מיט די הענד אין די טאַשען. דער טשאַרדאַש האָט אָנגעהויבען צו ברויזען אין די קעפּ, דער װיין האָט װידער זײנס געטון. מיכאַראָווסקי איז געװען ניכטער, נאָר אויך אין איהם האָבען אָנגעשלאָגען אומרוהיגע שטרוימען פֿון דעם רוישענדיגען זאַל. אַ היץ האָט פֿון דעם דאָזיגען זאַל געשלאָגען, װי פֿון אַ הויטע. דער בלויער רויך פֿון די ציגאַרען האָט זיך אַרומגעטראָגען פֿערשטעלענדיג מיט אַ לייכטען נעבעל די שיינען פֿון די עלעקטרישע לאַמפּען. אין קאַבינעט אַריין איז אַריינגעפֿלאָסען דער ריח פֿון די געטראַנקען פֿון צעקנייטשטע בלומען, און פֿון איבעלריגע פֿערפֿומען. אינ'ם זאַל גופֿא האָבען זיך אָנגעהויבען פֿערװײלונגען. הילכינע געלעכטערס, שעפּטשערײען און די געזאַנגען פֿון די ציגײנערינס האָבען געפֿונען אַ װידערקלאַנג אין דעם קאַבינעט. עטליכע קעפּ האָבען זיך געװענדט צום זאַל, עטליכע הערען זענען אַװעק צו די טירען. װאַלדעמאַר האָט זיך אָפּגעשטעלט און געקוקט.

— אַ שקיץ צו אַ װאַקכאַנאַליע — האָט ער אַ ברום געטון צווישען די צײהן.

די שוואַרצהאָריגע װאָלקאַנישע שפּאַניערינס האָבען געטרייסעלט מיט די קאַסטאַניעטען, װאַרפֿענדיג פֿלאַמען-פֿייערען פֿון זײערע אויגען שוואַרץ, װי ד קויהלען.

די תּאווה'דיגע טענער פֿון געזאַנג האָבען זיך אַרומגעטראָגען איבערן זאַל, רייצענדיג די נערווען. דער דאָזיגער פֿאָרשפּיל פֿון גיהנום האָט געװעקט אַניעקעל, אָבער די געשטאַלטען פֿון די פֿאַרבינע פֿרויען האָבען געלאָקט מיט דער שענקייט און מיט דער פּלאַסטיק פֿון זײערע בעװעגונגען. געזאַנג, מוזיק און די שאָרכען, װאָס האָבען זיך געטראָגען פֿון דאָרטען, דער געקלימפּער פֿון די קאַסטאַניעטען, און דער מאָדנער ריח פֿון דעם צעהיצטען זאַל, דאָס אַלץ האָט בערוישט. די גרויע אויגען פֿון מיכאַראָווסקין האָבען זיך צעפֿינקעלט, אַ פֿייער האָט אין זיי אויפֿגעצאַפּעלט, און דער שטערען איז פֿערטונקעלט געװאָרען מיט אַ ליידענשאַפֿטליכער כוואַליע. די נאָזלעכער האָבען זיך איהם צעפּאָכט, און

דורפ'ן פנים איז דורך אַ ווײַפּערדיגער שטרוים ער איז געשטאַנען אויסגעצויגן, שטאָלץ, אָבער דאָס חײַסע בלוט האָט שוין אין איהם געקאָכט און געזאָדען ער האָט עפּיס דערפיהלט אַ שטאַרקערען קלאַפּען אין די אָדערן. און אַ מאָדנעם ווערטאָג אין די שלײַפּען. ער האָט געמאַכט א שריט פאָרויס. די איראָניע האָט זיך אין איהם אָפּגערופען, אָבער דער שטרוים, וואָס איז געפלאָסען פונ'ם זאַל, האָט עקשנות'דיגער צו זיך געצויגען.

פלוצלונג, ווי אַ דעליקאַטער פוך, ווי אַ דין געוועב פון אַ בלויעם טומאַן, איז איהם פערביי-געשוואומען דאָס ליכטיג פּנים'ל פון סטעפען, און איהרע גרויסע טונקעל-בלויע אויגען, די פינקעלדיגע, צאַנקענדיגע אויגען געגליכען צו די זעהעניש איז פערשוואונדען-נאַכטיגע שטערען. ער האָט אויפגעציטערט.. די זעהעניש איז פערשוואונדען. זיין פּנים האָט בעקומען אַנ'אַנדער אויסדרוק. ער האָט אַ גלייכגילטיגען בליק געוואָרפען אויפ'ן זאַל, זיך אומגעקעהרט, און אַ ציה געטון מיט די פלײצעס.

— מאַך צו, יורעק, די בודע — האָט ער מיט פערדרוס אַ זאָג געטון.

— וואָס איז דען? זײַ זינגען אַזוי פיין! אַזעלכע שענע ציגיינערינס?

בראַכוויטש האָט געמאַכט שהיות, נאָר טרעסטקא האָט מיט אַ צופרידענער מינע צוגעקלאַפּט די טירען.

— קוק נאָר אָן די הײליגע! — איז בראַכוויטש בײז געוואָרען און אַ וואַרף געטון זיך אויף דער קאַנאַפּע.

מיכאַראָווסקי האָט אַלעמען בעטראַכט. שווירקאָ האָט געדרעמעלט אויף אַ שטול, האַלטענדיג נאָך אין האַנד עפּיס אַ שאָלעכעל. גירשטאָרף און זשנין האָבען גיהאַט צערייצטע מינעס, און אפילו דער גראַף מאַריקאָני און באַרסקי האָבען, ווי געלײמט געקוקט אויף די טירען, מיט אַנ'אויסדרוק, ווי מען וואָלט זיי אַ וואונדערבאַר גאָלדען בילד פערשמירט מיט סאַדזע. דער פירשט זאַניעצקי האָט געבראַכט אין אָרדענונג זײַן בישט איבעריג ניכטערען זין, און ער איז געווען פערשוויצט און פערזאָרגט.

— זיי האָבען זיך אָנגעשפּורט, צי וואָס? — האָט מיכאַיאָווסקי צו זיך אַ ברום געטון. ער האָט נאָך אַ מאָל אַ קוק געטון אויף די מאָדנע מינעס פון באַרסקין און זײַן אייגענעם פעטער, און עס איז איהם ביטער געוואָרען אין מויל.

— אַ געמיינהייט! — האָט ער אויפ'ן קול געזאָגט.

ער איז צוגעגאַנגען צו דער קאַנאַפּע, וואו בראַפוויטש האָט גערעדט מיט טרעסטקאַן.

— יורעק! — האָט מיכאַראָווסקי אויסגערופען.

בראַכוויטש איז אויפגעשפרונגען; ער האָט זיך אָבער גלייך צוריק אַוועקגעזעצט און מיט אַ ליב שמייכעלע אָנגעוויזען וואַלדעמאַרן אויף אַנ'אָרט לעבען זיך.

— איך הער דיך... אָבער ערלויב מיר נישט אויסצושטעהן, ווײַל איך קען נישט!

— ביזט משוגע געוואָרען, יורעק!

— ווי גאָט איז מיר ליב, איך קען נישט! דער קאָפּ דרעהט זיך מיר אַביסעל. מיין טייערער, אויב שווירקאָ קען זיך ערלויבען צו שלאָפען, קען איך זיך ערלויבען אויף אַ פערדרעהעניש אין קאָפּ.

— פאָהר אַהיים.

— עס פעהלט מיר גאָר נישט איין! וואָס? ס'איז מיר דען דאָ שלעכט? איך וועל אייך באַלד דערצעהלען אַ היסטאָריע, און וועלכער איך האָב זיך פּאַקי איצט דערמאָהנט.

— וואָס פאַר אַ היסטאָריע? — האָט טרעסטקא אונטערגעכאַפּט.

בראָכוויטש האָט זיך אָנגעשפּאַרט אין דער קאַנאַפּע.

— איהר קאָנט דעם פּולטשינגעל? — האָט ער אַ פרעג געטהון, אויפקלערענדיג די הענד אונטערן קאָפּ, און אויסציענדיג די פיס.

— וועמען נעמליך?...

— באַראָן Z.

— אַך! דער, וואָס האָט געקויפט בריליאַנטען דער אַקטריסע?

— ווייסט איהר, הייסט עס, וועגען דעם?

— פון לאַנג שוין.

— פון עטליכע טעג — האָט וואַלדעמאַר פערזיכט — ווייל געשעהן איז עס אויף דער אויסשטעלונג. גוט איז פיגדעסטוועגען, וואָס צווישען אונז פערמאָגט נישט דער באַראָן Z. קיין פריינד: פאַר דעם טיטול, וואָס דו האָסט איהם מכבד געווען, וואָלסטו געקענט אַריינפאַלען אין חרם.

— וועמען אַרט ער? וועמען געהט ער אָן? אָבער ווי געפעלט עס אייך?

— איך האַלט, אַז דו האָסט איהם גוט בעצייכענט — האָט וואַלדעמאַר געזאָגט: — דער באַראָן האָט געמאַכט אַ דאָפּעלטע נאַרישקייט, ערשטענס מיט דעם, וואָס ער האָט געקויפט בריליאַנטען פאַר אַ גוואַלדיגען פּרייז, און צווייטענס — איז נישט געווען פאַר וועמען.

— פערקעהרט — האָט זשנין געזאָגט — זי איז זעהר אַנ'עלעגאַנטע פּאַצעטקע, און שען איז זי, ווי אַנ'אָדאַליסקע... ווי ווענוס.

— ווענוס אין דער הויט פון אַ פּשוט'ער אוואַנטוריסטקע, פון אַ גערטעל-טענצערין! אַ קנאַפּער געשמאַק — האָט מיכאַראָווסקי געשפּאַסט.

— מיין טייערער! נישט יעדערער קען זיך ערלויבען אויף פּרינצעסינס — האָט בראָכוויטש געזאָגט.

— וואָס מיינסטו עס?

— גאָרנישט... דאָס וואָס דעם באַראָן Z האָט זיך פערוואָלט בעסער אַ שאַנסאָנעטקע, ווי אַ פּרינצעסין.

— דו ביזט שוין וואזשנע בעכוס'עט? — האט וואלדעמאר שארף א זאג געטון.

— איהר זענט אליין שולדיג, וואס איהר פאלט אן אויפ'ן ארימען באראן דערפאר, וואס עס געפעלט איהם אזא איינע און נישט קיין אנדערע — האט זיך בראכוויטש מיט א ווייגענדיגען קול אויסגעט'טענה'ט.

— האסט דאך איהם אליין א נאמען געגעבען — פולטשינעל.

— בראכוויטש ווייסט נישט וואס ער רעדט — האט טרעסטקא געפסק'נט.

— אדרבא! איך ווייס יא, וואס איך רעד: דער באראן האט מיט זיין טאט...

— דערוויזען די מדרגה פון זיין גייסטיגער ענטוויקלונג — האט וואלדעמאר געענדיגט — ער האט פערוויכטע געהירען, און ער האט קאמפראמיטירט דעם אריסטאקראטישען קרייז, פון וועלכען ער שטאמט. ער איז אנגעקומען, געמאכט קאנטשאפטען און איינס, צוויי, דריי — האט ער געקויפט ברילליאנטען דער ערשטער בעגעגענטער באלערינע. ער האט דעם איינציגען פערדינסט, וואס א סך דאמען וועלען האבען וועגען וואס צו טענה'ן, שטארק פערביטערט מיט זיין טאט פון וועלכען זיי ווייסען שוין אודאי, ווי וועגען יעדער אנדער נייס.

— א—א—א! — האט בראכוויטש בריים א געניץ געטון. — וואלדי, דו קריטיקירסט איצט אלץ. אמאל ביזטו געווען א חבר, וואס עס הייסט א חבר... אין פאריז, געדענקסט? איצט ביזטו געווארען א פיליסטער.

— יורעק, זינג אונז עפיס — האט טרעסטקא פארגעשלאגען.

— „מאלגאזשאטקע", מיט דיר צוזאמען. ווילסט?

— לאז צורוה!

— איך זינג! — האט בראכוויטש ארויסגערופען.

ער האט זיך אויפגעכאפט פון דער קאנאפע, צוגעגאנגען צום פארטעפיאן, און גענומען עטליכע שטארקע אקארדען.

שווירקא האט א בעוועג געטון מיט'ן קאפ.

—גרא. . גראבינקע. פע . . פעטינקע — האט ער געשעפטשעט, וועקענדיג זיך.

מיכאראווסקי האט א פאטש געטון מיט די הענד.

עס איז אריין דער לאקיי, מיכאראווסקי האט איהם א ווארף געטון א באנקנאט און געהייסען זיך דערלאנגען דעם פאלטע.

— וואס, דו צאהלסט שוין? געהסט אוועק? אהן מיר? — האט בראכוויטש פערוואונדערט געפרעגט.

— ביזט גוט ארויסגעקומען, יורעק! א גוטע נאכט אייך.

— איך געה אויך מיט אייך — האט געזאגט דער יונגער גירשטארף.

— און איך אויך! און איך! — האבען אויסגערופען עטליכע שטימען.

— אויב אזוי, געה איך אויך מיט אייך! אייט צו פערלאזען די בודע! — האט בראכוויטש אויסגעשריגען.

אויף טרעסטקאַ האָט זיך אויפגעהויבען, נאָכשלעפּענדיג דעם פערשלאָפענעם ווילוש'ן.

אין אַ ווייל ארום איז דער קאַבינעט לעדיג געוואָרען.

ווען זיי זענען דורכגעגאַנגען דעם זאַל, האָט איין שפּאַניערין פערשטעלט מיכאַראָווסקי'ן דעם וועג, און אַ קלאַפּ טועענדיג מיט די קאַסטאַניעטען, האָט זי ענטקעגען איהם אַ בלישטש געטון מיט'ן פייער פון איהרע שוואַרצע אויגען.

וואַלדעמאַר האָט זי קאַלט פון זיך אָפּגעוועדט.

— געה אַוועק! — האָט ער אַ ברום געטון צווישען די ציין. און אַ געשריי געטון צום לאָקיי:

— עפען די טיר, און היט אָפּ די אָרדנונג!

אויפ'ן גאַס זענען געשטאַנען לאַנדאָס און קאַרעטען. אין די געדונגענע האָבען כמעט אַלע סטאַנגרעטען געשלאָפען, שאָקלענדיג זיך אויף די קאָזלעס. ברונאָן פון גלעמבאָוויטשי איז אָבער געוועזען וואַך. וואַלדעמאַר האָט זיך געזעגענט מיט זיין געזעלשאַפט, און אַ דענערוויירטער אַ וואָרף געטון זיך אויף די קישעלעך פונ'ם לאַנדאָ. נעבען איהם האָט זיך אַוועקגעזעצט בראָכוויטש. ווען די פערד האָבען זיך פון אָרט געריהרט, האָט נאָך אַ לאַנגען שווייגען זיך אָפּגערופען בראָכוויטש:

— דו האָסט זיך מאָדנע געענדערט, וואַלדי.

— געענדערט זיך — האָט וואַלדעמאַר, ווי אַנ'עכאָ געענטפערט.

XXVIII.

אויף מאָרגנען האָט זיך די פרוי אידאַליע, סטעפע און לוציע צוריקגעקעהרט פון דער אויסשטעלונג מיט וואַלדעמאַרס לאַנדאָ. ער גופא איז געזעסען פאָרענט נעבען לוציען. ווען זיי זענען אַריין אין האָטעל האָט דער שווייצאַר דערלאַנגט סטעפען אַ בריף. דערזעהענדיג איהם האָט דאָס מעדעל פרעהליך אויסגעשריגען:

— פון פאָטער!

זי האָט אויפגעעפענט דעם קאָנווערט, און פלינק געלייענט דעם בריף מיט די אויגען.

— מיין פאָטער איז אין אייראָפּעאישען האָטעל... ער איז דאָ געוועזען, נאָר מחמת ער האָט מיך נישט געטראָפען... — האָט זיך סטעפע פערהאַלטען און בעטענדיג אַ קוק געטון אויף דער פרוי אידאַליע.

— איהר וועט מיר ערלויבען צופאָהרען צו מיין פאָטער?

— ביטע, אָבער אין אָוועגט וועט איהר צוריקקומען.

— געוויס!

— איך רעכן, אַז אייער פֿאָטער וועט אונז באַזוכן.

— מיין קאַרעטע וועט אייך אָפּפֿירן — האָט וואַלדעמאַר געזאָגט.

— איך דאַנק אייך! כ׳וועל פֿאָהרען מיט אַ דראָזשקע.

סטעפֿע האָט זיך געזעגענט מיט דעם הער מאַציעי און מיט לוציען.

— איהר ווילט קאַטעגאָריש נישט פֿאָהרען מיט מיינע פֿערד? — האָט וואַלדעמאַר אַ פֿרעג געטון.

— קאַטעגאָריש! איך וויל בעסער פֿאָהרען מיט אַ דראָזשקע — האָט זי מיט אַ שמייכעל געענטפֿערט.

— זעהר אַ טאַקטיש מעדעל — האָט די באַראָנעסע געזאָגט צום פֿאָטער נאָך סטעפֿעס אַרויסגעהן. — וואַלדי אָבער פֿערגאַלאָפּירט זיך אָפֿטערס.

— איהם האָט געפּאַסט פֿאַרצושלאָגען, און איהר—אָפּצוזאָגען. זיי זענען זיך איינע די אַנדערע ווערט — האָט דער הער מאַציעי אָפּגעענטפֿערט.

וואַלדעמאַר האָט אָפּגעפֿיהרט סטעפֿען צו אַ דראָזשקע.

— פֿריילין סטעפֿאַניאַ, וואָס איז עס מיט אייך? — האָט ער אַ פֿרעג געטון, קוקענדיג אויף איהר פֿערוויטעלט אויפֿגערעגט פּנים.

— איך פֿאָהר צו באַגעגענען זיך מיט׳ן פֿאָטער.

— גוט! אָבער עטליכע טעג שוין, ווי איך דערקען אייך נישט. די אויסשטעלונג ווירקט עפּיס אויף אייך מאָדנע.

— גוט, צי שלעכט?

— ערשטענס — אַנדערש. איהר זענט פֿון עפּיס פֿערזאָרגט, און עפּיס אַן׳אונרוהיגקייט מאַטערט אייך.

זי האָט אויפֿגעהויבען פֿערוואונדערט די אויגען.

— האָב איך טאַקי ריכטיג אַרויסגעפֿיהלט? אַזוי? עפּיס אַן׳אומרוהיגקייט? גאָרנישט אָפּענטפֿערענדיג, איז זי שנעל אַראָפּגעלאָפֿען פֿון די טרעפּען. דריקענדיג איהר האַנד ביים שיידען זיך, האָט ער האַרציג אַ שעפּטשע געטון:

— איך בעט אייך, זייט פֿרעהליך, און האָט צו מיר צוטרוי.

— און וואָס? — האָט זי שטאָלץ אַ פֿרעג געטון.

וואַלדעמאַר האָט צוזאַמענגעצויגען די ברעמען, פֿונקען האָבען אָנגעהויבען צו שימערירען אין זיינע אויגען.

— איהר ווייסט, איהר ווילט נאָר נישט פֿערשטעהן — האָט ער געזאָגט, באַטאָנענדיג די לעצטע ווערטער.

ערשט אין דער דראָזשקע זיצענדיג האָט סטעפֿע אָפּגעאָטעמט פֿרייער. ער האָט געטראָפֿען, פֿערשטאַנען דאָס, פֿאַר וואָס זי אַליין האָט צום מעהרסטען מורא געהאַט, דאָס וואָס עס האָט אין איהר איצט געלעבט, און וואָס זי האָט געוואָלט פֿון זיך אַליין אויסבעהאַלטען.

עס פֿלעגט זי אַרומנעהמען דאָס געפֿיהל פֿון גליק, פֿונקט זי וואָלט געפֿאַנ-

דושעט אין אַ לאַנקע פֿול מיט בליהעכץ. ריחות, מיט זון און בלויקייט. ווײַסענדיג אַז זי בלאָנדושעט, האָט זיך פֿונדעסטוועגען נישט געוואָלט קיין אַנדערע וועגען, דער פֿערצויבערטער גאָרטען האָט איצט געבליהט, געשמעקט, געצויגען און זי איז געווען אײַנגאַנצען אונטער דעם אײַנדרוק פֿון איהם. מיט צוגעמאַכטע אויגען האָט זי זיך פֿערחושט צוגעהערט צו דער וואונדערבאַרער נאָטע, נישט טראַכטענדיג וועגען גאַנצקייט און האַרמאָנישקייט, און נישט פֿאָרויספֿיהלענדיג קיין שום די־סאָנאַנסען. אַמאָל האָט זי גערן געהאַט דאָס לעבען, איצט האָט זי עס ליב געהאַט. זי האָט זיך פֿונאַנדערגעבליהט, ווי אַ ווײַסער קווײַט אונטער דער פֿולער דורכנעה־מענדער זון. צומאָל פֿלעגט אַ הר אַ ציטער דורכגעהן פּונקט אין דער גאָלדענער בלויטערקייט, וואָלט עפּיס אַן אומפֿרײַנדליכער שטרוים זי בעריהרען און פֿערשווינדען, און ווידער פֿלעגען איהר צערטלען און וואַרעמען די גאָלדענע שטראַהלען און די כשופֿדיגע בלויקייט. די אויגען פֿונ'ם מעדעל האָבען בעקומען אַ מאָרגענעם גלאַנץ, זײַ זענען געוואָרען אויפֿריכטיג, בערעדעוודיג. איהר גאַנץ וועזען האָט אויסגעדריקט איהר נשמה-צושטאַנד. די ליפּען האָבען זיך, ווי די קאָראַלען אָנ־געצונדען, און אומבעוואוסטזיניג האָבען זיך אויף זײַ געשפּילט לײַדענשאַפֿטליכע ציטערען, מאַכענדיג זײַ נאָך שעהנער, ווי געוועהנליך. זי האָט בעקומען אַ געווי־סע אונרוהיגקייט אין זיך, אַ שרעקעוודיגקייט – מען זאָל זי נישט אַרויספֿיהלען, און דאָס צוזאַמען מיט דער צושטראַלקייט פֿון די אויגען האָט איהר צוגעגעבען אַ וואונדערליכען נישט פֿערגלײַכליכען אויסזעהן.

— סטעפֿציא! – האָט פֿרײַדיג אויסגעשריגען דער הער רודעצקי דערזע־הענדיג זיין טאָכטער.

— פֿאָטער'ל!..

נאָך לאַנגע בעגריסונגען, האָט סטעפֿע אָנגעהויבען אויסצופֿרעגען בײַם פֿאָטער וועגען דער מוטער, וועגען די קרובים און וועגען די שכנים. אַ גליקלי־כער אַ צופֿרידענער האָט איהר דער פֿאָטער אָנגעקוקט פֿלוצלונג האָט ער אָבער ביי איהר פֿאַרשטעהענד אַ פֿרעגע געטון:

— און ווי איז דיר עפּיס דאָרטען, קינדעלע? בריף שרייבסטו פֿרעהליכע. עס איז דיר עפּיס גוט דאָרטען?

סטעפֿע האָט פֿערוואָרפֿען די הענד אויף דעם פֿאָטערס האַלז, בעהאַלטענ־דיג איהר פּנים.

— עס איז מיר זעהר גוט, פֿאָטערל! לוציע איז אַ ליב מעדעלע, מיר האָ־בען זיך איינע די אַנדערע זעהר ליב.

— נו, און די פֿרוי עלזאַנאָווסקא? און דער ליבער זיידע יענער, מיט וועלכען דו ענטציקסט זיך אַזוי. ווי הייסט ער דען? איך פֿערגעס שטענדיג.

— הער מאַציעי.

— אַהאַ! הער מאַציעי מיכאַראָווסקי. האָט ער דיך טאַקי אַזוי ליב?

— דער זיידע איז דער בעסטער! אבער אויך זיי אלע זענען נישט אזעלכע, ווי מען נעהמט זיי אן אפט.

— אמת׳ע אריסטאקראציע.

— אזוי! דאס זענען מאגנאטען אין יעדער הינזיכט — האט סטעפע היציג אויסגערופען.

דער הער רודעצקי האט זיך עטוואס אפגערוקט, און מיט א שמייכעל געקוקט אויף דער טאכטער.

— קוקט נאר! קוקט נאר! זיי זענען כשופמאכערס, די הערען. אבער זאל זיי גאט העלפען — זיי זענען מבינים אויף דיר. זעהסט אויסגעצייכענט אויס, בלויז נאך שענער געווארען. איך האב זיך מיט דיר ענטציקט בעת די פערדגעיעגען.

— וואס הייסט?! דער פאטערל איז אויך דארט געווען?!

— איך בין געווען! איך בין נעכטען אין דערפריה געקומען, אבער האבענדיג וויכטיגע געשעפטען צו ערלעדיגען, האב איך זיך בשום אופן נישט געקענט פריהער מיט דיר זעהן, און צו יענער לאזשע, וואו דו בלויז געזעסען, האב איך נישט געוואלט צוגעהן. איך האב דיך פון דערווייטענס בעגריסט, אבער דו האסט מיך נישט דערזעהן אין דעם המון.

— און וואו איז דער פאטערל געווען?

— איך בין נאר פערבייגעגאנגען דורך דעם פלאץ פון דער אויסשטעלונג; זעצען זיך האב איך קיין צייט נישט געהאט. איך האב זיך אפגעשטעלט ערשט דאן, ווען איך האב דיך דערזעהן. דו בלויז זעהר געווען פערנומען מיט דעם געיעג.

סטעפע איז שטארק רויט געווארען.

— איך האב אנגעטראפען פונקט אין דעם בעסטען מאמענט: עס האבען זיך געיאגט די פערד פון מיכאראווסקין. ווייזט אויס, אז ער האט זעהר גוטע סטייניעס! און אויף דעם שענעם אראבער האט, ווייזט אויס, גערייטען מיכאראווסקי אליין.

— יא, דאס איז געווען דער הער וואלדעמאר אויף זיין אפאלא.

— א פיין פערדל, אבער אויך א פיינער רייטער. ער קומט אפט קיין סלאדקאוויצן?

— אפט.

דער הער רודעצקי האט זיך א ווייל פערטראכט. סטעפע האט איינגעבויגט דעם קאפ א פערזארגטע, פערליערענדיג פלוצלונג די פרייהייט. דער פאטער האט הינטערווייל עטליכע מאל אויף איהר א קוק געטון. דערנאך האט ער געפרעגט:

— זאג מיר, קינד: ווי איז עס צוגעגאנגען מיט עדמונד פראנטניצקי׳ן? אין דיינע בריף האסטו נישט פיל וועגען דעם געשריבען.

— אַך, פֿאָטערל! דאָס איז אַזוי אומגעריכט! צי וואָס דערמאָנען?
— פֿונדעסטוועגן, ווי איז עס פֿאָרגעקומען?

נאָך אַ ווײַלע האָט סטעפֿע אָנגעהויבן צו דערציילן. ניט ווילנדיק האָט זי זיך געהיצט, דערציילנדיק דער הער רודעצקי האָט פֿון איר ניט אַראָפּגעלאָזט אַן אויג.

— הייסט עס, אַז צום מערסטן האָט דיר מיכאַראָווסקי צוגעהאָלפֿן צו באַפֿרײַען זיך פֿון דעם בלאָנדן גאָזלשאַפֿט?

— יאָ, ווײַל ער האָט ניט ענטשפּראָכן זײַנע פֿאָדערונגען.

דער הער רודעצקי האָט אַ שמייכל געטאָן: סטעפֿעס אַרגומענט האָט אים ניט איבערצײַגט. אין אים האָט זיך געטוקט אַ געדאַנק: צי וואָלט פּראָנטניצקי ניט געטויגט פֿאַר מיכאַראָווסקין, ווען סטעפֿע וואָלט ניט געווען אַרײַנגעמישט. ער האָט וועגן דעם געהאַט געוויסע ספֿקות. אויך ער האָט ניט ווינציקער געדאַרפֿט דאַנקבאַר זײַן מיכאַראָווסקי'ן.

ער האָט שפּאַצירט איבערן צימער מיט אַ שנעלן שריט, רעדנדיק מיט דער טאָכטער וועגן געוויינלעכע זאַכן. ער האָט זיך די גאַנצע צײַט אין איר אײַנגעקוקט מיט דער גרעסטער אויפֿמערקזאַמקייט. סטעפֿען האָט געריצט דעם פֿאָטערס עקשנות'דיקער בליק. דער אויסדרוק פֿון זײַן פּנים האָט איר געבראַכט אין אַ פֿערלעגנהייט, אָפּנעמענדיק בײַ איר די פֿרײַהייט. צווישן זיי האָט זיך אַרײַנגעגנבֿ'עט אַן אינאַנגענעם געפֿיל. אין אַ ווײַלע אַרום האָט רודעצקי אויפֿגעהערט אַרומצושפּאַצירן איבערן צימער, און זעצנדיק זיך נעבן דער טאָכטער, האָט ער זי אָנגענומען פֿאַר'ן האַנט.

ער האָט אָנגעהויבן פּאַמעלעך צו רעדן:

— סטעפֿע, צי ווייסטו, אַז די מאַמע האָט מיר עפּעס געהייסן?

— די מאַמע? וואָס דען? — האָט זי אַ פֿרעג געטאָן.

— אַז איך זאָל דיך שוין אַהיימנעמען, עס איז אונדז אומעטיק אָן דיר, קינד.

סטעפֿע איז, ווי פֿערגליווערט געוואָרן. פֿײַערן האָבן בעגאָסן איר פּנים, און פּלוצלינג איז זי בלאַס געוואָרן. אירע ליפּן האָבן זיך אויפֿגעעפֿנט, ווי גרייט אויסצושרייען. די ברייט געעפֿנטע אויגן האָט זי געווענדט צום פֿאָטער, און דערשראָקן אויף אים געקוקט.

— איך... אַהיים? פֿאָטערל!

— איך בין געקומען נאָך דיר — האָט רודעצקי געזאָגט נאָך אַ מאָל.

דאָס מעדל האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. מיט דערשראָקענע פֿערוואונדערטע אויגן האָט זי געקוקט אויפֿ'ן פֿאָטער. אויף דעם פּלוצלינג בלאַס-געוואָרענעם פּנים זענען געפֿאַלן בלויע שאָטנס פֿון די זייער לאַנגע ווימפּערן.

— עס איז אוממעגליך — האָט זי כּמעט אַרויסגעוויינט.

— פֿאַרוואָס?

— ווײַל... מיט דער פֿרוי עלזאַנאָווסקאַ האָב איך אָפּגעמאַכט אויף אַ יאָהר

צײַט. איך קען דעם אָפּמאַך נישט ברעכן... איך האָב געגעבן מײַן וואָרט.

— איך גלויב, אַז זי וואָלט דיך געוואָלט נאָך לענגער האַלטן, אָבער אונז קערסטו זיך אויך אָן...

מיט אימפּעט האָט זיך סטעפע צוגעטוליעט צום פאָטער.

— איך ווייס, איך ווייס, אָבער פאָטערל עס איז אוממעגליך! וואָס וואָלטן זיי געטראַכט? ניין, ניין, אַזוי טאָר מען נישט. פאָטער'ל, איך האָב דאָך אײַך זעהר ליב, ווי אַמאָל, אָבער – איצטער אומקעהרען זיך? – אוממעגליך!.. איך מוז בלײַבן ביז'ן סוף.

— זי האָט היציג גערעדט קוקענדיג בקשה'דיג אין דעם פאָטערס אויגען. דער הער רודעצקי האָט זי געטוליעט צו זיך, זײַן פנים איז אָבער בעדעקט געוואָרען מיט אַ מין אומרוהיגקייט, און ער האָט דערפיהלט, אַז זײַנע חשדים האָבען אַ גרונד.

— דער מאַמע, וועט נעבעך זעהר פערדריסען, זי האָט דיך אַזוי האַרציג ליב – האָט ער טרויעריג געזאָגט?

סטעפע האָט זיך אַ ריס געטון. דאָס פנים איז געווען בעפייערט, די אויגען האָבען געברענט, און פערגלאָזט געוואָרען מיט טרעהרען. מיט די הענד האָט זי געמאַכט אַ בעוועגונג, ווי זי וואָלט זיך געוואָלט אין יאוש כאַפּען פאַרן קאָפּ. די ליפּען האָט זי נערוועז פערפרעסט. דער הער רודעצקי האָט פער'חידושט אויף איהר געקוקט.

— קינד מיינס, וואָס איז מיט דיר?

— גאָרנישט, פאָטער'ל, גאָרנישט! איך האָב נאָר געוואָלט זאָגען, אַז אויב פאַר אייך איז עס אַזוי נויטיג, וועל איך פאָהרען אַהיים, אָבער...

— סטעפציע!

רודעצקי האָט איהר אומגעאַרעמט.

— קינד מיינס! ליב, טייער קינד... איך האָב עס נאָר אַ שפּאַס געמאַכט. וועסט דאָ בלייבען – מען טאָר קיין אָפּמאַך נישט רייסען, ביזט גערעכט, מיר האָבען אַ וואָרט געגעבען. איך האָב נאָר געוואָלט זעהן, צי..

ער האָט זיך פערהאַקט.

— צי דו האָסט אונז נאָך ליב.

— פאָטער'ל! דו האָסט געצווייפעלט? – האָט זי אויסגעשריגען, און די אויגען זענען איהר פול געוואָרען מיט טרעהרען. אין איהר אויסגעשריי איז שוין אָבער געווען אַ נאָטע פון טריומף.

לאַשטשענדיג האָט זי אַרומגענומען דעם פאָטער, געקושט איהם דעם פנים די אויגען, זי האָט איהם געהאַלזט און געטוליעט זיך צו איהם, נישט קענענדיג אויסבעהאַלטען איהר פרייד. זי האָט עפּיס פּלוצלונג געקריגען רחמנות אויפ'ן פאָטער. דאָס האָט איהר אָנגעהויבען צו קלאַפּען מיט אַ חשד, אַז זי האָט איהם

פערשאפען גרויס אונאנגענעהמליכקייט, און מיט'ן הארצען זיך צו איהם האט זי געוואלט פערגלעטען דעם גישט-ליבען מאמענט.

דער הער רודעצקי אבער, וואס האט א סך פין איהר נשמה-צושטאנד ארויסגעפיהלט, האט זיך געמאכט, אז ער זעהט גארנישט.

שפעטער א ביסעל האט סטעפע בעקומען גוטען הומאר, און אנגעהויבען צו שטיפען, ווי אין די אמאליגע צייטען. זי האט דערצעהלט איינינע פרעהליכע פאסירונגען פון איהר איצטיג לעבען, דערצעהלט וועגען דעם אויספלוג קיין גלעמבאווימשי, וועגען טרעסטקאס וויצען, זי האט אליין אויך געלאכט און געשפאסט — אזש זי האט אויך דעם פאטער אנגעשטעקט מיט איהר שטימונג. קוקענדיג אבער אויף איהר ווען זי האט גערעדט וועגען דער אריסטאקראציע האט ער טיף אין זיך מיט אומרוה געטראכט:

— זיי שמעקען איהר, די ספע־ע אימפאנירט איהר. מאדנע מענשען, וואס קענען אזוי ווירקען. אבער — צי מענשען, צי איין מענש?

XXIX.

צוויי טעג נאכאנאנד כמעט איז סטעפע געווען צוזאמען מיט איהר פאטער. זיי זענען צוזאמען ארומגעגאנגען, צוזאמען געמיטאגט אוונט-צייט פלעגט זיך סטעפע צוריקקעהרען אין האטעל, ארייגפאלענדיג אין לוציעס ארעמס, וועלכע האט אין א שלעכטער שטימונג און מיט א זויערער מינע זיך געזשאלעוועט אויפ'ן לאנגווייל.

— איך קען שוין אהן דיר נישט לעבען, אזוי בענקט זיך מיר!

לוציע האט שוין סטעפען גערופען מיט'ן נאמען. די פריינדשאפט צווישען דער לעהרערין און דער שילערין האט זיך לעצטענס זעהר פערשטארקט.

איין מאל האט דער הער רודעצקי וויזיטירט ביי דער פרוי עלזאנאווסקא און ביי דעם הער מאציעי. ער איז זיי זעהר געפעלען געווארען. ער האט געקענט פערהאלטען זיך ערנסט און בכבודיג, זייענדיג איידעל און פיינעהם. געווען איז ער אויך עלעגאנט, געשמאקפול, און געוואוסט, ווי צו פערברענגען אין געזעלשאפט. ווי געזאגט — האט ער געמאכט א גוטען איינדרוק. די פרוי אידאליע האט איהם אייגגעפונען „נאך בעסער“, ווי ביי דעם ערשטען זעהן זיך אין ווארשא, און זי האט איהם זעהר העפליך אויפגענומען. דער הער מאציעי ווידער האט אין איהם בעמערקט א סך סימפאטישע זייטען, און דער ניכטערער, פרעהליכער שכל פון סטעפעס פאטער האט זעהר גוט געווירקט אויפ'ן אלטיטשקען. דער הער רודעצקי האט זיך געהאט נאך עמיצען ארומגעקוקט, נאר וואלדעמאר איז בעת זיין ערשטען וויזיט נישט געווען. ווי טרעפענדיג אבער די געדאנקען

פֿון זײַן גאַסט — האָט איהם דער הער מאַציעי צוזאַמען מיט דער פֿרוי עלזאַנאָווסקאַ פֿערבעטען אויפֿ׳ן צווייטען טאָג צו מיטאָג.

— עס וועט זײַן אַנוועזענד אונזער היימיש קרייזעל און מײַן אייניקעל. איך וואָלט געוואָלט, אַז איהר זאָלט זיך מיט איהם בעקענען.

סטעפֿען האָט געראָטהען דעם פֿאָטערס ערפֿאָלג.

דער מיטאָג האָט נאָך פֿעסטער געמאַכט דעם גוטען איינדרוק.

חוץ די היימישע מענשען איז געווען: וואַלדעמאַר, די יונגע פֿירשטין, פֿרײַלײַן ריטאַ מיט׳ן ברודער און דער אייביג קאָמפּאַניאָנדער טרעסטקאַ.

דער הער רודעצקי איז אַרויס אַלס זיגער פֿון דעם פּרוב בײַם טיש האָט, ער נישט געמיינערט די גוטע מיינונג וועגען איהם מיט קיין שום אייניצעלהייט — ער האָט אויסגעהאַלטען דעם עקזאַמען אפילו אין די אַרגוס-אויגעלעך פֿון דער פֿרוי אידאַליע, מיט וואַלדעמאַרן האָט זיך סטעפֿעס פֿאָטער זעהר העפֿליך בעגריסט, ביידע זענען געווען קענטיג אייניגער מיט׳ן אַנדערען פֿעראינטערעסירט. די פֿרוי אידאַליע האָט זיך נאָר פֿערקרימט, ווען וואַלדעמאַר האָט זיך פֿערנויגט: מיט קיין גרעסערער אַכטונג האָט ער נישט בעגריסט קײנעם פֿון זיין אייגענער ספֿערע, אַפֿטערס אפֿילו—מיט וועניגער אויפֿמערקזאַמקייט. דער הער רודעצקי איז פֿון אַלעמען גוט אויפֿגענומען געוואָרען, און אפֿילו טרעסטקאַ, וואָס האָט געהאַט דורך אַרויס פֿאַר סטעפֿען האָט איהם בעגריסט אָהן קונצען.

די געבליבענע געזעלשאַפֿט און דער פֿיינער שמועס האָבען דערוועקט אין רודעצקין דעם וועלטליכען מענש. ער האָט אָנגעהויבען בעסער צו פֿערשטעהן זיין טאָכטער; ער האָט פֿערשטאַנען, אַז די דאָזיגע ספֿערע האָט אין זיך עפּיס אַ מין מאַגנעטישע קראַפֿט, וואָס ציהט צו צו זיך עסטעטישע נאַטורען; אַז אויסער דעם, וואָס עס לאָזט זיך וועגען זיי נעגאַטיוועס זאָגען, קענען זיי די בליקען אַזוי ווי איידעל-שטיינער.

מיט וואַלדעמאַרן האָט דער הער רודעצקי גערעדט אַ סך וועגען פֿערד-פֿערד-געיעגען, עטוואָס וועגען די אוניווערסיטעטען אין באָן און אין האַלע, און לסוף וועגען דער אויסשטעלונג. וואַלדעמאַר האָט גוט געקענט פֿיהרען דעם שמועס. מען האָט איהם געפֿיהרט געמיינזאַם און בעלעבט. פֿון צייט צו צייט האָט ער איהם בעפֿאַרבט מיט אַ בעסערען וויץ, און צייטענווייז מיט אַ געוויסער דינער איראָניע, וואָס האָט אין זיך געטראָגט אַ בעזונדערן סטיל.

טרעסטקאַ פֿלעגט אויך אַמאָל צוהעלפֿען מיט אַ וויץ, אָבער ער האָט פֿערמאָגט אַ הומאָר פֿון אַן׳אַנדער מין, און בזה אופֿן האָט ער אין דער קלאַסישער שטימונג אַריינגעפֿלאָנטערט עטוואָס סטודענטישעס, נאָר דאָך האָט עס צו דער גאַנצקייט נישט געשטערט.

דער שליאַכטשיץ צווישען די מאַגנאַטען האָט נישט קאַליע געמאַכט דאָס בילד. ער האָט געוואונען זייער סימפּאַטיע, און האָט נישט געהאַט דעם אויסזעהן פֿון אַ פּאַרוועניו.

צום מעהרסטען איז ער געווען פֿערפּאַנטערסירט מיט וואַלדעמאַרן. דער דאָזיגער יונגער מאַגנאַט האָט איהם גלייכצייטיג אי אימפּאָנירט, אי צוגעצויגען צו זיך. רודעצקי איז געווען אינטערן איינדרוק פֿון וואַלדעמאַרס גרויס־מעכטיגע געשטאַלט, און בעזיגט פֿון דיין איידעלער און אויפֿמערקזאַמער בענעהמונג. ער האָט איהם אָבער געשראָקען אין בעצוג צו דער טאָכטער. ער האָט פֿאַר איהר מוֹרא געהאַט, ווייל די געוועלשאַפֿט פֿון וואַלדעמאַרן האָט ער געהאַלטען אַלס סכּנה פֿאַר סטעפֿען. ער האָט געפֿיהלט, אז אַן אומגליקליכע זאַך וואָלט עס געווען — דאָס מעדעל זאָל בלייבען גלייכגילטיג אין עס זאָל איהר נישט צוציהען דער מאָדנער חן און רייץ, וואָס האָט אַרומגערינגעלט דעם יונגען מאַגנאַט. ער האָט אַליין לייכט בעמערקט די נטיה פֿון וואַלדעמאַרן צו סטעפֿען, פּלומרשט אַ נישט־בעדייטענדע, אָבער אַ געוויס שטאַרקע, כּדי זי זאָל בעצויבערט ווערען.

דער אַלטער שליאַכטשיץ האָט זיך פֿערטראַכט, דערמאָהנענדיג זיך אינם שמועס מיט דער טאָכטער אין האָטעל, און איצט, זעהענדיג זי אַ צעשטראַהלטע ווי נאָך קיינמאָל נישט. מיט פֿערביטערונג האָט ער געטראַכט:

— זי איז שוין בעצויבערט, אינגאַנצען אונטער זיין איינדרוק

דערנאָך האָט איהם אַ מוֹרא'דיגער געדאַנק דורכגעשטאָכען דעם מוח. ער איז בלייך געוואָרען און האָט כּמעט מיט שׂנאה אַ קוק געטון אויף וואַלדעמאַרען. אין זיין בליק האָט אויפֿגעוואַכט אַ שטורעמדיגער צאָרן.

— צי וועסטו נישט ווערען דער אומגליק פֿון איהר לעבען? — האָט ער אַ טראַכט געטון.

XXX.

אויף דעם ראַוט צו דעם גראַף מאַרטענסקי איז וואַלדעמאַר גע־קומען שפּעט. ער מיט בראָכוויטשען האָבען צוזאַמען צוגערעדט די פּרוי אידאַליע, אַז זי זאָל אויך פֿאָהרען, אָבער די באַראָ־נעסע האָט זיך פֿער'עקשנט: זי איז עפּיס נישט געזונד געווען. די פֿירשטין האָט געוואָלט מיטפֿאָהרען מיט די פֿרייליינס, נאָר אויך סטעפֿע האָט זיך אָפּגעזאָגט: זענען זיי פֿערבליבען אין האָטעל. וואַלדעמאַר האָט כּעס'דיג געצויגען מיט די פּלייצעס. בראָכוויטש האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנד, און האָט געזאָגט מיט אַ קאָמישער מינע:

— די „באַבעס" האָבען זיך פֿונאַנדערקאַפּריזעט. לאָמיר אַליין פֿאָהרען.

אין דעם גראַפֿ'ס פּאַלאַץ, אָנהויבענדיג פֿון דעם פֿאָדערהויז, האָט מען שוין וואַלדעמאַרן אַרומגערינגעלט. ער איז אַריין אין זאַל אין דער בעגלייטונג פֿון די אויסגעפּוצטע הערען, און דערנאָך האָט ער זיך געפֿונען אין דעם עולם פֿון די פֿערשידענפֿאַרביג געקליידטע דאַמען. ער האָט זיך געוויילט אָהן דעם

עווועהנליכען הומאָר, אָבער ער האָט ניִשט אויפגעהערט צו זיין דער הויפּט־פּולס פון דער פערזאַמלונג. דער פירשט גירשטאָרף האָט איהם פונאַנדערגעפרעגט, וועגען דער פלאַנטראָפּישער טעטיגקייט פון דער געזעלשאַפט. דער פרעזעס מאַרטענסקי האָט איהם פאַרגעוואָרפען, אַז ער פיהרט דורך צו שטאַרקע רעפאָרמען אין גלעמבאָוויטשי.

— צו ברייט זייהט איהר איין די קולטור — האָט געטענה'ט דער אַלטער גראַף, טרייסלענדיג מיט די גרויסע הערעלייך אויפן קאָפּ.

— דאָס איז קיינמאָל ניִשט צו ברייט אָדער צו פיל! — האָט זיך וואַלדעמאַר פערטיידיגט — איבעריגענס, מעג גלעמבאָוויטשי זיין דער מקור פון דער קולטור־אידעע פאַר אַ גרעסערען קרייז.

דער גראַף האָט זיך געביזערט. גירשטאָרף האָט נאָכגעפרעגט אויפ'ן פּראָגראַם פון דער ווייטערדיגער טעטיגקייט.

— פאַרוואָס גיט איהר ניִשט אַ שטויס פאָרויס די געזעלשאַפט? איהר הויבט דאָ אָן צו שלאָפען.

וואַלדעמאַר האָט פרעהליך געלאַכט.

— דער פירשט ווייסט דאָך, איך בין ניִשט קיין פּרעמיער אין דער אינסטיטוציע.

— און די איניציאַטיווע? די איניציאַטיווע?

— איך גיב זי.

מאַרטענסקי האָט אַ שאָקעל געטון מיט די פינגער.

— אַ צו שווינגענדיגע! אַ צו הויכע!

— ס'שאַדט ניִשט, הער פּרעזעס, וועלען מיר אַ פליה טון! מיר האָבען פּח — האָט זיך וואַלדעמאַר געריצט.

דער גראַף און דער פירשט האָבען וואַלדעמאַרן ממש ניִשט צורוה געלאָזט, ביז עס איז צוגעקומען בראָכוויטש, און האָט איהם באַפרייט פון זיי.

— איך נעהם מיכאַראָווסקין צו פון דער דאָזיגער סעסיע אויף אַנ'אַנדערער, איך מיין צו די דאַמען — האָט בראָכוויטש ענערגיש געזאָגט.

— ער טראַכט ניִשט קיין סך פון זיי! — האָט זיך גירשטאָרף אָפּגערופען.

— דערפאַר טראַכטען זיי שוין וועגען איהם. דאָרטען איז ער שטענדיג דער פּרעמיער.

— דעם שמועס וועלען מיר שפּעטער ענדיגען — האָט וואַלדעמאַר פרעהליך אַ זאָג געטון.

אַוועקגעהענדיג, האָט איהם בראָכוויטש איינגערוימט:

— די דאָזיגע צוויי אַלטיטשקע זענען שוין צו שוואַך פאַר די פרויען, און דעריבער לאַנגווייִלען זיי אַנדערע. אָבער, אָבער! וועסט באַלד באַגעגענען אַ באַקאַנטע.

— איך? וועמען?

— ווֶעסט שוין באַלד אַ סימן האָבּען! דער בּלויער הימעל פון איטאַליען!
דאָס רוימישע קארסא! אפילו די גערטנער פון פלאָרענץ, אַטען און קאָרפו — האָט בּראָכוויטש דעקלאַמירט.

— וואָס פלאַפּעלסטו דאָרטען?

בּראָכוויטש האָט זיך אָפּגעטראָגען. וואַלדעמאַר איז אַ פּעי וואונדערטער ווייטער געגאַנגען. אין עפּיס אַ קאַבּינעט איז צו איהם צוגעגאַנגען אַ הויכע שאַטינקע, און אויסגעשטרעקט צו איהם איהר נאַקעטע האַנד.

ער האָט אויף איהר אויפמערקזאַם אַ קוק געטון און אויפגעציטערט.

— וועראַ?

— יאָ דאָס בּין איך. איהר האָט מיך דערקענט?

— וואָס טוט איהר דאָ?

— איך בּין דאָ, פערבּייפאָהרענדיג מיט מיין מאַן. איך בּין אַהערגעקומען צום גראַף אויפ'ן ראוט. מיר פאָהרען קיין פעטערבּורג.

וואַלדעמאַר האָט אויף איהר פערדראָסיג און מיט פעראינטערעסירונג געקוקט. אַ נעפּעל איז איהם פערבּיי די אויגען דורכגעשוואומען.

זי האָט איהם אָנגעכאַפּט פאַר'ן האַנד, און איהרע מאַטע שוואַרצאַפּלען, תאוה'דיגע און הייסע האָט זי צוגערוקט צו זיינע אויגען. פון די דינע ליפּען זענען ארויסגעפאַלען ליידענשאַפטליבע ווערטער:

— איינציג מיינער! איך האָב דיך ליב!

ער האָט געמאַכט אַ טריט אויף צוריק, און די ליפּען האָבען איהם פאַר צרגער אַ ציטער געטון.

— וועראַ! מיר זענען איצט נישט אין פּאַלאַצאָ סילווא. האַלט זיך איין.

— האָסט מיך פערגעסען? האָסט פערגעסען!

צאָרן האָט אַ גלאַנץ געטון אין זיינע אויגען.

— איך בּעט זיך בּערוהיגען — האָט ער פעסט אַ זאָג געטון.

זי האָט זיך שטאָלץ אויסגעגליכען, און מיט אַ קאַלטען בּליק אויף איהם אַ קוק געטון.

— איך בּין רוהיג, איך וויל אייך נאָר עפּיס זאָגען. מיר וועלען זיך איצט מעהר נישט זעהן... מאָרגען פאָהר איך.

— איך הער — האָט ער טרוקען געזאָגט.

זי האָט איהם גענומען אונטער'ן אָרעם און אריין אינ'ם צווייטען קאַבּינעט, פערשליסענדיג הינטער זיך די טיר.

וואַלדעמאַר האָט אויף איהר געקוקט. אַנ'איראָנישער שמייכעל האָט געציטערט אויף זיינע ליפּען, און די אויגען האָבען איהם מיט שפּאָט אויפגעגלאַנצט. זי ווידער האָט זיך האַרט נעבען איהם אַוועקגעשטעלט, בּעריהרענדיג איהם מיט איהרע בּרוסטען. די נאַקעטע פערפומירטע האַנד האָט זי האַסטיג פערוואָרפען אויף זיין האַלז און איהרע ליפּען האָט זי איינגעפּרעסט אין זיינע, שעפּטשענדיג:

— איך האָב דיך אייביג ליב, איך בענק נאָך דיר! קום צופאָהרען קיין רוים, איך בין דיינע... דיינע... נעהם מיך!

ער האָט זי כמעט אָפּגעשטויסען פון זיך

— וואַרע, דערמאָן ניִשט די פערגאַנגענע טעג. זיי זענען שוין ווייט פון דער געגענוואַרט.

— דו האָסט פערזעסען אין דעם לאַנד. קום צופאָהרען אין פּאַלאַצאָ סילוואַ.. דאָרטען צו אונז, געדענקסט דעם בודואַר?

זי האָט איהם אַלץ פעסטער מיט די הענד אַרומגענומען, מיט אַ פייערדיגער קראַפט פון גלוסטונג, און בעשטרוימענדיג זיין פנים מיט אַ ברענענדיגען אָטעם.

— וואַרע, עס זענען שוין אַדורך פיר יאָהר: דאַרפסט פערגעסען וועגען מיר און וועגען דעם דאָזיגען בודואַר — האָט ער, לאַנגווייליגענדיג זיך, געזאָגט.

— און דו האָסט פערגעסען?...

— כמעט.

— אויב אַזוי, דערמאָן זיך! קוק, ציִ בין איך ניִשט די זעלבע? איך האָב דיך ליב אַלץ איינס, ווי פריהער, איך פערלאַנג דיך און איך טרוים וועגען דיר. קוק!...

זי האָט אָפּגעבויגען דעם קאָפּ, און מרוזשענדיג די שענע אויגען, האָט זי אַ בלישטש געטון מיט די בלענדענד ווייסע ציין.

— דו ביזט שען — האָט וואַלדעמאַר געזאָגט — וואָס מאַכט עפּיס דער פירשט טאַלעדאָ?

זי איז געבליבען קאַלט שטעהן.

— וואָס פרעגסטו מיך וועגען איהם?

— מיר האָט זיך דערמאָהנט דער בודואַר. די זכרונות וועגען בודואַר געהערען אויך צו איהם

וואַרע האָט אַראָפּגענומען איהרע הענד פון זיין האַלז, און געמאַכט אַ פּאָר שריט אויף צוריק. וואַלדעמאַר האָט רוהיג אַרויסגענומען זיין ציגאַרען-שקעטעל, און שטעהענדיג נעבען לאָמפּ, וואָס איז פערטינקעלט געווען מיט אַ רויטען אַבאַזשור, האָט ער שפּאַסיג אַ פרעג געטון:

— ערלויבט פעררויכערן?

— ביטע — האָט זי אויפגערעגט געענטפערט.

פעררויכערענדיג די ציגאַר, האָט וואַלדעמאַר אויף איהר געקוקט, ווי אומגעקעהרט צו איהם מיט די ווייסע פּלייצעס, האָט זי געפּליקט אַ שפּיצען-טיכעלע אין די ציין. זי איז געווען וואונדערבאַר שען געבויט. מיכאַראָווסקי'ן זענען אויפ'ן זינען געקומען די מינוטען וואָס ער האָט מיט איהר פערבראַכט אין איהר בודואַר, און ער האָט אַ ציטער געטון, ווי פאַר עפּיס אַ מאָדנעם עקעל. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ נידעריג פּאָטעלכעל, פערלעגט פריי אַ פוס אויף אַ פוס, אין אַרויסלאָזענדיג אַ קנויל רויך פון מויל, האָט ער אַ פרעג געטון:

— דער געשפּרעך איז שוין געענדיקט?

וועראַ איז לעבהאַפט צוגעלאָפן, זי האָט זיך אָבער אינמיטן פאַרהאַלטן, אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, און פליקענדיק דאָס טיכעל האָט זי אויף איהם געקוקט אין די אויגען פון הינטער די אַראָפּגעלאָזטע וויעס. איהר גאַנצער קערפּער האָט זיך קאָקעטיש געבויגען, און די ליפּען האָבען איהר געציטערט.

וואַלדעמאַר האָט איהר מיט'ן בליק באַטראַכט. ענדליך האָט ער געזאָגט, אַראָפּטרייסלענדיג דעם אַש פון ציגאַר:

— איך זעה, אַז דו האָסט זיך אָפּגעוואוינט צו טופּען מיט'ן פּיסעל. און ווייסט, צו דער איצטיגער פּאָזע דיינער וואָלט עס געווען זעהר צוגעפּאַסט, אַזוי ווי איצט, זעהסטו אויס ווי אַ פּענסיאָנאַרקע.

וועראַ האָט אַ פּאַל געטון אויף דער קאַנאַפּקע, וואָס נעבען לאָמפּ, די הענד האָט זי הינטער'ן קאָפּ אונטערגעלעגט, און זי האָט אָנגעהויבען שטיל צו לאַכען. דער שווערער שטאָף פון'ם קלייד איז אַראָפּגעשוואומען אויפ'ן טעפּיך, אָפּדעקענדיג די שען געבויטע פיס. איהר ברוסט האָט זיך היציג געפּאַליעט, דורכ'ן קערפּער זענען ווי פלאַמען געפלויגען. מיט אַ בויגהאַפטער באַוועגונג האָט זי געווענדט צו וואַלדעמאַר'ן דעם קאָפּ און דעם ביוסט, און גלאַנצענדיג מיט די ציינער האָט זי נישט אויפגעהערט צו לאַכען. איהרע אויגען האָבען גע־שליידערט מיט פייערען.

וואַלדעמאַר האָט אַ פרעג געטון:

— וואָס ווילט עס דיך אַזוי?

— כאַ־כאַ, דיין גלייכגילטיגקייט!

— דו גלויבסט נישט אין איהר?

— אַך! איך בין דאָך נישט קיין קינד, איך ווייס, אַז דו ביזט קאַלט גע־וואָרען, נישט זעהענדיג מיך פיר יאָהר. איהר מאַנספערשוינען, זענט שטענדיג דיזעלבע: אייך באַדאַרף מען אונאויפהערליך צו רייצען.

— האַ, דערפאַר גלייכט זיך אויס אייער טרייהייט מיט אונזער פאַלשקייט, וואָס?

— ביזט אייפערזיכטיג צוליב טאָלעדאָן?

— ניין. איבריגענס קומסטו דאָך איצט צוריק צו מיר, און איך בין איהם מוחל זיין זינד.

— ביזט צופיל זיכער אין זיך!! פון וואַנען נעהמסטו, אַז איך קעהר זיך אום צו דיר?

— איך האָב דאָך דיך דאָ, און דו גיסט מיר, דאַכט זיך, גאָרנישט קיין צווייטיגע האָפנונגען.

— איך וואָלט קודם באַדאַרפט ערשט וויסען דעם צעטעל פון מיינע שותּפים. וויפיל זענען זיי געווען נאָך מיר?

— וואַהרשיינליך אַזאַ צאָהל, ווי פאַר דיר, אָבער זיכער ווינציגער, ווי

מײַנע גאָכּפֿאָלגער אין דײַן בודוואַרעןכּראָניק — האָט ער צינייש געזאָגט.

זי האָט זיך אַ ציה געטון מיט'ן גאַנצן לײַב. אויטשרעקנדיג די הענד, האָט זי לאַנגזאַם אַ זאָג געטון:

— ביזט פֿון שטענדיג אָן געווען פּראַכטפֿול, נאָר איצט רויכערסטו עטיס אַ פֿער'סמ'טען ציגאַר, און ער מאַכט דיך פֿאַר אַנ'אַנדערן, ווי דו ביזט געווען אין רוים, אָבער איך פֿערשטעה שוין: דאָס דאָזיגע לאַנד מאַכט דיך קאַלט. דאָ זענען נישטאָ קיין אמת שענע פרויען. הגם דו האָסט אויך דאָ געהאַט קאָלאָסאַלע שאַנסען. איך קאָן מיינע קאָנקורענטקעס פֿון צפֿון. זיי זענען דיר אוראַי פֿער'מיאוסט געוואָרען.

— געוויס — האָט ער קאַלט געענטפֿערט.

וועראַ האָט זיך איבערגעבויגען נעהנטער צו וואַלדעמאַר'ן. ווייך בעוועגענדיג מיט'ן קערפּער, ווי אַ פֿערשלאָפֿענע טיגערין; מיט'ן האַנד האָט זי אונגעדולדיג געקלאַפּט איבער דער קישעלע פֿון דער אָטאָמאַנקע.

— קום אויף ווינטער קיין רוים, סולטאַן מײַנער! איך האָב דאָך דיר געזאָגט, אַז איך האָב דיך ליב. וועסט קומען?

וואַלדעמאַר האָט געמאַכט אַ פֿעראַכטונגס-מינע. אין זיינע אויגען האָבען אויפֿגעבליצעלט טײַוולאַנימלעך פֿון געלעכטער.

— צו וואָס? ווען איך וואָלט געוואָלט אָפּשלאָגען טאָלעדאָן און בעניי[e]ן די ערינערונגען פֿון דײַן בודואַר, וואָלט...

ער האָט זיך אײַנגעבויגט און מיט אַ שטיפֿערישען שמײכעל אַרײַנגעקוקט אין איהרע אויגען. זי האָט צוגעמאַכט די וויעס, שנעל אָטעמענדיג. די פּיס האָבען איהר געציטערט.

— איך בין דײַנע — האָט זי אַ שעפּטשע געטון.

— אָט זעהסטו! דער צפֿון האָט דיך נישט געמאַכט פֿריהרען.

די תאווה האָט זיך בעוויזען אויף זיינע ליפּען: סאַטיריש האָבען זיך בײַ איהם געמרושעט די אויגען, און די נאָז-לעכער האָבען זיך איהם האַסטיג צעפֿאַכט. ער האָט זיך קיין ריהר נישט געטון.

ער האָט געקוקט אויף די קײַלעכדיגע ליגענדיגע פֿיגור פֿון וועראַן, אויף איהרע שטייפֿע ברוסטען און אויפ'ן ראָזען קערפּער; דאָס בלוט האָט אין איהם אָנגעהויבען ביסלעכווייז צו ברויזען. ער האָט אַמאָל בעזעסען די דאָזיגע פרוי. איצטער איז זי ווידער די זעלבע, נאָכגיביג צו איהם, אַ צוציהענדיגע. עפּיס אַ קעלט האָט איהם בעהויכט גלײַכצײַטיג מיט'ן אינערליכען פֿייער, וואָס האָט זיך אין איהם דערוועקט.

זי האָט אויסגעלעגט איהרע הענד אויף זיינע קניהען און אָנגעהויבען צו שעפּטשען:

— לייב מײַנער! געדענקסט? איך האָב דיך אַמאָל אַזוי גערופֿען: מײַן לייב!

מיט דער אַנדער האַנד האָט זי זיך אָנגעלעהנט אין איהם הענגענדיג מיט אַ האַלבען קערפּער אין דער לופטען.

— וואַרף שוין אוועק דיין אייז־קאַלטקייט! דאָס רייצט מיך אויף. אָבער גענוג שוין — האָט זי אַרויסגערעדט דורך די ליידענשאַפטליך צוגעדריקטע ליפּען.

דערנאָך האָט זי זיך אַ וואָרף געטהון אויף די הענד, אויסרופענדיג מיט אַ געוואַלדיגקייט:

— קוק נישט אַזוי אויף מיר! עס איז אין דיר אַזוי פיל רייצענדע איראָ־ניע! שטאָל איז צוגעקומען אין דיינע אויגען, זעהסט אויס, ווי אַ לייב פאַר זיין קרבן, ביזט וואונדערליך שען, אָבער — גרויזאַם!

וואַלדעמאַר האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט. פערצווייפלונג האָט געקלונגען אין זיין שטימע.

— איך בעפריי דיך, ווערא, פון מיינע נעגעל, כאַ! כאַ! כאַ!

זיין שטים האָט ווילד געקלונגען.

ווערא האָט מיט ניי־געריגקייט אויסגעשטרעקט דעם קאָפּ, און די אויגען האָבען זיך איהר שטאַרקער פונאַנדערגעבלישטשעט. זי האָט געזאָגט שטילער און מיט אַן אומרוהיגקייט:

— עמיצער האַלט דיך. זאָג, ווער איז עס — די נייע סולטאַנשע? אַז זי עקזיסטירט, דאָס פיהל איך.

וואַלדעמאַר האָט צוקוועטשט דעם ציגאַר. ער האָט שוין געהאַט דעם שמועס גענוג. ער האָט זיך אויפגעשטעלט און צוגעגאַנגען צו איהר. זיינע אויגען האָבען איהם געפלאַמט ער האָט אויסגעזעהן מורא'דיג. די איראָנישע פערקרימטע ליפּען האָבען ממש געשראָקען.

— ווערא! — האָט ער אויסגעשריגען.

זי האָט זיך אויפגעהויבען און אויסגעצויגען די הענד. די בריליאַנטען אויף איהרע פינגער האָבען אַ בליאַסק געטהון מיט אַ ווינקער פון קאָלירען וואַלדעמאַר האָט אַ געכאַפּט איהרע הענד און זיי משוגענערווייז אַ דריק געטהון. זי איז צוריק־געפאַלען אויף דעם געהאַפטעוועטען קישעלע פון דער אָטאָמאַנע, שעפּטשענדיג מיט אַ פער'חלשטער שטימע:

— איצט זאָל אונז אַ נעבעל בעדעקען.

וואַלדעמאַר האָט זיך איינגעבויגען און רוהיג געזאָגט:

— נאָר אייך. איך געה אַוועק. ווייל זיך גוט אין פּעטערבורג.

ער האָט זי אָפּגעלאָזט און אָנגעהויבען אַרויסצוגעהן.

ווערא איז אויפגעשפּרונגען, און האָט זיך אַוועקגעזעצט, איהר פּנים איז בגאָסען געוואָרען מיט פּורפּור.

— געהסט אַוועק?

— יאָ, איך האָב אויסגערויכערט דעם ציגאַר.

ער האָט זיך פערנויגט און איז אַרויס מיט אַ שטילען איראָנישען שמייכעל.

אין זאַל האָט איהם דער יונגער גראַף מאָרטענסקי אַ פֿרעג געטון:

— וואו איז מיין קוזינקע, הער מיכאַראָווסקי?

— די גרעפין סילוואַ איז אין רויטען קאַבינעט.

מאָרטענסקי האָט שטיפעריש אַ וואונק געטון.

— זי איז אייביג פראַכטפול, אמת?

— צופיל שמינקע: דאָס מאַכט קאַליע די קלאַסישסטע ליניען — האָט וואַלדרעמאַר מיט אַ גרימאַסע געענטפערט

— וואָס ווילט איהר? זי איז שוין אין די פערציגער!

וואַלדרעמאַר איז אָפּגעגאַנגען; און דער יונגער גראַף איז מיט אַ פֿוקסעטריט אוועק אין דער ריכטונג צום קאַבינעט

XXXI.

— וויל דער פֿאָטער בשום אופֿן נישט זיין אויפ׳ן קאָנצערט און אויפ׳ן באַל? — האָט סטעפֿע אַ פֿרעג געטון ביי איהר פֿאָטער אינ׳ם טאָג פֿון דער גרויסער פֿערוויילונג.

— ניין, קינד! איך פֿאָהר אַ היים מאָרגען, און איך האָב נאָך פֿיל זאַכען צו ערלעדיגען.

סטעפֿע איז פֿער׳ברוגזט געוואָרען.

— עי! איך האָב אַזוי גערעכענט אויף דעם. איך האָב אַזוי געוואָלט זיין מיט׳ן פֿאָטער. אויפ׳ן באַל וועלען זיין אַ סך פערזאָנען, וואָס זענען מיר אינגאַנצען אונבעקאַנט, און דאָס רוב פֿון דער אַריסטאָקראַטיע.

— עס וועלען אויך זיין געוועהנליכע בירגער, און אויך די הויפּט-אויסשטעלער. דאָס איז דאָך אַ געזעלשאַפֿטליכער באַל געוויס מיט אַ בעשטימטען ציועק וועלען זיך דאָרטען אויך מסתמא געפינען וועניגערע יחסנים. וועט דער באַל פֿאָרקומען דירעקט נאָכ׳ן קאָנצערט?

— יאָ, און אינ׳ם זעלבען זאַל. מיר וועלען אפילו אויפ׳ן קאָנצערט נישט זיין. מיר וועלען קומען גלייך אויפ׳ן באַל.

דער הער רודעצקי האָט זיך אָפּגעזעגענט מיט זיער טאָכטער ביז אויף מאָרגען. הגם ער האָט פֿערזיכערט, אַז אויפ׳ן באַל וועט ער נישט זיין, האָט ער זיך אויף איהם פֿאַקטיש געקליבען צו זיין, נאָר אַלס צוקוקער פֿון דער גאַלעריע. ער האָט געוואָלט זעהן סטעפֿען אין דער סביבה צו וועלכער ער האָט געהאַט אַ קנאַפּען צוטרוי, כדי ער זאָל זיך קענען צו איהר פֿון דערווייטענס צוקוקען, נישט זייענדיג פֿון איהר געזעהן.

ער איז גאַנץ פֿריה געקומען צום קאָנצערט אין זאַל פֿון דעם גרויסען האָטעל, אויסגעזוכט פֿאַר זיך אַ גוטען אָרט אין די שטולען און אויך אַ פּלאַץ

אויף דער גאַלעריע. צווישן פּובליקום זענען געזעסן אַ סך פּערפּוצטע דאַמען באַל־מעסיג אויסגעפּוצט, נאָר פון דער אַריסטאָקראַציע איז נאָך קיינער נישט געווען.

דער קאָנצערט האָט רודעצקי׳ן נישט ענטציקט, מחמת ער איז געווען אַ מבין אויף מוזיק, און זעהר קאַפּריזנע אויף געזאַנג. די איינאָרדנונג פון דער עסטראַדע האָט איהם אָבער געפאַלען. דאָרט איז געווען איינגעאָרדנט אַ בושאַ־זאָווע וועלדעל, אַ נאַטירליכער, אויסגעלעגט מיט מאָך. צווישן די בוימער זענען געשטאַנען שטולען און פּולפּיטען פאַר די מוזיקאַנטען. דאָ האָבען זיך אַרויסגע־זעצט אַ גרופּע אַרטיסטען, וועלכע זענען געקומען פון דער הויפּט־שטאָט צו דער אויסשטעלונג. דער העַר רודעצקי איז געווען ענטוישט: דער בעריהמטער אָר־קעסטער האָט איהם נישט בעפרידיגט.

— נישט מעהר טאַקי, וואָס מען הערט רודערן, אָבער גאָט מיינער, וואו איז דאָ די מעלאָדיע?

דער זינגער און די זינגערין האָבען געמאַכט נאָך אַ קלענערן איינדרוק.

אויף דער עסטראַדע איז אַרויס אַ יונגע פּעסט־געבויטע פריילין אין אַ ווייס אויסגעגאָרסירט קלייד. די ענטבלויזטע הענד זענען געוועזן זעהר רויט און אָהן אַ חויך פון סובטעליטעט. אויף דער פּיראַמידע פון די ראָזקייטען האָט זיך געהויבען אַ שוואַרצער קאָפּ, וואָס האָט אויסגעזעהן, ווי אַ סטאַרטשענדיגע אַנגאָ־רישע קוטשמע די שוואַרצע קליינע אויגעלעך האָבען זיך איהר געלויכטען, ווי צוויי טשוועקלעך, וואָס זענען אַריינגעשלאָגען אין קאַלירטע טאַפּעטען.

זי איז אַרויסגעגאַנגען, אונטערהאַלטענדיג דאָס קלייד און מאַכענדיג אַ פּאָר שווערע אומברחמנות׳דיג־איידעלע קניקסענס, איז זי געבליבען שטעהן, קנייטשענדיג אין האַנד די נאָטען־בויגענס. דערנאָך האָט זי מיט אַנ׳אויפגעהוי־בענעם קאָפּ אָנגעהויבען צו זינגען.

דער העַר רודעצקי האָט קוקענדיג אויף איהר, געהאַט געוויסע ספקות. ערשטענס האָט זיך איהם געדוכט, אַז די דעביוטאַנטין וועט נישט אויסהאַלטען דעם פּרוב, ווייל דער קאָליר פון איהר ביוסט איז אַלץ וויטער און רויטער געוואָרען. דערבײַ האָט זי זיך קענטיג אַזוי געוואָרגען, אַז עטליכע פון די צו־הערערס האָבען זיך געטאַפּט ביי די איינגענע קאָלנערס, אין דער איבערצייגונג, אַז זיי זענען ענג.

פּלוצים האָט זיך צו סטעפּעס פּאָטער געווענדט אַ יונגערמאַן, וואָס איז נעבען איהם געזעסן, און האָט גאַנץ הויך אַ זאָג געטון, אָנווייזענדיג מיט די אויגען אויף דער דעביו־אַנטינס פולע הענד:

— מיי הער. זענען עס: הענד, צי פיס? איך קען זיך נישט פונאַנדערקלויבען.

און נישט וואַרטענדיג אויף אַנ׳ענטפער, האָט ער, אַ ציפרידענער פון זיך און זיין וויץ, אָנגעהויבען צו פערש־רייטען זיין בעמערקונג אין דער צווייטער זייט פון זאַל.

ווען דאָס פּישטשענדיגע שטיקען זיך און ווערגען זיך אין לסוף ענטשוויגען געוואָרען, האָבען אַלע אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם, פּונקט אַ משא וואָלט בײַ אַלע אַראָפּגעפֿאַלען פֿון די הערצער, דאָס האָט אַרויסגערופֿען אויך די אַפּלאָדיסמענטען, וועלכע מען האָט איבעריגענס אויך נישט געזשאַלעוועט. די זינגערין האָט זיך עטליכע מאָל פֿערנויגט, און פּאַמעלעך האָט זי אָנגעהויבען אַוועקצוגעהן צווישען די בושאַזעס, לויכטענדיג פֿון דערווײַטענס מיט'ן ווייסען קלייד און מיט'ן רויטען קאַרק.

— וואָס אַ שטייגער וועט זי איצטער טון? — האָט אַ פֿרעג געטון דער ווײַצעלדיגער יונגערמאַן, נישט ווענדענדיג זיך אייגענטליך צו קיינעם.

— מסתמא וועט זי זיך מאַכען אַ קאַלטע באָד — האָט געענטפֿערט עפּיס אַ שטימע פֿון אַ צווייטער רייהע.

בעת דער לעצטער פּויזע זענען פֿיל פּערזאָן אַרויס אין קאָרידאָר, אויף די מאַרמאָרנע טרעפּ, וואָס האָבען געפֿיהרט אין דעם קאָנטראָמאַרקען-צימער. דאָרטען האָט זיך שוין אָנגעהויבען די כאַראַקטעריסטישע באַוועגונג פֿון ערב אַ באַל אין אַ האָטעל. די לאַקייען זענען געלאָפֿען, פֿון דער צוקערניע האָט מען געטראָגען טאָרטען און פּיראַמידען זיסע זאַכען אויף קרישטאַלענע טעץ. מען האָט אַרייַנגעבראַכט קוישען מיט בלומען צו באַפּוצען דעם זאַל. דער הער רודעצקי, אָנגעשפּאַרט אין דעם פּאַרענטש פֿון די טרעפּען האָט זיך נייגעריג צו דעם אַלץ צוגעקוקט.

די דאָזיגע הכנות צום באַל האָבען געהאַט אין זיך פֿיל מערקווירדיגקייטען. ערשטענס האָט זיך אין די אויגען געוואָרפֿען די היציגע באַוועגליכקייט פֿון דער דינערשאַפֿט, וואָס האָט פֿערמאָגט פֿייערליכע שטימונג. רודעצקי האָט בײַ זיך אַ טראַכט געטון, אַז אייביג אַרבייטען אַזוי די נידעריגע קלאַסען צו מאַכען ליב די פֿערגוויגונגען פֿון די העכערע קלאַסען, פֿון די פּריווילעגירטע. און הגם זיי זענען געצאָהלטע, פֿונדעסטוועגען טוען זיי עס אָפּטערס, זייענדיג שטאָלץ וואָס זענען דערצו באַשטימט. זײַנע געדאַנקען האָט איבערגעריסען אַ טויב געקלאַפּערײַ פֿון אַן אָנקומענדיגער קאַרעטע בײַ'ם צופֿאָהר. עטליכע לאַקייען האָבען זיך אַ יאָג געטון צו דער טיר. אין דעם קאָנטראָמאַרקען-צימער איז געוואָרען אַ שטאַרקערע באַוועגונג.

— מען הויבט זיך אָן צוזאַמענפֿאָהרען, דאַרף מען געהן אויף מיין פּאָסטען — האָט רודעצקי אַ טראַכט געטון. ער האָט נאָך אַ קוק געטון אונטען. עס זענען אַריין צוויי הערען; זיי האָבען הויך צווישען זיך געשמועסט, אַראָפּציהענדיג פֿון זיך די פּעלצענס מיט דער הילף פֿון די דינער.

— די וואַיענישען זענען שוין געענדיגט? — האָט איינער פֿון זיי געזאָגט, אַ יונגער, אַ דאַרער און שוין אַ ליסער.

דער לאַקיי האָט זיך איינגעבויגען אין דרייען מיט אַ חניפֿה'דיג דינערישען שמייכעלע.

— אָ, נאָך נישט, ליכטיגער און וואוילגעבוירענער הער גראַף, כאָטש עס וואָלט שוין לאַנג צייט געווען...

— איך רעד נישט צו דיר, שוטה — האָט אַ סיקע געטון דער וואויל־געבוירענער.

דער לאַקיי האָט זיך ווידער פֿערגויגט.

— אַריסטאָקראַציע! — האָט צו זיך רודעצקי אַ שעפטשע געטון.

די צוויי הערען האָבען זיך אַוועקגעשטעלט פֿאַר'ן שפּיגעל, קאָנטראָלירענדיג די פּריזיערשע אַרבייט אויף זייערע קעפּ, בעטראַכטענדיג די האַרטע ווייס־קייט פֿון די גרויסע פּלאַסטראָנען, און דעם לאַנגווייליג־קאַפּריזען אויסדרוק פֿון די פֿערוועלקטע ליפּען, דערנאָך זענען זיי פּאַמעליך מיט אַ געמאָסטענעם טריט אַרויפֿגעגאַנגען אויף די טרעפּ, און פֿערמרוזשענדיג די אויגען האָבען זיי פֿון אויבען אַראָפּגעקוקט אויף רודעצקי'ן.

— דאָס איז מסתמא איינער פֿונ'ם קאָנצערט־שמעלץ. — האָט געזאָגט צו זיין חבר דער ליסער גראַף.

רודעצקי האָט די דאָזיגע ווערטער נישט געהערט, מחמת ער האָט בע־מערקט עטוואָס בעסערס. ווי נאָר די צוויי הערען זענען פֿערשוואונדען הינטער די טירען האָט דער לאַקיי, וואָס איז געשטאַנען אין אַנ'אויסוואַרטענדיגער פּאָזע, — אַרויסגעשטעקט אַ צונג... נאָר צו דעם הער רודעצקי. בעמערקענדיג דעם טעות, וואָס ער האָט געהאַט, האָט זיך דער לאַקיי אייליג צוריקגעצויגען אין קאָנטראָ־מאַרקע־צימער אינגאַנצען אַ פֿערשעמטער.

דער הער רודעצקי, וועלכען די סצענע האָט פֿרעהליך געמאַכט, איז גלייך אַרויף אויף דער גאַלעריע. פֿון זיין אָרט אויבען האָט ער גוט געזעהן די גלע־זערנע איינגאַנגס־טיר, די טרעפּען, און אַ טייל פֿון דעם אויבערשטען קאָרידאָר. דער לעצטער נומער פֿון פּראָגראַם האָט איהם אינגאַנצען נישט אינטערעסירט.

וואָס ווייטער זענען צוגעקומען אַלץ נייע געסט, און די בעוועגונג איז אַלץ שטאַרקער געוואָרען. סטעפּעס פֿאָטער האָט פֿון זיין אָרט געקענט אַלעסדינג גוט זעהן. דערווייל זענען אַלץ צוגעקומען אומבעקאַנטע הערען. איינער פֿון זיי האָט אויף זיך לענגער געווענדט די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון רודעצקי'ן. דאָס איז געווען זעהר אַנ'אַלטער מענש אָבער אַ גלייכער און אַ שטייפֿער אין אַ שמאָל געפּאַסטען פֿראַק. ער האָט געהאַט אַ בלאַסען וואַקסענעם פּנים, אַ גרויסען אָד־לער נאָז און גרויסע שוואַרצע אויגען. די גרויסע כמעט ווייסע האָאָר זענען גע־ווען ביי איהם אַלטפֿרענקיש צוגעקעמט, די דינגע ליפּען, וואָס זענען געווען שטאָלץ געפּרעסט האָבען געהאַט דעם אויסדרוק פֿון מאַגנאַטישער גאוה.

דער הער רודעצקי האָט געוואוסט, אַז דאָס איז אַנטאָני מאָרטענסקי דער פּרעזעס פֿון דער אָרטיגער לאַנדווירטשאַפֿטליכער געזעלשאַפֿט און דער דירעק־טאָר פֿון דער אויסשטעלונג. שטאָלץ און גרויסקייט האָט געוועהט פֿון זיין גע־שטאַלט, מאַכענדיג איהם אונסימפּאַטיש. נעבען דעם גראַף איז געשטאַנען אַ

נידעריגער הער, א גראבער, א רויטער מיט א פערשווינצט פנים מיט ראזירטע וואנסעס און מיט א רונד בערדעל אלא מאלטקע, די [illegible] ער געהאלטען פערלעגט אויף הינטען, פונקט עס וואלט איהם נארגישט [illegible] וועלט געארט. אויף דעם גראף האט ער פונדעסטוועגען געקוקט אונטער[illegible] און א שמייכעלע פול מיט בעגליקטקייט איז איהם נישט אראפ פון פנים ווען דער גראף פלעגט זיך צו איהם ווענדען פון דער הויך אראפ. פלעגען זיך די הענד פונ׳ם פעסעל-דיגען פארשוין זיך אפרייסען פון פראק און די פעטע רויטע פינגער פלעגען זיך פלוצלונג אנהויבען פארען ארום דער דעוויזקע. ער האט מיט אזא דערני-דעריגקייט געבויגען זיין קיילעכדיג פיגור, און דערביי געמאכט אזעלכע זיסע מינעס, אז רודעצקי האט מיט עקעל אויף איהם געקוקט.

— מסתמא, עפיס א מילנער פון דעם גראפ׳ס גיטער.

דעם קאנצערט האט קיינער נישט געהערט, עס האבען זיך אויך אנגעהויבען צוזאמענצופאהרען די אריסטאקראטישע דאמען. די מאנסביל זענען פלינק ארויס אין קאנטראמארקען-צימער. רודעצקי האט אויסגעקוקט די פרוי עלזא-נאווסקא און סטעפען, אבער זיי זענען נאך נישט אנגעקומען. דערווייל איז אנגעקומען טרעסטקא און ווילוש שעליגא. די לאקייען האבען זיך ווידער א ווארף געטון צום טיר, און עס איז אריין וואלדעמאר, פיהרענדיג דעם הער מאציעי.

צווישען אלע הערען איז ענטשטאנען א בעוועגונג. די יונגערע זענען אפילו ארויס אויף די טרעפען. דער גראף, דער פרעזעס האט ערנסט און אימ-פאנירענד א געה געטון פאראויס. די בעגריסונג פון ביידע אלטיטשקע איז פארן געקומען זעהר געהויבען, דערנאך איז שוין דער גראף נישט אפגעטראטען פון דעם הער מאציעי, און דאס קיילעכדיגע פערשוינדעל מיט ן בערדעל אלא מאל-טקע איז אפגעטראטען צו א בעשיידענערער געזעלשאפט.

וואלדעמארן האבען ארומגערינגעלט די יונגע הערען. רודעצקי האט פו-זיין בעהעלטעניש אויף איהם גוט אכטונג געגעבען, וואלדעמאר האט איצט גאר אנדערש אויסגעזעהן: נישט ווי אויפ׳ן פערד, און נישט ווי ביי׳ם מיטאג. ער האט זיך איצט אויסגעוויזען שענער, ווייל זיין פראק האט בולט און עלעגאנט ארומגענומען זיין פיגור. ער האט געהאט אין זיך פיל פון א הערשערישען גוטען טאן און פרייע, לייכטע מאנירען. פון דער גאנצער געזעלשאפט האט ער זיך אויסגעטיילט. עס איז אין איהם ניכר געווען דער גרויסער יחוס, און דער נישט-דורכשניטליכער סאלאן-מענש, דער באל איז געווען פאר איהם, נישט ער פאר׳ן באל. רודעצקי האט אויף איהם צופרידען געקוקט, מחמת ער האט גערן געהאט מענשען פון אזא שניט, ווי וואלדעמאר.

— ווען אלע אונזערע אריסטאקראטען וואלטען געווען אין איהם געראטען, וואלטען מיר געשטאנען אויפ׳ן שפיץ פון דער ציוויליזאציע.— האט דער הער רודעצקי א טראכט געטון.

עס איז אנגעקומען די אלטע פירשטין פאדהארעצקא, אנגעטון אין שווא-

צע זעלטענע שפיצען, און מיט איהר — פריילין ריטא. דער פירשטין האט גע־פיהרט דער גראף, פרעזעס מארטענסקי, און ריטאן — עפיס אנ'ענגליזירטער יונגערמאן, וועלכער האט געשיקט מקדים געוועזן טרעסטקאן.

דער באראן וויהער האט טריאומפאליש אריינגעפיהרט די גרעפין צווי־לעצקא, וועלכע איז ממש געווען בעשאטען מיט בריליאנטען. נאך איהר איז שטייף נאכגעגאנגען דאס פריילין מיכאלינא מיט'ן ליסען גראף, וועלכער האט פריהער דורכגעמאכט די סצענע מיט'ן לאקיי, און דערנאך די לאכעדיגע פאולא, אנגעשפארט אין א לאכעדיגען בעגלייטער. וואלדעמאר, אנ'אומגעדולדיגער קענ־טיג האט געווארפען בליקען אויף דער איינגאנגס־טיר.

— וואס קומען זיי נישט? — האט רודעצקי א טראכט געטון

פלוצלונג אבער האט זיך צו איהם געווענדט עפיס אנ'אלטער הער, וואס איז נעבען איהם געזעסען און א פרעג געטון, קוקענדיג הינטערדי ברילען:

— מיין הער, וואס הערט עפיס נישט אויף די מוזיק צו שפילען? פויקען און פויקען, כאטש קיינער הערט זיי נישט, און דארטען שיט זיך שוין אריין די אריסטאקראציע, און זיי בייזערן זיך מסתמא אויך.

— ווער ווען דארף נאכגעבען: דער קאנצערט דער אריסטאקראציע, צי פערקעהרט — האט סטעפעס פאטער געענטפערט.

— דערווייל גיט נישט נאך קיינער, אבער דאס בעווייזט, אז די אלע הערן קעהרט די קונסט גארנישט אן, דערביי זענען זיי נישט איבעריג העפליך, ווייל אליין הערען זיי נישט, און לאזען אויך די אנדערע נישט הערען.

— זיי פערהאלטען זיך פונדעסטוועגען גאנץ שטיל, און וואס שייך די היינטיגע מוזיק, איז זי נישט ווערט בעסער טראקטירט צו ווערען.

— מיין הער, זי איז דאך די שטאלץ פון אונזער רעזידענץ־שטאט, און דאס איז דאך דער לעצטער קאנצערט.

— ס'קען זיין! איך ווער נישט ענטציקט.

— און אויף די פריהערדיגע קאנצערטען זענט איהר געווען?

— ניין!

— א — בא!

דער דאזיגער אויסרוף האט איבערצייגט רודעצקין, אז נישט שטענדיג איז דער לעצטער אקט עהנליך אויפ'ן ערשטען.

דער הער אין די ברילען האט ווייטער גערעדט:

— איידער מען וועט פון זאל צ'נעהמען די שטולען, וועלען נעבען די דאמען טיוולאניש זיך לאנגווייליגען אין די בודוארען און מיר דא — אויף דער גאלעריע.

— אויך איהר זענט געקומען בעטראכטען דעם באל?

— יא! איך קען נישט איינשלאפען ביינאכט, און איך האב נישט געהאט,

וואָס צו טון בעסערס, האָב איך זיך אַ טראַכט געטון: מען דאַרף גלאַט אַ קוק טון, ווי זיי טאַנצן עס אַ שטייגער.

און איהר, צו וואָס זענט אהער געקומען?

— איך? אַט גלאַט צו פאַרטרייבן די צייט.

— אַ, זעהט איהר!

אַ שטאַרקערע באַוועגונג ביי די טירען האָט געווענדט אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון די שמועסענדיגע. דער הער רודעצקי האָט אַ קוק געטון און אַ ציה געטון זיך צוריק אויף די טרעפען אַרויף איז געגאַנגען די פרוי אידאַליע אין אַ פראַכטפול סאַמעטען קלייד און אין בריליאַנטען, געפיהרט האָט זי דער עלטערער פירשט גירשטאַרף.

וואַלדעמאַר האָט געפיהרט די יונגע פירשטין פאַדהאָרעצקאַ. לוציע אַ בלאַנק־ווייסע, ווי דער שניי, איז געגאַנגען מיט ווילדש שעליגאַ׳ן. סטעפע, אַרומגעהילט אין סעלעדין־קרעפ, אַ פרישע, ווי דער חודש מאַי, איז געגאַנגען געאַרעמט פון טרעסטקאַ׳ן. דער הער רודעצקי, אַ פאַראינטערעסירטער, האָט פערגעסען וועגען דער נויטיגער פאָרזיכטיגקייט, און אַרויסגעבויגען זיך פון דער גאַלעריע, כדי בעסער צו זעהן די אויפגעהענדיגע. סטעפע האָט זיך איהם אויסגעוויזען וואונדערליך שען. ווען זיי זענען פאַרביי־געגאַנגען דער גרופע מאַנסביילען — האָבען זיך אַלע קעפ פערנויגט פאַר די ערשטע פאָרען די פרוי אידאַליע האָט עפוואָס שטאַלץ געענטפערט אויף די בעגריסונגען, און די יונגע פירשטין, אַ קליינינקע און אַ שענינקע — מיט אַן׳אויסערגעוועהנליכער בע׳חנ׳טקייט. אויף לוציען און אויף סטעפען האָבען זיך געווענדעט אַ סך בליקען, דערהויפט אויף סטעפען, ווארום נישט אַלע דאָ האָבען זי געקענט. טרעסטקאַ אָבער, וועלכער האָט זי געפיהרט, האָט מיט אַ שטאָלצער מינע, געמאַכט איהר רעקלאַמע.

גלייך נאָך זיי איז אָנגעקומען די משפחה פון דעם גראַף באַרסקי. צו דער יונגער גרעפין איז צוגעלאָפען דער פירשט זאַניעצקי. דער קאָנצערט האָט זיך געענדיגט.

נאָך דויערהאַפטע אַפּלאָדיסמענטען האָט מען אָנגעהויבען אַראָפּצוגעהן, אָבער אַ העלפט עולם איז נאָך געוועזן אויפ׳ן זאַל, נאָך נישט בעוויזען צו ריהרען זיך פון די ערטער — ווי עס זענען אַריינגעלאָפען די לאַקייען, און מיט גרויס טאַראַראַם האָבען זיי אָנגעהויבען אַרויסצוטראָגען די שטולען אין קאָרידאָר. עס איז געוואָרען אַ טומעל און אַ צומישונג. וואַלדעמאַר איז אַרויס, בעוויזען מיט דער האַנד אין דער ריכטונג צום טיר, און קורץ אַ זאָג געטון מיט אַ רוהיגען, ענערגישען קול:

— נאָך דאָ צייט! איצט געהט אַהין.

די לאַקייען האָבען זיך איילינג צוריקגעצויגען צו בעדינען די צופאָהרענדיגע. אויפ׳ן זאַל איז געוואָרען שטיל. דאָס פובליקום איז פריי אַרויסגעגאַנגען.

— אַהאַ! מיט דעם דאָזיגען וועט זיך שוין נישט איבער׳חזר׳ן די מעשה,

וואָס מיט׳ן ליסען גראַף — האָט רודעצקי מיט פאַרגעניגען אַ טראַכט געטון.

און דער הער אין די ברילען האָט אויסגערופען:

— דאָס איז אַ יונג! דאָס איז דער גוט-בעזיצער מיכאַראָווסקי פון גלעמבאָוויטשי. האַ! האַ! דאָס איז אַ גרויסער מאַגנאַט, אָבער נישט אַזאַ, ווי זיי אַלע.

— וואָס הייסט, נישט אַזאַ?

— ווייל ער איז קליגער פון אַ סך אַנדערע. איהר האָט נישט געהערט וועגען זיינע גיטער? ווי ער פיהרט דיווירטשאַפט און ווי ער איז פּאָסט ביי זיך און מענשליך! דערביי איז ער אַ פּאַטריאָט: לעבט מאַגנאַטיש, אָבער פאַר פרעמדע — שיט ער נישט מיט קיין מיליאָנען. אין זיינע גיטער לעבען די מענשען, ווי ביים טאַטען אין ווייגאָרטען, און מען האָט פאַר איהם גרויס דרך ארץ, און כבוד גיט מען איהם אָפּ. עד, ווען מיר זאָלען האָבען אַ סך אַזעלכע, וואָלטען מיר זיך נישט געדאַרפט אַרומקוקען אויף דייטשלאַנד!

דעם הער רודעצקי האָט פערוואונדערט די עהנליכקייט פון זיין שכל׳ס געדאַנקען מיט זיינע אייגענע.

— איהר קאָנט איהם פּערזענליך, מיכאַראָווסקין? — האָט ער אַ פרעג געטון.

— פּערזענליך, מיין הער. אָבער איך האָב זיך מיט איהם בעקאָנט אויף דער אויסשטעלונג, ווייל איך האָב דאָ מיינע טאָרפען און פערשידענע פלוגער. איך בין אַן אינזשינער, מיין הער. און ווייל מיכאַראָווסקי איז אַן אַקטיווער מיטגליד פון אָרגאַניזאציאָנס-קאָמיטעט, האָב איך געהאַט די געלעגענהייט מיט איהם צו רעדען, בעת׳ן אויסשטעלען מיינע אַרטיקלען. ער גופא האָט אויף דער אויסשטעלונג אַ גרויסע פערד-סטייניע. צעהן קליאַטשעס פון פערשידענע ראַסען. פון פערשידענע מאַיאָנטקעס, און דעם וואונדערבאַר-שענעם אָגער, אַן אַראַבישער פערד פון ריינעם בלוט, אויף וועלכען ער האָט אַזוי גוט געריטען בעת די געיעגען. מסתמא האָט איהר געזעהן? ער האָט דאָ אויך זיינע תבואות, יאַגד-הינד און יאַגד-מכשירים.

— פאַר די פערד האָט ער בעקומען אַ גאָלדענע מעדאַל.

— נישט קיין וואונדער.

— פאַר די הינט — אויך בעקומען אַן׳אויסצייכענונג. ווייזט אויס ביי איהם איז אַלץ אויפ׳ן קולטורעלסטען אופן איינגעאָרדענט.

— און מיט שכל; ס׳איז צו פערוואונדערן: ער איז דאָך נאָך גאָר אַ יונגער מאַן. איך קען די גלעמבאָוויטשער גיטער שוין פאַר זיינע צייטען. פריהער האָט ער געהוליעט אויף וואָס די וועלט שטעהט, ווי אַ נאַבאָב געלעבט אַ טאָג און פערבראַכט אין אויסלאַנד. איצטער זיצט ער שוין אין אייגענעם לאַנד, אין פּוילען, און וועגען חתונה האָבען טראַכט ער גאָרנישט, כאָטש מען וויל איהם בגוואַלד משדך זיין מיט דער יונגער גרעפין באַרסקאַ.

דער הער רודעצקי האָט זיך פערטראַכט.

דעם זאַל האָט מען געבראַכט אין אָרדנונג מען האָט אַריינגעשטעלט

בליִהענדיקע וואַזאָנען גריִנס. די דילען האָט מען אָפּגעפריִשט און זיי האָבן געגלאַנצט, ווי די שפּיִגלען.

פּלוצים זענען פון בודואַר אַרויס סטעפע מיט לוציען, און אָנגעהמענדיִק זיך פאַר די הענד, האָבן זיי אַדורכגעלאָפן דעם זאַל. הינטער זיי האָבן זיך באַוויזן צוויי פריילינס אין סטעפעס עלטער, מאַגערינקע און דאַרינקע, ווי די ליאַלקעלעך, אין ווייסע קליידער, סעצעסיע׳אַרטיִק צוגעקאַמט. געווען זענען עס די פּאַרהאַרעצקי׳ס, אייניקלעך פון דער אַבראַנער אַלטער פּירשטין. זיי אַלע האָבן זיך אָנגעהויבן צו קרייזן אין זאַל, און פריילעכע געלעכטערס האָבן זיך אָפּגעשלאָגן מיט זילבערנע ווידערקלאַנגען אין די פרעסקען פון די ווענד און פון סופיט.

צווישן די ספּעקט-בלומען און די בוימער האָבן די מיידלעך געפלאַטערט, ווי די העלע שמעטערלינגען. סטעפע, די העכסטע און די טונקעלסטע האָט מיט זיי אָנגעפירט. ביידע יונגע פּירשטינס האָבן נישט געקענט אייננעמען, אַריינצוהענדיק אין זייער שטימונג די עטוואָס ערנסטערע לוציע. זיי האָבן איינגאַנצען נישט אַכטונג געגעבן אויף די גאַלעריע, און נישט אויף דער דינער שאַפּט וואָס האָט זיך העפליך צוריקגעצויגן. וואַלדעמאַר איז אַריין, אַ וואָרף געטון מיט אַ בליק אויפ׳ן זאַל און איז אַריינגעפאַלן אין׳ם פריילעכן מיידעלשן רעדל.

— וואַלדי! וואַלדי! — האָבן די פּירשטינ׳ס אויסגעשריגן.

— פריילינס, אַ רעדעל! — האָט ער פרעהליך אויסגערופן.

ער האָט אַ כאַפּ געטון סטעפעס האַנד, מיט דער צווייטער אָנגעכאַפּט אַ יונגע פּירשטין, אַלע האָבן זיך ביי די הענט אָנגענומען, און ער האָט זיך עטלעכע מאָל מיט זיי אַרומגעדרעהט אין טעמפּ פון אַ מאַזורקע.

— וואַלדי, שטעל זיך אין מיטן, וועסט זיין אַ שפּרינגע, און מיר אַרום דיר וועלן זינגען — האָט לוציע, שווער-אָטעמדיק אויסגערופן.

— מען קען נישט! קומט! — האָט ער שנעל אַ זאָג געטון און אַ ציה געטון זיי נאָך זיך, אָנווייזענדיק מיט די אויגן אויף דער אויבער פולער גאַלעריע.

די מיידלעך האָבן זיך צעטומלט פונאַנדערגעלאָפן.

וואַלדעמאַר איז זיי פאַמעלעך נאָכגעגאַנגען.

עס האָבן זיך אָנגעהויבן צונויפפאָרן געסט פון דער שטאָט, די מוזיק האָט אויפגעשפּילט אַ וואַלס, עפענענדיק דעם באַל. דער הער רודעצקי האָט אָבער נישט געזען די אַריינגעהענדיקע פּאָרן, אַזוי פאַרנומען איז ער געווען מיט דער קליינער סצענע, וואָס וואַלדעמאַר און די מיידלעך האָבן אָפּגעשפּילט.

— זיי האָבן מיר זי איינגאַנצען צוגענומען, זי האָט זיך אַריינגעזאַפּט אין זיי — האָט ער אין די געדאַנקען איבערגע׳חזרט, און ער האָט שוין כמעט נישט געהערט דאָס הויכע ענטציקן זיך פון זיין שכן.

— אָט דאָס הייסט פֿינאַנדערגעשטיפּטע יוגענד! ווי שעהן זענען עס געווען זייערע פּירועטען. אָבער דער מיכּאַראָווסקי איז, ווייזט אויס, אויך אַ מייסטער צום טאַנצען. פֿון די מיידלעך איז די שענסטע די העל־גרינע. ווער איז זי? מסתמא אויך אַ פֿירשטין?

— ווע דו ווייסט, אַז איך בין איהר פֿאָטער! — האָט ער אַ טראַכט געטוּן מיט שטאָלץ.

דער באַל האָט זיך לעבעדיג און רוישיג אָנגעהויבען. אָנגעפֿיהרט מיט די טענץ האָבען וואַלדעמאַר, גראַף בראָכוויטש מיט דער הילף פֿון נאָך אייניגע.

עס האָט געשימערירט אין זאַל פֿון די בונטע פֿרויען־קליידער, דורכגעפֿלאָכטען מיט די שוואַרצע פֿרעק, פֿון די פֿרויען־פֿריזורען צוגעפּוצטע מיט בלומען און מיט בריליאַנטען. דער דינער ריח פֿון פּערפֿומען, די בלומען, די צעוויגטע פֿאָכערס, דאָס אַלץ האָט געשאַפֿען אַ פֿע׳שכּור׳נרע באַל־אַטמאָספֿערע.

אויגען האָבען געגלאַנצט, איידעל־שטיינער האָבען זיך געלויכטען, פּיס אין לאַק־שיך און אין העלע פּאַנטאָפֿעלעך, האָבען זיך ריטמיש אַרומגעגליטש. די שלאַנקע פֿרויען, געלעהנט אָן די הענד פֿון די מאַנסבילן, פֿיין געבויגענע קעפּ האָבען געהאַט אין זיך אַ מין תאוה׳דיגקייט, וואָס איז געגאַנגען אין די בלוטען און וואָס האָט געהאַט אַ באַזונדער עסטעטישען חן. די מענער האָבען אויסגעזעהן זיגעריש, זייערע שוואַרצע אָרעמס האָבען אַרומגענומען ירייכט און טריומפֿירענד די בויגיגע טאַליעס פֿון די טענצערינס. געוויסע פּאָרען האָבען, טאַנצענדיג, דאַכט זיך איינגערוימט הייסע ווערטער, ווי הייס און צאַפּלדיג עס איז געווען דער רוישיגער וואַלס, אין וועלכען זיי האָבען זיך אַרומגעטראַגען.

וואַלדעמאַר האָט אָפּטאַנצענדיג מיט עטליכע פֿריילײנס פֿון דער אַריסטאָקראַציע, אריינגעריסען סטעפּע׳ן אין דעם צויבערליכען געווירבעל. איצט ערשט האָט ער דערפֿיהלט דעם כּשוף פֿון טאַנץ.

צום ערשטען מאָל האָט ער זי מיט׳ן האַנד אַרומגענומען, און געפֿיהלט זי אַזוי נאָהנט נעבען זיך. אַנ׳אָנגעגלעהנטע, אַנ׳איידעלע, אַנ׳איבערגעגעבענע. ער האָט זי פֿעסט געהאַלטען און געפֿיהלט זיך גליקליך, הערענדיג דאָס שלאָגען פֿון איהר האַרץ. דער הייסער אָטעם פֿונ׳ם מיידעל האָט איהם געגליהט, איהרע האָהר האָבען איהם בעריהרט זיינע ליפּען. ער האָט זיך אַליין עטוואָס איינגעבויגען, כּדי צו פֿיהלען זייער זיידענעם הויך. די האַלב פֿערמרוישעטע אויגען האָט ער איינגעשטאָכען אין איהר שעהן קעפּעל, בעצירט מיט ווייסע פֿעלדבלימלעך. ער האָט געקוקט אויף די לאַנגע וויעס איהרע, אויף דער איידעלער פֿערוויטעלטקייט פֿון איהר פּנים, אויף איהר פּראַכטפֿולע פּראָפֿיל, די ברענענדיגע ליפּען, דעם ווייסען שוואַנען־האַלז און אויף די צאַרטע הענד, וואָס האָבען זיך ענטפּלעקט פֿון אונטער דער סאַלעדין־קרעפּ־פּערהילונג. דער רייץ און דער כּשוף האָט איהם איינגאַנצען אַרומגענומען. ער האָט געפֿיהלט, אַז אויך ער ווירקט שטאַרק אויף סטעפּען. זי האָט געטאַנצט גוט און לייכט, אָבער ווי זי וואָלט גע-

ווען בערוישט. זי האָט זיך נישט געקענט אָפּגעבן קיין דין וחשבון, וואָס אַרום איהר טוט זיך, זי האָט נאָר געפיהלט זיך גליקליך ביז אַ פערגעסען זיך. דער אויסגעצייכענט אילומינירטער זאַל, די בלומען, די גוטע מוזיק — האָבען זי בע־הויכט, און אַ בערוישטע האָט זי געטאַנצט, אַריינלעגענדיג איהר גאַנצע נשמה אין דער פערוויילינג. ווען זי האָט לעבען זיך דערזעהן וואַלדעמאַרן האָט זי אַרומגענומען אַ שרעק פול מיט גליק. זי איז אין זיינע אָרעמס, ווי געלייזט געוואָרען, און איהר האַרץ האָט זיך איבערגעפולט מיט ביז־איצט אומבעקאַנטע געפיהלען. אומרוהיגע ציטערען האָבען זי אויפגעטרייסעלט נישט־קוקענדיג, האָט זי געשפירט, אַז ער שטעכט איהר דורך מיט די אויגען. מיטגעריסען פון איהם, איז זי לייכט און געשיקט געשוואומען איבער די אָהנ׳כופיגע כוואַליעס פון גליק ביידע האָבען זיי אַרטיסטיש געטאַנצט. זיי האָבען זיך אַזוי געפּאָרט, אַזוי גוט געפּאַסט זיך איינער צום אַנדערען, אַז אין דעם הכון פון די טאַנצענדיגע האָבען זיי געווענדט אויף זיך די הויפּט אויפמערקזאַמקייט. דאָס גליק האָט זיי מיט אַ ווייכער אַרומגענומען, זייער טאַנץ איז ליידענשאַפטליכער געוואָרען, און דויערענדיג צו לאַנג האָט ער געשמידט צו זיך די אויגען פון די נייגעריגערע צוקוקער.

דעם הער רודעצקי האָט אַ טרעהר אַרויסגעשלאָגען פון אויג. ער האָט שטיל אַ זיפץ געטון. ער האָט נישט געקענט דעם בליק אָפּרייסען פון דער וואונ־דער־שענער פּאָר, און גלייכצייטיג האָט איהם דאָס אָנקוקען זיי וועה געטון.

— אַרויסרייסען זי פון דאָרטען, אַוועקטראָגען, צונעהמען! — האָט איהם אויפגערוישט אין קאָפּ.

צו שפּעט.

דער הער רודעצקי האָט געפיהלט, אַז ס׳איז צו שפּעט.

אַ מינוט פּויזע. אַ געטומעל, אַ האַרמידער, וואָס איז מקדים יעדע" וויכטי־גער מאָמענט אויף אַ באַל. ס׳הערט זיך די קאָמאַנדע פון מיכאַראָווסקין בראַכ־וויטש לויפט אַרום, צוזאַמענשטעלענדיג די פּאָרען.

פלוצים האָט אַראָפּגעדונערט אויפ׳ן זאַל אַ קנאַקעדיגער מאַזור. ער האָט האַסטיג אויפגעזידט אין די הערצער, אָנגעצונדען די געבליטען אין די אָדערען.

עס האָבען זיך אַ ריס געטון און אַוועקגעשוואומען אַלע פּאָרען

די ערשטע פּאָר איז געווען מיכאַראָווסקי און די יונגע גרעפין וויזענבערג, די טאָכטער פונ׳ם פירשט גירשטאָרף, מיט וועלכער מען האָט איהם אַמאָל משדך געווען. די צווייטע פּאָר: די גרעפין באַרסקאַ און דער פירשט זאַניעצקי, דער־נאָך: טרעמקאַ מיט דער פריילין ויטאַ, בראַכוויטש מיט כטעפּען, לוציע מיט׳ן יונגען זשנין. עס האָט אויפגעקאָכט אין זאַל.

דער ברען איז געוואַקסען עס האָט געזאָדען דאָס בלוט פון די טאַנצענ־דיגע, די פּנים׳ער פון די פרויען האָבען געשטראַהלט, מעכטיגע שטרוימען און ליידענשאַפטליכע ציטערען האָבען זיך אַרום געשטאַרקט. די הייליגע שטים פון מיכאַראָווסקין האָט געשפּרייט די לעבעדיגע שטימונג.

די מעהר היציגע האט דער מאזור ממש געריסען ביי די האר, געצוואונגען צו פערגעסען זיך, געוועקט דעם ענטוזיאזם.

וואלדעמאר האט מיט זיינע אונערשעפליכע איינפאלען קאמבינירט אלץ נייע און נייע פיגורען. זעהענדיג איהם אין אזא לעבעדיגער שטימונג, האט זיך דער הער מאציעי פאר זיך געחידושט, אבער די פרוי עלזאנאווסקא האט אויפ׳ן קול געטענה׳ט, אז אזא צעהוליעטקייט האט זי שוין ביי וואלדעמארן לאנג נישט געזעהן.

— סיידען אין די צייטען, ווען ער האט געבומעלט אין דער וועלט, אבער אויך דאן איז ער געווען אנ׳אנדערער.

דער מאזור האט לאנג געדויערט, אבער וואלדעמאר האט אויסערגעוועהנליך צוגעהאלטען און נישט דערלאזט — ער זאל שוואכער ווערען: איבערגעריסען האט מען איהם אין סאמע לעבעדיגען מאמענט; אלע זענען שוין מיד געווען, דער זאל איז לעדיג געווארען. דער רוב טענצער איז אוועק צו רייך אנגעשטעלטע בופעטען, און דער קרייז פון דער אריסטאקראציע איז אראפ אין קאבינעט אונטען, וואו עס איז בעשטעלט געווען א בעזונדערער אווענט-ברויט. אין דעם זאל פונ׳ם באל איז אריינגעלאפען די דינערשאפט, בעוואפענט מיט בערשט, און אנגעהויבען אפצופרישען די דילען, אזוי ווי אנ׳ארענע פאר א נייעם ארויסטריט פון גלאדיאטארען.

דער הער רודעצקי האט זיך אנגעהויבען צו פונאנדערקלויבען אין זיינע איינדרוקען. צוגעהאלפען אין דעם האט איהם זיין שכן אין די ברילען, וועלכער האט גערעדט אהן אויפהער, מאכענדיג פערשידענע בעמערקונגען וועגען די טענצער און די טענצערינס. פון די דאמען האט ער צום מעהרסטען געלויבט די אין בלויען געקליידטע פאקטיש וואונדערבאר-שענע גרעפין וויזענבערג, די לבנה׳דיגע פריילין ריטא, און די העל-גרינע סטעפע. אזוי האט ער זיי גערופען נאך דעם קאליר פון די קליידער נאך.

אין דעם קאבינעט אינטען האט מען זיך אויסגעצייכענט געוויילט. סטעפע האט געהאט פון איין זייט טרעסטקאן מיט דעם פריילין ריטא, און פון דער צווייטער זייט א יונגענמאן מיט א מאנאקל, וועלכער האט זיך מיט איהר זעהר שטארק אפגעגעבען, און אנטקעגען איהר זענען געזעסען — וואלדעמאר מיט דער יונגער פירשטין בארסקא.

סטעפע, צופרידען פון איהרע שכנים, איז געווען אין א גאלדענער שטימונג. מיט א פרעהליכער שטיפערישקייט האט זי זיך געריינצט מיט טרעסטקאן, און מיט געלעכטער האט זי אנגענומען די קאמפלימענטען פון דעם יונגענמאן מיט׳ן מאנאקל. צוזאמען מיט דער פריילין ריטא האבען זיי געבילדעט אויסגעצייכענטע צוויי פאר. וואלדעמאר פלעגט אפט צווארפען זיינע רעד, און דאס האט געמאכט שפילעוודיג די ווערטער, וואס זענען אין א בריימען טייך געשוואומען פול מיט שארפזין און וויץ.

די יונגע גרעפֿין האָט זיך געקרימט: איהר האָבען אויפֿגערעגט וואַלדעמאַרס שמועסען מיט זיינע שכנים. זי האָט זיך מיט אַלע כּחות בעמיהט צו פֿערהאַלטען איהם נעבען זיך אויסניצענדיג די גאַנצע קאָקעטעריי, וואָס זי האָט פֿערמאָגט. אויף סטעפֿען האָבען איהרע שוואַרצע אויגען געוואָרפֿען בייזע בליקען אינסטינקטיוו האָט זי געפֿיהלט, אַז די סכּנה שטאַמט פֿון איהר. דאָס דאָזיגע מעדעל אין דעם הייס־אָראַנזשענעם קלייד, וואָס איז צו ערגסט געווען פֿאַר איהר יונגקייט, אַ טונקעל־הויטיגע מיט האָהר און אויגען שוואַרץ, ווי די נאַכט האָט דערמאָהנט מיט זיך אַ ציגיינערשע פּרינצעסין, וואָס קעמפּט מיט אַ ווילדער קנאה פֿאַר׳ן רויב.

ווען זי האָט געקוקט אויף סטעפֿען, פֿלעגט פֿון איהר פּנים ענטרונען ווערען דער קאָקעטישער אויסדרוק, און עס פֿלעגט זיך באַווייזען דער צאָרן און כּמעט שנאה איינגעהילט אין אַ מאַסקע פֿון גוטמוטיגען שמייכעל. די אויגען האָבען איהר ווילד געברענט.

דער פֿירשט זאַניעצקי, וועלכער האָט זי געשלונגען מיט די אויגען, האָט אַ שעפּטשע געטון מיט ענטציקונג:

— אַ דעמאָנישע מיידעל! אָבער אַ פּראַכטפֿולע!

ער איז געווען אונפֿאָרזיכטיג, מחמת די גרעפֿין פּאַולאַ, וואָס איז דערנעבען געזעסען האָט דערהערט זיין אויסרוף און אַ זאָג געטון:

— מיכאַראָווסקי האָט נישט ליב קיין דעמאָנישע פֿרויען.

עס האָט איהר פֿערדראָסען, וואָס דער פֿירשט, וועלכער איז געזעסען נעבען איהר, האָט געקוקט אין אַן אַנדער זייט.

אַנשטאָט צו באַליידיגען זיך, האָט זיך זאַניעצקי זעהר דערפֿרעהט. ער וואָלט געוואָלט אַרומרינגלען מיכאַראָווסקי׳ן מיט אַ גאַנצען לעגיאָן מלאכים, און זאָל ער גאָר די דאָזיגע דעמאָנישע פֿרוי איבערלאָזען פֿאַר איהם. דעם פֿירשט האָט זיך עס צום מעהרסטען נעהאַנדעלט וועגען דער אומראַהמונג: ער איז געווען פֿון יענעם מין מענשען, וואָס ביי געוויסע אומשטענדען שאַצען זיי מעהר די ראַהם, ווי דאָס בילד.

סטעפֿע האָט באַמערקט די פֿיינדליכע פֿייערלעך אין דער יונגער גרעפֿינס אויגען, זיי האָבען נישט געשטערט איהר פֿרעהליכקייט. זי האָט זיך אויסגעצייכענט געוויילט, און געפֿיהלט זיך אינגאַנצען פֿריי.

גוט האָט עס פֿאָרויסגעפֿיהלט דער הער רוזעצקי: זי האָט זיך איינגעזאַפּט אין דער ספֿערע פֿון די דאָזיגע מענשען. דערביי האָט זי דאָך געהאַט ערפֿאָלג. איהר האַנד־ביכעלע איז געווען אינגאַנצען פֿערשריבען מיט נעמען. דאָס מעדעל האָט מיט פֿערגעניגען אַריינגעאָטעמט דעם שמעקענדיגען רויכעל פֿון די פֿערעהרונגען, וואָס האָבען זיך געטראָגען אַרום איהר. יעדער בעגעגעניש פֿון איהרע אויגען מיט וואַלדעמאַרס אויגען האָט איהר געמאַכט ציטערען, יעדער טאַנץ מיט איהם האָט זי בערוישט. זי האָט מורא געהאַט פֿאַר זיין דערנעהנטע-

רוגג, זי האָט ממש געפּלאָטערט, ווען ער האָט אויף איהר געקוקט, און גלייכצייטיג האָט איהר די דאָזיגע מאָדנע אומרוהיגקייט פערשאַפען אומבע־שרייבליך גליק.

דער אָוונט־ברויט האָט נישט לאַנג געדויערט, דערנאָך האָבען זיך ווידער אָנגעהויבען די טענץ מיט אַ טאָפּעלטען אימפּעט.

אָפּטאַנצענדיג מיט סטעפען א קאַנטראַדאַנס, האָט וואַלדעמאַר זי אַוועקגע־זעצט אונטער אַ גרופּע פון הויכע פּאַלמען, און געזאָגט עטוואָס האַרטליך, ווי געוועהנליך, ווען ער האָט זיך מיט עפּיס אינטערעסירט:

— ווייזט מיר, איך בעט אייך, דאָס האַנד־ביכעלע.

סטעפע האָט דערפיהלט זיין בקשה, און וואַלדעמאַר האָט איבערגעלייענט אויפ'ן פּאָדערבלעטעל:

„בעסער איז אין מאַי איין רגע,
ווי דעצעמבערס לאַנג אין הערבסט.“

ער האָט אַ שמייכעל געטון און אַוועקגעזעצט זיך אויף אַ שטול לעם סטע־פען אויף אַזאַ אופן, אַז ער האָט זי פערשטעלט פון זאַל.

— איהר האָט אַליין אויסגעוועהלט דאָס האַנד־ביכעלע?

— איך האָב עס בעקומען פון דער באַראָנעסע.

— אַ זעהר גוטער אַפאָריזים, מיצקעוויטש האָט איהם, ווייזט אויס, פאַר זיך אַליין געמאַכט, ווייל אָפטערס איז דאָך אינגאַנצען אַנדערש. ביי אונז צום בייספּיל זענען די פריהלינגס־מינוטען געוועזן זעהר שלעכטע, נישט פערטרויליכע, רייצענדיגע, מיט איין וואָרט מיאוסע! איצטער זענען זיי בעסערע, און מיר האָבען הערבסט אויף דער וועלט!

— אָבער נאָך נישט דעצעמבער!

— אין דעצעמבער וועט זיין נאָך בעסער.

ער האָט שגעל געבלעטערט דאָס ביכעלע, אַרויסלייענענדיג די נעמען.

— דאָ איז דאָך אַ גאַנצע אַרמעע איינגעשריבען! אַ וואונדערבאַרער רע־יעכטער! מיין נאָמען ווערט דאָ בלאָס צווישען די אַלע. וואָס? וואָס? אויפ'ן קאָטיליאָן — בראָכוויטש? איהר האָט נישט געקענט דעם קאָטיליאָן איבערלאָזען פאַר מיר!

— איך האָב נישט געקענט אָפּזאָגען דעם הער בראָכוויטש. איבעריגענס איז עס, ווי אַ קאַמף: עס בעזיגט יענער, וועלכער עס קומט דער ערשטער.

— נישט שטענדיג! אַמאָל איז דער צווייטער מנצח דעם ערשטען. איך האָב עס טאַקי בדעה אַזוי צו טון

ער האָט איהר אַ קוק געטון אין די אויגען מיט אַ דעמאַנישער זיכערקייט אין זיך.

סטעפע האָט זיך צעמישט, זי האָט אָבער פעסט געענטפערט:

– אַזוֹי טאָר מען נישט. דער הער בראָכוויטש וואָלט זיך געוויס בעלעדיגט און ער וואָלט געווען גערעכט.

– איך דאַרף נאָר האָבען אייער צושטימונג, און איך וועל שוין אַזוֹי איינאָרדענען, אַז יורעק זאָל וויַיכער ווערען. איצטער וועט איהר מיר זעלבסט-פערשטענדליך אָפזאָגען.

ער האָט זיך אויפגעהויבען פון שטול, און געזאָגט מיט אַ שמיַיכעל:

– איך געה צו בראָכוויטשן. אין אַ ווייַלע קום איך!

ווען ער איז אָפגעגאַנגען, האָט זיך צו סטעפען צוגערוקט דער יונגערמאַן מיט'ן מאָנאָקל און אַ פרעג געטון מיט אַ חניפה'דיג מינעלע:

– איהר טאַנצט דעם קאָטיליאָן?

– יאָ, מיין הער.

– אַ! פאַרדאָן! איך האָב זיך פערשפעטיגט... שטענדיג דער הער מיכאָ-ראָווסקי.

– וואָס פאַר אַ פערשוועדונג מאַכט איהר דאָ געגען מיר? – האָט שטעה-ענדיג הינטער איהם אַ פרעג געטון וואַלדעמאַר אויף זיין נידעריגער שטימע.

דער יונגערמאַן האָט עפּיס אַ מורמעל געטון אויף פראַנצויזיש, און איז מיט אַ פערגויגונג צוריקגעגאַנגען.

וואַלדעמאַר האָט זיך אַוועקגעשטעלט געגען סטעפען, האַלטענדיג אונטער דער האַנד בראָכוויטשען.

– יורעק מיַינער, איך האָב דאָ אַטאַקירט דער פריַילין סטעפאַס האַנד-ביכעלע, און דיַין נאָטיצעל וועגען דעם קאטיליאָן געפעלט מיר נאָר נישט. איך וויל מיט דיר נישט מלחמה האַלטען, האָבענדיג די האָפענונג, אַז מיר וועלען די זאַך ערלעדיגען אויף אַ פרידליכען אופן.

– גוט! אָבער די זאַך ווענדעט זיך אין מיר, און איך בין אויף דעם נישט מסכים – האָט בראָכוויטש געזאָגט.

– מיין טיַיערער! נישט דו אַליין קענסט אורטיַילען אין דער פראַגע.

– עס ווענדט זיך אין מיר אויך, אָבער ביי מיר געווינט איהר – האָט סטעפע צוגעגעבען.

– איך דאַנק אייך! וואָס זאָגסטו צו דעם, וואַלדי?!

– טריאומפיר נישט פאַר דער ציַיט! איך בענוץ נאָך דעם לעצטען מיטעל, און איך וועל אייך איבערציַיגען, אַז דער גערעכטער בין איך. איהר האָט מיר נאָך געהאַט צוגעזאָגט דעם ערשטען קאָטיליאָן אין סלאָדקאָוויעץ נאָך – דאָס וועט זיין דער ערשטער. דו, יורעק, ווידער בעמיהסט זיך וועגען דער האַנד פון דער גרעפין מעלאַניאַ, און איהר שוין נודנע געוואָרען פון זאַניעצקין, גלויב מיר!

מיך איבערצייגט נאָר דער ערשטער אַרגומענט. אויב דיר איז צוגעזאָגט געוואָרען דער ערשטער קאָטיליאָן – מוז איך זיך צוריקציהען, הגם עס פער-דריסט מיר אויף דעם זעהר שטאַרק.

סטעפֿע האָט אַ שטאַרק פֿאַרוויטעלטע אויסגעשטרעקט איִהר האַנד צו בראָכֿוויטש׳ן.

— זייט מיִר מוחל. איִך האָב פּאַקטיש פֿאַרגעסען.

בראָכֿוויטש האָט פֿאַרנוּיגענדיִג זיִך, אַ דריִק געטון איִהר האַנד.

— איִך ביִן בעזיִגט, אָבער איִך האַלט זיִך ביי׳ם פּרינציפּ פֿון גאָרנישט אומזיִסט. איִך פֿאַרבעט אייך אויפֿ׳ן לעצטען מאַזור.

סטעפֿע האָט מיִט אַ שטיִפֿעריִשער העויה צוזאַמענגעלעגט די הענד.

— ליִידער! אויף איִהם האָט זיִך שוין פֿאַרשריִבען דער הער זשיִן.

— בעט איִך אויפֿ׳ן איִבער־פּראָגראַם־טאַנץ. וואַלדיִ, דו, אַלס דיִריִגיִרענדער, וועט עס איינאָרדענען.

— מיִט גרויס פֿאַרגעניִגען.

סטעפֿע האָט איִן סוף ביִכֿעל איינגעשריִבען מיִט גרויסע אותיות:

— וויִיסער מאַזור — יעזשיִ בראָכֿוויטש.

מאַכֿענדיִג אַ פֿאַרנויגונג איִז בראָכֿוויטש אַוועק צו דער באַרסקאַ.

— וואָס, איִהר זענט צופֿריִדען? — האָט וואַלדעמאַר שטיִל אַ פֿרעג געטון.

— פֿאַרוואָס האָט איִהר געזאָגט אַ ליִגען? איִך האָב אייך קיין קאָטיליאָן ניִשט צוגעזאָגט.

— פֿאַרוואָס האָט איִהר געזאָגט אַ ליִגען?

— איִך האָב געוואָלט ראַטעווען די סיִטואַציע.

— און איִך וויִדער האָב געוואָלט מיִט אייך טאַנצען. פֿריִהער האָב איִך אייך וועגען דעם ניִשט געקענט בעטען, ווייל איִהר זענט געווען פֿאַרבאַריִקאַדיִרט מיִט די פּרעק, וואָס האָבען אייך אַרומגעריִנגעלט. איִך האָב געמויט געהן היִנטען אַרום.

— יאָ, אָבער, וואָס וועט דער הער בראָכֿוויטש וועגען דעם טראַכֿטען.

— דער הער בראָכֿוויטש האָט הייליִג געגלויבט, און איצט — אָ, קוקט נאָר — ער נויגט זיִך פֿאַר דער גרעפֿיִן, און ער איִז לייטזעליִג אָנגענומען.

זיִי פֿאַרביי איִז דורכֿגעגאַנגען דער גראַף באַרסקיִ. ער האָט גאוה׳דיִג אָפּגעמאָסטען מיִט׳ן בליִק סטעפֿען און מיִכֿ ראָווסקיִ׳ן, אָבער דערזעהענדיִג איִן דעם לעצטענס אויגען וועניִג פֿריינדליִכֿקייט — איִז ער שנעל אָפּגעגאַנגען וויִיטער.

— וואָס זאָגט איִהר עפּיִס וועגען דעם הער? — האָט וואַלדעמאַר אַ פֿרעג געטון ביי סטעפֿען.

— וועגען דעם גראַף באַרסקיִ? אַנ׳אונסיִמפּאַטיִשער, און, דאַכֿט זיִך, אַ ניִשט־צוגעלאָזענער. איִבעריִגענס קען איִך איִהם וועניִג.

וואַלדעמאַר האָט געמאַכֿט אַ פֿאַראַכֿטענדע העויה.

— אַנ׳אויפֿגעבלאָזענער אַ־לעקיִן פֿון גרויס־וואַהן, אַ ספּערע־קאַריִקאַ ור. דער דאָזיִגער מענש איִז איִבערצייגט, אַז ניִשט ער עקזיִסטיִרט פֿאַר דער וועלט, נאָר די וועלט פֿאַר איִהם... ער בעטראַכֿט זיִך אַלס אַקס, אַרום וועלכֿער אַלץ

דרעהט זיך. איך צווייפֿל אפילו, צי גלויבט ער אין זיין טויט, ער גלויבט נאָר סיידע אין אַזאַ, דורך וועלכער ער וועט לעבעדיגערהייד אַרויפֿגענומען ווערן אויפֿ׳ן הימל. מיט׳ן הערב און מיט׳ן קרוינדל צוזאַמען. ער מעג שאַנעווען זיין גרויסקייט ווי ער וויל עס אַליין, זאָל ער נאָר אָבער אויפֿהערן צו זיין דער אַפּאָסטאָל פֿון זיין אידעע, ווייל זי איז זעהר אָנגעשטעקענד.

— הייסט עס, אַז דער גראַף האָט עפּיס אַנ׳אידעע און ער פּראָפּאַגאַנדירט זי? — האָט זיך סטעפּע פֿערוואונדערט. — איך האָב נישט גערעכענט. אַז ער איז פֿעהיג אויף דעם: ער האָט אַנ׳אויסזעהן פֿון אַזאַ, וואָס זאָגט זיך נאָר וועגען די אייגענע מיליאָנען, וועגען דעם טיטול און וועגען אַ.. גוטען שידוך פֿאַר דער טאָכטער.

וואַלדעמאַר האָט מיט אַ שמייכעל איינגעבויגען דעם קאָפּ.

איהר האָט גוט געטראָפֿען, נאָר דאָס זענען נאָך נישט זיינע גרעסטע חסרונות, די וואָלט מען געקענט מוחל זיין, וואָרום מענשען מיט אַזעלכע חסרונות האָבען מיר אַ סך אין פּוילען. דער גראַף האָט אָבער דערביי אונמעגליכע עטישע און געזעלשאַפֿטליכע דאָקטריינען, און אויף אַ הארבען אָפּיצעלען אופֿן וויל ער זיי פֿערשפּרייטען צווישען אונזער יוגענד, און מחמת ער פֿערמאָגט זעהר אַ קליין קעפּעלע — קענט איהר זיך שוין אָנשטויסען, וואָס פֿאַר אַ אידעען ער פּראָפּאַגאַנדירט. ער איז נישט קיין פֿאַנאַטיקער נאָר ממש אַ ספֿערען באַרבאַר, וועלכער איז אָנגעפֿיהלט מיט שטאָלץ. ער אַנערקענט בכלל נישט קיין מענשען, גאָר מאַגנאַטען. ס׳איז אַ טשיקאַווער טיפּ — אַנ׳אוניקום! ער דאַרף זיך אָבער געפֿינען אין אַ מוזעאום און נישט אין דער וועלט.

סטעפּע האָט געמאַכט אַ פֿערוואונדערטע בעוועגונג מיט׳ן קאָפּ.

— אויב ער איז בעקאַנט אין אייער ספֿערע אַלס אַ מענש מיט אַ קליינעם שכל — קען ער דאָך קיינעם נישט פֿערשאַטען.

— יאָ, פֿאַר מענשען קליגערע געוויס נישט, אָבער מיר האָבען זעהר אַ גרויסען פּראָצענט פּוסטע קעפּ מיט קינדערישע שכל׳ס; אויף זיי ווירקט די השפּעה פֿונ׳ם גראַף. אויף אַזאַ אופֿן ווערען פֿערשפּרייט זיינע בעגריפֿע; און זיי ברענגען שאָדען. ווען ער וואָלט נישט געהאַט קיין מיליאָנען און קיין שענע טאָכטער, וואָלטען אפֿשר זיינע פּרעדיגטען געהאַט ווינציגער אָנהענגער. אָבער זיין פֿערמעגען איז אַ מאַגנעט, וואָס ציהט צו די באַוועלטע קעפּ צו זיינע לאָזונגען.

— צי איז נישט דעם גראַפֿס לאָזונג: נידער מיט דער וועלט, זאָל לעבען דער אָלימפּ! — האָט סטעפּע פֿרעהליך אויסגערופֿן.

וואַלדעמאַר האָט זיך פֿונאַנדערגעלאַכט.

— בראַוואָ, פֿריילין סטעפֿאַניא! אויסגעצייכענט! איהר קענט איהם פֿיל בעסער, ווי איך האָב זיך איהם פֿאָרגעשטעלט דער גראַף האַלט טאַקי די אַריסטאָקראַטיע פֿאַר געטער, און זיך, בלתי ספק, פֿאַר יופּיטער.

— און זיין טאָכטער שטימט מיט איהם איין?

— א יאָ! אמת אויף אַנ'אַנדער שטייגער, אָבער דער עיקר איז דערוועל־בייגער. זי אָבער אַלס כלה־מיידל, און אלס שיינע מיידל טראָגט די אידעען, ווי די קליידער, וואָס זענען צוגעפּאַסט צו די אומשטענדען! ובכן אין סאַלאָן איז: סאַמעטען, גאַזן ווייסע פוכן, דערהויפּט ווען אין דער פּערספּעקטיוו איז דאָ אַ גוטער שידוך מיט טיטולען, מיט אַ נאָמען און מיט מאַיאָנטקעס. אויף אַלע טאָג זענען די קליידער בעשיידענער: וואָהל, בראַקאַט. פאַר אַלע מענשען איז גענוג ליינוואַנט, פּערקאַל, און פאַר דער דינערשאַפט איז אפילו אַ שמאַטע אויך צו טייער.

— איהר האָט עס זעהר גוט אַרויסגעזאָגט אָבער מיט אַ ביינקייט.

— ניין, פריילין, עס קען זיין, אַז אין דעם באַל־זאַל קומט אויס מיין מיינונג צו האַרב. איבעריגענס איז היינט די גרעפין אָנגעטון אין איינער פון איהרע צערעמאָניעלסטע קליידער. זי איז אַרומגערינגעלט פון פּערעהרער, און זי זעהט פאַר זיך אַ פּאָר, אין וועלכע זי איז בעזונדערס פּעראינטערעסירט.

סטעפע האָט אַ שמייכעל געטון, און איינבויגענדיג דעם קאָפּ צו דעם רע־דענדיגן האָט זי געזאָגט:

— און איינער פון די ערשטע שמועסט איצט מיט אַ פּאָרשטעהערן פון דעם נישט־געאַכטעטען קלאַס. דאָס מוז זי שטאַרק כעסן.

— אויך איהר האָט עס ביין געזאָגט.

— ניין, נישט מעהר. ווי אויפריכטיג.

— וועל איך אויך דאָס זעלבע זאָגן. איך בין אַנטאַגאָניסט, און צוליב דער גרעפין וועל איך דאָך נישט אויפהערן מיט אייך צו רעדען. נאָר אָט שפּילט מען שוין. געהען מיר

סטעפע האָט זיך אָנגעלעהנט אין זיין האַנד. אַרומנעהמענדיג זי האָט וואַלדעמאַר אַ טיפען קוק געטון אויף איהר. סטעפע האָט אַ ציטער געטון און אַראָפּגעלאָזט די לאַנגע וויעס. וואַלדעמאַר האָט זי שטאַרקער אַרומגענומען. און זיי זענען אַוועקגעשוואומען אין טאַנץ.

דער קאָטיליאָן האָט זיך זעהר לעבעדיג געטאַנצט. עס האָט פּערפעהלט צוגעגרייטע קוויטען וואַלדעמאַר האָט אויף זיין ברוסט געטראָגען אַנ'אמתן בלומען־פּאַנצער. סטעפע האָט אויסגעזעהן, ווי איין בוקעט, פריילין ריטא, די גרעפין מעלאַניאַ, די גרעפין וויזעמבערג און לוציע אפילו און די יונגיטשקע פירשטינס פּאָדהאָרעצקיס האָבען געשוואומען ממש אין קוויטען. דער זאַל האָט אויסגעזעהן, ווי אַ בלומען־גאָרטען: אַלע דאַמען־ראָזן, צעשטראַהלט מיט שטערנס אין די אויגען, אַלע — ווי די בלומען די מאַנסביל, ווי די שוואַרצע שמעטער־לינגען, האָבען זיך אַרומגעפּוצט אַרום די שענסטע.

אַ כשוף האָט אַרומגענומען די טאַנצענדיגע, און עס האָבען זיך אָנגעהויבען ליבעס־ערקלערונגען מיט דער הילף פון בלומען. דער פאַר'שכור'ענדער ריח פון די קוויטען, די ליידענשאַפטען, דער כשוף האָט זיך געטראָגען אין זאַל,

אַרומגעהמעטנדיג אַלע מיט אַ דינע געץ, מיט אַ דורכזיכטיגע, ווי עפּיס אַ מין מיסטישע שפּינעכץ. דער ערשטער איז צו זיך געקומען וואַלדעמאַר און ער האָט פאַרענדיגט דעם קאָטיליאָן מיט אַ הילכיגע מאַזור־פיגור.

די איינגעמאַטערטע דאַמען זענען אַוועקגעלאָפען אין די בודוּאַרען. די לאַקייען האָבען פונאַנדערגעטראָגען קאַלטע געטראַנקען כטעפּע, די יונגיטשקע פּירשטינס און לוציע זענען אַרויסגעשפּרונגען אינ'ם קאָרידאָר. די קוויטעז האָבען זיי אָפּגעלעגט אויף דער באַלוסטראַדע, און אַליין האָבען זיי זיך אָנהויבען צו קיהלען מיט די פאַכערס. פּלוצים איז אויף די טרעפּען אַרויפגעלאָפען אַ לאַקיי, טראָגענדיג מיט זיך אַ גרויסען רויזען־בוקעט געמישט מיט פעלד־בלומען' און דורכגעפלאָכטען מיט פּאַפּראָטש. ער איז פערשוואונדען געוואָרען אין די טירען פון זאַל.

— איך בין נייגעריג צו וויסען פאַר וועמען איז עס? — האָט לוציע אַ שעפּטשע געטון — געוויס זאַניעצקי פיר דער באַרסקאַ.

עטליכע מאַנסביל האָבען אַרומגערינגעלט די פּריליינס. דער יונגערמאַן מיט'ן מאָנאָקל איז געשטאַנען פאַר סטעפּען און געפּראַוועט היניטישע שטיק. אומגעדולדיג פון איהם האָט סטעפּע צוגענומען די בלומען, וועלענדיג זיך בעהאַלטען אין בודואַר. די פּריילינס זענען מיט איהר צוזאַמען אַוועק.

ביים דורכגאַנג אונטער די פּילאַרען האָבען זיי אָנגעטראָפען וואַלדעמאַרן.

ער איז געגאַנגען טראָגענדיג אין די הענד דעם נאָר וואָס געבראַכטען פרישען בוקעט. אַ גלאַנץ פון לעבעדיגער פרייד האָט זיך איהם אָנגעצונדען אין די אויגען. ער האָט צעטיילט די בלומען אויף צוויי חלקים: איין העלפט האָט ער איבערגעגעבע סטעפּען. און מיט דער צווייטער האָט ער אַ שאָט געטון אויף איהר, ווי אויף אַ בלומען־קאָרסאָ. ער האָט געזאָגט מיט אַ שטילערער שטים:

— דאָס איז איבערן פּראָגראַם די בלומען גיבען אייך אָפּ כבוד אין מיין נאָמען.

די סאַמעטענע רויזען האָבען זיך פערפלאָנטערט אינם קרעס פון איהר קלייד, אַראָפּגעפאַלען אויפ'ן האַלז און אויף איהרע הענד, אַנדערע זענען אַרונטערגעפאַלען צו איהרע פיס. איין פעלד־בלום איז איהר געבליבען שטעקען אין די האָהר. זי איז געשטאַנען, ווי אין אַ טייך פון בלומען.

וואַלדעמאַר איז ענטרונען געוואָרען הינטער די פּילאַרען, איידער די פערוואונדערטע סטעפּע האָט בעוויזען איהם צו בעדאַנקען. ביידע יונגיטשקע פּירשטינס האָבען זיך מיט אויסגעשרייען אַ וואָרף געטון צו אויפהויבען די פונאַנדערגעשאָטענע בלומען, און אָנגעהויבען זיי פרעהליך צו וואַרפען אין סטעפּען. קומענדיג צו זיך האָט זי זיי די בלומען צוריקגעוואָרפען. זיי האָבען זיך געשפּילט ווי די קינדער. לוציע נאָר אַ שטייפע, ווי אַ געליימטע איז געשטאַנען, אומבעוועגליך קוקענדיג אויף די הויך די פונאַנדערגעלאַכטע דריי מעדלעך.

— עס האַלט שוין אַזוי?... אַזש אַזוי? — האָט זי צו זיך אַ שעפּטשע געטון.

די פרוי אידאליע, אפילו, נישט זעהענדיג די סצענע מיט'ן בוקעט, האט זיך אנגעהויבען צו בלאזען אויף סטעפעס ערפאלג. פון אלע זייטען, פון אלע צדדים האבען סטעפען בעגעגענט טריאומפען. די אריסטאקראטישע יוגענד האט זיך אויף כל'ערליי אופנים בעמיהט צו טאנצען מיט איהר. די גאנצע צייט איז זי, ווי מיט א ראד געווען ארומגערינגעלט. אנ'איינגעמאטערטע. אנ'אויפגעשטראחלטע, ווי א זונען-אויפגאנג האט זי ארומגעפלאטערט אין זאל. ווי א שמעטערלינג, ווי א וואונדערליכע בלום וואס האט בעצויבערט די בליקען. די פרוי אידאליע האט גוט בעמערקט די אויסגעלעבטקייט פון וואלדעמארן, ער האט מיט'ן מעדעל צו אפט שוין און צו ליידענשאפטליך געטאנצט, צום מעהרסטען האט אבער געקרענקט דער באראנעסע, וואס וואלדעמאר קוקט זיך גארנישט אום אויף דער גרעפין מעלאניא.

נאכ'ן קאטיליאן אין דעם זייטיגען בודואר זענען צו דער באראנעסע צו געגאנגען דער גראף בארסקי פון איין זייט און די גרעפין צווילעצקא פון דער אנדער זייט, און ביידע האבען זיי פערביטערטע אנגעהויבען צו פיהרען די אטאקע. דער גראף האט געזאגט:

— די באראנעסע איז בעגאנגען א פעלער געגען די כללים פון דער אריסטאקראציע מיט דעם, וואס זי האט אריינגעפיהרט אין אונזער קרייז די רודעצקא. דאס איז א ביסעל א סקאנדאל. עס רעפרעזענטירט זיך שלעכט.

די פרוי אידאליע איז אויפגערעגט געווארען פון די רעד. זי האט פיינט געהאט, ווען מען האט איהר געמאכט בעמערקונגען. זי האט פון אויבען אראפ א קוק געטון אויפ'ן גראף און האט טרוקען געזאגט:

— איך זעה אין דעם נישט קיין סקאנדאל, ווייל איך זעה אויפן זאל אסך פרויען געוועהנליכערע פון דער פרייליין רודעצקא. די לעצטע אבער אלס קאמפאניאנקע פון מיין טאכטער האט דאס רעכט אויף געוויסע פריווילעגיעס.

בארסקי האט גאוה'דיג אויפגעהויבען דעם קאפ.

— יא, פון דער באראנעסעס און פון איהר טאכטערס זייט זעה איך דא נישט קיין עולה. אבער איך זעה דא, ווי אונזער יוגענד גיט אפ פיל כבוד דער פרייליין רודעצקא, דאס איז שוין איבעריג.

— דאס געהער שוין צו איהר שענקייט און ערפאלג — האט איהם די פרוי אידאליע איבערגעשלאגען.

— אידאלקע! — האט זיך אפגערופען די גרעפין צווילעצקא — פערטיידיג זי נישט, דער גראף איז פולקום גערעכט: די דאזיגע פרייליין פערטונקעלט אונזערע קינדער. עס איז געווען זעהר נישט בערעכענט פון דיין זייט צו נעהמען זי אויפ'ן באל.

די פרוי עלזאנאווסקא איז אין כעס געווארען.

— איך האב דאך זי נישט געקענט איבערלאזען אין האטעל, איהר טרעט עפיס געגען מיר ארויס מיט מאדנע פרעטענזיעס.

— ביזט בכלל געווען נישט פאַרזיכטיג, מיטנעהמענדיג זי מיט זיך פון סלאָדקאָוויעץ — האָט גע'טענה'ט די גרעפֿין מיט ערגער — זי איז צו שוין דאָרטן, וואו וואַלדעמאַר איז.

— באַרסקי האָט אומרוהיג אַ ציטער געטון, און מיט אַ בײזען בליק האָט ער אַדורכגענומען די גרעפֿין.

— לאָזט אָפּ! איך וועל בעשיצען דעם הער מיכאַראָווסקי. די דאָזיגע פרײלײן קען נישט האָבען אַזאַ שטאַרקע ווירקונג — מען זאָל דאָ קענען רעדען וועגען אַ סכנה, זי פערטונקעלט נישט אונזערע שטערען, אָבער זי ברענגט מיט זיך אַרײן אומרוהע און דעמאָראַליזירט די יוגענד. די כוונות פון דעם הער מיכאַראָווסקי בנוגע איהר קענען זײן גאָר אַנדערע, ווי מען שטעלט זיך פאָר, און מען קען זײ מוחל זײן: זי איז אַ שענע, דאָס איז אמת, אָבער אויך... סוברעטינס זענען דאָ שענע. איהר פערשטעהט?

די גראָבע ליפּען פון דער גרעפֿין האָבען אַ שמײכעל געטון צו דעם רעדענדיגען און זי האָט אַ וואונק געטון מיט אַ שפּאַסענדיגע מינע.

פלוצלונג איז אַרויס אויפ'ן מיט'ן פון בודואַר די גרעפֿין וויזענבערג, וואָס איז ביז־איצט אונבעמערקט געשטאַנען, און האָט קאַלט אַ זאָג געטון:

— אָבער צו סוברעטינס טרויען מיר נישט אָן אונזערע טעכטער, מיר פיהרען זײ נישט אַרײן אין דער געזעלשאַפט, מיר דערלאַנגען זײ נישט די האַנד. דער פערגלײך פון דעם גראַף איז נישט שטאַרק געלונגען. די פרײלײן רודעצקאַ איז אַ שען יונג מעדעל, אַ גוט ערצויגענע! זי פערטונקעלט פאַקטיש אונזערע פרײלײנס מיט איהר גראַטענקײט, מיט איהר חן, אינטעליגענץ ציהט זי צו די יוגענד און מיכאַראָווסקין — אָט דאָס געפעלט אײך נישט. איהר קענט רעדען אויף איהר, אויב זי ברענגט אײך אַרײן אין כעס, אָבער בעלעדיגען זי טאָרט איהר נישט דערהויפּט פאַר אַ פערזאָן, וועלכערס טאָכטער זי ערציהט

די גרעפֿין האָט זיך מיט אַ פאַמעליַפּע בעוועגונג פון זײ אָפּגעקעהרט, און איז שטאָלץ אַרויס פון בודואַר, נאָכציהענדיג נאָך זיך די רוישענדע פאַליע פונ'ם בלויעם מאַרע'ענעם קלײד.

דער גראַף אַנ'אויפגערעגטער, אומגעריכט אַ בעפאַלענער, האָט געביסען די וואָנסעס, און ווען די פרוי אידאַליע איז אַרויס תיכף נאָך דער גרעפֿין, האָט ער אַ סיקע געטון צווישען די פערביסענע צײנער:

— אַ היסטעריטשקע.

די גרעפֿין צווילעצקאַ האָט אַ ציה געטון מיט די פּלײצעס.

— משוגע זענען זײ געוואָרען צוליב דער רודעצקאַ.

בײדע זענען צוריקגעגאַנגען אין סאַלאָן.

די טענץ האָבען געדויערט ביז אין דער פריה, דער ווײסער מאַזור איז דורכגעשוואומען, ווי אַ לעצטע קלינגענדיגע פאַליע, נאָך אַ מאָל אַ רויש געטון, פונאַנדערגעטראָגען די שוין עטוואָס שלעפעריגע עכאָ פון פרעהליכקײט איבער דעם

מידען זאל און ענטשוויגעז געוואָרען. דער זאל גופא איז שוין געווען איינגעמאַטערט עדות האָבען וועגען דעם געזאָגט די אויסגעריבענע דילען, די צעשליידערטע בלעטלעך און צעבראָכענע צווייגלעך, וואָס האָבען זיך אויף איהר געוואַלגערט. עדות האָבען וועגען דעם געזאָגט די אַרומגעפליקטע דעקאָראַציאָנס-קווייטען, און די ספּעציפישע שטימונג פון אַ פערענדיגטע פערוויילונג. עס האָט זיך אויסגעדופט, אַז אויף די פרעסקען פון די ווענט, צווישען דעם גרינס, וואָס האָבען די ווענט געצירט, טוליען זיך נאָך זיפצען, געלעכטערס און רעשטלעך, איבערבליי־בעכישען פון טרוימען אויסגעמישט מיט די טענער פון מוזיק.

פאַר'ן צופאָהר האָבען זיך געלאָזט הערען די אַרומפאָהרענישען פון די קאַרעטען, די אויסרופען פון דער דינערשאַפט, און דאָס טויבע טופען פון די פערד.

די אויפגעהענדיגע זון האָט גלאַנצענדיג אויפ'ן לאַקיר פון די קאַרעטען, און נייגעריג אַרייַנקוקענדיג אין די פענסטער, האָט זי בעגריסט די אַוועקפאָהרענ־דיגע מיט „אַ גוט מאָרגען".

דער הער רודעצקי, איינגעגורעט אין אַ דראָזשקע, האָט זיך צוריקגעקעהרט פון באַל, אַ פערמאַטערטער, מיט אַ ג'איינגעבויגטען קאָפּ, איבערגעלאַדען פון שווערע געדאַנקען.

XXXII.

עס איז צוגעפאַלען אָוועגד. עס האָבען אויפגעלויכטען רייהען ליכ־טער אין די שטאָטישע גאַסען, פענסטער פון הייזער האָבען געשי־מערירט. פאַר'ן האָטעל הויך האָט געזייהט ווייסען גלאַנץ אַ גרויסער עלעקטרישער לאָמפ.

אינם נומער פונ'ם הער רודעצקי האָט געהערשט אַ בעוועגונג. לאַקייען האָ־בען אַרויסגעטראָגען אַ וואַליזקע אין פעקלעך, אָפּגעגעבען רעכענונג, די דראָזשקע האָט געוואַרט. דער הער רודעצקי, שוין אָנגעטון אין פאַלטען, האָט זיך פונאַנ־דערגעצאָהלט מיט דער דינערשאַפט.

אָנגעלעהנט אויפ'ן פענסטער, איז סטעפע געשטאַנען, אַרויסגעקוקט אויפ'ן גאַס, געציטערט, אין איינגעהאַלטען די טרעהרען. נעבען איהר איז געשטאַנען די בעליבטע שאַכטעל פול מיט בלומען פון דעם נעכטיגען קאָטיליאָן. זי האָט די דאָזיגע בלומען געשיקט פאַר איהר מוטער צוזאַמען מיט אַ פעקעל קאָנפעקטען פאַר דער שוועסטערל און פאַר'ן ברודער. אַלע בלומען האָט זי פונאַנדערגעלעגט אויף מאָן קופעס-ווייז, און אַנ'אונרוהיגקייט האָט זי אַרומגענומען. זי האָט פלינק אויפגעעפענט דאָס שאַכטעל, און איבערקלייבענדיג די בלומען, האָט זי אַרויס־גענומען אַ בלאַס-געלע רויז, און עטליכע גאָזדזשיקעס. היציג האָט זי זיי בעהאלטען

הינטערן סטאַניק, פֿאַרמאַכט דאָס שאַכטעל און ווידער געעפֿנט עס, אַרויסנעמענדיק אַ פּראָפֿפֿולען פּורפּור־בלימעל.

דאָס איז זיין סימבאָל... דאָס איז ער. זי האָט שנעל פֿערבעהאַלטען דאָס בלימעל צוזאַמען מיט דער רויז און מיט'ן גאָזדזשיק. דאָס זענען געווען בלומען פֿון וואַלדעמאַרס בוקעט, מיט וועלכען ער האָט זי באַשאָטען נאָכ'ן קאָטיליאָן. דער איבערגעבליבענער מאַסע בלומען האָט זי מיט אַ שטיפֿערישען שמייכעל געשיקט אַ לופֿט־קוש. און אָנגעהויבען צו פֿערפּאַקען דעם שאַכטעל.

אין נומער איז אַריין דער האָטעל־שווייצער.

— ציי איז אַלץ פֿאַרטיג? — האָט דער הער רודעצקי אַ פֿרעג געטון.

— איך מעלד דעם הער, אַז די דראָזשקע איז גרייט, אָבער דער וואויל־געבוירענער הער מיכאַראָווסקי האָט צוגעשיקט זיין לאַנדאָ, געשפּאַנט אין פֿיר פֿערד. אַ לאַקיי איז אויך דאָ און אָט איז אַ בריף.

דער הער רודעצקי האָט אויפֿגעריסען דעם קאָנווערט.

אויף וואַלדעמאַרס אַ בלאַנקעט, געשריבען מיט אַ שטאַרקע, אָריגינעלע האַנדשריפֿט זענען געווען אָנגעצייכענט עטליכע אײדעלע ווערטער, דורך וועלכע ער האָט געבעטען, אַז מיט זיין לאַנדאָ זאָלען זיי פֿאָהרען צו דער באַהן, וואו ער אַליין וועט זיין. דער הער רודעצקי איז געווען אומאַנגענעהם איבערראַשט. עס איז אַריין וואַלדעמאַרס לאַקיי און האָט זיך פֿערנויגט.

— איז דער הער אַוועקגעפֿאָהרען אַליין אויפֿ'ן וואָקזאַל? — האָט איהם רודעצקי אַ פֿרעג געטון.

— ניין, מיט דעם גראַף טרעסטקאַ, און מיט דער פֿריילין פֿון אבראננא.

דער הער רודעצקי האָט פֿריי אָפּגעאָטעמט.

— זעהר אַן אײדעלער און זעהר אַ טאַקטישער מענש — האָט ער צופֿרידען אַ טראַכט געטון.

זיי זענען אַרויס.

אויף דער גאַס איז געשטאַנען אַן אויסגעצייכענטע, גלאַנצענדיגע קאַרעטע מיט אַ קליינעם הערב און מיט אַ פֿירשטליכע מיטרע אויף די טירלעך, איינגעשפּאַנט אין פֿיר קאַרע קליאַטשעס אין אַ בעפּוצטען געשפּאַן. די קראַקאָווער כאָמעטן האָבען געגלאַנצט מיט זילבערנע אינקרוסטאַציעס.

די פֿערד האָבען זיך אומגעדולדיג געריסען, בייסענדיג די ציימלעך, אָבער דער ערנסטער סטאַנגרעט פֿלאַוויאַן, דער עלטערער חבר פֿון ברונאנען, וועלכער האָט גאָך געפֿיהרט דעם אַלטען מאַציעי, האָט זיי געקענט גוט אויפֿהאַלטען מיט די לייצעס.

ווען די קאַרעטע האָט זיך אַ ריהר געטון, האָט זיך סטעפֿע צוגעטוליעט צום פֿאָטער שטיל אַ פֿרעג געטון:

— מיכאַראָווסקי איז נעכטען געווען ביים פֿאָטער.

— יאָ, געווען נאָכמיטאָג. פֿערבראַכט אַ פּאָר שעה. מיט איהם שמועסט זיך זעהר אינטערעסאַנט.

נאָך אַ לאַנגער ווײַלע האָט ער אַ זאָג געטון, ווי צו זיך:

— אַ זעהר און זעהר עלעגאַנטער מענש.

סטעפּע האָט געשוויגען. עפּיס האָט איהר געוואָרגע[ן] אין האַלז... אַ פּער דרוס צוליב'ן פּאָטערס אוועקפֿאָהרען, און עפּיס אַ פֿערביטערקייט צו זיך גופֿא. דאָס ריטמישע געקלאַפּערײַ פֿון די פֿערד, דער שטיל פֿאָהרענדיגער לאַנדאָ און. די גוט-בעקאַנטע ליוורײַע האָט איהר פֿערעקשנט דערמאָהנט אין די געדאַנקען וואַלדעמאַר'ן. זי איז געפֿאָהרען מיט זיין לאַנדאָ, מיט זײַנע פֿערד — און דאָס אַלײַן האָט זי געמאַכט גליקליך, אויך דער הער רודעצקי האָט געשוויגען. הינ-טערווײַלעכץ האָט ער געקוקט אויף זיין טאָכטערס שעהנעם פּראָפֿיל, און נאָכ-געפֿאָרשט איהר קענטיגע געריהרטקייט; אין זיין נשמה האָבען זיך געקנוילט בײַזע חשדים און סברות.

אײַנער דעם אַנדערען האָבען זיי זיך געהאַט פֿיל צו זאָגען, און בײַדע האָבען זיי געשוויגען. זיי האָבען בײַדע קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט אונטער דער ווירקונג פֿון די אײַנדרוקען, וואָס האָבען געשטאַמט פֿון אײַן מקור, און וואָס האָבען זיך אין אײַן גאַנצעס צעזאַמענגעפֿלאָכטען. זיי האָבען זיך דערשראָ-קען, ווען זיי האָבען דערזעהן דעם וואָקזאַל. ער האָט פֿון דערווײַטענס שוין אַרויסגעשײַנט מיט טויזענדער ליכטער, געפֿינקעלט און געראַושט. דאָס לאַנגע פּײַפֿען פֿון אַ לאָקאָמאָטיוו האָט דורכגעשטאָכען סטעפּעס האַרץ מיט אַ מאָדנעם גרילץ. מיט אַ שרעק, וואָס עס איז איהר שווער געווען אויסצובעהאַלטען האָט זי זיך צוגטוליעט צום פֿאָטער.

— פֿאָטערל, דו פֿאָהרסט אַוועק, און איך בלייב ווידער אַלײַן — האָט זי אַ שעפּטשע געטון מיט אַזאַ נישט זיכערקייט, אַז דער הער רודעצקי האָט אַ ציטער געטון.

— סטעפּע! קינד! דו האָסט זיך נישט געוואָלט צוריקקעהרען... דיר איז דאָ גוט, זיי האָבען דיר דאָ ליב, זיי אַנערקענען דיך. סטעפּע, וואָס האָסטו דען מורא?

די קאַרעטע האָט זיך אָפּגעשטעלט. דער לאָקײַ איז אַראָפּגעשפּרונגען פֿון די קאָזלעס, און אַ קאָמפּאַניע באַהן-טרעגערס האָבען זיך צו זיי אַ וואָרף געטון. עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ שטופּערײַ און אַן אַמפּערניש. בײַ סטעפּען האָט דאָס האַרץ געקלאַפּט, ווי מיט אַ האַמער. היציג, אַזוי ווי אַלײַן וואָלט זי געדאַרפֿט פֿאָהרען האָט זי זיך אַרויסגעזעצט און נאָכגעגאַנגען דעם לאָקײַ, וועלכער האָט געטראָגען דאָס שאַכטעל:

פּלוצלונג האָט זי דערפֿיהלט, אַז עמיץ בעריהרט איהר האַנד. זי האָט זיך אַרומגעקוקט: ס'איז געווען וואַלדעמאַר.

— איהר זענט אַלײַן .. וואו איז דער פֿאָטער?

— אַוועק קויפֿן אַ בילעט.

— דערלאַנגט מיר אייער האַנט. דאָ איז אַזאַ דערדריקעניש.

זי האָט זיך אָנגעשפּאַרט אין זיין אָרעם. ער האָט זי פֿעסט צוגעהאַלטען, און ניט רעדענדיג קיין וואָרט, אַריינגעפֿירט זי גלייך אין זאַל פֿון ערשטען קלאַס.

פֿרײַליין ריטאַ און טרעסטקאַ האָבען איהר בעגעגענט מיט פֿרעהליכע אויסרופֿען. דאָס האָט איהר פֿרעהליך געמאַכט, און אַ ווײַלע אַרום איז אַריין דער הער רודעצקי.

מען האָט ניט לאַנג גערעדט.

— איהר רעכענט אינגיכען פֿערלאָזען די אויסשטעלונג? — האָט דער הער רודעצקי אַ פֿרעג געטון ביי וואַלדעמאַרן.

— אָ, ניין מיין הער! מיר וועלען נאָך דאָ פֿערבלייבען אַ געוויסע צייט. מאָרגען פֿאָהרט ערשט אַרויס דער ערשטער — און עס קומט צופֿאָהרען דער צווייטער פֿערסאָנאַל פֿון מיין אַדמיניסטראַציע... ווען אַלע וועלען האָבען בעטראַכט די אויסשטעלונג, און מיינע פּראַקטיקאַנטען וועלען זיך האָבען, ווי געהעריג, פֿערווײַלט, דעמאָלט פֿאָהרען מיר צוריק אַהיים.

עס האָט אָפּגעהילכט דער ערשטער קלונג, מען האָט זיך געדאַרפֿט אַריינזעצען אין וואַגאָן. דאָס געזעגענען זיך האָט קורץ געדויערט. סטעפֿע האָט זיך ניט לײַכט אָפּגעריסען פֿון פֿאָטער. וואַלדעמאַר האָט זי ממש אַראָפּגעטראָגען פֿון די וואַגאָן-טרעפּלעך, בעת דער צוג האָט זיך שוין אָנגעהויבען צו ריהרען. איז נאָך עטליכע בעגריסונגען, נאָך עטליכע פֿערנויגונגען, און דער צוג איז מיט גערויש פֿערשוואונדען אין דעם שוואַרצען תהום פֿון נאַכט.

די קאַרעטע איז צוריקגעפֿאָהרען געהילט אין שטילשווייגען. פֿרײַליין ריטאַ און סטעפֿע זענען געזעסען שטיל-פֿערטראַכטע. די הערען האָבען זיך אויך ניט אָפּגערופֿען. און ווידער האָט סטעפֿע געהערט דאָס ריטמישע טופּען פֿון די פֿערד, דעם שטילען גליטשען זיך פֿון די גומענע רעדער, ווידער האָבען ביי די גלאַנצען פֿון די לאַמטערנעס געשימערירט די גאָלדענע קנעפּ פֿון דער ליוורײַע. זי איז געפֿאָהרען מיט זיין לאַנדאָ מיט זיינע פֿערד, אָבער איצט שוין מיט איהם גופֿא. זי האָט געוואוסט, אַז ער זיצט אַנטקעגען, אָבער דער איינדרוק איז שוין געווען אַן אַנדערער, אפשר אַ מעהר-קאָמפּליצירטער, אָבער שוין ניט אַזאַ שטאַרקער. דער כּשוף נאָר איז געשוואונען מיט דערזעלביגער פֿאַליע, וואָס שטענדיג.

XXXIII

אויף דער אויסשטעלונג האָט די בעוועגונג אָנגעהויבען צו ווערען קלענער, אַ סך פֿערזאָנען זענען אַרויסגעפֿאָהרען. די פֿערווײַלונגען זענען געוואָרען זעלטענער. אַלע זענען דאַכט זיך געווען פֿערמאַטערט. נאָר מיכאַראָווסקי דער ניט-

ערשעפּליכער אין זיינע איינפאלען, האט נאך אלץ אראנזשירט נייע פערוויילונגען און סיורפריזען פאר זיינע נאהנטע און באקאנטע. מען האט צוזאמען געמאכט אויספלוגען אין דער וואונדערבארער שענער סביבה, מען איז געפאהרען אויף פערד און אויטאמאבילען, און מען האט ארומגעוואנדערט אין שטאט שפאצירענדיג איבער די געוועלבער. אויף דעם אויסשטעלונגס-פלאץ, ווען די בעוועגונג איז געווארען קלענער, האט מען גענויער בעטראכט די מעהר אינטערעסאנטע אפּטיילונגען, און איינמאל האבען זיך אלע צוזאמענגעטראפען אין די סטייניעס און אין די גלעמבאוויטשער פאווילאנען.

די סטייניעס דעקארירט מיט פארבען פאנס און שווארץ, בעפוצט מיט פעהנדלעך, געצירט מיט גרינס, האבען געהאט אַנ׳אויסגעצייכענטען אויסזעהן. דארטען האבען זיך ארומגעפארעט פיל שטאל-יונגען אין זשאקעי-היטלען און אין פאנסענע לייבלעך, און די מעהר אויסגעפוצטע שטאל-דינערשאפט אונטער דער דירעקציע פונ׳ם שטאלמייסטער באדאוויטש. די פערד האבען געהאט אויף זיך שענע קאפען מיט אויסגעהאפטענע מאנאגראמען.

די ארדענונג אין די סטייניעס איז געווען א מוסטערהאפטע. אלע האבען זיך ענטצוקט מיט אפּאלאן. ארומגעפירט האט איהם דער שטאלמייסטער אליין. דערזעהענדיג וואלדעמארן האט אפּאלא א שטילען הירזשע געטון, און די רוהיגע באזיצער האבען זיך געווענדט צו זיין בעל-הבית. ער האט קלאסיש אויסגעבויגען דעם האלז; די אויגען, גרויס, און מיט אַנ׳אינטעליגענטען אויסדרוק האבען געפלאקערט, ווי די פאקלען, ער האט זיך ארומגעדרייט, געשלאגען מיט די קאפיטעס אין דער ערד, און געקראפעט אויפ׳ן אופן פון די עכטע ראסאווע פערד.

סטעפע איז צו איהם צוגעגאנגען, א פאר פעטשלעך איהם געגעבען אינ׳ם אויסגעבויגטען האלז און געגלעט איהם ביים וואונדערבארען קאפ.

—סטעפע, ער וועט דיך א קלאפ טון!—האט לוציע דערשראקען אויסגערופען.

— ער וועט נישט קלאפען. אדרבא, פיעשטשעט איהם — האט וואלדעמאר א שעפטשע געטון — דערלאנגט איהם די האנד, ער זאל א קוש טון.

— א, דאס וועט ער שוין נישט קענען! — האט זיך סטעפע פונאנדערגעלאכט.

— ער מוז קענען זיינע פליכטען!

וואלדעמאר האט מיט׳ן בייטש אנגעריהרט אפּאלא׳ס קניע, און לייכט איהם א קלאפ געטון עטליכע מאל. דאס פערד האט ווי א זיפץ געטון, אנגעהויבען צו כראפען, און איינבויגען די פיס האט ער זיך געשטעלט אויף די פאדערשטע קניע פאר דער פערוואונדערטער סטעפען.

פרייליין ריטא האט אזש ביז בלוט פערביסען די ליפען, און טרעסטקאן האבען זיך אויסגעגלאצט די אויגען. דער גלעמבאוויטשער פערוואלטער און די פראקטיקאנטען האבען זיך איינער דעם אנדערען בליציג שנעל אנגעקוקט. און בראכוויטש האט מיט א דערפרייטער מינע, אויסערגעוועהנליך העפליך, אפּגע-

טראָטען דעם וועג באַרסקין, ווי וועלענדיג ענטפּלעקען פאַר איהם אַנ'אויסערגעוועהנליך בילד.

— פערדעל! פערדעלע! ליבינקער, טייערינקער! — האָט סטעפּע קומענדיג צו זיך אויסגערופען. זי האָט אַרומגענומען דעם פערד'ס קאָפּ און אַ קוש געטון איהם אין ווייסען שטערענדעל אויפ'ן שטערען.

אַפּאַלאַ, פּונקט ער וואָלט נאָר געוואַרט אויף דעם, האָט זיך מיט אימפּעט אַ ריס געטון, שאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ, און הירזשענדיג אויפ'ן קול.

— אַ טשוגענער! — האָט באַרסקי אַ ברום געטון.

— ווער, מיכאַראָווסקי, ציי אַפּאַלאַ? — האָט זיך רייצענדיג, בראַכוויטש אַ פרעג געטון.

דער גראַף האָט אויף איהם פון אויבען אַראָפּ אַזאַ קוק געטון, מיט אַזאַ מינע, ווי ער וואָלט געוואָלט זאָגען:

— זיי זענען זיך איינער דעם אַנדערען ווערט, און אויך איהר זענט נישט בעסער — און אַ בעלעדיגטער, האָט ער מיט די הענד פערלעגט אויף הינטען, זיך אָפּגעטראָגען אין אַנ'אַנדער זייט. דערביי האָט ער פילדייטיג צונעפּיפּען.

— דאָס איז דאָך אַ צירק-פערד! ווי אַזוי האָט איהר עס איהם אויסגעלערענט — האָט סטעפּע עטוואָס צעטומעלט געפרעגט.

— אַליין מיט'ן ווילען — האָט וואַלדעמאַר געזאָגט.

— איך מוז זיך מודה זיין, מיר האָט עס זעהר אימפּאָנירט — האָט זיך אָפּגערופען פרייליין ריטאַ.

און ווילוש, וואָס איז דערביי געשטאַנען, האָט געטראַכט:

— אַ גליקליכער מענש! ער קען איהר אפילו דורכ'ן פערד אָפּגעבען כבוד אינטערעסאַנט, ווען וואָלט איך אַזוי, אַ שטייגער, געקענט נוצען מע זאָל פאַר איהר קניהען. סיידען זיך אַליין.

און ער האָט מיט עגמת נפש אַ זיפץ געטון.

דער יאַגד-פּאַווילִיאָן איז אויך געווען אינטערעסאַנט. דאָרטען האָבען דאָמינירט גרויע און גרינע קאָלירען. אַ קראַנץ פון דעמבענע בלעטער, קעפּ פון הירשען מיט מעכטיגע הערנער, קעפּ פון ווילדע חזירים מיט די ווילדע קליקעס — האָבען דעקאָרירט דעם געביידע, ביים אַריינגאַנג איז געשטאַנען אַ גרויסער אָנגעשטאָפּטער בער, וואָס האָט אין די לאַפּעס געהאַלטען אַ גרויסען הענגער אויף קאַפּעליושען. אין דער דאָזיגער אָפּטיילונג זענען געווען אַרויסגעשטעלט מוסטערען פון פאַונא אין פלאָראַ פון מיכאַראָווסקי'ס וועלדער, פלענער פון מוסטערהאַפטער וואַלד-איינאָרדענונג. אַ גענוי רשימה פון די אַלטע ביימער, און אויך מאַפּען און יאַגד-טראָפעען פון וואַלדעמאַר'ן. מיין ווינקעל פונ'ם פּאַווילִיאָן האָבען פערנומען די טראָפעען זיינע פון אַפריקאַנער מדבריות. דאָרטען האָבען זיך געפונען לייבען-פעלען. פעלען פון טיגערס און לעמפּערטען, אויך איז דאָרט געשטאַנען איין בענגאַלישער טיגער אַנ'אָנגעשטאָפּטער. דאָ זענען אויך געווען

קליקעס פון א העלפאנד, א קאפ פון אנ'אנטילאפע, און מוסטערען פון זעלטענע טראפישע פויגעל. יעדער שטיק האט געהאט זיין ברעטעל מיט אנגעצייכענטע ערקלערונגען, וואו און ווען דער'הרג'עט געווארען. די דאזיגע אפטיילונג האט אפגעהיט און בעריינט א טיפישער נעגער מיט א געקרייזעלטען קאפ, אנגעטון אין גרינע זיידענס. אויף די ווענד זענען געהאנגען פאטאגראפיעס פון דער גלעמ-באוויטשער מענאזשעריע, ווי אויך ביקסען, רעוואלווערען, יאגד-הארנס און מע-סערס פאר יאגד-צוועקען. אנגעפיהרט און געגעבען ערקלערונגען האט דא דער יעגער אורבאנסקי מיט דער הילף פון די שיסערס. בעזונדערס האט זיך צווישען די לעצטע אויסגעצייכענט דער שיסער יור, וואלדעמאר'ס ליבלינג, א הויכער גע-זונדער פויער מיט א שטאלצער מינע. זיין גרינער אוניפארם האט אויש געגלאנצט פון די גאלדענע גאלונען.

מען האט נאר בעזוכט דעם פאוויליאן מיט מיכאראווסקי'ס תבואות, און מען איז אוועק אויפ'ן הויפט-פלאץ צו דער צוקערניע.

אויף דער ווערענדע ביי עטליכע טישלעך האט פערנומען ערטער. מיכא-ראווסקי איז געזעסען מיט דער פריילין ריטא און סטעפע מיט לוציען. טרעסטקא האט זיך אויך צו זיי צוגערוקט. אנטקעגען איז געווען א פרייער טישעל. און א דריילע ארום האבען זיך געבען איהם אוועקגעזעצט צוויי הערען: איינער א דיקער פערשוין מיט א רויטען, פערשוויצטען פנים, און דער צווייטער א קבצ'נע-וואטער קליינער בעאמטער.

— קאווע! — האט אויף א שארפען קול אויסגערופען דער דיקער פערשוין צום יונגעל אין ווייסען פארטוך.

דערנאך האט ער א געשפארט זיין בארד אויף דער גרויסער ביינערנער גאלקע פון זיין שטעקען, און געווארפען בליקען אויף אלע זייטען. דערביי האט ער נעסאפעט, ווי א לאקאמאטיוו.

— מסתמא עפיס א רעסטאראטאר — האט טרעסטקא א ברום געטון. ער פארשט אויס, צי די קאנדיטאריי האט מעהר געסט, צי זיין רעסטאראן. און אפשר איז עס גאר א קצב.

— קריטיקירט נישט נאכ'ן אויסזעהן — האט וואלדעמאר געזאגט — מיר וועלען זעהן, וואס — ווייטער.

— זענט איהר נישט אמאל א פיזיאנאמיסט? — האט פריילין ריטא א פרעג געטון.

— מיך, מיינט איהר? יא, עס טרעפען זיך פאלען, אפילו אפט, ווען איך דערקאן די מענשען נאך די פנים'ער, נאך די אויגען. איך דערקאן די שטימונ-גען פון געוויסע פערזאנען, צומאל — די געדאנקען. שווערער איז צו טרעפען, מיט וואס ווער עס פערנעהמט זיך, ווען עס זענען נישטא קיין אויסערליכע סמנים. די האלטונג פון א מענשען דערוויזט אפט אויף וויפיל יענער איז געבילדעט

אָדער אינטעליגענט — און דעריבער מאַכט דער הער אויף מיר אַ פֿאַרדעכטיגען איינדרוק.

— דאָס איז אַ קצב געווינס — האָט טרעסטקאַ געטענה'ט און האָט אָנגעהויבן צו דערצעהלען פֿאַר לוציען און סטעפֿען עפּיס אַ פֿריהליכען אַנ׳עקדאָט.

ריטאַ האָט געזאָגט צו וואַלדעמאַרן:

— אויב איהר טרעפֿט אַמאָל עמיצענס געדאַנקען, זאָגט זשע מיר עפּיס וועגען מיר. וועגען וואָס טראַכט איך?

— וועגען וואָס איהר טראַכט, צי וועגען וואָס איהר האָט געטראַכט — האָט ער שמייכלענדיג אַ פֿרעג געטון.

— ווען?

— פֿריהער אַ ביסעל, אין די סטייניעס.

פֿריילין שעליגאַ האָט איינגעשטאָכען אין איהם אַ בייזען בליק.

— אדרבא, זאָגט!

— איהר האָט דאַן וועגען מיר געטראַכט.

— איינגערעדטע זאַכען!

— ערלויבט מיר צו ענדיגען! איהר האָט געטראַכט אַז איך בין אַנ׳איינריסער און אַז איך וואַרף אַ הענדשקע צו געוויסע פּערזאָנען. וועגען וועלכע, לויט דער אַלגעמיינער מיינונג מיר געהט עס זעהר אָן. עך! איהר האָט ביי זיך געטראַכט, אַז איך בין אַ משוגענער. נו, איך האָב אפשר נישט געטראָפֿען?

מיט אַ שמייכעל האָט ער איהר געקוקט אין די אויגען. ריטאַ האָט פֿאַרביסען די ליפּען. פּלוצלונג האָט זי מיט אַ שנעלער בעוועגונג אויפֿגעהויבען דעם קאָפּ, אַ פֿלינקען בליק געוואָרפֿען אויף סטעפֿען, און מיט אַ נישט-זיכערער שטימע אָפּגעענטפֿערט.

— יאָ, איהר האָט געטראָפֿען. איך האָב אָבער נישט געטראַכט, אַז איהר זענט אַ משוגענער, גאָט בעהיט! אויך נישט געטראַכט וועגען דעם, אַז איהר וואַרפֿט אַ הענדשקע באַריסקין. איך ווייס, אַז ער געהט איין אָן זעהר וועניג. איך האָב זיך נאָר געוואונדערט, וואָס צו דרייסט רוקט איהר פֿאָרויס די סיטואַציע — וועלכע קען זיך נאָך געפֿינען אין שאָטען.

מיכאַראָווסקי האָט צוזאַמענגעצויגען די בריוען.

— פֿאַרוואָס? און אויב איך וויל זי טאַקי האָבען אין דער פֿולער ליכט? טאָר איך נישט?

פֿריילין ריטאַ איז בלייך געוואָרען.

— אָך, ווער צווייפֿעלט דען אין דעם? עס האָט זיך מיר נאָר אויסגעדוכט, אַז איהר זענט געוועזען אונטערן איינדרוק פֿון דעם מאַגנאַט און איהר האָט אפשר געגען אייער ווילען — שאַרזשירט די רעכט פֿון געוועהנליכער העפֿליכקייט.

וואַלדעמאַר האָט אויף איהר אַ קוק געטון און געזאָגט בעטאָנענדיג:

— אויב אַזוי פֿערזיכער איך איינך, אַז איך בין געוועזען אויפֿריכטיג. וואָ

עס זענען דא עס עקזיסטירען א גאנצע רייהע מאמענטען, דארטען גיט מען זיך נישט אפ בעזונדער אונטער דער ווירקונג פון איין מאמענט. ווידער האב איך נישט שארזשירט. נאר ריכטיגער געזאגט, פערקעהרט, צוליב דער פעראינטערע־סירטער פערזאן, נארמיר איך איבעראל און שטענדיג מיינע איינדרוקען, נישט וועלענדיג די זעלבע פערזאן ארויספיהרען פון דעם ביז־איצטיגען געזעלשאפטליך־אביעקטיווע; בעטראכטען און ברענגען זי אין א מעהר גענויע בעטראכטונג פון דער געזעלשאפטליכער מיינונג, וואס שאנעוועט קיינעם נישט.

ריטא איז געזעסען בליין, בעהערשענדיג זיך. דער דאזיגער קאמף האט אויף איהר אנגעטון א מאסקע פון קעלט. זי האט שטייף א זאג געטון:

— די דאזיגע פערזאן וועט נישט אגגעריהרט ווערען פון דער געזעלשאפט, אבער איהר אליין ווערט צו בולט אין דער דאזיגער פראגע.

— איך דערלויב אלעמען צו נאכפארשען מיך אין מיינע געדאנקען, בתנאי זיי זאלען נאר זיין בנוגע מיר קאנטענט. וועגען דעם בין איך מתרה — האט ער צוגעגעבען, שטארקער בעטאנענדיג די לעצטע ווערטער.

דאס פריילין שעליגא האט שטאלץ א שאקעל געטון מיט'ן קאפ.

— זענט אנדערע מתרה, איך וועל סיי־ווי איער הענדשקע נישט אויפ־הויבען — איך קען זי נאר הערכסטענס אונטערשטיצען אין געוויסע ספערען, ווען זי וועט שוין זיין געווארפען.

מיכאראווסקי האט זיך פערנויגט.

— אין אייך גלויב איך — האט ער העפליך געזאגט.

— אך! — האט אויסגערופען דאס יונגע פריילין.

— איך וועל בעקומען קאווע? וואס איז עס צום טייוועל? — האט פלוצלונג אויסגעשריגען דער גראבער פערשוין ביים זייטיגען טישעל.

פון הינטער די ברעמען האט מיכאראווסקי אויף איהם פערוואונדערט א קוק געטון, און לענגער פערהאלטען זיין בליק.

— גארסאן! נארנישט איינער! קאווע דערלאנג!

אויף דער וועראנדע האט זיך געטומעלט. מיט'ן דורכגאנג האט געשטרוימט די פאליע פון צוקושענדיגע פרויען און מענער. דער לאקיי בעווייזט זיך נישט.

— ג רסאן! — האט משוגענערהייט אויסגעשריגען דער פערשוין — הולטיי! אידיאט! צי קען מען זיך אין איינער געמיינער צוקערניע נישט דערשרייען זיך צו א מענשען?

וואלדעמאר האט נישט אראפגעלאזט אנ'אויג פון דעם צעבושעוועטען חברה־מאן, נאר דער בליק איז איהם וואס וויטער קאלטער געווארען.

— א ווילדע בעסטיע! האט ער א ברום געטון.

— נו, וואס. איך האב נישב געזאגט, אז דאס איז א קצב? — האט טרעסט־קא גע'טענה'ט — איהם דוכט זיך אפילו, אז ער געפינט זיך אין א יאטקע.

דער חברה־מאן האט געקלאפט מיט' שטעקעל אין דער פאדלאגע, לסוף

איז איהם דאָס קלאַפּען אויך קנאַפּ געוואָרען. ער האָט אויפגעריסען הויך דעם קאָפּ און מיט רוגז'דיגער מינע האָט ער אָנגעהויבען צו קנאַקען מיט'ן שטעקען אין דעם מאַרמאָרנעם טישעל, אַזש עס האָבען אָנגעהויבען צו קלינגען די גלע-זער און גלעזלעך אויף אַנדערע טישען.

לוציע און סטעפע זענען געוואָרען אומרוהיג, און פריילין ריטא האָט אָנ-געהויבען שטיל צו לאַכען.

מיכאַראָווסקי האָט זיך אויפגעשטעלט.

— אָ, נאַר אָהן סקאַנדאַלען — האָט סטעפע מיט נעבעט אַ שעפּטשע געטון, איבערבויגענדיג זיך איבער לוציען.

איהרע אויגען האָבען זיך בעגעגענט מיט וואַלדעמאַרס קאַלטע שוואַרצ-אַפּלען. ער איז מילדער געוואָרען, און אויף זיינע ליפּען האָט זיך בעוויזען אַ קוים מערקבאַרער שמייכעל.

— זייט רוהיג — האָט סטעפע אַרויסגעלייענט אין זיינע אויגען.

וואַלדעמאַר האָט זיך דערנעהנטערט צו דעם מגושם'דיגען פּערשוין, ער האָט אָבער דערביי געהאַט אַזאַ מינע, אַז דער דאָזיגער בעאַמטער האָט תיכף אַ ציה געטון דעם שוויי ר ביים אַרבעל.

— גנעדיגער העָר — האָט וואַלדעמאַר געזאָגט מיט אַ דערשטיקטער שטימע, אָבער דייטליך, יעדען וואָרט געטאָקט — איהר מוזט זיך אודאי צוריקקעהרען פון אַ רייט־שולע. דאָ איז אָבער אַ צוקערניע, און דאָ זיצען דאַמען.

— וואָס הייסט עס? וואָס געהט עס איך אָן?. — האָט פערוואונדערט פּראָטעסטירט דער חברה־מאַן, אויסגלייכענדיג זיינע ברייטע פּלייצעס.

דער דערשראָקענער בעאַמטער האָט איהם אונברחמנות'דיג געצויגען פאַר'ן אַרבעל. מיכאַראָווסקי האָט זיך דערווייל פריי אָנגעלעהנט אין טישעל.

— זייט מוחל זוכט איך אויס אַ פּאַסיגערן אָרט פאַר אייער ברויזענדער גאַטור — האָט ער געזאָגט, בעטאָנענדיג די ווערטער.

עטליכע פּערזאָן אַרום האָבען זיך אויפגעשטעלט.

— וואָס הייסט? וואָס נאָך עפּיס? — האָט יענער אַ געשריי געטון אויפ-שפּרינגענדיג.

וואַלדעמאַר איז געשטאַנען, ווי אַ סטאַטוע פון אייז.

— דאָס, מיין העָר, אַז איך האָב דאָ געוויסע רעכט, און אויף דעם יסוד פון זיי ערלויב איך נישט אין אַנ'עפענטליכען אָרט, וואו עס זיצען פרויען צו מאַכען קיין קנייפּעס.

דער איבערגעשראָקענער בעאַמטער האָט שוין געצויגען דעם רעקעל פון זיין חבר.

— דאָס איז ער גוט־בינזיצער מיכאַראָווסקי — האָט אַ רוים געטון אויפ'ן אויער דעם צעפּלאַשעטען פּערשוין עפּיס אַ פערבייגעהענדיגער העָר.

דער חברה מאַן האָט זיך תיכף צוריקגעצויגען.

— מען גיט דאָך מיר אָבער קיין קאַווע נישט — האָט ער שוין ווייטער געזאָגט.

— איהר קענט פאָדערן, אָבער שטילער! — האָט וואַלדעמאַר געזאָגט און איז אַוועק צו זיין טישעל.

ער האָט זיך פלינק אַרומגעקוקט אויף דער וועראַנדע. עס איז אָנגעקומען אַ יונגעל פון עמיצען אַרייננגערופען. וואַלדעמאַר האָט איהם שאַרף אָנגעקוקט.

— זיין אויפמערקזאַם! — האָט ער קורץ אַ זאָג געטון און אָנגעוויזען אויפן טישעל.

דער בערוהיגטער גאַסט האָט פערשעמט נעסאַפעט.

דער יונגעל האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגען, אַ נויג געטון זין פאַר מיכאַ-לאָווסקין און אַוועקגעאיילט אויף זיין פאָסטען.

וואַלדעמאַר האָט זיך אַוועקגעזעצט און זיך געווענדט צו סטעפען.

— מיט אַ בליק וואָלט איהר געקענט ווייך מאַכען אַ לייב — האָט ער מיט א שמייכעל אַ שעפטשע געטון.

— איך צווייפעל אַביסעל — האָט זי געענטפערט.

וואַלדעמאַר האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט פון דעם, וואָס לוציע האָט זיך דערשראָקען.

טרעסטקאַ האָט געזאָגט צו ריטאַן:

— מיכאַראָווסקי האָט אויפגעפרעסען דעם קצב, איהר האָט בעמערקט.

— ער איז שטענדיג גוט! — האָט זי פערטראַכטערהייד געענטפערט.

— איהר מיינט עס נישט מטמא דעם קצב? —

— איהר זענט נישט קלוג!

— אַזוי ענדיגט איהר שטענדיג! — האָט טרעסטקאַ געזאָגט מיט רעזיגנאַציע.

פריילין שעליגאַ האָט פערטראַכט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. די אונטערגע-הענדע זין האָט נאָכאַמאָל אַ קוק געטון אויף די פּאַווילאָנען, האָט בעלויכטען די צוימער, און ווי אַ לעצטען הויך אַראָפּגענידערט איהר אָפּגלאַנץ אויף דער וועראַנדע פון דער צוקערניע, אויפן טישעל מיטן געפרוירענס, ביי וועלכען יעדערער איז געזעסען און געטראַכט פון עפּעס אַנדערש, נאָר אַלעמענס געדאַנ-קען האָבען זיך קאָנצענטרירט אין איין ריכטונג.

— — — — — — — — — — — —

אין מיטען חודש סעפּטעמבער האָבען די איינוואָהנער פון סלאָדקאָוויעץ און אָבראָנגע פערלאָזט די אויסשטעלונג. וואַלדעמאַר איז אַזש פערבליבען ביז די אויסשטעלונג האָט זיך אינגאַנצען פערמאַכט. מיט אַ געוויסען אומעט זענען אַלע צוריקגעפאָהרען. אָבער מען האָט זיך געזעגענט נישט אויף אַ גאַנצע וואָך אַפילו די צוגעזאָגט יאַגדען אין גלעמבאָוויטשי האָבען זיך נעזאָלט אָנהויבען מיט אַ גאַנצע רייהע נייע פערוויילונגען. פיל פון די דאַמען האָבען געקלערט וועגען מיטנעהמען אַ געוויסע צאָהל פּאַסענדע קליידער אויפן קאָסטיומען-באַל'

וואָס איז אריינגערעכנט געווען אין פּראָגראַם. אַלעמען האָט געוואונדערט וואַלדעמאַרס צושטאַנד. אויף דער אויסשטעלונג האָט ער צום מערסטן אַנטייל גענומען אין דעם אַלגעמיינעם לוסטיגן פאַרברענגען די צייט. ער האָט ממש געשאָטן מיט געלד און אימפּאָנירט אַלעמען מיט די אָריגינעלע איינפאַלן. מען האָט פריִער-אויס געפּרובט טרעפן, אַז אין גלעמבאָוויטשי וועט ער זיין נאָך אינטערעסאַנטער — זייענדיג אין ענטשפּרעכנדערע אומשטענדן. קיינעם איז ניט איינגעפאַלן, וואָס איז די סיבה פון זיין אויפגערומטקייט, הגם פיל װאָלטן געוואָלט דערגעהן דעם אמת. א סך האָבן חושד געווען, אַז די סיבה איז די פריילין באַרסקאַ; צו די דאָזיגע האָט אויך געהערט די פרוי אידאַליע. די מערהייט אָבער מיט דעם הער מאַציע בראש האָבן אין דעם קאָפּ געגלויבט.

נאָר אין די נאָהענסטע קרייזן פון דער פריילין ריטאַ, טרעסטקאַן און בראַכוויטשן — האָט מען זיך טשער געווען די ריכטיגע לאַגע, אָבער אויך זיי האָבן עס געהאַלטן פאַר ניט געשטויגן ניט געפלויגן.

דאָס אומגעריכטע בעווייזן זיך פון סילוואַ'ן און מאַרטענסקי'ס סאַלאָנען האָט פאַראינטערעסירט די יעניגע, וואָס איהר שייכות צו וואַלדעמאַרן האָבן זיי געוואוסט.

צי איז עס געווען אַ שפּיצעל פונם גראַף, צי סילוואַ'ס אַ פאַרגעפּיהל? איהר פּלוצלומדיג פערשווינדען האָט נאָך טאָפּעלט פעראינטערעסירט.

— וועראַ האָט פערשפּילט! — האָבן זיך געשושקעט די צופרידענע דאַמען.

בראַכוויטש האָט פאַר אַלעמען דערצעהלט, אַז וואַלדעמאַר האָט ענדגילטיג פערענדיגט די איטאַליענישע חשבונות, און אַז אַלע איבריגע רובריקען האָט ער אריינגעוואָרפן אין אויוען.

— און די פּוילישע? — האָט וויצלענדיג זיך אַ פרעג געטון דער יונגער פירשט גירשטאָרף.

טרעסטקאַ האָט פערקוועטשט די ליפען און פערקרייטשט דעם שטערן.

— הם! דאָ וועט עס צוגעהן שווערער: די פירשטין קריסטינאַ איז מעס טער פון סילוואַ'ן.

— זי וועט איהם אַזוי גיך ניט אַפּלאָזען — האָט בראַכוויטש גע'טענה'ט דאָ וועט מען ספּאַזמירען, דאָ וועלען לסוף זיין אַוואַנטורעס. מיכּאַראָווסקי'ן האָט שוין איבערגעגעבען קריסטינאַ'ן א קאַרט-בלאַנש — זי האָט זיך שוין גע- קענט צוגעוואָהנען. פון די זייטיגע מניעות וועט ער שנעל פּטור ווערען, אויב ער זאָל גאָר וועלען.

פריילין ריטאַ האָט אומעטיג געשאָקעלט מיטן קאָפּ.

XXXIV.

די אויסשטעלונג איז צוגעמאַכט. די גרעסערע טייל פון דער געזעלשאַפט איז אַוועקגעפאָהרען קיין גלעמבאָוויטשי, וואו עס איז אָנגעקומען דער סעזאָן פון די הערבסט-יאַגדען. דער גלעמבאָווישטער שלאָס האָט פריי אַריינגענומען די געסט. וואַלדעמאַר האָט אַלעמען קעניגליך אויפגענומען.

עס האָט געזאָלט פאָרקומען אַ גרויסען „אַבלאַווע“ אויף וועלף, אַ געיעג אויף הירשען און ווילדע חזירים. אַ גאַנצע אַרמעע פון וואַלד-דינערשאַפט איז געבראַכט געוואָרען אין בעוועגונג. דער יעגער אורבאַנסקי האָט פלייסיג אויסגעפיהרט וואַלדעמאַרס פעראָרדנונגען, קאָמאַנדירענדיג מיט זיינע געהילפען אין מיט די וואַלד-וועכטער. די הינט דינערשאַפט האָט געהאַלטען אויף די צוימען די יאַגד-הינט, און די נידעריגע גריבער-הינט צו אַרויסיאָגען די פוקסען פון די נאָרעס.

נעבען שלאָס-הויף זענען פאַמעלעך געפאָהרען די בריטשקעס און וואָלאַנטען, געצויגען דורך וואוקסיגע אויסגעפאַשעטע פערד.

די פערד-דינערשאַפט האָט זיך אַרומגעדרעהט אַרום די רייט-פערד. אין דעם גרויסען געמויערטען בראָם זענען געשטאַנען אויף די פערד די האָרן-בלאָזערס, וואָס האָבען בעגעגענט די אָנקומענדיגע שכנות'דיגע געסט מיט הילכיגע פאַנפאַרען. אָהן אַ שיער געסט האָט וואַלדעמאַר פערבעטען קיין גלעמבאָוויטשי.

דאָס אַלץ האָט נעהאַט אַ מין מלחמה אויסזעהן. מיכאַראָווסקי, אין אַ יאַגד-קאָסטיום, אַלס הויפט-אָנפיהרער, איז געוועזען דורכאויס. ער האָט געגריסט די אָנקומענדיגע, אַכטונג געגעבען אויף די לעצטע צוגרייטונגען, פערוויילט אַפילו די דאַמען, וואָס האָבען זיך צוזאַמענגעקליבען אין גרויסען עס-זאַל, וואו די מאַנסביל האָבען איידער דעם אַרויספאָהר אויפען יאַגד געגעסען פרישטיק. כמעט קיינער האָט זיך נישט צוגעזעצט. יעדערער האָט שטעהענדיג געהאַלטען פאַר זיך זיין טעלער. אַזאַ פרייהייט פון האַלטען זיך האָט געשאַפען אַ זעהר אָנגענעהמע שטימונג. עס איז נאָך נעיוען גאָר פריה, און דעריבער זענען נאָר די יונגערע דאַמען און מעדלעך מיטגעפאָהרען. נאָך הילכיגע געזעגענישען האָבען זיך די בריטשקעס, וואָלאַנטען און די יאַגד-פערד אַ ריהר געטון איינער נאָך אַנדערען דורכ'ן שלאָס-טויער. זיי האָט בעגלייט דאָס טרומייטערען פון די הערנער, פונקט אַ מלחמה-מחנה וואָלט דאָ אַרויסגעריהרט אין קאַמף, און אָט דאָס טרומייטערען האָט עס צוגעגעבען דרייסטקייט און מונטערקייט צום אַרויספאָהר.

פֿאָרענט איז גערייטען וואַלדעמאַר און הינטער איהם גלייך דער שיסער יור וועלכער האָט מיטגעפֿיהרט צוויי ביקסען און קוילען. ביי זיך האָט וואַלדעמאַר געהאַט רעוואָלווערען און שפּיזלען און א שטילעט מיט א זילבערנעם קלינגעל. דער רייזיגער דאָג פּאַנדור איז נאָכגעלאָפֿען נעבען זיין פֿערד אָנ'ערנסטער מיט א צעפֿרידענער מינע. אויך ער האָט פֿערשטאַנען די וויכטיגקייט פֿונ'ם אויספֿלוג. צווערשט האָט מען זיך אַוועקגעלאָזט אין די נאָהנטסטע וועלדער. מיט'ן דערגעהנטערען זיך פֿון די יעגער האָט די טונקעלע ליניע פֿון די וועלדער אַלץ מעהר געוואַקסען. פֿון די טונקעלע וואַלד-תהומות האָט געהויכט מיט א שפּע פֿון ווילדע חיות. די יאַגד-פּראָצעסיע האָט זיך ווי א קליין אַריינגעשלאָגען אין די וועלדער און גלייך פֿון אָנהויב אָן האָט זיך אָנגעפֿאַנגען דאָס געיעג. די אָבלאַווע אויף די וועלף האָט געהאַט זעהר רייכע רעזולטאַטען, און געבראַכט א סך טראָפֿעען. צום אָנהויב האָט וואַלדעמאַר אַליין נישט געשאָסען און איבערגעלאָזט פֿאַר די געסט די בעסטע פּאָזיציעס. שפּעטער ערשט האָט ער דערשאָסען א זעהר וואוקסיגען וואָלף וועלכער האָט געפּרובט צו ענטלויפֿען צווישען די קשאַקעס. אויך דער יעגער אורבאַנסקי און די צוויי פּראַקטיקאַנטען האָבען געאַרבייט מעשים. דעם הויפּזיכט איבער אַלעם האָט געהאַט וואַלדעמאַר גופֿא; מען האָט פֿערנומען א נייעם טייל וואַלד, וואו עס האָבען זיך אויפֿגעהאַלטען הירשען.

דער געדיכטער סאָסנאָווער וואַלד א הויכער, א רייזיגער האָט גערוישט און געזשומעט ערנסט, און געטוייעט אין זיך פֿערשידענע קאָלירען פֿון ליכט און שאָטען. די געלע און רויטע בלעטער פֿון די בלעטערדיגע קשאַקעס זענען שטיל אַרונטערגעפֿאַלען און אָהן שאַנצען געלעגט זיך צו דער ערד. וואו נישט וואו האָבען זיך נאָך גערויטעלט די „באָראָווקעס" און פֿון אונטערן מעך אַפֿור גערוקט זייערע פֿעטע קעפּלעך. די פֿערשידענאַרטיגע פֿערשירענפֿאַרביגע יאַגעדעס און נעזיוקסען בעזיעקט מיט טוי האָבען געבילדעט שיינע אוזאָרען אויפֿ'ן טונקעלען טעפּיך פֿונ'ם מעך. דער הערבסט האָט געשענקט זיינע עשירות, בעטייליגענדיג דעם וואַלד מיט אַלעם גוטען — ווי געוועהנליך אין דער דאָזיגער צייט פֿון יאָהר. די ווייסע פֿעדים פֿונ'ם „באָבע-זומער", פֿערפּלאָנטעט אין די בעגילדטע שטאַמען פֿון די סאָסנעס האָבען זיך פּאַסמעס-ווייז געוויגט אין'ם לופֿטען ווי זילבערנע צעפּלאָכטענע צעפּ, אַרומוויקלענדיג די בלעטער, און בילדענדיג א שפּינעכץ-נעץ, וואָס האָט אַרומגענומען דעם גאַנצען וואַלד. צוזאַמען מיט די דאָזיגע געוועבען איז אַראָפּגעשוואומען פֿון ערגיץ א וואונדערבאַרע מעלאַנכאָליע — אַ מין אומעט פֿון הערבסט-סאָנעטען. עפּיס א שווער-משא'דיגע רוהיגקייט און א מילדע שטילקייט, און דער נאַטור האָט געהערשט צוזאַמען מיט א פּשטות און אַנ'ערנסט· די גאַנצע נאַטור האָט דאַכט זיך געראַדט: „אָט קום איך אָן גליקליך צום גרעניץ".

און א צייטער איז געגאַנגען איבער די הויכע בוימער, און א שרעק פֿאַר דעם קומענדיגען ווינטער, די בלעטער, די קוויטען, די גרינסען האָבען אויף פֿערשידענע אופֿנים געפֿיהלט אַז זייער סוף קומט אָן, איז זעהר מראה געל גע-

וואָרען, און די גופים׳לעך האָבען זיי פערוועלקט זיי האָבען נאָך געשמייכעלט
פון דער זון, אָבער שוין מיט שמייכלען פון פאַר׳ן טויט, פיינליך געשמייכעלט
דערמאָנענדיג מיט אַ באַנגליכען רוישען דעם פערגאַנגענעם גאָלדענעם מאַי. נאָר
די שוואָמען זענען האַפערדיג און לוסטיג געשטאַנען, נישט וועלענדיג גאָר הע-
רען פון עפּיס אַ ווינטער: נישט לאַנג האָבען זיי זיך אַרויסבעוויזען אויף גאָטס
וועלט, און זיי זענען פול געווען מיט פרעטענזיעס.

דער וואַלד איז היינט געווען זעהר אינטערעסאַנט. נאָך דעם, ווי די יע-
גערס האָבען זיך אַוועקגעשטעלט אויף זייערע פּאָזיציעס, האָט זיך הילכיג פו-
נאַנדערגעטראָגען דאַס שאַלען פון טרומייטער, אָנזאָגענדיג, אַז די הינד זענען
אָפּגעלאָזט געוואָרען, און גלייך איז צוגעפאַלען אַ טויבע שטילקייט. די גאַנצע
ליניע פון די שיסערס איז אַזוי ווי פערגליווערט געוואָרען, נאָר די געדיכטע
קרוינען פון די סאָסנעס האָבען געשורכט אין דער הויך מיט אַ מאָנאָטאָנעם נגון
פון אַ וואַלד-וויג-ליד, נאָר די בלעטער האָבען געראַשט און געפאַלען צו דער
ערד, און צייטענווייז האָט אַ פּישטשע געטון אַ פויגעל צווישען די צווייגען. די
ליניע איז געווען פערשטעלט געדיכט מיט מענשען, נעבען יעדען יעגער כמעט
איז געשטאַנען אַ שיסער.

וואַלדעמאַר האָט געהאַט זיין אָרט אונטער אַ גרויסער סאָסנע. ער האָט
געהאַלטען גרייט דעם ביקס, און דער צווייטער ביקס איז געשטאַנען צוגעשפּאַרט
צום בוים. ער האָט נישט ליב געהאַט צו האָבען הינטער די פּלייצעס אַ דינער:
זיין שיסער דער ריזיגער יונג יור, איז געשטאַנען אין אַ געוויסער דערווייטערונג,
האַבענדיג די עובדא צוצוטראָגען די געשאָסענע חיה נאָכ׳ן געיעג.

די הינד זענען צו ווייט אַוועקגעלאָפען, אַזוי אַז די יעגערס האָבען דער-
וויַיל גאָרנישט געהערט. דער וואַלד איז געווען שטיל, ווי גרייטענדיג זיך צו
דער שיסעריי, וואָס דאַרף אָנקומען. וואַלדעמאַר האָט זיך מיט די פּלייצעס
אָנגעשפּאַרט אין בוים, נישט געבענדיג גוט אַכטונג אויף דער פינסטערער טיפע-
ניש פון וואַלד. זיינע אויגען האָבען איצט נישט געהאַט דעם איראָנישען אויס-
דרוק, דער סאַרקאַזם, דער אָפטער גאַסט אין זיי האָט זיך איצט טיף פערבע-
האַלטען, אַרויסשיקענדיג אָנשטאָט זיך אַנ׳עטוואָס אומעטיגע פערטראַכטקייט. די
פולע עטוואָס ליידענשאַפטליכע ליפען האָבען בעקומען אַנ׳ענערגישען אויסדרוק,
אַנ׳אויסדרוק פון גרייטקייט צום קאַמף, דורך דער בענקשאַפט פון די אויגען
איז מאָמענטענווייז אַדורכגעפלויגען אַ בייזע גלאַנץ. דאַן האָבען די ברעמען גע-
בילדעט אַ מין פיינדליכען פיילענבויגען. ער האָט וועגען עפּיס געטראַכט, בע-
שלאָסען ביי זיך, און אפשר אפילו געטרוימט. אָבער אויף די פּאַיעס פון די
טרוימען האָבען עפּיס געמוזט זיין אומאָנגענעהמע טרוימען, ווייל זיי האָבען
אַרויסגערופען דראָהענדע שאָטענס אין זיינע אויגען און אויף זיין פנים.

פלוצלונג איז ער אָבער לויטער געוואָרען, פונקט אַ ל כטיגער גלאַנץ פון
דער זון וואָלט איהם אַראָבגעפאַלען גלייך אויפ׳ן קאָפּ. אַ לייכטער שמייכעל, אַ

צאַרטער כמעט האָט אַדורכגעשוועבט אויף זײַן מויל און ער האָט מיט אַ מין געריכטהאַרטקײַט אַרויסגעשעפּטשעט.

— סטעפּע...

אַ ווינט האָט אַ וועה געטון, די געלע בלעטער פֿון די בוימער האָבן האַרמאָניש אַ ציווע געטון, הילכיגער אויפגערוישט האָבן די הויכע שפּיצן פֿון די סאָסנעס און עטליכע פֿויגל־קולות האָבן אַ פֿלאַטער אויף געטון צום הימל.

— סטעפּע... סטעפּע — האָבן געשורכט די בוימער אַרום און די פֿויגל אַרויסגעצוויטשערט.

פֿון דערווייטנס האָט זיך דערהערט דאָס בילן פֿון דער האָפּטע הינט, וואָס איז צוריקגעלאָפֿן.

עס האָט זיך אָנגעהויבן דאָס געיעג?

אַ קורצע ווײַלע פֿון אָנגעשטרענגטער אויפֿמערקזאַמקייט. עס האָט זיך דערהערט אַ מעכטיג טויבער טופּען, אַ טרישטשען פֿון געבראָכענע צווייגען און וואַלדעמאַר האָט דערזען אַן אָנלויפֿנדיגן ווילדן הירש, וואָס איז געפֿלויגן מיט אַ גוואַלדיגן אימפּעט די חיה איז געלאָפֿן מיט אַ שווערן טריט, מיט אַן אויפֿגעהויבענעם קאָפּ און מיט די הערנער ווי די סענקעוואַטע צווייגן אַרויפֿגעלעגט אויף דעם רוקן.

וואַלדעמאַר האָט זיך אָנגעצילט. ער האָט אָבער נישט געשאָסן: ער האָט אָפּגעגעבן די „בכורה“ דעם פֿירשט זאַניעצקי. יענער האָט ראַפּטום דערנעהנטערט זײַן ביקס צו די אויגן, אָבער דער הירש האָט באַמערקט די באַוועגונג, און פּערקירעוועדיג אויפֿ׳ן אָרט האָט ער זיך אַ שלײַדער געטון אין דער זײַט פֿון וואַלדעמאַר׳ן. זאַניעצקי האָט אויסגעשאָסן פֿון ביידע ליופֿעס — נישט געטראָפֿן. דער הירש האָט נאָך העכער פֿאַררייסן דעם קאָפּ, און דערנעהנטערט זיך צו וואַלדעמאַר׳ן.

דאַן האָט וואַלדעמאַר אויסגעשאָסן, צילענדיג אין דער קרויז, איין מאָל און צוויי מאָל אויסגעשאָסן. דער ריזיגער הירש האָט אַ לאַנגען ריטשע געטון, און אַ ״וועך־פֿאַרוואונדעטער געלאָפֿן ווייטער.

דער־הרג׳עט האָט איהם בראַכוויטש. און זאַניעצקי האָט צו זיך אַ שעפּטשע געטון:

— מיכאַראָווסקי איז עפּיס פֿאַר׳חלום׳ט—ער הויבט אָן צו טרעפֿן נעבעכבײַ.

די שיסערײַ האָט זיך ערשט אויף רעכט אָנגעהויבן.

עס זענען געפֿאַלען עטליכע הירשן און אַנדערע מינים חיות. אַרום מיכאַראָווסקי׳ן האָט זיך געבילדעט אַ פֿײַן קרענצל פֿון דערשאָסענעם רויב.

די יעגערס האָבן זיך אַרומגעזאַמעלט אַרום דעם פֿירשט גירשטאָרף.

יעדער האָט דערצעהלט וועגן די אייגענע טראָפֿען.

— צום מערסטען האָב איך געשאָסן — האָט טרעסטקאַ אויסגערופֿן.

— און וויפֿיל שטיק האָט איהר דער הרג׳עט?

— וויפיל ? אומגעפעהר, כ'מיין עפּיס... כ'ווייס נישט ! דאָס וועט מען דערנאָך בערעכענען.

— אויפמערקזאַם, מיינע הערען ! איך מיין, אַז טרעסטקאַ וויל ביי יעדע־רען פון אונז צו־לקח'ענען צו איין העזעל, כדי צו פערגרעסערען זיינע טריומפען

— האָט זיך אָפגערופען דער לוסטיגער בראָכוויטש.

— טרעסטקאַ האָט זיך בעלעדיגט.

— וואָס שייך דיר, וואָלט איך עס בעזונדערס נישט געקענט טון, וואָלסט תיפף דערקענט אַ מאַנגעל אין דיין רויב.

— איך בעט דיך איבער ! כ'האָב דערשאָסען זעקס האָזען, אַ וואָלף און אַ ציגען־באָק. ס'איז עטוואָס מעהר, ווי ביי דיר, ווייל נאָר איין פיקסעל גלאַנצט אַרויס פון דיינע צוויי העזלעך.

— איהר שיסט ביידע גוט — האָט געפּרובט גירשטאָרף צו מאַכען אַ פּשרה צווישען זיי.

דער גראַף באַרסקי האָט זיך דערנעהנטערט צו וואַלדעמאַרן.

— מיט'ן פרישטיק וואַרטען מיר אויף די דאַמען ? — האָט ער אַ פרעג געטון נעהמענדיג איהם אונטערן האַנד.

— געוויס, זיי קומען באַלד צופאָהרען.

דער גראַף האָט איהם אָפגעצויגען אין אַ זייט.

— אַ פּראָפּאָ ! זאָגט מיר, אָדער לאָמיר זאָגען, בעצייכענט מיר די בע־ציהונג פון יענער, פון יענער, ווי הייסט זי דאָרטען ! פון דער פרייליין רודעצ־קאַ, מיין איך, צו אונזער געזעלשאַפט ?

וואַלדעמאַר איז געשטאַנען, ווי געטראָפען פון אַ דונער, דער כעס האָט אין איהם אויפגעקאָכט, ער האָט אַ שאַרפען בליק געווענדעט צום גראַף און האָט געפרעגט :

— וואָס פאַר אַ בעציהונג ? איך פערשטעה נישט !

— אַך, גאָט מיינער ! איך וויל, איהר זאָלט מיר ערקלערען, איהר זאָלט מיר קלאָר מאַכען די פּאָזיציע פון דער דאָזיגער פרייליין צווישען אונז.

— זי איז די לעהרערין פון לוציע עלזאַנאָווסקאַ, און גלייכצייטיג איהר חבר'טע איהר פריינדין.

— נישט דאָס. דאָס ווייס איך. זי האָט דאָך אָבער גרעסערע רעכט, וואָס איהר האָט איהר געגעבען. זי ווערט טראַקטירט אַזוי גוט, ווי די פריילינס פון דער ספערע ? אָבער די רודעצקאַ איז אָבער אַ צו נידריגער שטאַפּעל צו אונזע־ריגע הויכענישען — אַ צו נידעריגער !

— ערלויבט נאָר, אונזערע הויכענישען, ווי איהר האָט זיך אויסגעדריקט, איז זעה־ אַ רעלאַטיווער בעגריף, וואָס דאַרף בפּרטיות בעשמועסט ווערען — האָט איהם וואַלדעמאַר איבערגעשלאָגען.

דער גראַף האָט זיך פערקרימט, אָננעהמענדיג אַ גאוה'דיגע פּאָזע.

— אין אייער מויל קלינגען עפעס פאלש נישט גוט מיינע ווערטער—דאס איז א נאטע, וואס פאסט זיך נישט פאר א יורש פון אונזערע יחוס'דיגסטע אריסטאקראטישע משפחות.

— איך בין נישט, הער גראף, קיין ספערע-פאנאטיקער. איך האב דרך ארץ פאר מיין יחוס, אבער איך דין נישט צו איהם, ווי צו א געץ. דעם סימן פון העכערקייט זעה איך אין די טאטע; און נישט אין הערב, ווייל אזעלכע הערבען האבען אויך אנדערע משפחות אין אונזער פוילען.

— איהר האט אבער איבערן הערב א מיטרע, דאס וואס די אנדערע האבען נישט.

וואלדעמאר האט זיך פוגאנדערגעלאכט מיט אנ'אונאנגענעהמען שפאטישען געלעכטער.

— אך! דאס הייסט עס? ביי מיר איז פארהאן א מיטרע, און ביי אייך — ניין שטעקעלעך? דאס זענען עס די הויכעגישען? א, אויב אזוי דערגרייכט ווירקליך נישט די פריילין רודעצקא צו אונז, אבער זי דערגרייכט נישט צוזאמען מיט די שעליגאס, מיט זשנינען און מיט די איבעריגע, וואס זענען אנערקענט פאר אונזעריגע, וואס זענען צווישען אונז, און האבען נאר פינף שטעקעלעך אין די קרוינען.

דער גראף האט פעראינטערעסירט און מיט רוגז א קוק געטון אויף וואלדעמארן.

— איך פערשטעה נישט אייער כעס.

— זייט מיר מוחל, אבער איך פערשטעה נישט אונזער גאנצען שמועס.

וואלדעמאר איז געווען אויפגערעגט און ער האט עס נישט אויסבעהאלטען.

— און איך בעמיה זיך פונדעסטוועגען אלץ אייך צו איבערצייגען.

— ניין, הער גראף, אומזיסט אייער טרחא. בעמיהט זיך בעסער נישט:

— דער גראף האט גערעדט, ווי נישט הערענדיג וואלדעמארס ווערטער.

— אונזער גרויסקייט ליגט נישט נאר אין דער קרוין נאר אין דער טראדיציע. דאס, וואס די גאנצע וועלט רופט אן מיט'ן נאמען אריסטאקראציע, דאס פאדערט אונז אויף צו געוויסע פארזיכטיגקייט. מיר טארען וועגען דעם נישט פיירגעסען! מען טאר נישט אריינפיהרען קיין פרעמדע עלעמענטען אין אונזער געזעלשאפט, כדי נישט ארויסצורופען קיין גאנגרענע, וואס זאל פאראליזירען אונזערע אנשויאונגען, און די היילגסטע שטרעבונגען. אזא פערמענט וואלט געווירקט קאטאסטראפאליש אויף אונזערע אידעען: וועגען דעם טארען מיר נישט פערגעסען!

דער גראף האט אויפגעהויבען דעם אגווייז-פינגער און אריינדרינגענדיג אין וואלדעמארן מיט די אויגען, ווי מיט שטילעטען, האט ער מיט'ן טראפ איבערגע'חזרט:

— מען טאר נישט!

— אַ פּאַטעטישער שוטה! — האָט וואַלדעמאַר אַ טראַכט געטון — גאַנגרענעס, פּאַראַליטשען, פּערמענטען? וואָס פאַר אַ צוזאַמענהאַנג האָט עס מיט דער פריילין רודעצקאַ? — האָט ער הויך אויסגערופען.

— אָ, ס'האָט! אַ גרויסען. זי איז טאַקי די סיבה.

— וואָס קען גאַנגרעניזירען? האַ! האַ! גלויבט מיר, אויב ווער וועמען — וועלען מיר גיכער איהר גאַנגרעניזירען, ווי זי אונז.

דער גראַף האָט געמאַכט אַ בעוועגונג, ווי בעלעדיגט.

— מיר דאַרפען קודם כל אַזעלכע פּערזאָנען האַלטען אויף אַ ווייטער דיסטאַנץ פון זיך, און נישט אַריינפיהרען זיי דירעקט אין אונזער געזעלשאַפט. דאָס פּערשפּרייט אומרוהיגקייט, און וועקט די נישט-זיכערקייט אין דער געזעלשאַפט.

— די דאָזיגע אַלע קאַמונאַלען, וואָס איהר האָט אַרויסגעזאָגט, קענען נישט צוגעפּאַסט ווערען צו אונזער געזעלשאַפט. אין אונזער הויז און סביבה ווערט די פריילין רודעצקאַ טראַקטירט ווי צום בעסטען, און זי פערדינט די פולשטענדיגע אַנערקענונג פון אונזער זייט, און מיר בעמיהען זיך צו בעהאַנדלען זי אויף אַזאַ אופן, וואָס זאָל ענטשפּרעכען איהר כבוד. מיר ווילען נישט, אַז זי זאָל זיך פיהלען פרעמד, און יעדערער, וואָס פערברענגט צווישען אונז, מוז זיך צו דעם אומבעדינגט צופּאַסען.

וואַלדעמאַר האָט גערעדט גאָר נישט העפליך, יעדעס וואָרט איז געווען שאַרף און בייסיג.

ער האָט שוין נישט גענומען אין בעטראַכט דאָס, וואָס דער גראַף איז זיין גאַסט. דער איינגעבוירענער טעמפּעראַמענט האָט איהם געטראָגען, ווי אַ ווירבל. דער גראַף האָט אָבער, דאַכט זיך, זיינע ווערטער נישט פערשטאַנען: ער האָט זיך נישט געוואָלט בעלייידיגען; איהם האָט זיך געהאַנדעלט וועגען געווינען פאַר זיך מיכאַראָווסקין, און ער האָט זיך בעמיהט מיט'ן געשפּרעך ביי איהם צו אויסשפּילען.

— איך נעהם גאָרנישט אָפּ פון דער דאָזיגער מעדעלס כבוד זי פיהרט זיך אויף גאַנץ גוט, און ס'קען זיין, אַז זי איז עפּעס, אָבער גאָט מיינער, צווישען אונזער דינערשאַפט זענען דאָך אויך דאָ פּערזאָנען טיט נעמען, וועלכע זענען אין די יחוס-ביכער יאָ פערשריבען, און פונדעסטוועגען ווערען זיי נישט צוגערעכענט צו דער געזעלשאַפט, זיי קומען זיך נישט מיט אונז צוזאַמען, און פיהרען נישט קיין סאַלאָן-געשפּרעכען.

— העער גראַף. איך בעט אייך פיהרט מיך נישט אַרויס פון דער ראָליע פון גאַסטפריינדליכקייט, און מאַכט נישט אַזעלכע פערגלייכען. דאָס רעגט מיך אויף! אויב איהר זענט אַרויף אויף דעם וועג, מוז איך אייך מקדים זיין, אַז היינט ביי מיטאָג וועט זיצען ביי מיין טיש צוזאַמען מיט אונז מיין יעגער און דער מאַרשאַלעק פון הויף. און איהר, העער גראַף, וועט מוזען צוליב אַכטונג צו מיר און צו מיין זיידען דערלאַנגען זיי ד. האַנד. און וואָס שייך דער פריי-

לײַן רודעצקאַ, איז איהר ראָליע צווישען אונז גענוג דײַטליך, און בעלעדיגען זי אָהן דעם מען זאָל זיך מיט דעם נישט בעלעדיגען איז אונמעגליך.

— אָבער ערלויבט נאָר, מיין העֶר. איך רעֶד פֿון דעם טראַדיציע-שטאַנד-פּונקט. אַזעלכע פּערזאָנען, ווי זי פֿערגיפֿטען אונז אָט האָבען מיר אַ בײַשפּיל אין אייך: צו שטאַרק פֿערטײַדיגט איהר זי. יאָ, מיט אַזעלכע פּרײַליינס קען מען זיך אינטערעסירען, איך לײַקען נישט, אָבער נישט אויף אַזאַ שטײַגער, ווי איהר מאַכט עס. נישט וואָהר?

— מײַן העֶר! — האָט וואַלדעמאַר אויסגעשריגען אַנ׳אויפֿגעקאָכטער.

— פּאַרדאָן! אָבער צווישען אונז איז זי אַ פֿרעמדער עלעמענט, זי איז נישט פֿאַר אונז! מען טאָר זיך נישט צו איהר צופֿיל דערנעהנטערען און האָבען צוטרוי. די פֿרײַלײַן רודעצקאַ איז פֿאַר אונז — אַ מ צ ו ר ע ת.

וואַלדעמאַרן האָט אַזש אַ שלײדער געטון. שאַרפֿע בעלעדיגענדע ווערטער זענען איהם געבליבען הענגען אויף די ליפּען. אָט-אָט האָט ער זײַ געוואָלט אַרויס-זאָגען. דער גראַף האָט עס דערפֿיהלט, און זיך ראַפּטום אומגעקעהרט צו די אָנקומענדיגע הערען. גלײכצײַטיג האָט זיך אויפֿ׳ן וואַלד-וועגעל בעוויזען דער פֿיר-פֿערד-ג שפּאַן. אויף דער צופֿאָהרענדיגער ברישקע האָט זיך געטומעלט. עס זענען אָנגעקומען די דאַמען.

די יעגערס זענען צוגעלאָפֿען העלפֿען זײַ אַרויסצוזעצען זיך. אַלעמען האָט פֿרעהליך געמאַכט דאָס אָנקומען פֿון די דאַמען און די האָפֿנונג וואָס זײַ האָבען געבראַכט אַז באַלד וועט מען עסען אָנבײַסען.

וואַלדעמאַר האָט, נישט אַכטענדיג אויף קײַנעם, פֿערוואָרפֿען די ביקס אויף די פּלײצעס און איז אַוועק צווישען די סאָסנעס אין דער געלער געדיכטקייט פֿון די בלעטער-בוימער. אין די אויגען האָבען זיך איהם געטוקט בײַזע פֿײַער-לעך, און אויף די ליפּען איז איהם אַרויפֿגעשוואומען די איראָניע.

בראָכוויטש האָט איהם דערזעהן און איז איהם נאָכגעגאַנגען.

— וואַלדי, וואוהין געהסטו? די דאַמען זענען שוין דאָ און דער אָנבײַסען קאָכט זיך שוין אין פּאַוויליאָן. איך בין הונגעריג, ווי דער וואָלף, וועלכען איך האָב דער׳הרג׳עט.

— געה, עס און פֿערגעהם זיך מיט אַלעמען אין מײַן נאָמען. פֿערגעס אויך נישט אָנצוטרינקען גוט דעם געמײַנעם יונג!

— וועמען, באַרסקין?

— האָסט געטראָפֿען!

— מײַן טײַערער! אײַן געמײַנער יונג איז דאַ צווישען אונז. ס׳איז גאָר קיין חידוש נישט, וואָס איך האָב געטראָפֿען.

— נו, גוט! געה שוין.

— וואָס איז דען?

— כ׳וויל בלײַבען אַלײן.

— וואונדערבאַרע נאַאיִוויטעט! וואָס קען דען זיין אָהן דיר?

— אַך! לאָז געמאַך.

בראָכוויטש האָט אָנגענומען וואַלדעמאַרן פאַר׳ן האַנד.

— וואַלדי! הער! אויב דו האָסט מיך ליב, און דו ווילסט אָנלערנען באַרסקין טאָ קום טאַקי צוריק. מאַך זיך, ווי דו האָסט איהם גאָרנישט אין זינען, אָבער איינגאַנצען גאָרנישט, און דאָס וועט זיין די גרעסטע שטראָף פאַר דעם דאָזיגען אידיאָט. איך ווייס נישט, מיט וואָס האָט ער דיר דערצאָרענט, און בכלל וואונדערט מיך, וואָס ער האָט עס געטון, וואָרום ער גראָבט דאָך אונטער די שאַנסען פון זיין טאָכטער, איך דערקען דיך אָבער נישט, וואַלדי! פריהער האָסטו אַליין בעוויזען די פלייצעס באַרסקין, פון דיין אויפרעגונג אורטייל איך, אַז עס איז עפּיס וויכטיגעס פאָרגעקומען.

- ביזט גערעכט! דער דאָזיגער אַלטער שילד פון איינגערעדטער גרויס-קייט איז אַזש אידיאָטיש געוואָרען, און מיט דעם האָט ער מיך אויפגערעגט.

— וואַלדי! וואַלדי, דאָס, וואָס ער האָט מעהר פאַרבען אין מויל, ווי אין קאָפּ — וועגען דעם קראַנקען אפילו די קראַהען. נישטאָ זיך מיט וואָס צו איבער-נעהמען.

וואַלדעמאַר האָט אַ שמייכעל געטון.

— שילדערסט אויסגעצייכענט דיין צוקינפטיגען שווער.

— איך טרייסט זיך מיט דעם, אַז ער וועט עס נישט דערהאַרען. עס ווערט מיר צוליב איהם קאַלט — בררר! און מעלאַניע מיט איהר הייסען אויסזעהן וועט אפילו נישט קענען אַ ריהר טון מיין צפון-נאַטור. זאַניעצקי פאַסט זיך צו בעסער צו דער דאָזיגער קאָמבינאַציע. איך וועל דיר עטוואָס דערצעהלען, וועגען באַר-סקין, וואָס דו ווייסט אודאי נישט. אויסגעצייכענט האָט זיך געהאַלטען דיין פּראַקטיקאַנט — דער עלטסטער.

— אַטאַצקי?

— יאָ, הער. שטעל זיך נאָר פאָר, ווען מיר זענען געשטאַנען אויפ׳ן ער-שטען פּאָסטען, האָט דער גראַף קודם אויסגעזידעלט דעם שטאַלמייסטער.

— באַדאָוויטשען? פאַרוואָס?

— דערפאַר, ווייל יענער האָט געהאַט אַ טעות און זיך געווענדט צום גראַף, נישט דערמאָנענדיג דעם טיטעל. איך האָב עס אַליין געהערט.

— בעסטיע! — האָט וואַלדעמאַר אַ ברום געטון — לאָמיר געהן צו די דאַמען. זיי זענען אַוועק אין דער ריכטונג צום פּאַוויליאָן.

— הער זשע טאַקי וועגען באַרסקי׳ן — האָט בראָכוויטש ווייטער דערצעהלט — ווען מען האָט געזאָלט אָפּלאָזען די הינד, איז דער גראַף אַריבערגעגאַנגען פון דעם פאַר איהם בעשטימטען אָרט אויף אַנ׳אַנדערן, וואָרום ער האָט דעם צווייטען אָרט געהאַלטען פאַר אַ בעסערן — מיט איהם איז שוין פון שטענדיג אַן אַזוי. געהענדיג האָט ער פערגעסען אין די ביקסען, און מחמת זיין שיסער

האָט זיך ערגיץ וואו אין אַ זייט אַרומגעדרעהט, האָט דעריבער באַרסקי, נישט טראַכטענדיג לאַנג, אַ קוק געטון אויף אָטאָצקי'ן וועלכער איז זאַגב נאָהנט נעבען איהם געשטאַנען, פון אויבען אַראָפּ, און דער גראַף, פילט זיך נישט, און ווענדט זיך צו איהם אויף זיין שטייגער: „הער נאָר, דו... דו... ברענג נאָר פון דאָרטען אַהער די ביקס, דאָרטען אונטערן קשאַק ליגט".

— איך האָב דאָך איהם פאָרגעשטעלט די פּראַקטיקאַנטע, ווי האָט ער זיך עס געקענט ערלויבען! — האָט וואַלדעמאַר אַרויסגעפּלאַצט.

— יאָ, אָבער באַרסקי האָט זיך שוין דערוואוסט. אַז אָטאָצקי איז דער אָרימסטער פּראַקטיקאַנט, און אַז דו צאָהלסט איהם שכירות — פאַר איהם איז איז עס גענוג. ער האַלט דאָך אַלע, וואָס אַרבייטען פאַר געצאָהלט, גאָרנישט פאַר קיין מענשען.

— אָטאָצקי האָט איהם געמוזט גוט אָנלערנען? ער איז נישט צוגעוואוינט צו אַזאַ אַרט בעהאַנדלונג.

— וואַרט־זשע. ערשטענס האָט ער זיך געמאַכט — ער הערט כלומרשט גאָרנישט, אָבער דערנאָך, ווען דער גראַף האָט זיין פראַזע איבערגעחזרט, האָט זיך דאַן אָטאָצקי ערנסט פאַר איהם פערנויגט און און אַ זאָג געטון: „איך בין שוין פאַר'ן גראַף פאָרגעשטעלט געוואָרען דורך דעם הער מיכאַראָווסקי": מען רופט מיך אָטאָצקי". אַזוי האָט ער צו איהם אַ זאָג געטון, און איז אַוועק אין אַ זייט

— אויסגעצייכענט! — האָט וואַלדעמאַר צופרידען אויסגערופען.

— איך מיט זשניג'ן האָבען מיר אַפּלאָדירט אָטאָצקי'ן, אָבער באַרסקי מוז זיין משוגע פאַר ערגער.

וואַלדעמאַר האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט.

— נאָכמעהר, מסתמא, ווען איך האָב איהם בעמערקט, אַז ביים מיטאָג מוז ער דערלאַנגען די האַנד די מענשען פון דער אַדמיניסטראַציע, וועלכע וועלען דאָרט זיין אַנוועזענד. ער דרעהט זיך אַרויס — איך זאָל איהם נישט פאָרשטעלען דעם הויפט־יעגער. איך וועל איהם שוין אָבער אויפזוכען אין אָוועֶנד, און ער וועט שוין ביי מיר מוזען דערלאַנגען איהם די האַנד.

פאַר הנאה האָט בראָכוויטש אַוש אַ פּאַטש געטון מיט די הענד.

— פּראַכטפול! איז הייסט עס, אויך ויעגען דעם געשמועסט געוואָרען.

— אַך, לאָז מיך שוין צורוה!

— נו, זעהסט! און דו ווילסט נאָך, אַז איך זאָל זיך מתקרב מיט אַזאַ אָפּגעשטאַנענעם טיטולירטען פּאַרשוין. מעג מיר מיין מוהמע די פירשטין נישט געבען קיין מיליאָן, און מעג מיר די באַרסקאַ אַליין זיך ערקלערען אין ליבע — וואָלט איך אַליין זיך נאָך שטאַרק פערטראַכט וועגען דעם דאָזיגען שידוך. איך וואָלט זיך געשעמט צו האָבען אַזאַ שווער. איך מיט דיר, וואַלדי, זענען מיר מענשען פון אַנ'אַנדער ראַסע.

— גיכער פֿון אַנדערע אַנשויאונגען — האָט וואַלדעמאַר געזאָגט.

זיי האָבען זיך צוריקגעקעהרט צו דער געזעלשאַפֿט אין דער סאַמע ריכטיגער צייט. עס איז אָנגעקומען די צווייטע בריטשקע בעזעצט פֿון דאַמען, און דאָס אַמעריקאַנער וועגעל.

דער אָנבייסען איז צוגעגאַנגען זעהר פֿרעהליך, ער האָט אָבער נישט לאַנג געדויערט, ווייל וואַלדעמאַר האָט זיך געאיילט.

עס איז ענטשטאַנען אַ פּראָיעקט, אַז יעדערע פֿון די דאַמען זאָל זיך אויסצעהלען און מיטנעהמען אַ הער אויף איהר פּאָסטען. צו וואַלדעמאַר'ן איז תּיכף צוגעלאָפֿען אַ צושטראַהלטע די גרעפֿין וויזענבערג. ער האָט זיך פֿאַר איהר העפֿליך פֿערנויגט אַ דאַנקבאַרער, וואָס זי האָט מקדים געווען די יונגע גרעפֿין מעלאַניאַ, וועלכע האָט איהם וועגען דעם געגעבען נישט קיין צווייידייטיגע אָנצוהערעניש ביים אָנבייסען. געהענדיג מיט דער גרעפֿין אונטער'ן האַנד, איז וואַלדעמאַר געווען אומרוהיג וועגען סטעפֿען. צוזאַמען מיט לוציען איז זי געשטאַנען אין דער זייט, צילענדיג פֿון אַ פֿלאָווער אין אַ הויכער סאָסנע. אין דער געזעלשאַפֿט פֿון הערען האָט באַרסקי עפּיס גע'טענה'ט מסתמא, עפּיס נישט קיין גוטע רעד געהערט וועגען סטעפֿען.

די אומרוהיגקייט פֿון וואַלדעמאַרן האָט געווענדעט די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון דער גרעפֿין.

— מסיע, איהר בעלעדיגט מיך! עס דוכט זיך מיר, אַז איהר זענט נישט צופֿרידען פֿון מיין געזעלשאַפֿט.

— פֿערקעהרט, איך בין פֿון אייך ענטציקט. נישט אַלע האָבען זיך נאָך אָבער צוגעקליבען פּאָרען, און מען מאַכט אַ ביסעל צו לאַנגע שהיות.

די גרעפֿין האָט שנעל אויף איהם אַ קוק געטון און נאָכגעלאָפֿען מיט די אויגען נאָך זיין בליק נאָך.

— אַך! כ'פֿערשטעה! לוציע און די פֿריילין סטעפֿאַניאַ האָבען נאָך נישט קיין פּאָר. פֿאַר וואָס זשע קלייבען זיי זיך אַליין נישט אויס? פֿיל געוויס וואַרטען אויף דעם. איך וועל אַ וואונק טון צו זשנינען — וועט ער מיר בעשטימט זיין דאַנקבאַר.

וואַלדעמאַר האָט פֿרעהליך אַ קוש געטון אין האַנד זיין פּראַכטפֿולע דאַמע.

— מען דאַרף שוין נישט. יורעק וואָרגט זיך שוין וועגען דעם.

— אָ, טאַקי!

בראָכוויטש האָט זיך גע'חנ'דעלט צו סטעפֿען, און זיך געבעטען — זי זאָל איהם אויסוועהלען. זי האָט גערן מסכים געווען, און זיי זענען אַוועק באַנאַנד מיט לוציען.

באַרסקי האָט אויף זיי קרום אַ קוק געטון.

— געכאַפּט די סאַבינערינס! — האָט ער איראָניש געזאָגט — בראָכוויטש פֿערגעסט גאָר, אַז אויך ביי אונז זענען נאָך דאָ דאַמען.

זאַניעצקי האָט אַ שמייכעל געטון.

— הער גראַף, עס איז גיכער אַנ׳אויסכאַפּעניש פון דעם טיאַמער צווילינג, ווייל זיי זענען דאָך שטענדיג איינער צו דער אַנדערער, ווי צוגענייט.

באַרסקי האָט נישט ליב געהאַט, עמיצער זאָל איהם קאַליע מאַכען אַ גלייכווערטעל. פון אויבען אַראָפּ האָט ער אַ קוק געטון אויף זאַניעצקי׳ן און זויער געזאָגט:

— נו, גוט. געהט אייך אויף אייער אָרט. מיין טאָכטער וואַרט.

אַלע האָבען זיך אַרויפגעזעצט אויף די ברישקעס און אויף די וואַלאַנטען — און געפאָהרען טיפער אין וואַלד.

עטליכע דאַמען און פריילין ריטאַ האָבען אויך צוגעהאָלפען דעם נייעם געיעג. די נייע פערטיילונג אין פּאָרען — הערען מיט דאַמען — איז געווען אַ נישט געלונגענער אויפטו.

סטעפע, לוציע און בראָכוויטש זענען געשטאַנען געבען וואַלדעמאַרן, פּיה־רענדיג אַלעבהאַפטען שמועס. אפילו די גרעפין ווינזענבערג האָט זיך נישט גע־קרעמפּעוועט און איז אָפּטערס אַרויס מיט אַ קלינגענדיג געלעכטער. די גאַנצע ליניע האָט פערהילכט מיט אַנ׳עכאָ פון שמועס׳ן. די שאָסען זענען דאָס רוב געגאַנגען לאיבוד, און נישט געטראָפען אין די חיות.

פונדעסטוועגען האָט די צאָהל פון דעם דערשאָסענעם רויב זיך נישט שלעכט פאָרגעשטעלט.

אין איין אָרט האָבען די יאַגד־הינד אויפגעפלאָשעט אַ סטאַדע ווילדע חזירים. מיט געוויש און געליאַרעם האָבען זיי זיך אַ יאָג געטון אין דער ריכ־טונג צו די שיסער.

די שיסעריי האָט נישט אויפגעהערט. אָבער די יעגערס האָבען זיך גע־חיצט און דאָס רוב נישט געטראָפען מיט זייערע קוילען.

איין ריזיגער ווילדער חזיר איז געלאָפען דירעקט אויף דעם פירשט זאַ־ניעצקי. ער האָט שאַרף געביטען מיט די פיס, און געהוידעט אויף ביידע זייטען דעם גרויסען שוואַרצען קערפער. פון די פונאַנדערגעשפרייטע ווילד־חזיר׳שע ליפען האָבען געבלאַנקט מעכטיגע שאַרפע שטאָך־ציינהנער.

דער פירשט האָט זיך נישט פערלוירען. ער האָט רוהיג אָנגעצילט און אויסגעשאָסען. די קויל האָט דעם חזיר אַ שניט געטון איבערן רוקען, נישט שאַ־טענדיג איהם.

די צעווילדעוועטע חיה האָט אַ סאַפּע געטון און אַ שפּרונג געטון פאָראויס. מען האָט אין איהם נאָך צוויי מאָל געשאָסען. די קויל פון דעם פירשט גירשטאָרף האָט געטראָפען און געלעכערט דעם חזיר אין פוס, באַרסקי ווידער האָט דורכגעשאָסען אַנ׳אויער.

די צעיושעטע ווילדע בריאה האָט, שפּריצענדיג מיט שוים, אַרומגעקוקט זיך מיט בלוטיגע אויגען, און אַ יאָג געטון זיך גלייך צו סטעפען.

מיט אַ שוואַרצן גאַלאָפּ איז ער צו איהר צוגעלאָפֿן, סאַפּענדיג מיט אַלע כּוחות און פּייפֿענדיג מיט די נאָזלעכער.

סטעפּע איז, ווי געליימט געוואָרען פֿאַר שרעק, און אַ בליכע, נישט פֿאַרליערענדיג דאָס בעוואוסטזיין, האָט זי פֿאַרשטעלט מיט זיך לוציען, און אָפּגעטראָטען אויף צוריק.

צווישען די שיסערס איז ענטשטאַנען אַ גוואַלדיגע פּאַניק.

בראַכוויטש האָט דערשראָקענערהייד, אַ געשריי געטון צו סטעפּען זי זאָל ענטלויפֿען, און אַליין האָט ער זיך אַ קערעווע געטון, ווי גרייט צו טון דאָס נעמליכע.

מיכאַראָווסקי איז געשטאַנען אַ בלאַסער, אַ צאָרנדיגער, אָבער אַ רוהיגער.

אין דער לעצטער מינוט, ווען די יעגערס זענען פֿערגליווערט געוואָרען פֿאַר אימה, דערזעהענדיג דעם צעיושעטען ווילדען חזיר, וועלכער האָט זיך פּלוצלונג אַ וואָרף געטון אויף סטעפּען — איז וואַלדעמאַר צוגעשפּרונגען צו איהר בליץ-שנעל אַ ציה געטון זי הינטער דער סאָסנע און אַ האַסטיגען שפּרונג טוענדיג צום ווילדען חזיר, האָט ער מיט אַ ווילדען וואָרף פֿון האַנד אַריינגעהאַקט אין איהם זיין גרויסען יאַגד-מעסער אַזש ביז'ן סאַמע קליגקעל אין סאַמע האַרץ אַריין.

געטראָפֿען פֿון אַ שטערבליכען שטאָך האָט די ווילדע בריאה אַ קנאַל געטון צו דר'ערד, אויפֿ'ן גראָז, און שוואַרץ-בלוט האָט אַ שפּריץ געטון, פּראַלענדיג אין דער הויך, און דעם ווילדען חזיר'ס קערפּער האָט אַ שוידער געטון מיט אַ גסיסה-ציטער, און געבליבען אומבעוועגליך ליגען.

האַלטענדיג נאָך דעם פֿערבלוטיגטען מעסער, האָט זיך וואַלדעמאַר אַ וויש געטון ביים בלייכען נאַסען שטערען. די אויגען זענען געווען צאָרענדיג, און די ליפּען זענען געווען פֿערביסען.

ער האָט אַ קוק געטון אויפֿ'ן דער'הרג'עטען חזיר, און איז גיך אַוועק צו סטעפּען.

זי קומענדיג עטוואָס צו זיך, איז אַרויסגעגאַנגען מיט לוציען ענטקעגען איהם. זי איז געווען זעהר בלאַס, און אין די פֿערטרעהרטע אויגען האָבען זיך געטוקט פֿייערען.

וואַלדעמאַר האָט אַ וואָרף געטון דעם מעסער און אַ כאַפּ געטון איהרע הענד. ער האָט צו איהר געווענדט זיינע דערשראָקענע אויגען, און מיט אַ פֿערשטעקטען קול אַ פֿרעג געטון:

— איהר האָט זיך זעהר דערשראָקען? גאָט מיינער! ס'אַרא צופֿאַל!

זי האָט איהם הייס געדריקט די הענד.

— איך דאַנק אייך — איהר האָט מיר געראַטעוועט מיין לעבען, שטעלענדיג אייער לעבען אין סכּנה. איך וועל עס קיינמאָל נישט פֿערגעסען.

— איך האָב איבערגעלעבט אַ מורא'דיגען מאָמענט! לאָמיר איצט וועגען דעם נישט רעדען.

עֶרשט איצט זענען די יעגערס און די דאַמען צו זיך געקומען, און ניכ־טער געוואָרן נאָך דער שרעק, סכנה און פּרוואוניערונג. די דרייסטקייט פון וואַלדעמאַר'ן האָט אַלעמען איבערראַשט. דער ערשטער האָט זיך געכאַפּט בראָכ־וויטש — ער האָט זיך אָבער געפילט עטוואָס פאַרשעמט. אַלע זענען צוגעקומען צו דער טאָסנע גראַטולירענדיג סטעפּען, און בעגריסענדיג וואַלדעמאַר'ן מיט זיין דרייסטקייט.

מען האָט מיט פערוואונדערונג געדריקט זיין האַנד, קוקענדיג אויף איהם מיט פער'חידוש'טע אויגען. דערהויפּט די דאַמען האָבען נישט געקענט אָפּרייסען פון איהם און פון סטעפּען זייערע בליקען, קוקענדיג דאָ אויף איהם און דאָ אויף איהר. בראָכוויטש האָט זיך בעמיהט צו בערוהיגען די אַלץ־נאָך איבערגע־שראָקענע לוציע.

בעזונדערס וואַרים האָט בעגריסט וואַלדעמאַר'ן די גרעפין וויזענבערג.

וואַלדעמאַר האָט דאַנקבאַר אַ קוש געטון איהר האַנד.

ווען די זון איז שוין געוועזען אונטערגעגאַנגען — האָט זיך די קאָמפּאַניע יע־גערס צוריקגעקעהרט צום שלאָס, בעגריסט פון יאַגד־טראָמפּייטען און פון אַנ־אָרקעסטער.

בעת די יעגערס האָבען זיך איבערגעטון — האָט די וואַלד־וואַך אונטער דער אויפזיכט פונ'ם הויפּט־יעגער צוזאַמענגעלעגט די דערשאָסענע חיות אין אַ גרויסע קאַמער פונ'ם שלאָס־הויף.

דאָ זענען געווען צוזאַמענגעמישט פוקסען און האָזען און ציגענבעק מיט שענע גרויסע הערנער.

דער שטאָלץ איז געווען — די ווילדע הירשען, ווילדע חזירים און עטליכע וועלף אין מיטען.

סאַמע פאָרענט איז געשטאַנען געשיקט צוגעפּעסטיגט דער ווילדער חזיר וואָס וואַלדעמאַר האָט איהם דערשטאָכען. אויפ'ן האַלב אָפענעם פּיסק זענען נאָך איהם געהאָנגען פערטריקענטע שטיקער בלוט, די שאַרפע ווייסע שטאָך־ציינער זענען געווען — קען מען זאָגען — אַ טרויריגע איבערבלייבעניש פון דער געוועזע־נער דראָהענדער קראַפט. די פערגלייסטע אויגען האָבען איהם אַרויסגעסטאַר־טשעט, דערשראָקענע, פונקט די ווילדע חיה וואָלט זיך געוואונדערט, וואָס אַזוי נישט לאַנג נאָך האָט ער דערוועקט אַזאַ צומישעניש צווישען מענשען, אַז ער האָט עס אַרויסגערופען די סכנה, און איצט ליאַרמען זיי און טרומייטערען אי־בער איהם לויב־געזאַנגען צו זיך, און האָבענדיג הנאה אויף זיין טויט.

ביי די וועלף זענען געווען אַרויסגעשטעקט די ציינגער און אויסגעשטשי־רעט די ציינער, פונקט זיי וואָלטען געקריצט מיט זיי פאַר ווילדען כעס, הלמאי די חיות וואָס ליגען דאָ אַרום דערשאָסען אין אַזאַ גרויסער צאָהל, די חיות נאָך

וועלפט זיי האבען שטענדיג געלויערט – ריגגלען ארום זייערע דארע גופים אין א טריאומפאלישען קראנץ. „מיר זענען אומגעקומען, אבער פון אייך איז אויך גארניט געווארען".

ווען די דאמען זענען ארויס אויפ'ן הויף – האבען זיך עטליכע שיסער אין גרינע שפענצערס און אין לאנגע באטפארטען אפגערופען מיט א פרייליגע יאגד-פאנפארע.

עפיס ריטערליכעס איז אין זיי געווען.

די טראמפייטען, דערהויבען אין דער הויך, האבען הילכיג בעזונגען די געשיכטע פון דער היינטיגער אבלאווע, און גלייכצייטיג געקלונגען ווי א טרויער-מארש פאר דעם ביסעל אומגעקומענע וואלד-חיות.

די געסט זענען נעהנטער צוגעקומען און די פרויען האבען אנגעהויבען צו בעטראכטען די גרעסערע חיות און די ווייטער-ליגענדיגע קרענץ פון פויגלען.

זיי האבען געפיעשטשעט די קליינע קעפלעך פון די הירשען און פון די דערשאסענע קוראפאטוועס.

די מאנסביל האבען זיך דערצעהלט די פרטים פון יעדער איינער דערהרג'עטער חיה, און דערביי האט העכער פון אלע געשריגען און „געבאקט" ליגענס טרעסטקא ארויסראטעוועדיג מיט דעם בראכוויטש'ן, מחמת דער לעצטער האט נאך אלץ נישט געקאנט צו זיך קומען נאכ'ן פארפאל מיט'ן ווילדען חזיר, פיהלענדיג, אז ער האט געשפילט אין איהם א שלים מזל'דיגע ראלע.

עס האבען זיך אנגעהויבען אמפערנישען וועגען דעם, ווער האט צום מעהרסטען דער'הרג'עט חיות, און עס האט זיך ארויסגעוויזען, אז – בראכוויטש האט אין דעם פאל געהאט די בכורה.

וואלדעמאר האט איהם ערקלערט אלס יאגד-מלך, אבער טרעסטקא איז דעריבער בייז געווארען, און האט פערביסען געזאגט:

– איהר וואלט נישט געהאט דעם ערפאלג, ווען מיכאראווסקי וואלט געשאסען ווי ס'געהער צו זיין. ער האט אבער מהנה געווען מיט'ן שיסען זיינע געסט, און זיי איבערגעגעבען די בעסטע פאסטענס. אין דעם ליגט דער סוד פון אייער גליקליכען ערפאלג: מיכאראווסקי האט אייך איבערגעגעבען דעם מלכות-טיטול.

– פארוואס זשע האט איהר זיך וועגען דעם נישט געסטארעט? – האט בראכוויטש א פרעג געטון – איהר זענט דאך פונקט אזא גאסט, ווי איך.

טרעסטקא האט אוועקגעמאכט מיט דער האנד, ווי זאגענדיג:

– יעדער גליק איז נישט פאר מיר געדאכט!

סטעפעס הענד האט מען איינגעטונקען אינ'ם בלוט פונ'ם ווילדען חזיר. און איהר, און וואלדעמאר'ן האט מען אויסגערופען פאר די העלדען פון טאג.

די גרעפין מעלאַניאַ צוזאַמען מיט איהר פּאָטער האָבען מיט גרויס מיה און מאַטערניש געקענט הערשען איבער זיך, כדי ניט צו צעפּלאַצען מיט אַ שטראָם פון כעס'דיגע בייזע רייד.

פון די דאַמען — איז די זיגערין געווען די פריילין ריטאַ.

וואַלדעמאר האָט גענומען איינע פון די קוראַפּאַטוועס, וואָס זי האָט גע- האַט דערשאָסען, און ביים פרעהליכען וויצלען זיך פון די אַרומיגע האָט ער אויסגעשמירט מיט בלוט איהרע הענד, אַלס טריומפירענדע.

— וויוואַט! וויוואַט! — האָט ער אויסגערופען.

די יונגע פריילין איז געווען צופרידען אפילו פון דעם ערפאָלג.

טרעסטקאַ אָבער האָט זיך געצופּט ביי די וואָנסעס.

(ס ו ף)